STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06062

# ZIKHROYNES UN IBERLEBENISHN

Angelica Balabanoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנדזשעליקא באַלאבאנאוו

# זכרונות
# און איבערלעבענישן

פון דייטש: י. ראפאַפּארט

פ אַ ר ל אַ ג ח. ב ז ש אָ ז א
ו א ר ש ע / 1929

PRINTED IN POLAND

Augelica BAŁABANOW
WSPOMNIENIA

Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa 1929

DRUK B-CI LEWIN-EPSTEIN I S-KI — WARASZAWA, GĘSIA 1

# ווי אַזוי פון אַ רוסיש-יידישן פּריווילעגירטן מיידל איז אויסגעוואַקסן אַן איטאַליענישער סאָציאַליסט

איבער אַ שמאָל שטעגעלע פון אַ ריזיקן שאָטנדיקן גאָרטן, וואָס איז אַרומגעצוימט פון ביידע זייטן מיט קוסטעס פון רויטע, ווייסע און שוואַרצע ווייַנבערלעך, לויפט אַ פינפיאָריק מיידעלע, אָנגעקלאָמערט אין אַ פּאַרטוך פון אַ אַלטער געהויקערטער פרוי אין אַ שוואַרצן גלאַנציק-פּאַרסמאַלעטן קלייד און אין אַ שוואַרצן וואָלענעם טיכל אויפן קאָפּ, פון אונטער וועלכן עס זעט זיך אַרויס אַ שייטל און פון אונטערן שייטל אַ שטיקל פון אויס-בעגאָלטן קאָפּ, עטלעכע גראָע האָר-וואָרצלען.

מיטאַמאָל בלייבט דאָס מיידעלע שטיין, רעדט עפּעס צו דער זקנה, שטעלט זיך אויף די קני, גיט איר איבער עפּעס אַ געגנשטאַנד, קושט איר די האַנט און לויפט שנעל אַוועק.

---

דאָס מיידעלע בין איך, און די אַלטע, פאַר וועלכער כ'האָב זיך געשטעלט אויף די קני, איז אונזערע אַן איינגייער-קע — די אָרעמע העניע. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַנהויב פון די אַכציקער יאָרן אויף אַ זומערווױנונג אין טשערניגאָווער גובערניע.

איך בין געווען דאָס זעכצנטע קינד פון זייער אַ רייכער פאַמיליע. מיין מוטער, הגם זייער און זייער אַ קלוגע, וואָס האָט

פאַרמאָגט אַ פעאיקייט צו דערקענען מענטשן און איז בכלל באַשאָנקען געווען מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, איז איינער־לעך געווען אַ שרעקלעך נישט דיסציפּלינירטער, נישט אינטעליגענטער מענטש. הגם זי האָט דערלעבט ביז 87 יאָר, איז איר פונדעסטוועגן קיין איינציק מאָל נישט געקומען אויפן גע־דאַנק, אַז אין דער וועלט קענען זיין מענטשן, וואָס אונטער־שיידן זיך פון איר, און אַז אויך זיי האָבן אַ רעכט צו עק־זיסטירן. גרייט אויף אַלערליי קרבנות פאַר אירע קינדער און באַזונדערס פאַר מיר, האָט זי זיך קיינמאָל נישט פאַר־טראַכט — כ׳וואָלט זאָגן, זיך נישט געוואָלט פאַרטראַכטן — וועגן דעם, אַז אויך קינדער האָבן אַ רעכט צו אַנטוויקלען זייער אינדיווידואַליטעט. אין איר באַציאונג צו זיי, און בכלל אין איר גאַנצער האַלטונג האָבן זיך בולט אָפּגעשפּיגלט די סאָציאַל־היסטאָרישע באַדינגונגען פון דעמאָלטיקער צייט און אירע אייגענע באַדינגונגען: אַ רייכע פּריצטע, האָט זי ביי די דעמאָלטיקע פּאַטריאַרכאַלע באַדינגונגען לחלוטין זיך נישט צו־געפּאַסט צו דער אויסערלעכער וועלט. אַלץ האָט זיך אונטער־געגעבן איר ווילן. זי האָט געהערשט איבער די צושטעלער פון די לעבנס־פּראָדוקטן, וואָס לעגן קומען צו איר פון שטאָט מיט שווערע קוישן און וואָס פלעגן שעהנווייז אָפּוואַרטן אין „דינערצימער״; איבער די לערערס, דערציערס, גוווערנאַנטקעס און גוווערניאָרן פון אירע קינדער, — זי האָט געהערשט ביד רמה איבער דער דינערשאַפט, זי האָט געהערשט איבער איר מאַן אַ דאַנק איר שכל און דעם הערשערישן כאַראַקטער. די גאַנצע וועלט איז אין אירע אויגן אַזוי וויט באַגרעניצט געווען מיט די אינטערעסן פון איר משפחה, פון אירע קינדער, אַז אויך די קאָסמישע וועלט איז איר פאָרגעקומען ווי אַ צו־גאָב צו איר גופא: זי האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויפן זייגער און געפאָדערט — דער עיקר פון דער דינערשאַפט — אַז אַלץ זאָל זיין גרייט צום מאָמענט פון איר דערוואַכן — אויפשטיי־ענדיק פיר אַ זייגער, פלעגט פאָדערן דיזעלבע אָרדנונג ווי ווען זי זאָל אויפשטיין 7, 8, 9.

איינערלעך האָט זיך איר וועלט באַגרעניצט מיט דעם, גוט איינצואָרדענען די קינדער, פאַרזאָרגן זיי, און באַזונדערס מיך,

אַ זעכצנטע, וועלכע מען האָט אָנגערופן אַלס סימן פון פרייד צוליבן געבורט פון אַ מיידל (פון ניין לעבנגעבליבענע, זענען זעקס געווען ייִנגלעך, און די טעכטער זענען שוין געווען אויסגעגעבענע, ווען איך בין געבוירן געוואָרן) — פריידע — אַנדזשעליקאַ... די מוטער פלעגט אָפט דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי זי און דער פאָטער, צוגעווינט דערצו, אַז די קינדער זאָלן געבוירן ווערן און שטאַרבן קליינערהייד, זענען אַריינגעפאַלן אין אַ אומבאַשרייבלעכן שרעק, ווען אין עלטער פון 4 וואָכן איז זייער פריידע-אַנדזשעליקאַ פאַרטשאַדעט געוואָרן, און זיי האָט געדראָט אַ סכנה צו פאַרלירן זי — צו קיינעם נישט, לויט אירע ווערטער, האָט זי נישט געשפּירט אַזעלכע טיפע געפילן. און הגם מיין מוטער פלעגט צום דאָזיקן עפּיזאָד תמיד צוגעבן איר אויסדרוק פון באַדויערן, וואָס גאָט האָט זיי דאַן נישט אויסגעלייזט פון אויסוואורף — דער נישט-געהאָרכזאַמער טאָכטער, האָב איך פונדעסטוועגן שוין געפילט קינדוויין, אַז זיי האָבן מיך ליב געהאַט אפילו מער פאַר די איבעריקע קינדער. כ׳האָב זיך דאָס שפּעטער אַזוי דערקלערט: דאָס איז געווען נישט אַזוי דערפאַר, וואָס איך בין געווען אַ „מיזשינקע", ווי צוליב דעם, ווייל זי האָט פאָראויסגעזען, אַז איך וועל אין לעבן גיין מיט מיין אייגענעם וועג, אַז איך וועל זיך קיין זאַך און קיינעם נישט אונטערוואַרפן. פאָראויסזעענדיק, אַז איך וועל נישט לייגן קיין אַכט אויף עולם-הזה, האָט זי געוואָלט פאַרהיטן מיין געזונט, מיין קערפּער פון די קוועלערייען, וואָס ד.אָבן געוואַרט אויף אים, זי האָט זיך באַמיט מיך בעסער צו דערנערן, אונטעררוקן די בעסטע מאכלים.

כ׳געדענק איר שרעק, ווען איך האָב איר דערקלערט — איך בין אַלט געווען 14—15 יאָר, — אַז איך וועל נישט חתונה האָבן דורך אַ שדכן, און כ׳וועל בכלל נישט חתונה האָבן.

— „פאַרוואָס, האָט זי געזאָגט, עמיץ קען דיר דאָך געפעלן ווערן, דו קענסט זיך דאָך פאַרליבן.

— געוויס, אָבער אויף צו לעבן מיטן געליבטן מענטשן דאַרף איך זיך נישט פאַרבינדן מיט אים דורך צערעמאָניעס און אַ געזעץ. און חוצדעם, פאַרוואָס דאַרף איך גראָד אויס-

ווילן אַ מענטשן מיט מיטלען און בילדונג? צי דען וואָלט איר מסכים געווען, למשל, איך זאָל חתונה האָבן מיט אַ קוימענקערער?

— מיט אַ קוימענקערער, — האָט זי איבערגעחזרט מיט שרעק און גענומען אויסרעכענען, וואָס איר האָט אָפּגעקאָסט מיין בילדונג, און בלויז דער געדאַנק, אַז איך קען זיך באַגיין אָן אַ געזעצלעכער חתונה, האָט אַרויסגערופן ביי איר אַ שטראָם זידלערייען און קללות, וואָס ענלעכע האָב איך מער אין מיין גאַנצן לעבן נישט געהערט.

הגם די מוטער האָט מיך אפילו ליב געהאַט מיט אַ טיפער מוטערלעכער און מענטשלעכער ליבע, — איז זי אָבער אין דער ווירקלעכקייט געוואָרן מיין שרעקלעכסטער שונא. קיינער האָט אַזוי נישט געפייניקט מיין נשמה, מיינע נערוון, קיינער האָט נישט באַשאָטן מיט אַזוי פיל דערנער דעם וועג, וואָס האָט מיך געפירט צום באַוווסטזיניקן לעבן, צום סאָציאַליזם, ווי זי. שוין אַלס קינד האָב איך פאַרשטאַנען די צעצווייאונג צווישן איר ליבע צו מיר און דעם פאַרלאַנג אויסצושניידן מיין לעבן לויט איר פאַסאָן — און זי איז שוין אַלט געווען אַרום 50 יאָר, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. דער קאַמף מיט איר איז געווען אַ דויערהאַפטער, אַ פיינלעכער, און אָפט, ווען מען פלעגט מיך שפעטער האַלטן פאַר אַ פעאיקן מענטשן אָדער מ׳פלעגט מיר מקנא זיין, וואָס מיר איז באַשערט געווען אויפצוטאָן אין לעבן, פלעג איך מיט פאַרביטערטקייט טראַכטן וועגן דעם פּרוכטלאָזן, אומנויטיקן קאַמף, וואָס האָט מיר געקאָסט די בעסטע יאָרן פון מיין קינדהייט און יוגנט — וואָרום ווען איך וואָלט יענע כחות, יענע צייט אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפט, דעם באַוווסטזיניקן לעבן, סאַראַ סך מער איך וואָלט געקענט אויפטאָן!

מיין מוטערס דעספּאָטישע באַציאונג צו דער דינערשאַפט האָט געדינט אַלס ערשטע סיבה צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אונז, דידאָזיקע סיבה האָט מיך אויך געצוווּנגען צו שטעלן זיך, אָן קווענקלעניש, אויף דער זייט פון די באַליידיקטע, דורך דעם לעבן פאַרטיילטע, און דאָס אין אַ סביבה און אין אַ עלטער, אין וועלכע איך האָב נישט געקענט האָבן קיין שום באַרירונג מיט דער באַוווסטזיניקער וועלט, מיט דער נויט און מיט דער קנעכטשאַפט און נאָך ווינציקער, פאַרשטייט זיך, מיטן

סאָציאַליזם. איך בין געווען אַ פאַרשנדיק קינד, וואָס האָט געוואָלט דערגיין די „סיבה פון די סבות", האָב איך פון דער מוטערס באַציאונג צו דער דינערשאַפט שוין גאַנץ פרי זיך דערגראָבן צו די סבות פון אייניקע דערשיינונגען און אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך פיינט האָבן דאָס רייכטום און די רייכע.

צוליב מיין מוטערס אומפעאיקייט זיך צו רעכענען מיט דער אינדיווידואַליטעט פון די קינדער האָב איך קיין קינדהייט נישט געהאַט — נישט קיין שפּילצייג, נישט קיין פריינט. מיין מוטער האָט באַטראַכט אַלס נידעריקער פון איר חשיבות מיך אָפּצוגעבן אין אַ גימנאַזיע — צוליב דער מורא פאַר מיין קאָנטאַקט מיטן „פּאָלק" — און צוליב דערזעלבער סיבה האָט זי געהאַלטן פאַר איבעריק צו לערנען מיך רוסיש, און נאָך ווינציקער, פאַרשטייט זיך, יידיש. מיין דערציאונג און אויסבילדונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אויסלענדישע באָנעס און גוווערנאַנטקעס, וועלכע מיין מוטער פלעגט, אַדאַנק איר שכל און דעספּאָטישן כאַראַקטער, אָפט בייטן. נישט געקוקט אויף מיין איינזאַמקייט און דער פעאיקייט זיך צוצובינדן, האָבן זיך צווישן מיר און קיין איינער פון די דאָזיקע ערציערינס נישט איינגעשטעלט קיין גוטע האַרציקע באַציאונגען — ווייזט אויס, אַז מיך האָט אינסטינקטיוו אָפּגעשטויסן זייער לחלוטינדיקע אומפאַרשטענדעניש פאַר מיינע גייסטיקע אינטערעסן, זייערע קליינלעכע ליגנס און קאָנווענציאָנעלקייט, זייער בוקן זיך פאַר די רייכע, דער מאַנגל אין אינטעליגענץ, דער מאַנגל אין ריינקייט אין צוגאַנג צום אייגענעם און צום צווייטנס לעבן. דאָס אַלץ האָט געשאַפן צווישן מיר און זיי אַזאַ תהום, אַז נישט געקוקט אויף דער אָנגעשטרענגטקייט פון מיינע באַציאונגען צו דער מוטער, פלעג איך אַמאָל אַנטלויפן שלאָפן צו איר. דאָס איז נישט געווען קיין „קאָמפּראָמיס", נישט קיין „וואָפנשטילשטאַנד", נאָר מיר איז פשוט ליבער געווען אַ קלוגער און געליבטער מענטש.

איך האָב זייער פרי פאַרשטאַנען צוליב וואָס פאַראַ סאָציאַלער גאווה מיין מוטער האָט מיך נישט געוואָלט אָפּגעבן אין גימנאַזיע (זי האָט געהאַלטן פאַר נישט געווונטשן איך זאָל קו-

מען אין באַרירונג מיט די ברידער, וועלכע האָבן באַזוכט די גימנאַזיע און וועלכע קענען מיך אָנשטעקן מיט נישט קיין גוטע מאַניערן, מיט וועלכע זי פון זייער זייט האָבן זיך גע־מוזט אָנשטעקן, לויט איר מיינונג, אין גימנאַזיע) און מיך לערנען רוסיש. איך האָב באַשלאָסן אַליין זיך אויסלערנען די־דאָזיקע שפּראַך, כ׳האָב אויסגעבעטן ביים ברודער אַן אלף־בית, זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן בעט און... אין גאַר אַ קורצער צייט, טאַקע דאָ אונטערן בעט, געלייענט אננאַ קאַרעניננאַ.

מיין דערנענטערונג צו יידיש האָט נאָך בולטער געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָטעסט, פון אַ נייגונג צו אַלדאָס פאָלקסטימלעכע, פּראָלעטאַרישע. די אַריינבערענגער און בעלי־מלאכות, די אָרעמעלייט, אַ טייל דינערשאַפט, ד. ה. די איינ־ציקע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג, זענען געווען יידן. די מוטער האָט גערעדט מיט זיי יידיש. עס קומט צו גיין אַ באַאָרטע יידענע מיט צוויי שווערע קוישן: געגנז, קאַטשקעס, הינער, הונדערטער אייער און ענלעכעס — וואַרט שעהנווייז, ביז מיין מוטער „וועט האָבן צייט״; יעדעס מאָל ווען מיין מוטער גייט פאַרביי, שפּרינגט זי אויף, זיפצט טיף אָפּ און זעצט זיך ווידער און זיצט שעהנווייז.

אין מיר זידט פון כעס: פאַרוואָס באַפרייט זי נישט מיין מוטער תיכף פון דער שווערער משא, פון דער זאָרג, צי מען וועט ביי זי קויפן אָדער נישט קויפן די סחורה... און ווער האָט עס געגעבן דער מוטער דאָס רעכט צו שאַפן איבערן גורל פון דידאָזיקע מענטשן, איבערן גורל פון זייערע הונגעריקע קינדער, וועלכע וואַרטן מיט אומרו זייער מוטער זאָל צוריקקומען מיטן פאַרדינסט? און ווער האָט אַ נוצן דערפון, וואָס מיין מוטער לויפט אַרום אהין און צוריק איבערן גרויסן הויז — עס פאַרמאָגט 22 צימערן — זיך טשעפּענדיק צו דער דינער־שאַפט דערפאַר, וואָס נישט אַלץ איז אין אָרדנונג — וואָלט זי בעסער אָפּגעלאָזט די וואַרטנדיקע אַלטע אַהיים. איך גיי צו איר, דערמאַן איר וועגן זיי און כ׳לויף אַלץ אָפּטער און אָפּ־טער צו זיי, מיר ווילט זיך עפּעס צו זיי דערנענטערן זיי באַמיען זיך צו רעדן מיט מיר, מיט דעם „פריילן״, אויף רוי־

סיש, און מיר ווילט זיך פֿאַרניכטן, לכל הפחות, דידאָזיקע גרעניץ, וואָס טיילט אָפּ דעם „פשוטן עולם" פֿונם פרייַלן, און כ'הויב אָן רעדן מיט זיי אויף יידיש, דערבײַ ליגט נאָך אין דעם נאָך אַ כּוונה – ס'ווילט זיך טאָן עפּעס דער מוטער אויף צו להכעיס דערפֿאַר, וואָס זי באַגייט זיך אַזוי מיט די אָרעמע מענטשן, וועלכע זענען אָפּהענגיק פֿון איר און איך ווייס, אַז איר איז נישט אָנגענעם איך זאָל רעדן רוסיש אָדער יידיש: עס האָט טאַקע געלוינט צו צאָלן געלט די גוווערנאַנטקעס, זיי אויסשרייבן פֿון אויסלאַנד, כּדי די טאָכטער זאָל נישט זיין אַזאַ ווי די אַנדערע און מיטאַמאָל רעדט זי אויף דיזעלבע שפּראַכן ווי דער פשוטער המון. ענדלעך רופֿט מיך די מוטער צו „באַרעכענען" זיך מיט די צושטעלערס – הגם זי ווייס גאַנץ גוט די פּרייזן, פֿונדעסטוועגן פֿרעגט זי, דינגט זיך, און איך ציטער פֿון אויפֿרעגונג ביי יעדן פּרווו זיך „דינגען", עס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס צו דער „לעגאַלער" רעכנונג, צו דעם, וואָס עס קאָסטן די „סחורות", בין איך מוסיף אַ „נישט לעגאַלע" סומע. מיין מוטער כאַפּט זיך, רופֿט אַ ברודער, איינעם, אַ צווייטן, אַלץ אַ עלטערן, כּדי יעדער איינער זאָל „קאָנטראָלירן" די רעכענונג. טריאומפֿירנדיק כאַפּט זי מיך ביי דער „פֿעלשונג", אָבער איך פֿיל, אַז גראָד דערפֿאַר איז זי נישט אין כעס אויף מיר, אדרבה, זי שטאָלצירט, זעט אויס, פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר די צושטעלערקעס מיט דעם, וואָס זי האָט אַ „גוטן מיזשינעק" און הגם זי מאַכט מיר פֿאָרווורפֿן דערפֿאַר, וואָס איך רואינירן זי, און זי זאָגט פֿאָראויס, אַז צוליב דעם וועל איך זיין אַ שלעפּערקע, אָבער אויף מאָרגן רופֿט זי מיך ווידער זיך באַרעכענען מיט דער וועשין אָדער מיטן סטרוזש, מיטן גערטנער אָדער דער קעכין. שפּעטער פֿלעג איך זיך אַמאָל שטעלן די פֿראַגע, וויאַזוי ביים דאָזיקן אמת־ליבנדיקן קינד — דאָס פֿאַנאַטישע זוכן און אַרויסזאָגן דעם אמת, אַ טיפֿן עקל־געפֿיל צו יעדן אַרט ליגן זענען געבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן דער הויפּט־שטריך פֿון מיין גייסטיקן וועזן — האָט זיך אַנטוויקלט די פֿעאיקייט אַזוי סיסטעמאַטיש און לייכט צו מאַכן די „פֿעלשונגען"? איך רעכן, אַז דאָס איז אַרויסגעפֿלאָסן פֿון באַוווסטזיין, אַז איך גיב אָפּ אַ טייל פֿון אָפּגע-

נומענעם, אַז איך שטעל זיך אַקעגן אַ גרויסער עיקרדיקער אומגערעכטיקייט, און פון באַוווסטזיין, אַז אין תוך גענומען ווייס די מוטער, אַז איך טו דאָס...

נישט ווינציקער ווי די באַציאונג צו די צושטעלערקעס האָט מיך שטאַרק באַשעפטיקט די פראַגע וועגן אָפּגעבן אונזערע סעדער און גערטנער אין אַרענדע די „קאַצאַפּעס". ווען זיי פלעגן אין פרילינג קומען זיך צוזאַמענרעדן, פלעג איך מיט טרערן בעטן די מוטער מיט די ברידער (דער פאָטער איז געשטאָרבן ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליינינקע) נאָכגעבן, און ווען זיי פלעגן — אין עטלעכע וואָכן אַרום — יעדעס יאָר דערקלערן, אַז זיי קענען נישט צאָלן, אַז די אומגערעטיש אָדער דער שטורעם, די טריקעניש אָדער די צו גרויסע רעגנס האָבן צוגערויבט ביי זיי יעדן פאַרדינסט, פלעג איך מיט אומבאַשרייבלעכער אויפרעגונג זיך בעטן מ'זאָל איינגיין אויף אַ ל ע ר ל יי הנחות.

* *

*

הגם אויף מיין קינדהייט און אויף מיין יוגנט האָט זיך געלייגט דער שווערער שאָטן פון דער סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, פון אַבסאָלוטער איינזאַמקייט, פון מיין מוטערס פרווון צו מאַכן פון מיר איבערגעוואַלט אַ „לייכטזיניק מיידל", הגם די קאָנווענאַנסן און די געקינסטלטקייט, וועלכע זי און מיינע גוווערנאַנטקעס האָבן זיך באַמיט איינוואָרצלען אין מיר, האָבן אַרויסגערופן אין מיר אַ טיפע אויפגעבראַכטקייט, הגם קיינער און קיין זאַך האָט נישט באַפרידיקט מיין דאָרשט צו וויסן, — די „סיבה פון די סיבות" האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן אויף אַ טריט נישט אין אַלע מיינע איבערלעבונגען; און מיין דראַנג צו פרייהייט, מיין פערזענלעכער חשיבות-געפיל פלעגן באַליידיקט ווערן אויפן גראָבסטן אופן, — פלעג איך פונדעסטוועגן האָבן מאָמענטן פון גליק, אפילו פון אַ נאָכזיכטיק-צאַרטער באַציאונג צו דער מוטער.

---

הגם איך האָב שוין אין דער קינדהייט פיינט געהאַט פילאַנטראָפּיע אין מיין נשמה האָט געבענקט נאָך אַבסאָלוטער

גלייכהייט, פונדעסטוועגן פלעג איך אָנטאַפּן אין מיין מוטער א געוויסע אַרט גוטסקייט, אַ מענטשלעכע באַציאונג צו די אָרימע. שוין פאַר דעם אַליין האָב איך זי געאַכט, וואָס זי פלעגט זיך אָנטאָן זייער באַשיידן, און פלעגט זיך באַציען מיט גרינגשעצונג צו יענע יידישע פרויען, וואָס פלעגן ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט דורך פוצן אָדער בריליאַנטן. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פלעגט זי זיך נישט שעמען מיט אַרבעט און אַרבעטנדיקע מענטשן, און הגם זי האָט זיי עקספּלואַטירט און גראָב באַהאַנדלט — זענען זיי דאָך געווען פאַר איר הגם סאָציאַל אומגלייכע, אָבער פונדעסטוועגן מענטשן. אויך איר ווילטעטיקייט האָט זיך אונטערשיידט פון דער געוויינלעכער — זי האָט געגעבן נדבות אָרימע נישט נאָר דערפאַר, כּדי צו האָבן אַ גוטן נאָמען אויף דער און יענער וועלט, נאָר דאָס פאַרלייכטערן ליידן אַליין האָט איר פאַרשאַפט אַ באַפרידיקונג.

— — — — — — — — — — — —

מען שפּאַנט איין די פערד. אין וואָגן שפּאַנט מען איין אַ שקאַפּע, און אויפן וואָגן לייגט מען אָן גאַנצענע בערג קליידער, קאָסטיומען, וועש — מענערשע און ווייבערישע. גלייכצייטיק שפּאַנט מען איין אין אַ פאַעטאָן „אַ פּאָר גניאַדע". דאָס אַלץ פאָרט אין „הקדש" אַריין. איך שטיי ביים פענסטער מיט טרערן אין די אויגן: וועט מיך די מוטער נעמען מיט זיך אָדער נישט? דער שטאָלץ, וואָס איז פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דער מוטערס דעספּאָטישן כאַראַקטער, האָט מיך שוין פון דער סאַמע פריסטער קינדהייט געשטערט איר צו בעטן וועגן וואָס-נישט-איז. וועסט בעטן — וועט זי דערלויבן, און דערנאָך וואַרפט זי פאַר: דאָס האָט אָפּגענומען ביי מיר דעם חשק צו בעטן וועגן וואָס-נישט-איז. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאָרן אין שטאָט אַריין, אין הקדש, פלעג איך — אפשר דערפאַר, ווייל איך פלעג פילן, אַז זי אַליין וויל דאָס אינערלעך — זי נאָכלויפן ווי אַ הונט. „מאַמע, איר וועט מיך מיטנעמען? מאַמע, נעמט מיך מיט, איך בעט דאָך אייך קיינמאָל נישט וועגן גאָרנישט און כ'וועל נישט בעטן — מאַמע נעמט מיך, כ'בעט אייך", — כ'קוש איר די הענט, דעם זוים פון איר קלייד.

מיר זעצן זיך אין פאַעטאָן און פאָרן נאָכן אָנגעלאָ־דענעם וואָגן אין טאָל פון אומגליק, טרויער, טרערן, באַליידי־קונג, וועלכן דער הקדש האָט דאַן פאַרגעשטעלט מיט זיך. ווען מיין מוטער וואָלט געהאַט דעם מינדסטן אינסטינקט פון פע־דאַגאָגישער באַציאונג צו קינדער, די מינדסטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם, וואָס אַזוינס עס איז אַ קינדישע נשמה, — וואָלט זי מיך קיין איינמאָל נישט מיטגענומען אַהין. דאָס, וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעזען צווישן די מיט אַלערליי צרות געפּלאָגטע בעלי־מומים, עפּילעפּטיקער, טויב־שטומע אידיאָטן, צווישן די זקנים און זקנות, וואָס האָבן געציטערט פון קעלט, פון קדחת, פון אַלערליי קראַנקהייטן, פון די „נדבות", וואָס דערוואַרטן זיי, מיט וואָסערע אויגן זיי האָבן געקוקט אויף אונז, מיט וואָסערע ליפּן זיי האָבן געמורמלט זייער דאַנק און זייערע ברכות — קיין זאַך איז דאָס נישט בכוח אויסצומעקן פון מיין זכרון. פאַר דידאַזיקע באַרירונגס־מאָמענטן מיטן מענטשלעכן עלנט, פאַר דער מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן, צו מונטערן די פאַר־טיילטע, די פאַרוואָרפענע, די פאַרשפּיגענע, די קראַנקע, די שמוציקע — בין איך איר נאָך אויך היינט דאַנקבאַר און פאַר דידאַזיקע מאָמענטן בין איך איר מוחל געווען די יאָרן פון ליידן, וועלכע זי האָט מיר פאַרשאַפט, די צעקאַלעטשעטע נשמה, די שווערע קאָנפליקטן, פאַר וועלכע עס איז נאָך אויסגעקומען צו באַצאָלן אין יאָרצענטליקער נאָך דעם, ווי איך האָב פאַר־לאָזן סיי די מוטער, סיי דאָס היימישע הויז.

— — — — — — — — — — — —

אין זעלבן פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך אין גאָרטן געשטעלט אויף די קני פאַר דער איינגייערקע — דער אָרימער העניע — האָט מיר די מוטער פאַרשאַפט אַ רגע גליק. צו־רופנדיק מיך, האָט זי מיר געגעבן אַ זיידן קאָפּ־טיכל פאַר העניען. געוויס, זי האָט דערביי געהאַט אַ מאַטעריעלע אויס־רעכענונג, וועלכע איז מיר געווען קלאָר: זי האָט געוואָלט אַז די מצוה, וואָס איז דער שכר פון שענקנדיקן, זאָל גיין פאַר איר „מיזשינקע", אָבער מיך האָט אויסגעפילט בלויז איין געפיל פון גליקזעליקייט: פאַרשאַפן פאַרגעניגן יענער העניע, וועלכע איז פאַר מיר געווען אַ סימבאָל פון אָרימקייט, פאַרוואָרלאָזטקייט,

פאַרטײלטקײט. זי האָט געהאַט אַן עקלהאַפטע געוווינהייט: זי האָט גערייניקט די ציין, אָדער די רעשטלעך פון די ציין, מיט שמעק־טאַבאַק און ענלעכעס, אָבער גראָד דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אַן אויסזען און געוווינהייטן, וואָס האָבן געצוווּנגען אַנדערע זי אויסצומיידן, זיך מיאוסן מיט איר, — האָט מיך צוגעצויגן צו איר. אין מיר האָט שוין דעמאָלט געווירקט דער פאַרלאַנג אויסצוקויפן דורך וועלכע־נישט־איז ליידן די אומגערעכטיקייט פון מיינע פּריווילעגיעס. און דעריבער האָב איך אויך אין יענעם פרימאָרגן נישט גלייך איר אָפּגעגעבן דאָס טיכל, נאָר אַוועקשלעפנדיק זי מיט זיך אין גאָרטן — ווייט פון דער רוישיקער וועלט — אויף די קני איר געבעטן דערפילן מיין בקשה, און ווען זי איז מסכים געווען האָב איך אַ קוש געטאָן איר שוואַרצע, מיט טאַבאַק דורכגענומענע האַנט. ריכטיק ווי איך וואָלט וועלן פאַרגלעטן פאַר איר די שולד, די אומגלייכקייט צווישן דעם, וואָס גיט און דעם, וואָס נעמט. און כדי זי צו דאַנקען דערפאַר, וואָס זי דערלויבט מיר צו „געבן", האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן פאַר איר אויף די קני.

— — — — — — — — — — — — — — —

אָט דערדאָזיקער דראַנג אויסצוקויפן, אויסצוואָרצלען די שווידערלעכע אומגלייכקייט, וואָס צעטיילט די וועלט אויף פאַרמעגלעכע און אומפאַרמעגלעכע, — גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך מיין גאַנצן לעבן; ער האָט מיך אַריינגעשטויסן אין די רייען פון איטאַליענישן סאָציאַליזם, אין וועלכן איך קעמף נאָך אויך היינט, און מיט אַ באַזונדער שטאָלץ און ליידנשאַפטלעכקייט זינט דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט איז באַזיגט געוואָרן דורכן פאַשיזם, זיינע רייען זענען שיטער געוואָרן, און די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, — אויף וועלכער די פאַשיסטן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט, ווייל זיי זעען אין איר, און נישט אָן אַ גרונט, דעם מקור פון רעוואָלוציאָנערע אידייען און זענען זיך אין איר נוקם דערפאַר, וואָס זי האָט בשעתו געשטעלט צום שאַנדסלופּ מוסאָליני, — איז געוואָרן דער ציל פאַר די פיילן פון פאַשיזם און פון מאָסקווער קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל...

ווען איך האָב זיך ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן קאַמף, אַרויס־

געריסן אויף דער פריי און בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, האָב איך זיך, נאַטירלעך, נאָך נישט געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט אָנצורופן זיך סאָציאַליסטקע. איך האָב געוווּסט, אַז בלויז נעגאַטיווע געפילן צו דער סביבה, אַז די בלויזע סאָלידאַריטעט צו די פאַרטיילטע איז נישט גענוג, אַז נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער, קריטיש-וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צו סאָציאַלע פראַגעס גיט דעם מענטשן אַ וועלטאָנשויאונג, די מעגלעכקייט זי צו באַשיצן. אין אויסלאַנד, צוערשט אין בעלגיע, און דערנאָך אין דייטשלאַנד, שווייצאַריע און רוים, האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן שטודיום, כ'האָב באַזוכט לעקציעס, אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען. שוין זייענדיק אַ מאַטעריאַליסט און אַ מאַרקסיסט, האָב איך זיך באַמיט צו באַקענען מיט אַנדערע שטרעמונגען — אין די אוניווערזיטעטן, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — און ערשט נאָך עטלעכע יאָר „אויספּרוּווּנגען" האָב איך זיך געהאַלטן פאַר פולבאַרעכטיקט אַריינצוטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — דאָס איז געווען אין 1900 אין רוים, ווו איך האָב געהאַט אַ קאָלאָסאַלע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע פּריווילעגיע צו זיין אַ שילערין פון פּראָפ. אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ, אַ מענטש מיט אַ ריזיקן שכל, טיפע אַלזייטיקע קענטענישן, וואָס איז געקומען צו דעם מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דער געשיכטע, צום מאַרקסיזם דורך אַ זעלבשטענדיקער פילאָזאָפישער דיסציפּלין.

מיט זיין טויט איז געשטאָרבן איינער פון די געבילדעטסטע, גענייאַלע מאַרקסיסטן פון היינטיקער צייט; פאַרגלייכן האָט מען אים נאָר געקענט מיט מאַרקסן, ענגעלסן און, אפשר, אויך מיט ג. וו. פּלעכאַנאָוון. איך בין אַריינגעטראָטן אין דער איטאַליענישער און נישט אין קיין אַנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נישט דערפאַר, וואָס דער גייסט פון איטאַליענישן פאָלק איז מיר געווען נעענטער און טייערער — פאַרקערט, ער איז געוואָרן אַזאַ פאַר מיר דערפאַר, ווייל דאָס איטאַליענישע פאָלק איז געווען שטאַרק פאַרשטויסן, עס האָט געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ סיי די בורזשואַזיע פון מער אַנטוויקלטע לענדער, סיי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון מער אַנטוויקלטע לענדער. מיין סימפּאַטיע און סאָלידאַריטעט פלעגן אַרויסרופן יענע איטאַליענער — עמי-

גראַנטן פון איטאַליע — יענע סעזאָן־אַרבעטער, וועלכע האָבן געזוכט אַ מקום־מקלט און אַרבעט אין אַנדערע לענדער, געטריבן פון איטאַליע דורך אַרבעטסלאָזיקייט און נויט. איך האָב זיי געזען אַלס מויערער בויען הייזער און פּאַלאַצן אין הייסע טעג, ווען איך פלעג מיט מיינע נאָנטע, אַלס קינד, אַרומפאָרן איבער די קוראָרטן, דאָרט האָב איך זיי אויך געזען, און געהערט שפּילן אויף קאַטאַרינקעס אָדער אַנדערע אינסטרומענטן. כ'האָב געזען זייערע באָרוויסע, שמוציקע קינדער, כ'האָב דערפילט אין זיי פּאַריער אין דאָפּלטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. זיי האָבן זיך געשלעפּט איבער דער וועלט אין זוכעניש נאָך אַ שטיקל ברויט, און מ'האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט דערזעלבער גרינגשעצונג און מיטן זעלבן עקל, ווי צו יענער שמוציקער העניע, לגבי וועלכער איך האָב אַלס פּינפּיאָריק קינד געוואָלט אויסקויפן די שולד פון מיין אָפּשטאַם.

# זכרונות
# און איבערלעבענישן

# אָנשטאָט אַן אויטאָביאָגראַפיע

„אומצייליקע מאָל האָט מען מיך פון פאַרשיידענע זייטן געפרעגט, ווי אַזוי איך בין אייגנטלעך געקומען צום סאָציאַליזם. עס זענען דאָ זייער אַ סך מענטשן, און צווישן זיי, ליידער, אויך פּראָלעטאַריער, וועלכע קוקן מיט אַ מין אָפּשיי און באַוווּנדערונג אויף די בירגערלעכע, וועלכע טרעטן אַריין אין די רייען פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. די פּריווילעגיעס, וועלכע עס געניסן די אָנגעהעריקע פון די הערשנדיקע קלאַסן זענען אַזוי גרויס, אַז ס'איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי עמיץ זאָגט זיך אָפּ פון זיי, כדי איבערצוגיין אין לאַגער פון די-יעניקע, וועלכע ווילן אָפּשאַפן דידאָזיקע פּריווילעגיעס. אַלע, וועלכע ריידן אין אַזעלכע פאַלן וועגן „קרבנות", האָב איך תמיד באַטראַכט אַלס וועזנס, וועלכע זענען געשלאָגן מיט בלינדקייט און פאַרדינען מ'זאָל זיי באַדויערן. דאָס, וואָס די אינטעלעקטועלע גע ווי נ ען ביי זייער איבערגיין צום סאָציאַליזם, ווערט געוויינלעך אינגאַנצן פאַרשוויגן. אין דער אמתן האַנדלט זיך דאָ וועגן אומשאַצבאַרע אידעאַלע ווערטן. ס'איז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, אַז אונטער „אידעאַלע ווערטן" פאַרשטיי איך נישט נאָר די עטישע — נישט נאָר די מעגלעכקייט מיטצואַרבעטן פאַרן גרויסן ציל צו באַפרייען די מענטשהייט פון מאַטעריעלער און גייסטיקער שקלאַפעריי, — נאָר אויך די וויסנשאַפטלעכע, די מאַטעריאַליסטישע וועלטאָנשויאונג, וועלכע גיט אונז די מעגלעכקייט צו געפינען אַן ענטפער אויף די ברענענדיקסטע פראַגעס פון מענטשלעכן גייסט און — געפירט דורך אַ האַרמאָנישער וועלטאָנשויאונג — אַנטקעגנצושטעלן דער

שרייענדיקער דיסהאַרמאָניע פון דער קעגנוואַרט דעם פעלזנ־פעסטן גלויבן אין אַ האַרמאָנישער צוקונפט.

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָט מען מיך איינגעלאַדן צו האַלטן עטלעכע רעפעראַטן אין פאָלקס־אוניווערזיטעט אין ווענעציע. און ווען דער רעקטאָר פון דעמדאָזיקן אוניווערזי־טעט האָט מיך געבעטן אים צוצושיקן מיין ביאָגראַפיע, האָב איך אים געענטפערט: „אין מיין לעבן איז געשען בלויז איין גרויסע דערשיטערנדיקע איבערלעבונג: פון דער פריווילעגיר־טער לאַגע, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן, האָב איך זיך איסגעקעמפט די פריווילעגיע אויפגענומען צו ווערן אין קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז אָבער אַזאַ אינטימע אי־בערלעבונג, אַז דאָס קען דער עפנטלעכקייט נישט אָנגיין און נישט אינטערעסירן".

פון דאָזיקן שטאַנדפונקט טרעט איך נישט אָפּ אויך היינט, אָבער מיין באַציאונג צו פאַרעפנטלעכן אַ געוויסע אַרט זכרונות האָט זיך אין פאַרלויף פון די געשעענישן גע־ענדערט.

איך האָב ביסלעכווייז איינגעזען, אַז ביי אַזעלכע אַרטן זכרונות האַנדלט זיך וועגן איבערלעבונגען, וועלכע געהערן דעם כּלל, וועלכע שטאַמען פון אים און אינטערעסירן אים, און דערדאָזיקער כּלל האָט אַ רעכט זיי צו וויסן, און אין נאָמען פון דאָזיקן רעכט קומט ער צום יחיד און פאָדערט אים אויף, ער זאָל נישט באַהאַלטן זיינע לעבנסדערפאַרונגען פאַר זיך אַליין.

אַזאַ פאָדערונג איז נאָך מער באַרעכטיקט דאָ, ווען עס האַנדלט זיך, ווי אין דאָזיקן פאַל, וועגן אַן אָנטייל אין גע־שעענישן, וועגן וועלכע די עפנטלעכקייט ווייס בכלל נישט אָדער זייער ווייניק, און דערצו נאָך על־פּי־רוב אין אַ פאַר־קריפּלטער פאָרם. באַזונדערס האָט מיך באַוויגן נאָכצוקומען דער אָפּטמאָליקער אויפפאָדערונג צו פאַרעפנטלעכן מיינע זכרונות דער אומשטאַנד, וואָס איך האָב זיך אוממיטלבאַר באַטייליקט אין דער גרינדונג און אין דער אָנפירונג פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג קעגן דעם קריג בעת דעם קריג, וואָס איך בין דער איינציקער מיטגליד פון דער צימערוואַלד־

באוועגונג, וואָס האָט אַנטפּלעקט אין אַלע זיצונגען פון איר אויספיר־קאָמיטעט און אין טאָג, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, בין איך אויס־געוויילט געוואָרן אַלס זיין סעקרעטאַר.

איין חשש האָט מיך אָבער פונדעסטוועגן לאַנג אָפּגע־האַלטן: דער צווייפל, צי ס'איז בכלל מעגלעך צו שרייבן אַב־סאָלוט אָביעקטיווע, אמת־געטרייע, נישט־פאַרשענערנדיקע און קיין שום זאַך נישט־פאַרשוויגנדיקע לעבנסעריגערונגען. די מע־מואַרן, וועלכע איך האָב געלייענט — חוץ בעבעלס און קראָפּאָטקינס — און גראַד די־יעניקע, וועלכע גילטן אַלס פּרווו, ווי רוססאָס, למשל, צו שילדערן דעם אַבסאָלוטן אמת, האָבן נאָך געשטאַרקט מיינע ספקות. נישט רוססאָס „ווידוי" געפינט זיך פאַרן לייענער, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט מיט־טיילן דעם לייענער וועגן זיין גרויסקייט און זיינע שוואַכקייטן. אויב דאָס איז ריכטיק בנוגע דעם גרויסן רוססאָ מיט זיין נייגונג צו זעלבסטצעפלייִשונג, איז דאָס נאָך אין אַ סך אַ גרע־סערער מאָס דער פאַל ביי דורכשניטלעכע מענטשן. איצט אָבער, נאָכדעם ווי איך האָב גראַד אין די לעצטע יאָרן זייער אַ סך געזען, דורכגעלעבט, דורכגעליטן, נאָכדעם ווי כ'האָב אויסגע־האַלטן אַ סך ערנסטע פּראָבעס און זיך איבערצייגט — אינער־לעך זיך איבערצייגט, אַז דער אורטייל פון מענטשן איז פאַר מיר אַבסאָלוט גלייכגילטיק, ערשט איצט בין איך גובר גע־ווען אויך דעמדאָזיקן צווייפל.

דאָס זוכן און דאָס שטרעבן צום אמת איז תמיד געווען ביי מיר אַן אינערלעכע באַדערפעניש, דאָס אַנטשיידנדיקע אין דענקען און אין האַנדלען. אָן אָפּרו האָב איך געזוכט די וועגן וועלכע פירן צום אמת, נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריי־קייטן און אויף די נסיונות זיך צו לאָזן אָנזעטיקן מיט אַ האַלבן אמת, וואָס איז תמיד אַ האַלבער ליגן. דער באַוווּסטזיין, אַז דער אמת אַלס אַזעלכער קאָן זיין בלויז אַ רעלאַטיווער, ווייל מיר אַליין זענען אַזוי באַשרענקט אין אונזער קענען און וויסן, האָט מיר, אדרבה, אַלץ מער געשטאַרקט אין מיינע זוכענישן נאָכן אמת. אויב אונזער קענען און וויסן זענען לויט זייער

נאַטור נאָך רעלאַטיוו, טאָ זאָלן מיר לכל הפחות שטרעבן צום אַבסאָלוטן אין געביט פון רעלאַטיוון.

אָבער נישט דורכדעם דערנענטערט מען זיך צום אמת, וואָס מען פאַרשטויסט אָדער מ׳פעלשט די פערזענלעכע באַציאונג, נאָר דוקא דורכדעם, וואָס מ׳שילדערט די פאַקטן, ווי אַזוי מ׳האָט זיי געזען און דורכגעלעבט. ערשט דאַן באַקומט דער לייענער די מעגלעכקייט זיך צו דערנענטערן צום אמת און אָפּגעבן זיך אַ דין וחשבון, אין וועלכער ריכטונג און אין וואָסער מאָס דער טעמפּעראַמענט פון דערציילער האָט באַאיינפלוסט זיינע שילדערונגען. אין געוויסע פאַלן — און גראָד אין אַזעלכע ווי מיינער — איז דאָס סוביעקטיווע נעענטער צום אמת, ווי אַ נישט-עכטע אָביעקטיווקייט.

* * *

דידאַזיקע אַרבעט, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך נישט מער ווי אַ פּרוּוו ווידער איבערצולעבן די פאַרגאַנגענהייט, פּרעטענדירט אָבער לחלוטין נישט צו זיין אויסשעפּנדיק. דערפון קען גאָר קיין רייד נישט זיין שוין צוליב דעם אליין, ווייל עס האַנדלט זיך אין איר וועגן גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע סביבות און צייטתקופות. פון דער אַנדערער זייט ווידער, זענען זינט דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע געמאַכט געוואָרן אַזוי פיל פּרוּוון פון דער מאַרקסיסטישער זייט צו שילדערן דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון די לעצטע געשעענישן, זיי פּאָליטיש און פּאָלעמיש אויסצונוצן, אַז אויפן דאָזיקן געביט איז נישטאָ מער וואָס צוצוגעבן. אָבער צוליב דעם טאַקע, ווייל מ׳האָט די געשעענישן באַלויכטן בלויז פון סאָציאַל-עקאָנאָמישן, פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, זענען אַ סך זאַכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַבסטראַקציעס, אין „שלאַג-ווערטער״. מיט דידאָזיקע אַבסטראַקציעס ווערט אָבער אַזוי פיל אָפּעריט, אַז די טרעגער פון דידאָזיקע פאַרהעלטענישן — דער קלאַס, דער מענטש — ווערן אינגאַנצן פאַרשווונדן פון אונזערע אויגן.

דער דאָזיקער פאַקט ברענגט שאָדן דעם היסטאָרישן אמת און דער פּעדאַגאָגישער אויסנוצונג פון די געשעענישן גופא.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ צו גרויסע גאווה צו וועלן אויספילן אַזעלכע ליידיקע ערטער דורך איין-איינצלנעם ווערק, וועלכעס איז נאָך דערצו אַנטשטאַנען אָן די מינדסטע נאָטיצן, אָן דער אויפהיטונג פון די כראָנאָלאָגישע דאַטן און אפילו אָן וועלכער נישט איז סכעמע.

ווער ווייס, צי זיי קענען נאָך בכלל ווען נישט איז אויסגעפילט ווערן? איך פון מיין זייט האָב בלויז בדעה ווי־דער דורכצולעבן געוויסע עפּיזאָדן פון די סאָציאַליס־טישע קאַמפן, דערנענטערן צו דער פאַרשטענדעניש פון הייני־טיקן לעבן געוויסע קעמפער, נישט נעמענדיק דערביי אין אַכט, צי די באַטרעפנדיקע געשעענישן אָדער מענטשן זענען געווען עפּאָכעמאַכנדיק אָדער זיי זענען געבוכט געוואָרן אַלס באַרימטע. אויך וויל איך נישט פּרעדיקן, נישט אַנטפּלעקן, נישט לערנען עמיצן.

דאָס, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק, וועל איך איבערגעבן דעם לייענער, אַזוי ווי איך האָב דאָס דורכגעלעבט, אָן אַ פאָראויס-באַשטימטער טענדענץ. ווידער דורכלעבן, ערלעך ווידער דורכלעבן הייסט פאַרלייגן דעם לייע־נער דעם מאַקסימום פון אמת. און דאָס וויל איך טאָן: נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער.

אַזוי אַרום זענען שוין אָנגעצייכנט די גרעניצן פון מיינע כוונות און פון מיין ווערק.

# די ערשטע רעדע

נישט ווינציקער אָפּט, ווי מ'האָט מיך געפרעגט, דורך וועלכן וועג איך בין געקומען צום סאָציאַליזם, האָט מען מיך אויך געפרעגט, ווי אַזוי איך האָב זיך אויסגעבילדעט אַלס רעדנערין. די דאָזיקע צוויי פראַגעס זענען פּסיכאָלאָגיש ענג פאַרבונדן צווישן זיך: בלויז די זעלבסט-דערציאונג און די סאָציאַליסטישע דיסציפּלין האָבן מיר געהאָלפן האַלטן רעדעס. ערשט אין פאַרלויף פון מיין טעטיקייט האָבן זיך אויסגעאַרבעט ביי מיר באַשטימטע פּסיכאָלאָגיש-פּעדאַגאָגישע מיינונגען וועגן דער רעדנער-קונסט; פאַרשטייט זיך, אַז אין טעכנישן זין האָב איך זיך קיינמאָל נישט אויסגעבילדעט...

אין מיין סאָציאַליסטישן שטורעם-און-דראַנג-פּעריאָד האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן דעם, אויף וואָסער אופן איך וועל טעטיק זיין אין דער באַוועגונג. מיינע גאַנצע חושים זענען אַריינגעטאָן געווען אין דעם, איך זאָל מאָראַליש און אינטעלעקטועל זיין צוגעגרייט דערצו, צו שטעלן זיך אינ-גאַנצן אין דינסט פון די פאַרטיילטע דורכן לעבן. שוין אַלס גאַנץ יונג קינד האָב איך אַרויסגעוויזן מורדישע טענדענצן קעגן מיין בירגערלעכער סביבה און אומבאַוווסט און אומדירעקט באַ-קעמפט אין מיינע נאָנטע די בירגערלעכע געזעלשאַפט מיט איר גאַנצער ליגנערישקייט, צביעות און קאָנווענציאָנאַליזם, וועלכן איך האָב פון גאַנצן האַרצן פיינט געהאַט. בנוגע מיין פערזענלעכן לעבן איז די פּראָבלעם שוין געלייזט געווען זייער פרי: אַלץ מוז זיין אונטערגעוואָרפן דער באַדערפעניש נאָך גערעכטיקייט, נישט געניסן קיין שום זאַך, וואָס איך האָב צו פאַרדאַנקען

אָן אומגערעכטיקייט. גלייכצייטיק האָב איך אָבער תּמיד גע־שטרעבט צו אַן אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער אָריענטירונג און אַזוי לאַנג איינגעצוימט דעם דראַנג זיך אָפּצוגעבן אַ גרויסער זאַך, ביז איך האָב אים נישט געקענט שטעלן אויף אַ וויסנ־שאַפטלעכן באַזיס. ערשט דאַן, ווען איך בין געוואָרן אַ היס־טאָרישע מאַטעריאַליסטין, האָב איך אָנגעהויבן צו שפּירן אונ־טער די פיס אַ פעסטן באָדן, און ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב איבערגעריסן מיט מיין הויזלעכער סביבה אויך אויסערלעך, און כ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד זיך לערנען, און ערשט נאָכדעם, ווי איך בין דורך לאַנגיאָריקן לערנען אין די אוני־ווערזיטעטן פון בריסעל, לייפּציק, בערלין און צולעצט רוים ווו איך האָב געהאַט דעם גרויסן געווינס צו זיין אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַס שילערין) געוואָרן אַ מאַרקסיסטין, — ערשט דאַן האָב איך זיך דערפילט באַרעכטיקט צוזושטיין צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויך פּראַקטיש.

היות איך האָב אַממערסטן אין זינען געהאַט די דערנידערנו־גען אוןליידן פון רוסישן פאָלק און דעם העלדישן מאַרטירערטום פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, די ריינקייט און גרויסקייט פון זייער לעבנסאויפפאַסונג, זייער שטאָלץ און זייער פּאַראַכ־טונג לגבי דער עפנטלעכער מיינונג, איז דעריבער מיין ציל אין לעצטן סך הכל באַשטאַנען אין דעם, זיך אָנצושליסן אָן דער רוסישער באַוועגונג.

מיין גאַנצע באַציאונג צום לעבן איז אומבאַוווסט און באַוווסט באַאיינפלוסט געווען פון מיין דאָזיקן שטרעבן, די שטרענגקייט, מיט וועלכער כ׳האָב זיך באַצויגן צו זיך אַליין און אַ געוויסע אַסקעזע פון מיין לעבנספירונג זענען גרעסטנטיילס געווען אַ פּועל־יוצא פון דער מורא, איך זאָל זיך נישט אַרויס־ווייזן פאַר צו ווייניק שטאַרק, כּדי צו דערפילן מיין פליכט ביי די דעמאָלט אין צאַרישן רוסלאַנד הערשנדיקע באַדינגונגען. קוק איך זיך אום אויפן דעמאָלטיקן פּעריאָד פון מיין אַנטוויקלונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז אייגנטלעך האָב איך זיך אַ סך מער געגרייט צו תּפיסה און טויט, ווי צום לעבן און צו דער קאָנקרעטער פּראַקטישער סאָציאַליסטי־שער טעטיקייט.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך קיינמאָל נישט געפילט פרעמד אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, אין וועלכע איך האָב געלעבט שוין אַלס גאַנץ יונג מיידל, כדי צו שטודירן אין אוניווערזיטעטן און זיך צוקוקן צו דער אַרבעטער-באַוועגונג; ווייל איך בין געקומען אין ענגסטן קאָנטאַקט מיטן פאָלקסלעבן און זיך ספּאָנטאַן איינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין פאַרקער מיט פּראָלעטאַריער און רעוואָלוציאָנערן. אָבער דער געדאַנק קאָנקרעט מיטצואַרבעטן אין דערדאָזיקער סביבה איז מיר געוואָרן פרעמד שוין צוליב דעם גרונד אַליין, וואָס מיר האָט געפעלט דער זעלבסטבאַוווסטזיין דערצו. ווען עמיץ וואָלט מיך אין שפּאַס אויפגעפאָדערט צו האַלטן אַן עפנטלעכע רעדע, וואָלט איך דעם פאָרשלאָג-געבער נישט געהאַלטן פאַר צו קלוג, ווייל איך בין געווען אין דער מיינונג, אַז עס פעלט מיר דערצו יעדע פעאיקייט. אויך די סביבה, אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסן — אַ לאַנד ווי רוסלאַנד, אָן אַן עפנטלעכן פאַרזאַמלונגס- און פאַראיינס-לעבן, ווי אויך מיין הויזלעכע סביבה, ווו מ'האָט מיר געוואָלט דערציען פאַר אַ „העכערע" טאָכטער — איז געוויס נישט געווען צוגעפּאַסט דערצו, מיר צוצוגעבן מוט פאַר אַן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג.

ווי אַזוי זשע איז דערגאַנגען צו מיין ערשטן פאָרטראָג, וועלכן איך האָב געהאַלטן אין 1902 אין אַ דייטש-עסטרייכישן בילדונגס-פאַראיין אין סט. גאַללען, ווו איך האָב געאַרבעט צווישן די איטאַליענישע סעזאָנאַרבעטער, מויערער און שוואַרץ-אַרבעטער, שטיקערינס און שאָקאָלאַד-אַרבעטערינס?

נאָכן אַבסאָלווירן דעם רוימישן אוניווערזיטעט בין איך געפאָרן אין דער שווייץ, כדי נוצלעך צו זיין פאַר די איטאַליענישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט. ווען איך פלעג מאַכן מיט מיינע קרובים די אָפטע פאַרהאַסטע נסיעות אין די פאַרשיידענע קורערטער, ווו איך האָב אַזוי גרינטלעך דערקענט און גענומען האַסן דעם פאַראַזיטיזם פון די הערשנדיקע קלאַסן, פלעגן אַרויסרופן מיין טיפסטע סימפּאַטיע און סאָלידאַריטעט די איטאַליענישע פּראָלעטאַריער, וועלכע פלעגן טאָן די שווערסטע, שמוציקסטע אַרבעטן אָדער פאַרלייכטערן דורך מוזיק די פאַרדייאונג פון די איבערגעפרעסענע

קורגעסט, אויסשטרעקנדיק דערביי הכנעהדיק די האַנט נאָך טרינק-געלט. דידאָזיקע איטאַליענישע אַרבעטער, וועלכע זענען איגנטלעך געווען עמיגראַנטן, זענען מיר נאָך דעם רוסישן פאָלק פאָרגעקומען די דערנידעריקסטע, באַעולטסטע, עקספּלואַטירטסטע און במילא הילפבאַדערפטיקסטע. אויפצוּוועקן אין זיי דורך סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע דאָס געפיל פאַר פּערזענלעכער און קלאַסן-חשיבות, אָט דאָס איז געווען דער ציל, צוליב וועלכן איך בין אַוועק קיין סט. גאַלען. אין דערדאָזיקער שטאָט איז געווען אַ גרעסערע צאָל איטאַליענישע עמיגראַנטן, וועלכע זענען דעמאָלט געווען זייער שוואַך אָרגאַניזירט.

די עמיגראַציע פון איטאַליענישע אַרבעטער קיין פראַנקרייך, אַמעריקע און אין דער שווייץ איז שוין פון לאַנג געוואָרן אַ מאַסנדערשיינונג. די איטאַליענישע גרויסגרונטבאַזיצער, באַזונדערס אין צענטראַל- און דרום-איטאַליע, איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו באַאַרבעטן זייערע נחלות, דער רעגירונג נאָך וויניקער — צו פאַרמינערן די אַרבעטסלאָזיקייט דורך עפנטלעכע אַרבעטן, און די לוינען פון די לאַנדאַרבעטער זענען געווען צו נידעריק אַפילו פאַר די איטאַליענישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן די מינימאַלסטע באַדערפענישן.

ווי אַזוי עמיגרירן די פאַרטיילטסטע צווישן די פאַרטיילטע? שוין אין זייער היימלאַנד ווערן זיי אָנגעלאָדן אין באַזונדערס שמוציקע וואַגאָנעס, ווי די בהמות, ביי דער גרעניץ ווערן זיי ווידער אַריינגעשטאָפּט אין אַזעלכע וואַגאָנעס, וועלכע טראָגן אויף זיך די אויפשריפט, ווי געוויסע וואָקזאַלן: „נאָר פאַר איטאַליענער!" דאָס באַדייט, אַז מ'קען פון קיינעם נישט פאַרלאַנגען צו רייזן מיט איטאַליענישע אַרבעטער אָדער בכלל צו קומען מיט זיי אין באַרירונג. פאַרוואָרלאָזט, נישט קענענדיק קיין פרעמדע שפּראַך, איבערגעשראָקן קומען זיי אָן צום ציל פון זייער וואַנדערונג, פאַרקויפן דעם ערשטן בעסטן זייער אַרבעטס-קראַפט פאַר די ערשטע בעסטע באַדינגונגען און פירן אַ לעבן, וואָס איז אומווירדיק פאַר אַ מענטשן, אָבער אין פאַרגלייך מיט דער היימישער אַרבעטסלאָזיקייט-עקזיסטענץ, קומט עס פאַר אין זייערע אויגן, ווי אַ גן-עדן. אָבער גלייכ-

ציטיק מיט דערדאָזיקער ערגסטער מאַטעריעלער עקספּלואַ־טאַציע ווערן די עמיגראַנטן אויך עקספּלואַטירט פּאָליטיש און מאָראַליש, ווייל מ׳באַנוצט זיי אַלס לוינדריקער און שטרייק־ברעכער.

דערפון איז פּאַר איטאַליעס קלאַסן-באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט און פּאַר די לענדער פון דער איטאַליענישער עמיגראַציע אַנטשטאַ־נען אַ וויכטיקע פּראָבלעם, וואָס איז נישט אַזוי לייכט צו לייזן; ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די עמיגרירנדיקע עלעמענטן, וועלכע ס׳איז נישט לייכט צו אָרגאַניזירן אַפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען ביי זיי אינדערהיים, זאָלן זיך נישט לאָזן אויסנוצן צום שאָדן פון די עקספּלואַטירטע קלאַסן-חברים פון עמיגראַציע-לאַנד? ווי אַזוי זאָל מען דערשטיקן אין וואָרצל דעם האַס קעגן די איינגעוואַנדערטע לוינדריקער און שטרייק-ברעכער, וועלכער גייט לייכט איבער ביי דער היימישער באַפעלקערונג אין נאַ־ציאָנאַלן שאָוויניזם, און ווי אַזוי אַנטוויקלט מען ביי ביידע טיילן אַ געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער, מיט מעשים פּראָדוק־טיווער סאָלידאַריטעט.

דידאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך געשטעלט די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און זי אויף אַ גליקלעכן אופן געלייזט. זייט אומגעפער דרייסיק יאָר עקזיסטירן אין דער שווייץ, אין אַמעריקע, צולעצט אָבער אויך אין פראַנקרייך סעקציעס פון דער „Partito Socialista italiano", וועלכע פאַרמאָגן זעלב־שטענדיקע פּרעסע-אָרגאַנען און אַנטוויקלען צווישן די עמיגראַנטן אַ ענערגישע, פּלאַנמעסיקע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. אין אַלע געמיינדעס פון דער שווייץ צום ביישפּיל עקזיסטירן אי־טאַליענישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; פּראָפעסיאָנעל גע־הערן די איטאַליענישע אַרבעטער צו די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער סאָציאַליסטישער דערציאונגס-אַרבעט־וועלכע ווערט געפירט מצד די איטאַליענער, האָט מען שוי־אַזוי פיל דערגרייכט, אַז איטאַליענישע אַרבעטסקראַפט אין אויס־לאַנד קען מער נישט פאַרווענדט ווערן פאַר שמוציקער קאָנ־קורענץ.

אין דער באַוועגונג פון די איטאַליענישע אַרבעטער אין דער שווייץ און אין אַמעריקע האָבן זיך באַטייליקט איינפלוס־

רייכע איטאַליעניִשע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געלעבט אין אויסלאַנד אַלס עמיגראַנטן און האָבן פאַר-און נאָך-דעם גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין איטאַליעס אַרבעטער-באַוועגונג; ס ע ר א ט י, ד ע ל ל אַ  וו א ל ל ע, אַ ל ע ס ס אַ נ ד ר י, מ ו ס ס אָ ל י נ י און איך זענען יאָרנלאַנג געשטאַנען אין דערדאָזיקער באַוועגונג אין דער שווייץ און מיטגעאַרבעט אין איר אָרגאַן „Avvenire del Lavoratore“

איידער איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן דערדאָזיקער באַוועגונג און געגעבן דערקענט איר וויכטיקייט, בין איך, ווי געזאָגט, אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, כדי צו העלפן באַשיצן די הילפלאָזע איטאַליעניִשע עמיגראַנטן פון די גרעסטע מיסברויכן און דערנידערונגען. כ'האָב זיי לכל הפּחות געוואָלט פאַרשאַפן די מעגלעכקייט צו לאָזן הערן זייער מיינונג, ברענגען צום אויסדרוק זייערע רעכט, וואָס זיי האָבן לחלוטין נישט געקענט טאָן אויף דייטש. איך בין תמיד געווען צו זייער רשות אין דעם אַרבעטער-סעקרעטאַריאַט, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זיי און איבערזעצן. אין אָוונט פלעגן מיר זיך טרעפן אין די אַרבעטער-לאָקאַלן, ווו איך פלעג צווישן אַנדערעס אויך לערנען מיט זיי. אויך זונטיק פלעגן מיר זיין צוזאַמען און פירן אַ געמיינשאַפטלעך-חבריש לעבן. אונזערע באַציאונגען האָבן זיך באַזירט אויף ספּאָנטאַנער נשמה-קרובהשאַפט, אָן דער מינדסטער שפּור פון „צופּאַסונג“. אַז דאָס איז אַזוי געווען און נישט אַנדערש, איז מיר ערשט דאַן געקומען צום באַוווסטזיין, ווען איך האָב אָפטמאָלס געהערט פון אינטעלעקטועלע, ווי אַזוי זיי „פילן זיך גוט“ מיט די אַרבעטער, אָדער פון די אַרבעטער, ווי אַזוי דער באַטרעפנדער „פירער“ איז געווען איינפאַך און באַשיידן. ערשט ווען איך הער אַזעלכע דערקלערונגען זע איך איין, ווי פּריווילעגירט איך בין, וואָס מיין לעבן און שטרעבן האָבן זיך אַזוי אידענטיפיצירט מיטן לעבן און שטרעבן פון די אַרבעטער, אַז אויך אין מיין אינערלעכסטן וועזן האָב איך מיך קיינמאָל פּסיכאָלאָגיש נישט געשפּירט אַלס אַ מענטש פון אַ אַנדער אָרט.

* * *

אָט אַזוי איז געווען מיין אויסערלעכע און אינערלעכע לאַגע ווען דער פּאָרזיצער פון דייטשן אַרבעטער-פאַראיין האָט מיך אויפגעפאָדערט צו האַלטן אַ רעפעראַט. „איך אַ רעפעראַט", האָב איך געענטפערט, „דערצו בין איך אַבסאָלוט נישט פעאיק. נישט איך האָב דעם נויטיקן מאַטעריאַל, נישט איך קען רעפע־רירן". אָבער היות דער חבר האָט נישט געוואָלט נעמען אין אַכט מיינע מאָטיוון און דאָס זיך-לאָזן-בעטן איז מיר שטאַרק אומסימפּאַטיש, האָב איך דאַן געזאָגט צו זיך אַליין, אַז אויב מען איז אַ מיטגליד פון אַ אַרבעטער-באַוועגונג, מוז מען זיך אונטערוואַרפן אַלע באַרעכטיקטע פאָדערונגען פון אירע מיט־גלידער און מ'טאָר נישט ווײַלן בלויז אַזאַ טעטיקייט, וואָס איז אַממערסטן צום האַרצן. דאָס, וואָס די אַרבעטער דאַרפן און מוזן פאַרלאַנגען פון אונז און מיר אַליין — פון זיך, איז אַבסאָלוטע ערלעכקייט, אומבאַגרעניצטע איבערגעגעבנקייט צו אונזער זאַך, דיסציפּלין, פּיינלעכע געוויסנהאַפטיקייט.

וואָס אָבער שייך דער פאָרם, וועלכע אונזער אַרבעט נעמט אָן, הענגט זי אָפּ פון אונזערע ידיעות און פעאיקייטן, אָבער נישט פון אונזער גוטן ווילן.

אַזוי ווי איך האָב זייער ווייניק געהאַלטן פון מיינע רעדנער-פעאיקייטן, בין איך געווען זיכער, אַז בלויז איין אַרויס־טריט מיינער וועט זיין גענוג, כדי איבערצוציינגן מיינע חברים, אַז איך טויג זיך נישט פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. איך בין זיכער געווען, אַז כ'וועל האָבן אַ פולשטענדיקן דורכפאַל; אַז נאָך אַ פּאָר מינוטן וועל איך שוין בלייבן שטיין אינמיטן; אַז מיינע חברים וועלן איינזען מיין אומפעאיקייט, וועלן אַ סוף מאַכן צום אומגעלונגענעם פּרווו דורך אַ פּאָר פאַרלעגנהייטס-זאַצן און אַרי־בערגיין איבער מיין רעדע און בכלל איבער מיר אַלס רעד־נער צום סדר-היום. אָבער דאָס אַלץ האָט מיך נישט באַאומרואיקט, און דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער פונקט פון דער גאַנצער סיטואַציע. ווען איך זאָל וועלן פאַר־בינדן מיט מיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטרעטונג אַ וועלכע נישט איז אויסערלעכע באַפרידיקונג, וואָלט איך נישט גע־האַלטן קיין רעדע נישט דאַמאָלט און בכלל קיינמאָל נישט.

ביים צוגרייטן מיין רעפעראַט בין איך אַרויסגעגאַנגען

פון געדאַנק, אַז איך דאַרף זיך נישט לאָזן מיטרייסן פון מיין טעמפּעראַמענט און רעדן אַזוי, ווי איך פּיל, נאָר איך דאַרף צוגעבן מיין איבערצייגונג אַ וואָס אָביעקטיווערן כאַראַקטער און וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם, ווי פאַרשיידן עס זענען די וועגן, אויף וועלכע עס קומט צום סאָציאַליזם אַן אינטעלעקטועלער, אַ קינד פון אַ קלאַס, וואָס איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, און דער וועג, אויף וועלכן עס קען און מוז קומען צו אים דער פּראָלעטאַריאַט.

דער גרונט־געדאַנק, וואָס האָט מיך באַהערשט ביי מיין באַכדענקען איבער מיין אויפגאַבע איז געווען דער, וואָס אַ רעפעראַט דאַרף נ י ש ט זיין. און כדי אויסצומיידן אַלדאָס אומוויכטיקע און איבעריקע און זיך נישט לאָזן פאַרכאַפּן פון רעדנס־שטראָם, האָב איך געשטעלט צו זיך די פאָדערונגען, וועלכע איך האָב שוין דערנאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזן פון אויג: נישט פאַרגעסן, אַז מ'רעדט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַן אַרבעטער־עולם; אַריינלייגן אין רעפעראַט דעם גאַנצן „איך“, אָבער זיך אויך קאָנען באַפרייען פון זיין הויט; קאָנ־צענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, די גאַנצע אויפנאַם־פעאיקייט פון די צוהערער אויף דעם אינהאַלט דורך אויס־ויילן אנטשפּרעכנדיקע ביישפּילן, דורך אויסמיידן יעדע אַרט פערזענלעכן פּאַטאָס; דערביי תמיד אַרויסגיין פון מאַרקסיסטיש־פּסיכאָלאָגישן קענען די צוהערער, פאַר וועלכע מ'דאַרף רעדן; די פאָרם פון דער רעדע, דער אויסוואַל פון ביישפּילן זאָלן לחלוטין שטיין אין הסכם מיט זיין לעבן און געדאַנקענגאַנג, תמיד האָבן אין זינען, אַז צו אַרבעטנדיקע, ד. ה. צו מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ סיס־טעמאַטישע בילדונג, וועלכע עס פעלט די שולע פון אַב־סטראַקטן דענקען, דאַרף מען גאַנץ אַנדערש רעדן ווי צו אַ קליינבירגערלעכן, אינטעלעקטועלן עולם, וואָס נעמט אויף דעם רעפעראַט אַלס דערגאַנצונג צו עפּעס שוין פון פריער באַ־קאַנטס, אַלס שטויס אַרויסצוטרעטן אויף אַ נייעם געביט, צו לעזן אַ ניי בוך.

דער אַרבעטער און די אַרבעטערין, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך ביי דער מאַסנפּראָפּאַגאַנדע, קומען צום רעפע־

ראַט מיט אַ גאַנץ אַנדערער גייסטיקער קאָנסטיטוציע, מיט גאַנץ אַנדערע אויפפאַסונגסמעגלעכקייטן, מיט אַ גאַנץ אַנדערער טראַדיציע, ווי די אָנגעהעריקע פון אַנדערע קלאַסן און באַרופן. צוליב מאַנגל אין געשולטקייט, צוליב דער צו שטאַרקער קערפּערלעכער אָנגעשטרענגטקייט ביים איינטאָניקן פּראָדוקציע־פּראָצעס צוליבן פולשטענדיקן פאַרזונקען זיין אין מאַטעריעלע זאָרגן און קודם כל צוליב דער אַגיטאַציע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן קאַפּיטאַליסטישן גייסט, איז דער דורכשניטלעכער אַרבעטער, אַפילו דער פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטער, נישט פעאיק צו דערהויבן זיין סוביעקטיוון באַוווסטזיין צום ניווא פון זיין סאָציאַלער סביבה.

דער מאַרקסיסטישער רעדנער אָדער דערציער מוז זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע צו העלפן דעם אַרבעטער אַריבערשפּרינגען דעמדאָזיקן קינסטלעכן תהום, און טאַקע אויף אַזאַ אופן, אַז די אויגן זאָלן זיך עפענען אויפן ווי און ווען פון זיין אנטשטיין. עס האַנדלט זיך אין דעם צו העלפן גובר זיין אַ געוויסע אינערטישקייט פון דענקען, אָבער אַזוי, די צוהערער אַליין זאָלן דעמדאָזיקן פּרווו נישט מערקן.

אָט דאָס זענען געווען די פאָדערונגען, וועלכע איך האָב זיך שוין געשטעלט ביי מיין ערשטן רעפעראַט; און אַזוי ווי איך האָב אויף זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר מיין קריטישן באַוווסטזיין, בין איך רואיק צוגעטראָטן צו דערפילן אויסערלעך מיין פליכט. דאָס שווערסטע האָב איך געהאַט אָפּגעטאָן און דאָס האָט מיר געגעבן דאָס רעכט, אַרויסצוטרעטן פאַר די אַרבעטער. צי עס וועט זיך מיר אויך אויסערלעך איינגעבן איבערצוגעבן דאָס, וואָס איך האָב צוגעגרייט, איז שוין געווען אַ נעבנזאַך. און נאָר אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב געלייגט דעם הויפּטגעוויכט אויף דאָס ערשטע און דאָס צווייטע האָב איך בלויז באַטראַכט אַלס צווייטראַנגיק, בין איך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט דער גרעסטער רואיקייט, וועלכע האָט מיך אויך באַגלייט ביז צום סוף פון מיינע אויספירן.

דער דערפאָלג, וועלכער איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל, איז פאַר מיר געווען פונקט אַזוי נישט וויכטיק, ווי דאָס וואָלט העכסטוואַרשיינלעך געווען דער דורכפאַל, אויף

וועלכן איך האָב זיך געריכט. דורך דער דיסציפּלין אָדער ריכטיקער, דורך דער זעלבסטבאַהערשונג, וועלכע איך האָב געפאָדערט פון זיך, האָב איך באַזיגלט מיין גורל אַלס רעד־נערין, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער זיך אין זעלבן זין און זיך שטענדיק צו קאָנטראָלירן. יאָ, איך קען זאָגן, אַז מיטן ווּקס פון מיין פּאָפּולערקייט האָט זיך אויך געשטאַרקט מיין זעלבסטקריטיק; ווייל גראָד פאַר דעם געשיקטן רעדנער, וועלכער האָט די מאַכט צו באַאיינפלוסן די מאַסן, איז די געפאַר גרעסער ווי פאַר אַנדערע, צו מיס־ברויכן מיטן רעדן, כדי דורכצולעבן די גרויסע באַפרידיקונג פון דערפאָלג, פון שאַפן, פון פּסיכאָלאָגישן אומאַנדערשן דעם מענטשנמאַטעריאַל, וועלכן מ׳האָט פאַר זיך. גראָד באַגאַבטע און דערפאַרענע רעדנער זענען אין געפאַר צו ווערן דעמאַ־גאָגן, מיט שרעק און עקל האָב איך צוגעזען, באַזונדערס בעתן קריג און דער רעוואָלוציע, ווי אַזוי אַ סך האָבן אַרי־בערגעטראָטן די שיידליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם ערלעכן, געוויסנהאַפטן פאָרטראָג פון דעמאַגאָגיע, און די מורא, אַז דאָס קען פאַסירן אויך מיט מיר, האָט מיך געמאַכט אַ סך שטרענ־גער צו זיך.

אויף אַלע געביטן ווערן אָפט פאַרביטן דער מיטל מיטן צוועק, און אויך אין דאָזיקן פאַל האָב איך געהאַט די געלע־גנהייט דאָס צו באַאָבאַכטן. אַזוי אַרום האָב איך אָפט געגאָלטן אַלס סענטימענטאַלער רעדנער, ווייל מיר איז געלונגען אויפ־צוטרייסלען די צוהערער, אַרויסצורופן אין זיי נישט קיין אויבערפלעכלעכן איינדרוק. אָבער די כלומרשטע סענטימענטאַל־קייט איז נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישעס מיטל, כדי צו פאַרבייטן ביים צוהערער דעם בלויזן געפיל אויף דעם געדאַנק און דעם ווילן צו טאַט.

אויב עס איז אמת, און קיינער וועט עס נישט קענען אָפּפרעגן, אַז יעדעס וועזן קומט צום דענקען און האַנדלען דורך עמפּינדן און פילן, איז דאָס נישט דער ערך ריכטיקער בנוגע מאַסן, וועלכע מ׳האָט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדער־טער קינסטלעך געשטערט צו דענקען. פאַרשטייט זיך, אַז קודם כל רעד איך וועגן די־יעניקע עלעמענטן, וועלכע זענען נאָך

לחלוטין נישט באַרירט געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און דער מאַרקסיסטישער וועלטאָנשויאונג. זיי האָב איך תמיד אין זינען געהאַט אין דער ערשטער ליניע. מיינע רעדעס זענען באַשטימט געווען נישט פאַר די, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן זעלבשטענדיק צו דענקען אָדער — ווער רעדט — צו זיין טעטיק אויפן געביט פון קלאַסנקאַמף, נאָר קודם כל פאַר יענע, וועלכע מ'האָט נאָך געדאַרפט אַ שטאַרקן טרייסל טאָן, כּדי איבערפירן זיי איבער דער שוועל פון סאָציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג.

דערביי האָב איך אָבער ק יי נ מ אָ ל נישט אַפּעלירט צום געפיל, נישט צוגעבנדיק גלייכצייטיק מיין אַרגומענטאַציע אַ סאָציאַלן, טעאָרעטישן אינהאַלט. צום ביישפּיל: אָנשטאָט צו רעדן וועגן דער מערוועדט- און פּאַראָרימונגס-טעאָריע אין אַ ווילד-פרעמדער (פאַר זיי) טערמינאָלאָגיע, האָב איך זיך באַמיט עס צו טאָן אין אַזאַ פאָרם, וואָס איז גענומען פון צוהערערס אוממיטלבאַרער דערפאַרונג, פון זיין באַקאַנטשאַפט מיטן פּראָדוקציע-פּראָצעס, און וועלכע מוז מאַכן אויף אים אַ געהעריקן רושם.

פּאָפּולאַריזירן די מאַרקסיסטישע טעאָריעס, אָנקליידן אַ קאָמפּליצירטן געדאַנקענגאַנג אין גאַנץ עלעמענטאַרע פאָרמען, האָב איך שטענדיק באַטראַכט אַלס פליכט און אַלס ערשטן באַדינג פון אַן אמתן איינפלוס אויף די מאַסן. געטריי אויספאָרשן דעם אינהאַלט און די פאָרם פון דעם, וואָס מ'רעפערירט פאַר די מאַסן, איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַ געוויסנס-פראַגע, נאָכמער: אַ פראַגע פון שווערסטער טעאָרעטישער דיסציפּלין און קאָנטראָל. פּונקט ווי איך האָב אויסגעמיטן צו באַנוצן פרעמדווערטער, האָב איך אויך אויסגעמיטן צו פלעפן דורך וואָס נישט איז די צוהערער. עס גייט נישט אין דעם, אַז דער צוהערער זאָל בעתן רעפעראַט האָבן דעם איינדרוק, אַז ער האָט געהערט עפּעס גאַנץ נייעס, נאָר אין דעם, ער זאָל האָבן דעם פולן באַוווסטזיין דערפון, אַז ער האָט זיך עפּעס דערוווסט, וואָס ער האָט עס שוין אייגנטלעך פון לאַנג געדאַרפט באַמערקן. דעם אופן, ווי אַזוי געוויסע אינטעלעקטו-

יעלע טרעטן אַרויס פאַרן פאָלק, האָב איך באַטראַכט אַלס שעד-לעכן עגאָצענטריזם. זיי ריידן, כדי צו ווייזן זיך און די אַנ-דערע, ווי קלוג זיי זענען, ווי זיי אונטערשיידן זיך פון די צוהערער, אָדער כדי עפּעס צו דערציילן די צוהערער, נישט איבערצייגנדיק זיי אין דעם. איך האָב זיך באַמיט צו טיילן מיין איבערצייגונג מיט די פּראָלעטאַריער, צו אַנטוויקלען אין זיי דעם ווונש און די פעאיקייט, צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם, וואָס זיי האָבן געהערט און נאָך אַ רייפן קריטישן איבערלייגן זיך — עס פאַרוואַנדלען אין טאַט.

דעם אינטעלעקטועלן, וועלכער קומט צום סאָציאַליזם אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג, באַזונדערס ווען ער איז אַן אַקאַ-דעמיקער, קומט אפשר פאָר די פאָרם פון געוויסע רעפעראַטן אַלס סענטימענטאַל. אין גרונד גענומען איז זי אָבער אַ מיטל מיטצוטיילן אויף אַ פאַסיקן אופן וויסנשאַפטלעכע, היסטאָרישע פאַקטן אַזעלכע צוהערער, וועלכע זענען נישט צוטריטלעך פאַר ריין טעאָרעטישע אויספירן צוליב זייער פיזישער מידקייט און פסיכישער שווערבאַוועגלעכקייט.

## אין די רייען פון איטאַליענישן סאָציאַליזם

צוגלייך מיט די דייטשישע און דייטש-שווייצאַרישע פאַר-איינען האָבן אויך די איטאַליענישע מיך אָנגעהויבן איינלאַדן צו האַלטן אַגיטאַציע-רעדעס, אַזוי אַז איך האָב זיך כסדר גע-פונען אין וועג. אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך שוין אויך באַקאַנט געווען אין איטאַליע, וווהין מ׳פלעגט מיך אַלץ אָפ-טער איינלאַדן אויף אַגיטאַציע-טורן. ענדלעך האָב איך זיך אינגאַנצן אַריבערגעקליבן קיין איטאַליע, ווייל דאָס ווירקן צווישן די פאָלקסמאַסן אין לאַנד גופא האָט מיך נאָך מער צוגעצויגן, ווי די פראָפּאַגאַנדע צווישן די איטאַליענישע אַר-בעטער אין אויסלאַנד. אין איטאַליע גופא בין איך געקומען אין אַ סך אַ האַרציקערע באַרירונג מיטן פאָלק, מיט זיין גאַנצן וועזן. דאָס איז פאַר מיר געווען דער מקור פון אַ גענוס, וואָס איז כסדר ברייטער, טיפער, פילזייטיקער געוואָרן; איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט אַלץ נייע זייטן פון דער וווּנדערבאַרער אויפנאַם-קראַפט, פון פיינעם אידעאַליזם פון דער איטאַליענישער קאָלעקטיוו-נשמה.

די אויפנאַם-פעאיקייט פון איטאַליענישן פראָלעטאַריאַט סיי אין אינטעלעקטועלן, סיי אין עטישן פרט האָט תמיד גע-האַט פאַר מיר אַ שטאַרקע צוציאונגס-קראַפט. אין זיין דאָזיקער אויפנאַם-פעאיקייט איפערט ער איבער געוויסע שטופעס פון דער סאָציאַלער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און ווען מען ווייס ווי אים צו פאַרכאַפן גייסטיק און עסטעטיש, קען ער זיך דערהויבן צו אַ הויכער ניווָאָ פון פאַרשטענדעניש און אויפ-נעמען קאָמפּליצירטע באַגריפן אין זייער גאַנצער טיפקייט. זע-

צען דאָס אָפּקלאַנגען פון דער אַלטער סאָציאַלער, אינטעלעקטועלער און עסטעטישער קולטור, וואָס קומען צום אויסדרוק אין יעדן איינצלנעם? יעדנפאַלס קען מען זיך אָנשטויסן ביי אַן אַנאַלפאַבעטישן איטאַליענישן לאַנדאַרבעטער אויף אַ פאַרשטענדעניש, וועלכע קען דערגרייכט ווערן אפילו ביי אינדוסטריאַרבעטער פון אַנדערע לענדער ערשט דורך אַ סיסטעמאַטישער, מאַרקסיסטישער בילדונג. אָבער גראָד דערפאַר, ווייל די־דאָזיקע אויפנאַם-פעאיקייט שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין צופאַסונג צו דער אוממיטלבאַרער סאָציאַלער סביבה און זי איז אויך נישט קיין רעזולטאַט פון סיסטעמאַטישער און טעאָרעטישער בילדונג, ווערט זי נישט באַגלייט דורך יענער אָרגאַניזאַציאָנעלער פעאיקייט און אויסהאַלטעוודיקייט, וועלכע באַגלייטן ביי די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער זייער גייסטיקע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג.

גראָד די־יעניקע, וועלכע זענען גוט באַקאַנט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון איטאַליענישן פאָלק, די־יעניקע, וועלכע קענען טיפער און גענויער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין איטאַליע, האָבן אַ באַזונדער גרונד צו פאַרטראַכטן זיך וועגן די ווערטער, מיט וועלכע ע נ ג ע ל ס האָט פאַרענדיקט די הקדמה צו דער איטאַליענישער אויסגאַבע פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט אין יאָר 1892: „דאָס ערשטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד איז געווען איטאַליע"...

ווי אַזוי דערקלערט זיך עס, למשל, וואָס איטאַליע פאַרמאָגט אַ לאַנדאַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, וואָס קיין שום אַנדער לאַנד האָט נישט איר גלייכן? פאַר דער צעשטערונגס-אָרגיע פון די פאַשיסטן זענען די לאַנדאַרבעטער, יאָ, אַפילו די קליינפּויערים געווען פאַראייניקט אין פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען דורכגעדרונגען געווען פון צילבאַוווסטן, טעטיקן, סאָציאַליסטישן גייסט. נישטאָ כמעט נאָך אַזאַ לאַנד, אין וועלכן אַזעלכעברייטע שיכטן פון עקספּלואַטירטע זאָלן האָבן אויפגענומען אין זיך דעם סאָציאַליזם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין איטאַליע פאַר דעם קריג.

אָבער דאָסדאָזיקע שטרעבן אומצופאָרמירן דאָס סאָציאַלע און פּערזענלעכע לעבן, די זוכעניש צו באַפרייען זיך פון עקאָ-

באָמישע קייטן, פון סאָציאַלע פּאַראורטיילן און צביעות, איז
לחלוטין נישט געשטאַנען אין קיין שום פּראָפּאָרץ צום גראַד
פון אַנאַלפאַבעטיזם אָדער צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינ-
דוסטרי אָדער דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אָבער גראָד
אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די
לאַנד-באַפעלקערונג אין איטאַליע האָט זיך צוליב ריין-געאָגראַ-
פישע סיבות געפונען אונטער דער השפּעה פון דער שטאָט,
ווי אין קיין שום אַנדער לאַנד. צו דעם קומט נאָך צו, וואָס
אין משך פון 30 יאָר איז די שטאַרקסטע סאָציאַליסטישע אַגי-
טאַציע געפירט געוואָרן גראָד צווישן די לאַנדאַרבעטער, און
דאָס אויף אַזאַ אַרט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע איז נישט אָפּגע-
טיילט געווען פון דער פּאָליטישער, און אַז די פאַרשטענדע-
ניש פאַר דעם פּאָליטישן קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט גלייכצײ-
טיק מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָר-
גאַניזאַציע, און אָפטמאָל נאָך פריער. פּראָפעסיאָנעל, קאָאָפּע-
ראַטיוו, סאָציאַליסטיש — דאָס אַלץ איז פאַר די גרויסע מאַסן
געווען פון גלייכער באַדייטונג.

די קאָאָפּעראַציע האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט
אין דאָרף, און דער עיקר האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן לאַנד-
ווירטשאַפטלעכע און פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון. זיי זענען גע-
פירט געוואָרן אין סאָציאַליסטישן גייסט נישט נאָר
טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש, און די פּראָלעטאַרישע
סאָלידאַרישקייט איז טאָג-טעגלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין
פּראַקטישע מעשים. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן ביים איבערנעמען
לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן געשטעלט די גרויסגרונדבאַזיצער
אַזעלכע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פאָדערונגען, וואָס נאָר
די שטאַרקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, דער ערנסט און די
חשיבות פון אירע מיטגלידער האָבן עס געקענט אויסקעמפן.
די דאָזיקע פאָדערונגען ווי אויך די סטאַטוטן פון די קאָאָפּע-
ראַטיוון און פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען האָבן אַנטהאַלטן פונקטן,
וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף אַ גרויסער סאָציאַליסטישער
רייפקייט. אַ גרויסער טייל פון די רוחים פון די פּראָדוציר-
אָדער פאַרבריך-קאָאָפּעראַטיוון איז פאַרווענדט געוואָרן אויף
שטרייקפאָנדן, אַפילו פאַר אַזעלכע קאַטעגאָריעס אַרבעטער,

װעלכע האָבן נישט געהערט צו דער באַטרעפנדיקער אָרגאַ־ניזאַציע. צאָלרייכע קינדער פון שטרייקנדיקע פּראָלעטאַריער פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן חדשים־לאַנג דורך די פּראָפעסיאָנע־לע פאַראייגען, און אַ גרויסער פּראָצענט פון די קאָאָפּעראַ־טיון־הכנסות זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף סאָציאַליסטישע צוועקן. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דעם קריג האָט אי־טאַליע פאַרמאָגט העכער 200 סאָציאַליסטישע צייטונגען, מערסטנ־טיילס וועכנטלעכע.

די פּעולה, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט אין זיין אַל־געמיין־קולטורעלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, דאַרף גרעסטנ־טיילס פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דער טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער קאַמף, וועלכער איז גע־פירט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פאַר פאַרבעסערן דעם שולוועזן, האָט געשפּילט אַ גאַנץ צווייטראַנגיקע ראָלע אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אויפגעטאָן דירעקט צווישן די ברייטע באַפעלקערונגס־שיכטן. בלויז דער אומדערמידלעכער טעטיקייט פון די סאָציאַליסטן האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנ־קען, וואָס די אַרבעטסצייט איז באַדייטנדיק פאַרקירצט געוואָרן, און בלויז זייער גרויסע איבערגעבנקייט צום סאָציאַליזם האָט געבראַכט דערצו, וואָס די איטאַליענישע מאַסן האָבן בכלל אָנגעהויבן צו לעבן אין מענטשלעכע באַדינגונגען.

אָבער אויך דאָס פּערזענלעכע און פאַמיליען־לעבן פון איינצלנעם מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז באַווירקט געוואָרן פון סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען: די אינדי־ווידועלע און קלאַסנעטיק האָט אין איטאַליע געטראָגן אויף זיך אַ בולט סאָציאַליסטישן חותם. די דאַרף־ און שטאָט־פּראָ־לעטאַריער האָבן געשפּירט אַ באַדערפעניש מורד צו זיין אויף אַ סך געביטן אין די טראַדיציעס און קאָנסעקווענט און מוטיק פאַרקערפּערן זייער רעוואָלוציאָנערע וועלטאָנשויאונג אין מעשים. וויפל נישט געטויפטע קינדער און וויפל ציוויל־חתונות זענען געווען גראָד ביי פּראָלעטאַריער, און אין די דערפער נישט ווייניקער ווי אין דער שטאָט! ווי אָפט עס זענען געשטעלט און אָנגענומען געוואָרן פאָרשלאָגן וועגן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין וועלכע

נישט איז רעליגיעזע פייערלעכקייטן אויס מורא פאַר דער עפנט-לעכער מיינונג! ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער פאָרוואורף פלעגט שטאַמען נישט פון די העכערע פאַרטייאינסטאַנצן, נאָר פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס גופא.

* *
*

איינער פון די הויפּטמיטלען אויפצוקלערן דאָס פאָלק איז געווען די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע (ווען מ׳נעמט אין אַכט די זייער גרויסע צאָל אַנאַלפאַבעטן איז דאָס מער ווי פאַר-שטענדלעך). נישטאָ קיין איין באַדייטנדיקער איטאַליענישער רעדנער, וועלכער זאָל נישט האָבן גערעדט אויך אין דאָרף, און טאַקע דער עיקר אין דאָרף. די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אויסשליסלעך אָנגעפירט געוואָרן דורך סאָציאַליסטן, האָבן געהאַלטן פאַר זייער פליכט צו געבן זייערע מיטגלידער דאָס מאָדערנסטע און בעסטע אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע. די בעסטע רעדנער פלעגן קומען מיט באַגייסטערונג און ליבע אין דאָרף, ווו ס׳האָט געוואַרט אויף זיי אַ פאַרשטאַנדיקע, באַ-גייסטערונגספעאיקע, אַ דורך און דורך סאָציאַליסטיש-געזינטע צוהערערשאַפט. באַזונדערס האָבן אין איטאַליע געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי אומעטום, די פאַרזאַמלונגען. זיי זענען נישט באַשטימט געווען פאַר אַ באַשטימטער, אָפּגעשלאָ-סענער צוהערערשאַפט, נאָר פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין וועלכער די נישט-עקספּלואַטירטע עלעמענטן מאַכן אויס אַ קליינע מינדערהייט. מייסטנס פלעגן די פאַרזאַמלונגען אָפּגע-האַלטן ווערן אונטערן פרייען הימל אָדער אין אַ טעאַטער, ווו אַלע, בוכשטעבלעך אַלע, פלעגן קומען.

די וווּנדערבאַרע אויפנאַם-פעאיקייט פון איטאַליענישן פאָלק, זיין רעוואָלוציאָנערע סאָלידאַרישקייט איז באַזונדערס שטאַרק געקומען צום אויסדרוק אין שייכות מיט די רוסישע רעוואָ-לוציאָנערע און קאָנטררעוואָלוציאָנערע געשעענישן. ווען די עפנטלעכע מיינונג איז ווידער צוגעצויגן געוואָרן אויף די צאַריסטישע גרויל-מעשים נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָ-לוציע און נאָך דער שחיטה אויף די רוסישע אַרבעטער, וועל-

בע זענען דעם 9 (22) יאַנואַר 1905 געגאַנגען אונטער גאַפּאָנס פירונג צום קייזערלעכן פּאַלאַץ, האָט זיך אין איטאַליע אויפגעהויבן אַן אמתע רעוואָלוציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט, קעגן דעם פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערן.

אין אַלע, אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע געמיינדעס, זענען דורך דער איניציאַטיוו פון די אַרבעטער- און פּויערים-אָרגאַניזאַציעס אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען. ווען די סאָציאַליסטישע רעדנער פלעגן שטעמפּלען דעם פאַרהאַסטן צאַריזם אָדער רעדן וועגן דעם מאַרטירערטום פון די רעוואָלוציאָנערן, פלעגט מען זיי אַזוי הויך, שטורמיש און אָן אויפהער איבעררייסן, די בראַוואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזעלכע גוואַלדיקע דעמאָנסטראַציעס פון האַס און סאָלידאַריטעט, פון עקל און באַוווּנדערונג, אַז די רעגירונג האָט געמוזט אָננעמען אויסעראָרדנטלעכע מיטלען. דער אָנווענדיקער זיכערהייטס-פּאָליציי איז פאַראָרדנט געוואָרן נישט דערלאָזן, עס זאָלן אָנגערופן ווערן ביים נאָמען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די רוסישע גרויל-מעשים. בכלל פאַרווערן די פאַרזאַמלונגען האָט מען זיך ביי די דעמאָלטיקע אומשטענדן נישט דערוועגט. אַלץ, וואָס האָט נאָר אין דער קלענסטער מאָס געקענט אויסגעטייטשט ווערן אַלס סאָלידאַריטעט מיט די רוסישע פאָלקס-אונטערדריקער, וואָלט אַרויסגערופן די גרעסטע אומצופרידנקייט. ווי נאָר די צוהערער פלעגן באַמערקן, אַז דער רעדנער האָט אויסגעמיטן אָנצורופן אַ נאָמען, פלעגן זיי אים מיט הויכע געשרייען איבעררייסן און דערגאַנצן זיינע שילדערונגען אויף אַ דראַסטישן אופן, צום שרעק פון די אָנוועזנדיקע פּאָליציי-באַאַמטע און קאַראַביניערי. די לעצטע, וועלכע האָבן על-פּי-רוב געשטאַמט פון די אונטערשטע פאָלקסשיכטן — האָבן מיט מי פאַרבאָרגן זייער סימפּאַטיע צום אונטערדריקטן פאָלק און זיינע פרייהייטסשטרעבונגען. די אויפגעבראַכטקייט אויף די געשעענישן אין רוסלאַנד איז געווען אַזוי גרויס, אַז די פּויערים, קומענדיק אַהיים נאָך אַ שעהנלאַנגער וואַנדערונג פון אַ פּראָטעסטפאַרזאַמלונג, פלעגן באַמאָלן די ווענט און פּליטן מיט גראָטעסקע פיגורן, אונטער וועלכע זיי פלעגן אונ-

טערשרייבן די נעמען פון ניקאָלאַי II אָדער פון איינעם פון זיינע אויספירער, און זיי באַוואָרפן מיט שמוץ. די דאָזיקע שטימונג צווישן די מאַסן האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך באַקומען דעם גרעסטן אָפּקלאַנג אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, אין די געמיינדעראַטן און אין פּאַרלאַמענט. דאָרט האָט דער דעפּוטאַט פ ע ר ר י דערקלערט, אַז דער זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד טאָר זיך נישט דערוועגן צו קומען קיין איטאַליע, ווייל דאָס פאָלק וועט אים אויספייפן.

דער דעפּוטאַט מ אָ ר ג אַ ר י, וועלכער האָט דאַן אָנגעפירט מיט אַן אויסגעצייכנט רעדאַגירטער פּראָפּאַגאַנדע-צייטונג דער „Sempre Avanti" האָט אין איר פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי דיסקוסיע-אַרטיקלען, אין וועלכע פּראָלעטאַריער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן זייער אויפפירונג ביי אַן עווענטועלן באַזוך פון פאַרהאַסטן בלוטיקן צאַר. דער פאַרלאַג פון דער צייטונג האָט צעשיקט צו די לייענער אַ ספּעציעלן מין פייפאינסטרומענטן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דאָס בילד פון אַ לאָקאָמאָטיוו, מיט וועלכע מ'זאָל אָנמאַכן אַ ליאַרעם אין דעם פאַל, ווען דער באַזוך, פון וועלכן מ'האָט שטאַרק אָפּגערעדט, זאָל דאָך פאָרקומען. ווען די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען האָבן אין אַ סך יאָרן אַרום נויטיק געמאַכט דעם באַזוך פון אומגעוווּנשענעם גאַסט, האָבן נישט דער צאַר און נישט זיינע גאַסטאויפנעמער נישט געהאַט דעם מוט איינצואָרדנען די אויפנאַמע אין אַ גרעסערער שטאָט. ער איז אויפגענומען געוואָרן אויף איין טאָג אין אַ קליינער רעזידענץ.

אין דער דאָזיקער צייט פון אינטענסיווער פּראָטעסטבאַוועגונג האָב איך יעדן אָוונט, זונטיק און יום-טוב געמוזט ריידן וועגן דער רוסישער פריייהייטס-באַוועגונג צו דריי און פיר מאָל אין פאַרשיידנסטע געגנטן, אין גרויס-שטעט ווי מילאַן, טורין, רוים, טריעסט, באָלאָן און אין די קלענסטע עקן, צו וועלכע מ'האָט נאָך נישט געקענט צוקומען מיט אַן אייזנבאַן. פונקט דאַן, ווען איך האָב צוליב די פון רוסלאַנד אָנגעקומענע ידיעות באַשלאָסן צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד, האָבן מיך די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן געשטורעמט מיט בריוו און פּריוואַט-שמועסן, איך זאָל זיך ווידמען דער פּראָפּאַגאַנדע-

פאַרן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד אין א ו י ס ל אַ נ ד און אונטערשטיצן די רוסישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג דורך געלט־זאַמלונגען. איך האָב זיך אונטערגעוואָרפן דערדאָזיקער אויפפאָדערונג און איך פלעג מצד די איטאַליענער איינגעלאַדן ווערן צו אַזויפיל אַרויסטרעטונגען, אַז כ׳פלעג אָפט נישט באַוויזן צו שלאָפן צוויי מאָל אין דער וואָך אויפן זעלבן אָרט. דער געדאַנק, אַז איך אַלס רעדנער און רוסין, קען אַרויסרופן ביי די צוהערער געוויסע אַסאָציאַציעס, זיי זאָלן אויך אין מיר זען דעם סימבאָל פון ליידנדיקן און קעמפנדיקן מאַרטירער און דאָס פאַרגעלטן מיט פאַרערונג, איז מיר געווען שרעקלעך אומאָנגענעם.

אַזוי, למשל, קען איך זיך נישט דערמאָנען אָן אויפריכטיקן געוויסנפּיין וועגן דעם, ווי אַזוי איך האָב דעמאָנסטראַטיוו ׳נישט דערפילט מיין צוזאָג צו האַלטן אַ רעפעראַט אין אַ דאָרפישער, צום מיינסטנס עמיגראַנטישער אָרגאַניזאַציע דערפאַר, ווייל אין די איינלאַדונגען צום פאָרטראָג האָבן זיי אויף אַ נאַאיווער ליבנדיקער אַרט אונטערגעשטראָכן מיין טעטיקייט און רוסישע נאַציאָנאַליטעט. דאָס דאָרף איז געלעגן אין אַ פאַרוואָרפענער באַרג־געגנט און נאָך אַ לאַנגער נסיעה בין איך שוין אָנגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע, ווו ס׳האָט אויף מיר געוואַרט אַ וואָגן. אָבער גלייכצייטיק מיטן וואָגן האָב איך באַמערקט דאָס דערמאָנטע פלוגבלעטל און כ׳האָב באַשלאָסן זיך תיכף אומצוקערן. אַ סך יאָרן שפּעטער האָבן נאָך אייניקע חברים פון דאָזיקן אָרט געדענקט מיין שאַרפע האַנדלונג און די אַנטוישונג, וועלכע איך האָב דעמאָלט פאַרשאַפט זיי און דער באַפעלקערונג.

אַז דער לעבעדיקער מיטגעפיל פון איטאַליענישן פאָלק צו דער רוסישער באַוועגונג איז נישט געווען קיין אויבערפלעכלעכער און ריין־פלאַטאָנישער, ווערט קלאָר דורכדעם, וואָס גראָד אין איטאַליע, ווו די לוינען און דער לעבנסניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן זענען נישט געווען הויך, איז פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד געזאַמלט געוואָרן נישט נאָר רעלאַטיוו, נאָר אַבסאָלוט מער געלט, ווי אין די אַנדערע לענדער. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די צושטייערן האָבן

יעשטאַמט נישט פון די קאָסעפּאָנדן פון די אָרגאַניזאַציעס, נאָר פון די פּרייוויליקע נדבות פון איינצלנע פּראָלעטאַריער. איך דערמאָן זיך, אַז די סומעס וועלכע זענען געזאַמלט געוואָרן ביי מיינע רעפּעראַטן און אַנדערע אונטערנעמונגען אין איטאַליע, זענען געווען אַ סך גרעסער ווי די, וועלכע מאַקסים גאָרקי האָט געזאַמלט אין אַמעריקע. אין איטאַליע האָט זיך טאַקע בפּועל ממש געהאַנדלט וועגן אָפּגעשפּאָרטע פּראָלעטאַרישע קישקע-גראָשנס.

דעם יעניקן, וועלכער האָט פּערזענלעך דורכגעלעבט דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ מיט גרויסע בלויזן סקיצירט געוואָרן, ווערט מיט אַ וואַקסנדיקער פאַרביטערונג אַלץ קלאָרער, ווי שטאַרק ס'האָבן געזינדיקט (זיך מילד אויסגעדריקט) די פירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל לגבי דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און די איטאַליענישע מאַסן מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דעמאַגאָגישע מיטלען, כדי צו באַקעמפן די נישט סימפּאַטישע עלעמענטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל גראָד די איטאַליענישע מאַסן, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין סאָציאַליסטישן גייסט, האָבן געמוזט אָפּגעשטויסן ווערן דורך אַזעלכע מעטאָדן. די אַרבעטנדיקע מאַסן אין איטאַליע זענען מער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פעאיק און גרייט געווען צו ברענגען גרויסע קרבנות פאַרן רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם, אין קיין שום אַנדער לאַנד האָט די גרויסקייט און דער טראַגיזם פון רוסישן פאָלק נישט געפונען אַזויפיל פאַרשטענדעניש, ווי גראָד אין איטאַליע. אַ גאַנצע באַפעלקערונג איז דאָרט געשטאַנען גרייט צו העלפן דער רוסישער באַפרייאונגסבאַוועגונג מיט פאַרשטענדעניש און מעשים אין אַ צייט, ווען די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זענען געלעגן אויף דער ערד באַזיגטע; זי האָט געשאָנקען ראַטנרוסלאַנד סאָלידאַריטעט און באַוונדערונג, ווען דער רעזשים און דאָס לאַנד זענען באַדראָט און באַקעמפט געוואָרן דורך דער שנאה פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט, און סאָלידאַריטעט מיט רוסלאַנד האָט געבראַכט מיט זיך פאַרפאָלגונגען און רכילותן.

א סך איבערלעבונגען פון יענער צייט, ווען איך האָב זיך כמעט אינגאַנצן געווידמעט דער אויפקלערונגס-אַרבעט וועגן רוסלאַנד, האָבן זיך באַזונדערס טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל זיי זענען טיפּיש פאַר דער פּסיכאָלאָגישער שטעלונג פון די איטאַליענישע מאַסן צום רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד...

איך רעד וועגן די גרוילמעשים פון צאַריזם אין אזא געדיכט-באַזעצטן טעאַטער-זאַל, אַז ס'איז שווער צו אָטעמען און די גאַזלאָמפּן דראָען אויסגעלאָשן צו ווערן. לעבן דעם אַרבעטער- און פּויערים-עולם זעט מען אויך אויפמערקזאַם זיך איינהאָרכנדיקע מענער און פרויען פון די פרייע באַרופן. נישט געקוקט אויף דעם אָנגעפּראָפּטן זאַל הערשט אַן אַבסאָלוטע רואיקייט, קיין זאַך רירט זיך נישט. איך שפּיר, ווי עמיץ כאַפּט מיך אָן פאַרן אָרעם, כ'דריי זיך אָבער נישט אום, כדי נישט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער, און איך טראַכט אין אונטערבאַוווסטזיין, אַז א חבר וויל מיך אויפמערקזאַם מאַכן אויף די טרעפּלעך, וועלכע טיילן אָפּ דעם פּאָדיום פון פּובליקום. אין זעלבן אויגנבליק ווערט שטורמיש איבערגעריסן די אַבסאָלוטע שטילקייט; טויזנט הענט פּאַטשן בראַוואָ ליידנשאַפטלעך הויך און אַרויספאָדערנדיק. איידער איך קען זיך נאָך אָפּגעבן א דין-וחשבון, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דידאָזיקע אומוואַנדלונג, שפּרינגט אויף דער גאַנצער עולם, ווי איין מאַן, כדי נאָך שטורמישער צו אַפּלאָדירן. א שוואַנגערע פרוי — כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָסדאָזיקע בילד — שטייט אויף מיט מאַטערניש פון איר שטול, כדי אָנצושליסן זיך אן דער אַלגעמיינער בראַוואָ-פּאַטשעריי.

קעגן מיין געוווינהייט, זיך נישט לאָזן איבעררייסן ביים רעדן דורך קיינעם און דורך קיין זאַך נישט, האָב איך ווייטער נישט געקענט רעדן און כ'האָב זיך אומגעדרייט. הינטער מיר זענען אויף דעם פּאָדיום געשטאַנען עטלעכע קאַראַביניערי, וועלכע האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן אָנהויבן צו טאָן, בעת זייער פירער, דער פאָרשטייער פון דער „עפנטלעכער זיכערקייט”, פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, האָט געפירט אין גרויס פאַרלעגנהייט אונטערהאַנדלונגען מיט דעם אָרגאַניזאַטאָר

פון דער פאַרזאַמלונג. איינער פון מיינע זאַצן — עס האָט זיך
געהאַנדלט וועגן ניקאָלאַי II — איז דעם באַאמטן פאָרגעקומען
צו געוואַגט און ער האָט געוואָלט אויסנוצן זיין רעכט פאַ-
נאַנדערצולאָזן די פאַרזאַמלונג און אַרעסטירן די רעדנערין.
דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער מיין רוקן, די „צאַרטע
באַרירונג״, וועלכע איך האָב צוגעשריבן אַ חבר, איז געווען
אַ פּרוּוו פון די קאַראַבינערי אויסצופירן די פאַראָרדנונג, און
די שטורמישע בראַוואָס האָבן באַדייט אַ פּראָטעסט קעגן דאָ-
זיקן פּרוּוו און אומבאַשרענקטע סאָלידאַריטעט מיט מיינע אויס-
פירן. נישט ווינציקער טיפּיש ווי דערדאָזיקער קאָלעקטיווער
סאָלידאַריטעט-אויסדרוק איז געווען דער וואָרטוועקסל, וואָס איז
פאָרגעקומען אויפן פּאָדיום צווישן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאַר-
זאַמלונג און דעם פאָרשטייער פון דער מאַכט. דער לעצטער
האָט זיך געפונען אין גרויס פאַרלעגנהייט: ווייל ער האָט זיך
שוין נישט דערוועגט אויסצופירן דעם אַרעסט.

כדי צו פאַרשטיין דידאָזיקע געשעענישן מוז מען האָבן
אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס עס איז געווען דאָס דעמאָלטיקע
איטאַליע: אָן שום ספק דאָס פרייסטע און דעמאָקראַטישסטע
לאַנד. אַודאי האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט וועגן קיין אַבסאָ-
לוטער און סאָציאַלער פרייהייט, וועלכע די אַרבעטער האָבן
אויסגעקעמפט דורך אָפּשאַפן דאָס פּריוואַטאייגנטום. פאַרקערט,
גראָד דערפאַר, ווייל די בורזשואַזיע האָט נאָך נישט פאַרמאָגט
קיין קלאַסנבאַוווסטזיין, ווייל אַלס קלאַס האָט זי זיך נישט
געפילט דירעקט באַדראָט פון פּראָלעטאַריאַט און אויסברוכן
פון קלאַסנקאַמף האָט זי געהאַלטן בלויז פאַר איינצלנע לאָ-
קאַלע עפּיזאָדן, — האָט געהערשט אין לאַנד אַ מין
געמיטלעכקייט; דידאָזיקע האָט זיך אונטערשיידט פון די
אַלס דעמאָקראַטיש פאַרשריענע לענדער, ווי די שווייץ, ענג-
לאַנד א. א. וו. דורכדעם, וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן
גייסט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַ גייסט, וואָס האָט באַ-
הערשט דאָס עפנטלעכע און פּריוואַטע לעבן. יעדע פרייהייט-
באַשרענקונג איז מיט עקל אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אויך די ביר-
גערלעכע און קליינבירגערלעכע האָבן קאָקעטירט מיט אַב-
סטראַקטע אָדער פּערזענלעכע פרייהייטסבאַגריפן.

אויך אין אויבנגעבראַכטן פאַל איז אַזוי גרויס געווען דער האַס קעגן סימבאָל פון דער פרייהייטסאונטערדריקונג, דעם בלוטבאַפלעקטן צאַר, די אויפגעבראַכטקייט קעגן פרווו צוצובעמען ביי מיר דאָס וואָרט, אַז דער באַאַמטער האָט זיך געפילט געצוווּנגען נאָכצוגעבן. ביי אַ אַלץ שטייגנדיקער באַגייסטערונג האָב איך געקענט ווייטער האַלטן מיין רעדע און מיט טריאומף האָט מען מיך געבראַכט צו דער אכסניה, וואָס איז ביז שפּעט ביינאַכט אַרומגערינגלט געווען פון אַ גרויסער צאָל פאַרזאַמלונגס-אָנטיילנעמער. צומאָרגנס, ביים אָפּפאָרן, האָט מיך אַ יובעלנדיקער המון באַגלייט צום וואָקזאַל.

אַן ענלעכן, נאָך מער פאַרכאַפּנדיקן פאַל האָב איך איבערגעלעבט אין טריעסט, אין „Circolo di studi sociali“ אַ אינסטיטוציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַרבעטער פאַר אַרבעטער און איז געשטאַנען אויף אַזאַ הויך, אַז אַסך בירגערלעכע, פון אינטעלעקטועלע געגרינדעטע בילדונגס-אינסטיטוציעס האָבן זי געמעגט מקנא זיין. איטאַליעס בעסטע רעדנער, אַנהויבנדיק פון ענריקאָ פעררי, זענען דאָרט איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן רעפעראַטן. די איינדרוקן, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט אין טריעסט, געהערן צו די טיפסטע; וואַרשיינלעך דערפאַר, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צוהערערשאַפט, וואָס זייענדיק אַליין נאַציאָנאַל אונטערדריקט, איז זי באַזונדערס אויפנאַמספעאיק פאַר פרייהייטסשטרעבונגען און רעוואָלוציאָנערער אָריענטירונג.

אין דער דעמאָלטיקער עסטרייכישער מאָנאַרכיע האָבן עקזיסטירט באַגריפן, ווי גאָט, פאַמיליע, מאָנאַרכיע, וועלכע מ'האָט אַלס רעדנער בכלל נישט געטאָרט דערמאָנען. די אָנפירער פון דער „Circolo di studi sociali” פלעגן וועגן דעם מודיע זיין אַלע רעדנער, וועלכע פלעגן קומען פון דער פרייער איטאַליע, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין אַ קאָנפליקט מיט דער מאַכט. פאַר מיר איז דער דערמאָנטער פאַרבאָט געווען אַן אָנשפּאָרנונג צו באַהאַנדלען די פאַרבאָטענע פראַגעס, ווייל איך האָב תמיד באַטראַכט פאַר מיין עלעמענטאַרער פליכט צו באַהאַנדלען דוקא פראַגעס וועגן וועלכע מ'האָט געקענט אָננעמען, אַז זיי זענען אַמווייניקסטן דורכגעטראַכט געוואָרן

און ממילא זענען זיי אויך ווייניק פּאָפּולער. דאָסזעלבע איז געשען אויך אין טריעסט, ווו די חברים און די אַלגעמיינע צוהערערשאַפט פלעגן מיך אַרומרינגלען מיט אַזאַ סימפּאַטיע, פלעגן מיך אַזוי גערן אויסהערן, אַז איך פלעג אָפט מוזן צוויי אָדער דריי מאָל אַ יאָר אַריבערקומען פון איטאַליע.

ענדלעך האָט מיך אַ ביסקופּ געמסרט, מ'האָט מיך אָנגעקלאָגט פאַר גאָטלעסטערונג און נאָכדעם ווי מ'האָט מיך אין טריעסט באַפרייט, האָט מען מיך אין ווין אונטער די אויגן פאַרמשפּט אויף דריי חדשים שווערע תּפיסה און — אויף אַרויסגעשיקט צו ווערן.

די פאַרברעכערישע באַהאַנדלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערין מ אַ ר י אַ ס פּ י ר י ד אָ נ אָ וו אַ האָט זי דערהויבן צום סימבאָל פון באַפרייאונגס-קאַמף פון רוסישן פאָלק. די טריעסטער חברים האָבן מיך אויפגעפאָדערט צו ריידן אויף דערדאָזיקער טעמע. דער רעפעראַט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין טריעסטס גרעסטן טעאַטער; ס'איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם, אַז מ'האָט זיך פּשוטו כּמשמעו געמוזט ווערן קעגן די ניי-אָנקומענדיקע. די שפּאַנונג פון די צוהערער איז בעתן רעפעראַט געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: מ'קען הערן יעדע אָטעם-באַוועגונג. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינע פון יענע שטימונגען, ביי וועלכע די אויפמערקזאַמקייט, דער אינטערעס, דער מיטגעפיל צום געשילדערטן ווערט אַזוי אינטענסיוו, אַז מ'וויל נישט און מ'קען נישט מער אויפנעמען פון דער דרויסנוועלט. איך האָב אויך נישט געוואָלט מאַכן די מינדסטע הפסקה, כּדי צו קענען זאָגן וואָס מער און נישט אַרויסרופן קיין שום אָפּווענדונג פון דער אויפמערקזאַמקייט. ווען איך האָב נאָך אַן אָנדערטהאַלבשעהדיקן ריידן אויף אַ מינוט איבערגעריסן מיין געדאַנקענגאַנג, כּדי צו טרינקען אַ טראָפּן וואַסער, איז אין זאַל געשען עפּעס באַרוישנדיקס. אין דער אַבסאָלוטער שטילקייט האָט אַראָפּגעקלונגען פון דער גאַלעריע אַ שטימע: „מ י ר וועלן נקמה נעמען פאַר די מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע". דערדאָזיקער אויסרוף האָט געפונען אין זאַל אַ שטורמישן אָפּקלאַנג; די איינגעהאַלטענע אויפרעגונג, ליידנשאַפט און באַגייסטערונג און די זיכערקייט אין

דער אזוי שווער צו אויסקעמפנדיקער שענערער צוקונפט פון דער מענטשהייט האָבן זיך פאַראייניקט אונטער ענדלאָזע בראַוואָ-פאַטשערייען און הורא-געשרייען צו אַ מעכטיקער שבועה: „מיר וועלן נקמה נעמען פאַר די מאַרטירער פון דער פרייהייט". איך בין אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון פאָדיום צו דער טיר, די מאַסן האָבן מיך באַגלייט אונטערן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער צום פאַרטיילאָקאַל. ביז צו מיין אָפּרייזן פון טריעסט בין איך באַגעגנט געוואָרן דורך די מענטשן אויף דער גאַס מיט דעם אויסרוף: „זאָל לעבן דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד!" אַזוי האָט עס אויסגעזען ביי דער אַרבעטער-באַפעלקערונג און דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג אפילו אין דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע!

# מאַקסימאַליסטן און רעוויזיאָניסטן אין איטאַליע

פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט איך בין אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָב איך געהערט צום לינקן פליגל פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט פאַרן קריג געהייסן דער „intransigente" (אומקאָמפּראָמיסלעכער). נאָך דעם קריג האָט ער — צוליב די פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, וועלכע דער קריג און דער רעוואָלוציע-פּעריאָד האָבן אַרויסגערופן אויף דעם געביט פון פּאַרטיי-נעמען און פראַקציע-שאַטירונגען — באַקומען די באַצייכנונג „מאַקסימאַליסטיש". לויט זיין טעאָרעטישער, פּראַקטישער און פּאָלעמישער שטעלונג, וואָלט דידאָזיקע פראַקציע פאַרן קריג העכסטנס געקענט פאַרגליכן ווערן מיט דעם אָרטאָדאָקסאַלן פליגל פון דער דייטשער פּאַרטיי, אויף ווי ווייט די איטאַליענישע אַרבעטער-באַוועגונג קען בכלל פאַרגליכן ווערן מיט דער דייטשער. דער איטאַליענישער רעפאָרמיזם קען נישט פאַרגליכן ווערן אָן באַוואָרענישן צום אָפּאָרטוניזם פון אַנדערע לענדער. אמת, בערנשטיינס רעוויזיאָניזם האָט געהאַט פאַרערער און נאָכפאָלגער אויך אין איטאַליע, אָבער די באַגריפן רעוויזיאָניזם און רעפאָרמיזם פאַלן נישט צונויף פולשטענדיק.

אויך די באַציאונגען צווישן דער פּאַרטיי און די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען געווען פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט ווי אין אַנדערע לענדער. עס קומט פאָר פּאַראַדאָקסאַל: אין אַ לאַנד מיט אַ מערהייט אַגראַרישע אַרבעטער און מיט אַ פּרימיטיווער אינדוסטרי איז דער קאַמף פון די עקספּלואַטירטע מאַסן אַנט-

שטאַנען אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם. אונטער זיין פאָן
איז דערדאָזיקער קאַמף געפירט געוואָרן פון נצחון צו נצחון,
ז.יו פאַרענדיקט געוואָרן די אַנטוויקלונג פון עלעמענטאַרן קלאַסנ-
אינסטינקט צו דער סאָציאַליסטישער וועלטאָנשויאונג. אין די-
דאָזיקע באַוועגונג אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקער איינפלוסריי-
כער פּאַרטיי, צו דער פּאַרטיי, וואָס נאָר זי אַליין האָט פאַר
דעם קריג פאַרמאָגט אַ פּראָגראַם, מאַסן, צוציאונגס-קראַפט און
אַ גרויסן אידעאַל. פּראַמפּאָליני, סערראַטי, טוראַ-
טי (כ׳רוף אָן בלויז רעפּרעזענטאַטיווע נעמען) האָבן אָנגע-
הויבן זייער מונדלעכע און שריפטלעכע אַגיטאַציע אין מאַרק-
סיסטישן גייסט. זיי האָבן דעמדאָזיקן גייסט געטראָגן אין דאָרף,
צום דאָרף-פּראָלעטאַריאַט.

די דערשטוינלעכע פּסיכאָלאָגישע צופּאַסונגס-פעאיקייט
פון די באַגרינדער פון דער איטאַליענישער באַוועגונג האָט
געפירט דערצו, אַז די מאַרקסיסטישע גרונדגעדאַנקען זענען
פאַרשפּרייט געוואָרן פונקט אַזוי פיל און אין אַזאַ פאָרם,
ווי די אַנטשפּרעכנדיקע סאָציאַלע סביבה איז געווען אימשטאַנד
אויפצונעמען. אָבער דער ענדציל פון סאָציאַליזם איז דער
ברייטער מאַסע דורכדעם נאָנט געוואָרן.

די איטאַליענישע מאַסן זענען געווען גענוג אויסגעשולט
צו פאַרשטיין, אַז כדי מ׳זאָל ענטגילטיק קענען אומאַנדערשן
דאָס סאָציאַלע און פּערזענלעכע לעבן מוז פריער קומען די
עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומגעשטאַלטונג פון דער געזעל-
שאַפט; אָבער דורכגעדרונגען פון טיפער אויפגעבראַכטקייט
קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג האָבן
זיי נישט געוואָלט דערלאָזן, מ׳זאָל צונעמען ביי זיי דאָס רעכט
און די מעגלעכקייט שוין היינט, זאָל זיין אפילו אין ענגע
גרעניצן, אויפצובויען זייער לעבן אויף געזינטערע, ריינערע,
מענטשלעכערע יסודות. זייער פּראָטעסט, וואָס איז נישט גע-
ווען קיין פּלאַטאָנישער און אויך נישט קיין בלויז אַנטיקלע-
ריקאַלער, נאָר אַ פּראָטעסט, וואָס האָט געטראָגן דעם כאַראַק-
טער פון מעשים און געווען אינספּירירט פון סאָציאַלע
שטאַנדפּונקטן, האָט קודם כל געטראָפן די צביעות פון דער
קירך. מאַסנהאַפט האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון טויפן קינדער

און פון באַגראָבן טויטע מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס, די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין אַ גאַנץ פרייען, אַנטי־קירכלעכן און אַנטירעליגיעזן גייסט, דערביי האָט מען דער קירכע פאָרגעוואָרפן נישט נאָר דאָס, אַז זי פאַרשפּרייט אַבער־גלויבנס און עם־הארצות, נאָך אויך דאָס, אַז זי האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון די מעכטיקע און רייכע, כּדי צו פאַרהערלעכן די אומגערעכטיקייט און די אומגלייכקייט.

דער איטאַליענישער רעוויזיאָניזם, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דעם טעמפּעראַמענט און דער גייסטיקער טראַדיציע פון זיינע טרעגער און האָט גיכער געטראָגן אַן אַלגעמיינע סקעפּטישע באַפאַרבונג, ווי אַ באַשטימטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אינהאַלט, איז אייגנטלעך געווען מער אַ קריזיס פון די אינטעלעקטועלע איידער אַ קריזיס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל. אָבער היות ווי די הויפּט־טרעגער פון מאַרקסיזם, די אינ־דוסטריעלע מאַסן, זענען אין איטאַליע געווען זייער שוואַך פאַרטראָטן, האָבן די הויפּטפּראָבלעמען פון רעוויזיאָניזם — פאַראָרימונגס־טעאָריע, פאַרהעלטעניש צווישן באַוועגונג און ענדציל — געקענט באַהאַנדלט ווערן בלויז אַלגעמיין און טעאָרעטיש. די מאַסן, באַגייסטערט פון מאַרקסיסטישן גלויבן אין דער צוקונפט און פון דער קאַמפּספרייד פאַר זייער זאַך, זענען כמעט ווי נישט באַרירט געוואָרן דורך דעם קריזיס פון די אינטעלעקטועלע, בפרט נאָך, אַז קיין פּערזאָנענקולט האָט ביי זיי קיינמאָל נישט געהערשט.

פאַר דעם, אַז עס זאָל נישט קענען אנטשטיין קיין פּערזאָנענקולט, האָט געזאָרגט די פּערזענלעכקייט פון די־יעניקע, וועלכע האָבן צוערשט געטראָגן דעם סאָציאַליזם אין די איטאַליענישע מאַסן. די שטעלונג פון די יחידים צו די פאַרשיידענע פּראָבלעמען האָט נישט געפאָדערט אויף אַ נויטווענדיקן אופן אַן אַנטשפּרעכנדיקע שטעלונג פון די מאַסן; טאָלעראַנץ איז פון שטענדיק אָן געווען די אייגנשאַפט סיי פון די איטאַליענישע מאַסן, סיי פון זייערע פירער.

די טרויעריקע דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, ווי סוביעקטיוו עס באַאיינפלוסן ערגיץ־אַנדערש די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג גראָד יענע פירער, וואָס זייער אויס־

באַנגספּונקט איז אַ פּלומרשט אָביעקטיוו-וויסנשאַפטלעכע שטעלונג. ס'איז קלאָר, אַז דידאָזיקע מעטאָדן זענען זיך נוקם; אויך די מאַסן דערוויסן זיך וועגן דעם און פאַלן אַריין אין אַ סקעפּטיציזם, וואָס איז יעדנפאַלס געפערלעכער פאַר דער פרייהייט פון זוכן און אָפּשאַצן, וואָס בילדעט דעם באַזיס פאַר אַ באמת פעלזנפעסטער איבערצייגונג. פון דעם אַלעם דרינגט אַרויס, אַז פון דער שטעלונג אָדער מיינונג פון אַ פירער אָדער דעפּוטאַט קען מען אין איטאַליע נישט מאַכן קיין מעכאַנישן אויספיר וועגן דער שטימונג פון די אַנטשפרעכנדיקע מאַסן, ווי דאָס איז דער פאַל אין געוויסע אַנדערע לענדער.

אַזוי איז געווען מיטן רעפאָרמיזם אין אַלגעמיין, ווי מיט זיינע אָנפירנדיקע גייסטער אין איינצלנעם. אַזוי, למשל, איז אין אויסלאַנד טוראַטיס פערזענלעכקייט שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן. דער פאַקט, וואָס ער געניסט אַן אומדערשיטערלעכע פּאָפּולאַריטעט גראָד צווישן די אַרבעטער פון מילאַן, ד. ה. צווישן די אויסגעשפּראָכנסטע אינדוסטריעלע ווילער, ווערט אָדער נישט פאַרשטאַנען אָדער פאַרדרייט. פיליפּפּאָ טוראַטי איז אָן ספק איינע פון די פילזייטיקסטע, קאָמפּליצירטסטע פערזענלעכקייטן פון הייַנטצייטיקן סאָציאַליזם. אויסערגעוויינלעך באַגאַבט, פילזייטיק געבילדעט, איז ער גראָד דורך זיין קריטישער באַציאונג צו אַלץ וואָס דאָגמאַטיש, איינזייטיק געקומען צום מאַרקסיזם אין טעאָריע און פּראַקטיק און געהערט צו די ליידנשאַפטלעכסטע אָנקלאָגער פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. קיין איינציקע סתירה, קיין איינציקער שאָטנווינקל, קיין שום צביעות פון קאַפּיטאַליזם האָט נישט אויסגעמיטן זיין שאַרפן בליק, די בייסנדיקע איראָניע פון זיין רעדנערקונסט, זיין מייסטערהאַפטיקער פעדער. זיין אומקאָמפּראָמיסלעכן פּראָטעסט קעגן דער בירגערלעכער געזעלשאַפטסאָרדנונג און זיין אומדערשעפּלעכן גלויבן אין סאָציאַליזם האָט ער געגעבן אַזאַ מעכטיקן אויסדרוק, ווי קיין שום אַנדערער.

טוראַטי האָט פאַרעפנטלעכט ווייניק גרויסע ווערק, אָבער יעדע איינע פון זיינע אומגעציילטע רעדעס, יעדער פאַמפלעט זיינער, יעדער אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין משך פון מער ווי אַ מענטשנדור אין דער צייטשריפט „Critica

"Sociali", וועלכע ער גיט אַרויס, און אין דער טאָג-פּרעסע, זענען אַ מוסטער פון זאַכלעכקייט, געוויסנהאַפטיקייט, פּאָלקאָמענקייט. יעדעס ווערק זיינס איז באַלעבט פון טיפן סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס איז אייגן נאָר דעמיעניקן, וואָס לעבט מיט אַ וועלטאָנשויאונג און דוקא מיט אַ רעוואָלוציאָנערער וועלטאָנשויאונג. דאָס פאָלקסליד, וואָס ווערט אַממיינסטן געזונגען אין איטאַליע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אומצייליקע פּראָלעטאַריער אין דער גרעסטער באַגייסטערונג, זיי געפירט צום קאַמף, צום מעשימדיקן אידעאַליזם, דאָס ליד, וואָס ווערט געזונגען נישט נאָר אין די קרייזן פון די אָרגאַניזירטע און פון דער אַרבעטערשאַפט: „אָדער מיר וועלן לעבן פון אַרבעט, אָדער שטאַרבן אין קאַמף" — דאָסדאָזיקע ליד שטאַמט פון טוראַטי

און נישט געקוקט אויף זיין טיפער אויפפאַסונג, אויף זיין ביישפּיללאָזער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פון אַרבעטערקלאַס, האָט אים טוראַטי — לכל הפחות כּלפּי חוץ — געבראַכט מער שאָדן, ווי יעדער אַנדערער פון זיינע פירער

דיזעלבע קריטישע, אמתזוכנדיקע נאַטור, אדאַנק וועלכער ער האָט די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם געמאַכט פאַר זיין אייגענער און איבערגעריסן מיט זיין בירגערלעכער פאַרגאַנגענהייט, ווי קיינער פאַר אים, דידאָזיקע קריטישע נאַטור האָט אים, ווי אַסך פון זיינע לאַנדסלייט, אָפט געפירט צו האַנדלונגען און רייד, וואָס שטייען אין אַ סתירה צו זיין גאַנצער טעטיקייט, און וועלכע ער רופט אויפצומאָרגנס אָפּ פונקט דורך אַזאַ ערלעכער באַגייסטערונג. אויך דער עקל צו דער דעמאַגאָגיע האָט אים אָפט געבראַכט צו זאָגן ווערטער, וועלכע ער וואָלט ביי אַנדערע באַדינגונגען נישט געזאָגט. עס גייט אים אין דעם, אַז די אַרטעטער זאָלן תמיד האָבן אַ וואַכעדיקן אחריות-געפיל, באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַנטשיידנדיקע באַשלוסן, שטרייקן און דגל. אַז יעדער עפּיזאָד פון קלאַסנקאַמף זאָל באַטראַכט ווערן פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט פון רעוואָלוציאָנערער דערציאונג און פון דער פּראַקטיק פון קלאַסנקאַמף. זיינע טוגנטן — שנאה צו דעמאַגאָגיע, גלייכגילטיקייט לגבי דער עפנטלעכער מיינונג, פאַרשפּאָטונג פון דער פּאָפּו-

לאַריטעט — פאַרוואַנדלען זיך אָפט צוליב די דאָזיקע טעמים אין חסרונות.

דאָסזעלבע האָט זיך אומגעציילטע מאָל געטראָפן אין פאַרלאַמענט: צוליבן דראַנג צו ווידערשפּרעכן עמיצן פון זיינע אייגענע קרייזן, וועלכער פלעגט אים פאָרקומען צו אַפּאָדיקטיש, פלעגט טוראַטי אָפּגעבן דערקלערונגען, וואָס פלעגן פאַרפליען ווייט איבערן ציל, באַזונדערס בעתן קריג. דעריבער מעג דאָס אַפילו פאָרקומען פּאַראַדאָקסאַל: טוראַטי, וואָס זיין נאָמען איז אַזוי אָפט דערמאָנט געוואָרן אין פּאָליטישן לעבן פון איטאַליע, טוראַטי, וואָס קיינער האָט זיך אַזוי ערנסט נישט באַצויגן צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, ווי ער, איז נישט געשאַפן געוואָרן פאַר דער פּאָליטיק, קודם כּל נישט פאַר דער טעטיקייט אין אַ דעמאָקראַטיש-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס דיסציפּלין איז ביי איר די וויכטיקסטע פליכט. בלויז די גרויסע אָנערקענונג פון זיינע אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן, פון זיין מוט, פון זיין דורך און דורך סאָציאַליסטישן וועזן האָט באַוויגן אַ סך דעלעגירטע אויף אַ סך פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן אָפּצוגעבן פאַר אים די שטימע און ממילא אויך פאַרן רעפאָרמיזם.

די אומקאָמפּראָמיסלעכע ריכטונג, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו דער רעפאָרמיסטישער אָנגערופן געוואָרן „רעוואָלוציאָנערע“ איז צו יענער צייט פאַרקערפּערט געווען אין צוויי גרונטפאַרשיידענע און אין זייער פּאָליטישער אויפפירונג פאָרט ענלעכע מענטשן: אין קאָנסטאַנטינאָ לאַצאַרי און ענריקאָ פערי. לאַצאַרי, וועמען טוראַטי און זיינע נאָכפאָלגער האָבן שטאַרק אָנגעגריפן, איז געווען און בלייבט דער פולשטענדיקסטער און טיפּישסטער טרעגער פון דעמאָלטיקן קלאַסנסאָציאַליזם. צוערשט אַן אַרבעטער, דערנאָך אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר, שפּעטער אַ פּאַרטיי-פונקציאָנאַר, האָט לאַצאַרי פאַראייניקט אין זיך די געזונטע מוטיקע עמפּערונג פון פּראָלעטאַריער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטסאָרדנונג מיט אַ מאַרקסיסטישער און אַלגעמיין-סאָציאַליסטישער בילדונג, וואָס איז דערשטוינלעך פאַר אַן אויטאָדידאַקט פון יענער צייט. עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז לאַצאַרי, ווי אַ סך אַנדערע, האָט צום גרעסטנ-

טייל באַקומען זיין בילדונג אין תפיסה, ווו ער פלעגט נישט זעלטן אַריינפאַלן, ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי, ער האָט מיטגעאַרבעט אין איינער פון די ערשטע איטאַליענישע סאָציאַליסטישע צייטונגען „Lotta di classe“ און האָט קיינ־מאָל נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר זיין פאַרטיי און אין דערדאָזיקער פאַר דער „אומקאָמפּראָמיסלעכער“ פּראַקטיק; פאַר דערדאָזיקער לעצטער אין שטענדיקן העפטיקסטן קעגנזאַץ צו טוראַטי.

צו יענער צייט, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צו באַ־טייליקן אין דער איטאַליענישער באַוועגונג, האָבן זיך די קאַמפן פאַר און קעגן דעם רעפאָרמיזם צוגעשפּיצט צו טוראַ־טיס קאַמפן קעגן ענריקאָ פעררי.

שוין אין בריוסעלער אוניווערזיטעט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט ענריקאָ פעררי, ווו ער האָט מיט אַ שטורמישן דערפאָלג געפירט אַן אָנטקורס איבער סאָציאַלע קרימינאָלאָגיע און סאָציאַליזם. אָבער נישט געקוקט אויף זיין גרויסן רעדנערטאַלאַנט, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט פאַר די צוהערער אַריבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן דעם סאָציאַלן לעבן, דער וויסנשאַפט און דעם סאָציאַליזם, וואָס דאָס האָט גראָד מיר פאַרלייכטערט דעם אי־בערגאַנג צום סאָציאַליזם, בין איך דאָך נישט געווען אינ־גאַנצן באַפרידיקט (נישט געקוקט אויף מיין יונגקייט און פּאָ־ליטישער און וויסנשאַפטלעכער אומרייפקייט) פון זיינע שילדע־רונגען, פון זיין ווערן. אויך אין איטאַליע, ווו איך האָב אים אויך דערקענט אַלס אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר און רעדנער, האָב איך נישט געענדערט מיין באַציאונג צו אים. זיינע אָנ־שויאונגען און שילדערונגען זענען פאַר מיר געווען צו סכע־מאַטיש און צו עלעמענטאַר; זיין רעדנער־טאַלענט, וואָס האָט אַלע־מען מיטגעריסן, האָט פאַר מיר געהאַט עפּעס קאַלטעס און אויס־גערעכנטעס. און באמת, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פעררי האָט באַזונדערס צו יענער צייט אַ סך גערעדט וועגן מאַרקסיזם און אים אַרויסגעפירט פון ספּענסעריזם און דאַרוויניזם, איז ער אינערלעך פאַרט נישט געווען קיין מאַרקסיסט אין אמתן זינען

פון דאָזיקן וואָרט. דער מאַרקסיזם, קודם כּל די געדאַנקען, אויף וועלכע ער באַזירט, איז פאַר אים שוין דעמאָלט נישט געווען קיין וועלטאָנשויאונג, קיין פירנדיקער שטערן אין וויסנשאַפטלעכן שאַפן און אין פּערזענלעכן לעבן, נייערט די צופּאַסונג צו אַ גענעראַלער אידעע, וועלכע ער האָט דאַן גאַנץ איינטאָניק פּאָפּולאַריזירט.

דאָס וואָס האָט אונז, רעוואָלוציאָנערן, אָפּגעטיילט פון די דעמאָלטיקע רעפאָרמיסטן קען אפשר אַמבעסטן אַזוי פאָרמולירט ווערן: פאַר אונז האָט באַדייט אַלץ דער ע נ ד צ י ל, פאַר די אַנדערע—די א ו מ מ י ט ל ב אַ ר ע ד ע ר ג ר יי כ ו נ ג ע ן.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָלעמיק צווישן פערריאון טוראַטי, און פעררי האָט פאַרטיידיקט דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט קעגן טוראַטיס רעפאָרמיסטישן, איז ערשט דאַן אַרויסגעטרעטן אין איר גאַנצער בולטקייט זיין אויבערפלעכלעכקייט. דאָס איז מיר געווען נאָך פיינלעכער צוליב דעם, וואָס איך האָב געהערט צו די אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. נעמענדיק אין אַכט פעררי'ס גרויסע אויבערפלעכלעכקייט און דעם פאַקט, אַז פאַר אים איז דער סאָציאַליזם נישט געווען קיין וועלטאָנשויאונג, נאָר בלויז אַן אָנשויאונג, צו וועלכער ער איז, אגב, געקומען גאַנץ שפּעט, קען מען דעריבער נישט באַטראַכטן זיין וואַקלדיקע האַלטונג אין דער קריגספראַגע אַלס פּשוטע באַוווסטזיניקע בגידה, דערפאַר אָבער קען מען אַלס אַזאַ באַטראַכטן זיין פריינטלעכע באַציאונג צום פאַשיזם. שטענדיק פלעגט אין אים אומאָנגענעם באַרירן דער קעגנזאַץ צווישן גליענדיקער רעדנערקונסט מיט אינערלעכער קעלט, אפילו אויסגערעכנטקייט. אויך אין דעם איז ער אַ קעגנזאַץ צו טוראַטין, וועלכער האָט זיך תּמיד באַמיט אָנצוקליידן אין אַ מער ווי ניכטערנע פאָרם דעם אינערלעכן וואַרעמען געפיל צום סאָציאַליזם און צו מענטשן.

רעדט מען וועגן איטאַליענישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם דעמאָלטיקן יינגערן דור, דאַרף נשט פאַרגעסן ווערן דער נאָמען אַ נ ט אָ נ י אָ ל אַ ב ר י אָ ל אַ (מ'דאַרף אים נישט פאַרבייטן מיט דעם צווייטן סאָציאַליסטישן אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָר אַ ר ט ו ר אָ

לאַבריאָלאַ, וועלכער האָט דורכגעמאַכט צו פיל וואַנדלונגען אין זיינע טעאָרעטישע און פּאָליטישע אָנשויאונגען).

איינער פון די טראַגישסטע, פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַריאַט פאַטאַלסטע רעזולטאַטן פון דער אַלגעמיינער אומגערעכטיקייט און אומגלייכקייט פון קאַפּיטאַליזם איז דער פאַקט, וואָס די עקספּלואַטירטע קענען אַמווייניקסטן די-יעניקע, וועלכע האָבן אַממערסטן אויפגעטאָן פאַר זייער באַפרייאונג. דערדאָזיקער געדאַנק איז אין מיר אויפגעשווומען מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט טאַקע אין צוזאַמענהאַנג מיט לאַבריאָלאַ, ביים לייענען זיינע שריפטן, ביים גרויסן באַפרוכטנדיקן גענוס, וועלכן עס האָבן מיר פאַרשאַפט זיינע פאָרלעזונגען אין דעם אוניווערזיטעט און די פערזענלעכע אונטערהאַלטונגען מיט אים, און ביים טרויער, וועלכן איך האָב געשפּירט ביי זיין טויט און יעדעס מאָל, ווען איך פלעג באַזוכן זיין פּשוטן קבר אויף דעם רוימישן דייטש-טראָטעסטאַנטישן בית-עולם.

אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ איז אויף אייגענע וועגן, כדי נישט צו זאָגן אויף אומוועגן, געקומען צום מאַרקסיזם. ער האָט נישט איבערגענומען תיכף ומיד די מאַטעריאַליסטישע וועלטאָנשויאונג, נאָר ער איז דערגאַנגען צו איר דורך הערבאַרט, העגעל, דורך אַן אומוויטלבאַרן שעפּן פון די קוואַלן פון דער דייטשער פילאָזאָפיע. זיינע שטודיען, זיין ליבע צו דער דייטשער וויסנשאַפט, זיין מאַטעריאַליסטישע וועלטאָנשויאונג, זיין קריטישע באַציאונג האָבן אים פאַראייַנזאַמט אין זיין לאַנד און אין זיין אַקאַדעמישער סביבה, און היות זיין שפּרודלדיקער גייסט איז אויף אַזאַ אופן פאַרמשפּט געווען צו אומפּראָדוקטיווקייט, האָט ער געשפּירט אַ באַדערפעניש, לכל הפּחות בעת און נאָך זיינע פאָרלעזונגען איבער „מאָראַלפילאָזאָפיע", „געשיכטע פון סאָציאַליזם" און אַנדערע טעמעס צו געבן פרייהייט זיין לעבעדיקן, תמיד קריטיזירנדיקן גייסט. די אַרט פון זיין רעפערירן האָט דערמאָנט די אַנטיקע פילאָזאָפן, זיין אויסזען, זיין האַלטונג, זיין רעדנערקונסט זענען געווען פון אַ אַנטיקן רוימער.

דער גייסטיקער קאָנטאַקט צווישן אים און אונז איז

נישט אויסגעשעפּט געוואָרן מיטן סוף פון דער אָפּיציעלער לעקציע-צייט. פּראָפעסאָר לאַבריאָלאַ פלעגט זיך תמיד לאָזן באַגלייטן פון אַ מחנה אויסדערוויילטע אין קאַפע אַראַניאָ, וווּהין ער פלעגט רעגלמעסיק אַוועקגיין פון אוניווערזיטעט. ער פלעגט אַזוי צושמידן אונזער אויפמערקזאַמקייט דורך זיינע אויספירן און ער פלעגט אַזוי דערמוטיקן, מ׳קען אפילו זאָגן ממש אויפפאָדערן צו פרעגן, זיך אַרויסזאָגן, דיסקוסירן, אַז מ׳פלעגט ווערן מיטגעריסן און נישט וויסן, ווי אַזוי מ׳איז אָנגעקומען פון אַלטן ס א פּ י ע נ צ א צום באַלעבטן מאָדערנעם ק אָ ר ס אָ, ביז צו דער היסטאָריש-געוואָרענער קאפע אַראַניאָ, ווו עס פלעגט זיך אָפּשפּילן דאָס פּאַרלאַמענטאַריש-פּאָליטישע לעבן פון רוים און איטאַליע, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אינטעלעקטועלע און פּאָליטיקער פון אַלע מינים, און ווו אויך אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט...

דער שטודיום פון לאַבריאָלאַס ווערק פלעגט עפענען אַן אומדערשעפּלעכן אוצר פון וויסן און דערקענטנישן; אָבער נאָך מער אָנרעגונג, ווי זיינע שריפטן, פלעגן געבן זיינע פּאָרלעזונגען דורך די מונדלעכע גלאָסן און באַמערקונגען, וועלכע די אוממיטלבאַרע סביבה פלעגן אים סוגעסטירן, דורך די אידעענאַסאָציאַציעס, וואָס פלעגן זיך שאַפן אין משך פון דער לעקציע, דורך די גייסטרייכע, אָפטמאָל אומברחמנותדיק-סאַטירישע אורטיילן. אַלדאָס אויבערפלעכלעכע, אַלדאָס קליינבירגערלעכע, אַלץ, וואָס איז נישט געשטאַנען אין הסכם מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאָנשויאונג, פלעגט אַרויסרופן זיין ביטערסטע איראָניע. באַזונדערס אומברחמנותדיק איז ער געווען לגבי זיינע אייגענע לאַנדסלייט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען בלויז געציילטע מאַרקסיסטן.

זיין גייסטיקע איינזאַמקייט. די נישט דערשאַצונג פון זיין פּערזענלעכקייט האָבן אַרויסגערופן ביי אים נישט ווייניק ביטערע באַמערקונגען און האָבן אים געשטויסן אָנצוקניפּן אַ נאָענטערן קאָנטאַקט מיט זיינע סטודענטן און צוהערער. לאַבריאָלאַ האָט טיף באַאיינפלוסט די אינטעלעקטועלע גענעראַציע פון זיין צייט און אויב ער האָט אפילו נישט אָפּט דירעקט געהערט צום אַרבעטערקלאַס אָדער אוממיטלבאַר גע-

ווירקט צווישן אים, האָט מען אָבער, אָן ספק, אים צו פאַר-
דאַנקען, וואָס אַ סך אינטעלעקטועלע זענען איבערן וועג פון
דער וויסנשאַפט געקומען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג,
און וואָס די-יעניקע, וועלכע זענען שוין פון פריער געשטאַ-
נען אין אירע רייען, האָבן באַקומען אַ טיפערע פאַרשטענדע-
ניש פאַרן סאָציאַליזם און פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג.
לאַבריאָלאַס אייגנטלעכע ווערבירונגס-קראַפט איז באַ-
שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פאַרמינערט
די ווערדע פון דעם אַרבעטערקלאַס אָדער פון דער וויסנשאַפט
דורך וועלן געווינען די אינטעלעקטועלע דורך פרימיטיווע מיט-
לען פאַרן סאָציאַליזם אָדער דורך פירן פראָפּאַגאַנדע און אַגי-
טאַציע אין געוויינלעכן זינען פון דידאָזיקע ווערטער. פאַר-
קערט, מרמז-זייענדיק אויף אַנדערע קאָלעגן, קודם כל אויף
ענריקאָ פעררי, פלעגט ער זאָגן: „ווער עס אַגיטירט אין די
אוניווערזיטעטן צווישן די סטודענטן פאַרן אכטשעהדיקן אַר-
בעטס-טאָג, דאַרף אַריינגעזעצט ווערן אין אַ משוגעים-הויז”.
לאַבריאָלאַ איז געווען צו פיל אַריסטאָקראַט פון דער
וויסנשאַפט און פון דעם סאָציאַליזם, צו שטאַרק איבערצייגט
געווען אין פראָלעטאַריאַטס היסטאָרישער מיסיע, צו פיל
דורכגעדרונגען פונם גלויבן אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון
דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און אין דער קלאַסנשיידונג פון
מענטשלעכן דענקען און האַנדלען, ער זאָל אַ ג י ט י ר ן
צווישן די בירגערלעכע אָדער קליינבירגערלעכע עלעמענטן.
ב אַ ו וי י ז ן א ו ן א י ב ע ר צ יי ג ן, אָט וואָס עס איז געווען
זיין מיסיע, און דאָס איז אים געלונגען ווי זעלטן ווער.
אויפדעקן די טיפקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די פּראָ-
בלעמען, קריטיש צעשטיקלען אַלדאָס איבערליפערטע, אַלע
האַלבע אמתן און אויבערפלעכלעכע אויספירן, אָנווייזן אויף
נייע וועגן, אויפדעקן דעם דיאַלעקטישן אַנטשטייאונגס-וועג
פון דענקען און געשעען, אָנווענדן דידאָזיקע אונטערגראָ-
בערישע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן פאָרשן
און אַזוי אַרום מעגלעך מאַכן פאַרן שילער דעם וועג צו גע-
וויסע אויספירן, נישט מאַכנדיק אויף אים קיין שום פּסיכאָלאָ-
גישן צוואַנג: דאָס איז געווען לאַבריאָלאַס מעטאָד... די ווער-

טער, מיט וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אַ ציקל פאָרלעזונגען איבער מאָראַלפילאָזאָפיע, וואַרפן אַ העל ליכט אויף זיין מע־טאָד: „מיינע הערן, אין משך פון מיינע פאָרלעזונגען האָב איך אייך אויפגעוויזן, אַז די היינטיקע געזעלשאַפטסאָרדנונג טיילט איין די מענטשהייט אין עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטאַטאָרן. צו קעמפן מיט די ערשטע קעגן די צווייטע איז אַן אַדעליקע זאַך. דאָס זאָג איך אַלס פּראָפעסאָר פון מאָראַלפילאָזאָפיע. מער האָב איך נישט וואָס צוצוגעבן...״

צי אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַס אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן זע־נען געווען דער רעזולטאַט פון זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט אָדער פאַרקערט, איז שווער צו זאָגן. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז ער איז געווען אַ לערער אַ נייטשאַפער. ער האָט תמיד געלערנט, אָבער קיין זאַך האָט ער אַזוי נישט פיינט געהאַט ווי אָפיציעלע לערעריי. צווישן אים און זיינע שילער האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַ סאָקראַטישע באַציאונג. אויך די באַשיידנסטע און איינגעהאַלטנסטע צווישן זיי האָבן דורך זיין באַנעמונג באַקומען מוט גובר צו זיין זייער שעמעוודי־קייט און קומען מיט אים אין נענטערע באַציאונגען. צווישן די באַזוכער פון זיינע לעקציעס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרענדיקט זייער שטודיום. אויך אַ סך מאַגאַכן און סטודענטן, וועלכע האָבן זיך געפו־נען אין מיליטער־דינסט, האָבן באַזוכט זיינע פאָרלעזונגען. אַנדערע ווידער פלעגן קומען צוליבן גייסטיקן געניוס, צוליבן סאָציאַליסטישן אינהאַלט. דער דורשט נאָך וויסן, אָבער נישט די דיפּלאָם־זוכעריי האָט צוזאַמענגעפירט די מיינסטע צוהערער פון זיינע פאָרלעזונגען. צו יענער צייט זענען אַ סך פאָרלעזונגען אין דעם רוימישן אוניווערזיטעט געווען עפנטלעכע און פריי־צוטריטלעך, וואָס דאָס פלעגט זיי צוגעבן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. נישט דורך איינצאָלן געלט און נישט דורך אויס־פירן גייסטטויטנדיקע פאָרמאַליטעטן, נישט דורך וועלכע ניסט איז פּריווילעגיעס פלעגט מען צוקומען צום מקור פון העכסט און טיפסטן געניוס, ווי דאָס זענען געווען די פאָרלעזונגען פון אַ לאַבריאָלאַ, נאָר אויפן גרונד פון אַלגעמיין־מענטשלעכן רעכט אויף וויסן און אמת.

אויך די אָרדנטלעכע צוהערער האָבן כמעט נישט געדאַרפט אויספירן קיין שום פאָרמאַליטעטן. לאַבריאָלאַ פלעגט אַבסאָלוט נישט מאַכן קיין שום אונטערשייד צווישן די פאַרשי־דענע קאַטעגאָריעס פון זיינע צוהערער. כאָטש זיין אַלץ־זעענדיק, שאַרף אויג פלעגט אַנטדעקן און לייגן אַכט אויף דייעניקע, וועלכע פלעגן אים צוליב דעם אָדער אַן אַנדער גרונד פאָרקומען אינטערעסאַנט, באַגאַבט אָדער באַזונדערס אַנטוויקלונגס־פעאיק. ער האָט געשפּירט אַ דראַנג זיך נענטער צו באַקענען מיט זיי און זיי אַריינציען אין קרייז פון זיין אוממיטלבאַרער פערזענלעכער השפעה. —

דידאָזיקע גאַנצע באַציאונג, ווי אויך דער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דעם רוימישן אוניווערזיטעט, דער פאַקט, וואָס אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטן, ווי לאַבריאָלאַ און ענריקאָ פעררי, קענען האַלטן עפנטלעכע פאָרלעזונגען, — דאָס אַלץ האָט פאַר אַזאַ ווי איך, וואָס האָט אוממיטלבאַר פאַר דעם שטודירט אין דעם בערלינער און לייפּציקער אוניווערזיטעטן, געמוזט האָבן אַ באַזונדערן חן.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב זיך אַנטשלאָסן אָנצושליסן זיך אָן קרייז פון די־יעניקע, וואָס האָבן נאָך די פאָרלעזונגען אין אוניווערזיטעט געגאָסן אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַס אָנרעגנדיקע געזעלשאַפט. דערצו האָט ער מיך, אגב, נישט נאָר אויפ־ נאָר ממש אַרויסגעפאָדערט, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט די אַלע נייע צוהערער, וועלכע פלעגן מיט וואָס נישט איז אויפוועקן זיין אינטערעס אָדער זיך האַלטן באַזונדערס שעמעוודיק. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט ער מיר געשטעלט דירעקטע פראַגעס און ענדלעך מיך אַריינגעצויגן אין אַ געגנויעם שמועס וועגן דער איבערזעצונג פון אַ יורידיש ווערק, וועלכעס איך האָב בשעתו געמאַכט. גאָר גיך זענען דידאָזיקע שמועסן געוואָרן אַ געוווינהייט; אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ האָט ממש געזוכט מאַרקסיסטישע חברים, בפרט אַזעלכע, וועלכע זענען באַקאַנט געווען מיט די דייטשישע גייסטיקע שטרעמונגען.

ווען ער האָט איינמאָל אויף זיינער אַ לעקציע מיטגעבראַכט אַ נאָר־וואָס דערשינענע מאַרקסיסטיש ווערק — אויב איך

האָב קיין טעות נישט, אין דער פראַנצויזישער שפּראַך — האָט ער מיך צוגערופן צו זיין טיש און באַמערקט נישט אָן ביי־טערקייט: „אין איטאַליע בין איך מאַרקס׳ צוואה־אויספירער; ווען איך וועל שטאַרבן, וועט איר דאָס זיין פון מיינער".

וועגן דידאַקטיק ווערטער, ווי בכלל וועגן אַלץ, וואָס איך האָב צו פאַרדאַנקען אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ, פלעג איך שטענדיק טראַכטן מיט אַ באַזונדערער דאַנקבאַרקייט דאַן, ווען עס פלעגט מיר קומען צום באַוווסטזיין, אַז מיר איז געלונגען צו פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן מאַרקסיסטישע אידייען...

* *

*

זינט איר גרינדונג איז די איטאַליענישע פּאַרטיי כמעט אויסשליסלעך אָנגעפירט געוואָרן דורך רעפאָרמיסטן. דער באַ־גרינדער און הויפּטרעדאַקטאָר פון דעם אין 1896 געגרינדעטן צענ־טראַל-אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, „אוואַנטי!", איז געווען ב י ס־ס אָ ל אַ ט י, נעבן טוראַטי דער באַדייטנדיקסטער פירער פון רעפאָרמיזם. דאָס בלאַט פלעגט תמיד ווידער אַריבערגיין אין זיינע הענט צוליבן פּרעסטיזש, אַכטונג און אָנערקענונג, וועלכע דערדאָזיקער אָנפּניותדיקער, מוטיקער, איידעלער מענטש, וואָס האָט געשטעלט אין דינסט פון דער אויפוואַכנדיקער אַר־בעטער־באַוועגונג זיין וויסן און זיין רייכן טעמפּעראַמענט, האָט גענאָסן ווייט איבער די גרעניצן פון דעם אָרגאַניזירטן פּראָ־לעטאַריאַט. אויך די פּאַרטייפירונג איז אָנגעטרויט געוואָרן די רעפאָרמיסטן.

די פאָרשטייער פון דער מינדערהייט, פון דער רעוואָ־לוציאָנערער ריכטונג האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוזאַמענ־צוגיסן אין אַ גרופּע אין דער פּאַרטיי, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צום פּאַרטיידיקן די הנחות פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם קעגן אָפּאָרטוניזם, סיי דעם רעפאָרמיסטישן, סיי דעם סינדיקאַליסטישן. די סינדיקאַליסטיש אָריענטירטע עלע־מענטן אונטער דער פירונג פון ל ע אָ נ ע ל אַ ב ר י אָ ל אַ, זענען שוין דערווייטערט געוואָרן פון דער פּאַרטיי דורכן קאָנ־גרעס אין רוים אין 1908.

היות אונזער גרופּע איז אַנטשטאַנען צוליב פּאַרטיידיקונגס־צוועקן, האָט זי גיכער געטראָגן אַ נעגאַטיוון, ווי אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער, און דעריבער האָבן זי די רעפאָרמיסטן, וואָס האָבן געזען דאָס פּאָזיטיווע בלויז אין דעראָבערונג פון מאַטעריעלן נוצן און אין אויפבוי פון מאַטעריעל־ממשותדיקע אינסטיטוציעס, געהאַלטן פאַר עקרדיק. ערשט אין 1911 איז דידאָזיקע גרופּע געוואָרן אַן אמתע פראַקציע, וואָס האָט אויך פאַרמאָגט איין אייגענעם אָרגאַן, די „סאַפּפּיטאַ" (קוטשע) — מיר האָבן די צייטונג אַזוי אָנגערופן דערפאַר, ווייל דזשיאָליטי האָט דערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז די סאָציאַליסטן האָבן מאַרקסן פאַרשפּאַרט אין אַ קוטשע, און מיר האָבן געוואָלט דערווייזן, אַז מאַרקס האָט זיך לחלוטין נישט געפונען אין קיין קוטשע — דערביי מוז מען באַמערקן, אַז מיט דעם, וואָס ווערט ביי היינטיקס טאָג אָנגערופן פראַקציע, האָט זי געהאַט זייער ווינציק געמיינזאַמעס. צו די מיטלען, מיט וועלכע זי האָט זיך באַנוצט, האָבן נישט געהערט נישט דיפּלאָמאַטיע און נישט קיין פּאָליטישע אינטריגעס. זי האָט געפירט אַן אָפענע פּראָפּאַגאַנדע און אַרויסגעוויזן לאָיאַלע דיסציפּלין לגבי דער פּאַרטיי־מערהייט. פון די באַקאַנטע פירערס פון דידאָזיקע גרופּעס וועל איך אָנרופן ל ע ר ד אַ, וועללאַ, ל אַ צ אַ ר י, אַ ל ע ס אַ נ ד ר י, מ ו ס אַ ט ט י. איך פון מיין זייט האָב דורך מיין מיטאַרבעט אין דער „ס אַ פּ פּ י ט אַ" דערגאַנצט די טעטיקייט, וועלכע איך האָב זייט אַ לאַנגער צייט אַנטוויקלט צווישן די מאַסן פאַר די מאַקסימאַליסטישע אידעען.

ווען אין 1912 האָט געזאָלט פאָרקומען דער ק אָ נ ג ר ע ס א י ן ר ע ד ז ש י אָ ע מ י ל י אַ, האָט אונזער פראַקציע, צו וועלכער עס זענען אינצווישן צוגעשטאַנען אויך ס ע ר ר אַ ט י און מ ו ס ס אָ ל י נ י, געגלויבט, אַז מיר וועלן זיך קענען פאַרמעסטן מיט די כוחות מיט דער פריער אַ סך שטאַרקערער ריכטונג פון די רעפאָרמיסטן. פונדעסטוועגן איז פאַר אונז אַלע געווען אַן איבעראַשונג דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, וואָס האָט אונז געגעבן אַ מערהייט אין דער פּאַרטיי, די אומדערוואַרטע שנעלע אַנטוויקלונג פון אונזער ריכטונג האָט זיך געלאָזט ערקלערן דערמיט, וואָס די שטע־

לונג צום טריפּאָליס־קריג האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין דער רעפאָרמיסטישער שטרעמונג גופא, וואָס האָט בזעיר אנפּין אַנטשפּראָכן דער שפּאַלטונג פון דעם סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל דורכן אימפּעריאַליסטישן רויבצוג פון וועלטקריג. אייניקע פון די פירנדיקע רעפאָרמיסטן, ווי ביססאָלאַטי, קאַב־ריני און פּאָדרעקקאַ, זענען נישט מספּים געווען מיט דער אַנ־טימלחמה־שטעלונג פון דער פּאַרטיי. דורך רעדעס אין און מחוץ דעם פּאַרלאַמענט האָבן זיי באַקעמפט דידאָזיקע שטע־לונג, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן שוין פאַרן קאָנגרעס גרויס אומצופרידנקייט אין דער פּאַרטיי און דאָס איז לעבהאַפט דיס־קוטירט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון אַלע סאָציאַליסטישע צייטונגען. נישט נאָר מיר „אומקאָמפּראָמיסלעכע״ האָבן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט, נאָר אויך די מערהייט פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן געפאָדערט ענערגישע מיטלען קעגן די, וועלכע האָבן גע־טראָטן מיט די פיס די דיסציפּלין און די גרונדהנחות פון דער פּאַרטיי.

איינער פון די שאַרפסטע רעדנער פון די „אומקאָמפּראָ־מיסלעכע״ איז געווען מ ו ס אָ ל י נ י. ער האָט פאָרגע־לייגט אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אויס־צושליסן פון דער פּאַרטיי ביססאָלאַטין, קאַברינין און פּאָדרעק־קאָן. דאָס, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דידאָזיקע רע־זאָלוציע, האָט באַזיגלט דעם גורל פון אונזער פראַקציע: זי האָט געדאַרפט איבערנעמען די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי! איך דערמאָן זיך די העפטיקע דעבאַטן, וועלכע מיר האָבן געפירט אויף אַ פולגעפּאַקטער פראַקציע־זיצונג אינאָוונט ערב דער ענטגילטיקער אָפּשטימונג און דעם איבערנעמען די פּאַר־טייאָנפירונג. פאַר דער אָפּשטימונג האָט געזאָלט נעמען דאָס וואָרט צו איין רעדנער פון די פאַרשיידנסטע פראַקציעס, און פון דער רעוואָלוציאָנער־אומקאָמפּראָמיסלעכער פראַקציע בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס רעדנער.

אין דעם אַריינפיר צו דער פּאָליטישער טייל פון מיין רעדע האָב איך באַטאָנט, אַז נאָר אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי ווי די סאָציאַליסטישע, וואָס באַזיצט אַ פּרינציפּיעלע פּראָגראַם און לייגט איר האָפנונג אויפן נצחון פון דעם אַרבעטערקלאַס,

קען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי מענטשן, וואָס האָבן אויפגעטאָן אַזויפיל באַדייטנדיקס, יאָ, אַפילו פיאָנערישעס, ווי איינציקע פון די, וואָס מיר פאָדערן איצט זיי אויסצושליסן. איצט קומט מסתמא דידאַקטיקע באַציאונג אויס מאָדנע — ווער באַציט זיך נאָך היינט ערנסט צו די אויסשליסונגען פון די פריערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען? דאַן האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן אַ ערנסטן, פּאָליטיש און מאָראַליש שווערוואָגיקן מיטל, אין איך האָב באַטראַכט אַלס רעוואָלוציאָנערע פליכט און אפשר אויך אַלס צוועקמעסיק פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט — צו שיידן דאָס פּאָליטישע פון פּערזענלעכן. דאָס צוריבן די השפּעה ביי אַ ריכטונג דורך זידלען און פאַרשוואַרצן אירע פירער, איז פונקט אַזאַ אומווירדיקער ווי צוועקלאָזער מעטאָד, וועלכער קען אָנגעווענדט ווערן בלויז דורך די־יעניקע, וואָס גלויבן נישט אין פּראָלעטאַריאַט, נאָר זיי ווילן אים באַהערשן.

אַז די שטעלונג פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, אַז די מאַסן האָבן געהאַנדלט פון אייגענער איבערצייגונג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויך ביים פאָלגנדיקן פאַל. ווען ביסאָלאַטי, דער אַמאָל פאַרגעטערטער גרינדער פון דער פּאַרטיי, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון איר צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, האָבן זיך די מאַסן דערווייטערט פון אים. און ווען ער האָט בעתן אימפּעריאַליסטישן וועלטקריג דורכגעמאַכט די באַקאַנטע נאַציאָנאַליסטיש־פּאַטריאָטישע וואַנדלונגען, איז ער שוין דעם פּראָלעטאַריאַט געווען אינגאַנצן פרעמד. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געוווסט, אַז ביסאָלאַטי האָט נישט געענדערט זיין מיינונג צוליב בגידה אָדער קאַריעריזם; אָבער פּונקט אַזוי גוט האָט דער פּראָלעטאַריאַט געוווסט, אַז ער האָט אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן אַרבעטערקלאַס, מיט זיין אידעאָלאָגיע, מיטן גלויבן אין זיין מיסיע און אין זיין צוקונפט. אויף אַזאַ אופן האָט ביסאָלאַטי פאַרענדיקט זיין לעבנסוועג גאַנץ פאַראיינזאַמט, און אפשר אויך מיט ביטערער אַנטוישונג. —

ווי איך האָב שוין דערמאַנט, איז די פרייד פון די פירער פון די „אומקאָמפּראָמיסלעכע" צוליב דעם אומדערוואַרטן

נצחון נישט געווען באַוונדערס גרויס, און נעמלעך דערפאַר, ווייל עס האָבן אונז געפעלט די אַזויגערופענע באַקאַנטע פירער. און קודם כל א אַנטשפּרעכנדיקע קראַפט פאַר דער רעדאַקציע פון אונזער צענטראַל-אָרגאַן. ביז דעם נצחון פון אונזער פראַקציע איז זי אָנגעטרויט געווען דעם אויסגעצייכנטן זשור-נאַליסט ק ל ו י ד י אָ ט ר ע ו ו ע ס, דעם גייסטיקן פירער פון רעפאָרמיזם. איך דערמאַן דידאָזיקע פאַרלעגנהייט צוליב א שעף-רעדאַקטאָר דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט גרויסע פאָלגן נישט נאָר פאַר אונזער באַוועגונג, נאָר אויך פאַר דער אַנט-שטייאונג און מאַכטאַנטוויקלונג פון איטאַליענישן פאַשיזם אונ-טער מ ו ס אָ ל י נ י ס פירונג!

# בעבעל און זשאָרעס.

גלייכצייטיק מיטן אויסוויילן מיך אין איטאַליענישן פאַרטיי-קאָמיטעט, האָט מען מיך אויך געשיקט אַלס פאַרטרעטער פון דער איטאַליענישער פאַרטיי אין ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכן איך האָב שוין, אגב, פריער געהערט אַלס פאַרטרעטער פון דער פאַרטייאָנפירונג פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב נישט צוגעשריבן קיין באַזונדערע באַדייטונג דערדאָזיקער אינסטיטוציע און במילא אויך נישט מיין טעטיקייט אין איר. זי איז פאַר מיר געווען אַזויצוזאָגן אַ דערגאַנצונג פון דער טעטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אַ מין אויבערסטרוקטור, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן. מיין דאָזיקע באַציאונג האָט נישט געשטאַמט דערפון, וואָס איך האָב זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צום אינטערנאַציאָנאַלן דענקען און האַנדלען, נאָר גראָד פאַרקערט. היות ווי איך האָב תמיד געלייגט דעם הויפטגעוויכט אויף דער שטעלונג און דעם האַנדלען פון די מאַסן און די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן האָב איך נאָר באַטראַכט אַלט צווייטראַנגיקע, קאָאָרדינירנדיקע און אויספירנדיקע אָרגאַנען, איז דאָס דורכדרינגען די מ אַ ס ן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן קלאַסנבאַוווסטזיין געווען פאַר מיר דער עיקר. מיר קומט אויך פאָר, אַז די מייסטע מאַרקסיסטן פון יענער צייט האָבן געהאַט דיזעלבע באַציאונג, און אַז די קריטיק, מיט וועלכער מ'טרעט איצט אַרויס קעגן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל נעמט זיך דערפון, וואָס די דערפאַרונגען, וועלכע מ'האָט אָנגעזאַמלט זייט דעם קריגס-אויס-

גרוך, ווארפט מען אונטער דער פארגאנגענהייט — און מ'וויל דווקא האבן, אז מ'האט פאראויסגעזען דעם שענדלעכן דורכפאל פון צווייטן אינטערנאציאנאל בעת דער וועלט-מלחמה. פאר דער מלחמה און איר טראגישן, שענדלעכן סוף זענען נאר געווען געציילטע פארשטייער פון פארשיידענע ריכטונגען, וועלכע זענען צוליב פארשיידענע טעמים געווען אומצופרידן מיט די אנפירער פון אינטערנאציאנאל. איינע, צוליב פראקטישע טעמים, אנדערע, צווישן זיי ל ע נ י ן, ר א ז א ל ו ק ס ע מ-ב ו ר ג, ק א ר ל ל י ב ק נע כ ט, צוליב טעארעטישע טעמים און ווייל זיי האבן באשולדיקט דאס ביורא אין צופיל ביורא-קראטיזם. איך אבער האב תמיד געהאלטן — און די דערפא-רונגען פון די לעצטע יארן האבן נאך מיין מיינונג באפעס-טיקט — אז יעדע ארגאניזאציע, וועלכע שטייט אין דער שפיץ פון אנדערע, באזונדערס דאן, ווען זי איז אן אינטער-נאציאנאלע, מוז זיין ביוראקראטיש. לויט מיין מיינונג איז דער פעלער פון די ביורא-אנפירער געלעגן נישט נאר אויפן דא-זיקן געביט. חוצדעם פאלט די אחריות אויך אויף די איינצלנע פארטייען, וועלכע האבן געהערט צום אינטערנאציאנאל. דאס פארברעכן לגבי דעם וועלטפראלעטאריאט, זיין אייגענעם זעלבסט-מארד, איז דער צווייטער אינטערנאציאנאל באגאנגען דורך זייז שטעלונג צום וועלט-קריג.

אזוי ווי איך האב די טעטיקייט אינם אינטערנאציאנאלן ביורא באטראכט אלס דערגאנצנדיקע, ד. ה. צווייטראנגיקע, האבן זייער ווייניק עפיזאדן איבערגעלאזן אין מיין זכרון א וועלכן נישט איז שפור. צו די מיטגלידער פון ביורא, וואס האבן געמאכט אויף א טיפן איינדרוק דורך דער קראפט און הארמאניע פון זייער ביז גאר פארשיידענע נאטורן, האבן געהערט ב ע ב ע ל און ז ש א ר ע ס. דאס, וואס מען זוכט אין מענטשן, דאס וואס ציט אונז צו צו זיי, איז — פונקט ווי אין קונסטווערק — די הארמאניע. וואס ארומנעמענדיקער עס איז די אידעע, וועלכע א מענטש פארקערפערט, אלץ מער לעכצט מען נאך הארמאניע צווישן ווארט און טאט, אפשר גראד דערפאר, ווייל עס איז אזוי שווער צו דערגרייכן דידא-זיקע הארמאניע... בעבעל און זשארעס זענען געווען גרונד-

פאַרשיידענע נאַטורן, זיי האָבן זיך אָבער דערגאַנצט איינער דעם צווייטן, ווייל יעדער פון זיי האָט געשטעלט זיין גאַנצן „איך" אין דינסט פון אַ אידעע. זייער גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם געבאָט פון זייער געוויסן און זייער מעכטיקע, דערדריקנדיקע אינדיווידואַליטעט האָבן זיי אינגאַנצן געלאָזט פאַרזינקען אין דער מאַסנבאַוועגונג. און ווייל זיי האָבן דאָס געטאָן אַזוי נישט על-תנאי, האָבן זיי, נישט ווילנדיק, געשאַפן זייערע ווערטער און מעשים אַן אינדיווידועלן חותם און געלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

נישט קיין ווינציקער געוואַלטיקן איינדרוק האָט געמאַכט וויקטאָר אַדלער, כאָטש זיין פּערזענלעכקייט איז גראָד אויף די ביוראָ-זיצונגען פון יענעם פעריאָד ווינציק געקומען צום אויסדרוק. בעבעל און זשאָרעס האָבן פאַרקערפּערט די באַוועגונג פון צוויי לענדער, וואָס זייער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונגס-וועג האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון וועלט-סאָציאַליזם, זיי האָבן אויך פאַרקערפּערט די צוויי שטרעמונגען, אין וועלכע דער סאָציאַליזם איז צעפאַלן פאַר דער מלחמה. איינער איז געווען דער סימבאָל פון דייטשן מאַרקסיזם אין געדאַנק און טאַט, פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנבאַוווסטזיניקן, דייטשן פּראָלעטאַריאַט, בעת דער צווייטער האָט פאַרשטאַנען די קונסט אָנצופילן מיטן אָפּקלאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דעם דעמאָלטיקן קליינבירגערלעכן פראַנצויזישן סאָציאַליזם, וואָס האָט אין וואָרט און טאַט געהאַט אַ נייגונג צו קאָמפּראָמיסן. צוליבן דאָזיקן גרונד האָב איך זיך אפשר נישט תמיד באַצויגן גאַנץ אָביעקטיוו צום רעדנערישן און פּאָליטישן דועל פון די דאָזיקע צוויי אָנפירנדיקע גייסטער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. ביי בעבעלן פלעגט באַצויבערן די פּשוטקייט פון אויסדרוק, דער שטרענגער ערנסט פון זיינע מיינונגען, די פיינע איראָניע, מיט וועלכער ער פלעגט קענען אָפּפרעגן אַלץ, וואָס נאָר ס'האָט נישט געהערט צום אַרסענאַל פון מאַרקסיסטיש-געשולטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס, זיין אומברחמנותדיקע קריטיק אויף די שוואַכע זייטן פון דער באַוועגונג, זיין פאַראַכטונג צו דער

פראַזע און יעדן שפּור פון דעמאַגאָגיע. ער איז פאַר מיר געווען די פאַרקערפּערונג פון אַרבעטערקלאַס, וואָס רייסט זיך אינדערהויך פון נויט און גייסטיקער פינסטערניש, וואָס שטייט העכער, ווי לאַסאַל האָט עס פאָרמולירט, פון די חסרונות און שוואַכקייטן פון הערשנדיקן קלאַס, און געטראָגן פון אַ גרויסער, קריטישער, זיג־זיכערער, וויסנשאַפטלעכער אידעע, קען ער זיך אָפּזאָגן פון קליינע מיטלען, אינטריגעס און הינטערטרעפּ־פּאָליטיק. בעבעל האָט אין זיך פאַרמאָגט די גייסטיקע און מאָראַלישע העכערקייט פון אַ וועזן, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם שווערן, אין־דער־פינסטער־טאַפּנדיקן, אָבער שטאָלצן און בכבודן וועג פון דעראָבערן די רעוואָלוציאָנערע וועלטאָנשויאונג. זיין גאַנצע באַנעמונג, זיין יעדעס וואָרט, יעדער זשעסט האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון גרויסן רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסט פון דעם מוסטערהאַפטן דייטשן אַרבעטער־קלאַס. ביז איצט איז ער נאָך געבליבן פאַר מיר דאָס האַרמאָנישסטע וועזן, וועלכעס איך האָב ווען נישט איז געקענט, און וואָס נעענטערט זיך אַממייסטן צום אידעאַל, וועלכן מיר שאַפן זיך פון אַ מענטשן און אַ רעוואָלוציאָנער. מעסטנדיק לויט אים, זענען מיר פאָרגעקומען גאַנץ קליין און קליינלעך אַזויפיל מענטשן, וואָס, ריין אויסערלעך גענומען, האָבן זיי זיך געקענט גלייכן מיט אים...

זשאַרעס' גרויסקייט האָב איך זיך ערשט אויסגעלערנט שעצן ביסלעכווייז — און פולשטענדיק אפשר ערשט נאָך זיין טויט — און אַלץ העכער, וואָס מער מיר איז קלאָר געוואָרן, וויפל פשוטקייט, וויפל זעלבסטפאַרלייקענונג עס איז געלעגן אין זיין באַציאונג צום סאָציאַליזם, וואָס מער איך האָב איינגעזען, סאַראַ לײדנשאַפטלעכן פייער פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט עס האָט פאַרבאָרגן אין זיך זיין עקלעקטיציזם, סאַרא זעלבסטפאַרלייקענענדיקע אַסקעזע עס איז געלעגן אין זיין פּראַקטישן אָדער ריכטיקער — טאַקטישן אָפּאָרטוניזם. די איינציקייט פון דער פּאַרטיי איז פאַר אים געווען די גרונדבאַדינגונג פון סאָציאַליסטישן נצחון, איר האָט ער אונטערגעוואָרפן אַלץ. ער האָט זיך געפילט בלויז אַלס באַשיידענער, גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד

פֿון דער גרויסער קאַמפּס־אַרמיי פֿון סאָציאַליזם. ווען מען גיט אַ קלער וועגן זשאָרעס׳ דערשטוינלעך פֿילזײַטיקער באַגאַבטקייט, וועגן דער טיפֿקייט און פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון זײַן וויסן, וועגן דער פֿעסטקייט פֿון זײַן ווילן, וועגן זײַן שאַפֿנסקראַפֿט, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערוט, וועגן זײַן פּאָעטישער באַוואוסטזיניקער טעטיקייט אויף די פֿאַרשיידנסטע געביטן פֿון מענטשלעכן וויסן, מוז מען זיך זאָגן, אַז אַ גייסט ווי זײַנער האָט געקענט באַפֿרידיקט ווערן בלויז דורך דער וועלט־צעשמעטערנדיקער, אַלע געביטן פֿון מענטשלעכער טעטיקייט אַרומכאַפּנדיקער באַוועגונג פֿון סאָציאַליזם.

ווען מ׳זאָל ב ע ב ע ל ן און ז ש אָ ר ע ס ן באַזונדערס רימען דערפֿאַר, וואָס נישט געקוקט אויף דעם אָרט, וועלכן זיי האָבן דעראָבערט אין וועלטפּראָלעטאַריאַט און אין פּאָליטישן לעבן פֿון זייערע לענדער, זענען זיי דאָך געבליבן אײַנפֿאַך און צוטרויטלעך פֿאַר אַלעמען, וואָלט דאָס געווען פּונקט אַזוי געשמאַקלאָז, ווי ווען מ׳האָט נאָך ל ע נ י נ ס טויט באַוווּנדערט, וואָס נישט געקוקט אויף דער מאַכט, וועלכע ער האָט באַזעסן, האָט ער געלעבט און איז געשטאָרבן אַלס „אײַנפֿאַכער" „אָרעמער" מענטש. אַז מענטשן, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דער סאָציאַליסטישער וועלטאַנשויאונג קענען האָבן פֿאַר די אויסערלעכע באַקוועמלעכקייטן פֿון לעבן בלויז גלײַכגילטיקייט און פֿאַראַכטונג, איז אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. סיי בײַ בעבעלן, סיי בײַ זשאָרעסן און לענינען האַנדלט זיך נישט וועגן יענער אײַנפֿאַכקייט, וועגן יענעם דעמאָקראַטיזם, וועלכן מ׳פֿאַרשטייט געוויינלעך אונטערן דאָזיקן נאָמען. נישט דאָס, וואָס די דאָזיקע באַדײַטנדיקע מענטשן זענען גרייט געווען צו קומען מיט יעדערן אין באַרירונג און זענען געשטאַנען צו יעדנס רשות, איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע און אַ באַווײַז פֿון זייער גרויסקייט, נאָר דער אופֿן, ו י אַ ז ו י ז י י האָבן דאָס געטאָן, מען האָט געהאַט דעם גאַנץ באַשטימטן אײַנדרוק, אַז אויך אין זייער אינערלעכקייט האָבן זיי זיך נישט געפֿילט העכער פֿאַר די איבעריקע.

* *

האַרבסט 1907 בין איך* געפֿאָרן פֿון שטוטגאַרט קיין ברויסעל אויף אַ זיצונג פֿון ביוראָ פֿון אינטערנאַציאָנאַל. אויף

עפּעס אַ סטאַציע, נאָנט פון דער גרעניץ, זענען ב ע ב ע ל און ז י נ ג ע ר איינגעשטיגן אין זעלבן צוג. דער צוג האָט זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט, ווען די צוויי וועטעראַנען פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג זענען צוגעקומען צו מיר, און מיך איינגעלאַדן צום מיטאָג אין שפּייז־וואַגאָן. איך בין נאָך דאַמאָלס געווען, באַזונדערס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, אַן אָנפאַנגער, און איך האָב תּמיד מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכער שעמעוודיקייט אויסגעמיטן יעדע פּערזענלעכע באַרירונג מיט די אָנפירנדיקע חברים און געקוקט אויף זיי מיט פאַרערונג. איצט אָבער — זיין אַ גאַנצע שעה צוזאַמען מיט בעבעלן און זינגערן, עסן געמיינזאַם מיטאָג... כ׳וואָלט גערן די איינלאַדונג אָפּגעוואָרפן, אָבער אויך צו זאָגן ניין און דעם ניין נאָך אפשר מוזן באַגרינדן, בין איך געווען צו שעמעוודיק.

די איינלאַדונג אַליין איז שוין אַ גענוג כאַראַקטעריסטישער שטריך, אָבער דער פאַרלויף פון מיטאָג און אַ עפּיזאָד, וואָס האָט זיך דערמיט פאַרבונדן, זענען נאָך געווען טויזנטמאָל כאַראַקטעריסטישער און האָבן דידאַקטיקע איבערלעבונג געמאַכט פאַר איינע פון די אומפאַרגעסלעכסטע אין מיין פּאָליטישן לעבן.

*

*

מיר זיצן אין שפּייזוואַגאָן. בעבעל שטעלט מיר אַ גאַנצע ריי פראַגן וועגן דער איטאַליענישער באַוועגונג און וועגן איינצלנע אירע מיטקעמפער. אין קיין שום פרט ווייזט ער נישט אַרויס זיין העכער־שטיין, נאָר ער טוט עס ווי איינער, וואָס וויל תּמיד לערנען עפּעס נייעס, כּדי זיין אורטייל זאָל זיין ווייט מעגלעך אומפּאַרטייאישער און פּילזייטיקער. איך האָב נישט דעם איינדרוק, אַז מ׳וויל מיך עקזאַמענירן; אדרבה, עס קומט מיר כּמעט פאָר, אַז איך ווער דער געבנדיקער צד און די אַלטע אויסגעפּרוּווטע חברים—די נעמענדיקע. מיין שעמעוודיקייט איז פאַרשוווּנדן, ווייל אין שמועס צווישן צוויי אַזעלכע אומגלייכע צדדים קומט נישט צום אויסדרוק קיין שום פער־

זענדלעכעס. פלוצלונג ווינקט בעבעל צו זינגערן און צו מיר, און זאָגט שטיל: „איך וויל דאָ פאַרבלייבן אַליין אַ פּאָר מינוט״. —

מיר דערנענטערן זיך צו בריוסעל. דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. מען זעט שוין דעם גרויען, פייכטן פּראָפיל פון דער שטאָט און אַלדאָס פּראָזאאישע, וואָס אונזער אויג דערוואַרט ביים אַריינפאָר אין אַ גרויסע שטאָט. אין וואַגאָן הערשט אַ נישט ווייניקער פּראָזאאישע שטימונג. אַלע טראַכטן וועגן זייערע טשעמאָדאַנעס און שאַכטלען, כדי גאָרנישט צו פאַרגעסן, און יעדער וויל זיך דורכשטופּן פאָראויס, כדי צו קענען פריער פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. פלוצלונג באַווייזט זיך בעבעל. זיין פּאָרנעם געזיכט, וואָס איז געפּאָרמט פון געדאַנק און ליידן, פון לאַנגיאָריקע אויסערלעכע און אינערלעכע קאַמפן, איז דערפרייט פון אַ שטראַלנדיקן שמייכל, די אויגן גלאַנצן, און נישט געקוקט אויף זיין עלטער, זעט ער אויס צו זיין דאָ דאָס איינציק יונגע באַשעפעניש. „איר ווייסט״, זאָגט ער מיט אַ שמייכל, „אויך דאָ אין שפּייזוואַגאָן, ווו מיר האָבן עס אַמווינציקסטן געקענט דערוואַרטן, האָב איך געטראָפן אַ חבר־לדעה. דער קעלנער האָט מיר אַ ווונק געטאָן, און ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער שטייט נאָענט צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און וויל ריידן מיט מיר וועגן פאַרשיידענע זאַכן. שטעלט אייך נאָר פאָר, אפילו דאָ איז פאַרשפּרייט אונזער וועלטאַנשויאונג״.

בעבעלס גליקלעכע, יונגנטלעך־פרייליכע שטימונג האָט זיך דערקלערט מיט דעם קעלנערס ווידוי. יעדער פּראָלעטאַריער האָט געהאַט אַ רעכט אויף זיין אינטערעס און קודם כל — אויף צוגעצויגן ווערן צו דער סאָציאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. געשטאַנען איז פאַר אונז נישט קיין באַגרינדער פון אַ וועלט־צעשטערערישער באַוועגונג, נישט דער גרויסער בעבעל, וועלכן מ׳האָט געפייערט און וועלכן מ׳האָט מורא געהאַט, נאָר אַ *מענטש*, אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געפונען זיינסגלייכן, און ער האָט זיך געפרייט, וואָס יענער וועט גלייך ווי ער, מיט און דורך אים גיין דעם וועג פון באַפרייאונג פון יאָך פון שקלאַפעריי און דערנידעריקונג.

* *

*

דער איטאַליענישער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז פֿאַרזאַמלט אין רוים, אין אַן איינפֿאַכן לאָקאַל, אייניקע מינוט גאַנג פֿון פֿאַנ־טעאָן, אויף אַ וויכטיקער באַראַטונג. ער באַשעפֿטיקט זיך מיט דער פֿראַגע: ווי אַזוי זאָל מען גובר זיין דעם קריזיס, וואָס באַדראָט אונזער „אוואַנטי״, צוליב דער קלאַסן־שטעלונג, וועל־כע ער האָט פֿאַרנומען אינם טריפּאָלי־קריג, און וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט די קריגספֿרייַנטלעכע עלעמענטן אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי. די לאַגע איז נאָך פֿאַראַנט־וואָרטלעכער דערפֿאַר, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן אַ נייער פּאַרטיי־אָנפֿירונג, וועלכער מען וואַרפֿט פֿאָר, צום טייל מיט רעכט און צום טייל מיט אומרעכט, אַז זי לאָזט בכלל אַרויס פֿון אויג די גרויסע באַדייטונג פֿון די פּראַקטישע פֿראַגן און האָט אין זינען בלויז דעם ענדציל. מיטאַמאָל מאַכט אַ פֿאָר־שלאַג מוסאָליני, מיט זיין שטענדיקער אומזיכערקייט, ווען ער רעדט פֿאַר מענטשן, וואָס שטייען העכער פֿאַר אים: „לאָ־מיר זיך ווענדן קיין דייטשלאַנד. לאָמיר דאָס איבערגעבן דער חברטע ב״. כאָטש איך האָב גערן אויסגעפֿירט אַלץ, וואָס די פּאַרטיי האָט פֿון מיר פֿאַרלאַנגט, איז מיר אָבער גראָד דער־דאָזיקער פֿאָרשלאָג נישט געווען איבעריק צום האַרצן, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פֿינאַנסיעלער פֿראַגע. פֿונ־דעסטוועגן האָב איך דערקלערט מיין גרייטקייט אים אויסצו־פֿירן, ווייל איך האָב סיי ווי די נאָענטסטע טעג געזאָלט פֿאָרן קיין דייטשלאַנד.

גלייך נאָך מיין קומען האָב איך געשריבן צו בעבעלן, דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען מאָנטיק. דאָנערשטיק האָב איך באַקומען אַ בריוו, דאַטירט פֿון מיטוואָך, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן אַנטשולדיקונג, וואָס ער ענטפֿערט אויף מיין בריוו ערשט פֿיר־און־צוואַנציק שעה נאָך זיין אָנקומען; ער, בעבעל, איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פֿון אַ רייזע. און דעמזעלבן איינ־פֿאַכן פֿליכטבאַוווסטזיין האָט ער אַרויסגעוויזן אין דער באַ־האַנדלונג פֿונעם ענין גופא. „די איטאַליענישע פּאַרטיי האָט דורך איר שטעלונג צום טריפּאָלי־קריג דערוואָרבן זיך אַזעלכע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז דאָס העלפֿן איר פֿינאַנסיעל איז אַ זעלבסטפֿאַר־

שטענדלעכער חוב. איך האָב שוין געשריבן צום דייטשן צענ טראַל-קאָמיטעט; אויב אייערע חברים האָבן אָבער צייט צ וואַרטן, וואָלט בעסער געווען אָפּצוּוואַרטן ביז איך וועל גע- זונט ווערן. ווען דער ענין וועט באַטראַכט ווערן אין מיין קעגנוואַרט, וועל איך זיך אינגאַנצן איינשטעלן פאַר אים".

אגב אורחא, דאַרף דאָ באַמערקט ווערן: גראָד מוסאָלי- ני איז געווען דער, וואָס האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל תּיכּף פאָדערן הילף ביים דייטשן פאַרטיי-קאָמיטעט. דאָס האָט אָבער בישט געשטערט, אַז גראָד די צייטונג, וועלכע מוסאָליני האָט געגרינדעט נאָך זיין איבערגיין צו דער בורזשואַזיע, זאָל אָב- הויבן צו דענונצירן דעם איטאַליענישן פאַרטיי-קאָמיטעט אין טרייבן קעגן אים רכילות דערפאַר, ווייל ער האָט בשעתו באַקומען דייטשיש געלט!

* *

*

איך דערמאָן זיך בעבעלס אַרויסטרעטונג אויפן יענער פאַרטיי-צוזאַמענפאָר: צוליב דעם, וואָס ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון מלחמה און געבראַכט צום אויסדרוק דעם פעסטן ווילן פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָ- קראַטיע צו פאַרמיידן דעם קריג, האָט ער אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַליסטישע געגנדעמאָנסטראַציע פון די יענער קאָר- פּאָראַציע-סטודענטן. ווען חבר אָסקאַר קאָן האָט מיטגע- טיילט דעם פאַרטיי-צוזאַמענפאָר, אַז עס גרייט זיך אַ נאַציאָ- נאַליסטישע סטודענטן-דעמאָנסטראַציע, איז בעבעל תּיכּף אַרויס- געטראָטן דערפאַר, אַז פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער זייט זאָל מען נישט בלייבן שטיין פונדערווייטנס און מ'זאָל אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן די נאַציאָנאַליסטישע טומלערייען. „נישט געקוקט אויף מיינע 70 יאָר, וועל איך דידאָזיקע הערן געבן גוט צו שפּירן, וואָס עס באַדייט אונז אָנצוגרייפן". ווען איך האָב אויפן צווייטן טאָג נאָכמיטאָג — עס איז געווען אַ קאַל- טער, גרויער, ווינטיקער האַרבסטטאָג — געטראָפן אויפן גאַס בעבעלן, וועלכער איז שוין געווען זייער קראַנק און האָט דעם אָוונט פריער מיט מי געקענט אָנטיילנעמען אין די אַרבעטן

פון צוזאַמענפאָר, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן נישט צו זאָגן אים: „ווי, ביי אַזאַ וועטער?" און ער האָט מיר געענטפערט פונקט אַזוי פשוט און מיטן שמייכל, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט — טרויעריק און גלייכצייטיק פריילעך — „גלויבט איר דען, אַז איך קען בלייבן אין אַ זייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם, צו געבן אָדער באַקומען קלעפּ פאַר אונזער זאַך?" כאַראַקטעריסטיש איז געווען נישט אַזוי דער פאַקט, וואָס בעבעל האָט געוואָלט זיין אויפן פאַראַנטוואָרטונגספּולן פּלאַץ, ווי די איבערצייגונג, אַז ביז צו זיין לעצטן אָטעם מוז ער זעלבסטפאַרשטענדלעך טראָגן דיזעלבע פליכטן, ווי יעדער אַנדערער מיטגליד פון דער פאַרטיי. אַזעלכע כאַראַקטער־אייגנטימלעכקייטן זאָגן אַ סך מער, ווי רעדעס אויף אַ פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָדער אין פאַרלאַמענט און מאַכן אונז אַ סך נענטער דעם קעמפער און דעם מענטשן, ווי דאָס קענען טאָן אַ סך אָפיציעלע דאָקומענטן פון זיין פאַרטיי־טעטיקייט.

* * *

זשאָרעס האָט געהאַט אין זיך עפּעס קרעפּטיקעס, וואָס פלעגט אפשר אויף די קליינע זיצונגען פון ביוראָ מער קומען צום אויסדרוק, ווי ביי זיינע גרויסע רעדעס, וועגן וועלכע מ'קען באמת זאָגן, אַז די וועלט פלעגט זיך צו זיי צוהערן. איך מוז מודה זיין, אַז זשאָרעס' רעדנערקראַפט פלעגט נישט תמיד און נישט גלייך מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק. ס'קען זיין, אַז אַ ביסל האָט מאָדנע געווירקט אויף מיר זיין פראַנצויזישע באַטאָנונג, די זשעסטיקולאַציע; ווען איך טראַכט זיך אָבער אַריין אין דער קראַפט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיין גאַנצן וועזן, ווערט מיר קלאָר, אַז אויך ער, ווי בעבעל, האָט קודם כל געווירקט דורך זיין גרויסער ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך. ביסלעכווייז איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויך די אויסערלעכע אָנשטרענגונגען, וועלכע זשאָרעס מאַכט, כדי איבערצוצייגן זיינע צוהערער, דער אויסוואַל פון די ביישפּילן, דער טאָן, די מאָדולאַציע, די באַוועגונג, און זיין גאַנצער פּאַטאָס זענען אַ רעזולטאַט פון זיין תמיד וואַכן באַוווסטזיין וועגן די שטערונגען, וועלכע שטייען נאָך אין וועג דעם סאָציאַליסטישן נצחון, און וועגן דער אייזערנער קראַפט, וועלכע וועט נויטיק זיין, כדי זיי גובר צו זיין.

און גראַד זיינע באַמיאונגען זיך אונטערצוואַרפן די באַש־לוסן פון אינטערנאַציאָנאַל נאָך דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, כאָטש זיי זענען געשטאַנען אין אַ סתירה צו זיין גאַנצער איינשטעלונג, די ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרשפרייט אַ אידייען-גאַנג, מיט וועלכן ער האָט זיך אייגנט־לעך נישט געקענט אידענטיפיצירן, — גראַד דאָס האָט מיר באַוויזן זיין שטאַרקייט. זשאָרעס איז געווען צו גרויס ער זאָל זיך פילן אָדער מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער פילט זיך אַלס איבערמענטש. ער האָט געהאַט אַ וועלטאַנשויאונג, און ער האָט פאַרשטאַנען ווי צו שטעלן אין איר דינסט זיין פילזיי־טיקן איך, מיט וואָסער געוויסנהאַפטיקייט, איך וואָלט אפילו געזאָגט: ביוראָקראַטישער פינקטלעכקייט ער פלעגט מאַכן זיינע נאָטיצן בעת די זיצונגען פון ביוראָ; מיט וואָסער אויפמערק־זאַמקייט ער פלעגט זיך איינהערן צו יעדער רעדע, צו יעדן צווישנרוף!

פדי ביי יעדער געלעגנהייט צו באַקעמפן דעם שאָוויניזם, וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק פיינט געהאַט, פלעגט זשאָרעס אָפט אָנהויבן זיינע רעדעס אין עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אינ־טערנאַציאָנאַל אויף דייטש, דעם הויפטייל האַלטן אויף פראַנצויזיש, און דערנאָך אויפפאַסן אויף די קלענסטע פרטים אין דער איבערזעצונג, צו וועלכע צווייטראַנגיקע פראַגן ער פלעגט נישט נעמען דאָס וואָרט, ווי קליין עס זאָל נישט געווען זיין די צאָל צוהערער, — זיין אַרט רעדן איז שטענ־דיק געווען דיזעלבע; שטענדיק האָט זיין רעדן געהאַט אין זיך עפּעס נביאישעס, ער האָט געוואָלט באַאיינפלוסן דורך זיין קראַפט אויך די אָפּוועזנדיקע. און דערזעלבער גרויסער, אומ־היימלעך גרויסער זשאָרעס, וואָס אַלץ איז אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין השפעה, וואָס פלעגט דערשיטערן וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס און מענטשלעכע הערצער דורך זיין קריטיק און זיין דורשט צום אמת, ווי שעמעוודיק פלעגט ער ווערן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צו זאָגן אַן איינצלנעם מענטשן עפּעס אומאָנגענעמס, פּטור צו ווערן פון אַ גאָר צודרינגלעכן חבר.

בעת די זיצונגען פון ביוראָ אָדער אויף די אינטער־

נאציאָנאַלע קאָנגרעסן פלעגט ער זיך גאַנץ אָפט ווענדן צו מיר מיט דער בקשה, איך זאָל אים אַרויסהעלפן מיט אַן איבערזע-צונג. ס'האָט נישט געטראָפן קיין איין מאָל, ער זאָל זיין בקשה נישט צוגעבן אַ גאַנץ פערזענלעכן, כמעט אינטימען כאַראַקטער. די לעצטע ווערטער, וועלכע ער האָט צו מיר גע-זאָגט אין ברוסעל דריי טאָג פאַר זיין טויט, זענען געווען: „בירגערין, טייערע בירגערין, אין וועלכער שפּראַך וועט איר האַלטן די נאָנטסטע רעדע?"

מיט אַ טאָג פריער, ביים שלוס פון דער ביוראָ-זיצונג, ווען וועלכער מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, בין איך געזעסן אין רעסטאָראַן נעבן זשאָרעסן. ער האָט געזאָלט האַלטן די הויפּטרעדע אויף דער ריזנפאַרזאַמלונג, וועלכע מ'האָט צו-נויפגערופן, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער מלחמה-געפאַר; חוצדעם האָט ער נאָך געמוזט פאַרפאַסן דעם מאַניפעסט, וואָס די ביוראָ האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן. מיט אַ טונקלרויטן פּנים פון אָנשטרענגונג און אומדערטרעגלעכע קאָפּשמערצן, האָט ער מיט מי אויפגעגעסן עטלעכע ביסנס פלייש. וואָס וואָלט ער דען נישט אָפּגעגעבן פאַר אַ פּאָר מינוט אַב-סאָלוטער רו? אָבער רו איז אים נישט געווען באַשערט: אַ חבר, איינער פון יענע, וואָס אַלץ פאַרמאָגן זיי: אינטעלי-גענץ, באַגאַבונג, וויסן, אַחוץ טאַקט און צוריקגעהאַלטנקייט, האָט זיך דערנענטערט צו זשאָרעסן און אים פאַרשאָטן מיט פראַגן. דער חבר האָט פאַרטראָטן פאַרשיידענע פאַרטייען אויף פאַרשיידענע זיצונגען פון ביוראָ; אָבער אויף דערדאָזיקער זיצונג איז זיין נייער מאַנדאַט נישט אָנערקענט געוואָרן, נישט דערפאַר, ווייל מ'האָט געהאַט צו אים ווייניק צוטרוי, נאָר דערפאַר ווייל מ'האָט נישט געוואָלט שאַפן קיין פּרעצעדענץ-פאַל. ער האָט זיך געוואָלט קאָמפּענסירן דערפאַר און גלייכ-צייטיק נקמה נעמען פון אונז, וועלכע האָבן דערקלערט זיין מאַנדאַט פאַר אומגילטיק, דורכדעם וואָס ער האָט גייסטרייך און דיפּלאָמאַטיש געוואָלט אַלץ דערגיין פון פּריוואַט-שמועסן, אַלץ. איצט איז געקומען די ריי אויף זשאָרעסן. אָרעמער, אָרעמער זשאָרעס, ווי הילפלאָז און שעמעוודיק ער איז גע-זעסן פאַר זיין פייניקער. מיט תחנונים האָט ער אָריבערגע-

קוקט צו מיר: „בירגערין, איך בעט אייך, באַפרייט מיך — כ׳וועל דאָס מער נישט אויסהאַלטן, דער קאָפּ פּלאַצט מיר פאַר ווייטאָק — איך וויל, איך מוז בלייבן אַליין״.

כ׳האָב אפילו נישט געגלויבט שטאַרק אין דעם דערפאָלג פון מיין מיסיע, אָבער פאַרשטייענדיק צו גוט זשאַרעסעס פּיין, האָב איך זיך געווענדט צו זיין פּייניקער: „אפשר וואָלט איר געפאָרן מיט מיר און די אַנדערע חברים צו דער פאַרזאַמלונג; מיר מוזן דאָך זיין דאָרט פאַרן רעדנער?״ „אָ, ניין״, האָט ער געענטפערט, „איך וואַרט אויפן חבר זשאַרעס, מיר וועלן פאָרן צוזאַמען״. זשאַרעסעס בליק איז געווען נישט אויסצוהאַלטן טרויעריק, פאַרצווייפלט, רעזיגנירט...

* * *

בעבעל איז געשטאָרבן. ווען איך בין אין נאָמען פון איטאַליענישן פאַרטייקאָמיטעט אָנגעקומען דעם 14 אויגוסט 1913 קיין ציריך און אוועקגעגאַנגען מיט אַ בוקעט רויטע נעגעלעך צום פאַלקסהויז, איז נאָך קיינער צום בר-מינן נישט צוגעלאָזן געוואָרן. פאַר מיר האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַם, און איך בין געבליבן ביים שטערבלעכן געביין פון גרויסן, גרויסן חבר, ביז מ׳האָט אים איבערגעענטפערט דעם פייער. איך קען זאָגן, אַז דער טויט פון אַ מענטשן האָט מיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט דערשיטערט, ווי גראָד בעבעלס טויט, און נישט קיין ווייטאָק איז דאָס געווען וואָס איך האָב געשפּירט, אויך נישט קיין סענטימענטאַלע באַדויערונג, וואָס דער מענטש בעבעל איז שוין מער נישטאָ,—אדרבה, ווען איך האָב אים געזען ליגן אַזאַ רואיקן, אַ שמייכלענדיקן און כ׳האָב אַרויסגערופן אין מיין זכרון אַ סך מאָמענטן פון זיין לעבן, וואָס ער האָט דורכגעליטן, און וואָס עס וואָלט אים נאָך פאַרגעשטאַנען, האָב איך געהאַט אַ געפיל פון דערלייכטערונג. דאַקעגן האָב איך געפילט די גאַנצע אומגעהייערקייט פון דאָזיקן פאַרלוסט פאַרן אַרבעטערקלאַס, וואָס איז פאַריתומט געוואָרן, פאַרן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געקעפּט געוואָרן, און פאַר אונזער גאַנצן דור...

* * *

עס איז אָפּט געשטעלט געוואָרן די פראַגע, וועלכע באַציאונג וואָלט בעבעל געהאַט צום קריג. איינס איז פאַר מיר זיכער: ער וואָלט פשוט נישט געקענט איבערלעבן פיזיש דעם פאַנאַנדערפאַל פונם אינטערנאַציאָנאַל, דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער דייטשער פּאַרטיי, די צעשטערטע אייניקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

אַ דאַנק זיין גרויסן שאַרפזין און זיין באַהאַוונטקייט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט בעבעל געהאַט אַ פאָרגעפיל פון דעם טראַגישן גורל, וואָס שטייט פאַר דעם סאָציאַליזם און בכלל אונזער דור. דערדאָזיקער אומשטאַנד איז מיר באַזונדערס קלאָר געוואָרן אין 1912 אין באַזעל. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אויסעראָרדנטלעכן קאָנגרעס, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּווענדן די קריגסגעפאַר. אויף די פאַרזאַמלטע האָט גערדיקט אַ מין קאָשמאַר. בלויז געציילטע, און צווישן זיי קודם כל בעבעל, האָבן קלאָר געזען די קריגסגעפאַר און די פאָלגן, וועלכע זי מוז ברענגען פאַרן סאָציאַליזם. דער באַוווסטזיין פון שוואַכקייט און נישט צוגעגרייטקייט איז געווען ביי אַלעמען. און די רעדעס, וועלכע די פאַרטרעטער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָבן ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט געהאַלטן אין באַזעלער דאָם, האָט זיך מער געשפּירט אַ פליכטגעפיל, אַ הייסער ווונש די געפאַר צו פאַרטרייבן ווי אַ זיכערקייט אין נצחון. אין לעצטן טאָג פון די באַראַטונגען האָט אויך געזאָלט נעמען אַ וואָרט דער פאַרטרעטער פון איטאַליע, דער חבר אגביני. אַזוי ווי איך בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז די שטעלונג פון דער איטאַליענישער פאַרטיי זאָל קומען צום אויסדרוק אין דערדאָזיקער וויכטיקער פאַרזאַמלונג וואָס גענויער, האָב איך פערזענלעך גענומען אויף זיך צו איבערזעצן זיין רעדע. און בעת זיינע קורצע אויספירן איז דער איטאַליענישער רעדנער געפייערט געוואָרן מיט שטורמישע אפּלאָדיסמענטן, כאָטש בלויז געציילטע האָבן אים געקענט פאַרשטיין. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו איבערזעצן, איז די באַגייסטערונג געוואָרן אינטענסיווער, שטורמישער, און ענדלעך, ווען איך האָב איבערגעזעצט אין דער דריטער שפּראַך, האָט דער זאַל געמאַכט כמעט אַן אומהיימלעכן איינדרוק. קיין

איינציקער דעלעגאַט, קיין איינציקער זשורנאַליסט איז נישט געבליבן אויף זיין פּלאַץ. דאָס זענען מער נישט געווען קיין אַפּלאָדיסמענטן, נאָר אַ ברויזנדיקע אָוואַציע. ווען איך בין אַראָפּ פון דער טריבונע, נישט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג, אַז די אַפּלאָדיסמענטן קענען זיין באַשטימט פאַר מיר, איז צוזאַמען מיט אַנדערע צוגעגאַנגען צו מיר בעבעל, מיט שנעלע טריט, ווי ער זאָל מיך וועלן אַרומנעמען. ערשט איצט האָב איך דערקענט, אַז מיין איבערזעצונג האָט געמאַכט אַן איינדרוק, און אַז די באַגייסטערונג האָט אַ שייכות צו איר. דידאָזיקע אָנערקענונג פון מיין איבערזעצונגס-פעאיקייט איז מיר אין דאָזיקן ווי אין אַנדערע פאַלן פאָרגעקומען איבערגעטריבן, אָבער נאָך ווינציקער האָב איך געקענט באַגרייפן, וואָס בעבעל האָט געקענט צושרייבן אַ וועלכע נישט איז באַדייטונג אַזאַ צווייטראַנגיקער אַרבעט, ווי איבערזעצן אַ פרעמדן געדאַנק אין אַ מער אָדער ווייניקער פולקאָמענע פאָרם. „יאָ", האָט ער געזאָגט, „ווען איך הער אייך, חבר'טע, דאַכט זיך מיר, אַז כ'האָב פאַר מיינע אויגן דעם אינטערנאַציאָנאַל".

ערשט אין משך פון דער צייט, נאָך די טראַגישע איבערלעבענישן פון קריג, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך עס האָט דאַן באַדייט דידאָזיקע שטורמישע באַגייסטערונג. ווען עס האָט גערעדט דער רעדנער פון אַ לאַנד, וואָס זיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געטריי געבליבן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל אויך אין דער קריגסצייט, איז געקומען צום אויסברוך דער באַוווסטזיין פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אימפּאָטענץ, דער פאָרגעפיל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלס מפּלה. און דער פאַקט, וואָס דיזעלבע רעדע איז פון דער זעלבער טריבונע, מיט דער זעלבער באַטאָנונג איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן האָט אַרויסגערופן די וויזיע פון אַ לעבעדיקן, קעמפנדיקן, זיגערישן אינטערנאַציאָנאַל.

די פראַגע, ווי אַזוי האָלטן זיך אויפגעפירט נאָכן אויסברוך פון קריג ב ע ב ע ל און ז ש אָ ר ע ס, די ביידע פאָרקעמפער פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל, צי וואָלטן זיי געווען פאַר אָדער קעגן דעם „בורגפרידן", — דידאָזיקע פראַ-

גע וועט קיינמאָל נישט קענען פאַרענטפערט ווערן, וויפל מיי-
בונגען זייערע און וויפל רעזאָלוציעס זייערע מ'זאָל נישט ברענ-
גען אַלס באַווייז. סאַראַ אומוואַנדלונגען און אָפּווייכונגען מען
האָט געהאַט איבערצולעבן גראָד ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט,
אָפּווייכונגען און אומוואַנדלונגען, וואָס האָבן זיך נישט גע-
פונען אין קיין שום לאָגישן צוזאַמענהאַנג מיט דער פריער-
דיקער פּראַקטיש-אָנגעהעריקייט! איינס, גלויב איך, מעג איך
פאַרזיכערן: עס וואָלט נישט נויטיק געווען קיין לאַנגער
קריגס-דויער, כדי צו פאַרוואַנדלען דידאָזיקע צוויי ריזן אין
ליידנשאַפטלעכע אָנקלאָגער פון אימפּעריאַליזם. די גרויל-מעשים
פון קריג, זיינע טראַגישע קאָנסעקווענצן האָט קיינער אַזוי
נישט פאָראויסגעזאָגט, ווי זיי. ווער דערמאָנט זיך נישט די
איבערצייגונג, מיט וועלכער בעבעל האָט געזאָגט אין 1905:
„קינדער, איר ווייסט נישט, וואָס עס וועט באַדייטן אַ קריג ביי
די היינטיקע באַדינגונגען, ביי דער פאָרגעשריטענער קריגס-
טעכניק. וואָס ווייסט איר וועגן קריג פון די זיבעציקער יאָרן?
די צאָל פון די געפאַלענע אין קריג איז נאָך ווייט נישט אַלץ
דערמאָנט זיך נאָר אין די קריגס-פאָלגן פאַר די לעבנגעבלי-
בענע, פאַרן גאַנצן אַרבעטערקלאַס, קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט,
קראַנקהייטן, הונגער, מאָראַלישע פאַרוואָרלאָזטקייט, אָבער דער
קריג פון די זיבעציקער יאָרן איז אַ קינדערשפּיל אין פאַר-
גלייך מיט דעם, וואָס עס וועט איצט זיין אַן אימפּעריאַליס-
טישער רויב-קריג.” און זשאָרעסעס יעדע פייערדיקע רעדע, זיין
קאַמף קעגן שאָוויניזם, זיינע פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען צו
שאַפן אַ פראַנצויזיש-דייטשע דערנענטערונג, זיינע שריפטן
וועגן דער ניי-אָרגאַניזירונג פון דער אַרמיי, — צי דען זענען
דאָס נישט געווען, אין תוך גענומען, קיין סמנים דערפון, אַז
ער האָט פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע און האָט געטאָן אַל-
דאָס מעגלעכע אויפן פּאָליטישן ווי אויפן פּסיכאָלאָגישן געביט
כדי זי אויסצומיידן?

דערפאַר, ווייל בעבעל און זשאָרעס זענען אַזוי אויס-
שליסלעך באַהערשט געווען פון די מענטשנבאַפרייענדיקע אי-
דייען פון סאָציאַליזם און פון רעוואָלוציאָנערן פליכט-געפיל,
האָט קיין איינעם פון זיי נישט געקענט איינפאַלן, אַרויסצו-

שטעלן זיין איך אין פאָדער-גרונד. און בלויז דערפאַר, ווייל יעדער העלדן-קולט איז זיי געווען דערווידער, האָט זייער לעבן אויפגעשטעלט פאַר זיי אַ דענקמאָל אין הארצן און אין באַוווסטזיין פון אומצאָליקע מענטשן...

# די לעצטע זיצונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל

קיינמאָל נאָך איז די אָנמעכטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַל נישט אַרויסגעטראָטן אַזוי בולט און טראַגיש, ווי אויף דער זיצונג, וועלכע זיין ביורא האָט דרינגענדיק צונויפגערופן אויפן 27-טן און 28-טן יולי 1914 קיין בריוסעל. די מלחמה האָט שוין אייגנטלעך געהאַט אויסגעבראָכן, עס האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן דעם, נישט דערלאָזן זי זאָל אַריינציען אויך אַנדערע לענדער. בלויז ווייניקע צווישן די אָנוועזנדיקע, ווי זשאָרעס, למשל, און ראָזאַ לוקסעמבורג, האָבן זיך, ווייזט אויס, אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, וואָס עס שטייט פאַר דעם אַרבעטערקלאַס, אָבער אויך די שאַרפזעענדיקסטע האָבן קיין אָנונג נישט געהאַט וועגן דעם פאַרנעם און דער נאָענטקייט פון דער קאַטאַסטראָפע. ווען עס האָט זיך, בעת דער נאָכמיטאָגזיצונג פון ערשטן טאָג, פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן רוסישן אולטימאַטום, האָט עס קיינער נישט געוואָלט גלויבן, ווינציקער פאַר אַלע — די אָנוועזנדיקע רוסן ראַבינאָוויטש און אַקסעלראָד. די זיצונג האָט אינגאַנצן געהאַט אַ נאָרמאַלן אויסזען. די פאָרשטייער פון די איינצלנע לענדער האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן צושטאַנד אין לאַנד; וויקטאָר אַדלערס באַריכט, פון וועלכן עס איז קלאָר געוואָרן די אַבסאָלוטע האָפנונגסלאָזיקייט פון אַ וועלכער־נישט־איז פּראָלעטאַרישער אַקציע קעגן דעם קריג און אין משך פון זיין דויערן, האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער גאַנצער זיצונג. אין קיין באַריכט איז נישט געווען צו

באַפינען קיין איין פונק גלויבן אין דער אָפּוואַרקראַפט פון
אַרבעטערקלאַס, דאָס זענען געווען ריין-פאָרמעלע שילדע-
רונגען אָן דער מינדסטער פּערספּעקטיוו פון אַ רעוואָלוציאָנערער
אַקציע. ווען איך האָב דערמאָנט — נישט שטעלנדיק קיין באַ-
שטימטן פאָרשלאָג — די פריערדיקע דיסקוסיעס וועגן אַ עווענ-
טועלן גענעראַלשטרייק, האָט מען מיך אָנגעקוקט מיט פאַר-
לעגנהייט. וויקטאָר אַדלער האָט געזאָגט מיט אַ טרויעריקער
איראָניע, אַז איך בין נישט ביים קלאָרן זינען, בעת זשול
געד האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז אַ גענעראַלשטרייק וואָלט
גראָד געשטעלט אין אַ סכּנה די סאָציאַליסטיש-אַנטוויקלטסטע
לענדער, ווייל גראָד אין זיי וועט מען פאָלגן דעם סאָציאַליסטישן
רוף און דאָס וועט שאַפן פאַרן „פיינט" אַ פּריווילע-
גירטע לאַגע. בלויז די ענגלישע דעלעגאַטן, קער האַרדי
און בראַס סלאַפּיר האָבן, ווייזט אויס, געהאַלטן דעם גע-
נעראַל-שטרייק פאַר דורכפירבאַר, דערביי האָבן זיי דערקלערט,
אַז פאַר ענגלאַנד איז די קריגס-סכּנה לחלוטין אויסגעשלאָסן,
אָבער אין נויטיקן פאַל וועלן די טרייד-יוניאָנס שטעלן דעם
ענערגישסטן ווידערשטאַנד, ביז צו פּראָקלאַמירן דעם גענעראַל-
שטרייק. ווען מען האָט אין דער צווייטער זיצונג גע-
נומען ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצוהאַלטן דעם
אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס (וועלכער איז
געפּלאַנט געווען אויף סעפּטעמבער 1914 אין ווין), ער-
געץ אַנדערש ווי און ראָזאַ לוקסעמבורג האָט מיט
זשאָרעס' הסכּם פאָרגעשלאָגן פּאַריז, און מ'האָט גראָד איר
איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן דעמדאָזיקן פאָרשלאָג, — איז דאָס
פאַר מיר געווען אַ בולטער סימן, אַז מ'פילט זיך לחלוטין
אומבאַהאָלפן אונטערצונעמען עפּעס ממשותדיקס קעגן קריג.
דראַסטישער נאָך איז די אָנמעכטיקייט פון אינטערנאַ-
ציאָנאַל געקומען צום אויסדרוק אין דער ריונפאַרזאַמלונג,
וועלכע איז פאָרגעקומען אין בריוסעל אין צוזאַמענהאַנג מיט
דער ביוראָ-זיצונג. דער הויפּט-רעדנער איז געווען זשאָרעס.
זיין נאָמען האָט צוגעצויגן אַזעלכע מענטשנמאַסן, אַז ס'האָט זיך
געשטעלט די פראַגע — באַזונדערס בעת די ברויזנדיקע בראַ-
וואָ-פּאַשטערייען, מיט וועלכע מ'האָט אים באַשאָנקען, צי דער

גרויסער צירק, ווו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, וועט קענען אויסהאַלטן דעם מענטשן-געדראַנג. זיין רעדע איז מיר פאָרגעקומען ווי אַן אויסדרוק פון אַ טיפער פאַרצווייפלונג, אַ פאַרצווייפלונג איבער דער שוואַכקייט פון אַרבעטערקלאַס, און דערדאָזיקער איינדרוק איז געוואַקסן אין דער מאָס, וואָס מער זשאָרעס איז אַריינגעפאַלן אין פּאַטאָס. ער האָט אַפּעלירט נישט אַזוי צו דעם אַרבעטערקלאַס, ווי צום איינזען און צו דער מענטשלעכקייט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, און ער האָט געדראָט, אַז אויב זי וועט נישט ברעכן איר בונט מיטן צאַרישן רוסלאַנד, וועט אים דאָס פאָלק ברעכן אין נאָמען פון מענטשלעכקייט. יעדעס וואָרט זיינס, יאָ, אַפילו זיין ליידנשאַפט האָט באַוויזן, אַז ער גלויבט שוין נאָר אין ווונדער און אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענשלוס פון די מאַסן, דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון אַרבעטערקלאַס באַטראַכט ער נישט מער פאַרן איינציקן מיטל אָפּצוהאַלטן די מלחמה. נישט געקוקט אויף דער באַגייסטערונג פון די אָנוועזנדיקע און הגם קיינעם האָט גאָרנישט געקענט איינפאַלן, אַז בעלגיע וועט אויף וואָסער-נישט-איז אופן אַריינגעצויגן ווערן אין דער קאַטאַסטראָפע, — האָט אויף די פאַרזאַמלטע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויך נישט קיין אַרבעטער, געדריקט אַ קאָשמאַר. דעם רעדנערס גרויסע שפּאַנונג, זיין פאַרצווייפלטער פּרווו דורך ווונדער אָפּצוווענדן דאָס אומפאַרמיידלעכע, האָט זיך איבערגעגעבן די צוהערער. בלויז איין-איינציקער אויגנבליק איז געווען, ווען די פאַרזאַמלונג האָט אויפגעציטערט פון אַ אַנדער גלויבן, — דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען ראָזאַ לוקסעמבורג, וועלכע איז גראָד צו יענער צייט אַרויסגעטראָטן מיט שווערע באַשולדיקונגען קעגן דייטשן מיליטאַריזם און האָט זיך געפונען צווישן צוויי תּפיסה-שטראָפן, האָט גענומען דאָס וואָרט... אָבער דידאָזיקע האָפנונגספולע שטימונג האָט נישט געדויערט לאַנג.

* * *

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער ברוק אויפגעציטערט פון די ענערגישע שריט פון די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער-באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן דער קריגסגעפאַר, וואָס האָט באַדראָט שכנותדיקע פעלקער, און פון מעכטיקן קלאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. אין אייניקע טעג אַרום האָט דערזעלבער ברוק געציטערט אונטער די שווערע שריט פון באמת קריגפירנדיקע באַטאַליאָנען — אַנדערע לידער האָבן באַגלייט דעמדאָזיקן מאַרש — און אַסך פון די, וואָס האָבן נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהערט זשארעס׳ ווערטער, וואָס האָבן געשפּירט די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט, כדי מציל צו זיין די מענטשהייט פון קריג, האָט מיט אַ ציטער געטראַכט וועגן גרויסן נביא...

ווי בלינד עס זענען געווען די אָנטיילנעמער פון דער ביוראָ-זיצונג! ווען מיר זענען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אויף צומאָרגנס נאָך דער דערמאָנטער פאַרזאַמלונג און דער מאַניפעסט, וועלכן זשאָרעס האָט געדאַרפט פאַרפאַסן, איז אָנגענומען געוואָרן, האָבן די דעלעגאַטן, ווי געוויינלעך, אויסגענוצט די געבליבענע צייט ביז צום אָפּפאָרן אויף צו באַקוקן די „זעענסווירדיקייטן”. זשארעס איז אַוועק אין מוזעאום. אייניקע פון אונז — די שווייצאַרישע דעלעגאַטן מור און גרים, די איטאַליענישע מאָרגאַני און איך — זענען געפאָרן קיין אַנטווערפּן. מיר זענען געווען שטאַרק איבעראַשט, וואָס מיר טרעפן אויף די גאַסן, און באַזונדערס אויף די וואָקזאַלן, זעלנער. ווען מיר זענען געזעסן אין צוג און געהערט ווי מ׳רופט אויס „עקסטראַבלעטער”, האָבן מיר געטראַכט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער „אַפערע קאַיאָ”, און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. ערשט אויפן צווייטן מאָרגן, ווען מיר האָבן געפרישטיקט אויפן באַזעלער וואָקזאַל און גרים האָט גערעדט מיט צוויי פאַרבייגלויפנדיקע מיטגלידער פון דייטשן פאַרטיי-קאָמיטעט — איינער איז געווען עבערט — און זיך דערוווסט, אַז זיי זענען געקומען אין דער שווייץ כדי צו פאַרזיכערן די דייטשישע פאַרטיי-קאַסע, — ערשט דאַן האָט

אונז אַרומגעכאַפּט דאָס געפיל פון דער אוממיטלבאַר-אָנקומענ-דיקער קאַטאַסטראָפע...

און באמת, נישט האָבנדיק וועגן דעם די מינדסטע אַנונג, האָבן מיר פאַרלאָזן בעלגיע מיט דעם לעצטן נאָרמאַל-קור-סירנדיקן צוג...

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר זיך אין בערן דערוווּסט וועגן ז ש אָ ר ע ס׳ דערמאָרדונג. מיר האָבן זיך פלוצלונג דער-זען אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון אומבאַגרע-ניצטע מעגלעכקייטן. ז ש אָ ר ע ס׳ דערמאָרדונג איז געווען אַ וואָרנענדיקער סימבאָל פון גורל, וואָס דערוואַרט דעם אַרבעטער-קלאַס. דעמזעלבן טאָג האָט מען דעם חבר מ אָ ר ג אַ נ י אוי-מיך טעלעגראַפיש אַרויסגערופן קיין מילאַן צו אַן אויסער-אָרדנטלעכער קאָמיטעט-זיצונג פון דער איטאַליענישער פּאַרטיין

# דער איטאַליענישער פּאַרטיי־קאָמיטעט און די אימפּעריאַליסטישע מלחמה

צוליב דער אויסערגעוויינלעכער לאַגע זענען צו דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון פּאַרטיי-קאָמיטעט איינגעלאַדן געוואָרן אויך פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען („קאָנפעדעראַציאָנע דעל לאַוואָראָ" און פון דעם אויטאָנאָמען, איבערוויגנדיק־סינדיקאַליסטישן פּראָפ. פעראיין פון די אייזנבאַנער). פאַר די איינגעלאַדענע איז געווען אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז פון פּראָלעטאַריש-רעוואָלוציאָנערן צד איז מעגלעך נאָר איין־איינציקע שטעלונג צום קריג, אַז עס איז בכלל נישט פאָרגעקומען קיין דעבאַטע. אַז דער קריג איז אַ אימפּעריאַליסטישער רויב־צוג, וועלכן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערקלאַס פון אַלע לענדער דאַרף באַקעמפן מיט אַלע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין זיין רשות, איז איבעריק געווען באַזונדערס צו באַטאָנען. דאָס איז געווען דער אויסגאַנגפּונקט און היות עס זענען נישט געווען די מינדסטע חלוקי-דעות, און עס האָט זיך אויך נישט געקענט האַנדלען וועגן אָננעמען קאָנקרעטע מיטלען — דאָס איז געווען דעם 3-טן אויגוסט, אויב איך האָב קיין טעות נישט, ניין חדשים פאַר איטאַליעס פאַקטישן צושטיין צום קריג — איז די זיצונג זייער שנעל פאַרענדיקט געוואָרן.

ערשט פאַרן סוף פון דער זיצונג האָט אַ סינדיקאַליסטישער רעדנער געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג, וואָס איז דורך אונז, מארקסיסטן, גלייך אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דער רעדנער האָט געזאָגט, אַגב אורחאדיק, אַז די אומקאָמפּראָמיסלעכע, נעגאַטיווע שטעלונג צום קריג וועט זיך לאָזן ענדערן, ווען איטאַליע וועט אַרויסטרעטן אָנשטאָט אַ פאַרבינדעטע פון

די צענטראַלמאַכטן, אַלס זייער פיינט (דידאָזיקע עווענטואַליטעט האָט דאַן אויסגעזען כמעט ווי אויסגעשלאָסן), ווייל אַזאַ קריג, האָט געהאַלטן דער רעדנער, וועט אין איטאַליע זיין אַ סך פּאָפּולערער. איך האָב גענומען דאָס וואָרט, כדי אָפּצוּוואַרפן דידאָזיקע צופּאַסונג צום קליינבירגערלעכן אירעדענטע-גייסט, און כ׳האָב געבעטן דעם סעקרעטאַר, חבר לאַצאַרי, פעסטצושטעלן אין פּראָטאָקאָל, אַז דידאָזיקע מיינונג ווערט אָפּגעוואָרפן, כדי עס זאָל נישט אַנטשטיין דער מינדסטער ספק וועגן דעם, אַז די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צום קריג קען נישט באַאיינפלוסט ווערן פון דער רעגירונגס אַ באַשלוס זיך אָנצושליסן צו דער אָדער יענער קאָאַליציע פון קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן.

מוסאָליני, וועלכער האָט פאַרלאָזן די זיצונג פאַר איר סוף — העכסטוואַרשיינלעך איז אויך דאָס נישט געווען קיין פּשוטער צופאַל — האָט פאַרטראָטן אונזער שטאַנדפּונקט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ זשורנאַל, און אין דער פאַרזאַמלונג פון דער מילאַנער סעקציע האָט ער פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז פאַרן פּראָלעטאַריאַט וואָלט דייטשלאַנדס זיג געווען נוצלעכער, ווי דער זיג פון די פאַרבינדעטע. אין גרונט גענומען איז אויך דידאָזיקע מיינונג געווען אַ בלאָף. ער האָט זי צעגעץ-ווו אַרויסגעלייענט און געוואָלט אַרויסרופן שטוינונג ביי די קליינבירגערלעכע לייענער. ער האָט דערמיט גאָרנישט ריזיקירט, ווייל אויך דאָס האָט נישט געהייסן שווימען קעגן שטראָם. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דער סינדיקאַליסטישער אָפּווייכונג פון קלאַסנשטאַנדפּונקט האָט ער געזאָגט: „נו, יאָ—אָט דאָס זענען זיי די קליינבירגערלעכע סינדיקאַליסטן”.

צו יענער צייט האָבן זיך שוין אפילו צווישן די ביסאָליאַנער (וועלכע האָבן שוין נישט געהערט צו דער פּאַרטיי) נישט געפונען קיין אירעדענטיש- אָדער נאַציאָנאַליסטיש-געשטימטע. דידאָזיקע סיטואַציע האָט זיך געענדערט צוליב דער שטעלונג פון די דייטשע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטן צו דער קרעדיט-אָפּשטימונג און צוליב אַן אַרטיקל, וואָס איז דער-

שינען אין דער „ווינער אַרבעטער-צייטונג" אין שייכות מיט דער קרעדיט-באַוויליקונג אונטערן נאָמען „דער טאָג פון דער דייטשער נאַציע". אויב מ'האָט ווען בישט איז געקענט זאָגן וועגן אַן איינצלנעם אַרטיקל, אַז ער האָט געשפּילט אַ פאַטאַלע ראָל, איז דאָס קודם כל גילטיק בנוגע דעם דערמאָנטן אַרטיקל פון צענטראַל-אָרגאַן פון דער עסטרייכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. מ'קאָן אָן איבערטרייַב באַרזיכערן, אַז ער האָט געטאָן אַ גרויסע טובה די איטאַליע-נישע אירעדענטיסטן, יאָ, אפילו די אויסטראָפאָבע עלעמענטן פון איטאַליענישן פאָלק: ער האָט באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג צו אַ קריג קעגן עסטרייך און שטאַרק פאַרשווערט די לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַר-טיי. דערדאָזיקער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן שטימונגען און מיינונגען, וואָס וואָלטן אָן אים נישט געקומען צום אויסדרוק, אין געשען איז דאָס נישט צולעצט דערפאַר, ווייל גראָד די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צוגעגעבן איר פּראָ-פּאַגאַנדע און איר שטעלונג צום קריג אַן אויסגעשפּראָכן-אינ-טערנאַציאָנאַליסטישן קלאַסנשטעמפּל.

די סאָלידאַרישקייט פון די אינטערעסן, די אידענטישקייט פון ענדציל פאַר די עקספּלואַטירטע פון אַלע לענדער איז גע-וואָרן זייער לייטמאָטיוו באַזונדערס אין דעם מאָמענט, ווען די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַליזם איז געוואָרן אַקטועל און האָט געפאָדערט אַ קאָנקרעטן טאַטפּעאיקן לאָזונג.

אין דער צייט, ווען עס איז דערשינען דערדאָזיקער אַר-טיקל, איז נאָך נישט באַשטאַנען די קאָנקרעטע געפאַר, יאָ אפילו נישט די וואַרשיינלעכקייט פון איטאַליעס אָנטייל אין קריג. אויך די בורזשואַזיע האָט נאָך נישט געוווּסט גענוי, וואָס עס וועט פאַר איר זיין ריווחדיקער: נייטראַליטעט צי קריג, און דעריבער האָבן אירע אָרגאַנען אָנגענומען אַן אָפּ-וואַרטנדיקע שטעלונג.

בלויז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען אַנטשידן קעגן קריג, זי האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן אים און אַקעגנגעשטעלט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון פּראָלעטאַריאַט אַלע אַנדערע שטרעמונגען און אינטערעסן. אין גרונד גענומען

איז דאָס געווען אַן אידעאָלאָגישע אָפּווער-אַקציע פון פּראָלע-
טאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. מיר האָבן געוואָלט, אַז די אינ-
טערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרישקייט זאָל דערשפּירט ווערן אַזוי אינ-
טענסיוו, ווי נאָך קיינמאָל נישט. און דאָ דערשיינט אַן אַר-
טיקל אין אַ סאָציאַליסטישער ברודערצייטונג, וואָס שטעלט די
נאַציאָנאַלע סאָלידאַרישקייט העכער פאַר דער אינטערנאַציאָנאַ-
לער, פּרעדיקט „בורגפרידן” און פאַרהערלעכט דאָסיעניקע, וואָס
באַדייט דעם אונטערגאַנג פון רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַ-
ליזם אין דער גאַנצער וועלט. אַ סך, וואָס האָבן ביז דאַן אונ-
טערדריקט אין זיך די רעגונגען פון זייערע אירעדענטיסטישע
געפילן, האָבן זיך גענומען אַרומזען, אַז זייער שטעלונג איז
געווען אַ נאַאיווע, אַז די עסטרייכער, די דייטשן האָבן גע-
פילט און געהאַנדלט גאַנץ אַנדערש. „קוקט נאָר אָן די עסט-
רייכישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן — אָט דאָס איז זייער אינטער-
נאַציאָנאַליזם ! אונזערע היימישע סאָציאַליסטן ווילן אונז אַנט-
וואָפענען ; איבערענטפערן צו די שונאים. זיי נעמען אָן רעזאָ-
לוציעס קעגן קריג און זייערע ברידער גרייטן אָן פאַר אונז —
האַרמאַטן !” ס'איז קלאָר, נישט דידאָזיקע שטעלונג פון די
קליינבירגערלעכע עלעמענטן, — די אמתע אָדער די כלומרשטע
אינטערעסן פון דער שווערע־אינדוסטרי האָבן אַריינגעשלעפּט אי-
טאַליע אין קריג ; אָבער באַרעכנט נאָר, ס'אַראַ ראָלע די
דעמאַגאָגיע האָט געשפּילט אין קריג, נעמט אויך אין אַכט,
אַז אין איטאַליע איז געווען בלויז איין-איינציקע פּאַרטיי, וואָס
האָט גענאָסן פּרעסטיזש, פאַר וועלכער מ'האָט מורא געהאַט —
דאַן וועט איר פאַרשטיין, אַז אַלץ, וואָס האָט געשעדיקט די
סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָט דירעקט געגאָסן וואַסער
אויף דער מיל פון דעם אַנטאַנט-אימפּעריאַליזם. אַזוי אַרום האָבן
די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון די אַנדערע לענדער
געליפערט די שאַרפסטע וואָפן פאַר דער אַנטיסאָציאַליסטישער
פּראָפּאַגאַנדע אין איטאַליע. די קעגנערישע פּרעסע האָט זיי
מיט התמדה אויסגענוצט, צוערשט אַלס אַלגעמיינעם קאַמפּמיטל
קעגן איטאַליעס פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, אָבער שפּעטער,
ווען די בורזשואַזיע און די רעגירונג האָבן זיך אָנגעהויבן צו
אָריענטירן קריגעריש אָדער אַנטאַנט-פריינטלעך, אַלס דעם בעסטן

מיטל צו מאַכן שטימונג פאַר דער מלחמה. די האַלטונג פון
טי סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געשלאָסן דעם „בורגפרידן״, איז
דאָג-טעגלעך אילוסטרירט געוואָרן דורך אומאָפּוועגדבאַרע באַ-
ווייזן און אויטענטישע עדות, דורך קאָנקרעטע שטעלונגען
פון אָנפירנדיקע סאָציאַליסטן. דורכדעם איז פאַר דער פּאַרטיי
אין אַלגעמיינעם און פאַר מיר פּערזענלעך אַנטשטאַנען אַ זיי-
ער שווערע, אַחריותדיקע, כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט, אַ טרייסט-
לאָזע לאַגע. אונזער פליכט און אונזער אינערלעכע באַדער-
פעניש איז געווען צו פאַרטיידיקן די אידייען פון אינטערנא-
ציאָנאַל, די מיטלען, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אינזער
רשות פאַרן דאָזיקן צוועק, זענען געוואָרן אַלץ קאַרגער, סיי
צוליב דעם, ווייל די האַנדלונגען פון די ברודער-פּאַרטייען זע-
נען געוואָרן אַלץ ווייניקער רעוואָלוציאָנער, סיי צוליב דעם,
ווייל די קריגפירנדיקע לענדער זענען אַלץ מער אָפּגעשניטן
געוואָרן פון דער איבעריקער וועלט. די דעמאַגאָגיע איז מיט
יעדן טאָג געוואָרן חוצפּהדיקער אין אַלע לענדער, אויך אין
איטאַליע ; מעגלעך, אַז גראָד אין איטאַליע האָט זי אָנגענו-
מען די ריזיקסטע פאָרמען. אין די אַנדערע לענדער האָבן
שוין די סאָציאַליסטן געהאַט דערפילט דאָס, וואָס די קעגנער
האָבן פון זיי פאַרלאַנגט : זיי האָבן דעם קריג דערקלערט אַלס
זאַך פון פאָלק און אַרויסגערופן זיין באַגייסטערונג פאַר אים.
אין יענע לענדער איז נישט נויטיק געווען צו פירן קיין ספּע-
ציעלע קאַמפּאַניעס. קעגן דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער מינדער-
הייט, וואָס איז געבליבן רעוואָלוציאָנער און אינטערנאַציאָנאַ-
ליסטיש, האָט מען תמיד געקענט אַרויסשטעלן דעם „גוטן
ביישפּיל״ פון דער אַנטשיידנדיקער מערהייט פון די אָנפירנדי-
קע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי-
נען ; ביי אונז איז דאָס נישט געווען אַזוי. די פּאַרטיי און
די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די מער אַלס 200 סאָציאַליסטישע
געמיינדעס, די סאָציאַליסטישע לערערשאַפט, די באַגייסטערטע
און איבערצייגונגס-טרייע סאָציאַליסטישע יוגנט זענען געשטאַ-
נען ווי איין מאַן אין קאַמף קעגן קריג און נאַציאָנאַליזם.
מען האָט געוווסט, אַז ס׳וועט נישט זיין לייכט צו ברעכן דעמדאָ-
זיקן ווידערשטאַנד, און דעריבער האָט מען אַנטוויקלט אַ וואָס

ברעסערע ענערגיע ביים אָנגרייפן, ביים טרייבן רכילות. אויב מען האָט נישט געקענט אַזוי לייכט אַרויסרייסן ביי די מאַסן דעם סאָציאַליזם, דעם אין זיי טיף־איינגעוואָרצלטן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט מען כאָטש, לכל הפחות, געוואָלט חשוד מאַכן אין זייערע אויגן די פירער פון דער באַוועגונג. „דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען און בלייבט אַן אילוזיע, דער אָטעם פון דער ווירקלעכקייט האָט אים צעשטערט", האָבן געפּרעדיקט די שונאים פון אַרבעטערקלאַס. „די קלוגע, ערלעכע פירער פון אויסלענדישן סאָציאַליזם האָבן דאָס איינגעזען — די היימישע טוען דאָס נישט, ווייל זיי זענען אונטערגעקויפט דורכן שונא".

בלויז די־יעניקע, וועלכע וועלן זיך דערמאָנען די דאַמאָלטיקע אומגעצוימטע קאַמפּאַניע קעגן איטאַליענישן סאָציאַליזם, וואָס איז באַזונדערס שטאַרק פּאַנאַנדערגעבלאָזן געוואָרן אין די אַנטאַנט־לענדער און וואָס איז געפירט געוואָרן מיט אַלע מיטלען, איינשליסלעך קאָרופּציע, וועלן זיך קענען מאַכן אַ באַגריף וועגן דעם, וויפל פעסטקייט, איבערצייגונגס־טריישאַפט און מוט די איטאַליענישע סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעוויזן. נאָכמער, די אַנטשטייאונג פון פאַשיזם אין זיין מוסאָלינישער נקמה־ און פאַרניכטונגס־פאָרם, דער פאַקט גופא, וואָס די בורזשואַזיע און די רעגירונגען האָבן אָנגעטרויט זייער גורל אַן אַוואַנטוריסט, — דאָס אַלץ איז צו דערקלערן בלויז דורכדעם, ווייל גראָד בעת דעם קריג האָבן די קעגנער געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערקענען די ווערבירנדיקע קראַפט פון סאָציאַליזם, די שטאַרקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נקמה פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און מורא פאַר דער צוקונפט האָבן מעגלעך געמאַכט די בלוטיקע מוסאָליני־דיקטאַטור. וועלכע מיטלען האָבן זיך געפונען אין אונזער רשות אויף צו פאַרטיידיקן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם? דאָס פאַררופן זיך אויף דער טעאָרעטישער און היסטאָרישער באַרעכטיקונג, אויף דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט איז נישט גענוג געווען אין אַ צייט, ווען איין אויגנבליק פון דער קעגנוואַרט האָט מיט זיין קראַפט אַרויסגערוסן פונם זכרון, פונם עמפּינדן פון די צייטמענטשן יאָרצענטליקער, יאָ, אפשר יאָרהונדערטער... די

קעגנוואַרט, בלויז די קעגנוואַרט איז געווען מאָסגעבנדיק, אָבער
גראָד דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל האָט די קעגנוואַרט
באַדעקט מיט חרפּה, זי האָט אים אַנטמוטיקט, פאַרניכטעט.
בלויז איינס איז נאָך פאַרבליבן צו טאָן: ברענגען איינצלנע
פאַקטן, אַ דאַנק וועלכע די מאַסן זאָלן קענען איינזען, אַז די
אויספירן, וועלכע די קעגנער האָבן געמאַכט פון דעם פאַר-
האַלטן זיך פון אונזערע ברודער-פּאַרטייען, זענען געווען פאַל-
שע אויספירן, אַז דער קריג איז נישט געווען בכּח אַלץ צו
פאַרניכטן, אַז איינצלנע ליכטנדיקע פונקטן פון איבערצייגונגס-
טרייען סאָציאַליזם האָבן נישט אויפגעהערט צו ליכטן אין דער
וועלט, און גראָד דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשטראַלט פאַרוואָר-
פענע אין דער וועלט-שנאה, האָבן זיי ליכטנדיקער און צו-
זאָגנדיקער געוויזן דעם וועג צום פעלקער-באַפרייענדיקן סאָציאַ-
ליזם. כּדי צו פאַרשאַפן דעמדאָזיקן פאַקטישן מאַטעריאַל פאַרן
„אוואַנטי״ און דורך אים פאַרן איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט,
האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין דער שווייץ.

# געאָרג פּלעכאַנאָוו און דער קריגס־אויסברוך

דעם בעסטן באַווייז דערפֿאַר, אַז אויך די אינטעלעקטועל־דיסציפּלינירטסטע, אָביעקטיווסטע לאָזן זיך באַאיינפֿלוסן פֿון געפֿילן און ליידנשאַפֿטן אין זייער אורטייל און שטעלונג צו פֿאַרשידענע פּראָבלעמען האָט מיר געגעבן מיין לעצטער צוזאַמענטרעף מיט פּ ל ע כ אַ נ אָ וו ן, וועלכער געהערט צו די אומאויסלעשלעכסטע, דערשיטערנדיקסטע דערפֿאַרונגען פֿון מיין לעבן.

ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה האָט מיר פּלעכאַנאָוו געשריבן, איך זאָל אים תּיכּף באַזוכן אין גענף. כאָטש די־דאָזיקע אויפֿפֿאָדערונג מצד פּלעכאַנאָוון, וואָס איז געווען אַזוי דעליקאַט, כמעט „ריטערלעך" לגבי פֿרויען, האָט מיך פֿאַרוווּנדערט, פֿונדעסטוועגן האָט מיר אַלץ גיכער געקענט קומען אין קאָפּ, ווי דער אמתער מאָטיוו פֿון זיין איינלאַדונג. אויך דאַן נישט, ווען פֿרוי פּלעכאַנאָוו האָט צו מיר געשריבן, אַז איר מאַן וועט זיך באַמיען צו קומען קיין מילאַן — כאָטש ער איז, ווי געוויינלעך, קראַנק, — אויב עס איז פֿאַר מיר צו שווער צו קומען קיין גענף.

„וואָס טראַכט אייער פּאַרטיי און איר אַליין צו טאָן לגבי דעם קריג?" האָט מיך פּלעכאַנאָוו געפֿרעגט, ווען איך בין אויפֿצומאָרגנס פֿרי אַריינגעקומען צו אים אין שטוב.

„די באַשלוסן פֿון מיין פּאַרטיי־קאָמיטעט זענען שוין באַקאַנט: מיט אַלע מיטלען נישט דערלאָזן אַז איטאַליע זאָל אַריינטרעטן אין קריג. אויך איך וועל, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך,

טאָן אַלץ, כדי צו העלפן מײַנע חברים אויספירן דידאַקטיש־מעטאָדישע, מיפּולע אויפגאַבע״.

„וואָס״, האָט פּלעכאַנאָוו כּמעט ווי אַ געשריי געטאָן, „נישט דערלאָזן צום קריג? אַזוי, אַט דאָ זעט מען אײַער ליבע צו רוסלאַנד, אײַער סאָלידאַרישקייט לגבי דעם אָרעמען בעלגיען״.

כ׳האָב געשפּירט, ווי אַלץ אין מיר ציטערט, ווי פון אַ פיזישן ריס אין מײַן אינערלעכסטעס. איז דאָס געווען פּלעכאַנאָוו, דער חבר, דער לערער, דער וועגווײַזער? דאָס איז געווען אין די ערשטע וואָכן פון אויגוסט, די ידיעה וועגן די באַווילדיקטע קרעדיטן איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען צו אונדז און אַרויסגערופן בײַ אונדז די ביטערסטע אויפגעבראַכטקייט; כ׳האָב זיך בכלל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז צווישן מאַרקסיסטן קענען זײַן צווייערליי מיינונגען וועגן דעם קריג. און בפרט פּלעכאַנאָוו!

וואָס ער איז געווען פאַר די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן פון מײַן דור, איז גענוג באַקאַנט; ער האָט אונדז געהאָלפן וויסנשאַפטלעך זיך צו אָריענטירן אויף אַלע געביטן, ווי אַן עמוד האש איז ער אונדז פאָרויסגעגאַנגען און האָט אונדז געהאָלפן גובר צו זײַן, יאָ, אפילו אויסצומײַדן נישט איין קריזיס, אָן אים וואָלט אונדזער וועג צום מאַרקסיזם געווען אַ סך לענגער. פאַר מיר פּערזענלעך האָט פּ ל ע כ אַ נ אָ וו באַדײַט זייער, אומענדלעך פיל. נאָך מאַרקסן, ענגעלסן און בעבעלן האָב איך אַממייסטן צו פאַרדאַנקען אים און אַ נ ט אָ נ י אָ ל אַ ב ר י אָ ל אַ, גראָד בײַ אים האָב איך געפונען די ענטפערס אויף די פּראָבלעמען, וואָס האָבן מיך אַממערסטן אינטערעסירט. כ׳האָב אויך אָפּט געהאַט דעם אינטעלעקטועלן און עסטעטישן גענוס צו הערן פּערזענלעך פּלעכאַנאָוון בײַם ריידן, דערציילן, דיסקוטירן. דאָ איז ער געווען אומפאַרגלײַכלעך. דײַטשישע גרינטלעכקייט און רוסישער ערנסט האָבן זיך בײַ אים געפּאָרט מיט עכט־פראַנצויזישן גײַסט. אויך ער, ווי לאַבריאָלאַ, האָט געקענט די קונסט פון צוציען צו זיך אַלע, וועגן וועלכע ער האָט געאַנט, אַז פון זיי וועט עפּעס ווערן. אויך ער האָט געקענט די קונסט פון לערנען, נישט באַלערנענדיק, אויפצוהויבן צו זײַן

ציוואַ, נישט לאָזנדיק דערביי שפּירן זיי העכערקייט. חדשים־לאַנג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט אים טאָג־טעגלעך, בעת ער האָט צוליב געזונט־טעמים געוויילט אין איטאַל־יע. מיר פּלעגן זיך אויך טרעפן אין אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ, אויף קאָנגרעסן...

נאָכדעם, ווי פּלעכאַנאָוו האָט אַזוי גערעדט צו מיר, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן זיך נישט מער וואָס צו זאָגן, כ׳האָב תּיכף געוואָלט צוריקפאָרן; אָבער אין יענע ערשטע קריגסטעג האָבן די באַנען קורסירט זעלטענער, און אַזוי ווי פּלעכאַנאָוו האָט מיר איינגעלאַדן אין בריוו אָפּצו־שטייגן ביי אים, האָב איך זיך געוואָלט באַהערשן און אָפּוואַרטן דעם נאָנטסטן צוג, כּדי צו דער אינערלעכער זאָל נישט צו־קומען אויך אַן אויסערלעכע פאַרפרעמדקייט. פּלעכאַנאָוו האָט גלייך איינגעזען, אַז ער קען ביי מיר גאָרנישט פּועלן, האָט ער אויסגענוצט מיין זיין ביי אים, כּדי מיך צו קוועלן דורך רייצן זיך מיט מיר, דורך שטעכווערטלעך. „יאָ, אייערע דייטשע חברים״, פלעגט ער אַ זאָג טאָן דרך אגב און דערציילן פאַר־שיידענע אַנעקדאָטן, באַדויערן זיין עלטער, וואָס לאָזט אים נישט אַרויסטרעטן אויפן פראָנט קעגן די צענטראַל־מלוכות, כ׳האָב זיך באַמיט אַלץ איבערצוטראָגן רואיק. כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווער עס האָט זיך געפונען פאַר מיר, און אין זיין ליידנשאַפטלעכן פּרוּוו מיך אַרויסצופאָדערן איז אפשר אויך געלעגן די ביטערקייט פון דער אַנטוישונג, וועלכע איך האָב אים פאַרשאַפט. „יאָ, אָבער חבר פּלעכאַנאָוו״, האָב איך אים אָפּגעפרעגט איין איינציקעס מאָל אין משך פון די אומענד־לעכע 24 שעה, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אונטער זיין דאַך, „צי דען האָט איר אונז נישט געלערנט צו זען אין קאַפּיטאַליזם די סיבה פון אַלע מלחמות, צי דען ווילט איר אויף אַן אמת, איך זאָל מאַכן אַ חילוק צווישן „אָנגרייפער״ און „אָנגעגריפענע״, צווישן „באַרבאַרישן״ דייטשלאַנד און דער „איידעלער״ פראַנקרייך ?״

און דאָס, וואָס האָט מיך אַממייסנטן דערשיטערט און באַפעסטיקט אין דער הנחה, אַז פּלעכאַנאָוו האָט זיך געשטעלט אַלס ציל מיך צו פּייניקן, איז געווען דער פאַקט, וואָס אין

מיין קעגנווארט פלעגט ער אין שמועס מיט א וועלכער-נישט-איז פראנקאפילער שווייצערין באנוצן דאס ווארט „באש". ס'איז פאר מיר געווען א דערליידונג, ווען איך האב ווידער געקענט איינשטייגן אין צוג און זיך אומקערן קיין איטאליע, צו מיין פארטיי, וועלכע האט איבערגענומען אויף זיך א שווערע, אומדאנקבארע אבער רומרייכע מיסיע. ווי מאדנע עס זאל נישט קלינגען, אבער איך בין זיכער, אז אויף פלעכאנאווס שטעלונג האבן געווירקט אויסערלעכע אומשטענדן: ער איז געווען אין פאריז, ווען דידאזיקע שטאט איז באדראט געווען דורכן ארײנמארש פון די דייטשע חילות.

## סאָציאַליסטישע שלום־קעמפער — דייטשע אַגענטן — קאָנפערענץ אין לוגאַנאָ

די רכילות־קאַמפּאַניע פון דער פרעסע פון די קריגס־פירנדיקע לענדער קעגן דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און ספּעציעל קעגן מיר האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. די מעגלעכקייט, אַז אַלס קעמפער פאַרן גרויסן ציל פון סאָציאַליזם זאָל מען באַשולדיקט ווערן אין דער שענדלעכער ראָלע פון אַ באַצאָלטן, איבערגעקויפטן שפּיאָן — איך בין אַלגעמיין פאַרשריען געוואָרן אַלס „אַגענט" פון די צענטראַל־מלוכות, — איז שוין פאַר זיך אַליין עפּעס עקלדיקס און שרעקלעכעס, אָבער נאָך שרעקלעכער, נאָך אומדערוואַרטעטער איז פאַר מיר געווען דער פאַקט, וואָס עס האָבן זיך געפונען גאַנצע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און דורך זיי באַצאָלטע פרעסע־אָרגאַנען, וועלכע האָבן באַוווסטזיניק, צוליב מאַטעריעלע אינטערעסן פאַרשפּרייט רכילות, ווייל זיי האָבן אונז באַטראַכט אַלס ערלעכע קעמפער פאַר אַ ציל, וואָס זיין גרויסקייט און אומבאַזיגבאַרקייט איז זיי גוט באַקאַנט געווען. דאָס, וואָס ס'איז מעגלעך אַזוי צו שקרענען, אויפפּאָדערן צו שקר, באַצאָלן פאַרן שקר און אויפבויען גאַנצע שקר־אַפּאַראַטן, — דאָס איז געווען דאָס דערדריקנדיקסטע און דערנידערנדיקסטע, וואָס איך האָב ווען נישט איז איבערגעלעבט. אַגב אורחא, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן מיך ענלעכע מעטאָדן לגמרי פרעמד געמאַכט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אַלע אָרגאַנען, וואָס געפינען זיך אין זיין רשות.

דער ערשטער מוסטערביישפּיל אין גרויסן סטיל, וויאַזוי

עס ווערט אינסצענירט אַ רכילות-קאַמפּאַניע, איז פאַר מיר גע־
ווען דער אָפּקלאַנג, וואָס אונזער ערשטער פּרווו אַנטקעגנצו־
שטעלן דעם אימפּעריאַליסטישן ווילדעווען פון די גרויסמאַכטן די־
מאַכט פון סאָציאַליזם, האָט באַקומען אין דער פּרעסע.

אויך די פריינט און אָנהענגער פון דער באַוועגונג קעגן
קריג און קעגן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל הויבן זי געוויינלעך
אָן מיט דער צימערוואַלד-קאָנפערענץ. דאָס
שטייט אָבער נישט אין הסכם מיט די פאַקטן. דער ערשטער
פּרווו צו לאָזן הערן קעגן קריג אַ סאָציאַליסטישע קאָלעקטיוו־
שטימע, איז שוין געמאַכט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון
די איטאַליענישע סאָציאַליסטן מיט דער אונטערשטיצונג און
מיטווירקונג פון די שווייצאַרישע סאָציאַליסטן אין סעפּטעמבער
1914. דער איטאַליענישער פּאַרטיי-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו
פאָדערן, מ'זאָל צענויפרופן די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ, כדי
אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן
קאַמף קעגן קריג. כדי אויסצופירן דעמדאָזיקן באַשלוס בין
איך, לויטן אויפטראָג פון איטאַליענישן פּאַרטיי-קאָמיטעט, גע־
פאָרן צו דער שווייצאַרישער גרעניץ צו פירן אונטערהאַנדלונ־
גען מיט ראָבערט גרים.

דאָס איז געווען אין די ערשטע קריגסטעג, און אַ אי־
לוזיע בנוגע דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ
און דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז נאָך מעגלעך געווען צו
דערקלערן, באַזונדערס ביי די חברים, וואָס זייער סאָציאַליס־
טישער גלויבן האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטיילט פון גלויבן
אין די אָרגאַניזאַציעס און אין די מענטשן וועלכע פירן מיט
זיי אָן. איך בין מודה, אַז פאַרן צוזאַמענברוך פון אינטער־
נאַציאָנאַל — האָט זיך אויך ביי מיר דער גלויבן אין סאָציאַ־
ליזם געפּאָרט מיטן גלויבן אין דער שטרענגסטער דיסציפּלין,
וואָס נעמט אַרום אַלע איינריכטונגען און פירער, אָבער צו
דער צייט, ווען וועלכער איך שרייב, האָב איך שוין מער
נישט געהאַט קיין אילוזיעס נישט וועגן ביוראָ אַליין און נישט
וועגן דער מעגלעכקייט און ווירקזאַמקייט פון זיין צענויפרו־
פונג. (ס'קען זיין, אַז אויך דערפאַר, ווייל איך האָב אָנטייל־
גענומען אין דער לעצטער זיצונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן

סאָציאַליסטישן ביוראָ פאַר דעם קריג.) אויב איך בין פונדעסטוועגן געפאָרן קיין בריג, האָב איך עס געטאָן דערפאַר, כדי אויסצופירן די אויפגאַבע, וועלכע די איטאַליענישע פאַרטיי האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט. די איטאַליענישע און שווייצאַרישע פאַרטייען האָבן געפילט די אחריות, וועלכע זיי טראָגן לגבי דעם אינטערנאַציאָנאַל, חוצדעם האָבן זיי געוואָלט באַשיצן די אייגענע לענדער פאַר דער אימפעריאַליסטישער אַוואַנטורע. זיי האָבן דעריבער געהאַט בדעה אָנצונעמען טריט, וואָס זאָלן באַוועגן די פירער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אים צונויפצורופן. צוליבן דאָזיקן צוועק האָט געזאָלט פאָרקומען אַ שמועס צווישן די פאָרשטייער פון ביידע פאַרטייען, און וועגן די איינצלהייטן פון דאָזיקן שמועס האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיט גרימען אין בריג.

אייניקע דעטאַלן פון דער צונויפרופונג און אויספירונג פון צוזאַמענטרעף וואַרפן אַ קלאָר בילד אויף דער בגידה, וואָס איז שוין פאַרטראַכט געוואָרן קעגן דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און אויף דעם אומריינעם אָנטייל פון דעמיעניקן, וואָס איז געוואָרן דער שמוציקסטער כּלי־זין פון דערדאָזיקער בגידה. די קאָנפערענץ איז נאַטירלעך אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיים, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אָנצוּוואַרפן אַ קאָמפּלאָן קעגן אַלע רעגירונגען און אָנווייזן קאַמפּסמיטלען די פאַרטייען, וואָס זענען דערשטיקט געוואָרן דורכן קריגסצושטאַנד. דאָס האָט געמוזט געטאָן ווערן, בעת מיר האָבן געהאַט קעגן זיך אַלע קריגסצענזורן, ווען אַלע גרעניצן זענען הערמעטיש געשלאָסן געווען קעגן יעדן סאָציאַליסטישן וואָרט, קעגן יעדער באַוועגונג, קעגן יעדן דאָקומענט. ווי גרויס איז דעריבער געווען די פאַרוווּנדערונג פון די פאַרזאַמלטע — און ביי אייניקע אויך דער חשד, — ווען מען האָט אין טאָג פון דער קאָנפערענץ געפונען אַ נאָטיץ וועגן איר אין „אַוואַנטי” (!), דער דעמאָלטיקער לייטער פון דער צייטונג, מוסאָליני, וועלכער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין פאָרשלאָג צונויפצורופן די קאָנפערענץ, איז, מיטן אויסרייד פון אַ קראַנקהייט, נישט געקומען קיין לוגאַנאָ, וווּהין די קאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך אַרומגעזען,

אַז דידאָזיקע אָפּוועזנהייט איז נישט געווען קיין צופאַל, פּונקט אַזוי ווינציק, ווי די דערמאָנטע פאַרעפנטלעכונג...

ווען איך בין אין מילאַן איינגעשטיגן אין צוג, כּדי צו פאָרן קיין לוגאַנאָ, האָב איך ביים וואָקזאַל געטראָפן אַ חוץ די חברים סעררַאטי אין מוסאַטטי, וועלכע זענען געקומען פון ווענעציע, אויך אייניקע בירגערלעכע זשורנאַליסטן, וועלכע זענען אויך געפאָרן קיין לוגאַנאָ, כּדי אָנטיילצונעמען אין דער אָנגעמאָלדענער קאָנפערענץ.

איך מיט סעררַאטין האָבן מיר געהערט צו די ווייניקע חברים, וועלכע זענען שטענדיק אַרויסגעטראָטן קעגן צולאָזן בירגערלעכע זשורנאַליסטן צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, שוין אין דער צייט, ווען וועגן קאָנספּיראַציע האָט נאָך בכלל נישט געקענט זיין קיין רייד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט אונז נישט דיקטירט קיין פאַרלאַנג עפּעס צו פאַרבאָרגן, נאָר בלויז דאָס געפיל פון ווירדע און אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע די פאָרשטייער פון אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי און אַ אונטערדריקטן קלאַס מוזן שפּירן לגבי דער בירגערלעכער וועלט. אין פאָרליגנדיקן פאַל האָבן נאָך חוצדעם דער כאַראַקטער און דער צוועק פון דער קאָנפערענץ פאַרבאָטן צוצולאָזן בירגערלעכע צייטונגסלייט. אַלס צענויפרופערין פון דער קאָנפערענץ האָב איך נאָך אינטענסיווער געשפּירט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שוין ביים אָפּפאָרן האָב איך נישט אויסבאַהאַלטן פון די זשורנאַליסטן, אַז איך וועל אויפן אַנטשיידנסטן אופן אַרויסטרעטן קעגן דעם, מ׳זאָל זיי צולאָזן צו דער קאָנפערענץ. און דער ערשטער פאָרשלאָג, וועלכן איך האָב פאָרגעלייגט דער קאָנפערענץ איז געווען קעגן צולאָזן די זשורנאַליסטן. אַלע אָנוועזנדיקע, אַחוץ איינעם, וועלכער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן מוסאָליניס מיטקעמפער פאַרן קריג און קעגן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן געשטימט פאַר מיין פאָרשלאָג!

אַ טאָג נאָך דער קאָנפערענץ, ווען איך בין נאָך דער פאָרענדיקטער אַרבעט געזעסן מיטן חבר מוסאַטטי אין אַ לוגאַנער קאַפעהויז ביים אָזערע-ברעג, בין איך געווען נישט ווינציק איבעראַשט, ווען איך האָב דורכגעלייענט אין „סעקאָלאָ“, אַז מיר האָבן די זיצונג אָפּגעהאַלטן געהיים, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַרבינדונג מיטן דייטשן

אימפּעריאַליזם אויפן באַזיס פון דייטשן געלט. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך בין באַצייכנט געוואָרן אַלס דייטשע „אַגענטין", וועלכע האָט פאַר אַ גוטע מטבע איבערגעגעבן די פאַרמיטלער־ראָלע.

* * *

אין דער באַראַטונג, וואָס איר באַריכט איז בשעתו פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זענען געקומען צום אויסדרוק די מיינונגען, וואָס האָבן אין משך פון גאַנצן קריג געדינט אַלס דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן און די אָנהענגער פון „בורגפרידן". עס איז דערקלערט געוואָרן אַלס פליכט פון אינטערנאַציאָנאַל און פון די איינצלנע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויפצוקלערן די עפנטלעכע מיינונג, און דערעיקר די סאָציאַליסטישע און פּראָלעטאַרישע, אַז דער אמתער שולדיקער אין קריג איז דער אינטערנאַציאָנאַלער אימפּעריאַליזם און אַז צווישן די רעגירנדיקע זענען נישטאָ און קענען נישט זיין קיין „אומשולדיקע", ווייל אַלע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען טראָגן די שולד פאַרן קריג.

פון דערדאָזיקער קאָנסטאַטירונג האָט מען אַרויסגעפירט די נויטווענדיקייט דרינגענדיק צונויפצורופן דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ, ווייל דער קריג קען נישט און דאַרף נישט איבעררייסן די סאָלידאַריטעט־פעדים, וואָס פאַרבינדן די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער. אדרבה, גראָד בעת דער בלוטבאָד, אין וועלכער די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַריינגעשטויסן די פעלקער, מוזן זיי, די פּראָלעטאַריער, לאָזן הערן זייער שטים, די שטים פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל, די שטים פון פעלקער־שלום, פון קלאַסנקאַמף.

אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע באַדינגונגען, מיטן דויער און מיט די פאָלגן פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, קענען די געבראַכטע געדאַנקען פאַרקומען לייכטוואָגיק, אָבער דעמאָלט האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַ טריט פאָראויס. זיי זענען געווען דער ערשטער קאָלעקטיווער אני־מאמין אין פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, די ערשטע אָפיציעלע, קאָלעקטיווע פאָראורטיילונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ

נישט נאָר די מיטגלידער פון פּאַטריאָטישן אינט. סאָצ. ביוראָ, נאָר אויך די סאָציאַל-פּאַטריאָטן פון אַלע לענדער האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער קאָנפערענץ; איינע האָבן זי אָנגעגריפן, ווייל זי איז „אומגערעכט" לגבי די צענטראַל-מלוכות, אַנדערע — ווייל זי איז „אומגערעכט" לגבי דער אַנטאַנט, די דריטע — ווייל זי איז נישט גענוג געטריי דעם אינט. סאָצ. ביוראָ אַלס העכסטן אויטאָריטעט. נאָך דער קאָנפערענץ האָט געזאָלט קומען אַ קאָנקרעטע, אינטער-פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציע פון די פאַרטראָטענע פּאַרטייען, פון די קאָנפערענץ-אָנטיילנעמער, ווי איך דערמאָן זיך, זענען מ אָ ד י א ָ פ ע ר ר י, ר י מ א ט, ג ר י ם, ג ר ו י ל י ך, נ ע ן, ג ר א ב ע ר און פּ פ ל י ג ע ר אָנוועזנדיק געווען אין נאָמען פון דער שווייצאַרישער פּאַרטיי, ס ע ר ר א ַ ט י, מ ו צ א ַ ט י, ל אַ צ אַ ר י, מ אָ ד י ג ל י אַ נ י, מאַרגאַני, טוראַטי און איך אין נאָמען פון דער איטאַליענישער סאָצ. פּאַרטיי, חבר אַ ר-מ ו צ י און נאָך איינער, וועלכער איז געוואָרן דער פּאַרטיי-דיקער פון אַנטאַנט-קריג, אַלס פאַרטרעטער פון דער סאָציאַ-ליסטישער איטאַליענישער פּאַרטיי אין דער שווייץ.

מיר אַלע זענען געווען אַזוי אויסגעשעפּט, די לוגאַנער אָזערע דאַקעגן האָט אַזוי צוגעזאָגט רו און שלום, די הויכע, אומדערגרייכלעכע בערג זענען געווען אַזוי פייערלעך און שטאָלץ... מיר האָבן געמאַכט אַ שיפל-שפּאַציר... מיר איז פאַר-געקומען סימבאָליש, וואָס דאָסזעלבע שיפל האָט געפירט אויף זיך לאַצאַרין און טוראַטין, וועלכע האָבן זיך באַקעמפט יאָר-צענדליקער לאַנג. איינער פון זיי האָט גערודערט. פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלן, אַז אויף איין פראַגע האָבן מיר נישט געגעבן קיין אויסשעפּנדיקן ענטפער. אונזערע שיפלעך האָבן זיך דערנעענטערט איינס צום צווייטן, זענען שטיין גע-בליבן, ביז מיר האָבן פאַרענדיקט די באַראַטונג.

מיט אָפּזינגען טוראַטיס אַרבעטערליד „אָדער קעמפנדיק צום טויט" האָבן מיר געשלאָסן די קאָנפערענץ, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן דעם שפּראָצל פון צימערוואַלד. „אָדער קעמפנ-דיק צום טויט" האָט אָפּגעהילכט פון איין אָזערע-ברעג. דער Monte Generoso האָט געשמייכלט אין זיין זעלבסטבאַוווסטער איבערלעגנהייט...

# אַ נישט-געווּנשענער באַזוך

נאָכדעם ווי כ'האָב ענטגילטיק פאַרלאָזן דעם „אַוואַנטי", האָב איך מער נישט געלעבט אין מילאַן, אָבער ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן און מען האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַלערליי סיורפּריזן און די מיטגלידער פון פּאַרטיי-קאָמיטעט האָבן געקענט צוגעצויגן ווערן צו פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָב איך מער נישט געוואָלט זיין דערווייטערט פון דעם באַוועגונגס-צענטער. איך האָב געדונגען אַ פּראָוויזאָרישן צימער, „פּראָוויזאָריש", ווייל איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך וועל גאָר אינגיכן דאַרפן איבערוואַנדערן אין תּפיסה: אַלע אויפרופן קעגן קריג זענען אינדיווידועל געחתמעט געוואָרן דורך אַלע מיטגלידער פון פּאַרטיי-קאָמיטעט, און דערצו בין איך נאָך געווען אַן אויסלענדערין.

פּמעט טעגלעך פלעג איך קומען אין דער רעדאַקציע פון „אַוואַנטי", כדי צו בלייבן אין קאָנטאַקט מיט דער אויסלענדישער פּאַרטיי-פּרעסע. איינמאָל אין אָוונט, ס'איז געווען אַרום 10 אַזייגער, ווען איך האָב געוואָלט נעמען לייענען די פּריש-אָנגעקומענע „נויע צייט", האָט מיך מוסאָליני געפרעגט: „דו ווייסט, ווער עס קומט דאָ אַהער צען אַזייגער? זידעקום".

„זידעקום?" האָב איך דערשטוינט איבערגעחזרט, כאָטש דערדאָזיקער נאָמען האָט ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערע, קודם כּל נישט קיין אָנגענעמע אידייען-אַסאָציאַציע. זידעקום איז מיר פּערזענלעך געווען לחלוטין אומבאַקאַנט, אָבער זיין מיליטערישע אָריענטאַציע איז מיר געווען צו אומסימפּאַטיש, איך זאָל זיך קענען פרייען מיט זיין באַזוך. אָבער אויפפאַלנדיק

אָדער פאַרדעכטיק איז דאָס מיר נישט געווען, ווייל מיר זענען גע־ווינט געווען, אַז אַלע אויסלענדישע פּאַרטיי־חברים זאָלן קומען אין „אוואַנטי“. נישט רעאַגירנדיק אויף דער מיטטיילונג מיט קיין שום זאַך, האָב איך ווייטער געלייענט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דערשינען טרעוועס אין דער באַגלייטונג פון אַ מאַן, וועלכן כ׳האָב נישט געקענט און וועלכן ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס זידעקום.

דערדאָזיקער האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן דורכן דייטשן פּאַרטיי־קאָמיטעט קיין איטאַליע, מיטן ציל אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט דער איטאַליענישער פּאַרטיי און צו זען, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן, כדי צו פאַרטיידיקן די נייטראַליטעט און צוזואיילן די באַנייאונג פון אינטער־נאַציאָנאַלס טעטיקייט. „פון פּאַרטיי־קאָמיטעט? — ווי קומט עס, וואָס דער פּאַרטיי־קאָמיטעט שיקט אַהער גראָד אַזאַ מין רעווי־זיאָניסט, וואָס איז נאָך לאַנג פאַרן קריג געווען קאַנדידאַט אויף אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער פּאַרטיי?“ — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט געווענדט צו טרעוועס און מוסאָליני, און כ׳האָב גלייך איבערגעזעצט מיין פראַגע אויף דייטש ווענדנדיק זיך מיט איר צו זידעקומען. אָן דער מינדסטער פאַרלעגנהייט האָט ער איבערגעחזרט, אַז ער איז לויט דער איניציאַטיוו פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, צווישן אַנדערן אויך דערפאַר, ווייל אים איז געלונגען צו באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס. (פאַקטיש האָט זידעקום שוין געהאַט געמאַכט אַ רייזע אין די באַלקאַן־לענדער.)

אויספאַלנדיק איז מיר געווען מוסאָליניס האַלטונג. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס דעלעגירן אַן אויסגעשפּראָכענעם רעוויזיאָניסט וועט אים פונקט אַזוי פיינלעך אָנרירן, ווי מיך, און אַז ער וועט זיין איינדרוק אַרויסזאָגן פונקט אַזוי אָפן, ווי איך האָב דאָס געטאָן. אין דער אמתן אָבער האָט ער גאָרנישט צוגעגעבן צו מיין פעסטשטעלונג, ער איז מיט זידע־קומען געווען באַזונדערס ליבנסווירדיק און האָט אים געבעטן, ער זאָל געבן אַן אינטערוויו פאַרן „אוואַנטי“. זידעקום האָט אָן קווענקלעניש געגעבן זיין הסכמה. און מוסאָליני האָט זיך געווענדט צו מיר. „ביטע, מאַך דו דעם אינטערוויו“. ערשט

שפּעטער איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָס אַלץ איז געווען קאַלטע, פאַררעכענטערישע אויסגערעכנטקייט, מוסאָליני האָט די פּאַרטיי, דעם „אַוואַנטי", מיך געוואָלט קאָמפּראָמיטירן דורך אַן אינטערוויו מיט אַן „אַגענט" פון דער דייטשער רעגירונג, דערביי זאָל זיך שאַפן אַן איינדרוק, אַז ער פּערזענלעך האָט נישט גענומען קיין שום אָנטייל אינם דערשיינען פון אינטערוויו. דאַמאָלט האָב איך אים אפילו נישט געקענט חושד זיין אין אַזאַ הינטערגעדאַנק; איך האָב בלויז אויסגעדריקט מיין ווידערווילן קעגן יעדער אַרט אינטערוויוען, וועלכער איז, אגב, גאַנץ גוט באַקאַנט געווען מוסאָלינען. דערווייל האָט זידעקום אַרויסגענומען פון קעשענע אייניקע בויגן העל-בלויען בריוופּאַפּיר, באַשריבענע אין דער פאָרם פון אַ אינטערוויו, און זיי איבערגעגעבן מוסאָלינין, וועלכער האָט זיך ווידער געווענדט צו מיר מיט דער ביטע, איבערצוזעצן דעם „אינטערוויו".

„גוט", האָב איך געזאָגט, „אָבער איך וויל נישט נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער פאַרעפנטלעכונג פון אַ אינטערוויו מיט אַ פּאַטריאָטיש-געזינטן רעוויזיאָניסט. נאָך דער געמאַכטער איבערזעצונג וועל איך זי נאָכאַמאָל דורכקוקן מיט זידעקומען און באַשמועסן מיט אים די אויסשטרייכונג פון אַלע יענע שטעלן, וואָס קענען נישט קומען אין „אַוואַנטי", אָדער וואָס קענען יעדנפאַלס נישט פאַרעפנטלעכט ווערן אָן קריטיק. דו וועסט מאַכן דעם אַנטשפּרעכנדיקן קאָמענטאַר".

אין הסכם מיט דעם איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז זידעקום זאָל דעם צווייטן אָוונט קומען אין רעדאַקציע. און ער איז טאַקע געקומען. ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אייניקע שטעלן פון זיין דערקלערונג, וואָס וואָלטן דורך די איטאַליענישע אַרבעטער אויפגענומען געוואָרן מיט געלעכטער, אַזוי, למשל, די פאַרזיכערונג, אַז ווילהעלם II האָט תמיד געשטרעבט צו שלום און אַנדערע מאָנאַרכיסטיש-באַפאַרבטע שטעלן, איז זידעקום אָן קווענקלעניש איינגעגאַנגען מ׳זאָל זיי אויסמעקן אָדער ענדערן. אין אַלגעמיין איז אין זיין שרייבן, ווי אין זיין האַלטונג נישט געווען קיין שפּור פון עפּעס אַזוינס, וואָס דערפון זאָל מען קענען שליסן וועגן דער אויספירונג פון אַ דיפּלאָמאַטישער שליחות פון דער דייטשער רעגירונג.

דערווייל איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען די שעה, ווען מו־סאָליני האָט, לויט זיין געוווינהייט און לויט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, געדאַרפט זיין אין דער רעדאַקציע. זידעקום האָט געמוזט אַוועקגיין. דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי האָט געאיילט — דער מאַנוסקריפּט, וואָס מוסאָליני האָט שוין פאַר־אָרדנט צו פאַרעפנטלעכן — זאָל אים אָפּגעגעבן ווערן. איך האָב נישט נאָכגעגעבן, כ׳האָב פאַרביטן דעם מאַנוסקריפּט מיט אַנדערן שטאָף. כ׳האָב באַטראַכט אַלס נישט־דערלאָזבאַר, מ׳זאָל אָפּדרוקן אין „אַוואַנטי״ אַן אינטערוויו פון אַ רעוויזיאָניסט אָן אַ קאָמענטאַר און כ׳האָב געוואָלט צווינגען מוסאָלינין, ער זאָל נעמען אַ שטעלונג צו אים. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז ער ענדלעך דערשינען און איז געווען זייער דערשטויגט, וואָס דער „אינטערוויו״ איז נאָך נישט אָפּגעשיקט אין דרוק. און דער קאָמענטאַר, וועלכן ער איז ענדלעך פאָרט געצוווּנגען געווען אָנצו־שרייבן, איז געווען קורץ און גאַנץ פאַרבלאָזן.

אין אַ שמועס מיט אונז, די מיטגלידער פון פאַרטיי־קאָמיטעט, האָט זידעקום דערציילט, אַז ער האָט בדעה צו פאָרן קיין רוים, כּדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן פאַר־טיי־סעקרעטאַר לאַצאַרי און מיט די אין רוים־לעבנדיקע קאָמיטעט־מיטגלידער. ער האָט קוים באַוויזן דאָרט אָנצוקומען, ווי אַלע צייטונגען האָבן באַריכטעט וועגן אַ באַראַטונג פון פאַרטיי־קאָמיטעט פון דער איטאַליענישער סאָצ. פאַרטיי מיט אַן „עמיסאַר פון דער דייטשער רעגירונג״. אָבער נאָכמער האָט מיך איבערגעשראָקן, — כ׳מוז אפילו זאָגן, אַז אַנטוישט, — דער פאַקט, וואָס דער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט זיך דערנידע־ריקט צו אַ דערקלערונג, וואָס האָט אַנטהאַלטן דעם וואָרט־געטרייען פּראָטאָקאָל, די קאָפּיע פון דעם גאַנץ פּראַנקאָפיל־געפאַרבטן ענטפער, וואָס דער מיטגליד פון פאַרטיי־קאָמיטעט חבר דעללאַ סעטאַ האָט געגעבן זידעקומען. אין דעמדאָ־זיקן ענטפער האָט מען זיך אָפּגעגרעניצט נישט אַזוי פון רעווי־זיאָניסט און מאָנאַרכיע־פאַרטיידיקער זידעקום, ווי פון דעמיע־ניקן, וועמען די אַנטאַנט־פּרעסע האָט דערקלערט אַלס עמיסאַר פון דער דייטשער רעגירונג. דער אינהאַלט און טאָן פון ענט־פער, דאָס דערמאָנען די „אָרימע בעלגיע״ און די „רומרייכע

פראַנקרייך״ האָבן עדות געזאָגט אויף אַ צו גרויסער אויפמערקזאַמקייט צו דער בירגערלעכער און קליינבירגערלעכער עפנטלעכער מיינונג. איך האָב געהאַלטן, אַז יעדער מיטגליד פון דער דייטשער פּאַרטיי דאַרף אונז זיין נענטער, איידער אַלע אַנטאַנט-פריינטלעכע, נישט-סאָציאַליסטישע עלעמענטן, פאַר אונזערע באַציאונגען צו אונזערע חברים לדעה דאַרפן מיר קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון. אויך סעראַטי, וועלכער האָט פּונקט ווי איך נישט בייגעווען אויף דער זיצונג פון פּאַרטיי-קאָמיטעט, האָט געהאַלטן פאַר אַ צו ווייטגייענדיקע קאָנצעסיע פאַר דער בירגערלעכער און קליינבירגערלעכער עפנטלעכער מיינונג די פאַרעפנטלעכונג פון דעללאַ סעטאַס רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין רוים און איז געווען ווולגאַר-פראַנקאָפיליש. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך בין נישט מסכים געווען מיטן איטאַליענישן פּאַרטיי-קאָמיטעט.

ווען זידעקום איז אויף זיין צוריקרייזע קיין דייטשלאַנד ווידער געקומען קיין מילאַן, האָבן זיך נאָך די צייטונגען באַשעפטיקט מיט זיין ווייל אין רוים און האָבן קעגן אים געפירט אַ העצע מיט אַ באַזונדערן געשמאַק, ווי קעגן אַלץ וואָס דייטשיש. כדי בייצושטיין אַ טייערער פריינדין און חברטע אין אַ שווערער גורל-שעה — דאָס איז געווען אַ יונגע מוטער, וואָס האָט געטראָגן צום קבר איר דריט קינד, — בין איך אָפּגעפאָרן אין דער שווייץ. מוסאָליני האָט מיך טעלעפאָניש אויפגעפאָדערט, תיכף צוריקצוקערן קיין מילאַן, און דערביי האָט ער נישט געוואָלט זאָגן, וועגן וואָס אייגנטלעך עס האַנדלט זיך. אין יענע טעג, וואָס זענען רייך געווען מיט געשעענישן, האָט מען געמוזט זיין גרייט אויף אַלץ; איך האָב גערעכנט, אַז דאָס מוז זיין אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון פּאַרטיי-קאָמיטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט די קריגסגעשעענישן און כ׳האָב געאיילט קיין מילאַן אין דער „אַוואַנטי״: „דו ווייסט״, האָט מיר מוסאָליני געזאָגט, מיר איבערגעבנדיק אַ קאַרטל פון זידעקום, „זידעקום וויל ריידן מיט מיר אָדער מיט דיר, מיר טוט ווי דער קאָפּ, ביטע, גיי דו צו אים...״ כ׳בין אַוועק אין האָטעל, כאָטש כ׳האָב זידעקומען נישט גע-

האַט וואָס צו זאָגן און כ׳האָב אויך נישט געהאַט וואָס צו הערן פון אים; כ׳בין געגאַנגען גאַנץ פשוט דערפאַר, ווייל די הענט, וואָס מען האָט געפירט קעגן אַלץ, וואָס דייטש איז, האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ חוב, אַרויסצווייזן אים סאָלידאַרישקייט און גאַסטפריינטלעכקייט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די צייטונגען פאַרשפרייט אַ ידיעה, אַז איך האָב אויפגעפאָדערט זידעקומען אַריבערצוקומען קיין איטאַליע. וועגן זיין באַזוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גאַנצע בראָשור. עס איז אויסגעמייסטערט געוואָרן אַ שפּאָט-וואָרט „זידעקומעריי", וואָס דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן אַזוי גוט ווי דאָס, אַז מ׳זאָל דורך זידעקומען האָבן באַקומען געלט פון דער דייטשער רעגירונג. — — —

# אָפּרעכענונג מיט מוסאָלינין.

נאָכדעם ווי דער פירער און גייסטיקער פאָטער פון דער בלוטיקער אַנטיפּראָלעטאַרישער רעאַקציע, מוסאָליני, איז טרויעריק באַרימט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, האָבן זיך די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, אָפּט—און מיט רעכט — געפרעגט, ווי אַזוי איז עס בכלל מעגלעך, אַז אַ מענטש פון דאָזיקן קאַליבר האָט געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער איטאַליענישער פּאַרטיי. דערפון האָט מען געמאַכט פאַלשע אויספירן וועגן דער גאַנצער באַוועגונג, קודם כל וועגן כאַראַקטער און דער ווירקזאַמקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקציע. די רעפאָרמיסטיש-געזינטע סאָציאַליסטן פון איטאַליע און אויסלאַנד האָבן, — ווי דאָס געשעט אָפּט אין אַזעלכע פאַלן צוליב פאַרשטענדלעכע פסיכאָלאָגישע טעמים, — אויסגעגאָסן דאָס קינד צוזאַמען מיטן שמוציקן וואַסער. איך מוז מאַכן אָנשטרענגונגען איבער זיך, כדי איך זאָל אין מיינע שילדערונגען פון איינצלנע מענטשן און באַמיאונגען, וואָס זייער ציל איז דער עמאַנסיפּאַציע-קאַמף פון דער מענטשהייט, די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן אידעאַל, אויך דערמאָנען אַ פּאַרשוין, וואָס איז פון איין זייט געוואָרן אַן אויסוואורף פון דער מענטשהייט, און פון דער צווייטער שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ גאַנץ באַנאַלע פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג. אין דעם גאַנצן מוסאָליני-דערפאָלג און מוסאָליני-שכרות איז קיין זאַך נישט אַזוי אויפפאַלנדיק, אַזוי־

כאראקטעריסטיש און אַזאַ חרפה, ווי דער פאַקט, וואָס מ'האָט אים אַלס מענטשן געקענט באַטראַכטן ערנסט. דער פאַל מוסאָליני איז אַ ביישפּיל פון סוגעסטיע און אויטאָסוגעסטיע, וועלכע עס פירן דורך דער הערשנדיקער קלאַס און זיינע וואָרטזאָגער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרטיידיקן זייערע פּריווילעגיעס קעגן די רעוואָלוציאָנערע באַשטרעבונגען פון די עקספּלואַטירטע קלאַסן.

אַז דער פאַשיזם איז אַן אויסגעשפּראָכן-רעאַקציאָנערע, אַנטיפּראָלעטאַרישע באַוועגונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך דעם קריזיס פון דער נאָכמלחמה-צייט און וואָס ווערט געטראָגן דורכן גייסט פון קריג און דעם רעוואָלוציאָנערן אַפּפלוס — איז אַן אַלגעמיין-באַקאַנטע זאַך. ווייניקער אָבער איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג אין איטאַליע האָט גאָר אין אַ וועלכע נישט איז אַנדערע פאָרם נישט געקענט אַנטשטיין, און דער עיקר — זי וואָלט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. יעדע אַנדערע באַוועגונג וואָלט ביי די איטאַליענישע מאַסן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן עקשנותדיקן, אומבאַזיגבאַרן ווידערשטאַנד. פאַרן קריג און אוממיטלבאַר נאָך אים האָט דער איטאַליענישער אַרבעטער-קלאַס פאַרמאָגט אַזאַ פּאָליטישע השפּעה, אַזעלכע מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, דער אַלגעמיינער פרייהייטס- און גלייכקייטס-געפיל איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט, דער סאָציאַליזם — אַזוי פּאָפּולער אויך אין דער אַרמיי, אַז אַ נאָרמאַלע רעאַקציע, וואָס וואָלט זיך פּרובירט איינפונדעווען בהדרגהדיק, וואָלט אָן ספק אָפּגעשלאָגן געוואָרן. מוסאָליני און זיינע באַנדעס האָבן אויפן איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט געמאַכט אַ פּלוצלונגן איבערפאַל.

דער איבערפאַל איז מוסאָליני געלונגען, ווייל ער האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ווידערשטאַנד ביי זיינע קרבנות און ער האָט געקענט רעכענען אויף אונטערשטיצונג, חניפה און קריכעריי מצד די הערשנדיקע און זייערע מיטלויפער. דער אַרבעטער-קלאַס איז טעכניש, ד. ה. מיליטעריש און פּסיכאָלאָגיש נישט געווען צוגעגרייט נישט צום איבערפאַל און נישט צו דער פאַרטיידיקונג. די רעגירונג, די מאָנאַרכיע, די גרויס-גרונדבאַזיצער, די אינדוסטריעלער און די קליינבירגערלעכע

מיטלויפער, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פאַשיזם, האָבן אים פאַרשאַפט נישט נאָר געלט, וואָפן, פאַרלייכטערונגען ביים אַריינמאַרש קיין רוים, זיי האָבן געשטעלט צו זיין דינסט נישט נאָר די אָרגאַנען פון דער פרעסע, פון געריכט, פון דער קירכע, נאָר זיי האָבן אים געגעבן — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — יורידישע און מאָראַלישע באַוועגונגספרייהייט און שטראָפלאָזיקייט אויף אַלע געביטן. דערדאַזיקער מענטש, וואָס זיין שטאַרקייט ווערט אַזוי אַלגעמיין באַוווּנדערט און געשטעמפּלט, איז נעבעכדיק שוואַך, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט דורכגעפירט קיין זעלבשטענדיקע טאַט, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גענומען אויף זיך קיין אחריות, ער איז נאָך קיינמאָל נישט געשווומען קעגן שטראָם...

אויף אַן אַגיטאַציע-רייזע אין דער פראַנצויזישער שווייץ האָב איך זיך באַקענט מיט מוסאָליניןן אויף אַ קליינער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג אין לאָזאַנע. ער האָט געקענט צוציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט בלויז דורך דעם אויסדרוק פון זיינע קרענקלעך-עקזאַלטירטע אויגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ אומבאַהאָלפענעם מענטשן, וואָס דאָס האָט מען געקענט צושרייבן זיין יוגנט און זיין דעקלאַסירטקייט. ער איז נישט געווען קיין מויערער, ווי ער האָט פאַרזיכערט, נאָר ער האָט געלעבט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אויפן חשבון פון די איטאַליענישע מויערער אין דער שווייץ. זיין אומבאַהאָלפנקייט און מאַטעריעלע נויט האָבן דערוועקט אין מיר אַ פאַרלאַנג אים בייהילפיק צו זיין. זיין העכסטער טרוים איז דאַן געווען איבערצוזעצן אין איטאַליעניש קאַוטסקיס „אַ טאָג נאָך דער רעוואָלוציע", דורך וואָס ער האָט געוואָלט פאַרדינען פופציק פראַנק, אָבער דאָס האָט אים נישט געקענט געלינגען, ווייל ער האָט נישט באַהערשט נישט די דייטשע שפּראַך און נישט די מאַרקסיסטישע טערמינאָלאָגיע. כ'האָב אים דעריבער פאַרבעלייגט, אַז כ'וועל אים העלפן ביי דער איבערזעצונג.

צוליבן דאָזיקן צוועק האָב איך זיך אויך אייניקע מאָל אויפגעהאַלטן אין לאָזאַן ביי דער דורכרייזע. שוין דאַן האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן זיין גרויסע מאָראַלישע שוואַכ-

קייט, און גראָד זי האָט מיך באַוועגט דערצו, איך זאָל זיך באַזונדערס פֿאַרנעמען מיט אים. אין משך פֿון דער צייט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן פֿון נאָנט זיין פּסיכאָלאָגישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג, ווי אַזוי ער האָט אַלס דעקלאַסירטער וואָגלער מיט מי דערוואָרבן ברעקלעך ליטעראַרישן וויסן, ווי אַזוי ער האָט פֿאַראייגנט די געדאַנקענגענג פֿון סאָציאַליזם און האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן טעטיק זיין אויך פּאָליטיש. איך האָב אים געקענט באַאָבאַכטן, ווי ער האָט אַלס פֿייערדיקער אַנטימיליטאַריסט און אַנטיקלעריקאַל אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגירן אין שריפֿט און אין וואָרט די לערעס פֿון סאָציאַליזם, פֿון דעם סאָציאַליזם, וואָס האָט אים גופֿא אַרויסגעצויגן פֿון תהום פֿון פֿיזישער און גייסטיקער פֿאַרוואָרלאָזטקייט. נאָך גענויער האָב איך אים געקענט באַאָבאַכטן, ווען ער האָט דערוואָרבן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איטאַליע אַלע העכערע פּאָסטנס, גרעסערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ גרעסערן רום. כ'האָב אים געזען פֿון גאָר נאָנט ביז צו דעם אויגנבליק, ווען זיין גרויסע כּבֿודגייציקייט און דער נקמהגעפֿיל לגבי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — וואָס האָט אים אַלץ געגעבן, אָבער אָפּגעזאָגט אין דעם, אויף וואָס ער האָט גערעכנט אין זיין גרויסקייט-מאַניע: די אַליינהערשאַפֿט — האָבן אים געשטויסן צו זיין בגידה לגבי דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און לגבי זיך אַליין. דאָס איז באמת געווען אַ בגידה לגבי אים אַליין, לגבי זיין פֿאַרגאַנגענהייט; ווייל, אויב מוסאָליני האָט ווען נישט איז אין עפּעס געגלויבט, איז אין רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם! אַלדאָס איבעריקע איז פֿאַר אים געווען און איז אַ בלאָף!

קיינער גלויבט נישט ווינציקער פֿון אים אַליין אין זיין „שטאַרקייט". ער רעדט נאָר וועגן זיין קראַפֿט, פֿון זיין שטאַרקייט און זיין מוט, כּדי צו באַרוישן זיך אַליין און אַנדערע. שטאַרק און מוטיק זיין הייסט קודם כּל זיין פֿעאיק און גרייט צו טראָגן אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו קענען שווימען קעגן שטראָם. און גראָד דידאָזיקע אייגנשאַפֿטן פֿעלן דעם איצטיקן זעלבסטהערשער פֿון איטאַליע מער ווי אַלדאָס אַנדערע.

איידער ער אַנטשליסט זיך אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג אָדער

האַנדלען, מוז ער זיין איבערצייגט, אַז אַנדערע מענטשן גייען
אים נאָך, אַז אַנדערע נעמען איבער אויף זיך די אחריות.
זיין איניציאַטיוו און זיין מוט אַנטוויקלען זיך בלויז אין די
ראַמען פון ענגע גרעניצן: פּנים אל פּנים מיט חברים לדעה
און קאַמפּסחברים.

מוסאָליני איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער אין אַ פאַמיליע,
וואָס איז דורכגעדרונגען געווען פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַ-
ציאָנאַליזם: זיין פאָטער איז געווען אַ שמיד און אַ איבער-
געגעבענער מיטגליד פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די ראָמאַ-
ניאַ, אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן, איז אין זיין יוגנט-
צייט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון העפטיקע קאַמפן צווישן רע-
פּובליקאַנער און סאָציאַליסטן. די קירכע, בכלל יעדע גייסטיקע
פאַרבינדונג מיטן רעליגיעזן גלויבן, איז אין זיין היימלאַנד
טיף פאַראַכט געווען. אין דער שווייץ, וווהין מוסאָליני איז
אַנטלאָפן, כּדי אויסצומיידן דעם מיליטערדינסט און דעם זיכערן
גורל פון אַ הונגעריקן פאָלקס-שול-לערער, איז זיין גאַנצע סביבה
באַשטאַנען פון סאָציאַליסטישע מויער-ער און האַנטווערקער,
וועלכע האָבן מיט אים בוכשטעבלעך געטיילט זייער קאַרג
שטיקל ברויט.

זיין סאָציאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט נישט געטראָגן
אויף זיך דעם מינדסטן אינדיווידועלן שטעמפּל, זי איז
נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אינדיווידועלער זוכע-
ניש נאָך אַ וועלטאַנשויאונג, זי איז נישט געווען קיין פּועל-
יוצא פון טיפע אינערלעכע קאַמפן: מוסאָליני איז פּמעט ווי
אַריינגעוואַקסן אין סאָציאַליזם, ווייל סיי אין זיין היימלאַנד און
סיי צווישן זיינע היימלאָזע לאַנדסלייט אין דער שווייץ איז
ער מיטגעריסן געוואָרן מיטן מעכטיקן שטראָם פון דער רע-
וואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. ווייל אין פאַרגלייך מיטן
דעקלאַסירטן מוסאָליני, וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט די נוי-
טיקע פיזישע קראַפט און דיסציפּלין, כּדי צו פאַרדינען אַלס
מויערער אַ פּאָר פראַנק אויף דורכצולעבן דעם טאָג, האָבן
די אַנדערע איטאַליענישע עמיגראַנטן געפירט אַ עקזיסטענץ,
וועלכע האָט געקענט וועקן קנאה.

ווען ער איז — נאָך אַן אַמנעסטיע, ווי אַ
סך אַנדערע דעזערטירן, צוריקגעקומען פון דער שווייץ

קיין איטאַליע, האָט ער אין זיין היימלאַנד, אין דער ראָמאַניאַ באַקומען אַ פּאָסטן פון אַ רעדאַקטאָר אין אַ פּראָווינציעלן פּאַרטייבלאַט. ווען מען האָט אים פאָרגעלייגט אַ חודש-געהאַלט פון 150 לירעס, האָט ער עס אָפּגעוואָרפן מיט דער באַמערקונג, אַז דאָס איז צופיל, ער וויל זיך באַנוגענען מיט ווייניקער... פון דער שווייץ, וווּ ער האָט זיך אויסגעלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך, האָט ער מיטגעבראַכט אַ פּאָר ברעקלעך פראַנצויזישע ליטעראַטור, אַלס אויסערגעוויינלעך לייכט-באַאיינ-פלוסבאַרע, פּאַטאָלאָגישע נאַטור האָט ער זיך זייער שנעל צו-געפּאַסט צום פראַנצויזישן סטיל, וועלכן ער מאַלפּעוועט נאָך אויך היינט אין שרייבן און רעדן.

דער טריפּאָלי-קריג, אין וועלכן ער האָט זיך זייער רע-וואָלוציאָנער געהאַלטן — ער האָט אויפגעפאָדערט אויפצורייסן אין דער לופטן די אייזנבאַנשינעס, כדי צו שטערן דעם אַר-מיי-טראַנספּאָרט, — האָט אים געמאַכט פּאָפּולער. אין דער צווישנ-צייט איז ער אויך געווען אין טרענטאָ, וווּ ער האָט מיט ב אַ ט י ס ט י ן רעדאַגירט אַ פּאַרטייבלאַט. דאָס, וואָס מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון האַבסבורגישן עסטרייך האָט געהויבן זיין פּאָפּולערקייט צווישן די סאָציאַליסטישע מאַסן.

ווען אונזער פראַקציע האָט אין 1912 אויף דער פּאַרטיי-קאָנפערענץ פון רעדושיאָ עמיליאַ דעראָבערט די מערהייט און די רעפאָרמיסטן האָבן זיך געקווענקלט צו טיילן מיט אונז די אחריות פון דער פּאַרטיי-אָנפירונג, איז מוסאָליני געווילט גע-וואָרן אין נייעם פּאַרטיי-קאָמיטעט. צום דאָזיקן פּאַרטיי-קאָמיטעט האָבן צווישן אַנדערע געהערט אויך ס ע ר אַ ט י, וועלכער האָט ביז צו יענער צייט געווירקט דער עיקר אין אויסלאַנד, ו ע ל ל א און איך. אַז די דעראָבערונג פון דער פּאַרטיי-אָנפירונג דורך אונזער פראַקציע באַדייט אין פולסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט דעם זיג פון רעוואָלוציאָנערן פליגל איבערן רעפאָרמיסטישן, האָבן מיר באַוויזן דורכדעם, וואָס מיר האָבן באַשטימט אַלס פּאַרטיי-סעקרעטאַר ל א צ א ר י ן, וועלכער איז דורך די רעפאָרמיסטן און קודם כל דורך טוראַטין אַממיינסטן באַקעמפט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָבן

מיר קודם כל געשענקט דעם צענטראַל־אָרגאַן, דעם „אוואַנטי״, אַלס צייטווייליקער רעדאַקטאָר פון בלאַט איז געוואָרן חבר באַקטשי, וועלכער האָט צו גלייכער צייט איבערגענומען די פינאַנסיעל־אַדמיניסטראַטיווע ליטונג. ווען עס האָט זיך דאַן געהאַנדלט וועגן דעם, צו געפינען אַ רעדאַקטאָר, וואָס זאָל זיך אינגאַנצן קענעןווידמען דער רעדאַקציע פון צייטונג, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף מ ו ס אָ ל י נ י ן. קעגן אים איז בלויז געווען חבר ו ע ל ל אַ, דער יינגסטער מיטגליד פון פּאַרטיי־קאָמיטעט: ער האָט אויסגעדריקט פּסיכאָלאָגישע חששים. ער האָט געהאַלטן, אַז מוסאָליני איז צו אינדיווידואַליסטיש געזינט. וואָס שייך מיר, האָב איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער גוט געוווסט וועגן זיין בלויז אין טעאָרעטישער בילדונג, אָבער מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און איך האָב געהאַלטן, אַז זיין איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך, זיין צופּאַסונגס־פעאיקייט, זיין פלייס, זיינע אַלגעמיינע פעאיקייטן, וועלכע זענען אָבער באַין אופן נישט געווען אויסערגעוויינלעך, וועלן אים מעגלעך מאַכן צו דערפילן זיינע פליכטן אין אַ מער אָדער ווייניקער באַפרידיקנדיקן אופן.

איך מוז זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף די שפּעטערע שווידע־לעכע דערפאַרונגען, איז דידאָזיקע דערוואַרטונג נישט געווען אַזוי ווייט פון דערווירקלעכקייט, ווי מען נעמט דאָס געוויינלעך אָן. איך זאָג דאָס נישט כ אָ ט ש, נאָר גראָד דערפאַר, ווייל איך האָב צוגעזען פון דער נאָנט די אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנער, וואָס איז געוואָרן אַ בוגד. גראָד מוסאָליניס שענדלעכע „אַנטוויקלונג" באַווייזט, ווי די מענטשן זענען אָפּהענגיק פון אויסערלעכע אומשטענדן, פון צופעליקע השפּעות, און וואָס שוואַכער זיי זענען פיזיש און פּסיכיש — אַלץ מער. איך גלויב, אַז מוסאָליני איז צו יענער צייט געווען אַן אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער, און אַז נאָר ביסלעכווייז, דורך דעם דרוק פון אויסערע פאַרפירונגען ביי אינערלעכער שוואַכקייט, האָט ער זיך אַזוי טיף אַראָפּגעגליטשט. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער טעות צו מאַכן אַן אויספיר פון זיין איצטיקן וועזן אויף דעם דאַמאָלטיקן.

אויף דער זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווען מוסאָליני

האָט זיך געווערט קעגן איבערנעמען די אים אָנגעטרויטע לייטונג פון „אוואַנטי", האָט ער ענדלעך געזאָגט, ווייל ער האָט איינגעזען זיין אומפּאַסיקייט, און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך אליין: „נו גוט, אָבער מיט איין תּנאי: די באָלאַבאַנאָוואַ מוז אויך אַריינטרעטן אין דער רעדאַקציע". דידאָזיקע פאָדערונג האָט מיך אממערסטן פאַר־בליפט; ווייל צווישן מיר און אים האָט נישט געהערשט קיין באַזונדערע נאָנטקייט און נאָך ווינציקער פּערזענלעכע פריינט־שאַפט. חוצדעם האָב איך קורץ פאַר דער זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אַ לענגערע צייט געפירט מיט אים אונטערהאַנדלונ־גען, און ער האָט מיר מיט דאָס מינדסטע נישט מרמז געווען, ער זאָל מיין מיטאַרבעט אָדער שטענדיקע אָנוועזנהייט אין „אוואַנטי" האַלטן פאַר נוציק אָדער ווער רעדט פאַר נויטווענדיק.

ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען דעם זין פון דער דערמאָנטער פאָדערונג. מוסאָליני האָט באַגריפן זיין שוואַכקייט גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זיינע חברים האָבן אים פאָרגע־לייגט אַן אחריותדיקן אַמט. ער, וועלכער האָט תּמיד געלעבט אין דער פּראָווינץ, האָט מורא געהאַט פאַר דער גרויסשטאָט, פאַר דער פּאָפּולאַריטעט; גלייכצייטיק האָט ער אויך מורא גע־האַט צו טראָגן אַליין די טעאָרעטישע און פּאָליטישע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, און ער האָט עמיצן געזוכט, וועער עס זאָל זי טיילן צוזאַמען מיט אים, אָבער דערביי נישט אויפוועקנדיק אין אים קיין שום אָפּהענגיקייטס־געפיל. ער האָט נויטיק גע־האַט אַזאַ איינעם, צו וועלכן ער זאָל קענען האָבן דעם אַבּ־סאָלוטן צוטרוי, פאַר וועמען ער זאָל קענען לאָזן די לייזונג פון די שווערע פראַגעס, אַזאַ איינעם, וועלכער זאָל אים קע־נען ביישטיין, וואָס זאָל אָבער דערביי נישט שטיין אין וועג זיין כּבודגייציקייט. אויך דער פאַקט, וואָס מוסאָליני האָט מיר פאָראויס קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגן דעם, געפינט זיין דערקלערונג אין זיין פּסיכאָלאָגישער סטרוקטור. ער האָט מיך געוואָלט אַוועקשטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט פון פּאַרטיי־גע־באָט, וועלכן כ'האָב זיך אונטערגעוואָרפן, בעת אין אַ פּריוואַטן שמועס וועגן דעם ענין וואָלט איך זעלבסטפאַרשטענדלעך

אויך צוליב פערזענלעכע טעמים נישט געגעבן אזוי שנעל מיין הסכמה.

מיין צוזאַמענאַרבעט מיט מוסאָלינין האָט מיר אָן אויפֿהער געבראַכט באַווייזן פֿון זיין שוואַכקייט. ער האָט נישט געשריבן קיין איין אַרטיקל, ער האָט נישט אָנגענומען קיין איין באַשלוס, איידער ער האָט זיך פריער נישט געהאַלטן קיין עצה מיט מיר, און איך קאָן זיך נישט דערמאַנען קיין איין פאַל, ווען ער זאָל נישט האָבן אַקצעפּטירט מיין אויפֿפאַסונג.

איינעם אַ באַזונדערס בולטן ביישפּיל פֿון זיין נאָכגיביקייט וויל איך דאָ דערמאָנען. דעם אָוונט ערב דעם 1-טן מאַי 1913 — מוסאָליני האָט געהאַט בדעה צו פֿאָרן צו דער מאַי-פייערונג אין דער שווייץ — האָט ער מיר דערלאַנגט דעם אָפּצוג פֿון ערשטן-מאַי-נומער פֿון „אוואַנטי” מיט די ווערטער: „האָסטו שוין געלייענט מיין ענטפֿער דעם דע אַמבריס? איצט באַקומט ער, וואָס ער האָט פֿאַרדינט”. דע אַמבריס איז געווען איינער פֿון יענע עגאַצענטרישע, קליינבירגערלעכע אינטעלעקטועלע (זיי זענען דעמאָלט געווען אין איטאַליע אין אַ גרויסער צאָל), וואָס זענען אַנטלאָפֿן צו דער אַרבעטער-באַוועגונג דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן אין דער בירגערלעכער וועלט נישט געקענט מאַכן קיין קאַריערע אָדער פֿאַרדינען אויף חיונה. זייער סאָציאַליזם איז באַשטאַנען אין באַפֿרידיקן זייערע פּערזענלעכע מרידה-געפֿילן. נישט זיי האָבן פֿאַרשטאַנען דעם קלאַסנקאַמף און נישט זיי האָבן אים געוואָלט פֿאַרשטיין. די מאַסן און זיך אַליין האָבן זיי געשפּייזט מיט רעוואָלוציאָנער-קלינגנדיקע פֿראַזן. פֿאַר אַזעלכע אינדיווידועןאיז דער סאָציאַליזם, פֿאַרשטייט זיך, נישט גענוגנדיק. זיי דערגאַנצן אים דורך אַ דעמאַגאָגישער פֿאַרקריפּלונג פֿון זיין וועזן און זיינע מעטאָדן, זיי טרייבן רכילות קעגן זיינע טרעגער, פֿון וואָס עס אַנטשטייט דאַן אַ „רררעוואָלוציאָנערער” סינדיקאַליזם, ווי פּלעכאַנאָוו פֿלעגט אים געוויינלעך אָנרופֿן.

צו יענער צייט פֿלעגט מוסאָליני פֿאַרטיידיקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג קעגן אַזעלכע אָנגריפֿן און ער איז אָן פֿאַרדאָן באַקעמפֿט געוואָרן דורך די סינדיקאַליסטן, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי זענען שפּעטער, ביים אויסברוך פֿון

קריג, ד. ה. נאָך פריער פאַר מוסאָליניין אַליין, געוואָרן באַ-
גייסטערטע מיליטאַריסטן. דער ענטפער, אויף וועלכן מוסאָליני
האָט מיר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, איז געווען אַ תעפּטי-
קער אָפּווער אויף אַ העכסט ווולגאַרן, ווי איך האָב זיך שפּע-
טער דערוווּסט, אַפילו שענדלעכן אָנגריף. דאָס איז געווען דאָס
ערשטע מאָל, וואָס אין אונזער בלאַט האָט אָפּגעקלונגען אַזאַ
רויער טאָן און אַזאַ נידעריקע טערמינאָלאָגיע. „עפּעס ענלעכס
קען נישט און דאַרף נישט דערשיינען אין „אַוואַנטי״, האָב
איך אים געזאָגט, ווי געוויינלעך זייער רואיק. „וואָס הייסט״,
האָט ער מיט אויפרעגונג אָפּגעענטפערט, „האָסטו דען נישט
געלייענט, וואָס דע אַמבריס האָט וועגן מיר געשריבן?״ —
„איך לייען נישט אַזעלכע ווולגאַרע זאַכן, אָבער עס קען זיך
זיין, וואָס עס וויל, אַזעלכע אויסדרוקן טאָרן נישט קומען אין
„אַוואַנטי״. באַרעכן זיך נאָר, טויזנטער און אַבערטויזנטער פּראָ-
לעטאַריער דערוואַרטן דאָס בלאַט מיט בענקשאַפט, זיי היטן
עס אויף ווי אַ הייליקטום, און גראָד דער יום-טוב-נומער פון
„אַוואַנטי״ זאָל אַנטהאַלטן עפּעס ענלעכס? צי לוינט עס דען
אָנצוטאָן אַ ווולגאַרן רכילותניק אַזאַ כבוד ווי פאַרשוועכן אונ-
זער „אַוואַנטי״?

„עס האַנדלט זיך״, האָט ער געענטפערט, „וועגן אַ
שענדלעכקייט, פון וועלכער איך וויל דיך באַפרייען. איך קען
נישט לאָזן די זאַך אָן אַן ענטפער. מיין ענטפער מוז פאַר-
עפנטלעכט ווערן. אויב איך וועל דעמדאָזיקן אויסוואורף טרעפן
היינט אָוונט אין לוגאַנאָ, וועל איך אים אומברענגען. צום
ווידערזען!״

אין אַ פערטל שעה אַרום בין איך דרינגענדיק אַרויסגע-
רופן געוואָרן צום טעלעפאָן: דאָס האָט מיך אַרויסגערופן מו-
סאָליני: „זיי אַזוי גוט, פאַראָרדן תיכף, אַז מיין ענטפער צו
דע אַמבריסן זאָל באַזייטיקט ווערן פון „אַוואַנטי״. דו ביסט
גערעכט, ער דאַרף דאָרט נישט דערשיינען״.

• • •

היות איך בין אין דער צייטונג טעטיק געווען נישט

נאָר אַלס רעדאַקטאָרין, נאָר אויך אַלס רעדאַקציע־סעקרעטאַרין און איך בין געווען אַ מיטגליד פון פאַרטיי־קאָמיטעט, איז מוסאָלינין מעגלעך געווען ביסלעכווייז אַרויפצולייגן אויף מיר דאָס אַלץ, וואָס אים איז געווען אומאָנגענעם און וואָס האָט געקענט ברענגען מיט זיך אַ וועלכע־נישט־איז אחריות. פלעגט זיך האַנדלען וועגן דעם, נישט אָנצונעמען אַן אַרטיקל, פירן אַן אומאָנגענעמע פאָלעמיק מיט וועלכן־נישט־איז רעפאָרמיסט, אָפצוגעבן דערקלערונגען, וועלכע קענען נישט האָפן פריינטלעך אויפגענומען צו ווערן, יאָ, ווען עס פלעגט זיך אפילו האַנדלען וועגן פערזענלעך־אומאָנגענעמעס, — תמיד פלעגט ער מיך בעטן איך זאָל עס נעמען אויף זיך.

אזוי, למשל, האָט ער מיך איינמאָל ביז שפעט אין דער נאַכט געלאָזט פירן אַ שמועס מיט אַ צודרינגלעכן באַזוכער, וועלכער איז אפילו געווען זיין פערזענלעכער פריינט, אָבער זיין ווונטש האָבן נישט געוואָלט דערפילן נישט ער און נישט די איבעריקע מיטגלידער פון פאַרטיי־קאָמיטעט. ווען דער באַטרעפנדיקער מענטש האָט זיך אָנגעמעלדעט, האָט מוסאָליני געהייסן זאָגן, אַז ער איז נישטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן, ביז דער שמועס איז פאַרענדיקט געוואָרן. דאַן איז ער אַרויסגעקומען און מיך באַגריסט צו מיין אומנאָכגיביקייט. אָבער אויפן צווייטן טאָג, ווען דער זעלבער באַזוכער האָט מוסאָלינין דערווישט אין זיין ווינונג און אַפעלירט צו זיין פריינטשאַפט, איז דער „שטאַרקער" תיכף אומגעפאַלן און נאָכגעגעבן יענעמס ווונטש.

נאָך בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן מוסאָליניס מאַנגל אין מוט ביי אַן אַנדער פאַל, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך מיין אַרויסטריט פון „אַוואַנטי". איינמאָל איז אין דער צייטונג דערשינען אַ פאָלעמישע נאָטיץ, וועלכע מוסאָליני האָט געלייענט אין מאַנוסקריפט, אין דער קאָרעקטור און שפעטער אין דער געדרוקטער צייטונג, נישט אויסדריקנדיק דעם מינדסטן חשש. עס זענען אָבער אין דער רעדאַקציע געקומען איניקע פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינדע, וועלכע איז קריטיקירט געוואָרן אין דער נאָטיץ, האָבן פראָטעסטירט און אין אַ גראָבן טאָן געדראָט, אַז אַלע אַבאָנענטן פון

יענעם אָרט וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער צייטונג. אָבער אנשטאָט אָפּ־צוּוואַרפן אַזאַ אומפּאַסיקע האַנדלונג פון פּאַרטיי־מיטגלידער, האָט מוסאָליני געזאָגט גאַנץ הכנעהדיק: „איר מוזט שוין מוחל זיין, נאָכאַמאָל וועט שוין אַזאַ זאַך נישט פּאָרקומען. פון היינט אָן וועל איך אַליין דערלידיקן אַלע קאָרעספּאָנדענצן". ס'איז גענוג געווען, עס זאָלן דערשיינען פינף פּערזאָן און נעמען אַ ענערגישן טאָן, כּדי צו צווינגען דעם „שטאַרקן" פאַרלייקענען זיין אחריות און שענדלעך בוגד זיין אין זיינע מיטאַרבעטער. ווען מען גיט נאָך צו, אַז ביים דאָזיקן פּאָלי־טיש גאַנץ־אומוויכטיקן פאַל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָנ־פליקט פון אַ שוצלאָזער, אַרבעטסלאָזער לערערין, וועלכע האָט געשטעלט איר גאַנץ לעבן אין דינסט פון די סאָציאַליסטישע אידייען, ד. ה. אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאַמף פון אַ שוואַכערן קעגן אַ שטאַרקערן, — קען מען אויך פון דאָ־זיקן קליינעם עפּיזאָד איינזען, מיט וועלכער כאַראַקטערשטאַר־קייט מוסאָליני האָט זיך אויסגעצייכנט אַפילו אין זיינע בעס־טע יאָרן.

• •
•

אין פרילינג 1913 האָט מיך מוסאָליני געבעטן, איך זאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג אין זיין היימאָרט האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע. „מיר גויטיקן זיך אין אַ באַמבע־דער־פאָלג", האָט ער געשריגן ווי זיין שטייגער איז. ווען איך בין געקומען קיין פּאָרלי, האָט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג געהערשט גרויס אויפרעגונג. די רעפּובליקאַנער האָבן געדראָאָט, אַז זיי וועלן אויפרייסן אונזער פאַרזאַמלונג. מ'האָט מורא גע־האַט פאַר ערנסטע צוזאַמענשטויסן און בלוט־פאַרגיסונגען, מ'האָט זיך געריכט אויף דער פּראָקלאַמירונג פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד. כ'האָב זעלטן ווען געזען אַ מענטשן אַזוי באַאָרגט און אַזוי אויפגערעגט, ווי דאָס איז געווען מוסאָליני ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט. יעדן אויגנבליק האָט ער געקליבן נייע אינפאָרמאַציעס, אַרויסגעשיקט פּאַטרוליאונגס־מענער, זיך גע־שלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל מען די פאַרזאַמלונג נישט אָפּלייגן. ער

האָט נישט אָנגענומען קיין איין באַשלוס, נישט פרעגנדיק פריער מערמאַליקע עצהס ביי אַלע אָנוועזנדיקע. בעת מיין רעדע איז אינדרויסן טאַקע באמת דערגאַנגען צו צוזאַמענ־שטויסן צווישן אָנהענגער פוןביידע פּאַרטייען, צו מעסער־שטעכערייען און ערנסטע פאַרוווּנדונגען. כ׳האָב זיך באַמיט ממשיך צו זיין מיין רעדע, כדי צוזאַמענצוהאַלטן די מאַסע און דורכדעם צו פאַרמיידן די פאַרשאַרפונג פון קאָנפליקט. מוסאָליני, ווי ס׳האָט געשיינט, האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט צו שטאַרק געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ פירער, נאָר בלויז צוליב דער עלעמענטאַרער מורא פאַר זיין אייגן לעבן, פון בלויזן זעלבסט־דערהאַלטונגסטריב. עסקאַרטירט דורך די קאַראַביניעריס, זענען מיר נאָכן פאַרענדיקן די פאַרזאַמלונג אַוועק אויפן וואָקזאַל, דערביי האָבן די רעפּובליקאַנער געמאַכט אויף אונז אַן אַטענ־טאַט. ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט האָב איך געקענט באַטראַכטן פון גאָר־גאָר נאָענט מוסאָליניס מוט... ער האָט זיך געלאָזט באַ־שיצן נישט נאָר דורך די קאַראַביניעריס, נאָר אויך דורך מיר!

דאָס נעבעכדיקסטע איז נאָך געקומען בולטער צום אויסדרוק ביים וואָקזאַל. איך האָב געמוזט אָפּפאָרן מיטן ערשטן צוג, ווייל איך האָב אויפן צווייטן טאָג געמוזט האַלטן איין פאַרשיידענע ערטער יום־טוב־רעדעס צום ערשטן מאַי. דער „אומדערשראָקענער״ מוסאָליני האָט נישט אויפגעהערט צו בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל בלייבן, איך זאָל טעלעגראַפיש אָפּרופן די פאַרזאַמלונגען, איך זאָל אים נישט לאָזן אַליין אין דערדאָזיקער געפערלעכער סיטואַציע. ער האָט זיך ערשט דאַן גע־לאָזט באַרויקן, ווען אַנדערע פּאַרטיי־חברים האָבן אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן בלייבן מיט אים. אויף אַן ענלעכן אופן האָט זיך מוסאָליני געהאַלטן אין אַלע ערנסטע סיטואַציעס, ביי יעדער דעמאָנסטראַציע און ביי יעדן שטרייק.

* *
*

גאָר אָפט פלעגט מיך מוסאָליני בעטן, איך זאָל וואַרטן

אויף אים ביים אהיימגיין בייגאכט; אפשט פלעגט זיך דאס האנדלען וועגן א פאר שעה, ווייל, ווי דער רוב רעדאקטארן, פלעגט ער קומען אין דער רעדאקציע שפעט און זי זייער שפעט פארלאזן, בעת איך פלעג א גאנצן טאג זיין אין דער רעדאקציע און כ׳פלעג קענען גיין אהיים א סך פריער. „פאר וואס אייגנטלעך האסטו מורא?״ פלעג איך אים פרעגן האלב ערנסט, האלב אין שפאס.

„פאר וואס? פאר זיך אליין, פאר מיין שאטן, פאר א הונט, פאר א בוים,״ פלעגט ער מיר ענטפערן, הויבנדיק מיט די אקסלען. — — —

•

*

א קאלטע ווינטערנאכט אין מילאן! דער געדיכטער נעפל פארשטעלט אלץ ארום און רייבט צו ביי אונז דעם אטעם... מיט א פרייליכן גאנג, נאך געענדיקטער ארבעט — פארן פארלאזן די רעדאקציע האט ער נאך קאנטראלירט דעם ערשטן עקזעמפלאר פון „אוואנטי״ און אים באוואונדערט, — גייט מוסאליני אהיים. איך באגלייט אים, ווייל דאס איז שוין כמעט געווארן א געוווינהייט. ער פרירט, ער ציטערט כמעט אין זיין ארימען מאנטל, ער האלט די הענט אין די קעשענעס, בלייבט אפט שטיין, כדי צו באגלייטן זיין מאנאלאג מיט א באזונדערס לעבהאפטיקן זשעסט. איך בין פארזונקען אין געדאנקען און הער זיך צו בלויז מיט איין אויער. ווייל איך ווייס, פארוואס מוסאליני שילדערט מיר א גאנץ זעלבסטפארשטענדלעכן פאקט, אדער אזא וואס איז מיר שוין פון פריער באקאנט. ער וויל פארבליפן דורך א פלומרשט אומדערוואר-טעטן שלוס, דורך א פאראדאקס. קודם כל גייט אים אין דעם, וועמען ס׳איז נישט צו איבעררעדן. ער דערציילט מיר, ווי אזוי ער וועט דאס מאכן. „האסטו געלייענט דעם לעצטן ארטיקל פון וואלערא?״ האט ער מיך געפרעגט. דורך זיין באהעמישן, עקזאטישן לעבנס- און שרייב-שטייגער האט וואלערא (דער רעדאקטאר פון דער „פאללא״, א סאציאליסטיש-באפארבטע פאמפלעטצייטונג) א צייט לאנג באאיינפלוסט און צוגעצויגן

מוסאָלינין. „וואַלערא איז משוגע, איך בין דאָס נאָך מער, און מאָרגן שרייב איך פאַר דער „פּאָלאָ” אַן אַרטיקל, וואָס וועט שטעלן אין שאָטן זיינעם”, זאָגט מוסאָליני, און זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך פון געלעכטער...

דאָס איז דער עכטער מוסאָליני, דאָס איז תמיד געווען זיין טרוים: אויב נישט דורך בעסערעס, טאָ לכל הפּחות, ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט דורכדעם, וואָס ער שטייגט אַריבער דאָס אַבסורדע דורך נאָך אַבסורדערעס, כּדי אַזוי אַרום צו פּלעפן דעם קליינבירגערלעכן פיליסטער.

*　　*
*

ווידער אַ שטאָקפינסטערע, אומהיימלעכע נאַכט, מ'שלאָגט זיך כמעט אָן אין די בוימער אויף דער גאַס. מוסאָליני בלייבט שטיין פאַר איינעם פון דידאָזיקע בוימער און זאָגט מיט אַ זעלבסטפאַרליבטקייט, וואָס האָט געקענט אַרויסרופן די האָפנונג, אַז דאָ איז אויפגעשווומען אַ געניאַלער געדאַנק: „אויף איינעם פון דידאָזיקע בוימער וועלן מיר מיט דער צייט אויפהענגען טוראַטין און די איבעריקע רעפאָרמיסטן”.

„אויף וועלכע בוימער וועט אונז דער אַרבעטער-קלאַס אויפהענגען”, זאָג איך נישט בלייבנדיק שטיין, „ווען מיר וועלן מער נישט פאַרטרעטן זיינע אינטערעסן, ווען מיר וועלן מער נישט האַנדלען אין הסכם מיט אים?”

*　　*
*

שוין דאַן, ווען מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין „אוואַנ-טי”, איז מיר באַקאַנט געווען מוסאָליניס נקמה-געפּיל. ער האָט געהאַט די געוווינהייט זאָרגעוודיק צו זאַמלען יעדע שריפט, יעדן דאָקומענט, וואָס וועט ווען-נישט-איז קענען ברענגען שאָדן זיינעם אַ פיינט, קודם כּל אָבער אַ קעגנער אין דער אַרבע-טער-באַוועגונג גופא.

„צוואָס טוסטו דאָס?” פלעג איך אים פרעגן.

„צוואָס?” פלעגט ער לאַכן צו מיר מיט זיינע קרענק-

לעך-גלאַנצנדיקע אויגן. „איך זאַמל אַן אַרכיוו, ער וועט מיר שוין אַמאָל צונוץ קומען".

* *

*

„חברטע", האָט מיר איינמאָל צוגערופן אַ יונגע אָנגע-שטעלטע פון „אַוואַנטי", ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען איר פולט, „אַ יוגנטלעכער חבר האָט מיר צוגעשיקט פון דער פּראָווינץ זיין מיטגלידס-קאַרטע מיט דער בקשה, אַז איר און מוסאָליני זאָלן זי אונטערשרייבן".

„ליבע חברטע, מיט גרויס פאַרגעניגן וועל איך דערפילן יעדע ערנסטע בקשה סיי פון אייך סיי פון יוגנטלעכן — אָבער נישט דידאַזיקע. מיט וואָס אונטערשיידן זיך אונזערע אונטער-שריפטן פון די אונטערשריפטן פון די צענערטויזנטער פּאַרטיי-חברים, וועלכע מיר האָבן אין איטאַליע? צוליב דער-דאַזיקער פערזאָנענקולט, מיר גיבן דערמיט בלויז אַ שלעכטן ביישפּיל".

„איר זענט גערעכט, אָבער... נאָך אייער ענטפער האָב איך קוים די דרייסטקייט זיך ווענדן צו חבר מוסאָליני מיט דערזעלבער בקשה..."

ווען איך בין אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער אַריינגעקומען אין רעדאַקציע-צימער, האָט מוסאָליני גראָד אָפּגעגעבן דעם-זעלבן מיידל די מיטגלידס-קאַרטע, וועלכע ער האָט שוין גע-האַט אונטערגעשריבן. ווען איך בין אַריינגעקומען, איז ער געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט.

„צי דען שטייט עס אין הסכם מיט דעם, וואָס מיר האָבן תמיד געזאָגט, און קודם כּל דו?"

כ'האָב אים דערמאָנט אַ זאַץ, וועלכן ער האָט אַרויס-געזאָגט אויף דעם קאָנגרעס פון אַנקאָנאַ און וועלפער האָט אים געשאָנקען אַ שטורמישן דערפאָלג.

„די פּאַרטיי איז נישט קיין שויפענסטער פאַר באַרימטע מע-נער. די פּאַרטיי דאַרף נישט ווערן קיין ווערקצייג אין די הענט פון אַ איינצלנעם חבר, אומגעקערט, יעדער פון אונז זאָל דורך דער פּאַרטיי באַהאַנדלט ווערן ווי אַ ווערקצייג, אין

דינסט פון דער זאַך. ווער עס איז מער נישט פעאיק צו די־
נען דער פּאַרטיי, דער זאָל גיין, די פּאַרטיי איז נישט קיין שוי־
פענסטער!״

* *
*

גאַנץ מילאַן איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ:
פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס, גענעראַלשטרייק;
בעת אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע, איז איין אַרבעטס־
לאָזער געטויט געוואָרן אין געדראַנג, וועלכן די פּאָליציי האָט
אַרויסגערופן... דער טראַגיזם פון דער געשעעניש איז נאָך פאַר־
גרעסערט געוואָרן דורכדעם, וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן
אַ גאַנץ אָפּגעשטאַנענעם מויערער: איידער ער איז אַוועק צו
דער דעמאָנסטראַציע, האָט ער געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָס
ליכט, וואָס האָט געברענט אונטער דעם הייליקנבילד, זאָל
נישט אויסגיין, פאַרן דאָזיקן צוועק האָט ער אויסגעגעבן די־
לעצטע עטלעכע גראָשן אויף אייל, הגם ער האָט געהאַט אַ
הונגערנדיקע פאַמיליע. פאַר דער אינדוסטריעל־פאַרגעשריטענער
גרויסשטאָט זענען ביידע געשעענישן געווען גלייך אויפרו־
דערנדיק. אויך אונז איז נישט ווינציק געווען אויפפאַלנדיק,
וואָס גראָד אין מילאַן האָט זיך געקענט געפינען אַזאַ מין
אַרבעטער. מוסאָליני האָט מיך אויפגעפאָדערט, איך זאָל שרייבן
אַן אַרטיקל וועגן דאָזיקן פאַל. כ׳בין אַוועק אין דער וווינונג
פון דער אלמנה און געהאַט די מעגלעכקייט צו שילדערן
דעם גאַנצן טראַגישן פאַל אין „אַוואַנטי״. אַלס ענט־
פער אויף דעם אַרטיקל, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט
דער אמתער גורל פון פּראָלעטאַריאַט, האָבן מיר באַקומען אַ
סך בריוו און געלט־נדבות. אויך בירגערלעכע צייטונגען האָבן
געעפנט געלטזאַמלונגען, אַן אומענדלעכער טרויער און פּראָ־
טעסט־דעמאָנסטראַציעס האָבן באַגלייט דעם אומבאַוווסטן קרבן
פון קאַפּיטאַליזם צו זיין לעצטן — און ערשטן רופּלאַץ...
ס׳איז אויסגעבראָכן דער גענעראַלשטרייק. אויפן צווייטן
טאָג איז פאָרגעקומען אַ מאַסנמיטינג אין אַרבעטערהויז. מיר
האָבן גערעדט אין אַן אָפענעם ריזנזאַל, וואָס זיינע פענסטער

זענען אַרומגעשטעלט געווען מיט מחנות דרויסנשטייענדיקע. דער הויף איז געווען פול געפּראַפּט, די גאַסן אויך. מען האָט געשאַצט די צאָל אָנוועזנדיקע אויף 40.000. נאָכדעם, ווי אַ געוועזענער סטאַרקשאַפּטספירער האָט געעפנט דעם מיטינג, איז מוסאָליני צוגעקומען צו מיר אַן אויפגערעגטער, בלייך ווי אַ טויטער. „כ׳בעט דיך, רעד דו צוערשט. װעגן וואָס וועסטו ריידן?״

דידאָזיקע פראַגע, קודם כּל דער טאָן, מיט וועלכן זי איז געשטעלט געוואָרן, האָט מיך אומאָנגענעם באַרירט. צום ערשטן מאָל איז אין מיר אויפגעשווומען דער געדאַנק, אַז עס קען זיך האַנדלען וועגן גאווה און ריוואַליזם. נאָך אומאָנגענעמער האָט מיך באַרירט דאָס, וואָס אין אזא מאַסנפאַרזאַמלונג, ביי אַזא שטימונג פון די מאַסן, האָט מוסאָליני איבערגעחזרט ווערטער, וועלכע וואָלטן אים פאַרשאַפט גרויס דערפאָלג אויף אַ פּאַרטיי-קאָנפערענץ, אין אַ פּאַרטייפאַרזאַמלונג וועלכע זענען אָבער אין דערדאָזיקער סביבה געווען פראַזן, אָ, אפילו דעמאַגאָגיע. גראָד אין דאָזיקן מאָמענט איז מיר געוואָרן קלאָר, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן, ווי לייכט מ׳קען אַריבערטרעטן די ליניע, וואָס טיילט אָפּ אַ געשיקטן פאָלקסרעדנער פון דעמאַגאָגיע. דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דערדאָזיקער ערנסטער געפאַר, האָב איך גראָד ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כּדי צוצופּאַסן מיין אייגענע רעדע צו דער גרויסער ערנסטקייט פון דער סיבה. איך האָב געוווסט, וואָס עס באַדייט יעדעס וואָרט פון אונזער מויל פאַר די פאַרזאַמלטע אַרבעטער.

ווען דער ריזיקער המון האָט זיך אויסגעשטעלט צום דעמאָנסטראַציע-צוג, האָט מוסאָליני אייניקע מינוטן מאַרשירט אין דער שפּיץ פון די דעמאָנסטראַנטן, אָבער טאַקע נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט. און ווען איך בין אינאָווענט, אַ לייכט-פאַרוווּנדעטע, געקומען פון דער דעמאָנסטראַציע אין „אוואַנטי״ — רייטער קאַראַביניערן זענען אַרויפגעפאָרן אויף דער שוצלאָזער מאַסע, — האָט מיר מוסאָליני אויסגעפּרעגט אַלע איינצלהייטן. איינער פון די „אוואַנטי״-שווייצאַרן האָט גאַנץ נאַאיוו גע-

פרעגט: „ווי קומט עס, וואָס מוסאָליני איז שוין פון לאַנג בע־וועז אין דער רעדאַקציע?“

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר מוסאָליני געזאָגט מיט אַ טאָן, וועלכן כ׳האָב פריער ביי אים נישט באַמערקט און וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף זיין פּאַרוואונדעטער גאווה: „האָסטו געלעזן, ווי די צייטונגען לויבן דיינע רעדעס? די רעדעס ביים בית־עולם און אין דער אַרבעטערקאַמער? ס׳איז תמיד אַ געפערלעכער צייכן, ווען די בירגערלעכע לויבן אונז!“

„מיין ליבער פריינט“, האָב איך אים אָפּגעענטפערט האַלב אין שפּאַס, „איך ווינש דיר פון גאַנצן האַרצן, די בירגערלעכע צייטונגען זאָלן דיך קיינמאָל נישט לויבן מער און פאַר קיין שום אַנדער זאַך, ווי מיך“. — — —

* *
*

„ס׳וואָלט פונדעסטוועגן געווען עפּעס שיינס“, האָט מוסאָליני איינמאָל אין אַן אָוונט געזאָגט מיט זעלבסטאיראָניע, „צו רעדאַגירן אַ גרויסע, ביטראַלע צייטונג מיט אַ מיליאָנען־פאָנד, דו ווייסט, אַן עכטע, גרויסע אינפאָרמאַציע־צייטונג“.

„וואָס“, האָב איך אים אַנטקעגנגעלאַכט, „אַ פּאַרטייאָזע, ביטראַלע צייטונג“, און כ׳האָב מער נישט גערעדט, ווייל מו־סאָליניס הויכער געלעכטער האָט מיך געהאָלפן זיך אָנשטויסן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן איינעם פון זיינע אָבליגאַטאָרישע בלאָפן. ערשט שפּעטער איז מיר איינגעפאַלן, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט נישט נאָר וועגן דעם, נאָר וועגן אַ פּרווו אויסצודריקן דאָס, וואָס האָט שוין געווירקט אין אים; צו יענער צייט האָט ער שוין געמוזט באַקומען דירעקט אָדער אומדירעקט אַ וועלכן־נישט־איז פאָרשלאַג פון דער אַנטאַנט־זשורנאַליסטישער זייט, און אפשר איז די אויבנגעבראַכטע פראַזע געווען אַ פּרווו זיך מתודה צו זיין און פון ווידערשטאַנד, וועלכן ער האָט ביי מיר אַרויסגערופן, צו שעפּן קראַפט פאַר דעם ווילן, זיך אַליין צו העלפן, גובר צו זיין די געפאַר... אָבער אויך דערצו איז ער געווען צו שוואַך און ער האָט זיך, וואַרשיינלעך, בעפרייט,

וואָס איך האָב די זאַך אויפגעפאַסט הומאָריסטיש... מיר און אַ נייטראַלע צייטונג! צי דען איז דער „אוואַנטי”, דער פון אונז ליידנשאַפטלעך-געליבטער, פיינלעך-געכאָוועטער „אוואַנטי”, נישט קאָנטראָלירט געוואָרן זאָרגעוודיק ביז צו די נואַנסן, כדי עס זאָל אין אים גאָרנישט נישט אַריינקומען, וואָס זאָל נישט ווירדיק זיין אַן אַרבעטער-צייטונג, וועלכע ווערט רע-דאַגירט אין זין פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קלאַסנקאַמף? צי דען איז נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס האָט געקענט אין דער מינדסטער מאָס אויסגעטייטשט ווערן אַלס נייטראַלי-טעט, אַלס נישט גענוג שאַרפער רעוואָלוציאָנערער אויס-דרוק? — — —

דער אויבנדערמאָנטער עפּיזאָד מיט דער לערערין, אין וועלכן מוסאָליניס שוואַכקייט און עגאָאיזם זענען אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק, האָט מיך געצווונגען אַרויסצוטרעטן פון דער „אוואַנטי”-רעדאַקציע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, ווען איך האָב פאַרלאָזן אַ אמט, וועלכן מיינע איטאַליענישע פּאַרטיי-חברים האָבן מיר אָנגעטרויט. ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, בין איך אַריינגעטראָטן אין דער רע-דאַקציע לויט מוסאָליניס פּערזענלעכער בקשה און כ'האָב מיין טעטיקייט צום גרעסטן טייל באַטראַכט אַלס סאָלידאַריטעט-חוב לגבי אים. זיין פּחדנות לגבי די שטאַרקע און זיין אכזריות לגבי אַ שוואַכער, ווי דאָס איז געווען די דורך דער געמיינדע באַשטראָפטע לערערין, האָבן מיר געגעבן די זיכערקייט, אַז ס'וועל מער נישט קענען געפינען אין זיך גענוג סאָלידאַרי-טעט, וויפל ס'איז נויטיק פאַר אַן עכטער מיטאַרבעט, ווי דאָס איז געווען אונזערע. ווען איך דערמאָן זיך איצט, נאָך דעם אַלעם, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אויף יענער זיצונג, אויף וועלכער אַלע מיטגלידער פון פּאַרטיי-קאָמיטעט — באַזונדערס ליידנשאַפטלעך די עלטערע פון זיי, באַקטשי און לאַצאַרי — האָבן מיך געבעטן צו בייטן מיין באַשלוס — בין איך גרייט צו גלויבן, אַז דעמאָלט שוין האָט געהירקט אין זיי אַן אומ-צוטרוי צו מוסאָלינין, כאָטש זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון דערפון... אגב, האָט מיר מוסאָליני נאָך גע-בעטן שריפטלעך, איך זאָל זיך אומקערן אין דער רעדאַקציע.

איך ווידער האָב אים שריפטלעך אויפגעקלערט, פאַרוואָס איך האָב געמוזט פאַרבלייבן בײַ מיין באַשלוס.

דעמדאָזיקן אנטשלוס האָב איך זיך שפּעטער אָפטמאָל פאָרגעוואָרפן, גראָד דערפאַר, ווייל איך ווייס, ווי אזוי די אויסערלעכע אומשטענדן ווירקן אויף שוואַכע מענטשן, און ווי אָזוי דער צופאַל רופט אַרויס דאָס איינע, דערלאָזט נישט קו־מען צום וואָרט דאָס צווייטע און דערשטיקט אין שפּראָצל־צושטאַנד דאָס דריטע. גראָד דערפאַר, ווייל איך האָב שפּע־טער אַלץ מער פעסטגעשטעלט, ווי אָזוי מוסאָליני האָט זיך אַליין געשראָקן פאַר זיין שוואַכקייט, און ווי אזוי ער האָט, — כאָטש מיר האָבן נישט גערעדט וועגן דעם קיין איינציק וואָרט צווישן זיך, — מיר איבערגעגעבן די קאָנטראָל, די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט איבער אים אַליין, — גראָד דערפאַר גלויב איך, אַז אַ סך וואָלט אפשר נישט געווען געשען, ווען איך זאָל זיך לאָזן איבעררעדן דורך די חברים פון פאַרטיי־קאָמיטעט און בלייבן אין „אוואַנטי".

פונקט ווי אין פערזענלעכן לעבן, זעט מען אויך אין פּאָליטישן, ווי די מענטשן פאַרפלאָנטערן זיך אין אַ סיטואַציע, אין וועלכער זיי פאַלן אַריין דורך שוואַכקייט, און אין וועל־כער איין שוואַכקייט ציט נאָך זיך די צווייטע, בפרט ווען עס געפינט זיך עמיצער, וועלכער רעדט איין דעם שוואַכן — כדי אויסצונוצן זיין שוואַכקייט — אַז ער איז שטאַרק. כל זמן איך בין געווען אין „אוואַנטי" איז מוסאָליני קיינמאָל נישט געווען אַליין, נישט אויסערלעך, ווייל מיר האָבן געאַרבעט אין זעלבן צימער, און ערשט נאָך מיין דעמיסיע האָט ער באַזיי־טיקט די אַנדערע אַרבעטסטישן פון רעדאַקציע־צימער, — און אויך אינערלעך נישט, ווייל ער האָט מיך אויך געלאָזט אַריינ־בליקן אין זיין פערזענלעכן, גייסטיקן לעבן און ער פלעגט ריידן מיט מיר אָפן וועגן אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע ער וואָלט פאַר אַנדערע אפילו נישט דערמאָנט צוליב מאַנגל אין ספּאָנ־טאַנישקייט, צוליב אומצוטרוי, פאַראַכטונג אָדער גאווה. נאָך ווינציקער וואָלט ער זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון אנדערע אָדער זיי גאָר פרעגן אַן עצה. — — —

דער פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונגסגאַנג פון דער בגידה,

װעלכע מוסאָליני איז באַגאַנגען לגבי דער פּאַרטיי און לגבי זיך אַליין, איז געװען פאָלגנדיקער:

די איטאַליענישע פּאַרטיי איז אין װעלטקריג געבליבן שטיין פעלזנפעסט אויף איר אינטערנאַציאָנאַל-פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, װעלכן די השפּעהרייכסטע סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער האָבן שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלאָזן. אומזיסט זענען געװען די פּרװון צו באַאײַנפלוסן און אָנצושרעקן די פּאַרטיי, אומזיסט איז געװען די ליגנס- און רכילות-קאַמפּאַניע פון דער װעלט-פּרעסע. האָט מען דעריבער אָפּגעשטעלט די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, װעמעס שװאַכקייטן און קודם כּל װעמעס כּבֿודגייציקייט עס האָבן זיך געװאָרפן אין די אויגן. די באַקאַנטע, ביז איבערדריסיקייט באַקאַנטע סיסטעם איז נאָכאַמאָל און נישט אָן דערפאָלג אָנגעװענדט געװאָרן. דעם, װעלכן מ׳דאַרף „איבערצייגן“, האָט מען אײַנגערעדט, אַז ער איז אייגנטלעך דער איינציקער מאַן אין דער פּאַרטיי, די איבעריקע, די „בייטראַליסטן“, זענען נאָר אַ טשערעדע. אַ שאָד דעם זשעני, װאָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דערדאָזיקער שאָף-טשערעדע! װי אַזוי ער װעט דאָס קומען צום אויסדרוק אין אַן אַנדער סבֿיבֿה, און װי אַזוי איז דאָס גאָר מעגלעך, ער זאָל קענען פאַרבלײַבן אין אַזאַ געזעלשאַפט! איטאַליע, באָכמער, די מענטשהייט נויטיקט זיך אין אַ איבערמענטשן!

דער כּבֿודגייציקער האָט נישט געקענט ביישטיין דידאָזיקע פאַרפירערישע חניפות. אפשר װאָלט עס אַנדערש געװען, װען ס׳װאָלט זיך דאָן געפונען ביי אים עמיצער, װעגן װעמען ער װאָלט געװוסט, אַז ער באַאָבאַכט אים און זעט אים דורך און דורך, און פאַר װעמעס איראָניע און פאַראַכטונג ער האָט מורא געהאַט. איך גלויב, אַז אין זיך, אין זיין אונטערבאַװוסטזיין, איז מוסאָליני צופרידן געװען, װאָס איך בין געבליבן ביי מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן די רעדאַקציע. אין אונטערבאַװוסטזיין, זאָג איך, װייל ער איז נאָך געװען צו שװאַך און אומזיכער, כּדי אָנצונעמען אַ באַשלוס. זיין בגידה איז נאָך אויסערלעך נישט צושטאַנד געקומען; ער האָט זיך שוין אָבער דאָן געפונען אין דעם אינקובאַציע-פּעריאָד און איז אינגאַנצן

באהערשט געוועז דורך זיין כבודגייציקייט. דער פארביסנסטער צווישן די פארביסענע קעגנער פון קריג, האט מוסאליני געשריבן די העפטיקסטע ארטיקלען קעגן די קריגסאנהענגער, רעדאגירט די העפטיקסטע פראטעסטן קעגן קריג און איינגעאָרדנט קעגן אים א פלעביסציט אין גאנצן לאנד. נישט נאר אלע כחות פון דער גאנצער פארטיי — אלע כחות פון גאנצן לאנד האבן געדארפט געזאמלט ווערן, כדי אוממעגלעך צו מאכן דעם קריג.

אין דער גלייכער צייט האט אבער א גרויסאגראַרישע צייטונג פארזיכערט, אז די אפאָזיציע פון דער סאציאליסטישער פארטיי קען מען נישט נעמען ערנסט. א „זייער איינפלוסרייכער סאציאליסטישער פירער" האט געשריבן צו א „פריינט", אז די סאציאליסטישע פארטיי „וועט אננעמען א גאנץ אנדערע שטעלונג, ווען עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן א קריג לטובת די אנטאנט-מלוכות קעגן די צענטראלמלוכות".

דער ארטיקל האט געשטאמט פון דעם אמאליקן אנארכיסט ליבעראטאנקרעדי, וועלכער איז שפעטער געווארן מוסאליניס פארטרויאונגסמאן, און פון אים טאקע האט ער באקומען א היובן אמט אין דער פאליטישער פאליציי, אבער נישט לאנג צוריק איז ער אויסגעשלאסן געווארן פון דער פאשיסטישער פארטיי פאר זיין „אפאָזיציע-גייסט". נאך דעם אלעם, וואס איז פארגעקומען פאר און נאך דער פארעפנטלעכונג פון דערמאנטן ארטיקל, גלויב איך, אז דאס האט זיך געהאנדלט נישט וועגן אן „אומדיסקרעציע" פון א פריינט, נאר וועגן אן אפגעמאכטער זאך. מוסאליני איז געוועז צושוואך, כדי ער זאל זיך מודה זיין אין דער בגידה, וועלכע ער האט שוין געהאט באגאנגען אין זיך. דעריבער האט ער זיך און די אנדערע געוואלט שטעלן פאר א געשעענעם פאקט. פון א בירגערלעכער צייטונג האבן מיר זיך געדארפט דערוויסן, אז דעריעניקער, וועלכער האט פארנומען דעם פארטרויאונגספולסטן און אחריותדיקסטן פאסטן אין מאמענט פון דער גרעסטער און געפערלעכסטער שפאנונג, האט שענדלעך בוגד געווען אין פראלעטאריאט, אין דער פארטיי.—

גלייך איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, כּדי צו פאָדערן פון מוסאָלי־ניין אַ דין וחשבון, כּדי צו דערגיין דעם אמת וועגן דעם בריוו צו דעם „פריינט" און אָננעמען אַן אַנטשפּרעכנדיקע שטעלונג צו דער אומדערלאָזבארער סיטואַציע. און ווידער אַמאָל איז בולט אַרויסגעטראָטן מוסאָליניס שוואַכקייט, נאָכמער זיין פּחדנות. נישט זאָגנדיק קיינעם פון אונז קיין וואָרט, האָט ער פּונקט די נאַכט פאַר דער באַראַטונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אָפּגעדרוקט אין אונזער צענטראַל־אָרגאַן אַן אַרטיקל — „די באַוואָפנטע נייטראַליטעט" האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן, אין וועלכן ער האָט זיין שענדלעכן פערזענלעכן פאַרראַט געוואָלט צוגעבן אַן אָביעקטיווע היסטאָרישע באַרעכטיקונג, און טאַקע נאָך איידער ער האָט זיך רייניגעוואַשן פאַרן פּאַרטיי־קאָמיטעט. עס האָט אים געפעלט מוט צו באַפרייען זיך פון דעם פּאַר־טייִרישן איינפלוס פון די קרייזן, לטובת וועלכע ער איז באַגאַנגען די בגידה, פּונקט ווי אים האָט אויסגעפעלט מוט צו פאַרטיידיקן לגבי אונז זיין שטעלונג, אַנטקעגנשטעלן זיך אונזערע דערווידערונגען. דעריבער האָט ער נאָכאַמאָל באַנוצט דעמזעלבן אויסערלעכן, נישט אָפּרופלעכן מיטל, ער האָט פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל, וואָס האָט געשטעלט פאַר אַ געשע־ענעם פאַקט אונז, די פּאַרטיי און די גאַנצע עפנטלעכקייט. —

ווען מיר זענען אין איינעם אַ גראָען אָקטאָבער־זונ־טיק גאַנץ פרי איינגעשטיגן אין צוג, וואָס גייט קיין באָלאָן, האָט ער זיך באַמיט צו רעדן וועגן אַלערליי זייטיקע פער־זענלעכע אָנגעלעגנהייטן, און אָפּצווענדן פון הויפּטגעגנשטאַנד די אויפמערקזאַמקייט אָדער וויניקסטנס דעם שמועס. דערווייל האָב איך אויף אַ סטאַציע געקויפט דעם „אַוואַנטי" און גע־לייענט „די באַוואָפנטע נייטראַליטעט". „ווען מ'שרייבט עפּעס ענלעכס", האָב איך געזאָגט צו מוסאָליניִן, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענסטער, לעבן וועלכן מיר האָבן נאָך פאַר אייניקע מינוטן געשמועסט אַלס חברים, „גייט מען אָדער אין אַ משוגעים־הויז, אָדער מען ציט די קאָנסעקווענצן און מ'גייט אויפן פראָנט; אין דער פּאַרטיי האָבן אַזעלכע נאַ־רישקייטן קיין אָרט נישט".

„דער גאַנצער פאַרטיי-קאָמיטעט וועט זיך סאָלידאַריזירן מיט מיר“, האָט ער געענטפערט אין אַ טאָן, אין וועלכן עס איז געווען נישט ווינציקער משוגעת ווי גרויסקייט-מאַניע.

פינסטער און אומהיימלעך האָט אויסגעזען דער לאָקאַל אין באָלאָן, אין וועלכן דער קאָמיטעט האָט זיך דאָס מאָל צונויפגעקומען. געוויינלעך פלעגן די פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס זיך אָמפערן פאַרן כבוד, צו לאָזן אָפּהאַלטן די זיצונגען פון פאַרטיי-קאָמיטעט אין זייער אָרט. ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן גרויסע מיטינגען. היינטיקסמאָל איז אַלדאָס אויסערלעכע אויסגעמיטן געוואָרן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. דער קריג, די אויסמאָרדונג פון פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע לענדער, דער צוזאַמענברוך פון אינטערנאַציאָנאַל, די אומבאַשטימטקייט פון דער לאַגע אין איטאַליע גופא, און צולעצט די סיבה פון אונזער צוזאַמענקומען זיך, — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דער גאַנצער אַטמאָספער אַ טראַגישן שטעמפּל. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס אין אַ ישוב נישט ווייט פון באָלאָן, אין מאָלינעללאַ, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט דורך דעם העלדישן ווידערשטאַנד, וועלכן זיין פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג האָט געשטעלט דעם פאַשיזם, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן קאַראַביניערי און פּראָלעטאַריער. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן אויפגעפאָדערט דעם פאַרטיי-קאָמיטעט, צו באַזוכן דעם אָרט פון די געשעענישן, כדי אָפּצוהאַלטן אַ פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג, אויפמונטערן די פּראָלעטאַריער און דורך פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט אַלע איינצלהייטן ווייטער פירן דעם קאַמף אין גאַנץ איטאַליע. אַזוי גרוי און אין זיך איינגעשאָסן, אַזוי אויסמיידנדיק דעם בליק פון יעדן פון אונז ווי ס'איז געווען אויף דערדאָזיקער זיצונג מוסאָליני, האָב איך נאָך קיינמאָל קיין מענטשן נישט געזען. ער איז געזעסן פאַר אונז, נישט זאָגנדיק קיין איין וואָרט, אָן דעם מינדסטן פּרווו צו פאַרטיידיקן זיין שטעלונג, נישט ברענגענדיק צום אויסדרוק דעם מינדסטן באַשלוס, אָן דעם מינדסטן זשעסט, מיט טיף אַראָפּגעלאָזטע אויגן. יעדער מיטגליד פון פאַרטיי-קאָמיטעט האָט גענומען דאָס וואָרט, כדי פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט אויפצו-

ווייזן די אוממעגלעכקייט פון דער סיטואַציע, וועלכע דער אָנגעקלאָגטער האָט געשאַפן פאַר דער פּאַרטיי, פאַר דעם אָרגאַן, וועלכן מען האָט אים אָנגעטרויט און פאַר זיך אַליין. קיינעם פון אונז איז נישט איינגעפאַלן אפילו צו באַקעמפן דעם אַרטיקל, ווי עס זענען איבערגעחזרט געוואָרן די אַרגומענטן, וואָס פלעגן תמיד אַרויסגעשטעלט ווערן קעגן אונזער רעוואָלוציאָנער פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט מצד יענע קריגספריינטלעכע עלעמענטן, וועלכע גראָד מוסאָליני האָט געשטעמפּלט אַלס בוגדים פון אַרבעטערקלאַס. קעגן וועמען אייגנטלעך האָבן מיר געקענט באַקעמפן די קליינבירגערלעכע, אימפּעריאַליסטישע, שאָוויניסטישע באַטראַכטונגען? קעגן דעם, וועלכער האָט זיי אַליין באַקעמפט אמהעפטיקסטן, אַמליידנשאַפטלעכסטן, קעגן דעם, וואָס האָט נישט געגלויבט אין קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט איצט געשריבן לטובת דעם קריג, קעגן דעם, וואָס האָט נישט געפונען קיין איינציק וואָרט, כדי, אויב נישט צו באַרעכטיקן, טאָ לכל הפּחות צו אַנטשולדיקן זיין אויסגליטשונג?

ווי אָפט אין ענלעכע פאַלן האָט זיך אויך דאָ ס ע ר אַ ט י אַרויסגעוויזן אַלס דער ענערגישסטער און אכזריותדיקסטער.

„נאָך דעם, וואָס מיר האָבן היינט געלייענט אין „אַוואַנטי", האָט ער געזאָגט אין זיין געוויינלעכן אויפריכטיקן און שאַרפן טאָן, „דאַרפן מיר מער נישט פאַרלירן קיין צייט. מיר מוזן האַנדלען. מוסאָליני קען מער קיין איין אויגנבליק נישט פאַרבלייבן שעפרעדאַקטאָר פון אונזער צענטראַל-אָרגאַן!"

די לאַגע, אין וועלכער מוסאָליני האָט געשטעלט די פּאַרטיי דורך דער פאַרעפנטלעכונג פון זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכן אַרטיקל, איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט געפאָדערט די תּיכּפדיקע ראַדיקאַלע אינטערווענץ פון פּאַרטיי-קאָמיטעט. ווען דאָס זאָל נישט געשען, וואָלטן די פּאַרטיימיטגלידער אָדער די עפנטלעכע מיינונג בכלל געקענט אַרויסדרינגען אָדער פאַרזיכערן, אַז מוסאָליניס שטעלונג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סתירה צו די גרונטפּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן ביי עמעצן פון אונז געפונען אַ הסכם אָדער אַ טאָלעראַנטע באַציאונג. וועגן דעם האָט אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט

געקענט זיין קיין רייד; וועגן דעם האָט אויך נישט געקענט אויפשווימען דער מינדסטער ספק. דערדאָזיקער באַוווסטזיין האָט מיט אונז אַלע אָנגעפירט און אַלע זענען מסכּים געווען מיט סעראַטין. מוסאָליני האָט מער נישט געטאָרט שרייבן קיין איין אות אין אונזער נאָמען, אין נאָמען פון דער „אוואַנטי"-פּאַרטיי.

ווען מען איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צו ריידן וועגן זיין לאַגע, האָט מוסאָליני צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די אויגן, כּדי זיי באַלד ווידער אַראָפּצולאָזן און ער האָט געזאָגט אין אַ קאַלטן, טרוקענעם, שאַרפן טאָן, באַטאָנענדיק דערביי יעדעס וואָרט: „איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן וועגן מיר. כ'וועל שוין מער קיינמאָל נישט נעמען די פּעדער אין דער האַנט. כ'וועל קיינמאָל קיין איינציק וואָרט אַפילו נישט שרייבן קעגן סאָציאַליזם, קעגן דער פּאַרטיי. אַלס מויערער וועל איך מיר פאַרדינען פינף ליר אַ טאָג אויף מיין אויסקומעניש".

נישט געקוקט אויף מוסאָליניס דערקלערונג האָב איך פונדעסטוועגן געשטעלט דעם פאָרשלאַג, מ'זאָל אים פינאַנסיעל פאַרזיכערן אויף אַ געוויסער צייט, און די איבעריקע מיטגלידער פון פּאַרטיי-קאָמיטעט האָבן מיין פאָרשלאָג אָנגענומען אָן דעבאַטן, ער האָט מער נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן. אָבער דעם קאַלטן, חיהשן, נקמהדורשטיקן בליק, וועלכן ער האָט געוואָרן אויף אונז, האָב איך ביי אים פריער קיינמאָל נישט געזען.

„נישט וועגן „אוואַנטי" האַנדלט זיך דאָ", האָב איך געזאָגט צו אים, ווען ס'איז געקומען מיין ריי, „מ'וועט געפינען איינעם, וואָס זאָל דיך פאַרבייטן. אין אונזער פּאַרטיי זענען נישטאָ אַזעלכע, וועלכע מ'קען נישט פאַרבייטן, און סיי די צייטונג, סיי דער פּראָלעטאַריאַט וועלן איבער דיר אַריבערגיין צום טאָגאָרדנונג. נישט דער סאָציאַליזם פאַרלירט פון דיין אָפּטריניקייט, נאָר דו. באַרעכן זיך נאָר וואָס דו טוסט! דערמאָן זיך נאָר אין דיין פאַרגאַנגענהייט, אין דעם הונגער און צאָרן, וועלכע דו האָסט געשפּירט אַלס קרבן פון סאָציאַליזם, באַרעכן נאָר, וואָס דער אַרבעטערקלאַס האָט דיר געגעבן, וואָס דו האָסט צו פאַרדאַנקען דעם סאָציאַליזם, באַרעכן נאָר דעם אומאָפּרופלעכן טריט, וועלכן דו האָסט בדעה צו טאָן. ער

שטויסט זיך דירעקט אין די אָרעמס פון דער בורזשואַזיע, די בלוט-שונאים פון דיין קלאַס !"

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער, וועלכע כ'האָב געזאָגט צו מוסאָליניִן. ער האָט אויף זיי נישט געענטפערט. ווען מיר זענען ביי דער מיטאָק-הפסקה אַראָפּ אין רעסטאָראַן, האָט זיך מוסאָליני שוין נישט געזעצט ביים געמיינזאַמען טיש, אויך דאַן, ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין מאַלינעולאַ האָט ער זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן די מיטגלידער פון פאַרטיי-קאָמיטעט, נאָר איז געבליבן שטיין אין אַ זייט פון אונז, לעבן אייניקע בירגערלעכע זשורנאַליסטן.

* *

*

צוויי טעג נאָך דער דימיסיע האָט דער איטאַליענישער פאַרטיי-קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער ס'איז צווישן אַנדערעס געזאָגט געוואָרן:

„מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ, וואָס ווערט געטראָגן דורכן באַוווסטזיין פון דער אויסגעפירטער פליכט און פון דער פליכט, וועלכע מיר דאַרפן נאָך דערפילן, מיט אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין סאָציאַליזם, מיט דער רואיקייט און דעם ערנסט, וועלכע זענען דער טייל בלויז פון אַ רואיקן געוויסן, באַגייסטערט פון הויכן דיסציפלין-געפיל, האָט דער פאַרטיי-קאָמיטעט פון היינט אָן איבערגענומען די אָנפירונג פון „אוואַנטי"! די פאָן פון סאָציאַליזם איז פון אונזער קאַמפאָרגאַן, דעם „אוואַנטי", תמיד הויך געטראָגן געוואָרן. מיר זענען נישט נאָר ווייט דערפון זי צו לאָזן זינקען, נאָר אדרבה, אויב מעגלעך, ווילן מיר זי איצט אויפהויבן נאָך העכער. דער באַשלוס אַליין, וועלכן דער פאַרטיי-קאָמיטעט אין באַלאַן האָט אָנגענומען, און לויט וועלכן עס דאַרף זיך נישט געפינען קיין נאָמען אין דער שפּיץ פון צענטראַל-אָרגאַן פון דער פאַרטיי, האָט דייטלעך באַוויזן, אַז דער „אוואַנטי" וועט מער נישט שטיין אין סכנה צו ווערן אַ הערקצייג פון פערזענלעכע מיינונגען, דירעקטיוון און כוונות, נאָר וועט תמיד בלייבן אַ זיכערער און טרייער אויסדריקער פון די פרינציפן און באַשלוסן פון דער פאַרטיי.

מיר נעמען איבער די אָנפירונג איבער דעם „אוואַנטי״ אין אַ זייער שווערן אויגנבליק. די שווערקייט שטאַמט נישט פון דעם לעצטנס איבערגעקומענעם קריזיס אין דער פּאַרטיי גופא, וואָס איז נישט מער ווי אַ פּערזענלעכער עפּיזאָד און קען נישט האָבן קיין שום אָפּקלאַנג אין דער פּאַרטיי אַליין, נאָר דידאָזיקע שווערקייט ווערט געשאַפן דורך דער שטעלונג פון אייראָפּאַס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דעם מוראדיקן וועלטקריג. מיר זענען איבערצייגט, אַז וואָס מער דער אינטערנאַציאָנאַל איז געשלאָגן, וואָס מער ער ווערט אָנגעגריפן דורך די בירגערלעכע פּאַרטייען – וואָס זענען אייניק אין זייער האַס צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס שיידט זיי צווישן זיך, — וואָס מער דער אינטערנאַציאָנאַל איז מוטלאָז און צעשפּאָלטן, אַלץ העכער מוז זיך הערן אונזער קאַמפּרוף, אונזער אני־מאמין: זאָל לעבן דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל!״

פאַר דערדאָזיקער תּיכפדיקער ראַדיקאַלער אינטערווענץ, אַדאַנק וועלכער דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט דערוואָרבן אומגעהייערע פאַרדינסטן פאַר דער איטאַליענישער פּאַרטיי און פאַר דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, האָט זיך דער פאַשיזם פון ערשטן אויגנבליק אָן שענדלעך נוקם געווען אין דער גאַנצער פּאַרטיי. די רעאַקציאָנערע כוואַליע, וועלכע האָט נאָך דעם קריג און נאָך דעם אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַרגאָסן אויך איטאַליע פּונקט ווי די אַנדערע לענדער, וואָלט קיינמאָל נישט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אירע שולדיקע וואָלטן קיינמאָל נישט אַזוי געווילדעוועט מיט אַזאַ סאַדיסטישער צעשטערונגס־משוגעת קעגן אַלץ וואָס פּראָלעטאַריש, קעגן אַלץ, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ סאָציאַליסטישן שפּראָצל, ווען אין איר שפּיץ וואָלט זיך נישט געפונען אַ פּאַרשוין, וואָס זיין אומרואיקער געוויסן און פאַרוווּנדעטע גאווה האָבן אים געשטויסן צו נקמהאַקטן, אויף וועלכע ס'איז פעאיק בלויז אַ פּאַטאַלאָגישע נאַטור.

מוסאָליני האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין די־יעניקע, וועלכע האָבן געשיצט די פּאַרטיי און די אידייע קעגן זיין בגידה. די פּאַרטיי און די אידייע, וועלכע ער אַליין האָט

צו פאַרדאַנקען די ריינסטע און טיפּסטע שעהן פון זיין לעבן־
נישט זעלטן האָט מוסאָליני דער דיקטאַטאָר געוואָלט פאַרטריבן
די אָנקלאַגעס פון זיין אייגענעם געוויסן דורכן ליאַרעם פון
די האַרמאַטן, דורך די קאָמעדיאַנטישע שטיק פון זיין פאַ־
שיסטישן צערעמאָניאַל, דורכן טרעשטשען פון די אויף זיין
באַפעל פאַרברענטע אַרבעטערהייזער, וועלכע ער אַליין האָט
אָפט פייערלעך געעפנט, דורך דער קללה, וועלכע האָט זיך
געטראָגן פון אומצייליקע פּראָלעטאַרישע ליפּן...

גרעסערע קרבנות פאַרן איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט
האָט געבראַכט פאַרן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל בלויז
דער רוסישער: דורך יאָרנלאַנגן הונגער און קריג האָט ער גע־
פלאַסטערט דעם וועג פאַרן זיג פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַ־
ציאָנאַל מיט אייגענע ליידן און אייגענע גופים...

אין דער וואָך נאָך זיין אָפּרופונג פון דער „אוואַנטי"־
רעדאַקציע איז מוסאָליני אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַר־
טיי. די מילאַנער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט גע־
הערט, די גאַנצע פּאַרטיי, וועלכע האָט אים נאָך מיט אַ פּאָר
טעג צוריק אַרומגערינגלט מיט גרויס סימפּאַטיע און מיט אַ
זעלבסטפאַרשטענדלעך־גרויסן צוטרוי, איז איבער אים און זיין
אומבאַשרייבלעך־שענדלעכן פאַרראַט אַריבער צו דער טאָג־אָר־
דענונג. אויב דערדאָזיקער פאַקט אַליין האָט שוין באַוויזן ווי
געזונט און זעלבשטענדיק עס איז געווען איטאַליעס באַוועג־
גונג — עס האָט זיך בשום אופן נישט געהאַנדלט בלויז וועגן
רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן לויט דער אי־
ניציאַטיוו פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, נאָר וועגן אַ ספּאָנטאַנער
שטעלונג פון אַלע פּאַרטיי־סעקציעס און חברים, — האָט נאָך
מער באַוויזן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם אויסגע־
שלאָסענעם, אויף ווי ווייט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט און די פּאַר־
טיי אַליין האָבן רעכט געהאַט, וועלכע טובה זיי האָבן געטאָן
נישט נאָר דעם איטאַליענישן, נאָר דעם אינטערנאַציאָנאַלן
סאָציאַליזם בכלל, דורכדעם, וואָס זיי האָבן תיכּף איבערגעריסן
אַלע באַציאונגען מיט דער עלנטער באַשעפעניש, וועלכע איז
געקויפט געוואָרן דורכן בירגערטום אַלס נאָכגיביק וועקצייג
פון זיין שענדלעכער נקמה־דורשט קעגן פּראָלעטאַריאַט.

## אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פרויען-קאָנפערענץ

[illegible] די, וועלכע זענען אַמייסטן אָנגערירט געוואָרן דורכן צוזאַמענברוך פון דער דייטשער פּאַרטיי, האָט געהערט קלאַראַ צעטקין, וואָס איר ליידנשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט האָט זי באַוויגן צו באַזונדערס העפטיקע געפילס-און געמיטס-אויסדרוקן. אַ גאַנץ לעבן שטיין אין דינסט פון אַ באַוועגונג, פון אַ פּאַרטיי, דאָס בעסטע, דאָס גאַנצע שטעלן אין רשות פון דערדאָזיקער פּאַרטיי, זיך מיט איר לחלוטין אידענטיפיצירן, און מוזן דורכלעבן אַזאַ אַנטוישונג! ס'איז נויטיק געווען קלאַראַ צעטקינס אומגלויבלעכע ווידערשטאַנדסקראַפט, זי זאָל זיך קענען צונויפנעמען מיט די כוחות פאַר אַ נייער טעטיקייט. און דאָס האָט זי געטאָן, ווען זי איז געקומען אויף דעם זייער געוואַגטן געדאַנק פאַר יענער צייט, צונויפצורופן אין בערן אין מערץ 1915 אַן אויסעראָרדנטלעכן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישע פרויען. דערדאָזיקער באַשלוס איז נאָך געווען געוואַגטער דערמיט, וואָס קלאַראַ צעטקין איז געווען די סעקרעטאַרין פון אַלע סאָציאַליסטישע פרויען אָן אונטערשייד פון די ריכטונגען, און אַ מיטגליד פון דער דאַמאָלט געאייניקטער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דורכדעם, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט קעגן קריג אַ קלאַסנאַקציע, האָט זי דורכגעבראָכן די דיסציפּלין און אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג: אויף קריגסאָנהענגער און קריגסקעגנער. די דייטשע פּאַרטיי האָט פּאַראורטיילט דידאָזיקע קאָנפערענץ, אַרויסגעלאָזט צירקולאַרן קעגן איר, נישט געגעבן קיין מיטלען אויף דעלעגירן צו איר פאָרשטייער און דורכדעם געשטערט דעם אָנטייל

פון די דייטשע פרויען. דידאָזיקע קאָנפערענץ איז געווען די ערשטע גרעסערע שפּאַלטונג אויפן געביט פון אָרגאַניזירטן סאָציאַליזם, זי איז אויך געווען דער ערשטער אמת-אינטערנאַציאָנאַלער פּראָטעסט קעגן קריג: ווייל אין לוגאַנאָ, ווי געזאָגט, זענען פאַרטראָטן געווען בלויז צוויי פאַרטייען פון נייטראַלע לענדער.

קעגן דער גרויזאַמער בלוטבאָד האָט זיך אין בערן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט, וואָס איז געטראָגן געוואָרן פון קלאַסנמאָמענט, וואָס האָט געצילט צו אַ קאָנקרעטער, פּאָליטישער טאַט און האָט זיך געווענדעט בלויז צו איין קלאַס, צום פּראָלעטאַריאַט. דידאָזיקע קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע פרויען האָט פאַרשטאַרקט די אָפּגרעניצונגסליניע צווישן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און אָפּאָרטוניזם, וועלכע איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין לוגאַנאָ, און האָט זי פאַרלענגערט ביז צו אַ גרעניצליניע צווישן סאָציאַליסטישן קאַמף פאַרן פרידן און די עקרדיקע דעמאָנסטראַציעס פון בירגערלעכן פּאַציפיזם. זי האָט געשאַפן אַן אָפּגרונט צווישן פעמיניזם און סאָציאַליזם.

דער מאַניפעסט און די דערקלערונגען, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע פרויען, האָבן געהאַט אַ שווערע, פּאָליטישע אויפגאַבע. זיי האָבן געמוזט אויפוועקן אַן אינטערעס צום פּאָליטישן קאַמף ביי יעדער פּראָלעטאַריערין, וועלכע איז ביז איצט געבליבן ווייט פון קאַמף, ביי דער שאַפנדיקער פרוי, ביי דער אַרבעטער- און סאָלדאַטן-פרוי און ביי דער באַדראָטער צווישן די באַדראָטע, ביי דער געשלאָגנסטער צווישן די געשלאָגענע — ביי דער פּראָלעטאַרישער מוטער. דער מאַניפעסט האָט געמוזט ריידן גלייכצייטיק צום פאַרשטאַנד און צום האַרצן, כדי דאָס מוטערהאַרץ זאָל באַגרייפן, וואָס עס קען געוויינלעך נישט פאַרשטיין און נישט מוחל זיין. און קודם כל און מער ווי אַלץ האָט ער געמוזט זיין פּשוט, כדי געבן צו פאַרשטיין די דייטשע מוטערס, ביי וועלכע מ׳האָט צוגערויבט זייערע הייליקסטע גיטער — זייערע זין, אַז די פאַרשאָלטענע געווער, וואָס האָט צוגערויבט ביי זיי די זין, איז נישט געטראָגן געוואָרן דורכן פראַנצויזישן פּראָלעטאַריער, דעם זון פון פּונקט אַזאַ טרויעריג-

דיקער מוטער (און דאָסזעלבע אויך אומגעקערט), נאָר דורכן אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם. דאָס האָט מען געמוזט זאָגן מיט פּשוטע ווערטער. אָן דער מינדסטער רעדנערישער אָדער סטיליסטישער אומעכטקייט. די קאָמפּליצירטסטע באַגריפן האָבן געמוזט אָנגעקליידט ווערן אין דער פּשוטסטער שפּראַך, כּדי יעדעס וואָרט, יעדע באַהויפּטונג זאָל אויסזען ווי אַ התגלות. זיך צורירן מיט אַ צאַרטער האַנט צו די בלוטנדיקע ווונדן!

נישט נקמה, פּעלקערהאַס, נאָר טעטיקע סאָלידאַריטעט איז געווען די שבועה, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין בערן. די פּרויעקצעהענט זענען דאָ נישט אויפגעפּאָדערט געוואָרן זיך צוזאַמענצובאַלן אין פּאַרצווייפלטע, נקמהדורשטיקע פויסטן, אָדער צונויפגעבויגט צו ווערן אין הכנעהדיקער תּפילה, נאָר זיי זאָלן אויסגעשטרעקט ווערן צו די שוועסטערס אין די אַנדערע לענדער צו מעשים, צו זעלבסטבאַוווסטע און קלאַסנבאַוווסטע מעשים — איבער די טויטע גופים פון די פאַרגע־טערטע זין, נישט געקוקט אויף דידאָזיקע גופים, אדרבה — צוליב זיי. דער בליק, וואָס איז תּמיד אַראָפּגעלאָזן אויף דער שווערער שקלאַפנאַרבעט, דער בליק, וואָס איז אין פאַר־צווייפלונג געווענדט צום הימל, דער בליק, וואָס איז געטריבט פון מוטער־ און אלמנה־טרערן, — דערדאָזיקער בליק זאָל, נישט געקוקט אויף די טרערן און דוקא צוליב זיי, אויפגע־הויבן ווערן צו דער זון פון פאָלקסבאַפרייאונג, צום סאָציאַ־ליזם. דער פאַקט, וואָס אַזאַ שבועה האָט געקענט אָפּגעגעבן ווערן, איז געווען אַ מעכטיקער באַווייז פאַר דער אומבאַזיג־באַרקייט פון סאָציאַליזם, פון דער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַ־ריטעט: די דעמאַגאָגישע פעלקערהעצע האָט פאַר אים נישט געקענט ביישטיין...

* *
●

ווי געוויינלעך, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פילגלידע־ריקע קאָמיסיע, וועלכע איז ענדלעך צוזאַמענגעשרומפּן צו אַ צווייגלידיקער סובקאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דער חברטע דונקער און מיך. איך האָב זיך לחלוטין נישט

געפילט דערוואַקסן צו מיין אויפגאַבע, דער שטאָף איז געווען, אים האָבן מיר באַהערשט, אָבער ווי אַזוי געפינט מען די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרם? פון דער פאָרם האָט מען געמוזט קומען צום אינהאַלט, אַרויסגייענדיק פון איינצלנעם, פּערזענלעכן האָט דער וועג געמוזט פירן צום אַלגעמיינעם, טעאָרעטישן, פון די איבערלעבענישן פון דער איינצלנער פּראָלעטאַריערין צו דער קלאַסנלאַגע, פון איינצלנעמס פּיין און קוועלערייען צו זייערע אַלגעמיינע סיבות און צום מיטל, ווי אַזוי זיי צו באַקעמפן און גובר זיין.

נישט איינמאָל איז מיר גראָד בעתן קריג אויסגעקומען מיטצואַרבעטן ביי רעזאָלוציעס און מאַניפעסט-פּראָיעקטן — וויפל מי האָבן געקאָסט גראָד די-יעניקע פון זיי, וועלכע האָבן געגאָלטן אַלס די אייַנפאַכסטע! דאָסמאָל האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן גאַנץ באַזונדערע שוועריקייטן. אין וועלכע באַדינגונגען, אין וואָסער גייסטיקן צושטאַנד האָבן זיך געפונען די פּראָלעטאַרישע פרויען אין טאָג נאָכן אויסברוך פון קריג, נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע? וויפל אומצוטרוי האָבן מיר געדאַרפט גובר זיין, וועלכן טאָן האָבן מיר געדאַרפט נעמען כדי צו געווינען פאַרן קלאַסנקאַמף, פאַרן סאָציאַליזם די-יעניקע, וועלכע האָבן אפילו אין נאָרמאַלע צייטן געשטעלט דער פּראָפּאַגאַנדע אַן עקשנותדיקן, גייסטיקן ווידערשטאַנד? קאָמפּליצירטע, פאַר יענער צייט געוואַגטע, אַלגעמיין-באַקעמפטע אידעען-גענג. אבער די סבות פון קריג האָבן דערביי געמוזט אָנגעקליידט ווערן אין אַ אַלגעמיין-פאַרשטענדלעכער פאָרם.

צימערוואַלד און זיינע גרונדגעדאַנקען, וועלכע קלאַרא צעטקין האָט רעפערירט אויף דער קאָנפערענץ, האָבן געדאַרפט איבערגעחזרט ווערן אין דעם „פרויענמאַניפעסט״, אומגעפער מיט חדשים פריער, איידער עס איז בכלל צושטאַנדגעקומען די ערשטע צימערוואַלדער באַראַטונג. ווי געפינט מען ווערטער, כדי אַלץ אויסצודריקן, נישט פאַרוואונדנדיק דערביי די הייליקייט פון מוטערלעכן שמערץ?

און דער סאָציאַליזם האָט פאָרט געפונען דידאָייקע ווערטער, און זיי האָבן פון זייער זייט — ווי מיר האָבן

זיך דאָס שפּעטער דערוווּסט — געפונען דעם וועג צו מיליאָנען מענטשלעכע הערצער און קעפּ. אפשר קיינמאָל נאָך האָט דער אמת נישט געדאַרפט גיין מיט אַזאַ טראַגישן, מיט אַזאַ בלוטיקן וועג, ווי דאָסמאָל.

איך געדענק נישט מער דעם טעקסט פון אויפרוף, איך ווייס נאָר, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַגע: „פּראָלעטאַריערין, ווו איז דיין זון, ווו איז דיין מאַן?" אין משך פון דער צייט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עס איז נישט געווען קיין איין פּראָלעטאַריערין, וועלכע זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען אונזער פראַגע, וועלכע זאָל נישט האָבן אייִנגעשטימט מיטן ענטפער און מיטן קאָמענטאַר, וועלכע זענען געקומען נאָך איר! מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַ סך אַרבעטערינס זענען געגאַנגען מיטן וועג, וועלכן מיר האָבן אָנגעוויזן און גערופן צום קאַמף אַ סך, אַ סך הונדערטער אַנדערע פּראָלעטאַריערס, נישט שרעקנדיק זיך פאַר די פאַרפאָלגונגען און פאַר דער שטרענגקייט פון באַלאַגערונגס-צושטאַנד. דערדאָזיקער אויפרוף איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאַבריקן און הייזער, אין שטאָט ווי אין דאָרף, אין דייטשלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין רוסלאַנד ווי אין איטאַליע, אין עסטרייך ווי אין ענגלאַנד, אין סערביע ווי אין בולגאַריע.

אַחוץ דעם אַגיטאַציע- און פּראָפּאַגאַנדע-מאַניפעסט האָט די אויסעראָרדנטלעכע פרויענקאָנפערענץ אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע האָט אַנטהאַלטן די הויפּטגעדאַנקען פון דער מאַרקסיסטישער שטעלונג צום קריג. „אַ טויט דעם קריג!" איז געווען דער לייטמאָטיוו פון דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ס'האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ פּאָליטישע ריכטליניע פון קאַמף, און די אויפפאָדערונג, די פּראָלעטאַריערינס זאָלן צוגעבן זייער פרידנבענקשאַפט אַ פייערלעכן מאַסנאויסדרוק אין קלאַסנקאַמף קעגן די רעגירונגען, קעגן די קריגס-אויסניצער פון אַלע לענדער! אַזוי ווי די מענער זענען מיט געוואַלט אָפּגעריסן געוואָרן פון קלאַסנקאַמף זאָלן די פרויען אין דאָזיקן שווערן קאַמף בילדן דעם אַוואַנגאַרד, דעם רומרייכן אַוואַנגאַרד; ס'איז נאָכאַמאָל איבערגעחזרט געוואָרן די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע, וועלכע האָט פאַרפליכטעט די סאָציאַליסטן

זיי זאָלן אויסנוצן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס פון קריג „אויף צוצואיילן די סאָציאַלע איבערקערעניש".

דידאָזיקע קאָנפערענץ, — ווי אַ סך אַנדערע, וועלכע זענען געקומען נאָך איר אין יענער טריבער צייט, — האָט געהאַט אַ טאָפּלטע באַדייטונג און אַ טאָפּלטן רעזולטאַט. דורך דעם צושטאַנדקומען פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ (עס זענען צו איר געקומען דעלעגאַטן פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, רוסלאַנד, פּוילן, פראַנקרייך, שווייץ און האָלאַנד, בעת איטאַליע און אַפילו בעלגיע האָבן שויפּטלעך דערקלערט זייער אָנשלוס) איז דער גאַנצער וועלט באַוויזן געוואָרן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע מיטלען, מיט וועלכע דער קריג האָט זיך באַנוצט אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד, איז ער נישט אימשטאַנד צו פאַרטונקלען דעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין פון די אַרבעטערמאַסן, איבערצושניידן די סאָלידאַריטעטס-פעדים, וואָס בינדן צונויף אַלע עקספּלואַטירטע פון אַלע לענדער. די הערשנדיקע קלאַסן האָבן געדאַרפט דורך איר הערן, אַז דער קינסטלעך-אויפגעברויזטער שאָוויניזם פון די מאַסן קען נישט שטערן צו דערקענען דעם אימפּעריאַליזם אַלס די סיבה פון דער מענטשנשחיטה און צו זיין איבערצייגט, אַז די בלוטיקע שלייערן, וועלכע דער קריג האָט אַריבערגעצויגן איבער אַלע געמיטער, וועט אויפהויבן בלויז דער סאָציאַליזם, אָבער די ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל און די מערהייטס-פּאַרטייען האָבן געדאַרפט דורך איר הערן, אַז נישט געקוקט אויף דער גאַנצער דיסציפּלין האָבן מיר נישט געקענט דולדן די פאַרשאַכערונג פון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. אויב עס איז נישט מעגלעך געווען צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּאָליטיק מיט זיי, מיט די אָפיציעלע אינסטאַנצן, האָבן מיר דאָס געמוזט טאָן אָן זיי און אפילו קעגן זיי. ס'איז גענוג גרויס דער ווייטאָק און די חרפּה, וואָס עס איז בכלל מעגלעך געווען אַזאַ אַלטערנאַטיווע. מיר וועלן בלייבן טריי דער אייניקייט פון דער באַוועגונג ביז צום לעצטן אָטעמצוג; אָבער נישט דאַן, ווען עס האַנדלט זיך בלויז וועגן פאָרמעלער אייניקייט, הינטער וועלכער עס שטייט באַהאַלטן אומאויסגלייכלעכעס: פון איין זייט

די פאַרשאַרפונג פון קלאַסנקאַמף — פון דער צווייטער : בורג־פרידן.

די קאָנפערענץ גופא איז געווען איינע פון די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקסטע, וועלכע כ׳האָב ווען־נישט־איז איבערגעלעבט. מ׳האָט זיך נאָך נישט געהאַט צוגעפּאַסט צום קריג, מ׳האָט נאָך געפונען ליידנשאַפטלעכע ווערטער, כדי אָנצוקלאָגן זיינע גרויל־מעשים און צו שטעמפּלען זיינע רעזולטאַטן.

די „באַריכטן פון די לענדער" האָבן זיך אויסגעגאָסן אין איין בילד פון פאַרצווייפלונג. פאַרצווייפלונג ביי דער בשורה וועגן קריגס־אויסברוך, פאַרצווייפלונג ביים פראָנט־אָפּפאָר פון די מענער, ביי דעם ווו‍קס פון גראָבקייט, פון שאָוויניזם. איך דערמאָן זיך, מיט וואָסער אויפרעגונג אַן ענגלישע דעלעגירטע האָט איבערגעלייענט וועגן אַ ליד, וועלכעס מ׳האָט געלערנט אין די שולעס די קינדער — עס האָט באַזונגען ענגלאַנד, וואָס איז פאַרגרעסערט געוואָרן דורכן קריג, די פאַר דערצו האָט צוגעשטעלט אַ דייטשע חבר׳טע : זי האָט פאָרגעלייענט ביי אַן אַלגעמיינער אויפגעבראַכטקייט ליסוערס „גאָט, שטראָף ענג־לאַנד".

פרוי מאַריאַ פיליפּס, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מאַרגרעט באָנדפילד, פרוי סאַלטער און פרל׳ לאָנגמאַן פאַרטראָטן ענגלאַנד און איז אַליין געווען פון אויס־טראַלישער אָפּשטאַמונג, האָט דערציילט אין קורצע, ניכטערע ווערטער, ווי אויפגעמונטערט עס זענען געוואָרן די פּראָלעטאַ־רישע פרויען, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער פרויען־אינטערנאַציאָנאַל איז געבליבן אינטערנאַציאָנאַל, און אַז קלאַ־רא צעטקין איז קעגן קריג און פאַר דער סאָלידאַריטעט... קיין דיסקוסיע איז נישט פאָרגעקומען, עס האָט גאָרנישט גע־קענט פאָרקומען, ווייל אַלדאָס צווייטראַנגיקע, וואָס האָט אַמאָל צעשיידט די דעלעגירטע פון די פאַרטראָטענע לענדער — צווישן אַנדערעס די שטעלונג צו בירגערלעכער פרויענרעכט־לעריי, איז אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט פאַר דער אינטער־נאַציאָנאַלער מיינונגס־ און קאַמפּסגעמיינשאַפט, וואָס איר באַ־טאָנונג איז געווען אַ זעלבסטדערהאַלטונגס־ און ערנפראַגע פאַר דעם סאָציאַליזם.

דאָ האָבן זיך אויפגעשטעלט די פאָרשטייערינס פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און די פוילישע דעלעגירטע, כדי פאַרצולייגן א רעזאָלוציע. דידאָזיקע רעזאָלוציע איז דורך די באָלשעוויסטישע חברים פאָרגעלייגט געװאָרן אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן און זי האָט געדינט אַלס באַזיס פאַר די צימערוואַלדער ל י נ ק ע, וועלכע איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן אין ק י ע נ ט אַ ל. דער פאָרשלאַג האָט אַריינגעבראַכט די קאָנפערענץ אין איינע פון די דראַמאַטישסטע לאַגעס, וועלכע מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן, הגם פּרינציפּיעל האָט ער זיך נישט אונטערשיידט פון קלאַראַ צעטקינס רעזאָלוציע-פּראָיעקט. דער הערטלבכער טעקסט פון דער רעזאָלוציע, וועלכע די באָלשעוויסטישע דעלעגירטע האָבן פאָרגעלייגט, איז פאַר דער מערהייט אָנװעזנדיקע אוממעגלעך געוועזן אָנצונעמען, קודם כל פאַר די ענגלענדערינס ווי אויך פאַר די סאָציאַליסטינס פון נייטראַלע לענדער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ אין נאָמען פון די אָפיציעלע פאַרטייען. דאָס דראַמאַטישסטע פון דער סיטואַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס א היסטאָרישע טאַט — און א עפּנטלעכע, אינטערנאַציאָנאַלע אַרויסטרעטונג בעת א וועלטקריג איז דאָס אָן ספק געווען — האָט געדראָט צעשטערט צו ווערן נישט צוליב די טויזנטער אויסערלעכע שטרויכלונגען, וועלכע דער קריג האָט אונז געשטעלט אין וועג, נאָר צוליב טעמים פון א אינערפּאָליטישן כאַראַקטער! די געפאַר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רעזאָלוציע-פאָרלייגערינס האָבן געוואָלט שטימען קעגן קלאַראַ צעטקינס רעזאָלוציע, און דורכדעם האָלטן די קעגנער באַקומען א געלעגנהייט צו פאַרזיכערן, אַז צווישן פאָרשטייער פון קריגספירנדיקע נאַציעס איז איינשטימיקייט אָן אוממעגלעכע זאַך, ווי סאָציאַליסטיש זיי זאָלן נישט זיין. דורכדעם וואָלט צעשטערט געוואָרן דער ווערט פון דער גאַנצער קאָנפערענץ, מער נאָך, איר צוזשטאַנדקומען וואָלט נאָך שאָדן געבראַכט. אַלע דעלעגירטע האָבן קלאָר באַגריפן דעם ערנסט פון דער סיטואַציע, און קודם כל קלאַראַ צעטקין, וועלכע האָט גענומען דאָס וואָרט, כדי צו פועלן ביי דער מינדערהייט, די זאָל שטימען פאַר דער רעזאָלוציע פון דער מער-

הייט. איר ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַלע דעלעגירטע, דער ערפאָלג איז אָבער געווען אַ נעגאַטיווער... קלאַראַ צעטקינס אויפרעגונג איז געוואַקסן אין דערזועלבער מאָס, אין וועלכער זי האָט צוגעזען, ווי איר ווערק קומט אום. די דעלעגירטע האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַניקגעפיל, אַ פאַרשטענדיקונג איז געווען אויסגעשלאָסן, ווייל די מינדערהייט האָט דערקלערט, אַז זי קען נישט אָפּטרעטן פון איר רעזאָלוציע. די קאָנפערענץ איז איבערגעריסן געוואָרן. טיף דערשיטערט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער איז קלאַראַ צעטקין אַוועק מיט די דעלעגירטע פון דער מינדערהייט אין נעבנצימער; אין אַ שעה אַרום איז זי ווידער דערשינען. ס'האָט זיך פּאָרט געפונען אַ וועג: די מינדערהייט האָט דערקלערט איר גרייטקייט צו שטימען פאַר דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע, אויב איר דערקלערונג וועט אַריינגענומען ווערן אין פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ. די סיטואַציע איז געווען געראַטעוועט. די רעזאָלוציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויענקאָנפערענץ, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, האָט געקענט ברענגען דעם פּראָלעטאַריאַט די פיל-צוזאָגנדיקע בשורה, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים...

אַן ענלעכער פאַל האָט זיך אין אַ חודש אַרום אָפּגעשפּילט אין זעלבן בערנער פאָלקסהויז. אויפגעמונטערט דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויענקאָנפערענץ, האָבן אויך די יוגנטלעכע צונויפגערופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ. זי איז מער ווייניקער געווען איינגעגעבן. די יוגנטלעכע, וועלכע זענען געווען מיליטערפליכטיק, איז נאָך שווערער געווען אַריבערצוקומען איבער דער גרעניץ, אַזוי אַז אויף דער קאָנפערענץ איז בלויז דייטשלאַנד פאַרטראָטן געווען דורך אַ דעלעגירטן, וואָס קומט דירעקט פון אַ קריגפירנדיקן לאַנד, רוסלאַנד און פוילן זענען פאַרטראָטן געווען דורך עמיגראַנטן, וואָס לעבן אין אויסלאַנד, פון די אַנטאַנט-לענדער האָט קיינער נישט געקענט אַריבערקומען. דעריבער איז נאָך געווען דראַמאַטישער די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט, ווען די פאָרשטייער פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָבן פאָרגעלייגט אָפּצושטימען דיזעלבע רעזאָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגע-

שטויסן אויף דעמזעלבן ווידערשטאַנד ווי אויף דער פאַרגאַנגענער פּרויענקאָנפערענץ. דער דייטשער יוגנטלעכער חבר, וועלכער איז צופוס, מיט גרויסע סכנות, אַריבער די גרעניץ, האָט פּשוט געוויינט פון פאַרצווייפלונג. „וואָס וועלן זאָגן מיינע ווײַלער אויפן פראָנט, אין די אָקאָפּעס, ווען עס וועט אונז נישט געלינגען צו דערגרייכן איניקייט, אייניקייט צווישן אונז סאָציאַליסטן?“ אויך גרים, וואָס איז פּונקט ווי איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ דורך די אָרגאַניזאַטאָרן, איז ממש געווען פאַרצווייפלט. אויך ער, וואָס איז געווינט געווען צו געפינען אַן אויסוועג פון די קאָמפּליצירטסטע סיטואַציעס, האָט פאַרלאָרן דעם מוט. אויך דאָ איז די באַראַטונג איבערגעריסן געוואָרן. נאָך אַ לאַנגן, שפּאַנענדיקן וואַרטן און פאַרלאַמענטירן זענען די פאַרשטייער פון ביידע ריכטונגען אַוועק אין לעניִנס ווינונג (אויב איך האָב נישט קיין טעות אין דער באַגלייטונג פון גרימען), ווו מ׳איז אָנגעקומען צום זעלבן קאָמפּראָמיס, וואָס האָט בשעתו געראַטעוועט די פרויען-קאָנפערענץ. די מינדערהייט האָט געשטימט מיט דער מערהייט — זייער אורשפּרינגלעכע רעזאָלוציע האָט געדאַרפט אַריינגעטראָגן ווערן אין פּראָטאָקאָל! שטראַלנדיק, מיטן באַוווסטזיין פון זיג, האָט דער דייטשער יוגנטלעכער חבר אָנגעזאָגט דער צאָלרייך באַזוכטער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָכן ענדיקן די קאָנפערענץ, אַז דער יוגנטאינטערנאַציאָנאַל שטייט געשלאָסן ווי איין מענטש, זיין אייניקייט איז נישט צעשטערט געוואָרן נישט דורכן קריג און נישט דורך דער האַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַל און פון די מערהייטספּאַרטייען. די פּאָליטיש-פּראַקטישע באַשלוסן האָבן זיך געדעקט מיט דיזעלבע פון דער פרויענקאָנפערענץ: „קריג דעם אימפּעריאַליסטישן קריג, קריג דעם בורגפרידן!“ דער הויפּטגעוויכט איז אויך דאָ געלעגן אין דער אַגיטאַטאָרישער ווערבירקראַפט פון דער שטעלונג צום קריג.

גראָד אין שייכות מיט דער יוגנט-קאָנפערענץ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן, מיט וואָסער פיינלעכן ערנסט חבר לענין האָט זיך באַטייליגט אין אַלץ, וואָס איז נוגע געווען דעם אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט

פאַרפאַסט, דורך יעדן פאָרום, ווי נישט מאָסגעבנדיק ער זאָל נישט זיין. דירעקט נישט באַטייליקט אין דער באַראַטונג, האָט ער פון קאַפּע אין פאָלקס־הויז אָנגעפירט מיט די פאַרשטייער פון זיין פראַקציע, וועלכע פלעגן נאָך דער ריי נאָך צו אים אַראָפּקומען. כ׳האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און כ׳האָב אים אויסגעדריקט מיין פאַרוווּנדערונג און באַוווּנדערונג פאַר דער געדולד און צייט, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן דערדאָזיקער אָנגעלעגנהייט.

וואָרום ווי וויכטיק עס איז נישט געווען גראָד צו יענער צייט צו געבן די יוגנטלעכע — די קרבנות און ווערקצייג פון דער אימפּעריאַליסטישער פאַרמעסטונג — אַ טעאָרעטישע אויפקלערונג און ריכט־ליניע, איז מיר פאָרט פאָרגעקומען נישט וויכטיק, צי די רעזאָלוציע, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך יחידים און איז פאַר די מאַסן שווער פאַרשטענדלעך, וועט אַריינקומען אין פּראָטאָקאָל אָדער נישט. דעמזעלבן געזיכטס-אויסדרוק, דעמזעלבן ערנסט האָב איך באַמערקט אין לענינען, ווען ער פלעגט אַלס פירער פון דער רוסישער אַרבעטער- און פּויערים־רעפּובליק, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פירער פון פּראָלעטאַריאַט, נאָכפאָלגן די איינצלהייטן פון אַ דיסקוסיע אין אַ וועלכער נישט איז אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע אָדער ווען ער פלעגט שטרענג קאָנטראָלירן די שטימענצאָל און זי סומירן...

# ציממערוואַלד

די ציממערוואַלד-באַוועגונג געהער שוין צו דער געשיכטע, אָבער זי איז אַריינגעטראָגן אין אירע אננאַלן בלויז פראגמענטאַריש און טיילווייז פאַרקריפּלט. אַלס סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן קריג בעתן וועלט-קריג, טראָגנדיק על-פּי-רוב אַן אומלעגאַלן כאַראַקטער, האָט די ציממערוואַלד-באַוועגונג נישט געקענט האָבן נישט נאָר קיין „גוטע" פּרעסע, נאָר בכלל קיין שום פּרעסע. זעלטן ווען האָט אַ באַוועגונג געהאַט אַזויפיל און בעסער-באַוואָפנטע קעגנער, ווי אונזערע: מיר האָבן געהאַט קעגן זיך נישט נאָר די וועלט-אַרומכאַפּנדיקע קאָאַליציע פון די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון אַלע לענדער, נאָר אויך די גרעסטע טייל פון דער פּראָלעטאַרישער פּרעסע. דער צופאַל — מען דאַרף זאָגן דער טראַגישער צופאַל — האָט אַזוי געמאַכט, אַז אויסער מיר איז נישטאָ קיין איין מיטגליד פון דער ציממערוואַלד-באַוועגונג, וואָס זאָל זיך האָבן באַטייליקט אין אַלע זיצונגען פון איר עקזעקוטיוו-אָרגאַן, אין אַלע אירע אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס — פון דער ערשטער ביז דער לעצטער. דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט פאַר מיר געשאַפן די געוויסנס-פליכט צו געבן אַ כראָנאָלאָגישע שילדערונג פון די געשעענישן און אַקציעס דערגאַנצט דורך אַלע דאָקומענטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם עקזעקוטיוו פון דער ציממערוואַלד-באַוועגונג און פון די קאָנפערענצן, וועלכע זענען דורך איר צונויפגערופן געוואָרן. דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וועלכן כ'האָב צונויפגעזאַמלט דורך בייקומען גרויסע שוועריקייטן און דורך

אָנשטרענגען מיין גאַנצע זכרון-קראַפט, האָב איך שוין זייט אַ לאַנגער צייט איבערגעגעבן צום פאַרעפנטלעכן דעם „אַ ר כ י וו פ אַ ר ס אָ צ י אַ ל י ז ם א ו ן אַ ר ב ע ט ע ר-ב אַ וו ע ג ו נ ג".*)

אין יענער שריפט האָב איך זיך שטרענג געהאַלטן ביי די דאָקומענטן און אַקציעס, נישט באַלויכטנדיק זיי אויף דאָס מינדסטע, כדי צו געבן דעם פאָרשער אויטענטישן מאַטעריאַל, אין וועלכן דער באַטרעפנדיקער אָפּשניט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג קען גאָר בכלל נישט אויפגעפאַסט ווערן ריכטיק. דאָ אָבער מוז איך זיך באַנוגענען, שוין צוליב מאַנגל אין אָרט, מיט אַ גאַנץ קורצער סקיצירונג פון אייניקע עפּיזאָדן, וועלכע מ׳קען אָבער ערשט דאַן ריכטיק פאַרשטיין, ווען מען איז באַקאַנט מיט דעם עיקרדיקסטן פון צימערוואַלדס שטרעבן און ווירקן.

דער פאַקט, וואָס מען איז וועגן צימערוואַלד אומגעניגנדיק און טענדענציעז אינפאָרמירט געוועזן, לאָזט זיך נישט דערקלערן בלויז מיטן פריער דערמאָנטן אויסערלעכן אומשטאַנד, נאָר אויך מיטן וועזן פון דער צימערוואַלד-באַוועגונג אין אירע אָנהויבן, פון דעם מאָמענט ווען זי איז אַנטשטאַנען אין לוגאַנאָ ביז צו דער קיענטאַלער קאָנפערענץ, וואָס האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אין דער אויפפאָדערונג צו שטימען קעגן די קרעדיטן, ד. ה. צו אַ קאָנקרעטער פּאָליטישער אַקציע. אין איר אָנהויבסטאַדיע האָט די צימערוואַלד-באַוועגונג דער עיקר געטראָגן אַ אַגיטאַטאָריש-פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער. ס׳איז איר נאָך נישט באַשערט געווען אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ פּאָזיטיווער אַקציאָנס-פּראָגראַם. דאַקעגן האָט זי פון ערשטן אויגנבליק פון איר אַנטשטיין גענומען אויף זיך אַ ראָלע, וואָס איז אפשר געווען די שווערסטע פון אַלע: צו ווייזן סיי דעם אָנהענגער, סיי דעם קעגנער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס דער סאָציאַליזם, וואָס דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרפן אין קיין פאַל נישט זיין. אין דאָזיקן זינען דאַרף דער צייטאָפּשניט פון צימערוואַלד באַצייכנט ווערן אַלס באַווייז-

*) דערשיינען אין 1926.

מעטאָד דורך באַזייטיקן דאָס קעגנזעצלעכע. אַז אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס זענען אויסערלעך אומבאַדייטנדיק, ברענגען די מאַסן אומשאַצבאַרן נוצן אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט גראָד באַוויזן די צימערוואַלד-באַוועגונג.

אויף די חורבות פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט ביים אויסברוך פֿון קריג נישט נאָר פּאָליטיש באַנקראָטירט, נאָר אויך אידעאָלאָגיש זיך אָפּגעזאָגט פֿון קלאַסנקאַמף און דעם „בורגפֿרידן" דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ ריכטליניע פֿאַרן סאָציאַליסטישן דענקען און האַנדלען, — איז אַנטשטאַנען צימערוואַלד. אַ קליין הייפֿל פֿאַרפֿאָלגטע, דורך רכילות באַשמוצטע מענטשן, האָבן אַרויסגעריסן די פֿאָן פֿון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט פֿון די הענט פֿון דעם אַמאָל אַזוי מעכטיקן אינטערנאַציאָנאַל, כּדי זי זאָל פֿלאַטערן, נישט ווי אין פֿרידנסצייטן אויף פֿרידלעכע פֿאַרזאַמלונגען, איבער פֿרידלעכע געווערקשאַפֿטס- און פּאַרטיי-הייזער, נאָר איבער די בלוטיקע בערג פֿון די פּראָלעטאַרישע בר-מיננס, איבער דעם שענדלעך געשטאָרבענעם אינטערנאַציאָנאַל, איבער די חורבות פֿון דאָס אומפֿאַרבייטלעכע: פֿון גלויבן אין אַ טאַטקרעפֿטיקן אינטערנאַציאָנאַל פֿון פּראָלעטאַריאַט.

דער צוועק פֿון דער צימערוואַלד-באַוועגונג איז, ווי געזאָגט, פֿון איין זייט געווען צו ווייזן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט קיינמאָל נישט געטאָרט ווערן, אָבער פֿון דער צווייטער זייט, אַז בלייבן טריי דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם בעתן קריג איז נישט נאָר מעגלעך — די געוועזענע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט דאָס דערקלערט פֿאַר אוממעגלעך — נאָר אויך נויטווענדיק, נאָכמער, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פֿון בלוטיקן טעמפּן ווינקל, אין וועלכן דער קריג האָט פֿאַריאָגט דעם פּראָלעטאַריאַט. באַוויזן סיי די פּראָלעטאַריער, סיי די קעגנער, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז נ י ש ט קיין א ו ט אָ פּ י ע, איז געווען דער ערשטער עיקר, פֿון וועלכן עס האָט ערשט געדאַרפֿט אַרויסדרינגען אַלדאָס קאָנקרעטע, פּראַקטישע.

פֿאַרשטייט מען אונטער די ווערטער „סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל" אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום די סאָ-

ציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער, וואָס באַזירט אויף דער הנהגה פֿון דער אינטערעסן-געמיינשאַפֿט פֿון די עקספּלואַטירטע פֿון אַלע לענדער און באַטראַכט פֿאַר איר חשובסטע אויפֿגאַבע צו פֿאַרווירקלעכן דידאָזיקע אינטערעסן-געמיינשאַפֿט אומעטום, נישט געקוקט אויף קיין שום ווידערשטאַנד, און פֿאַרשפּרייטן זי טעאָרעטיש, אידעאָלאָגיש, פּאָליטיש, אַגיטאַטאָריש און אָרגאַניזאַטאָריש, — אויב מ׳פֿאַרשטייט אויף אַזאַ אופֿן די ווערטער „סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל״ קענען נישט זיין קיין צוויי מיינונגען וועגן דעם, אַז אין דער צייט פֿון יולי 1914 (די לעצטע זיצונג פֿון ביוראָ פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל דעם 27 און 28 יולי 1914) ביז מערץ 1917 (גרינדונג פֿון דריטן אינטערנאַציאָנאַל) האָט עקזיסטירט אַ סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפֿל ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנהענגער פֿון דער צימערוואַלד-באַוועגונג. דער הויפּט-סימן פֿון דערדאָזיקער לעצטער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אויך אין משך פֿון קריג האָט זי זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער קלאַסנקאַמף-אידייע, נאָר אדרבה: אין אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף האָט זי געזען דעם איינציקן אָפּווער-מיטל קעגן קריג. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן אַלס סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אָנערקענט דעם „בורגפֿרידן״ און דורכדעם זיך אָפּגעזאָגט פֿון הויפּטפּרינציפּ, אויף וועלכער עס בויט זיך אויף איעדע סאָציאַליסטישע און אינטערנאַציאָנאַלע געמיינשאַפֿט.

כּדי צו באַאורטיילן די שטעלונג פֿון די מיינסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און קודם כּל פֿון זייער אינטערנאַציאָנאַלן אָרגאַן בעתן וועלט-קריג, וועט תּמיד זיין מאָסגעבנדיק דער פֿאַקט אַליין, וואָס נאַציאָנאַלע אינטערעסן און נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט איז דורך סאָציאַליסטן געשטעלט געוואָרן העכער פֿאַר קלאַסן-אינטערעסן און אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין אָפּאָזיציע פֿון דער סאָציאַליסטישער זייט קעגן פֿאַרשאַכערן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, ווען עס וואָלט נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּרווו צו אָרגאַניזירן דעם פּראָטעסט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָסשטאַב

און געבן זיינע טרעגער איינפלוס, ווערבירונגס- און אַקציאָנס־קראַפט, וואָלט דער היסטאָריקער גאַנץ פשוט געדאַרפט מאַכן דעם אויספיר, אַז דער קריג האָט פאַקטיש פאַרניכטעט דאָס וועזן און די אָרגאַניזאַציע־פעאיקייט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַז דאָס איז אַזוי נישט געווען, ווערט באַשטעטיקט דורך דער עקזיסטענץ פון דער אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין צימערוואַלד אין סעפטעמבער 1915. זי האָט אַרומגענומען די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, טיילן פון אַזעלכע און פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך דערקלערט טריי דער רעזאָלוציע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין שטוטגאַרט, און איז אין קאָפּענהאַגען און באַזעל איינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן, אַז „אין פאַל פון אַ קריג, איז די פליכט פון סאָציאַליסטישן פראָלעטאַריאַט זיך איינצושטעלן פאַר זיין שנעלער פאַרענדיקונג און זען שטרעבן מיט אַלע כחות דערצו, אויסצונוצן דעם ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן קריזיס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם קריג, כדי אויפצוטרייסלען דאָס פאָלק און דורכדעם צוצואיילן די באַזייטיקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־הערשאַפט". קורץ געזאָגט: זי האָט אַרומגענומען די פאַרטייען און גרופּעס, וואָס האָבן די פליכט פון אינטערנאַציאָנאַלער דיסציפּלין געשטעלט העכער פאַר אַלץ.

די אויסערלעכע שטערונגען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין וועג יעדער מאַניפעסטאַציע, אפילו יעדן בריוו־וועקסל, דאַרף איך דאָ נישט אויסרעכענען. צו די פּסיכאָלאָגישע שטערונגען האָט געהערט דער פאַקט, וואָס אונזער פּרווו צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענשלוס, זענען פאָראויסגעגאַנגען ענלעכע פּרוּוון: דער האָלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַט טראָעלסטרא, די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, וואָס האָבן צוזאַמענגערופן אַ סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן, ענדלעך די סקאַנדינאַווישע פאַרטייען, דידאָזיקע אַלע פּרוּוון זענען געווען אומזיסט. זייער דורכפאַל האָט געשטאַרקט די פאַרברעכערישע פאַרזיכערונג פון עקזעקוטיוו־ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל: אין קריג איז נישט מעגלעך די עקזיסטענץ

פון אינטערנאַציאָנאַל, ווייל עס איז נישט מעגלעך קיין קאַמף קעגן קריג. אויך די מערמאָליקע פּרוּוון פון חבר מ אָ ר ג אַ ר י, וועלכער איז מיטן זעלבן צוועק געפאָרן אין די אַנטאַנטעמלוכות, לויטן אויפטראָג פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי, האָבן נישט געבראַכט קיין שום פּרוכט.

אין לוגאַנאָ האָבן די איטאַליענישע און שווייצאַרישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען טריי געבליבן דעם אינטערנאַציאָנאַל, פּרובירט אָראַפּצורייסן פון קריג די מאַסקע, צו דערקלערן פאַר די מאַסן זיין אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער. אין צימערוואַלד און דורך צימערוואַלד האָבן אַלע דעם אינטערנאַציאָנאַל טריי-געבליבענע פּאַרטייען געוואָלט באַווייזן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל, דער סאָציאַליזם האָט נישט געטאָרט זיין. אין דעם איז באַשטאַנען דער דועל צווישן דעם קליינינקן צימערוואַלד און דעם אַלמעכטיקן אימפּעריאַליזם צוזאַמען מיט דער שטאַרקער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס איז אויסערלעך געשטאַרקט געוואָרן דורך אָפּזאָגן זיך פון אירע פּרינציפּן.

דורך דער קאָנפערענץ אין לוגאַנאָ האָט די צימער-וואַלד-באַוועגונג, אַזוי צו זאָגן, באַקומען איר הקדמה, ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די צוגרייטונג פון אַנדערע ענלעכע קאָנפערענצן איז געבליבן אין די הענט פון די פּאַרטייען, וואָס אַ דאַנק זייער איניציאַטיוו און זייערע באַמיאונגען איז צו-שטאַנד געקומען די קאָנפערענץ אין לוגאַנאָ, ד. ה. פון דער איטאַליענישער (מאָרגאַרי, באַלאַבאַנאָוו) און דער שווייצאַרישער (גרים). וואָס האָפענונגסלאָזער עס איז געוואָרן די וועלט-לאַגע פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַרן שלום, וואָס פּרוכטלאָזער עס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט די פּרוּוון צונויפצורופן אַן אינטער-נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, אַלץ מיט אַ גרעסערער התמדה האָבן מיר געאַרבעט אין דער שווייץ ביי די פאַראַרבעטן פון דעם, וואָס האָט זיך אין סעפּטעמבער 1915 פאַרקערפּערט אין דער צימערוואַלד-קאָנפערענץ.

ס׳איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן דער צימערוואַלד-קאָנ-פערענץ, וואָס האָט געהאַט אַ טיפע השפעה אויף די דאַמאָלטיקע און שפּעטערע פאַרהעלטענישן, אויף די איבערגרופּירונגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אויף דער שטעלונג פון די

מאַסן צום קריג, נישט דערמאָנענדיק דערביי דעמיעניקן, וועמעס ענערגיע, כח-התפיסה און אומדערמידלעכע טעטיקייט האָבן מיר אומגעהייער פיל צו פאַרדאַנקען פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער צימערוואַלד-באַוועגונג און פאַרן גאַנצן ערשטן פעריאָד פון איר ווירקן (1914-17): ר אָ ב ע ר ט ג ר י ם. זיינע אויסערגעוויינלעכע לייסטונגען און זעלטענע אייגנשאַפטן מוזן נאָך מער אָנערקענט ווערן דערפאַר, ווייל גראָד די גרעניצלאָזע אַנטוויקלונג פון זיינע גייגונגען און פון זיין טעמפּעראַמענט און די איבערגעטריבענע זעלבסט-זיכערקייט, וואָס זיין ראָלע אין דער צימערוואַלד-באַוועגונג האָט אים געגעבן, האָבן אים געפירט צו דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער טאַט, וואָס האָט געבראַכט צו זיין פּאָליטישן זעלבסטמאָרד.

דער נאָמען ראָבערט גרים באַדייט ביי הייַנטיקס טאָג גאָרנישט פאַר דעם, וואָס לעבט אויסער די גרעניצן פון דער שווייץ, קודם כל זאָגט ער גאָרנישט דעם יינגערן דור, וואָס האָט בעתן קריג כמעט ווי גאָרנישט געוווּסט וועגן פּאָליטישן לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער און במילא אויך נישט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער פרידנס-באַוועגונג, אָדער ער האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין פּאָליטישן לעבן ערשט נאָך דער מלחמה אין אַ גאַנץ פאַרענדערטער אייראָפּע און ביי אַ גאַנץ נייער שטעלונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. עס איז אָבער געווען אַ צייט, וואָכן און חדשים, ווען גרים איז געשטאַנען אין פאָדערגרונט פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער גאַנצער וועלט, זיין נאָמען איז געווען אויף די ליפּן פון אַלע צייטונגסלייענער.

דער פאַל גרים — און דעריבער טאַקע וועל איך אים געטרייער באַהאַנדלען — איז זייער אינטערעסאַנט און נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער באַווייזט, אַז אויך אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּסיכאָלאָגישער סיטואַציע הערשט די דיאַלעקטיק, און גוטע אייגנשאַפטן און מידות אַנטוויקלען זיך אין זייער קעגנזאַץ, נאָר אויך דערמיט, ווייל, איבערגייענדיק פון אינדיווידועלן צום סאָציאַלן, באַווייזט דערדאָזיקער טרויעריק-באַרימטער פאַל, ווי אַזוי די פּרעסע איז אימשטאַנד אַ קלייןבירגערלעכע אומשעדלעכע נאַאיווקייט אויפצובויטשען צו דער מדרגה פון

אַ וועלטגעשעעניש, ווען דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון מעכטיקע, קאַפיטאַליסטישע אינסטיטוציעס. ביים אָנהויב פון דער ציממערוואַלד-באַוועגונג האָט גרים געהאַט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון זיינע פעאיקייטן — וואָס שטייגן ווייט אַריבער דעם דורכשניט — גראָד דורכדעם, ווייל ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו פאַרווערטן אינטערנאַציאָנאַל און זיין טעטיק אויפן רעוואָלוציאָנערן און זיך רעוואָלוציאָניזירנדיקן באָדן פון די אימפעריאַליסטישע לענדער, ווייט איבער די ענגע גרעניצן פון זיין קליינבירגערלעכן פאָטערלאַנד. די בענקשאַפט איבערצוטרעטן דידאָזיקע ענגע גרעניצן האָט דעם יונגן אַרבעטער גרים געבראַכט קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט דערוואָרבן דאָס אַלץ, וואָס די דעמאָלטיקע דייטשע אַרבעטער-באַוועגונג איז אימשטאַנד געווען צו געבן אַ זייער באַגאַבטן קלאַסן-קעמפער, וואָס איז דורשטיק נאָך וויסן און פול מיט טעטיקייטס-דראַנג. צוריקגעקערט פון דייטשלאַנד, איז דער יונגער פראָלעטאַריער, נאַטירלעך, געשטאַנען מיט אַ קאָפ העכער פון זיינע לאַנד-חברים און האָט באַלד דערגרייכט אָנפירנדיקע פאָסטנס אין דער עקאָנאָמישער און פאָליטישער אַרבעטער-באַוועגונג.

און גראָד דערפאַר, ווייל ג ר י ם, ווי די מיינסטע סאָציאַליסטן פון זיין צייט, האָט אַזוי פיל געהאַט צו פאַרדאַנקען דייטשלאַנד, גראָד דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אָן דערפאָלג פאַרפלאַנצט דעם גייסט פון דער דייטשער באַוועגונג אין זיין לאַנד — דער עיקר אין דער דאַמאָלט בעסטער און ראַדיקאַלסטער פאַרטייצייטונג, די „בערנער טאַגוואַכט", וועלכע ער האָט רעדאַגירט, — איז דער באַנקראָט פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע געווען פאַר אים אַ שווערער, שרעקלעבער קלאַפ, אויף וועלכן ער האָט ליידנשאַפטלעך רעאַגירט. די „בערנער טאַגוואַכט" איז געווען איינע פון די ערשטע, אויב נישט די ערשטע פאַרטייצייטונג פון די נישט-אַנטאַנט-לענדער, וואָס האָט אָפן און שאַרף קריטיקירט דעם 4-טן אויגוסט פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און זיינע פאָלגן, און אַלץ וואָס האָט נאָר מרמז געווען אויף אַ וועלכער נישט איז עקזיסטענץ פון אַ אָפאָזיציע אין דער דייטשער סאָציאַל"דעמאָקראַטיע.

האָט זי דערמונטערנדיק פאַרעפנטלעכט. צו יענער צייט האָט אין דער „בערנער טאַגוואַכט" אויך מיטגעאַרבעט פ אַ ר אַ ב ע ל ו ם (ראַדעק). גרימס אייפער ביים באַקעמפן די דייטשע מערהייטס-סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז נאָך געווען דערקלערלעכער דערפאַר, ווייל זי איז צווישן אַנדערן אויך געווען אַ רעאַקציע און אַ פראָטעסט קעגן דער דייטש-פריינטלעכער האַלטונג פון דער שווייצאַרישער פרעסע און פון דער שווייצאַרישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (אגב אורחא איז דידאָזיקע האַלטונג לחלוטין פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די אויסזיכטן אויף אַ דייטשן נצחון). יאָ, צו יענער צייט איז גרים געווען — אפשר אומבאַוווסט — גיכער פראַנקאָפיל געשטימט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי אַ סך דייטשע און פון דייטשן סאָציאַליזם באַאיינפלוסטע ערלעכע סאָציאַליסטן, וואָס זענען טיף עמפערט און דערשיטערט געווען דורך דער האַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַל-אַוואַנגאַרד און דערביי האָבן זיי פאַרפאָלגט בלויז די דייטשע, אָבער נישט אויך די פראַנצויזישע שאָוויניסטישע אַרבעטערפרעסע און האָבן, לויט מיין מיינונג, נישט פאַרטיילט גלייכמעסיק זייער קריטיק און פאַראורטיילונג צווישן די דייטשע און נישט דייטשע מערהייטס-סאָציאַליסטן.

אָבער גרים האָט זיך גאַנץ שנעל באַפרייט פון זיין פראַנקאָפילער שטעלונג, זאָל זיין צוליב דעם, ווייל ער האָט אין משך פון קריג באַזוכט פאַריז אָדער צוליב דעם, ווייל בערן איז גראָד דורך דער האַלטונג פון דער „בערנער טאַגוואַכט" געוואָרן אַ צוציאונגס-פונקט פאַר די דעמאָלט נאָך פאַראייניצלטע פאַרטרעטער פון דער אָפאָזיציע אין די פאַרשיידענע לענדער, וועלכע זענען געקומען מיט אונז אין באַרירונג אויב ניט פערזענלעך, טאָ לכל הפחות שריפטלעך. אויך איך בין אינצווישן אַריבערגעפאָרן קיין בערן, כדי צו אינפאָרמירן דעם „אוואַנטי", און דורכדעם די איטאַליענישע און אַנטינאַציאָנאַליסטישע פרעסע וועגן דער שטעלונג פון די דעם אינטערנאַציאָנאַליזם טריי-געבליבענע עלעמענטן. איך בין געשטאַנען נאָנט צום „בערנער טאַגוואַכט", וואָס אַדאַנק זיינע פילזייטיקע פאַרבינדונגען און ספעציעל דורך דער מיטהילף פון די רוסישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע עמיגראַנטן, איז ער געוואָרן דער

וואָרט-פירער פון דער רעוואָלוציאָנער-מאַרקסיסטישער שטעלונג
קעגן קריג.

דעם 15 מאַי 1915 אַרום אַכט טעג פאַר איטאַליעס פּאַ-
טאַלן אַריינטריט אין קריג — האָט דער איטאַליענישער פּאַר-
טיי-קאָמיטעט באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו
פון צונויפרופן אַ אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפע-
רענץ. כּדי גענויער אַרומצורעדן די זאַך זענען מיר זיך אין
יולי צונויפגעקומען קיין בערן. און עס איז באַשלאָסן גע-
וואָרן, אַז דעם 5 סעפּטעמבער 1915 זאָל פאָרקומען אַ קאָנ-
פערענץ פון סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער, וועלכע
האָבן נישט פאַרלאָזן דעם באָדן פון קלאַסנקאַמף און שטרעבן
צו אַ צוזאַמענשלוס פון די מאַסן, כּדי צו באַקעמפן דעם קריג.
דער טרעפפונקט האָט געדאַרפט זיין בערן; ווען מיר זענען
דאָרט אָנגעקומען אין אָפּגערעדטן טאָג, זענען מיר דורך גרי-
מען געבראַכט געוואָרן אין אַ גאַנץ אָפּגעלעגענעם אָרט, —
אין צימערוואַלד, — כּדי צו זיכערן דער באַראַטונג
אַ שטרענג-קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער און אויסמיידן פאַרעפנט-
לעכונגען אין דער פּרעסע. שוין אין בערן, נאָך איידער די
קאָנפערענץ האָט זיך אָפיציעל קאָנסטיטואירט, האָבן די דייַ-
טשע פאָרשטייער, לעדעבור און אַדאָלף האָפ-
מאַן, זיך תּיפף פאַרשטענדיקט (מוטיק גובר-זייענדיק אַלע
שפּראַכלעכע שוועריקייטן) מיט פראַנקרייכס פאָרשטייער, מער-
היים און בורדעראָן (כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס
פראַנקרייך איז פאַרטראָטן געוועזן נאָר דורך פּראָפעסיאָנעלע
טוער) און אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמע דערקלערונג, וואָס
האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „דערדאָזיקער קריג
איז נישט אונזער קריג", און וועלכע זענען געוואָרן דער לייט-
מאָטיוו פון דער גאַנצער באַראַטונג, דער לאָזונג פון אַלע
אַרויסטרעטונגען פון די צימערוואַלדיאַנער צווישן דער ערש-
טער און דער צווייטער קאָנפערענץ (קיענטאַל, אַפּריל 1916).

אין דאָזיקן פאַקט איז געווען אַ געוויסע סימבאָליק: די
פאָרשטייער פון די-יעניקע לענדער, וואָס זייערע רעגירונגען,
הערשנדיקע קלאַסן און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן גע-
גאָלטן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכסטע פאַרן וועלט קריג, האָבן

תּיכּף געשלאָסן צווישן זיך אַ בונד כּדי צוצואײַלן און באַ־הילפיק זײַן דאָס, וואָס איז דאַמאָלט אַממייסטן פאַרלאַנגט גע־וואָרן: די אײניקייט פון דער דײַטש־פראַנצויזישער אַרבעטער־שאַפט און זייער שטרעבן צום שלום. אין דאָזיקן צייכן זע־נען אויך דורכגעגאַנגען די אַרבעטן פון דער גאַנצער קאָנפע־רענץ, אויף וועלכער עס איז אַממיינסטן וויכטיק געווען די רעדעס און שטעלונגען פון די דײַטשע און פראַנצויזישע דע־לעגירטע. און זייערע רעדעס האָבן טאַקע באַדײַט די העכסטע מדרגה פון די באַראַטונגען, פון דער מעגלעכער פאַרשטענדי־קונג צווישן זיי איז געווען אָפּהענגיק אַלדאָס איבעריקע — די גאַנצע צוקונפט פון דער באַוועגונג.

די דײַטשע דעלעגירטע האָבן אין זייערע רעדע און דורך זייער שטעלונג צו גרויסע און קלײנע פּראַגעס פאַרקערפּערט די שענסטע טראַדיציעס פון דער דײַטשער סאָציאַלדעמאָקראַ־טיע; געפירט פון אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, זענען זיי געווען פאַרביסענע קעגנער פון דער שטעלונג, וועל־כע זייער פּאַרטיי האָט פאַרנומען דעם 4־טן אויגוסט, ס'האָט זיך געדוכט, אַז דורך זייער גאַנצער האַלטונג, דורך דער אַחריות, וועלכע זיי האָבן גענומען אויף זיך, ווילן זיי אין אַ געוויסער מאָס גוטמאַכן פאַר דער וועלט דאָס, וואָס די גרויסע פּאַרטיי האָט פאַרזינדיקט לגבי דעם סאָציאַליזם פון אַלע לענדער. אַ באַזונדערס טיפן אײַנדרוק האָט אויך געמאַכט דער סינדיקאַ־ליסט מ ע ר ה ײ ם. אין אָנהויב מלחמה איז די רעוואָלו־ציאָנערע אַנטימלחמה־באַוועגונג דער עיקר פאַרטראָטן געוואָרן דורך די פּראָפאַראײַנטוער, און דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַ־טירלעכע דערשײַנונג בײַ דער אַנטוויקלונג פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם, בײַ דעם כאַראַקטער פון דער דאַמאָלטיקער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. מ ע ר ה ײ ם, דער סעקרעטאַר פון די מעטאַלאַרבעטער, איז צוזאַמען מיט ב ו ר ד ע ר אָ ן, דעם סעקרעטאַר פון די רײַפערס, געקומען קיין צימערוואַלד, כּדי צו דערווײַזן די גרייטקייט פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעטער צו פאַראײניקן זיך מיט די דײַטשע אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען פײַנט. דאָס איז מערהיימען פּולקאָם גע־לונגען. זײַן גאַנץ וועזן האָט געמאַכט אַן ערנסטן, סימפּאַטישן

איינדרוק, ער האָט אַרויסגערופן צו זיך צוטרוי, ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שפור פון דעם, וואָס מאַכט די ראָמאַנישע סינדיקאַליסטן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַזוי אומפעאיק צו דיסקוטירן אָדער מיטאַרבעטן מיט אָנגעהעריקע פון אַנדערע ריכטונגען. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שפור פון קליינבירגערלעכער גאווה, קיין שפור פון דער עגאָצענטרישער איינשטעלונג פון די־יעניקע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין שום וועלט־אָנשויאונג און גייען אַרויס אין זייער קריטיק קעגן מאַרקסיזם פון איינצלנע מאָמענטן און פערזענלעכע חשדים.

מערהיים האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, פון אַ פירער, וואָס איז דורכן קריג — דורך דערדאָזיקער וועלט־דערשיטערנדיקער קאַטאַסטראָפע — געוואָרן געלייטערט, ערנסטער, טיפער, פאַראַנטוואָרטונגספולער, מיר האָט זיך אַזוי זוי געדאַכט, אַז דורכן קריג איז ער נענטער געוואָרן צום מאַרקסיזם. דער צופאַל האָט אַזוי געמאַכט, אַז מערהיימס שטעלונג איז באַזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק אין פאָלגנדיקן טיפּישן עפּיזאָד. צוליב גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעכע טעמים איז פאַר דער קאָנפערענץ און פאַר דער באַוועגונג, צו וועלכער זי האָט געדינט אַלס אַריינפיר, געווען אומבאַדינגט נויטיק, אַז עס זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן אַן אויפרוף, וואָס זאָל איבערצייגן סיי די פריינט סיי די פיינט, אַז די פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַלע לענדער זענען אייניק אין דער פּרינציפּיעלער נעגאַציע פון קריג. אויב די אייניקייט איז שוין געווען אַזוי וויכטיק ביי די פריערדיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, איז זי דאָס נאָך מער געווען פאַר דער צימערוואַלדער, ווייל וועגן וועלכער אַלע האָבן געשפּירט, אַז זי וועט ווערן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג קעגן קריג. אחוץ דער דייטש־פראַנצויזישער דערקלערונג האָט די קאָנפערענץ נאָך געדאַרפט אַרויסלאָזן אַ מאַניפעסט, אַ קריגסדוף קעגן דעם קריג. אויף אויסצואַרבעטן דעמדאָזיקן מאַניפעסט זענען געוויילט געוואָרן דעלעגירטע פון אַלע לענדער, צווישן אַנדערע: טראָצקי, ראַקאָווסקי, מאָדיגליאַני און גרים.

נאָכדעם ווי דער רעדאַקציע־קאָמיסיע איז געלונגען אָנ

צוקליידן די אַנטשפּרעכנדיקע באַגריפן אין דער אַנטשפּרעכנדיקער פאָרם און זי פאָרצולייגן דער קאָנפערענץ, וועלכע איז אין אַלגעמיינעם מסכּים געווען מיט איר, האָט דער טעקסט, ווי געוויינלעך, געזאָלט ענטגילטיק אויסגעאַרבעט ווערן דורך אַ קלענער קאָמיסיע און ערשט נאָכדעם פאָרגעלייגט ווערן דער קאָנפערענץ זי אָנצונעמען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאָרמאַליטעט, וועגן אַן אָפּשטימונג, וואָס האָט געדאַרפט קריגן די מי און דעם אויסדויער פון די־יעניקע, וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, צוגעגרייט די ווידעראַנטשטייאונג פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און מיטגעאַרבעט בײַם מאַניפעסט, וואָס האָט געדאַרפט אָנזאָגן דער וועלט, אַז דער סאָציאַליסטישער קאַמף ווערט ווידער באַנײַט. די אויסערלעכע סביבה, אין וועלכער ס'איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג, האָט אַנטשפּראָכן דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט צווישן די סאָציאַליסטן זײַט דעם קריג... אַ קליין, טונקל, געשלאָסן, פּולאָנגערויכערט צימער, אין אַ טרויעריק־פאַרוואָלקנטן האַרבסטאָוונט. די מערהייט דעלעגאַטן איז געווען אויסגעשעפּט, אומעטום אויף די טישן האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירשטיקלעך — די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, אָבער די מידקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אייגנטלעך נאָך נישט געשפּירט קיין פרייד פון דעם דערגרייכטן. אָבער די הויפּטזאַך איז געווען אָפּגעטאָן. דער באַוווסטזיין פון דערפילטער פליכט האָט אַלעמען באַפרייט פון פּאַסיוויטעט־קאָשמאַר.

ג ר י ם האָט פאָרגעלייענט דעם טעקסט פון דעם געמיינזאַם־אויסגעאַרבעטן מאַניפעסט אין דײַטש, אַן אַנדער אָנטיילנעמער אין פראַנצויזיש, און נאָך דעם האָט די אָפּשטימונג געזאָלט דערליידיקט ווערן אין משך פון עטלעכע מינוט. אין געשטיקטן רוים האָט איין „יאָ” אָפּגעקלונגען נאָכן צווייטן. מיט איינמאָל האָט זיך דערהערט אויף פראַנצויזיש: „איך קען דעמדאָזיקן מאַניפעסט נישט אונטערשרײַבן!” די שטוינונג איז נאָך גרעסער געווען צוליב דעם, ווײַל די שטימע האָט זיך געלאָזט הערן פון דער איטאַליענישער דעלעגאַציע, ד. ה. פון דעריעניקער זײַט, וואָס האָט אַממערסטן געטאָן קעגן קריג און פאַר דעם צושטאַנדקומען פון דער קאָנפערענץ, די שטים האָט

געהערט דעם... חבר מ אָ ר ג אַ נ י, וואָס זיין נאָמען איז פֿאַר־קניפּט געוועזן מיט די באַמיאונגען צוריק אויפצולעבן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל נישט נאָר אין איטאַליע, נאָר אין אַלע לענדער. ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען, וואָס גראָד ער טרעט אַרויס קעגן זיין אייגן ווערק?

אין גרונד גענומען האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן דער־זעלבער פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג, וועלכע מיר האָבן שוין אונטערגעשטראָכן ביי ט ו ר אַ ט י ן, וואָס ווייזט פון איין זייט אויף אַ טיפער פּערזענלעכער ערלעכקייט, אָבער פון דער צווייטער זייט מאַכט עס אויסערסט שווער די מיטאַרבעט אין אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי, וואָס איז אויפגעבויט אויף אַ וויסנ־שאַפטלעכן באַזיס, אָבער דרויסנשטייענדיקע קען דאָס פירן צו גאַנץ פאַלשע אויספירן. חבר מאָרגאַני געהערט צו די אינטע־רעסאַנטסטע מיטגרינדער פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי. ער שטאַמט פון אַ צפונאיטאַליענישער קינסטלערפאַמיליע, איז אַליין קינסטלעריש און וויסנשאַפטלעך באַגאַבט און ווערט געטריבן פון אַ אומדערשעפּלעכן וויסנסדורשט, פון אַ אייביקן זוכן דעם אמת און די גערעכטיקייט.

באַהערשט פון דאָזיקן שטרעבן, האָט ער זיך אוועקגע־לאָזט אין ווייטע רייזעס, כּדי פון דער נאָנט מיט אייגענע אויגן זיך צוקוקן צו די פאַרהעלטענישן און באַפעלקערונגען פון די פאַרשיידנסטע לענדער. קיין שום אָפּגעשלאָסענע טעאָריע קען אים נישט באַפרידיקן, ער איז באַהערשט פון דער מורא נישט צו זיין געגוג אומפּאַרטייאיש און אמתדיק. דער סאָציאַ־ליזם אַלס טעאָריע און פּראַקטיק האָט אים געגעבן דעם מאַק־סימום באַפרידיקונג, אויף וויפל עראיז דערצו בכלל פעאיק. ליידנ־שאַפטלעך, — נישט נאָר פליכטמעסיק, — האָט ער געדינט דעם סאָציאַליזם מיט וואָרט, שריפט און ביישפּיל. לאַנגיאָרי־קער מיטגליד פון פּאַרלאַמענט אַלס פאָרשטייער פון דער אינ־דוסטריעל און סאָציאַליסטיש פאָרגעשריטענער טורין, רעדאַק־טאָר פון אייניקע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן, האַלטן אים אויך די קעגנער פאַר איינעם פון די ערלעכסטע, מוטיקסטע מענטשן. פּונקט ווי טוראַטי האָט אויך מאָרגאַרי מורא נאָכצו־געבן דעם דרוק פון דער מערהייט, און איז גענייגט צו פאַר־

שרעטן די מינדערהייט אויף דאָרט. ווו ער טיילט די אָנשויאונג פון דער מערהייט. אַזוי איז אויך געווען אין ציממערוואַלד. בלויז ווייניקע האָבן אַזוי העפטיק געקעמפט קעגן נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן, ווי מאָרגאַרי. אויך די אוממיטלבאַרע באַאָבאַכטונג און די אַלגעמיינע דערפאַרונג האָבן אים מער ווי יעדן אַנדערן געפירט צו דער איבערצייגונג, אַז דער קריג דינט אימפעריאַליסטישע צוועקן. דעריבער טאַקע האָט ער אים אַזוי ליידנשאַפטלעך באַקעמפט. אָבער ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ אויסשליסלעך אינטערנאַציאָנאַליסטיש־מאַרקסיסטיש געזינטער סביבה און נישט געדאַרפט מער פאַרטיידיקן זיין אָנשויאונג קעגן דער פיינטלעכער מיינונג פון דער מערהייט, האָט ער אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז אַ פיקס און פאַרטיקע פאָרמולירונג, ווי אין דער איינפירונג צו אונזער מאַניפעסט, ד. ה. די דערקלערונג, אַז דער קריג איז אַן אימפעריאַליסטישער, איז פאָרט צו איינזייטיק! אין דעם מאָמענט האָבן פאַר מאָרגאַרין פאָרגעשוועבט די־יעניקע אויסנאַמען, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט און מיטגעמאַכט דעם קריג צוליב אינדיווידועלע טעמים — ווייל זיי האָבן געגלויבט אין די אידעאַלע באַוועגמאָטיוון פון די קריגפירנדיקע — און ער האָט נישט געוואָלט זיין אומגערעכט לגבי די דאָזיקע און זיי דערמאַנען. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע, העכסט דראַמאַטישע סצענע. מיט אַן אַראָפגעלאָזטן קאָפ, אין טיפער פאַרטראַכטקייט, ווי ער זאָל זיך וועלן אָפשליסן פאַר אַלע אָ פ פ ר ע ג ן און בלויז הערן די שטים פון זיין געוויסן איז געזעסן חבר מאָרגאַרי... ראַקאָווסקי, מאָדיגליאַני און איך האָבן גערעדט צו אים, אים געבעטן, ער זאָל נעמען אין אַכט די פאָלגן פון זיין אָפזאָג צו שטימען. אונזערע געמיינזאַמע באַמיאונגען האָבן אַ וואַקל געטאָן זיין באַשלוס. געווירקט האָט אויך דער איינדרוק פון מערהיימס רעדע, וואָס האָט טיף דערשיטערט מאָרגאַרין און אַלע פאַרזאַמלטע. צווישן די אָנקלאַגעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אויף דער קאָנפערענץ קעגן קריג און די הערשנדיקע קלאַסן פון אייגענעם לאַנד, איז זי געווען די ברענענדיקסטע, ליידנשאַפטלעכסטע. מערהיים האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז גראָד אין די אַנטאַנט־לענדער

איז נויטיק אַ אינטערנאַציאָנאַלע קריגספּיינטלעכע שטעלונג.
זיין רעדע איז פול געווען מיט אַ טיפער זיטלעכער עמפּערונג
קעגן דער אימפּעריאַליסטישער רויבפּאָליטיק פון דער רעגירונג,
מיט אַ טיפן אחריות- און בושה-געפיל פאַר דעם אַרבעטער-
קלאַס, וואָס האָט נישט אויפגעהויבן קיין שום פּראָטעסט קעגן
קריג, אדרבה, ער האָט זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון שאָווי-
ניזם און פעלקערשנאה. זי איז געווען אַן אַפּעל צום
אחריות-געפיל פון אַלע אָנוועזנדיקע, אַן אומברחמנותדיקע
פאַראורטיילונג פון די פירער פון דער פראַנצויזישער אַרבע-
טערבאַוועגונג, אַ גליענדיקער אויפרוף צום הייליקן קלאַסנקריג,
אויסצוראָטן דעם גרויל, וועלכן קיינער האָט נישט געשילדערט
אַזוי אויסדרוקספול, ווי טאַקע ער אַליין.

די באַשיידענע, פּשוטע פאָרם, אין וועלכער ער האָט
אָנגעקליידט זיין רעדע, האָט נאָך מער געהויבן דעם איינדרוק
און אונטערגעשטראָכן דעם מוט און די גרייטקייט זיך ברענ-
גען אַלס קרבן, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעוויזן דורכדעם,
וואָס ער איז געקומען פון פראַנקרייך צו אַ רעוואָלוציאָנערער
אַנטימלחמה-פאַרזאַמלונג און בכלל געהאַלטן דידאָזיקע אָנקלאָג-
רעדע. דאָס איז אָן ספק געווען דער ערשטער פראַנצויז, וואָס
האָט זייט דעם אויסבריך פון דער וועלט-שחיטה געהאַלטן אין
אויסלאַנד אַ רעדע קעגן קריג. דער איינדרוק איז געווען טיף,
און די שטימונג איז געוואָרן נאָך טיפער און פייערלעכער,
ווען חבר מאָרגאַרי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און פונקט
אַזוי שטיל און צוריקגעהאַלטן, ווי ער האָט מיט ווייניקע מי-
נוטן פריער זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זיין צושטימונג, האָט ער
זי איצט געגעבן. די סיטואַציע איז געווען געראַטעוועט. דער
מאַניפעסט איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, די געפאַר איז
געווען באַזייטיקט. די נערוון-אָפּגעשפּאַנטקייט איז געווען אַן
אַלגעמיינע. דער איטאַליענישער דעלעגאַט מאָדיגליאַני האָט
אַרומגענומען מאָרגאַרין און אַלע האָבן אים געפּאַטשט בראַוואָ.
דער איינדרוק פון מערהיימס רעדע ווי אויך פון זיין פער-
זענלעכקייט איז וואַרשיינלעך פון קיין איין קאָנגרעסאָנטיילנע-
מער נישט פאַרגעסן געוואָרן, נישט געקוקט אויף די מעטאַ-

מאַרפּאָזעס, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין משך פון די פאָלגנדיקע יאָרן.

מיטן אָננעמען דעם מאַניפעסט, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין נאָמען פון די סאָציאַליסטן און פּראָפּאַראַיינען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, רוסלאַנד, פּוילן, לעט־לאַנד, רומעניע, בולגאַריע, שוועדן, נאָרוועגן, האָלאַנד און שווייץ און וואָס האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער פון אַלע לענדער און אַלע טרייגעבליבענע צום סאָציאַליזם ווידער אָנ־צוקניפּן אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און אַרויסטרעטן אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע אין אייגענעם לאַנד און קעגן דעם קריג, — מיטן דאָזיקן מאַניפעסט איז די צימערוואַלדער אַקציע געווען פאַרענדיקט און די צימערוואַלד־באַוועגונג איז געטויפט געוואָרן.

אין יענעם היסטאָרישן, מיט רעזולטאַטן רייכן מאָמענט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אַלץ אָפּגעטראָטן אין אַ זייט פאַרן דאָזיקן פאַקט. הגם די פאָרשטייער פון צימערוואַלד־געדאַנק, און קודם כּל די פאָרשטייער פון דער רוסישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע האָבן זיך געטיילט אין דריי ריכטונגען — אַ רעכטע, אַ לינקע און דער צענטר, — איז פונדעסטוועגן גראָד דורך דערדאָזיקער קאָנפערענץ געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכער פראָנט פון די קלאַסנקעמפער קעגן אימפּעריאַליזם. אין יענעם מאָמענט האָט דידאָזיקע געשעעניש געהאַט אַ וועלט־אַרומנע־מענדיקע באַדייטונג.

פון צימערוואַלד זענען די דעלעגאַטן אַוועק אַהיים מיט אַ גאַנץ אַנדער שטימונג, ווי זיי זענען געקומען! דאָס, וואָס איז דערקלערט געוואָרן פאַר אוממעגלעך, דאָס וואָס מ׳האָט זיך חדשים לאַנג אומזיסט באַמיט צו פאַרווירקלעכן — איז געווען דער־גרייכט. אין אייניקע טעג אַרום וועט זיך די אַרבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט דערוויסן, אַז אָנפירנדיקע רעוואָלו־ציאָנערן פון אַלע לענדער האָבן זיך פאַראייניקט צו קעמפן קעגן קריג.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע, כּדי ווייטער צו אַנטוויקלען די באַציאונגען צווישן די פּאַרטייען, וועלכע

האָבן זיך געשטעלט אויפֿן צימערוואַלד־באַזיס. אַלס מיטגלידער פֿון דערדאָזיקער קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען אין בערן, זענען אויסגעוויילט געוואָרן: ראָבערט גרים, שאַרל נען, אַ דעפּוטאַט פֿון דער פֿראַנצויזישער שווייץ, וואָס איז באַקאַנט דורך זיין אַנטימיליטאַרישער שטעלונג, מאָרגאַרי און אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוו.

## די באַפרייענדיקע שטים פון עסטרייך

בעת אַן אויסערארדנטלעכער זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, וועלכע מיר האָבן אָפּגעהאַלטן נאָך דעם קריגס־אויסברוך אין לאָקאַל פון „אַוואַנטי", האָט זיך חבר ווערלא געווענדט צו מיר האַלב אין שפּאַס: „יאָ, וואָס טוען אייגנטלעך אייערע דייטש־עסטרייכישע חברים, וואָלט כאָטש אַדלער לכל הפּחות פּראָטעסטירט קעגן קריג, וואָלט זיך כאָטש איינער פון זיי געלאָזט דערשיסן, כּדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל האָבן אַ באַווייז דערפאַר, אַז נישט אַלע סאָציאַליסטן האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון אינטערנאַציאָנאַ־ליזם". אין זעלבן מאָמענט איז דערשינען מוסאָליני מיט אַן עקסטראַ־צייטונג: „ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט דערשאָסן", איז דאָרט געשטאַנען. „ווי מיינסטו", האָט ער זיך געווענדט צו מיר, „איז עס אמת? ווילסטו שרייבן דעם נעק־ראָלאָג?" קיינער פון אונז האָט נישט געהאַט קיין צו שטאַרקע אמונה אין דער ידיעה... מיר האָבן זי גיכער געהאַלטן פאַר אַ פּליאָטקע, דורך וועלכער מ'האָט געוואָלט מאַכן שטימונג קעגן די צענטראַל־מלוכות. צי דען איז די דייטשע רעגירונג באמת אַ ז ו י נאַריש, זי, וואָס איז אָנגעוויזן אויפן חסד פון פאָלק און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?

ס'איז מיר אויך פאָרגעקומען אומוואַרשיינלעך, מ'זאָל האָבן דערשאָסן ביידע פירער אין זעלבן טאָג. פונדעסטוועגן האָב איך געשריבן אַ נעקראָלאָג איבער קאַרל ליבקנעכט אין דער אָנגענומענער פאָרם... אין צוויי טעג ארום האָב איך אין „אַוואַנטי" באַקומען אַ דעפּעש פון דייטשן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין וועלכער עס איז געשטאַנען: „קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוק־

סעמבורג פריש און געזונט, מיר בעטן די ידיעה אָפּלייקענען".
ס'איז קלאָר געווען, אַז דעם דייטשן פּאַרטיי־קאָמיטעט איז געגאַנגען אין שיצן דעם פּרעסטיזש פון דער דייטשער רעגירונג. די „האַמבורגער עכאָ", וואָס האָט צוליב איר גאַרן שאָוויניזם אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, האָט פאַרזיכערט אַז איך האָב דעם נעקראָלאָג געשריבן צוליב פּאַטריאָטיזם, כּדי צו ליפערן די אַנטאַנטערעגירונגען מאַטעריאַל קעגן דייטשלאַנד!...

בלויז די־יעניקע, וואָס האָבן מיטגעלעבט די אומבאַשרייבלעכע מוטלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קריג און דעם באַנקראָט פון די פּאַרטייען און קודם כּל פון אינטערנאַציאָנאַל — נאָר די דאָזיקע קענען באַגרייפן וועלכע ווערטער און זיי קענען פאַרשטיין, וואָסער דערלייכטערונג עס האָט אַרויסגערופן דער אויפרוף פון דער עסטרייכישער מינדערהייט „די אינטערנאַציאָנאַליסטן אין עסטרייך צו די אינטערנאַציאָנאַליסטן פון אַלע לענדער" — אין דעצעמבער 1915 — אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט, און קודם כּל אין איטאַליע. גראָד פון שוואַרצסטן פון אַלע לענדער, אין וועלכע עס האָט זיך אָנגעצונדן דער וועלטקריג און דער סאָציאַלפּאַטריאָטיזם איז געווען טרומף — ווען נישט אויף דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע — טאָ אין דער טאַט, אין דער פּרעסע, גראָד אין דאָזיקן לאַנד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטימע, וואָס האָט דערקלערט:

„אַלס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן פאַראורטיילן מיר קודם־כּל די־יעניקע פּאָליטיק, וואָס האָט דערנידעריקט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע צו קריגסמעשׂים...

אונזער מעטאָד טראָגט נישט דעם נאָמען קריג, נאָר רעוואָלוציע. מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטיש געבליבענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זענען אויך קיין איין מאָמענט נישט אַריינגעפאַלן אין טעות צו גלויבן, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געליטן די ערשטע אַנטשוישנדיקע מפּלה. מען מעג אונז באַקעמפן און פאַרפאָלגן — אונזער זאַך מוז אָבער פאָרט זיגן. וו י י ל ז י י ט ו י ט ן נ י ש ט ד ע ם ג י י ס ט, א י ר ב ר י ד ע ר."

פאַר די ווייניקע, וועלכע האָבן געוווּסט, פון וועמען ער שטאַמט, איז דערדאָזיקער מאַניפעסט געווען נישט קיין קלע־

פ ר י ד ר י ך דורך וועלכער ווי יענע, טאַט העלדישע בערע
אַ ד ל ע ר איז מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער געוואָרן אַ העלד און מאַרטירער פאַר מיליאָנען און אָבער-מיליאָנען. ס'איז נישט לייכט צו זאָגן, וועלכע פון זיינע ביידע מעשים אויף צו ראַטעווען דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָט גע-פאָדערט מער העלדישקייט..

ווען חבר ריאַזאַנאָוו, וועלכער האָט דעמאָלט געוויילט אין ציריך, האָט מיר איבערגעגעבן דעם טעקסט פון אויפרוף, בין איך אויפגעציטערט געוואָרן ביים געדאַנק, סאַראַ דערלייכטערונג און אויפמונטערונג ער וועט אַרויסרופן גראָד ביי די איטאַליענישע מאַסן. ער מוז תיכּף דערשיינען אין „אַוואַנטי", דער איטאַל-יענישער פּראָלעטאַריאַט מוז קודם-כּל באַפרייט ווערן פון קאָש-מאַר. דער דערדריקנדיקער איינדרוק, וואָס עס האָט אַרויסגע-רופן דער אומגליקלעכער אַרטיקל פון דער ווינער „אַרבעטער-צייטונג" : „דער טאָג פון דער דייטשער נאַציע", מוז אָפּגע-ווישט ווערן, נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט. עס זענען אָבער געווען גרויסע טעכנישע שוועריקייטן. ווי אַזוי שיקט מען איבער דעם מאַנוסקריפּט, ער זאָל נישט שטיין אין סכנה באַזייטיקט צו ווערן ? כ'האָב דאָך שוין געוווסט פון געניטער דערפאַרונג, סאַראַ מינים שפּיאָנאַזש עס האָט געבראַכט מיט זיך דער קריג, און אַז די אַזויגערופענע אומלעגאַלע וועגן קענען געבן בלויז נאָענטע רעלאַטיווע גאַראַנטיעס. קודם כּל האָט מען נישט געטאָרט דערלאָזן, אַז די דערקלערונג זאָל קומען צו דער עפנטלעכקייט פראַגמענטאַריש, פאַרדרייט דורך ביר-גערלעכע און סאָציאַלפּאַטריאָטישע הגהות. דער עיקר האָט מען זיך געדאַרפט ריכטן אויף דערדאָזיקער געפאַר. די פאַר-עפנטלעכונג פון דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז פול געווען מיט רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם, איז פאַר די קריג-פירנ-דיקע פאַרטייען פון אַלע לענדער געווען פונקט אַזוי אומאַנ-גענעם, ווי פאַר אונז — נוצלעך. עס איז געווען וואַרשיינלעך, אַז איינצלנע טיילן פון דאָקומענט וועלן קומען צו דער עפנט-לעכקייט. אָבער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרקריפּלט. עס איז נאָך אויך געווען בייצוקומען אַ סך אַ גרעסערע שוועריקייט. צוליב זעלבסטפאַרשטענדלעכע טעמים האָט די דערקלערונג נישט גע-

קענט טראָגן קיין שום אונטערשריפט; אָבער איר אַנאָנימקייט וואָלט דורך די קעגנער גלייך אויסגענוצט געוואָרן דעמאַגאָגיש, כדי צו פאַרזיכערן, אַז מיר אַליין, אָדער אַ וועלכער נישט איז „אַגענט" האָט זי געלאָזט אין גאַנג אין די אינטערעסן פון די צענטראַל-מלוכות. ווי אַזוי זאָל זיך דער „אוואַנטי" אַנגאַזשירן מיט אַ פאַרעפנטלעכונג, וועמעס אויטענטישקייט ער קען נישט באַווייזן? וועגן מאַכן וועלכע נישט איז שריפטלעכע רמזים וועגן אָפּשטאַם פון דאקומענט האָט גאָר קיין רייד גישט געקענט זיין. אַ שריפטלעכער דאָקומענט גיט קיינמאָל נישט די גאַראַנטיע פון אַבסאָלוטער דיסקרעציע, בפרט אין אַ רעדאַקציע. בלויז אויף סעראַטין אַליין האָב איך זיך געקענט פאַרלאָזן, איך האָב אויך געוווסט, אַז פאַר אים וועט זיין גענוג צו באַקומען פון מיר די פאַרזיכערונג, אַז דער דאָקומענט איז אַן אויטענטישער, כדי זיך איינצושטעלן פאַר אים קעגן אַלע קעגנער און אינסוניאַציעס. כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל קומען צו דער שווייצאַרישער גרעניץ, כדי איך זאָל אים דאָרט פערזענלעך קענען איבערגעבן דעם דאָקומענט. פרימאָרגנס האָב איך געזאָלט פאַרלאָזן ציריך, אָבער דער דאָקומענט איז נאָך נישט געווען איבערזעצט, און אפילו דער דייטשער טעקסט איז געווען צעוואָרפן אויף איינצלנע בלעטלעך. איך האָב זיך אָבער מתחיב געווען אים אָפּצודרוקן אויך אין די שווייצאַרישע פאַרטייצייטונגען. אַזוי-אַרום האָט מען געדאַרפט צוזאַמענשטעלן דעם טעקסט פון זיינע איינצלנע טיילן און מיט פיינלעכער געטריישאַפט איבערזעצן אויף איטאַליעניש, כ'האָב נישט געקענט פועלן ביי זיך צו באַנוצן עמיצנס טעכנישע הילף. כדי נישט צו שטערן קיינעמס נאַכטרו, האָב איך געבעטן מיין פּראָלעטאַרישע הויזווירטין, זי זאָל מיר דערלויבן צו שרייבן אַ גאַנצע נאַכט אין קיך אויף דער שרייבמאַשין. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געאַרבעט אין אַ גרעסערער פיבערהאַפטער שטימונג.

ווען איך בין געקומען צו דער גרעניץ, האָב איך ענדלעך שפעט ביינאַכט איבערגעגעבן סעראַטין דעם דאָקומענט אין אַ טונקעלן, שמוציקן שענק, ווו עס האָבן זיך געפונען בלויז שפורע, וווּלגאַרע מענטשן. נאָך אַ פאָר מינוטיקן האָפנונגספולן שמועס האָבן

מיר זיך צושיידט. אויפן צווייטן טאָג, פונקט דאַן, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין ציריך, האָב איך געלייענט ערגיץ אין אַ צייטונג, אַז כ'האָב אַ נדר געטאָן נישט אומצוקערן זיך קיין איטאַליע, ביז די פאָן פון האַבסבורגישן עסטרייך, אין וועמעס דינסט איך שטיי, וועט נישט פלאַטערן איבער מילאַן און ווענעציע...

# צווישן ציממערוואַלד און קיענטאַל

נאָכדעם ווי ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַניפעסט און ס׳איז אָפיציעל באַשטימט געוואָרן די ציממערוואַלד-קאָמיסיע, האָט זיך אָנגעהויבן אונזער אייגנטלעכע טעטיקייט קעגן קריג. אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימטע סאָציאַליסטן, וועמען ס׳איז ווי נישט איז געלונגען צו קומען קיין שווייץ, האָבן באַזוכט בערן, כדי זיך דורכצושמועסן מיט אונז, כדי צו קומען מיט אונז אין קאָנטאַקט פערזענלעך אָדער אַלס פאָרשטייער פון זייערע אָרגאַניזאַציעס. מיט די אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וועלכע האָבן שוין צו אונז געהערט, האָט די קאָמיסיע אונטערגעהאַלטן אַ סך אַ אינטענסיווער פאַרבינדונג, ווי מ׳האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, נעמענדיק אין אַכט די דאַמאָלסטיקע צענזור-פאַרהעלטעניש. אונזערע באַציאונגען האָבן דערגרייכט ביז דרום-אפריקע. יעדער חבר פון אַ קריגפירנדיקן לאַנד איז געווען מער ווי אַ געוווּנשענער באַזוכער. ענדלעך האָט מען באַקומען אַן איינבליק אין די „אויטענטישע״ פאַרהעלטענישן. פון די דייטשע חברים האָבן זיך אַ לאַנגע צייט אויפגעהאַלטן אין דער שווייץ עדואַרד פוקס און פאַול לעווי, פון די פראַנצויזן האָבן מיר געזען קאַשענען, וועלכער איז געקומען אין דער שווייץ יעדנפאַלס נישט אין קיין ציממערוואַלד-פריינטלעכער מיסיע; ער איז געווען אַ הייסער, און טאַקע נישט נאָר קיין פּלאַטאָנישער אָנהענגער פון דער אַנטאַנטישער אויסהאַלט-פּאָליטיק און איז ענג פאַרבונדן געווען מיט דעם גליענדן עלזאַסישן פּאַטריאָט גרומבאַך. אויך מאַרגעריט ראָסנער, די פרוי פון

פראַנצויזישן פּראָפּאַראיינספּירער, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז עטלעכע מאָל אַראָפּגעקומען אין דער שווייץ און איז זייער נוצלעך געווען פאַר אונזער באַוועגונג דורך איר מוטיקייט. אַן ענלעכן נוצן האָט אונז אויך געבראַכט אַן אַנדערע פראַנצויזישע חברטע, וועלכע האָט געוווינט האַרט אויף דער גרעניץ, חברטע מ אָ ר ג ע ן. זי איז געווען אונזער אָפטער גאַסט און אונז געבראַכט ידיעות נישט נאָר פון איטאַליע. פון דידאָזיקע מונדלעכע באַריכטן פלעגן מיר אַרויסנעמען געוויסע נאָטיצן פאַר אונזערע בולעטענס און אַזוי־אַרום האָבן מיר דערגאַנצט די באַריכטן, וואָס פלעגן אונז צוגעשיקט ווערן פון פאַרשיידענע לענדער. אויך דורך אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געהערט צו אונזער באַוועגונג, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, וואָס האָבן אונז געהאָלפן קעגנזייטיק צו אינפאָרמירן די חברים פון די פאַרשיידענע לענדער, וואָס זענען אינגאַנצן געווען אָפּגעשניטן דורכן קריג. די צימערוואַלדער קאָמיסיע און קודם כל ראָבערט גרים האָבן אומדערמידלעך געאַרבעט. ווען אונזערע בולעטענען פלעגן שוין האָבן דערשינען, איז זיך שווער געווען פאָרצושטעלן, וויפל לעבן און אַרבעט עס האָבן אייגנטלעך געשטעקט אין זיי און ווי אַזוי זיי זענען צושטאַנדגעקומען. זייער אַ גרויסן איינפלוס האָבן געהאַט אויף אונזער אַרבעט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן־גרופּעס, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געוויילט אין ציריך און בערן, ווי אויך די פּוילישע. די הויפּטאָנערקענונג און די הויפּטאונטערשטיצונג האָבן מיר אָבער באַקומען פון איטאַליע. אַ חוץ דעם חבר מ אָ ר ג אַ ר י, וואָס האָט אונז דורך זיינע צאָלרייכע רייזעס לויטן אויפטראָג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט געבראַכט אין באַרירונג מיט די פּאַרטייען לכל הפחות פון דער אַנטאַנט און פון די נייטראַלע לענדער, — וואָס דאָס איז ביי די דעמאָלטיקע צענזור־ און גרעניצפאַרהעלטענישן געווען זייער וויכטיק, — פלעגן אונז באַזוכן אין דער שווייץ אויך אַנדערע איטאַליענישע חברים. אַזוי, למשל, דערמאָן איך זיך אַ קאָנפערענץ פון די פּאַרלאַמענטאַריער פון צימערוואַלדער ריכטונג, וועלכע איז צונויפּ-

גערופן געוואָרן דורך אונזער קאָמיסיע. מען האָט געוואָלט דורכפירן אַ געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע פון די דעפוטאַטן פון דער צימערוואַלדער ריכטונג אין אַלע פּאַרלאַמענטן. די באַראַטונג וועגן איר צוגרייטונג, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געהאַלטן געוואָרן אין געהיים, האָט געזאָלט פאָרקומען אין בערן. נעמענדיק אין אַכט די שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט גובר צו זיין, כדי מעגלעך צו מאַכן אַן איינטער. נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, זענען מיר, נאַטירלעך, אויך דאָסמאָל געווען שטאַרק געשפּאַנט צו זען, ווי גרויס עס וועט זיין די באַטייליקונג אין איר. צו אונזער גרויסער פרייד זענען דעם אָוונט ערב דעם טערמין דערשינען אין בערן אַ גאַנצע ריי איטאַליענישע דעפוטאַטן. צווישן זיי זענען געווען טרעוועס, מאַפפי, דוגאָני, מוסאַטטי, מאַרגאַרי, צוזאַמען אַרום 8 מיטגלידער פון איטאַליענישן פּאַרלאַמענט. די צייט האָט זיך גערוקט, אָבער אַחוץ די איטאַליענישע חברים זענען קיין שום דעלעגאַטן נישט דערשינען. זענען די שוועריקייטן ביים אַריבערגיין די גרעניץ געווען צו גרויס, אָדער איז אין דעם געווען צו דערקענען די כאַראַקטעריסטישע שטעלונג פון די סאָציאַליסטן פון די ראָמאַנישע לענדער און קודם כל פון די איטאַליענער?

אַ דאַנק דעם טיף־פרייהייטלעכן כאַראַקטער, וואָס עס האָט געטראָגן דאָס עפנטלעכע לעבן אין איטאַליע פאַר דעם קריג, זענען די איטאַליענישע סאָציאַליסטן אַזוי געוווינט געווען צו אַן עפנטלעכער טעטיקייט, אַז זיי האָבן זיך נישט בעקענט פאָרשטעלן, אַז עס קען אויך אַנדערש זיין. ביי דער דערמאַנטער געלעגנהייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די איינלאַדונג, וועלכע איך האָב גאַנץ קאָנפידענציאָנעל אַריבערגעשיקט קיין איטאַליע מיט גרויסע שוועריקייטן, האָבן די דאָרטיקע חברים באַהאַנדלט ווי עפּעס אַ צירקולאַר און איינער פון זיי האָט אפילו באַהאַנדלט דידאָזיקע אָנגעלעגנהייט אין אַ בריוו צו דעם דעפוטאַט לאָנגע. און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די ידיעה וועגן אונזער קאָנפערענץ פאַרשפּרייט אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, וווהין דער בריוו איז געווען אַדרעסירט.

דאָס איז געווען געגוג, כדי צו מאַכן אוממעגלעך די אינטער־נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ.

דערווייל האָבן זיך די פאַרהעלטעגישן פאַרערגערט אויך אין איטאַליע, די שלום־אויסזיכטן זענען געוואָרן אַלץ קלע־נער. דער קריג איז געוואָרן אַלץ אומפאַרמיידלעכער. דורכדעם איז צוגערייבט געוואָרן אויך די לעצטע האָפנונג, אַז איין לאַנד, וויניקסטנס, מיט אַ שטאַרקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועט קענען פאַרשווינט בלייבן פון קריג. אין זעלבן טעמפּ, ווי ס'האָט זיך דערנענטערט די מלחמהגעפאַר, איז אויך אַלץ העפטיקער געוואָרן די העצע קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי און ספּעציעל קעגן מיך. יעדעסמאָל, ביי מיין אַריבערקומען פון דער שווייץ קיין איטאַליע, פלעגן די צייטונגען מודיע זיין, אַז איך בין געקומען מיט אַ וועלכער־נישט־איז דייטשפריינט־לעכער פּונה, צו אַגיטירן פאַר איטאַליעס נייטראַליטעט לטובת עסטרייך. איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז די העצע האָט מיך נישט געלאָזן גלייכגילטיק, און נעמלעך דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָרפן אזא גראָבע ליכט אויף דער ליגנערישקייט און אומאיבער־קלייבערישקייט פון די קאַמפּסמעטאָדן. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט אויך פאָרקומען עפּעס הומאָריסטישעס.

איינמאָל, ווען איך האָב גראָד בדעה געהאַט צו פאָרן פון בערן קיין מילאַן, האָט מיך אַרויסגערופן צום טעלעפאָן אַן ענגלענדערין פון דער פראַנצויזישער שווייץ. זי האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע צו מיר פון דער ענגלישער פאַרטיי און זי האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט מיר און דורך מיר קומען אין באַריר־ונג מיט דער באַוועגונג פאַרן שלום. שוין ביים טעלעפאָן איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כ'האָב דאָ צו טאָן מיט איינער פון יענע מוטיקע אידעאַליסטישע ענגלישע פרויען, וועלכע זענען אַפילו צוגעשטאַנען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג מער פון פּאַציפיסטיש־הומאַניטאַרע ווי רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, אָבער זיי שטייען אין דינסט פון סאָציאַליזם מוטיק און מסירת־נפשדיק. פרוי ה אָ ב ה א ו ז, וועלכע איז אויך געפאָרן קיין מילאַן, האָט שוין בעת דעם בורנקריג העלדיש געקעמפט קעגן דער ענגלישער רעגירונג: זי איז אַוועקגעפאָרן קיין דרום־אַפריקע, פון וואַנעט זי האָט געלאָזט הערן די אומדערבאַרעמדיקסטע

אָנקלאַגעס קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם און געפּירט קעגן אים נישט קיין דערפֿאָלגלאָזע קאַמפּאַניע.

ווען איך בין דעמזעלבן אָוונט געקומען קיין מילאַן און זיך דורכגעשמועסט מיט פּרוי האָבהאַוז, האָב איך אָפּגערעדט מיט סערראַטין, ער זאָל זי אויפֿצומאָרגנס פֿרי באַזוכן און איר פֿאַרשאַפֿן די פֿאַרלאַנגטע אינפֿאָרמאַציעס און פֿאַרבינדונגען. כּדי ער זאָל נישט פֿאַרגעסן, האָב איך אים נאָכאַמאָל אויפֿגעשריבן דעם נאָמען און דעם האָטעל-אַדרעס און דעם צעטל אַוועקגעלייגט אויף זיין אַרבעטסטיש. ווען ער איז געקומען אויפֿן צווייטן טאָג, האָט ער געלאַכט, ווי כ'האָב אים נאָך פֿריער קיינמאָל נישט געזען לאַכן. „איר ווייסט גאָרנישט, איר האָט גאָרנישט באַמערקט?" האָט ער מיך געפֿרעגט. „אייער האָטעל איז אַרומגערינגלט מיט מוסאָליניס שפּיאָנען. זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונזער אָפּשמועס און פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איר זענט געקומען מיט אַ דייטשער חברטע פֿון דער שווייץ און איר האָט זיך מיט מיר אָפּגערעדט צו טרעפֿן אין האָטעל, כּדי מיר איבערצוגעבן געלט אין נאָמען פֿון דייטשן פּאַרטיי-קאָמיטעט. אין דער מוסאָליני-צייטונג איז שוין אַפֿילו אויסגעזעצט אַ גרויסער לייטאַרטיקל..."

די סיטואַציע איז נאָך קאָמישער געווען דערפֿאַר, ווייל די שפּיאָנען זענען שוין געווען שטאַרק אַנטוישט און זיי האָבן מודיע געווען מוסאָליניס רעדאַקציע, אַז ס'איז פֿאָרזיכטיקער אָפּצוזאָגן זיך פֿון פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אַרטיקל. אַ קוק אין פֿרעמדנבוך און אַ בליק אויף פּרוי האָבהאַוז און אויף דער „מיס", וואָס באַגלייט איר — נישט געקוקט אויף איר הויכן עלטער האָט פּרוי האָבהאַוז באַשלאָסן תּיכּף אָפּצורייזן קיין בעלגיע, און זי איז געפֿאָרן אין דער באַגלייטונג פֿון אַ קראַנקנאויפּפּאַסערין — האָט איבערצייגט אויך דידאָזיקע אידיאָטן, אַז זיי שפּילן אַ צו געוואַגט שפּיל. אַז פּרוי האָבהאַוז איז נישט קיין דייטשקע, נאָר אַן עפּס טיפּישע ענגלענדערין, אויף דעם האָבן עדות געזאָגט איר אויסשפּראַך, איר באַגלייטונג, איר גאַנץ וועזן. דער גרימצאָרן פֿון די שפּיאָנען און פֿון דער צייטונג זענען געווען גרענעצלאָז — זיי האָבן דאָך פֿאַרלאָרן פֿון אונטער דער נאָז אַ גרויסע סענסאַציע און אַ

איטאַל־ ● קאָמפּראָמיטירן צו געלעגנהייט אויסגעצייכנטע
יענישע פּאַרטיי גראָד דאַן, ווען מען האָט זיך נאָר גענוי־
טיקט אין אַ אויסרייד, כּדי אונטער דעם דרוק פון די פראַנ־
קאָפיל-געשטימטע קרייזן דערקלערן דעם קריג, און דערביי
האָבן זיי נאָר געהאַט צו רעכענען אויף איין־איינציקן ווידער־
שטאַנד — מצד דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, —
אין אַזאַ מאָמענט וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען מער ווי אָנ־
געלייגט אַ באַווייז, אַז דידאַזיקע „באַקומט געלט פון אויסלאַנד."
קורץ נאָכן באַשריבענעם עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אַ
צווייטער, וואָס וואָלט געקענט ברענגען נאָך זיך שווערע רע־
זולטאַטן פאַר דער פּאַרטיי, ווען דער פּאַרטיי-קאָמיטעט וואָלט
נישט אַרויסגעוויזן אַזויפיל אינטואיציע און ענערגיע. דערדאָזי־
קער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש אויך דערמיט, ווייל ער
באַווייזט, אַז דיזעלבע סאָציאַלפּסיכאָלאָגישע פּאַרהעלטענישן
זענען בכּח צו שטויסן די פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע
גענעראַציעס און טעמפּעראַמענטן צו דיזעלבע שריט און
פעלערן.

וואָס דער פאַרטרעטער פון רעכטן פליגל פון דער שוויי־
צאַרישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט געפּרוווט טאָן אין באַלאָן
אין 1915, דאָס האָט איבערגעהזרט, כאָטש נישט צוליב די־
זעלבע מאָטיוון, דער פירער פון לינקן פליגל פון דער שוויי־
צאַרישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, ראָבערט גרים, אין 1917 אין
פּעטראָגראַד. דאָס אַנטשיידנדיק-פּסיכאָלאָגישע, וואָס האָט יעדן
פון זיי געבראַכט צו זייערע פּרווון אָפּצוווענדן דעם קריג, איז געווען
זייער פאַלשע מיינונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם פּאַט־
ריאַרכאַליש-קליינבירגערלעכן גייסט פון לאַנד און פון דער באַוועגונג,
אַז מיט אַ שיינעם „דיפּלאָמאַטישן" קונץ קען מען באַאיינפלוסן די
אימפּעריאַליסטישע וועלטפּאָליטיק, אַז מ'קען און מ'דאַרף אָנווענדן
הינטערשפּיצלעך בנוגע אַ מאַסנפּאַרטיי און איר אויפצווינגען
מיטלען, וועלכע זי אַליין וואָלט נישט אָנגעווענדט.

דאָס האָט געמוזט זיין אין אַפּריל 1915, קורץ פאַר אי־
טאַליעס אַריינטריט אין קריג, ווען די העצע קעגן דער סאָ־
ציאַליסטישער פּאַרטיי האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע-פונקט
אין דער איטאַליענישער און אַנטאַנט-פּרעסע. דער ווידערשטאַנד

פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אָנגעטראָפן אַלץ אויף קרעפטיקערע קעגן־שטרעמונגען, וואָס זענען פּאַראינטערעסירט געווען אין איטאַליעס אָנטייל אין קריג. אונזער פּרעסע איז געווען איזאָלירט, פון צייט צו צייט בלויז האָט זיך אין איר אָנגעשלאָסן דזשיאָליטיס אָרגאַן, וואָס האָט געוואָרנט פאַרן קריג פון פּראַקטיש־פּאַטריאָטישע מאָטיוון. דער לייטמאָטיוו פון קאַמף פאַרן קריג און קעגן אונזער פּאַרטיי איז געווען איר דייטשע אָריענטירונג, איר „מאַטעריעלע אָפּהענגיקייט" פון דייטשלאַנד. יעדע רייזע מיינע קיין איטאַליע פלעגט אַרויסרופן אינסינואַציעס פון דאָזיקן מין; למשל, נאָכדעם ווי איך האָב אוממיטלבאַר פאַר איטאַליעס אַריינטריט אין קריג געהאַלטן אַ רעדע אין פּאַרטיי־קאָמיטעט אין פלאָרענץ, האָט איינע אַ צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ גייסטרייכע דעפּעשע, אין וועלכער עס האָט געהייסן, אַז פראַנץ יאָזעף און ווילהעלם II האָבן מיר געשאָנקען דעם אייזערנעם קרייץ, ווייל איך פאַרטיידיק אין זייער אינטערעס איטאַליעס נייטראַליטעט.

איינמאָל אינדערפרי האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז דער וועטעראַן פון דער שווייצאַרישער באַוועגונג, הערמאַן גרייליך, וועלכער איז געקומען פון ציריך קיין בערן צו די זיצונגען פון נאַציאָנאַלראַט און איז איינגעשטאַנען אין זעלבן פאָלקסהויזהאָטעל, וו איך האָב געוווינט, וויל מיט מיר דרינגנדיק רעדן.

„נעכטן איז עמיץ געווען ביי מיר, וועלכער וויל אייך העלפן", האָט ער צו מיר געזאָגט.

„מיר העלפן?" האָב איך אָפּגעענטפערט אַ דערשטוינטע, „וואָס הייסט: העלפן?"

„נישט אייך פערזענלעך, נאָר אייער פּאַרטיי; ווען דען אַ מיליאָנעלע נישט זיין פאַר אייך ווי געוווּנשן פאַר אַ עווענטועלן געגנעראַלשטרייק אין קאַמף קעגן קריג?"

„וואָס, און איר האָט דעם אויסוווּרף נישט אַרויסגעוואָרפן? ווי אַזוי פּאַלט דאָס בכלל איין, און ווי אַזוי פאַלט דאָס אייך איין מיר עפּעס ענלעכס איבערצוגעבן?"

„רעגט זיך אָבער נישט אויף אַזוי, איך קען שוין דעם מענטשן אַ יאָר 20, כ'האָב זיך אַמאָל באַקענט מיט אים ביי

בעבעלן, ער איז אַ דייטשער געלערנטער, ווען ער וועט קומען קיין בערן, וועט ער אייך באַזוכן".

„וואָס ?" האָב איך אויסגעשריגן, זיך קוים באַהערשנדיק, „וואָס פאַלט אייך עפּעס איין, אויב דערדאָזיקער מענטש וועט האָבן די דרייסטקייט צו קומען צו מיר פּאַק איך תּיכּף איין מיינע זאַכן און כ'פאַרלאָז בערן".

„אָבער זייט מוחל, ער איז אַ פּאַציפיסט, ער האָט פון אַמעריקאַנער פּאַציפיסטן באַקומען אַ גרעסערע סומע..."

דאָ בין איך אַרויס פון די כּלים און איבערגעריסן דעם זיבעציקיאָריקן :

„איך דערקלער אייך, אַז ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם מיט דער הילף פון איינ־איינציקן גראָשן בירגער׳עך געלט, וועט דער גאַנצער קאָמיטעט, די גאַנצע פּאַרטיי ווי איין מאַן אייך געבן דעם ענטפער, וועלכן איך גיב אייך. שיקט אייער געלערנטן צום טייוול. אַ פּראָלע־טאַרישע פּאַרטיי קעמפט און זיגט נישט מיט אַזעלכע מיטלען".

איך האָב זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזן דעם לאָקאַל, דערביי האָב איך תּיכּף אַוועקגעשריבן גרימען אין נאַציאָנאַל־ראַט, ער זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין באַראַטונגען מיט גרויליכן, וועלכן איך האָב דאַמאָלט געהאַלטן פאַר אַן עובר בטל. אָבער גרויליך האָט פונדעסטוועגן נישט נאָכגעלאָזן, ביז ער האָט ענדלעך פאַרט עמיצן געפונען, וועלכער האָט אים, אין דער באַגלייטונג פון „דייטשן געלערנטן" געבראַכט קיין באַלאָן, ווו עס איז פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פון אי־טאַליענישן פּאַרטיי־קאָמיטעט פאַר איטאַליעס אַריינטריט אין קריג.

ווען מען האָט געמאָלדן דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַז חבר גרויליך איז דאָ, איז ער פאַרבעטן געוואָרן אין זיצונגס־זאַל און ער איז דורכן פאָרזיצנדן פון דער זיצונג, באַקשטי, ברידערלעך באַגריסט געוואָרן. אָבער קוים האָט גרויליך גע־זאָגט, אַז ער האָט עמיצן מיטגעבראַכט, האָט דערזעלבער באַקטשי געבעטן ביידע געסט צו פאַרלאָזן שנעל דעם זאַל, און דעם איטאַליענער, וועלכער האָט בכלל געוואַגט צו ברענגען די באַטרעפנדיקע צו דער זיצונג, האָט ער געמאַכט

שטרענגן פאָרוווּרף. באַקטשי האָט אויך פאַראָרדנט, אַז די געשעעניש זאָל תּיכּף אַריינגעטראָגן ווערן אין פּראָטאָקאָל. ווען די אַנטאַנט-פּרעסע איז ענדלעך אַרויסגעפאָרן מיטן „באַווייז", אַז די איטאַליענישע פאַרטיי שטייט אונטערן דייטשן איינפלוס און ווערט געגערט פון דייטשן געלט, איז געענטפערט געוואָרן מיט פאַרעפנטלעכן דעם פּראָטאָקאָל. דער אופן, ווי אַזוי דער פאַרטיי-קאָמיטעט האָט געהאַנדלט, האָט געהויבן זיין פּרעס-טיזש אין גאַנצן לאַנד. אָבער גרויליך, דער וועטעראַן פון דער שווייצאַרישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערבאַוועגונג, האָט פיל פאַרלאָרן פון זיין פּאָפּולאַריטעט, און נישט נאָר ביים איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט!

די איינגעשפּאַרטקייט, מיט וועלכער גרויליך האָט זיך געהאַלטן ביי זיין פּלאַן און אים דורכגעפירט נישט געקוקט אויף די וואָרנונגען, איז פון איין זייט אומפאַרגעבלעך, און פון דער צווייטער — לעכערלעך. דידאָזיקע איינגעשפּאַרטקייט האָט זיך נוקם געווען אין אים, ווייל די צימערוואַלדיאַנער האָבן אים מער ווי איינמאָל געמאַכט פאָרווורפן און ער האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן אונזערע זיצונגען — קורץ פאַר דער צווייטער צימערוואַלדער קאָנפערענץ אין קיענטאַל, — ווייל די ידיעות, וועלכע ער האָט געגעבן וועגן יענעם פאַל, האָבן קיינעם נישט באַפרידיקט.

# קיענטאַל

לוגאַנאָ און צימערוואַלד האָבן געהאַט דאָס גרויסע פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן אויפגעקלערט די מאַסן וועגן די סיבות פון קריג און וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון אינטערנאַציאָנאַלס מפּלה און דורכדעם געגעבן די אידעאָלאָגישע ריכטליניע פאַרן קאַמף קעגן קריג, שאָוויניזם און סאָציאַלפּאַטריאָטיזם, און דערביי איז דער שווערגעוויכט פון דער ערשטער צימערוואַלד-קאָנפערענץ געלעגן אין דעם, וואָס זי האָט אַנטקעגנגעשטעלט דער סאָציאַל-פּאַטריאָטישער טאַקטיק די מאַרקסיסטיש-רעוואָלוציאָנערע.

אָבער דער ווייטערדיקער דויער פון קריג, דאָס אַריינציען אין אים נייע לענדער, די אַלץ גרעסערע פאַרשאַכערונג פון די פּראָלעטאַרישע פּרינציפּן האָט געפאָדערט א קאָנקרעטע שטעלונג פון די צימערוואַלד-פּאַרטייען צו די קאָנקרעטע פּראַגעס. מעסטנדיק מיט דער קאָנקרעטער מאָס, איז קיענטאַל אַוועק אַסך ווייטער פאַר צימערוואַלד, כאָטש צימערוואַלד האָט אויך געווירקט וועגברעכעריש אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל זי האָט פאַרשאַפט פרייע לופט פאַר דער אַקציע פון די אינטערנאַציאָנאַל-געשטימטע סאָציאַליסטן אין די איינצלנע לענדער. פאַר צימערוואַלד, פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער מאַניפעסטאַציע קעגן קריג, זענען די סאָציאַליסטישע קריגס-קעגנער געליימט געווען אין זייער אַרויסטריט דורך די אָנווייזונגען אויף דער פּאַסיווקייט פון די חברים לדעה אין די אַנדערע לענדער. די געפאַר פאַר דער איינזייטיקייט אין דעם אַרויסטריט קעגן קריג האָט געווירקט אָפּשרעקנדיק נישט נאָר

אויף דעם קליינבירגערלעכן פיליסטער, נאָר אויך אויף אַסך שיכטן פון אַרבעטערקלאַס, ווייל דער אַרגומענט איז פאַנוצט און מיסברויכט געוואָרן אויך דורך די מערהייטס-סאָציאַליסטן.

דער צימערוואַלדער מאַניפעסט, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פאָרשטייער פון כמעט אַלע קריגפירנדיקע לענדער, האָט אַ סוף געמאַכט צום דאָזיקן אַרגומענט און דורכדעם אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקע קריגספיינטלעכע שטימונג אין אַלע לענדער, וואָס אירע איינצלנע רעזולטאַטן לאָזן זיך גאָרנישט רעגיסטרירן. כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער צימערוואַלד-באַוועגונג, וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, אַז פאָלגנדיקע פּאַרטייען און גרופּירונגען האָבן געהערט צו איר:

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און פּראָפאַראיינצענטראַלע פון איטאַליע;

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דער שווייץ;

ענגלאַנדס בריטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי;

ענגלאַנדס אומאָפּהענגיקע אַרבעטער-פּאַרטיי;

רומעניעס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

רוסלאַנדס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (צענטראַל-קאָמיטעט);

רוסלאַנדס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (אָרגאַניזיר-קאָמיטעט);

רוסלאַנדס סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי;

אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד;

סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע (הויפּט-קאָמיטעט);

פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (צענטראַל-קאָמיטעט);

בולגאַריעס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי (ענגהאַרציקע);

פּאָרטוגאַלס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

די סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פון סאַלאָניקי;

סאָציאַליסטישער יוגנט-פאַרבאַנד פון שוועדן און נאָרוועגן;

אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי;

אַמעריקעס סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי;

די דייטשע שפּראַך-גרופּע פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי;

לעטלאַנדס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

דענעמאַרקס סאָציאַל-דעמאָקראַטישער יוגנט-פאַרבאַנד;

די סאָציאַליסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע פון מאַדריד;

אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן-ליגע פון דרום-אַפריקע;

איטאַליעס אַלגעמיינע אַרבעטער-פאַראייניקונג;

דער פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע פּראָפ. פאַראיינען.

שפּעטער זענען צוגעקומען:

סערבישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

דייטשלאַנדס אומאָפּהענגיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

דייטשלאַנדס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן;

די מינדערהייט פון דער בולגאַרישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (ברייטהאַרציקע);

שוועדנס לינקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי;

פינלאַנדס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

ווי מ׳קען שוין זען פון דערדאָזיקער רשימה, האָט צימערוואַלד געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי די מאַסן, כּסדר האָבן זיך געצויגן צו אים אין פאַרצווייפלונג אַלץ מער הענט. אַלץ מער פּראָלעטאַריער און רעוואָלוציאָנערן האָבן דערזען אין דערדאָזיקער באַוועגונג די רעטונג פון אַרבעטערקלאַס, דעם וועג צום שלום, צום סאָציאַליזם. דאָס אַלגעמיין-טעאָרעטישע, פּאָליטישע, איז שוין נישט געווען גענוג; קיין קיענטאַל איז צונויפגערופן געוואָרן אַ נייע קאָנפערענץ, וועלכע האָט אויך געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן פונקט אַזוי געהיים ווי די ערשטע (קיענטאַל איז פונקט ווי צימערוואַלד אַ קליינער ישוב אין דער נאָענט פון בערן). איר צוועק איז געווען אָנצונעמען קאָנקרעטע און פאַר די אָנהענגער פון צימערוואַלד און פאַר זייערע פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרשטייער אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן. קודם כּל האָט זיך געהאַנדלט וועגן שטימען קעגן די קריגסקרעדיטן; מאַכן דאָס אומאָפּהענגיק פון די פאַרשיידענע סטראַטעגישע פאַרהעלטענישן, צום אינטערנאַציאָנאַלן באַשלוס, איז געווען די וויכטיקסטע אָבער אויך די שווערסטע אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ

אויך דאָ איז די שטעלונג פון די פראַנצויזישע און דייטשע דעפּוטאַטן געווען אַנטשיידנדיק.

דער גאַנג פון דער גאַנצער קאָנפערענץ איז באַשטימט געווען דורך דער האַלטונג פון די דייטשע און די פראַנצויזישע אָדער, זאָגן מיר, דאָסמאָל פון די פראַנצויזישע און דייטשע דעפּוטאַטן. וועט דען צימערוואַלדן געלינגען גוטצומאַכן אין אַ געוויסער מאָס דורך שטימען קעגן די קריגס-קרעדיטן דעם פאַטאַלן 9-טן אויגוסט? אַלע האָבן ...פּלאַנט געוואַרט אויף דער שטעלונג פון די פראַנצויזישע דעלעגאַטן, אָבער גראָד זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויס מיט לשון. צוויי פון זיי, בלאַן און רופען דוזשאַן, האָבן פאַרלאָזן דעם קאָנפערענצאָרט נאָך איידער מען איז דערגאַנגען צו די וויכטיקע דעבאַטן. דער דריטער, בריזאָן, האָט געדאַרפט אָפּגעבן די דערקלערונג, אויף וועלכער אַלע האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג. אָבער אויך ער האָט כּסדר אָפּגעשלעפּט, ער האָט צוערשט געוואָלט לאָזן ריידן דעם דייטשן דעפּוטאַט אַדאָלף האָפּמאַן. דערדאָזיקער פאַקט האָט נישט צוגעגעבן בריזאָנען קיין סימפּאַטיע אין די אויגן פון די קאָנפערענץ-אָנטיילנעמער, ווי בכלל זיין גאַנצע האַלטונג, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער סביבה. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נאָר געווען אומשולדיקע אויסערלעכע פּאָזע, אַז אין תּוך גענומען איז ער געווען אַ וווילער יונג, וואָס האָט זיך געקענט איינשטעלן, וואָס האָט געהאַלטן וואָרט, וואָס ער האָט טאַקע באַוויזן דורך זיין אחריותדיקן שטימען קעגן די קרעדיטן אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט קורץ נאָך דער קיענטאַלער קאָנפערענץ. אין קיענטאַל האָט זיך אומאָנגעגנעם געוואָרפן אין די אויגן זיין אינדיווידואַליסטיש-ווילערישע האַלטונג, דער גרעסטער טייל קאָנפערענץ-אָנטיילנעמער האָט געהערט צו דער שולע פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אַדאָלף האָפּמאַן, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג אין נאָמען פון דער דייטשער אָפּאָזיציע פאַר בריזאָנס דערקלערונג, האָט אַרויסגערופן אין דערינערונג דעם גאַנצן וועזן פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פון אירע בעסטע טראַדיציעס,

פון איר רומרייכער פאַרגאַנגענהייט. אַלע זענען נאָך געשטאַנען אונטערן איינדרוק פון זיין רעדע, וואָס האָט געבראַכט אין זכרון אַלע האָפנונגען, וועלכע מ׳האָט געלייגט אויפן אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג, נישט אַזוי דורך איר אינהאַלט, ווי דורך דעם זשעסט פון רעדנער, דורך זיין האַלטונג, דורך זיין טאָן, אַדאָלף האָפמאַן איז אַליין געווען דערשיטערט דורך דער אָפּרעכענונג, וועלכע ער האָט געמוזט מאַכן מיט דער פּאַרטיי, אין וועמעס דינסט ער איז גרוי געוואָרן. דער „10 געבאָטן”=האָפמאַן, דער פאָרשטייער פון בערלינער רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, איז געשטאַנען פאַר אונז אין טראַגיש געבעטן מחילה פאַרן באַנקראָט פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט געדאַרפט גיין אין פראָנט פאַר אַלע אַנדערע אויך בעתן קריג, ווי זי האָט דאָס געטאָן פאַרן קריג... די ווייניקע, וואָס זענען געבליבן טריי, דאַרפן ראַטעווען דעם כבוד פון דייטשן אַרבעטערקלאַס, און דאָס וועלן זיי טאָן. „ווען איך זאָל שטימען פאַר די קרעדיטן”, האָט האָפמאַן געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקע שטימע, „וואָלטן זיך מיינע אין קריג געפאַלענע זין אין קבר אומגעדרייט”. ער האָט באַטאָנט — דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו פון אַלע דאַמאָלטיקע אויספירן, — ווי שווער עס איז אָנצונעמען אַ אינטערנאַציאָנאַליסטישע, פּראָלעטאַרישע שטעלונג, ווען די קעגנער וואָלטן זיך געקענט פאַררופן אויף דער קעגנזעצלעכער האַלטונג פון די אויסלענדישע ברודער=פּאַרטייען, און ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די פראַנצויזישע חברים וועלן איינזען די נויטווענדיקייט צו שטימען קעגן די קרעדיטן... איצט איז געקומען ב ר י - ז אָ נ ס ריי. זיין רעדע, זיין טאָן, זיין זשעסטיקולאַציע, זיין פּאָזע — אַלץ איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַרן פראַנ= צויזישן פּאַרלאַמענט. זאָרגעוודיק אויפגעבויט, האָבנדיק אין זינען דעם אויסערלעכן עפעקט, רעכענענדיק אויף צווישנרופן און גרייט זיי צו פּאַרירן, האָט זי גערייצט אַלע אָנוועזנדיקע, וועלכע זענען נישט געווינט און נישט אויפגעלייגט געווען צו הערן זיי.

„עס קומט מיר אָן זייער שווער צו נעמען אַ וואָרט, ווייל איך פיל זיך דאָ אַלס סאָציאַליסט און פראַנצויז”, האָט

ביזאָן אַנגעהויבן, אָבער ער האָט גלייך צוגעגעבן (ווייל ער האָט געוווסט, אַז דערדאָזיקער אַריינפיר וועט אַרויסרופן אומצופרידנקייט): „איך בין אַ זון פון רעוואָלוציע־לאַנד און איך וועל אויף קיין שום זאַך נישט איינגיין, וואָס עס וואָלט געקענט ברענגען שאָדן דעמדאָזיקן לאַנד פון דער רעוואָלוציע״.
ווען ער איז צוגעקומען צו רעדן וועגן די קרעדיטן, האָט ער געזאָגט: „געוויס וועלן מיר שטימען קעגן די קרעדיטן...״ ווען מען האָט זיינע דערקלערונגען אויפגענומען מיט בראַוואָ־פּאַטשערייען, האָט ער צוגעגעבן: „יאָ, אָבער עס הענגט אָפּ פון די סטראַטעגישע פאַרהעלטענישן, ווען זיי וועלן ערגער ווערן, וועלן מיר מוזן שטימען פאַר די קרעדיטן, ווען זיי וועלן זיך בעסערן, וועלן מיר שטימען קעגן זיי.״ דידאָזיקע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן הילכיקע פּראָטעסטן. אָבער צום סוף האָט ער באַטאָנט, אַז די שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צום קריג — מוז זיין אַ דורכאויס נעגאַטיווע. אין דאָזיקן זין דאַרפן אויך די פעלקער אויפגעקלערט ווערן וועגן קריג, אין וועלכן עס קענען נישט זיין „נישט קיין זיגער און נישט קיין באַזיגטע״, נאָר „רואינירטע, אויסגעשעפּטע, פאַרבלוטיקטע, וואָס פון זייערע ליידן, חורבן און אונטערגאַנג ציען פאַר זיך נוצן אַ הייפל קריגסשפּעקולאַנטן און עקספּלואַטאַטאָרן״. דאָס איז אויך געווען דער לייטמאָטיוו פון מאַניפעסט, וואָס ביזאָן האָט זיך באַטייליקט אין זיין רעדאַקציע, און וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער אויפפאָדערונג: „קעמפט פאַרן תיכּפדיקן שלום אָן אַנעקסיעס; דער דויערנדיקער שלום קען געזיכערט ווערן נאָר דורכן זיג פון סאָציאַליזם״.

בכלל איז די קיענטאַלער קאָנפערענץ געשטאַנען אין צייכן פון פּאַרלאַמענטאַריזם, נישט דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט באַשרענקען די טעטיקייט אויף דעם פּאַרלאַמענטאַריזם — אַדרבה, פאַרקערט — נאָר ווייל אַן איבערוויגנדיקע טייל פון די אָנוועזנדיקע זענען געווען דעפּוטאַטן. אַזוי, למשל, זענען אַלע דריי חברים, וואָס זענען געקומען פון פראַנקרייך, געווען דעפּוטאַטן (נישט די פּאַרטיי האָט זיי דעלעגירט, נאָר זיי זענען געקומען פון אייגענער איניציאַטיוו). פון די אַכט איטאַל-

יענישע דעלעגאַטן האָבן פינף געהערט צום פאַרלאַמענט, פון
פינף שווייצאַרישע דעלעגאַטן זענען דריי געווען פאַרלאַמענ-
טאַריער, דער סערבישער דעלעגירטער איז אויך געווען —
דעפּוטאַט. אין שייכות מיט דער פאָדערונג צו שטימען קעגן
די קרעדיטן האָט זיך אָנגעקניפּט די באַהאַנדלונג פון דעם
שלום-פּראָבלעם און פון דער שטעלונג פון דער צימערוואַל-
דער פאַרטיי צו אַן עווענטועלער צענויפרופונג פון דעם אינ-
טערנאַציאָנאַל-ביוראָ. מ'האָט געדאַרפט דורכפירן אַ שטרענגע
דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן די מיטלען, וועלכע עס באַנוצן די
בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע פּאַציפיסטן, ווי אויך די
סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך איבערגעענטפערט אין די
הענט פון בורגפרידן, און די קאַמפּסמיטלען פון קלאַסנבאַוווסטזיניקן
פּראָלעטאַריאַט. עס האָט קלאָר געדאַרפט געזאָגט ווערן, אַז
נאָר דער סאָציאַליסטישער קאַמף פאַרן פרידן קען האָבן דערפאָלג,
אַז נאָר דער סאָציאַליזם קען זיכערן אַ דויערנדיקן שלום.

אַלע דעלעגאַטן זענען געווען אין הסכם וועגן דעם, אַז
נאָר מיטן וואָפן פון קלאַסנקאַמף קען דער פּראָלעטאַריאַט
באַזיגן דעם באַוואָפנטן קאָנקורענץ-קאַמף פון די הערשנדיקע
קלאַסן, אָבער נישט אַלע האָבן זיך געאייניקט וועגן דעם, ווי
עס דאַרף דורכגעפירט ווערן די דעמאַרקאַציע-ליניע ביים אָנ-
ווענדן קאָנקרעטע מיטלען קעגן ווייטערפירן די פעלקער-שחיטה,
צום ביישפּיל: צי דאַרף מען באַטראַכטן דעם אָבליגאַטאָרישן
בוררים-געריכט, די אַנטוואָפנונג, אַלס מיטלען, וואָס געהערן
נישט צום פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. גראָד ביים באַהאַנדלען
דידאָזיקע פראַגע האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַרשיידענע שטרע-
מונגען.

די קאָנפערענץ איז איבערגעריסן געוואָרן, כדי איינצלנע
דעלעגאַטן זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט אָנצונעמען אַ שטעלונג
פאַר דער דעפיניטיווער אָפּשטימונג אין פּלענום. די זיצונגען
פון די דעלעגאַציעס האָבן געדויערט ביז אין פרימאָרגן אַריין,
נישט געקוקט אויף דער איינשטימיקער האַנדלונג אין אַלע פראַ-
געס, האָבן אויך אין דער איטאַליענישער דעלעגאַציע געהערשט
מיינונגספאַרשיידנהייטן. די פינף דעפּוטאַטן האָבן געהאַלטן פאַר
דערלאָזבאַר די אויבנדערמאָנטע מיטלען, די דריי נישט-פאַר-

לאַמענטאַריער פון דער דעלעגאַציע, לאַצאַרי, סעראַטי און
באָלאַבאַנאָוו האָבן דאַקעגן פאַרטראָטן אַ קעגנזעצלעכן שטאַנד-
פונקט. אין די אַנדערע דעלעגאַציעס איז דאָס צוגעגאַנגען
שטורמיש און אומאויסגלייכלעך. ג ר י ם, ווען עס איז גע-
לונגען אָנצושרייבן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט באַפרידיקט אַלע
שטרעמונגען — דאָס איז געווען זיין ספּעציאַליטעט — איז
אַרומגעגאַנגען פון איין דעלעגאַציע צו דער צווייטער, כּדי
אויפצופאָדערן די חברים זיי זאָלן קירצן די דעבאַטן און
מעגלעך מאַכן די פּלענאַרזיצונג. אָבער אומזיסט! ווען מען
האָט זיך שוין ענדלעך אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג געפונען
אין זיצונגסזאַל און מען איז צוגעטראָטן צו דער אָפּשטימונג וועגן דער
שלום-פּראָבלעם, איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אפשר
נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אויף קאָנפערענצן פון סאָציאַ-
ליסטישע פאַרטייען, און אפשר אויך נישט אויף אַ קאָנפערענץ
בכלל. בעת דער אָפּשטימונג האָבן די מיינסטע דעלעגאַטן גע-
פאָדערט דאָס וואָרט צו אַ דערקלערונג, אַז זיי נעמען אָן אַ
רעזאָלוציע נאָר מיט געוויסע באַוואָרענישן; דידאָזיקע דערקלע-
רונג איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַר-
טראָטן קעגנגעזעצטע שטרעמונגען אין פאַרשיידענע לענדער,
ווייל זיי האָבן נישט געקענט קומען צו אַ הסכּם צווישן זיך.
פאַר איינעם איז די רעזאָלוציע געווען צו ווייטגייענדיק, פאַרן
צווייטן צו עלאַסטיש. דאָס איז נישט געווען קיין אָבסטרוקציע,
אָבער עס האָט געשמעקט מיט דעם. וואָס מער דעלעגאַטן עס
האָבן אָפּגעגעבן די איינטאָניקע דערקלערונג, אַלץ נערוועזער
איז געוואָרן די סביבה. סעראַטי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן
נאָכדעם, ווי ער האָט העפטיק אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט, האָט
ער פאַרלאָזן דעם זאַל. ווען מען איז אין אַ געוויסער צייט
אַרום אריין צו אים אין צימער כּדי אים איבעררעדן, ער זאָל
זיך אומקערן אויף דער זיצונג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז
ער איז בכלל אָפּגעפאָרן..

די קינטאַלער קאָנפערענץ האָט געווירקט אין צוויי ריכ-
טונגען. ערשטנס האָט זי קודם כּל אויפגעטרייסלט די מאַסן
דורכן מאַניפעסט, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי די פּליכט
איינצושטעלן זיך פאַרן תּיכּפדיקן שלום אָן אַנעקסיעס און

פאַר אַ תּיכּפדיקן חאָפּנשטילשטאַנד, און האָט אויפגעפאָדערט
די סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער צו פאָדערן, אַז די סאָציאַ-
ליסטן זאָלן אַרויסטרעטן פון די רעגירונגען און תּיכּף שטי-
מען קעגן די קרעדיטן. דער מאַניפעסט, וואָס איז פּאַרעפנט-
לעכט געוואָרן אין אַפּריל 1916, איז געווען אונטערגעשריבן
פון בערך דרייסיק פּאַרטייען און מינדערהייטסגרופּעס. צווייטנס
זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דירעקטיוון פאַר די באַציאונגען
צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ און פאַר דער האַלטונג פון
די צימערוואַלדער פּאַרטייען בנוגע זיין עווענטועלער צענויפ-
רופונג. די אומטעטיקייט און סאָציאַלפּאַטריאָטישע שטעלונג פון
ביוראָ און פון זיין פּאָרזיצנדן וואַנדערוועלדע, וועל-
כער איז אינצווישן געוואָרן מיניסטער, איז שאַרף קריטיקירט
געוואָרן, און אַזוי ווי ס'איז נישט אויסגעשלאָסן געווען די
סכּנה, אַז די אָנפירער פון דעם ביוראָ, וועלכע זענען אויף
לעבן און טויט פאַרבונדן געווען מיט דער אַנטאַנט, וועלן זי
שטעלן אין דינסט פון דערדאָזיקער אימפּעריאַליסטישער קאָאַ-
ליציע, איז געעצהט געוואָרן די צימערוואַלד-אָנהענגער צו
שטיין אויף דער וואַך און אין פאַל ווען זי וועט טאַקע באמת
צונויפגערופן ווערן, אָנצונעמען אין אַ אויסעראָרדנטלעכער זי-
צונג פון אונזער קאָמיסיע אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן וועגן דער
האַלטונג פון אַלע צימערוואַלדער פּאַרטייען.

הגם עס איז אין משך פון קריג נישט געקומען צו אַ
זיצונג פון ביוראָ — טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָט זיך אינ-
גאַנצן צוגעפּאַסט צו דער אַנטאַנט און געוואָרן איר לייבאיי-
גענע — האָט פונדעסטוועגן דערדאָזיקער באַשלוס געהאַט אַ
אַנטשיידנדיקע השפּעה אויף דער צימערוואַלד-באַוועגונג, ער
האָט זי פאַרהיט פון צעשפּליטערטקייט און דורכדעם מעגלעך
געמאַכט אָפּצוהאַלטן די דריטע צימערוואַלדער קאָנפערענץ,
וואָס הגם זי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן קאָנספּיראַטיוו און דע-
ריבער דעם זייטיקן וועלט נישט באַקאַנט, איז זי געווען די וויכ-
טיקסטע פון אַלע צימערוואַלדער קאָנפערענצן. זי איז פאָרגע-
קומען אין 1917 אין שטאָקהאָלם.

ווען מיר האָבן דעם 30־טן אַפּריל געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען אַלע געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט, איך האָב געהערט צו די ווייניקע, וועלכע האָבן נאָך נישט אינגאַנצן געהאַט פאַרלאָרן זייער ווידערשטאַנדספעאיקייט, הגם איך האָב אויף קיין איין מאָמענט נישט איבערגעריסן מיין אַרבעט ; אַלס מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער קאָמיסיע, אַלס פּראָטאָקאָלפירערין און איבערזעצע־רין, אַלס צימערוואַלדיאַנערין, וואָס איז ליידנשאַפטלעך פאַר־אינטערעסירט געווען אינם אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט אַזוי פיל געדאַרפט אַרומריידן מיט די איינצלנע חברים און וועלכע האָט זיי געוואָלט העלפן קומען צו אַ קעגנזייטיקן הסכם, בין איך אין יענע נעכט געשלאָפן בלויז צו פאָר שעה און בייטאָג בין איך קיין רגע נישט פריי געווען. ווען דער טאָגאָרדנונג איז געווען פאַרענדיקט האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן דער ערשטער מאַי... איך האָב געוואָלט זען דעם זונאויפגאַנג פון ערשטן מאַי אין די אַלפּן, כדי צו באַשטעטיקן אויך סימ־באָליש מיין גלויבן אין פּראָלעטאַריאַטס תחית המתים.

ערשט אין בערן האָב איך געשפּירט אַ גרויסע מידקייט, אַן אומבאַזיגבאַרע באַדערפעניש צו שלאָפן. כ׳האָב געבעטן אַן איטאַליענישן חבר, ער זאָל האַלטן אַנשטאָט מיר די ערשטע־מאַי־רעדע אין געגנט, און כ׳האָב זיך געלייגט שלאָפן. אַ פּאָר מאָל האָבן מיך אויפגעוועקט די פאַנפאַרעס פון די אַרבעטערפאַר־איינען, וואָס האָבן געאיילט צו דער מאַניפעסטאַציע. אויך דאָס האָט געווירקט אויף מיר סימבאָליש — וואָס איז געווען חלום, וואָס ווירקלעכקייט ? האָבן מיר געהאַט אַ גרונד אָנצונעמען, אַז אונזער אַרבעט האָט דערנענטערט דעם זיג פון וועלטפּראָלעטאַריאַט, פון וועלטשלום, פאַר וועלכן די שווייצאַרישע אַרבע־טער האָבן דעמאָנסטרירט ?...

ווען אין אַ געוויסער צייט אַרום איז אָנגעקומען די סענ־סאַציאָנעלע ידיעה, אַז ב ר י ז אָ ן און די צוויי אַנדערע צי־מערוואַלדיאַנער, וועלכע זענען אַריבערגעקומען פון פראַנקרייך קיין קיענטאַל, האָבן געשטימט קעגן די קריגסקרעדיטן, האָב איך געגלויבט, אַז כ׳קען ענטפערן מיט אַ „יאָ" אויף דערדאָ־זיקער פראַגע ; כ׳האָב געטראַכט וועגן בריזאָנס רעדע אין

קיענטאַל, וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פֿון סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קלײנעם קיענטאַלער זיצונגסזאַל, און כ׳האָב געשפּירט די באַדערפֿעניש צו באַגריסן גרימען צום גרויסן דערפֿאָלג פֿון אונזער קלײנער באַוועגונג. — — —

נאָך דער קיענטאַלער קאָנפֿערענץ, וועלכע האָט געגעבן אַ פֿעסטן באָדן דער צימערוואַלדער באַוועגונג, האָט אונזער אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע אַנטוויקלט נאָך אַ סך אַ לעבעדיקערע טעטיקייט. די זיצונגען פֿון דער קאָמיסיע — עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פֿאַרברייטערטע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַרײַנגעגאַנגען פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָט זיך אָבער בלויז זעלטן געקענט צונויפֿקומען אין פֿולן צוזאַמענשטעל — זענען אָפטער אָפּגעהאַלטן געוואָרן, אָבער דער עיקר האָבן זיך געמערט די אויסלענדישע באַזוכן, די באַראַטונגען מיט די אײנצלנע חברים. איך פּערזענלעך האָב גראָד אין יענער צײַט געזאַמלט אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן פּסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל. כ׳האָב זיך געקענט איבערצײַגן פֿונדערנאָנטנס ווי אַזוי דער קריג האָט געווירקט אויף די פֿאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן. איך האָב געמוזט אײַנזען ווי אויסערגעוויינלעך סוביעקטיוו עס זענען אויך די אורטײלן פֿון די־יעניקע, וועלכע גילטן פֿאַר אומפּאַרטייאיש אָדער זיי רעדן זיך אײַן, אַז זיי זענען דאָס. יעדער אײנער האָט געזען די לאַגע, ווי אַזוי ער האָט זי געוואָלט זען, הגם די באַטרעפֿנדיקע מענטשן זענען אין דער גרעסטער טייל געווען געשולטע מאַרקסיסטן. די דײַטשן, וועלכע זענען פֿול געווען מיט האַס צו דער רעגירונג און צו דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַזוי שענדלעך געהאַנדלט, האָבן געזען אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דײַטשלאַנד און אירע אויסזיכטן, אין זייער פֿינסטערע פֿאַרבן. די פֿראַנצויזן ווידער האָבן געלייקנט, אַז די דײַטשן זאָל זײַן שלעכט, דאָס זענען אַלץ געווען עדי־ראיה, וואָס האָבן זיך פֿאַררופֿן אויף געזעענס, איבערגעלעבטס. סימפּאַטיש איז בײַ דיזאָזיקע מענטשן געווען דאָס, וואָס גראָד דורך זייער באַציאונג האָבן זיי באַוויזן, ווי שטאַרק זיי האָבן געליטן דורך דער האַנדלונג פֿון זייער רעגירונג, פֿון זייער פּאַרטיי, און אַז זיי זענען פּעאיק געווען אַרויסצוווײַזן לגבי

זייער אייגענער פּאַרטיי גרויס שטרענגקייט און לגבי אַנדערע פּאַרטייען — איינזעעניש. אויב דידאָזיקע שטעלונג איז אפילו געווען אַביסל ווייט פון שטאַנדפּונקט פון קאָנסעקווענטן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט זי זיך אָבער אָנגענעם אונטערשיידט פון קעגנזעצלעכן שטאַנדפּונקט פון פיליסטער און פון מערהייטס-סאָציאַליסט, וואָס איז אָנגעשטעקט געווען מיט פּאַטריאָטיזם.

איך האָב זיך צוגעווינט צו דערדאָזיקער איינזייטיקייט און אַלע חברים וועלכע פלעגן קומען פון די קריגפירנדיקע לענדער, פלעג איך שטעלן אייניקע פראַגעס און באַקומען אויף זיי סטערעאָטיפּע ענטפערס, באַזונדערס בנוגע דעם וואַרשיינלעכן אויסגאַנג פון קריג. קיין איינציקער איז נישט געווען גענוג באַשיידן, כדי זיך אָפּצוזאָגן פון דער ראָלע פון אַ נביא אָדער אַ סטראַטעג. אַלע האָבן נביאות געזאָגט — פלעגט אָבער קומען אַ ידיעה, וואָס איז געווען אין סתירה צו זייערע פאָראויסזאָגונגען, פלעגן זיי זיך דאַן פאַררופן אויף „אומפאָראויסגעזעענע אומשטענדן”. מייסטערהאַפט פלעגט שפּילן די ראָלע פון אַ נביא ר אַ ד ע ק, נישט אַראָפּפאַלנדיק ביי זיך לחלוטין, וואָס דאָס לעבן לייקנט נאָכאַנאַנד אָפּ זיינע פאָראויסזאָגונגען. אויפצומאָרגנס פלעגט ער שוין אויסגיין אין זיינע פאָראויסזאָגונגען פון גאַנץ קעגנזעצלעכע הנחות, ווי מיט פיראונצוואַנציק שעה פריער. אַלץ איז געווען קאַפּויער, ער פלעגט אָבער באַהאַנדלען די פראַגע אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס אָפּגעלייקנטע תמיד באַקעמפט און געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר זיין קעגנזאַץ. די זעלבע באַציאונג האָב איך אויך באַמערקט בנוגע דער הונגער-נויט אין רוסלאַנד און בעת דעם קריג אין אַנדערע לענדער. דער ווונש בלייבט דער פאָטער פון געדאַנק!...

## אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג, אָדער דער קריג — די רעוואָלוציע

דער אויסברוך פון דער רוסישער פעברואר-רעוואָלוציע האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך צוגעגעבן אונזערע געדאַנקען און האַנדלונגען אַ נייע ריכטונג. ווי אַ מעכטיקער, פיל-צוזאַגנדי-קער רעגנבויגן האָט זי אויפגעהעלט אונזער האָריזאָנט. עס איז נישט געווען נישט קיין צייט נישט קיין פסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט צו טראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אָדער וועגן דער צוקונפט, מ'האָט נאָר געלעבט מיט דער קעגנוואַרט. דער תחית-המתים פון פּראָלעטאַריאַט, דער סאָציאַליזם, דער סוף פון רוסישן דעספּאָטיזם, דער אָנהויב פון סוף פון פאַרשאָלטע-נעם קריג! וואָס דאַרף מען טאָן, כדי דער פונק, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אין רוסלאַנד, זאָל זיך איבערטראָגן אויף גאַנץ אייראָפּע? וואָס קען צימערוואַלד טאָן פאַר דער אויסשפּריי-טונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פאַר איר פאַרטיפונג? צו דער דאָזיקער פראַגע, וועלכע האָט אונז אַלעמען באַהערשט, איז נאָך פאַר אונז רוסן צוגעקומען די צווייטע: ווי אַזוי קומט מען אויף אַ וואָס שנעלערן וועג קיין רוסלאַנד, כדי דאָרט צו ווירקן פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער שלום-אַקציע? אין אַ אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון דער ברייטערער קאָמיסיע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ מאַניפעסט, וואָס זיין לייטמאָטיוו איז אויף אַ בולטן אופן צוזאַמענגענומען געוואָרן אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג, אָדער דער קריג — די רעוואָלוציע". די דאָזיקע ווערטער האָבן אַנטהאַלטן אַן אור-

טײל, אַ פּראָגנאָז און אַ אױפרוף צו מעשים. קײן אױגנבליק טאָר נישט פאַרלאָרן װערן, אַלץ מוז מאָביליזירט װערן, כּדי צו אונטערשטיצן די רעװאָלוציע דירעקט און אומדירעקט דורכן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם פון אײגענעם לאַנד. כּדי אונטער-שטיצן דעם דעװיז דורך מעשים דאַרף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע איבערטראָגן איר שװערגעװיכט פון איר טעטיקײט צום צפון צו, נענטער צום מקור פון דער רעװאָלוציע. די רעװאָלוציאָנערע שלום-אַקציע האָט זיך קודם כּל געדאַרפט אױסלעבן אין רוסלאַנד און דײטשלאַנד, דאָרט דאַרף אַנטשידן װערן דער גורל פון שלום און רעװאָלוציע. אין הסכּם מיט דעם איז באַשלאָסן געװאָרן איבערצוטראָגן די הױפּטטעטיקײט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע אױפן צפון, און צום דאָזיקן צװעק האָבן מיר, איך און גרים, געדאַרפט פאָרן קײן רוסלאַנד אָדער שװעדן. אינצװישן האָט זיך געגרינדעט אַ קאָ-מיטעט, כּדי צוצואײלן דעם אומקער פון די רוסישע עמיגראַנטן. היות װי אַלע גרעניצן זענען געװען געשלאָסן — קודם כּל פאַר די רוסישע רעװאָלוציאָנערן! — איז דאָס נישט געװען קײן לײכטע אױפגאַבע. פאַר די אַנטאַנטלענדער איז די רוסישע רעװאָלוציע געװען אַ גאָר װינציק אַנגעלײגטער גאַסט, װײל זײ האָבן זיך נישט גענױטיקט אין קײן שלום-פּראָפּאַגאַנדע און דעריבער איז נישט געלעגן אין זײערע אינטערעסן אַריבערצופירן קײן רוסלאַנד אַ געװיסע צאָל רעװאָלוציאָנערן. אױך די צענטראַל-מלוכות, װעלכע האָבן געפירט מיט רוסלאַנד קריג, װאָלטן נישט דורכגעלאָזט קײן פײנט דורך דער גרעניץ. די לאַגע איז גע-װען אַ פאַרצװײפלטע, אונזער אױפרעגונג איז געװאָקסן, װאָס מער מיר האָבן זיך אָנגעשטױסן אױף שװעריקײטן מצד די „פאַרבינדעטע". פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז ל ע נ י ן און אײניקע פון זײנע פראַקציע-חברים האָבן באַשלאָסן צו פאָרן איבער דײטשלאַנד קײן רוסלאַנד מיט דער הילף פון סעקרעטאַר פון דער שװײצאַרישער פּאַרטײ, נאַציאָ-נאַלראַט פ ל א ט ע ן, װעלכער איז געשטאַנען נאָענט צו דער באָלשעװיסטישער פראַקציע. צוערשט האָט מיך די דאָזיקע ידיעה אַביסל איבערראַשט, באַזונדערס װען איך האָב זיך דערװוּסט פון אַ שמועס מיט אַ רײזע-אָנטײלנעמער, אַז קאָמ-

פּראָמיסן, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט אומאָנ־נעמבאַר, זענען דורך די באָלשעוויקעס באַטראַכט געוואָרן אַלס נאַטירלעך. אַוודאי איז קיין רייד נישט געווען וועגן פּלאַמירטע וואַגאָנעס און קאָמפּענסאַציעס לגבי דער דייטשער רעגירונג, אָבער פונדעסטוועגן איז די סיטואַציע געווען נישט קיין אָנגענעמע, נישט דערפאַר ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער ד ײַ ט ש ע ר, נאָר ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ק אַ פּ י ט אַ ל י ס־ט י ש ע ר ר ע ג י ר ו נ ג ב כ ל ל. ערשט מיט דער צייט האָב איך איינגעזען די פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג פון לענינס דאָזיקן באַשלוס און כ׳האָב זיך איבערצייגט, ווי שטאַרק ער איז געשטאַנען אין הספּם מיט זיין גאַנצן וועזן. אָן אָפּווייכונגען צום ציל, זיך נישט לאָזן אָפּהאַלטן פון קיין שום זאַך! ביי דערזעלבער געלעגנהייט האָב איך זיך אויך געקאָנט איבערצייגן, ווי גרונדפאַרשידן עס איז צי אַ געוואַגט מיטל ווערט באַנוצט דורך אַ גרויסן מענטשן לטובת אַ זאַך, וואָס בלויז זיין אינטערעס פירט אָן מיט אים, אָדער דורך קליינינקע נאַכהאַמער. אָבער אַז לענין האָט זיך פונדעסטוועגן נישט באַצויגן גלייכגילטיק צום אָפּקלאַנג, וואָס זיין דורכרייזן דייטשלאַנד וועט געפינען אין דער עפנטלעכער מיינונג, באַווייזט די דערקלערונג, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך עטלעכע באָלשעוויסטישע אָדער באָלשעוויזירנדיקע פראַנצויזן און וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די סאָציאַליסטן פון די אַנטאַנט־לענדער זעען נישט קיין שום שלעכטס אין דער רייזע דורך דייטשלאַנד.

דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אַליין, אָן אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַנדערע צימערוואַלדיאַנער, און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ רוסישער אָנגעלעגנהייט און ווייל די באָלשעוויסטישע פראַקציע האָט זיך תמיד געהאַלטן אָפּגעזונדערט און איז געווען אָפּגעשלאָסן פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער באַוועגונג און פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. דעריבער האָב איך זיך אויך נישט שטאַרק געוווּנדערט, וואָס לענין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גרימס הילף און אָנגענומען די הילף פון

פלאַטען, וועלכער האָט טאַקע באַגלייט די באָלשעוויסטישע עמיגראַנטנגרופּע אויף דער דאָזיקער רייזע.

* *
*

איינמאָל אין אַ אָוונט, ווען איך בין פון דער זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע געקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון רוסישע עמיגראַנטן, האָב איך געהערט, ווי דער פאָרשטייער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באָבראָוו, וואָס איז, נישט געקוקט אויף זיינע זיבעציק יאָר, געווען איינער פון די הייסטע מיטגלידער פון דער צימערוואַלד-באַוועגונג, האָט אויסגערופן: „נו גוט, ווען די אַנטאַנט-מלוכות פאַרשפאַרן אונז דעם וועג קיין רוסלאַנד, וועלן מיר דאָס פרוּוון אויף אַן אַנדער אופן. איך וואָלט גרייט געווען צו פליען קיין פּעטראָגראַד אויף אַן אַעראָפּלאַן".

„חברים", האָט מאַרטאָוו געזאָגט, „עס וואָלט געקענט זיין אַן אויסוועג. מיר וועלן פאָדערן פון אונזער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, זי זאָל אונז אויסבייטן אויף די געפאַנגענע, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד. עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ טובה און נישט וועגן אַ קאָמפּראָמיס, נאָר וועגן אַ גאַנץ לעגאַלן הסכם פון צוויי רעגירונגען". דער פאָרשלאַג איז תיכף אָנגענומען געוואָרן און ראָבערט גרים איז באַפולמעכטיקט געוואָרן אָנצונעמען שריט אין דאָזיקן ענין... כ'דערמאָן זיך קלאָר וועגן דעם, ווי איך מיטן חבר לאַפּינסקי, אַן אויסערגעוויינלעך אינטעליגענטן פּוילישן חבר, האָבן באַגלייט גרימען און אַריינגעטענהט אין אים, ער זאָל זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם שווייצאַרישן און דייטשן דיפּלאָמאַטן גלייך פון ערשטן וואָרט צוגעבן אַזאַ כאַראַקטער, וואָס שליסט אויס יעדן קאָמפּראָמיס...

די אונטערהאַנדלונגען האָבן געדויערט חדשים-לאַנג. מיר האָבן זיך שוין מער נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער רייזע. האָבן מיר זיך דעריבער אַנטשלאָסן צו דעלעגירן גרימען קיין רוסלאַנד, כדי אויסצווירקן ביי דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג (דורך די צימערוואַלדיאַנער, וואָס

לעבן אין רוסלאַנד) דעם תּיפֿפּדיקן אויסטויש פֿון די רעוואָלוציאָנערן און גלייכצייטיק צוגרייטן דעם באָדן פֿאַר דער צימערוואַלד־באַוועגונג: פֿאַר דער טעטיקייט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע אין רוסלאַנד.

אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם, האָט זיך גרים דערוווּסט, אַז ער האָט נישט באַקומען קיין דערלויבעניש אַריינצופֿאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל ער... איז דייטשפֿריינטלעך (דערדאָזיקער אורטייל זאָל האָבן אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך מיליוקאָוון). וואַרטנדיק אויף מיין אָנקום קיין רוסלאַנד האָט גרים אַרויסגעגעבן אין שטאָקהאָלם אַ צימערוואַלדער ביולעטען.

אָנהויב מאַי איז אונז ענדלעך געלונגען אָפּצופֿאָרן קיין רוסלאַנד. מיר זענען געווען אַ גרופּע פֿון קרוב 250 עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אַלע קאָנצענטרירט אין ציריך. פֿון די באַקאַנטסטע רעוואָלוציאָנערן זענען געווען מ אַ ר ט אָ וו, אַ ק ס ע ל ר אָ ד, ר י אַ ז אַ נ אָ וו, ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י, ב אָ ב ר אָ וו־ נ אַ ט אַ נ ס אָ ן, ס אָ ק אָ ל נ י ק אָ וו, דער אַמאָל רעכטס־אָריענטירטער מ אַ ר ט י נ אָ וו, וועלכער האָט איצט חרטה געקריגן אויף זיינע מענשעוויסטישע בלאָנדזשענישן און איז איבערגעגאַנגען צום באָלשעוויזם אָדער ריכטיקער צום אַנטימענשעוויזם, און נאָך אַסך אַנדערע מיט זייערע פֿאַמיליעס. די רייזע איבער דייטשלאַנד האָט נישט פֿאַרמאָגט אין זיך קיין שום באַזונדערס. מיך, וועלכע איז געקומען פֿון אַ נייטראַלן, פֿאַרהעלטניסמעסיק גוט־פֿאַרזאָרגטן לאַנד, האָבן שטאַרק גערירט די מאָגערע, אויסגעהונגערטע פּנימער פֿון דייטשן צוג־פּערסאָנאַל און פֿון די ווייניקע מענטשן, וועלכע מיר האָבן געזען אויף די פּעראָנען.

אָט די זענען אונזערע פֿיינט? ווי געפֿינט מען נאָך די מעגלעכקייט צו טיילן מיט זיי דעם ברויט און דעם שאָקאָלאַד, וועלכע יעדער איינער פֿון אונז האָט מיטגענומען אויפֿן וועג! כ'האָב זיך ממש געשעמט צו זיין אַזוי גוט פֿאַרזאָרגט מיט עסן.

ווען מיר זענען אָפּגעפֿאָרן פֿון ציריך, האָבן זיך פֿאַרטיילט די פֿאַרשיידענע פֿראַקציעס, פֿון וועלכע די עמיגראַנטן זענען באַשטאַנען, אין די פֿאַרשיידענע וואַגאָנעס.

היות איך האָב נישט געהערט צו קיין שום פראַקציע, האָב איך אויסגעקליבן אַ קופּע פון דריטער קלאַס, ווו עס זענען געזעסן, אַ חוץ מיר, נאָך צוויי „ווילדע", צוויי חברים פון עסטלאַנד.

*

ווען איינעם פון זיי, טיאָמאַ, האָב איך אויפגעהיט אַ באַזונדערס וואַרעמע דערינערונג; אַלס מאַרטירער פון באָלשעוויסטישן באַפרייאונגס-קאַמף האָט ער געליטן און געלעבט, אַלס העלד איז ער געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע. טיאָמאַ האָט געשטאַמט פון די באַלטישע פּראָווינצן, ווו די פאַרפאָלגונג פון די רעוואָלוציאָנערן האָט איבערגעשטיגן די פּראַקטיק אין איבעריקן צאַריסטישן רוסלאַנד. אַלס קינד האָט ער געמוזט צוזען די קערפּערלעכע באַשטראָפונג פון זיין ברודער און זיין פאָטער, אַ פּויער. אַליין אויך פאַרפאָלגט, איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, ווו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט זייגערמאַכעריי. טיילווייז דערדאָזיקער אומשטאַנד, טיילווייז ווידער זיין אויפהאַלטן זיך אין פראַנצויזישן זשורא, ווו די לעבעדיקסטע טייל פון דער באַוועגונג טראָגט אַ באַקוניסטישן, אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער, האָבן געפירט דערצו, אַז טיאָמאַ איז צוגעשטאַנען נישט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, נאָר איז געבליבן אַן אַנאַרכיסטישער „טשודאַק", פול מיט גרענעצלאָזער ליידנשאַפט פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטערקלאַס, תמיד גרייט צו ברענגען פאַר איר די גרעסטע קרבנות, אָבער נישט אומשטאַנד זיך אַריינצוטרייען אין דער קליינבירגערלעכער באַוועגונג פון דער פראַנצויזישער שווייץ. טיאָמאַ האָט באַזעסן דעם זעלטענעם מוט פאָרצולייגן אויף אַלע פּראָפעסיאָנעלע און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען זיינע מיינונגען, דערווידערונגען, פאָרשלאַגן, כאָטש קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים. ער האָט נישט גענומען פאַר אומגוט, ווען מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט אים ערנסט, און ער האָט גערן געשמייכלט איבער זיך אַליין. גיריק האָט ער געזוכט די

מעגלעכקייט צו טיילן מיט עמיצן זיינע ידיעות. צום דאָזיקן צוועק פלעגט ער 6 אַ זייגער פאַרטאָג, איידער ער מיט זיינע „צוהערער" פלעגן גיין צו דער אַרבעט, אוועקגיין מיט זיי אין וואַלד און זיך אונטערהאַלטן מיט זיי איבער פילאָזאָפיע, געשיכטע, טעאָרעטישן און פּראַקטישן פוריעריזם. די צוהערער פלעגן סיסטעמאַטיש אַנטלויפן פון אים, און ער אַליין פלעגט דאָס דערציילן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל...

דער קריג האָט אים טיף דערשיטערט. אַן אַקטיווע נאַטור, וואָס איז נישט געבונדן געווען דורך קיין שום פּאַרטיי-דיסציפּלין, האָט ער געזוכט אַן אויסוועג פאַרן אַרבעטער-קלאַס. ער איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון אינדיווידועלער אומגעהאָרכזאַמקייט לגבי דער מאַכט. זייער אָפט פלעג איך אים זען אויף מיינע רעפעראַטן; פון ווי ווייט פלעגט ער דאָס אַמאָל קומען, אָפט אפילו צופוס! ערשט שפּעטער אין מאָסקווע האָט מיר טיאָמאַ געזאָגט, אַז מיינע פאָרלעזונגען האָבן אים אַסך געגעבן, איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דעם. אָרעמער, גרויסער, ריינער טיאָמאַ! ווען ער איז געקומען קיין רוסלאַנד האָט ער באַקומען אַן אָנפירנדיקן אַמט, מ׳האָט אים אָנגעטרויט די קונסט-אוצרות פון ווינטערפּאַלאַץ. ער האָט געקענט פאַרווירקלעכן זיין פּראָלעטאַרישן חלום, פאַרטרעטן געזונטע רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונגען אויפן געביט פון דער קונסט. ער האָט אָנגעפירט מיט זייער אַ גרויסן רעסאָרט. טיאָמאַ איז אָבער געבליבן דערזעלבער. ער איז געשלאָפן אויף אַ הילצערנער באַנק אין אַ קאַלטן צימער, כּדי איבערצולאָזן די באַקוועמע צימערן פאַר זיינע מיטאַרבעטער און פאַר די געוועזענע דינער פון פּאַלאַץ. אין די פרימאָרגנס האָט ער געלייענט די זעלבע ביכער, וועלכע ער האָט בשעתו געלייענט אין דער שווייץ. נישט געקוקט אויף זייערע אַלע סתירות האָט ער ריכטיק באַגריפן די געשעענישן אין רוסלאַנד. נישט קיין פאַרביסענער אַנאַרכיסט איז ער געווען, נאָר אַ טאַט-קרעפטיקער, זעלבשטענדיק-דענקנדיקער רעוואָלוציאָנער, געפירט פון מעכטיקן פּראָלעטאַרישן אינסטינקט. ווי אָפט האָב איך אים געזען רואיק און זיכער אין זיך, אין אַ צייט, ווען אַסך אינטעלעקטועלע פירער האָבן פאַרלאָרן דעם

קאַפּ! יעדעסמאָל, ווען טיאָמאַ פֿלעגט זיך דערוויסן פון די צייטונגען וועגן מיין אַנוועזנהייט אין פּעטראָגראַד, פֿלעגט ער קומען צו מיר, אַמאָל שפּעט אין אָוונט, בלויז אויף אַן אויגנבליק, כּדי מיר צו ברענגען אַ שטיק ברויט, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון מויל. ווען די רייזע איז נישט געווען באַזונדערס זיכער פאַר די באַקאַנטערע קאָמוניסטן און איך בין, אויף דער רייזע פון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע, באַגלייט געוואָרן דורך אַן ערנגוואַרדיע, האָט זיך טיאָמאַ אָנגעשלאָסן אין איר, געזעסן לעם מיר די גאַנצע נאַכט, אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל, כּדי מיך צו שיצן פון קעלט. „טיאָמאַ, לאָזט געמאַך, איך בעט אייך, איך בין וואַרעם איינגעוויקלט".— „כ'בעט אייך, חברטע אַנדזשעליקאַ, בלייבט רואיק, איך וויל אייך אויפהיטן פאַר אונזער באַוועגונג, כּדי איר זאָלט געבן די רוסישע מאַסן דאָס, וואָס איר האָט מיר אַמאָל געגעבן". אין טיאָמאַס טאָן איז נישט געווען קיין שום קאָנווענציאָנעלעס, קיין ברעקל הכנעהדיקייט, קיין פּיצל חניפה, ער האָט מיר קיינמאָל עפּנטלעך נישט געלויבט, דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט צו מיר אַזוי גערעדט. דעם צווייטן מאָל איז דאָס געווען אין קרעמל, ווען ער איז געקומען נאָך מיר, כּדי מיר צו ווייזן די קונסט גאַלערייעס. טיאָמאַ איז דורך און דורך געווען אַנטימיליטאַריסט און צו אַסך זאַכן אין דער רויטער אַרמיי און אין ראַטנרוסלאַנד האָט ער זיך באַצויגן סקעפּטיש און קריטיש. אָבער ווען די ווייסע זענען געוואָרן אַ דראָענדיקע געפאַר, איז ער צוגעשטאַנען צו די פריוויליקע... רוסלאַנד האָט נישט געהאַט קיין צייט, קיין מעגלעכקייט צו שטעלן דענקמעלער אירע בעסטע זין, דאָס האַרטע לעבן איז גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זייער לעבן, פאַרביי זייערע טויטע גופים. אָבער זייער גלויבן, זייער אויסהאַלטעוודיקייט, זייער קרבנותפריידיקייט האָבן געפלאַסטערט פאַרן אַרבעטער־קלאַס דעם וועג צו מאַכט. טיאָמאַ, דער איידעלער, גרויסער, נאָמענלאָזער, שפּורלאָז ביסטו אַוועק פון לעבן.

שוין בעת דער צוריקרייזע קיין רוסלאַנד האָט מיך טיאָמאַ אַרומגערינגלט מיט חברישער זאָרגעוודיקייט. מיינע איטאַליענישע חברים און אויך אַנדערע האָבן צו אונזער אָפּפאָר געבראַכט אַזוי פיל בלומען

אויפן ציריכער וואָקזאַל, אַז נאָכדעם, ווי איך האָב זיי פאַר-
טיילט צווישן אַלע חברטעס, וואָס זענען מיט מיר מיטגעפאָרן,
זענען מיר נאָך געבליבן אַזוי פיל, אַז טיאָמאַ האָט מיר גע-
מאַכט פון זיי אַ מין חופּה.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם, איז דאָרט פּונקט
פאָרגעקומען דער פאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון די שוועדישע סאָציאַ-
ליסטן, וועלכע האָבן אונטער העגלונדס און שטרעמס פירונג
פאַרלאָזן די אַלטע פאַרטיי, כדי אָנצושליסן זיך אין דער צי-
מערוואַלדער לינקער. ווען איך בין אַריינגעקומען אויפן
קאָנגרעס און מ'האָט מיך אויפגעפאָדערט צו האַלטן אַ רעדע,
האָב איך נישט געקענט פאָראויסזען, אַז כ'האָב געשטעלט אַ
פוס אויף אַ באָדן, וואָס וועט גאָר אין גיכן ווערן מיין וויר-
קונגסקרייז, מיין גייסטיקע היים. כ'בין קיינמאָל נישט געווען
אין סקאַנדינאַוויען, די מענטשן, די שפּראַך, די באַוועגונג זע-
נען געווען פאַר מיר גאַנץ פרעמד.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען איך בין צוליב אַן אַנ-
דער סיבה — און טאַקע נישט גאָר קיין אָנגענעמער — נאָכ-
אַמאָל געקומען קיין שטאָקהאָלם און נענטער זיך באַקאָנט מיט
די דאָרטיקע חברים, האָב איך געפונען אין זיי די אינטימסטע
חברים לדעה, די טרייסטע, גאַסטפריינטלעכסטע, מסירות-נפש-
דיקסטע, טאַטקרעפטיקסטע פריינט פון רעוואָלוציאָנערן רוס-
לאַנד. כ'האָב קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן ביי זיי די קלענכטע
דיסהאַרמאָניע, די קלענסטע וווּלגאַרישקייט, די קלענסטע סתירה
צווישן עפנטלעכער טעטיקייט און פּריוואַטלעבן, קיינמאָל האָב איך
ביי זיי נישט אָנגעטראָפן יענע ווילערישקייט, וועלכע איך האָב
אַזוי פיינט. ס'קען זיין, אַז דידאָזיקע זעלטענע האַרמאָניע פון
אַ העגלונד, אַ שטרעם, אַ קאַטאַ דאַלשטרעם
האָט זיך מיר דעריבער געוואָרפן אין די אויגן, ווייל איך
האָב פאַרבראַכט מיט זיי אַ לאַנגע צייט אין מינטער מיט-
אַרבעט און פערזענלעכער פריינטשאַפט און כ'האָב אין זיי גע-
שעצט דאָס יעניקע, וואָס מיר האָט אַזוי שטאַרק געפעלט ביי
אַנדערע.

ווען מיר האָבן אין צוויי טעג אַרום פאַרלאָזן שטאָק-האָלם, כדי ענדלעך צו פאָרן קיין רוסלאַנד, האָט גרים געזאָגט, אַז ער וועט אונז באַגלייטן ביז דער רוסישער גרעניץ, ווייל ער האָט נאָך וועגן אַזויפיל זיך דורכצושמועסן מיט אונז. אַלס אַרבעטזאַמער און פּראַקטישער מענטש האָט ער אויך מיטגע-נומען די שרייבמאַשין, אָבער מער גאָרנישט, ווייל ער האָט בדעה געהאַט זיך אומקערן צוריק אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום. אונטערוועגס האָבן מיר אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען און גע-שריבן איינער נאָכן צווייטן אויף דער מאַשין. ווען מיר זע-נען געקומען נאָענט פון דער גרעניץ, ווו גרים האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דעם צוג, איז אָנגעקומען צו אונז די ידיעה, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטן צערעטעללי און סקאָבעלעוו און דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער טשערנאָוו זענען אַריין אין דער רעגירונג. אַלע האָבן פאַראורטיילט דעמדאָזיקן שריט און האָבן זיך פאַרזאַמלט — יעדע פראַקציע אין איר וואַ-גאָן — כדי אָנצונעמען אַ אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציע. צו גלייכער צייט איז אויפגעקומען דער געדאַנק (ביי באָבראָוון, וואָס האָט געלייגט דעם גרעסטן ווערט אויף גרימס, דעם דעפּרעזענטאַנט-יוסטן צימערוואַלדיאַנער'ס רייזע קיין רוסלאַנד), אויפצופאָדערן די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, זיי זאָלן אַנו-לירן דעם אַיינרייזעפאַרבאָט פאַר גרימען... די סאָציאַל-רעוואָ-לוציאָנערן האָבן אָפּגעשיקט טעלעגראַמעס צו זייערע פּאַרטיי-חברים אין דער רעגירונג. פיבערהאַפט האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם ענטפער. וועלן די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן דעם מוט צו שווימען קעגן שטראָם און שטעלן די סאָלידאַריטעט מיט זייערע חברים-לדעה (זיי זענען אַלע געווען צימער-וואַלדיאַנער, און איינער פון זיי, טשערנאָוו, האָט אפילו אָנטיילגענומען אין דער ערשטער צימערוואַלד-קאָנפערענץ) העכער פאַר דער סאָלידאַריטעט מיט דער רעגירונג און די אימפּעריאַליסטישע פאַרבינדעטע?

דער צוג איז גראָד געבליבן שטיין אויף אַ קליינער סטאַציע, ביי דער פיניש-רוסישער גרעניץ, אַלע חברים, אַחוץ גרימען, אַן עמיגראַנטין פון גענף און מיך, האָבן פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. מיטאַמאָל קומען אַריין צוויי יונגע, סימפּאַטישע

זעלבסטזיכערע אָפּיצירן, מיט אויגן, דאָס שטראַלן פון גליק און נצחונבאַוווסטזיין, און פרעגן וועגן "חבר גרים„ און זיי דערקלערן, אַז די חברים מיניסטאָרן דערלויבן דעם חבר גרים אַריינצופאָרן אָן אַ פּאַס, זיי נעמען איבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אים און באַגריסן אים אַ יפן רעוואָלוציאָנערן באָדן! זיך געזעגענענדיק מיט אַ עלעגאַנטער האַנטבאַוועגונג האָבן די צוויי יונגע אָפיצירן פאַרלאָזן אונזער וואַגאָן.

אין משך פון די פיינליכע איבערלעבענישן, אין וועלכע ס'האָט אונז אַלעמען און באַזונדערס מיך אַריינגעוואָרפן גרימס אומגלויבלעכע נאַאיווקייט, זיין אויטאָקראַטישער דיפּלאָמאַטיזירן הינטערן רוקן פון זיינע נאָנסטע מיטאַרבעטער, האָב איך אומגעצײלטע מאָל געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט מיסברויכן אַזאַ גרויסן צוטרוי און נאָכדעם, ווי ער האָט שוין אָפּגעטאָן זיין אומגליקלעכע טאַט, ווי אַזוי האָק אים די דערינערונג וועגן די אָפענע, ריינע, פאַרטויאונגספולע רויגן פון די יונגע אָפיצירן פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי נישט אָפּגעהאַלטן פון זאָגן ליגן און צו פאַרבלייבן האַרטנעקיק ביים ליגן. דאָס זענען אויך געווען די אויגן פון דאַמאָלסטיקן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, וואָס האָבן געקוקט מיט האָפנונג אויף די אויסלענדישע חברים, אויף דער סאָלידאַריטעט פון נייעם אינטערנאַציאָנאַל...

דער באַשלוס פון די מיניסטאָרן, די מעגלעכקייט צוקומען צוזאַמען מיט גרימען צו דעם וויגעלע פון דער רעוואָלוציע, האָט אונז אַלע אויפגעמונטערט. צימערוואַלד וועט אָפיציעל אַריינמאַרשירן קיין פּעטראָגראַד. „זייט מוחל, העלפט מיר צו מאַכן אַ צאָן‟, האָב איך זיך געווענדט צו אייניקע חברטעס און חברים. איינער, — ער איז געווען דער שטאַרקסטער און דער גרעסטער פון אונזער עקספּעדיציע, — אַ חבר פון קרוקאַז, האָט באַנוצט די ערשטע געלעגנהייט צו פאַרשאַפן זיך אַ גרויסן שטעקן פון וואַלד, איין חברטע האָט געשאָנקען רויטן שטאָף, אַן אַנדערע האָט אַריינגעשטיקט אותיות. טיאָמאַ האָט צוזאַמענגעשעלט דאָס גאַנצע.

# אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

מיט געמישטע געפילן בין איך אַריבערגעטראָטן די גדע־ניץ פון פּאָטערלאַנד... דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס אונטער־זיינע הויכע קלאַנגען זענען מיר אַרויפגעטראָטן אויפן הייליקן באָדן פון דער רעוואָלוציע, האָט נישט געוועקט קיין באַזונ־דערס באַגייסטערטן אָפּקלאַנג. דאָס איז געווען דאָס רעוואָלו־ציאָנערע, אָבער נאָך נישט דאָס סאָציאַליסטישע אָדער אינטער־נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע רוסלאַנד. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק, ווען איך מיט גרימען האָבן גערעדט דייטש און אַ זעלנער האָט דאָס אונז געהאָלט פאַרווערן. אַ סך פון זיי האָבן געקוקט אויף אונז מיט אומצוטרוי, מיר זע־נען געקומען דורך דייטשלאַנד, „פּלאָמבירטע וואַגאָנעס" און ענלעכעס, אגב, איז נאָך נישט די גאַנצע אַרמיי געענדערט געווען דורך דער רעוואָלוציע; מ'האָט אויך נישט געקענט אָננעמען, אַז גראָד איר סאָציאַליסטישע עליטע זאָל באַזאָרגן דעם גרעניצדינסט; די זעלנער זענען געווען פויערים־זין — זין פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון דער בורזשואַזיע — די אָפיצירן!... אין זייער אומצוטרוי זענען די זעלנער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן סאַבאָטירט אונזער צוג. זיי האָבן נישט געהאַט קיין איינזעניש מיט די אַלטע וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציע, ווי ב אָ ב ר אָ װ און אַ ק ס ע ל ר אָ ד און געוואָלט לאָזן די וואַגאָנעס, אין וועלכע זיי זענען געזעסן, אָן ליכט און וואַסער. אַ חבר האָט זיי אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די מערהייט פון די, װע׳כע קערן זיך איצט אום איבער דייטשלאַנד אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, זענען בשעתו

צעווען געשמידט אין קייטן און פאַרשיקט, ווייל זיי האָבן גע־קעמפט פאַר דער פרייהייט, וואָס איר זיג האָט ענדלעך באַ־פרייט רוסלאַנד פון צאַריכטישן יאָך.

* *
*

מיר האָבן קוים געהאַט פאַרענדיקט אַ דויערנדיקע ווי־צונג. צענויפגעקאָרטשעטע זענען מיר געזעסן אויף די ענגע, האַרטע בענק און מיר האָבן זיך באַמיט צו זיין שטיל, כדי נישט אויפצוּוועקן די אין דער נאַכט שלאָפנדיקע קינדער. דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. כ'האָב זיך אַרויסגעבויגן פון פענסטער און דערזען פאַר זיך אַ גרויסע, געדיכטע מאַ־סע — דאָס זענען געווען גרוי־אוניפאָרמירטע געשטאַלטן, וואָס איבער זייערע קעפּ איז געהאָנגען אַ רויטע פאָן. די מאַסע איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מ'האָט גאָרנישט געקענט אונ־טערשיידן די איינצלנע געשטאַלטן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט געטראָגן דורך אַן עלעמענטאַרער מאַכט. איר אויסזען האָט אויסגעדריקט תּפלה, דערוואַרטונג פון אַ נס... ס'האָט זיך געדוכט, אַז דידאָזיקע לעבלאָזע מאַסע מאַכט די טונקעלע, שטערנלאָזע, הייסע נאַכט נאָך טונקעלער, די ווינטלאָ־זע שטילקייט נאָך אומהיימלעכער. אַלע וואָס זענען געזעסן אין וואַגאָן, האָבן אַ שטראָם געטאָן צו דער פּלאַט־פאָרם. די רויטע פאָן האָט זיי אַנטקעגנגעפלאַטערט. צום ווײ־ניקסטן האָבן אויסגעהאַלטן דעם רירנדיקן בילד די אַלטע רע־וואָלוציאָנערן, וויינענדיק און ציטערנדיק פאַר אויפרעגונג האָבן זיי באַגריסט די רויטע פאָן. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי גערעדט, אפילו די, וועלכע פלעגן געוויינלעך נישט גערן רעדן. איך בין געשטאַנען אין דער מאַסע, אַ חבר האָט צו מיר געזאָגט: „אויך איר, אַנדזשעליקאַ, מוזט ריידן". „וואָס פאַלט אייך עפּעס איין", האָב איך געענטפערט: „איך בין אַזוי קליין, דער אויגנבליק איז אַזוי גרויס, די מענטשנמאַסע אַזוי פייערלעך". כ'האָב נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט די ווערטער, ווי אייניקע זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צו מיר און האָבן געמיינט, אַז כ'האָב מיטן וואָרט „קליין" געמיינט

מיין ווקס, האָבן מיך אויפגעהויבן און אוועקגעשטעלט אויף די הענט. פון דערדאָזיקער הויך האָב איך צום ערשטן מאָל געזען מיין היימלאַנד. „העלפט אונז, לערנט אונז, פּאַטערל, בּאַטעריל" האָבן געזאָגט די זעלנער, די עלטערע צווישן זיי. זיי האָבן נישט געגלויבט אין זיך, די געפייניקטע און עקזעקוטאָרס, נאָר אין אונזערע לערעס און עצהס. אונזער גאַנצע אחריות לגבי דידאָזיקע לייכטגלויביקע געפייניקטע מאַסן איז אויפגעשטיגן אין מיר. ניין, זיי זענען נאָך נישט געווען באַפרייט, מ'דאַרף זיי נאָך ערשט באַפרייען. לענין איז געווען גערעכט און נישט די אַנדערע. „דער סאָציאַליזם אָדער די אַלטע שקלאַפעריי, הגם אין אַ געמילדערטער פאָרם", האָב איך געטראַכט.

מיט דידאָזיקע געפילן בין איך אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד — מאַרשירנדיק בראש פון די איבעריקע עמיגראַנטן מיט צימערוואַלדס רויטער פאָן.

דער קבלת־פנים, וועלכן מ'האָט אונז צוגעגרייט אויפן וואָקזאַל, האָט מיך אַביסל פאַרווונדערט. קאַלט, אָפיציעל, אָפיציעז — ס'איז מיר נישט געפעלן געוואָרן. מיניסטער טשערנאָוו, אייניקע פאָרשטייער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָפיציעלע רעדעס. אויף יענער זייט וואָקזאַל האָט מען געזען אַ גרויסע מענטשנמאַסע... כ'האָב זיך דערוויטערט. טשערנאָוון, וועלכער איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן אַ צעשטראַלטער, האָב איך געזאָגט אָנשטאָט יעדע באַגריסונג: „אַזוי שנעל פון צימערוואַלד אין דער רעגירונג?"

נאָכדעם ווי גרים האָט געהאַלטן זיין רעדע, איז ער אַוועק מיט אייניקע מענשעוויקעס, וועלכע זענען געקומען נאָך אים, אויף זייער קאָנגרעס, וועלכער איז גראָד אין יענע טעג פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד. — — —

שוין מער ווי צוואַנציק יאָר זינט כ'האָב געהאַט פאַרלאָזן רוסלאַנד, און אַחוץ איין־איינציקע שוועסטער האָב איך כמעט קיינעם פון מיין פאַמיליע שוין נישט געזען מער. הגם אַסך פון מיינע קרובים האָבן געלעבט אין פּעטראָגראַד, האָב איך נישט געזען קיין שום סיבה, פאַרוואָס איך זאָל זיי מודיע זיין וועגן מיין צוריקקער. כ'האָב זיך געוואָלט תיכף נעמען

צו דער אַרבעט און דאַן באַזוכן מיין שוועסטער און אירע קינדער, אָבער נישט וווינען ביי זיי. נישט רעדנדיק וועגן אַלעם איבעריקן האָב איך געוווסט, אַז די קאַמפסשטעלונג, וועלכע כ'האָב געוואָלט אָננעמען פון ערשטן טאָג אָן, וועט זיי אויפרעגן. אויב ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביים פּאַרטיידיקן די אייגענע פּרינציפּן, דאַרף מען זיך נישט רעכענען מיט קיינעם, איז אָבער אויך נאַטירלעך, ווען מ'דערלאָזט נישט, אַז אַנדערשגעזינטע זאָלן טראָגן די פאָלגן פון די אייגענע איבערצייגונגען. ביים וואָקזאַל האָט מיך אָבער אָפּגעוואַרט אַ ברודער, און אַזוי ווי יעדער פון די אָנגעקומענע איז געגאַנגען צו פריינט אָדער באַקאַנטע, בין איך אַוועק צו מיין שוועסטער. מיינע קרובים האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק, זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אידעאָלאָגישע שטעלונג צו רוסלאַנד, זיי האָבן תמיד באַטראַכט דייטשלאַנד אַלס מוסטערהאַפט לאַנד און רוסלאַנד גיכער פאַראַכט. ווי־זשע קומען זיי זיך צו וווּנדערן, וואָס דייטשלאַנד און די דייטשן זענען פאַר מיר געבליבן דאָס, וואָס זיי זענען פאַר מיר שטענדיק געווען. „זאָג מיר, כ'בעט דיך, איז געווען איינע פון די ערשטע פראַגעס, וועלכע די שוועסטער האָט מיר געשטעלט, „איז דאָס אמת, וואָס מען האָט וועגן דיר געשריבן? און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ צייטונגס־אויסשניט — אַ פעליעטאָן פון רוסישן שריפטשטעלער אַמפיטעאַטראָוו! באַקאַנט געוואָרן דורך אַ סאַטירע אויף דער צאַרנפאַמיליע, פאַרפאָלגט פון צאַריזם, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע, וווּ ער האָט געלעבט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט, וואָס דאָס האָט אים נישט געשטערט צו ווערן ביים קריגסאויסברוך אַ באַגייסטערטער אַנטאַנט־פּאַטריאָט און מסרן די אַלע, וועלכע האָבן נישט געטיילט זיין פּאַטריאָטיזם. דער דערמאָנטער פעליעטאָן האָט אַנטהאַלטן אַן אנקלאַג קעגן די איטאַליענישע סאָציאַליסטן, וואָס זייער קריגספיינטלעכע שטעלונג דאַרף מען אין ערשטער ליניע צושרייבן דעם איינפלוס פון דער ענערגישער באָלשעוויסטין אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוו. „ביסטו באמת אַ באָלשעוויסטין?" — האָט געפרעגט מיין שוועסטער, „ווען דו זאָלסט כאָטש זיין אַ מענשעוויסטין אָדער אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערין, וואָלסטו גע-

קענט ביי אונז וווינען. ווו ווועסטו איצט געפינען אַ צימער, און דאָס עסן — ס'איז איצט אַלץ אַזוי קנאַפּ — אַזוי טייער".

כאָטש צו יענער צייט האָב איך נאָך נישט געהערט צו קיין שום רוסישער אָרגאַניזאַציע און גראָד אונטערוועגס בין איך אויפגעפאָדערט געוואָרן פון ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י ן צו באַטייליקן זיך אין דער גרינדונג פון אַ אינטערפראַקציאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון רוסלאַנדס רעוואָלוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט לגבי דעם קריג אויף אַ פּראָלעטאַריש-אינטער-נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, האָט מיך אָבער מיין שוועס-טערס אַרגומענטאַציע געשטויסן איר צו זאָגן: „יאָ, אַמפּיטע-אַטראָוו האָט רעכט", יעדנפאַלס האָב איך איר אויף אַזוי ווייט געזאָגט אמת, אויף וויפל מיר איז גלייך פון ערשטן מאָמענט קלאָר געווען, אַז כ'וועל קעמפן קעגן דער רעגירונג אין לינקסטן פליגל פון דער באַוועגונג. זינט איך האָב אַריבער-געטראָטן די רוסישע גרעניץ און אַריינגעאָטעמט אין זיך די לופט פון רוסלאַנד, פון פּעטראָגראַד, האָב איך געוווסט, אַז כ'וועל קעמפן מיט לענינען קעגן די אַלע, וועלכע האַלטן די רעוואָלוציע פאַר פאַרענדיקט, און אין דעם אייגנטלעך איז באַשטאַנען דער עיקר.

ס'האָט געמוזט זיין אַרום האַלבע נאַכט, ווען אַ הויכע זיפצעריי און אָכצעריי האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין מיין „היים" נאָך צוואַנציק יאָר גלות. כ'האָב דערהערט די שטים פון מיין שוועסטער: „יאָ", האָט זי געזאָגט „...פאַרשיי-דענע אומגליקן טרעפן אַ פאַמיליע... איינע האָבן אַלקאהאליקער, אַנדערע — עפּילעפּטיקער, גאָר אַנדערע — באָלשעוויסטישע קרובים"...

* *

*

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָב איך פאַרלאָזן דאָס הויז פון מיין שוועסטער און אָנגעהויבן מיין צימערוואַלדער טעטיקייט. זי איז באַשטאַנען אין עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אין אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע צימערוואַלד-גרופּי-

רונגען. אין דעם אַלעם האָט זיך אויך באַטייליקט גרים, מיט װעלכן איך האָב זיך באַמיט צו זיין צוזאַמען ווי ווייט מעגלעך מער, ווייל ער האָט נישט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, און ביי זיין טעטיקייטס-דראַנג האָט דאָס אים געמוזט זיין טאָפּלט פּיינלעך און דאָס האָט אויך געמוזט באַשרענקען זיין געזעלשאַפט מיט די-יעניקע חברים, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער שווייץ און גערעדט דייטש. מיך האָט געוואונדערט אַביסל, וואָס גרים האָט תּיכּף געוואָלט קומען אין באַרירונג מיט די איינצלנע מיניסטאָרן ווי אויך מיט די אַנדערע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון רעגירונגס-לאַגער. אַזוי ווי כ'האָב נישט געטיילט זיינע באַמיאונגען און אַגב האָבן מיך די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען אויך נישט איינגעלאַדן, בין איך געווען טאָפּלט צופרידן, וואָס איך דאַרף נישט באַגלייטן גרימען צו דידאָזיקע באַראַטונגען.

די אָוונטן, וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט אויף די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, מייסטנס אין די גרויסע פאַבריקן, זענען געווען זייער דערהויבנדיק און האָבן געוועקט האָפנונג. מיט ליידנשאַפטלעכן וויסנסדורשט האָבן די אַרבעטער און אַרבעטערינס זיך צוגעהערט צו אונזערע מיטטיילונגען וועגן די אויסלענדישע ברידער און שוועסטער, וועגן צימערוואַלד, וועגן די שלום-אויסזיכטן, וועגן די אויסזיכטן אויף אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל. יעדע באַמערקונג וועגן דער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער מיט די רוסישע, וועגן זייערע שלום-באַמיאונגען, וועגן דער פּערספּעקטיוו, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע עפנט אויף פאַרן באַפרייאונגס-קאַמף פון אַלע עקספּלואַטירטע, פלעגט אַרויסרופן שאַלנדיקע יובל-אויסרופן. קיין מינדעסטער שפּור פון שטאָלץ אָדער גאווה ביי דידאָזיקע פּראָלעטאַריער, וואָס זענען פאָראויסגעגאַנגען אין קאַמף און אין זיג זייערע עלטערע, רייפערע ברידער. זעלבסטפאַרשטענדלעכע גרייטקייט צו פירן ווייטער דעם קאַמף ביז צום רומרייכן, פעלקער-באַפרייענדיקן ענד-נצחון, צום סאָציאַליזם! גראָד דאָס, וואָס גרים האָט גערעדט דייטש, האָט אַרויסגערופן די ריינסטע באַגייסטערונג ביי די קלאַסנבאַוווסטזיניקע רוסישע אַרבעטער, וואָס זיי איז פרעמד יעדע אַרט פעלקער-שנאה. מיט אַן אויסדויער, וואָס איז ווערט באַוואונדערט צו ווערן, האָבן זיי אויסגעהערט

זייגע לאַנגע אויספירן, וועלכע איך פלעג דאַן איבערזעצן אין רוסיש, נאָכדעם ווי איך פלעג צו גרימס רעדע צוגעבן אַ הקמדה וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון אינטערנאַציאָנאַלן אָדער פון רוסישן פראָלעטאַריאַט. אַחוץ אונז פלעגן געוויינלעך ריידן אויך אַ פּאָר פּעטראָגראַדער חברים און אַרבעטער פון ראַיאָן, אין וועלכן עס פלעגן פאָרקומען די פאַרזאַמלונגען. אָבער אין דערזעלבער מאָס ווי די שטימונג איז געווען דערהויבנדיק צווישן די אַרבעטער, איז זי געווען ביכלל אַראָפּגעשלאָגן דעם מוט אין די אַנדערע שיכטן פון דער שטאָט! אַלץ איז אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון די רעלסן דורך דעם קריג, דער רעוואָלוציע, דורך די זעלנער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון פראָנט גרופּעסוויין אָדער ביחידות. קודם כל דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דער פאַרקערס-וועזן, דאָס אַלץ, וואָס אַן אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט נויטיק. אַלע האָבן אָנגעוואָרן דעם קאָפּ. אַ חוץ דער רעוואָלוציאָנערער אַ ביטער-שאַפט, וואָס האָט געהאָפט, אַז דער סאָציאַליזם וועט אָפּבויען דאָס צעשטערטע, האָט די גאַנצע באַפעלקערונג נישט געוווסט, וואָס עס וועט ווייטער זיין און וואָס עס וועט מאָרגן געשען. אויב די אויסלענדער, וואָס פלעגן קומען פון קולטורעל-אַנטוויקלטערע לענדער פלעגן — מיינסטנס נישט מיט אומרעכט — חוזק מאַכן פון דער נאַכלעסיקייט און דער צייטפאַרשווענדונג, וואָס זענען געווען אייגן דעם רוסישן לעבן שוין ביים צאַריזם און אין דער ערשטער צייט פון דער ראַטנמאַכט, האָבן דידאָזיקע חסרונות אָנגענומען ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער אונטער דעם קערענסקי-רעזשים. ווי אַזוי דידאָזיקע באַדינגונגען האָבן געמוזט ווירקן גראָד אויף אַזאַ גרים, אויף דעם געוועזענעם שווייצאַרישן אַרבעטער און פראָפאַראייַנפירער, וואָס האָט געהאַט אין בלוט דייטשע מעטאדיק, דייטשע דיסציפּלין און פינקטלעכקייט, און אויף דעם מענטשן גרים, וואָס איז תמיד געווינט געווען צו אַרבעטן פיבערהאַפט און תמיד שאַפן עפּעס קאָנקרעטעס, און איצט האָט ער צוגעזען, ווי די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע זענען אין סכנה און דער קריג פאַרלענגערט זיך, — ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט געמוזט ווירקן אויף אים קען זיך פאָרשטעלן נאָר דער, וועמ עס איז ביי-

דעם אַלעם בייגעווען, ווער עס האָט דאָס אַלץ מיטגעלעבט.
איך האָב די פעסטע איבערצייגונג, אַז דידאָזיקע אומשטענדן
האָבן גרימען דערפירט צו אַ צושטאַנד פון שאַרפער פאַר-
צווייפלונג און אים געשטויסן, אויב נישט דירעקט, טאָ לכל
הפחות אומדירעקט צו אַן אומפאַרגעבלעכן פעלערהאַפטן טריט,
וואָס האָט געבראַכט נאָך זיך שווערע רעזולטאַטן: זיי, דידאָ-
זיקע אומשטענדן, טראָגן אַ חלק שולד אין דעם, וואָס גרים
איז גובר געווען אַלע שטערונגען און באַגאַנגען אַ זאַך, וואָס
לאָזט זיך נישט גוטמאַכן. פאַר גרימען איז דער צימערוואַל-
דער לאָזונג: „אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג,
אָדער דער קריג די רעוואָלוציע” נישט געווען בלויז אַ פּאָ-
ליטישער לאָזונג, ער איז אַרויסגעדרונגען אין זיין קאָנקרעטער
אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען,
וואָס ער האָט געאַנט... ווייל — און אין דעם איז געלעגן די
טיפע טראַגיק פון דער לאַגע — הערן און פאַרשטיין האָט
גרים געקענט זייער ווייניק. ער האָט נישט געקענט דעם כאַ-
ראַקטער פון פאָלק, ער האָט דאָס לאַנד נישט געקענט פון
פריער און האָט נישט באַהערשט זיין שפּראַך... חוצדעם איז
ער פאַראורטיילט געווען צו אַ פולשטענדיקן פּוסט-און-פּאַסע-
ווען. די באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען ערשט
שפּעט אינאָוונט, מיינסטנס מיט גרויסע פאַרשפּעטיקונגען. חוצ-
דעם זענען אויך נישט געווען קיין שום פאַרקערסמעגלעכקייטן,
גרים איז שטענדיק געווען אָנגעוויזן אויף דעם, מען זאָל אים
באַגלייטן, מען זאָל אים קומען נעמען. ערשט דאַן, ווען מיר
האָבן אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן זיצונגען אויך בייטאָג, האָט מען
געשטעלט אין אונזער רשות — פון דער צימערוואַלדער קאָ-
מיסיע — די פערד און קאָטש פון די הויף-שטאַלן פון דער
קייזערין-אַלמנה מאַריאַ פעאָדאָראָווונא. דערדאָזיקער פאַקט האָט
באַזונדערס אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט פון די „אַריס-
טאָקראַטן” און פיליסטערס. אונזער קאָטש איז גאַנץ גיך גע-
וואָרן די טעמע פון די רוסישע און אויסלענדישע צייטונגען...
ווען מיר זענען אין איינעם אַ טאָג געפאָרן דורך די פאַר-
וואָרלאָזטע פעטראָגראַדער גאַסן — די צייט פון די לעבהאַפ-
טיקע דעבאַטן אויף די גאַסן, וואָס האָבן אויסגעצייכנט די

ערשטע טעג נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע, זענען שוין געווען פאַרגאַנגען, האָט גרים געזאָגט צו מיר אין אַ זייער ערנסטן, כמעט פאַרצווייפלטן טאָן: „איר ווייסט, אַנדזשעליקאַ, אויב דער שלום וועט נישט געשלאָסן ווערן גאָר גיך, וועט אויף די־דאָזיקע גאַסן נאָך פליסן זייער אַ סך בלוט, און טאַקי פּראָלעטאַרישעס". גרימס דאָזיקע ווערטער, זיין טאָן און געזיכטס־אויסדרוק האָב איך אָפט דערמאָנט זיך און אַנדערע; דאָס איז דער איינציקער מילדערונגסגרונד, וועלכן מ׳קען געפינען פאַר אים: גרים איז געטריבן געוואָרן פון מורא פאַרן גורל פון דער רעוואָלוציע, ווען ער איז באַגאַנגען זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכע טאַט.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך אונזער קומען קיין פּעטראָגראַד האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון דער צימערוואַלד־קאָמיסיע. עס זענען אָנוועזנדיק געווען מיטגלידער פון אַלע פראַקציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָבן געהערט צו דער צימערוואַלד־באַוועגונג, און די אינט. סאָצ. קאָמ. אַזוי, למשל, דערמאָן איך זיך, אַז עס זענען אָנוועזנדיק געווען באָבראָוו, לעבין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, לאַפּינסקי. דער יידישער „בונד" איז פאַרטראָטן געווען דורך אַבראַמאָוויטש, רומעניע דורך ראַקאָווסקין. די פראַקציע פון די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן (ד. ה. פון די־יעניקע מענשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם און זיך געשטעלט אויפן צימערוואַלד־באַזיס), וועלכע איז צו יענער צייט געווען צאָלרייך און איינפלוסרייך איז פאַרטראָטן געווען דורך מאַרטאָוון, מאַרטינאָוון, לאַרינען, די פראַקציע, וועלכע טראָצקי האָט געגרינדעט, צו וועלכער אויך איך האָב געהערט, איז פאַרטראָטן געווען דורך טראָצקין אַליין און דורך אוריצקין, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אָנהויב פון ראַטנרעזשים, און ריאַזאַנאָוו.

דער ציל פון דער זיצונג איז געווען אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן צוויי העכסט־אַקטועלע און אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע פראַגעס. היות דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־קאַמף איז

פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל, האָבן די מערהייטס-סאָציאַליסטן פון די אַנטשיידנדיקע לענדער, — וועלכע האָבן זייער גאַנצע פּאָליטיק צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן און שטאַנדפּונקטן פון זייערע רעגירונגען, — געלאָזט פאַלן דעם געדאַנק פון אַ אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס זאָל דינען אַלס „שלום-קאָנגרעס" אויף צוצוגרייטן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די מאַסגעבנדיקע דיפּלאָמאַטן. פון דער צווייטער זייט האָט זיך דער אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַט געמאַכט פאַר אַ איניציאַטאָר פון אַ שלום-קאָנגרעס. אינצווישן זענען רוסישע סאָציאַליסטן אַרייַנגעטראָטן אין דער רעגירונג, און דאָס האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך געמוזט ענדערן אויך דעם כאַראַקטער פון דער קאָנפערענץ, וועלכע דער ראַט האָט צונויפגערופן.

די מערהייט פון די אָנוועזנדיקע, מיט דער אויסנאַם פון באָבראָוון און מאַטראָון, איז געווען קעגן אַנטיילנעמען אין דער דערמאָנטער קאָנפערענץ. די פּאָזיטיווע שטעלונג, ווי די נעגאַטיווע האָבן באַזירט אויף גרונדפאַרשיידענע מאָטיוון — די ווייניקע אויף פּרינציפּיעלע, די מייַנסטע אויף פּראַקטיצאַנעלע. לענין האָט באַטראַכט די געפּלאַנטע קאָנפערענץ אַלס אַ דעקמאַנטל פאַר דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. קאַמענעוו איז געווען פאַר אַ באַיקאָט מיט באַוואָרענישן, טראָצקי איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון דער קאָנפערענץ. גרים האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט, צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די ביידע קאָנפערענצן, איך האָב דערמאָנט וועגן דעם, אַז הגם אונדזער באַראַטונג האָט נישט קיין אַנטשיידונגסרעכט, ווייל אויף דער קיענטאַלער קאָנפערענץ האָט מען בפירוש באַשטימט, אַז נאָר אַ צימערוואַלדער קאָנפערענץ — וועלכע מען דאַרף צונויפרופן — קען אָננעמען אַ קאָנקרעטע שטעלונג צו דער פראַגע, פונדעסטוועגן איז קיין מינדסטער ספק נישטאָ, אַז די איינציק מעגלעכע לייזונג פון דער פראַגע איז — נישט באַטייליקן זיך.

די צווייטע, נאָך מער אַקטועלע פראַגע, איז געווען די פראַגע וועגן מיניסטעריאַליזם. די באָלשעוויקעס און טראָצקי האָבן געפאָדערט פון דער אינט. סאָצ. קאָם. זי זאָל פאַראורטיילן אין אַ אויפרוף דעם מיניסטעריאַליזם פון די רוסישע צימער-

וואַלדיאַנער. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע. די באַראַטונגען האָבן געדויערט גאַנצע צוויי טעג, צו אַ באַשלוס איז מען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געקומען, ווייל די אינט. סאָצ. קאָמ. — אַלע אָנטיילנעמער האָבן דאָס, אגב, געוווּסט — האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצולאָזן אַזעלכע אויפרופן.

דידאָזיקע זיצונג, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן אין דער פּרעסע, אָדער העכסטנס נאָר פאַרבייגייענדיק, האָט געגעבן אַן אויסערגעוויינלעך-אינטערעסאַנטן פּסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל, מיר, לכל הפּחות, האָט זי קלאָר געמאַכט אַ סך זאַכן. איך דערמאָן זיך, אַז לענין איז ביים סוף פון דער זיצונג שטיינגעבליבן ביים פענסטער; נאָכפאָלגנדיק זיין בליק האָב איך אים געפרעגט, וואָס וועט איצט קומען און ער האָט מיר געענטפערט: „איצט קומט אָדער די רעוואָלוציע אָדער די קאָנטררעוואָלוציע". אין ליכט פון די ווייטערדיקע געשעענישן און פון לענינס פּערזענלעכער טבע, האָבן דידאָזיקע ווערטער דעמאָלט באַדייט אַזוי גוט ווי: „מען מוז וואַגן, מ'טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט. נישט נאָר דאַן ווערט געהאַנדלט, ווען דער ערפאָלג איז שוין פאָראויס קלאָר פאַר יעדן איינעם..." ביי דערזעלביקער געלעגנהייט האָט ער אויך אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג (אויף דעם שטייגער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים) וועגן טראָצקין. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן טראָצקיס שטעלונג און וועגן זיין הסכּם מיט לענינען אין אַזעלכע וויכטיקע פראַגעס, האָט לענין געזאָגט, אַז די כּבוד-זוכעניש, נאָר די כּבוד-זוכעניש אַליין שטערט טראָצקין אַריינצוטרעטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, און צווינגט אים צו גרינדן אַ אייגענע פראַקציע און אַ אייגענע צייטונג. טראָצקי איז ערשט מיט אייניקע טעג פריער געהאַט אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד. ער איז, לויט מיין מיינונג, געווען זייער פאַרביטערט. ווי באַקאַנט האָבן אים די פאַרשיידענע רעגירונגען געמאַכט גרויסע שוועריקייטן ביי זיין צוריקקער קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך אויך געהאַט געווענדעט צו גרימען, ער זאָל אויספועלן די דערלויבעניש פון דער שווייצאַרישער רעגירונג פאַר זיין דורכרייזע. דידאָזיקע דערלויבעניש איז נישט געגעבן געוואָרן. טראָצקי האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז אין דעם איז שולדיק גרים אָדער אַנ-

דערע, וועלכע האָבן צוליבֿ פּראַקציאָנעלע טעמים נישט געוואָלט ער זאָל זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. איך דערמאָן זיך, ווי מיר האָבן לאַנג גערעדט וועגן דאָזיקן ענין אין אַ קליינעם פּעטראָגראַדער רעסטאָראַן. דעמאָלט האָב איך אָפּגעוואָרפן טראָצקיס חשד, איצט וואָלט איך דאָס שוין נישט געטאָן. צווישן דער צייט, ווען דערדאָזיקער שמועס איז פּאָרגעקומען, און איצט — ליגן לאַנגע יאָרן פון די ביטערסטע דערפאַרונגען.

וואָס שייך טראָצקין אַליין און דעם אורטייל, וועלכן לענין האָט אויף אים אַרויסגעגעבן, מוז איך זאָגן, אַז חוץ כּבוד־זוכעניש און זעלבסטבאַוווסטזיין האָבן אויף מיר תּמיד געמאַכט אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק און טראָצקין פעלן נישט די דאָזיקע אַלע שוואַכקייטן, האָט ער דאָך געקענט צוימען זיינע שוואַכקייטן — דורך זיין אינטעלעקטועלער העכערקייט, דורך זיין אינערלעכן טאַקט און דורך זיין זעלבסטדיסציפּלין — גראָד אין אַ צייט, ווען זייער דעגענערירונג האָט געקענט ווערן פאַטאַל פאַר אים און אויך פאַר דער רעוואָלוציע און דער ראַטנמאַכט. טראָצקי געהערט צו די־יעניקע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט בעסער געמאַכט, פאַרטיפט, געלייטערט. איך גלויב, אַז גראָד צוליבן דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן אומשטאַנד האָט לענין אינערלעך געענדערט זיין באַציאונג צו טראָצקין, נישט געקוקט אויף דעם אומצוטרוי, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן צו יעדן מיטאַרבעטער און קאָמפּסחבר, וועלכער איז נישט תּמיד געווען אַ באָלשעוויק. אפשר איז עס געווען אויך צוליבֿ דעם, ווייל ער האָט געקענט מאַכן פאַרגלייכן...

אין דערזעלבער מאָס אין וועלכער עס האָט זיך פאַרשנעלערט דער טעמפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, האָט זיך אויך געענדערט טראָצקיס שטימונג. אין יענע טעג האָבן די קראָנשטאַטער מאַטראָסן אָנגענומען אַ באַזונדערס מורדישע שטעלונג לגבי דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. מען האָט אויך גערעדט וועגן קראָנשטאַטס אָפּרייסן זיך, וועגן אַן אויטאָנאָמיע־דערקלערונג. איינמאָל, ווי איך דערמאָן זיך, האָט מיר טראָצקי אויפגעפאָדערט, איך זאָל אים באַגלייטן צו אַ מיטינג אין קראָנשטאַט. אויף צומאָרגנס האָט ער אויסגערופן צו מיר אין אַ אָפּטימיסטישן טאָן: „אַנדזשעליקאַ, פאַרוואָס זענט איר

נישט מיטגעפֿאָרן? עס איז געווען אַן צומפּאַרגלייכלעכער מי־טינג. ער האָט געדויערט ביז 6 אַזייגער אינדערפֿרי. די מאַט־ראָסן האָבן געשטעלט אַזוי פֿיל פֿראַגעס, אַז כ'האָב נויטיק געהאַט די גאַנצע נאַכט, כדי צו ענטפֿערן אויף זיי. ענדלעך האָבן זיי אויך אָנגענומען אונזער רעזאָלוציע. סאַראַ שאָד, וואָס איר זענט דאָרט נישט געווען!"

איך בין זיך מודה, זיין באַגייסטערונג — זי איז געווען פֿרעלעך און טיף איבערגעלעבט — האָט אויף מיר געווירקט אַביסל פֿאַרחונדערלעך. גאַנץ אָפֿט און איינמאָל טאַקע ווידער ביי דער געלעגנהייט פֿון אַ קראָנשטאַטער מיטינג — אין אייניקע טעג אַרום נאָך דעם אויבנדערמאָנטן — האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דעמדאָזיקן אונטערשייד אין אָפּשאַצן און באַאורטיילן, וואָס דאַרף אייגנטלעך נישט עקזיסטירן צווישן מאַרקסיסטן. דעמדאָזיקן אונטערשייד דערקלער איך דורכדעם, וואָס דעמאָלט שוין האָבן אין טראָצקין גובר געווען דער פּאָליטיקער און דער סטראַטעג. איך בין זיך מודה, אַז אין פּאָליטישן ווי אין פּערזענלעכן לעבן באַפֿרידיקט מיך נאָר דאָס, וואָס עס איז שווער צו דערגרייכן. אַלס מאַרקסיסטין האָב איך זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז מאַטראָסן — די דעמאָלטיקע מאַ־טראָסן! — האָבן באַוווסטזיניק געשטימט פֿאַר אַ מאַרקסיסטי־שער רעזאָלוציע. איך האָב דערקלערט דעם דערפֿאָלג מיט דער שטימונג און טראָצקיס השפּעה און דעריבער האָב איך נישט געקענט איבערשאַצן די באַדייטונג פֿון דער אָפּשטימונג. האָט דאָס לעבן געגעבן רעכט מיר אָדער די אַנדערע?

# צימערוואלד אין קראנשטאט

די באַדינגונגען אויפן פראָנט אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די באַציאונגען צווישן די סאָציאַל-פּאַטריאָטן און די צימערוואַלדיאַנער האָבן זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט. די מעגלעכקייט פון אַ רוסישער אָפענסיווע איז אַלץ נענטער געוואָרן. די פּאָליטיק פון די הערשנדיקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איז געוואָרן אַלץ דערשטוינלעכער און אָפּשטויסנדיקער, ס'איז אַלץ בולטער געוואָרן, אַז מיט דער אַנטאַנט פילן זיי זיך סאָלידאַרישער ווי מיט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקסשיכטן און שוין אָפּגערעדט, ווי מיט די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. כ'האָב זיך געפילט אַלץ פרעמדער, כ'האָב קיינמאָל נישט געשפירט דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו דערנענטערן זיך צו די הערשנדיקע פּאַרטייען. און נאָר זעלטן, ווען ס'איז שוין אוממעגלעך געווען דאָס אויסצומיידן, פלעג איך גיין גאַנץ אָפיציעל אין טאַורישן פּאַלאַץ, אין ראַט. איצט איז אויך געקומען צו אַ פערזענלעכער פאַרפרעמדונג.

אין שייכות מיט אַן עווענטועלער אָפענסיווע און כדי צו שטערן דער שלום-אַקציע פון די צימערוואַלדיאַנער, האָבן צו יענער צייט אָנגעהויבן באַזוכן רוסלאַנד אַ סך אַנטאַנט-סאָציאַליסטן. זייערע באַציאונגען צו די הערשנדיקע פּאַרטייען זענען דורך זיי געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון אַנטאַנט-אימפּעריאַליזם: אַזוי, למשל, האָבן טהאָמאַס, קאַשען, דע ברוקער, הענדערסאָן, וואַנדערוועלדע באַזוכט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד מיט אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע.

ווען איך האָב אייניקע פון זיי צופעליק באַגעגנט אויף דער גאַס, האָב איך צו זיי געשפּירט בלויז האַס, די סאָלידאַריטעט, וועלכע האָט אַמאָל געהערשט צווישן אונז אַלס קאַמפּס-חברים, איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן צוליב זייער שטעלונג צום קריג און דער שענדלעכער מיסיע, וועלכע זיי האָבן דערפילט אין רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז אויך איטאַליענישע שלוחים זענען געקומען קיין פּעטראָגראַד, אָבער צום כבוד פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטן מוז געזאָגט ווערן, אַז צווישן זיי האָט זיך נישט געפונען קיין איין-איינציקער פּאַרטיי-מיטגליד. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון דעם רעפּובליקאַנישן דעפּוטאַט ט ש י ע ז אַ, פון געוועזענעם סינדיקאַליסט, סאָציאַליסט און מיניסטער פון דער מאָנאַרכיע אַ ר ט ו ר אָ ל אַ ב ר י אָ ל אַ , וועלכער האָט שוין פון לאַנג נישט געהערט צו דער פּאַרטיי, און ד ז ש י אָ ו אַ נ י ל ע ר ד אַ, וואָס האָט נאָך דעם קאָנגרעס פון רעדזשיאָ עמיליאַ געדאַרפט אויסקלייבן צווישן פּריימוירעריי און פּאַרטיי און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ערשטער. די אַנטאַנטפּרעסע און צוזאַמען מיט איר אויך די רוסישע בירגערלעכע פּרעסע האָט געשריבן — דער צוועק איז געווען צו דורכזיכטיק, — אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן סאָציאַליסטן! נאָכדעם ווי איך בין אַרויסגעטראָטן אין דער אַרבעטער-פּרעסע און אין גאָרקיס „נאָוואַיאַ זשיזן“ קעגן דערדאָזיקער רכילות לגבי דער איטאַליענישער פּאַרטיי, בין איך אַוועק מיטן זעלבן צוועק אויך אין ראַט. און דאָ איז מיר מער ווי ווען נישט איז קלאָרער געוואָרן די נשמה-קרובהשאַפט צווישן רוסלאַנדס פּאַטריאָטישע סאָציאַליסטן און די אַנטאַנט-עמיסאַרן. אין אַלגעמיין האָט מען געשפּירט אַ געוויסן אומצוטרוי צו צימערוואַלד אפילו אין די זעלנער-קרייזן און אפשר אויך אין רעגירונגס-טרייע אַרבעטער-קרייזן. מ'האָט מיט גרויס התמדה געשאַפן שטימונג פאַר דער אָפענסיווע און קעגן צימערוואַלד.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיר גרים מיטגעטיילט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער צימערוואַלד-אָרגאַניזאַציע אָפּצוהאַלטן אין קראָנשטאַט אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג. באַבראָוו, דער פירער פון די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט זיך

באַזונדערס שטאַרק איינגעשטעלט דערפאַר. היות די איינלאַדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע איז נישט געווענדט געווען צו מיר ריין־פּערזענלעך, האָב איך גע־מוזט גובר זיין די חששים, וועלכע איך האָב געהאַט ביי טראָצ־קיס איינלאַדונג, און היינטיקס מאָל זי אָננעמען.

די פּעטראָגראַדער גאַסן זענען כּמעט געווען ליידיק און אינגאַנצן פּוסט איז געווען די שיף, וואָס האָט אונז געדאַרפט אריבערפירן קיין קראָנשטאַט. דער הימל איז געווען גרוי... די צוויי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען אונז געקומען נעמען, האָבן זיך גאָר שטאַרק געפרייט מיט דער פאָרשטייענ־דיקער מאַניפעסטאַציע. אין קראָנשטאַט גופא האָבן אונז מקבל פּנים געווען צאָלרייכע דעלעגאַציעס מיט רויט־גליענדיקע פאָ־נען און בלומענפאַרפּוצטע אויטאָמאָבילן. איך האָב באַמערקט אַז צווישן די דעלעגאַציעס האָבן לגמרי געפעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. וואַרשיינלעך — אַזוי האָב איך זיך דאָס דער־קלערט לאחר המעשה — האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ פּראַקציע־אינטריגע אָדער וועגן אַ פאַרמעסטונג פון די צוויי אַנטשיידנדיקע פּאַרטייען: די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און די באָלשעוויקעס. די לעצטע האָבן דערקלערט זייער אָפּוועזנהייט ביים וואָקזאַל מיט אַ קלאַנג. מ'האָט געשמועסט: קיין קראָנ־שטאַט וועלן קומען מיט גרימען די עמיסאַרן פון אָפיציעלן איטאַליען. ווען איך האָב אין דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון די ראַטן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער איך האָב באַ־רירט די שטעלונג פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטן צום קריג און צום רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד בין איך איבערגעריסן גע־וואָרן דורך מינוטנלאַנגע שטורמישע בראַוואָ־פּאַטשערייען. די פאָרשטייער פון די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַנטשולדיקט און דערקלערט, אַז מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ טעות.

פון ראַט זענען מיר דורך אַלע ראַטמיטגלידער באַגלייט געוואָרן צום מיטינג, אין וועלכן עס האָט אנטייל גענומען די גאַנצע באַפעלקערונג. און אַנטשיידנדיק זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די מאַטראָסן. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ ריזיק־גרויסן רייטזאַל, דער טויזנטקעפּיקער המון איז געווען ענג צוזאַמענגעפּרעסט, דער לאָקאַל האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה

מיט זיין איבערגעפולטקייט. אויסלענדישע רעדנער! לעבעדיקע פאָרשטייער פון יענעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מיסטישע פאָרשטעלונג אין די מאַסן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט צו נייע האָפנונגען. שוין אויף דער נסיעה קיין קראָנשטאַט האָבן מיר געהאַט באַשלאָסן, אַז גרים זאָל רעדן וועגן צימערוואַלד, דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער אוסטינאָוו זאָל איבערזעצן זיין רעדע און איך וועל האַלטן צום סוף אַן אַלגעמיינע רעדע. וואָס ווייטער גרים האָט גערעדט, און וואָס מער איך האָב געזען די באַגייסטערטע בליקן, מיט וועלכע מען האָט באַגלייט זיינע געדאַנקען, הגם מען האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, אַלץ אינטענסיווער האָט מיך באַשעפטיקט די פראַגע: צי האָט דען בכלל אַ זין צו האַלטן רעדעס אין אַזאַ אַטמאָספער? ענלעכעס פלעג איך אָפטמאָל שפּירן אין איטאַליע, ווען אַ עלעקטריזירטע מאַסע, וואָס געפינט זיך אויף דער העכסטער שטופע פון באַגייסטערונג, פלעגט מיך צווינגען צו רעדן. „זאָל זיין כאָטש אַ פּאָר ווערטער — מיר ווילן דיך הערן. דו מוזט רעדן", פלעגן שטורמיש פאָדערן די חברים, וועלכע פלעגן דערקלערן מיין אָפּזאָג מיט פיזישער פאַרמאַטערטקייט. איך האָב זיך אָבער קיינמאָל נישט געלאָזט איבעררעדן און פלעג תמיד זיך באַמיען אויפצוקלערן, אַז אַ סאָציאַליסטישער רעדנער דאַרף אַרויסטרעטן בלויז דאַן, ווען ער האָט צו זאָגן עפּעס ערנסטעס, נויטווענדיקעס. אין קראָנשטאַט האָט מיך דאָסדאָזיקע געפיל אַרומגענומען נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס, ווייל דורך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, דורך דער שפּאַנונג פון דער סאָציאַלער אַטמאָספער, דורך דער פיזישער אַטמאָספער אפילו, וואָס האָט געהערשט אויף דעם מיטינג, זענען די צוהערער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אַזאַ עקסטאַז, אַז זיי האָבן גאָרנישט געקענט אויפנעמען, שוין אָפּגערעדט וועגן באַציען זיך קריטיש צו דאָס געהערטע. אַלץ, וואָס כ'וואָלט געקענט זאָגן, וואָלט מער נישט ווי פאַרגרעסערט דעם עקסטאַז.

איך האָב צוּוויסן געטאָן דעם פּרעזידיום, ער זאָל שליסן די פאַרזאַמלונג תיכף נאָכן פאַרענדיקן די איבערזעצונג פון גרימס רעדע. ווען מיר זענען געגאַנגען צום אַרויסגאַנג און-

טער כסדר פונסניי אויסברעכנדיקע בראַוואָ-פּאַטשערייען, איז דאָס דורכגיין אָנגעקומען מיט גרויס מי. טויזנטער מענטשן זענען געבליבן שטיין אין לאָקאַל: ווי דאָס קומט אָפּט פאָר אין אַזעלכע און ענלעכע פאַלן, האָבן זיי געוואָלט זען די רעד־נער און ערשט נאָך זיי פאַרלאָזן דעם לאָקאַל. די היץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, דאָס מען ווערט דערשטיקט, דער פאַרלאַנג זיך פריי צו באַוועגן איז געווען אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל, די לאַגע האָט באמת געשמעקט מיט סכנת נפשות. מיטאַמאָל איז אַ פּאָר חברים איינגעפאַלן מיך אַרויסצוטראָגן פון לאָקאַל. ווי נאָר זיי האָבן דאָס פּרוּ־בירט צו טאָן, האָבן זיך הונדערטער הענט אויסגעצויגן צו מיר און מיך אויפגעהויבן אַלץ העכער אין דער לופט. ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעקומען פון לאָקאַל האָט זיך געבילדעט אַ קייט פון אומצייליקע פּראָלעטאַרישע הענט, כדי אונז צו שיצן פאַר דעם מענטשנהמון, וואָס האָט אַלץ מער און מער צוזאַמענגעשטראָמט. איך האָב געפילט, אַז מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם. איך בין געווען אַ סך נענטער דערשטיקט צו ווערן ווי פריער, דאָס איז געווען אַ מין קאָשמאַר, פון וועלכן כ׳האָב זיך נישט געקענט באַפרייען. ביסלעכווייז איז מיר געקומען צום באַוווסטזיין, אַז מען טראָגט מיך אין טריאומף־צוג און דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין איז נאָך קלאָרער געוואָרן, ווען איך האָב דערזען גרימען, וועלכער האָט זיך געפונען אין דערזעל־בער לאַגע, ווי איך. פּראָטעסטירן, בעטן, זיך ווערן, דאָס אַלץ וואָלט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם עקסטאַז, וואָלט מיך נאָך מער אויפגעהויבן אין די אויגן פון דידאָזיקע מאַסן. איך האָב געקענט נאָר שווייגן, זיך איבערענטפערן מיין גורל; ווען איך האָב דערזען אין דער נאָענט אַ באַקאַנט געזיכט, דעם באָלשעוויסטישן חבר, וואָס האָט גענומען אין ראַט דאָס וואָרט גלייך נאָך מיין רעדע, האָב איך שטיל געזאָגט צו אים: „חבר ראַפּשאַל, זייט זיך מרחם, באַפרייט מיך!" זיין ענטפער האָט מיר באַוויזן, ווי צוועקלאָז עס וואָלטן געווען אַלע בקשות: „צוואַנציק יאָר לאַנג האָט חברטע באַלאַבאַנאָוו געאַרבעט פאַר אונזער באַפרייאונג", האָט ער געזאָגט אין אַ פּשוטן, זעלבסט־פאַרשטענדלעכן טאָן, „איצט זאָל דער קראַנשטאַטער פּראָלע־

טאַריאַט טראָגן אויף די הענט די חברטע באַלאַבאַנאָוו". דאָס האָט מן הסתם געדויערט אַ פינף מינוט, ביז מען האָט אונז געבראַכט צום שיף, אָבער אין משך פון דערדאָזיקער קורצער צייט, וואָס איז מיר פאָרגעקומען אומענדלעך, האָב איך געלאָזט ווירקן אויף זיך די גאַנצע טראַגעדיע פון רוסישן פאָלק — פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל.

אָט זענען מיר, די אינטעלעקטועלע, וואָס ווערן פאַרגעטערט אַפילו פון די מורדישע מאַסן, וועלכע רינגלען אונז אַרום מיט אַ הייליקן-שיין. זיי, די נאָמענלאָזע און הכנעהדיקע, טראָגן אונז אויף זייערע אַקסלען, הייבן אונז אויף, פאַרשאַפן אונז לופט און זון אין שוויס פון זייער פנים, און וואָס גרעסער עס איז דער מרחק צווישן זומפּ, אין וועלכן זיי זינקען, און די הויכן, אויף וועלכע זיי הייבן אונז אויף, אַלץ מער פרייען זיי זיך. אויף דער צוריקרייזע קיין פעטראָגראַד בין איך געווען אינגאַנצן שטום. איך האָב נישט געקענט טיילן די באַגייסטערונג פון מיטינג-איינאָרדנער... כ'האָב זיי אויך נישט געוואָלט פאַראומערן... די נעוואַ איז מיר פאָרגעקומען נאָך גראָער ווי אינדערפרי, די כוואַליעס האָבן גערוישט אין זעלבן רואיקן טעמפּ, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אינדערפרי. די רו, די שטילקייט, די אומבאַוועגלעכקייט זענען געווען פייערלעך און גלייכצייטיק האָבן זיי געקלעמט דאָס האַרץ. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די שטאָלצע געביידעס, די דענקמעלער, די ליידיקע פעטערפאַוולאָווער פעסטונג באַטראַכטן אונזער קליינע שיף מיט אירע עטלעכע פאַסאַזשירן פון אויבן אַראָפּ. אַך, ווי שטיקנדיק-הייס עס איז געווען! כ'האָב געמוזט אָנטאָן אַ דיקן מאַנטל: פון די פיל הענט, וואָס האָבן מיך געטראָגן, איז מיין קלייד צעריסן געווען אויף פיץ-פיצלעך...

# גרימס דיפּלאָמאַטישער עקספּערימענט

גרים און איך זענען מיר אַוועק אין טאַורישן פּאַלאַץ אויף עפּעס אַ באַראַטונג. ווען איך האָב דערזען צערעטעלין, וועלכער איז דאַמאָלס געווען פּאָסט- און טעלעגראַף-מיניסטער, האָב איך געוואָלט פרעגן, ווי אַזוי איך קען איבערשיקן בריוו און אַרטיקלען אויפן דירעקטסטן וועג צו דער איטאַליענישער פּאַרטיי. ער האָט מיר געענטפערט גאַנץ אויפגערעגט, אַז ער האָט צו ריידן עפּעס זייער וויכטיקס מיטן חבר גרים, מיט וועלכן ער האָט פאַרפירט אַ שמועס. ביי מיר האָט דאָס קיין שום חשד נישט אַרויסגערופן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז גרים האָט נישט איינמאָל געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן.

„אַנדזשעליקא, זייט אַזוי גוט, קומט מאָרגן פרי צו מיר אין האָטעל, אויך אייניקע אַנדערע חברים וועלן קומען אויף אַ באַראַטונג", האט גרים געזאָגט, ווען מיר האָבן אין אַ שטיקל צייט אַרום פאַרלאָזן דעם טאַורישן פּאַלאַץ.

„וועגן וואָס האַנדלט זיך אייגנטלעך?" האָב איך געפרעגט. „קיין שום וויכטיקעס. ווידעראַמאָל אַ צייטונגס-קאַטשקע. מען פאַרזיכערט, אַז איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַר אַ סעפּעראַטן ש/ום, איך זאָל ערגיץ-ווו האָבן געשיקט אַ דעפּעשע, איצט פאַרלאַנגט פון מיר צערעטעלי אַ שריפטלעכע דערקלערונג".

געוווינט צו אַ סך ערגערע אינסינואַציעס, בין איך אַ סך מער דערשטוינט געווען פון דער צווייטער ווי פון דער ערשטער טייל ידיעה.

אויפֿן צווייטן טאָג אינדערפֿרי האָב איך ביי גרימען געטראָפֿן ראַקאָווסקין, לאַפּינסקין, מאַרטאָוון און נאָך אייניקע צימערוואַלדיאַנער. גרים האָט איבערגעחזרט וואָס ער האָט מיר שוין נעכטן געהאַט געזאָגט, און האָט אונז פֿאָרגעלייגט אַ שריפֿטלעכן דאָקומענט. די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן געפֿאָדערט פֿון גרימען, ער זאָל דערקלערן, אַז דערדאָזיקער קלאַנג איז אַ פּראָוואָקאַציע מצד דער דייטשער רעגירונג און אַ נייטראַליטעט-ברוך מצד דער שווייצאַרישער רעגירונג. מ'האָט געשמועסט, אַז גרים האָט זיך דורך די שווייצאַרישע דיפּלאָמאַטן געווענדט צו דער דייטשער רעגירונג, כדי צו וויסן אירע שלום-באַדינגונגען. גרים האָט געהאַלט הערן אונזער מיינונג, ווי ער זאָל האַנדלען. די פֿאָדערונג פֿון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן איז אונז פֿאָרגעקומען אַזוי אומדערהערט, אַז יעדער איינער פֿון אונז האָט געענטפֿערט — נישט האַלטנדיק פֿאַר נויטיק זיך צו באַראַטן — אַז דער איינציקער מעגלעכער ענטפֿער אויף איר איז — זי אָפּצוּוואַרפֿן. פּאַוול אַקסעלראָד, וועלכער האָט געוויילט ביי אַ שווער קראַנקער טאָכטער, איז דורך די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן אינפֿאָרמירט געוואָרן וועגן די געשעענישן און איז געווען אויסער זיך פֿון זייער פֿאָדערונג. גרים איז אַוועק צו אים אין וווינונג, כדי צו גיין אין זיין באַגלייטונג צום סאָציאַל-דעמאָקראַטישן מיניסטער. אינאָוונט האָבן מיר זיך אַלע געדאַרפֿט טרעפֿן, כדי זיך צו דערוויסן דעם רעזולטאַט פֿון שמועס. קיינער פֿון אונז האָט זיך נישט געמאַכט קיין זאָרג: אַזאַ נאַרישקייט, זאָלן זיך די מיניסטאָרן זאָרגן, אויב זיי לאָזן זיך אַרומפֿירן פֿאַר די נעזער דורך דער אַנטאַנט-פּרעסע. — — —

גראָד אין יענעם טאָג איז אין פּעטראָגראַד פֿאָרגעקומען דער ערשטער קאָנגרעס פֿון די אַרבעטער-און זעלנער-ראַטן. אין ענגן קאָרידאָר פֿון דער געוועזענער קאַדעטנשולע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף פּלעכאַנאָוון, וועלכער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט מיט אַ עגבערדיקן בליק, און זיין פֿרוי. אין זייער געזעלשאַפֿט האָט זיך אויך געפֿונען מיינע אַ באַפֿריינדעטע סאָציאַל-דעמאָקראַטין, פּלעכאַנאָווס אַ באַגייסטערטע שילערין, וועלכע האָט אויך געטיילט זיין אַנטאַנט-פֿריינטלעכע

שטעלונג צום קריג. קיינער פון זיי האָט מיך נישט געוואָלט גריסן. פלעכאַנאָווס צייטונג „יעדינסטוואָ" האָט פּאַראייגנט נישט איין אינסוניאַציע וועגן צימערוואַלדס „דייטשפריינטלעכע" שטעלונג, פלעכאַנאָוו האָט אונז פיינט געהאַט מיט דערזעלבער ליידנשאַפט, מיט וועלכער ער איז איצט אַרויסגעטראָטן פאַר דער אַנטאַנט, און מיט וועלכער ער — גראָד ער—האָט אונז געלערנט צו פאַרשטיין און צו פאַרשפּרייטן די דייטשע פילאָזאָפיע, דעם דייטשן סאָציאַליזם. ווען איך בין אַריינגעקומען אויפן קאָנגרעס, האָט גראָד גערעדט אַ באָלשעוויק; זיינע אינטערנאַציאָנאַליסטישע אויספירן האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ הילכיקן ווידערשפרוך ביי דער גרויסער מערהייט דעלעגאַטן. נאָך אים איז חבר ריאַזאַנאָוו אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָנגריף אויף קערענסקין און די איבעריקע אָנהענגער פון דער אָפענסיווע. נאָר אַ דאַנק זיין שטאַרקער שטימע האָט מען, נישט געקוקט אויפן שטאַרק „סיקען", געקענט הערן זיינע ווערטער. בלויז אַ קליינע צאָל דעלעגאַטן איז מסכים געווען מיט אים. היות אויך איך האָב דאָס געטאָן, האָט מיר איינער אַן אומבאַקאַנטער דעלעגאַט געזאָגט: „זייט מוחל, זעצט זיך איבער צו די באָלשעוויקעס. איר פּאַסט נישט אַהער", — „וואָס מיינט איר", האָב איך געענטפערט, „ווער זיצט דען דאָ?" — „די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן", האָב איך באַקומען אַ האַרטן ענטפער. דאָס איז געווען די שטימונג, וועלכע האָט דאַן געהערשט אין די אַרבעטער-און זעלנער-ראַטן!...

גרים האָט שוין געוואַרט אויף אונז אין רעסטאָראַן. מיר און אַלע איבעריקע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז זיין אויסזען און זיין שטימונג האָבן זיך געבעסערט. אַלע האָבן מיר דעריבער געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מיניסטאָרן האָבן צוריקגעצויגן זייער פאָדערונג און דער ענין איז דערלידיקט.

„איר ווייסט שוין?" האָט אונז אַלע גרים געפרעגט. נאָך איידער מיר האָבן געקענט באַווייזן ענטפערן אויף זיין פראַגע, איז פון זיינע ליפן געפאַלן די אומגלויבלעכע ידיעה:

„מען שיקט מיך אַרויס פון לאַנד".

ווי געטראָפן פון אַ בליץ האָבן מיר אַלע אויסגעשריגן:

„דעם סעקרעטאַר פון ציממערוואַלד שיקט מען אַרויס פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד מיטן הסכם פון סאָציאַליסטישע רעגירונגס-מיטגלידער?" דאָס איז געווען מער, ווי מיר האָבן געקענט באַגרייפן. דער רואיקסטער צווישן אונז איז געווען ג ר י ם. ערשט שפּעטער איז מיר איינגעפאַלן, אַז פאַר אים, וואָס האָט ג ע וו ו ס ט דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אוממעגלעך, איז דידאָזיקע לייזונג פון דער פראַגע געווען אַ דערלייזונג. צום מיינסטן איז געווען איבערראַשט פּאַול אַקסעלראָד, זיינע שילער און פראַקציע-פריינט האָבן זיך אַזוי קאָמפּראָמיטירט! גרים האָט דערציילט, אַז מ'האָט אים געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל פאַרלאָזן פּעטראָגראַד אויף צומאָרגנס, 6 אַזייגער אינדערפרי. דער פּרעזידיום פון אַרבעטערראַט, טשכעאידזע, וועט אים צושיקן דעם פּאַס און דעם רייזעבילעט אין האָטעל.

פאָראויסזעענדיק די העצע, וועלכע די פּרעסע וועט אויפהויבן, כדי צו באַרעכטיקן דעמדאָזיקן אומדערהערטן פאַל, האָב איך געזאָגט: „עמיצער מוז גרימען באַגלייטן צו דער גרענעץ — אַנישט וועט אים די אויפגעהעצטע באַפעלקערונג לינטשן". אַלע זענען מסכים געווען מיט מיר און איצט איז נויטיק געווען צו געפינען תיכף, ביינאַכט, אַ פּאַסיקן באַגלייטער, וועלכער זאָל תיכף קענען באַקומען די נויטיקע פּאַפּירן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן חבר גרעגאָר ב י נ ש ט אָ ק, אַן איינפלוסרייכן מיטגליד פון אַרבעטער-ראַט, אַן אָפיציר, מענשעוויק, אינטערנאַציאָנאַליסט. צופעליק האָב איך געוווּסט, וווּ ער וווינט און כ'בין אַוועק צו אים צוזאַמען מיטן חבר לאַפּינסקי. גרים האָט מיט מיר אָפּגערעדט, אַז פאַרן אָפּגיין פון צוג זאָלן מיר זיך טרעפן אויפן וואָקזאַל, וווּ ער וועט מיר איבערגעבן ציממערוואַלדס דאָקומענטן און די „קאַסע".

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן האָט אויף נעווסקי פּראָספּעקט געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. מאַרטאָוו און אַקסעלראָד האָבן גרימען באַגלייט אין האָטעל אַריין. ווען זיי זענען שוין געווען גאַנץ ווייט פון אונז האָבן מיר נאָך געהערט דעם ריטם פון זייערע טריט, דעם אָפּקלאַנג פון די דייטשע ווערטער... איידער מיר האָבן זיך צעשיידט, האָט

חבר לאַפּינסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט דורך אַ באַזונדערן שאַרפזין, אָנגענומען גרימען פאַרן אָרעם און אים געפרעגט: „זאָגט אונז, גרים, איז טאַקע באמת אַלץ אויסגעטראַכט?" „איך גיב אייך מיין וואָרט..."

ווען מיר האָבן דעם חבר בינשטאָק דערקלערט דעם צוועק פון אונזער באַזוך, האָט ער אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו באַגלייטן גרימען צו דער גרענעץ, הגם דער חבר, ביי וועלכן ער האָט געוווינט, דער געוועזענער מענשעוויק, און איצט דער הייסער קאָמוניסט, לאַרין, וועלכער האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט דורך זיין זעלבשטענדיקן, אָפּטמאָל פּאַראַדאָקסאַלן דענקען און דער עיקר דורך גרויסן מוט, איז געווען קעגן דאָזיקן פּלאַן. גרים זאָל זיך נישט לאָזן אַרויספירן, דאָס אַרויספירן אים איז אַ פּראָוואָקאַציע לגבי דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט, און זי וועט פאַרשאַפן גרימען דאָס אַזילרעכט. „ברענגט אים נאָר אַהער. איך וועל זאָרגן דערפאַר, אַז מאָרגן זאָלן אים דאָ באַוואַכן פינף טויזנט אַרבעטער פון וואַסיליעווסקי אָסטראָוו".

קעגן דערדאָזיקער אַרגומענטאַציע האָט מען גאָרנישט געקענט איינווענדן. איך הסכם מיט איר האָט בינשטאָק געזאָלט פאָרן נאָך גרימען, אָבער נישט, כדי צו באַגלייטן אים צו דער גרעניץ... פּלוצלונג — צי איז אין דעם שולדיק געווען לאַפּינסקיס פראַגע אָדער עפּעס אַנדערעס — איז אין מיר אויפגעשוווּמען אַ צווייפל. ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אינערלעכע אומרואיקייט, וואָס איך בין נישט אימשטאַנד געווען נישט צו דערקלערן נישט צו באַהערשן. עס זענען מיר געקומען אין זכרון אַזויפיל פּרטים פון גרימס האַלטונג, זיין שמערצלעכער אויסזען, זיין נערוועזיטעט. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען — צימערוואַלד. דער צווייטער—די איטאַליענישע פּאַרטיי. איך האָב געוווּסט, מיט וואָסער דעמאַגאָגיע מען וועט אויסנוצן אַלץ, וואָס קען העלפן זי אַרויסצושטעלן אין אַ פאַלשן ליכט. זי איז געווען די שפּעררין און די הויפּטשטיצע פון צימערוואַלד, איך, גרימס נאָנטסטע קאַמפסחברטע, בין געווען אַ מיטגליד פון איטאַליענישן פּאַרטיי-קאָמיטעט. דערביי בין איך געווען לחלוטין אָפּגעשניטן פון מיינע חברים, וועלכע

צענזור וועט דורכלאָזן מיינעם אַ באַריכט? נאָר דער, ווער עס האָט געהאַט צו קעמפן קעגן אַ וועלט מיט מעכטיקע פיינט, וועט זיך קענען פאָרשטעלן די פּיין, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענער נאַכט.

זעקס אַזייגער האָט דער צוג געדאַרפט אָפּגיין, דאָס הייסט, אַז אַרום זעקס האָט גרים מיט בינשטאָקן געדאַרפט פאַרלאָזן דעם האָטעל, כּדי צו קומען צו אונז — אָבער עס איז שוין געווען זיבן, אַכט און ניין אַזייגער און קיינער איז נישט געקומען. הייסט עס, אַז מיט גרימען איז עפּעס געשען, מען האָט אים דערקענט, געלינטשט... נאָך ניין אַזייגער איז געקומען בינשטאָק אַליין: גרים איז גרייט געווען צו בלייבן אין פּעטראָגראַד, ווען ער האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז די צייטונגען האָבן מודיע געווען וועגן זיין אַרויסשיקונג, האָט ער שוין נישט געוואָלט בלייבן. מיט דידאָזיקע ווערטער האָט מיר בינשטאָק איבערגעגעבן צימערוואַלדס מאָגערן אַרכיוו, אַ פּאָר פּראָטאָקאָלן און אַ פּאָר הונדערט רובל, וועלכע זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג פאַר צימערוואַלד.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיטואַציע, וועלכע די געוואַגטסטע פאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אָבער ליידער איז זי אויטענטיש. די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבן געמאָלדן וועגן דער דעפּעשע פון „באַקאַנטן דייטשישן שפּיאָן" גרים, וואָס האָט געבראַכט צו זיין אַרויסשיקונג. די רוסישע צייטונגען האָבן געיובלט פון שאָדנפרייד: „צי דען האָבן מיר דאָס נישט פאָראויסגעזאָגט? דאָס איז צימערוואַלד, פּלאָמבירטע וואַגאָנעס, שלום-פּראָפּאַגאַנדע!" אין יעדער פּאָליטישער און סענסאַציע-צייטונג האָט מען געקענט לייענען מיט ריזיקע אותיות: „די שפּיאָנאַזש געזעלשאַפט גרים און שותּפים". אונטער „שותּפים" האָט מען געמיינט אונז, זיינע נאָנטסטע מיטאַרבעטער, און קודם-כּל מיך. די צאָל פון גרימס פּאַרטיידיקער איז שרעקלעך צוזאַמענגעשמאָלצן. די מערהייט מענשעוויקעס האָבן זיך דערקלערט סאָלידאַריש מיט זייערע חברים צערעטעלי און סקאָבעלעוו, די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן מיט טשערנאָוו. בלויז די ווייניקע אינטערנאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן גרימען אויך געקענט פּערזענלעך, זענען געווען אויף זיין זייט,

זיי האָבן טאָג-טעגלעך איינגעאָרדנט פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס האָבן גערעדט ראַקאָווסקי, מאַרטאָוו און אַנד. די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גרימען נישט געקענט ליידן צוליב פראַקציאָנעלע טעמים, האָבן אים פאַרלאָזט אין זיין עת צרה. זייער צייטונג, די „פּראַוודאַ", האָט געגעבן אָנצוהערן צווישן די שורות, אַז ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז גרים איז אַריינגעטרעטן אין פאַרבינדונג מיט דער דייטשער דיפּלאָמאַטיע. דערווייל זענען יעדן טאָג אָנגעקומען אַלץ נייע פּרטים וועגן אינהאַלט פון דער דעפּעשע. אין די טראַמווייען, אויף דער גאַס, אין די פּריוואַטע הייזער האָט מען גערעדט נאָר וועגן גרימען און זיין „געזעלשאַפט". באַזונדערס פיינלעך איז מיר געווען, ווען איך פלעג הערן ווי פּראָלעטאַריער אָדער זעלנער רעדן וועגן דעם „שפּיאָנאזש". גלייכצייטיק אָבער זענען פון שעה צו שעה געוואַקסן מיינע ספקות און מיינע אַנונגען. אַז גרים איז אומפעאיק צו באַגיין אַ נידערטרעכטיקייט האָב איך געוווסט, אָבער עפּעס איז דאָך געשען. יעדנפאַלס האָט ער אונז געזאָגט אַ ליגן. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע.

נאָכדעם ווי עס זענען אויפגעקומען אין מיר אַזעלכע ספקות, האָב איך שוין נישט געקענט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען. איך וואָלט געמוזט זאָגן זאַכן, אין וועלכע כ'האָב נישט געגלויבט. און דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט.

גרימס אָנגעלעגנהייט האָט געזאָלט באַהאַנדלט ווערן דורכן ראַטנקאָנגרעס. די אינטערנאַציאָנאַליסטישע מיטגלידער פון דאָזיקן ראַטנקאָנגרעס האָבן געוואָלט אָנגרייפן באַזונדערס העפטיק צערעטעלין און סקאָבעלעוון, זיי האָבן געוואָלט שטעלן צו אָפּשטימונג אַן אומצוטרוי-וואָטום קעגן זיי. פאַר דער עפנטלעכער זיצונג פון קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פראַקציע-זיצונג פון די מענשעוויקעס, די מיניסטאָרן זאָלן אָנגעקלאָגט און פאַרניכטעט ווערן דורך דער קריטיק פון זייערע פראַקציע-פריינט. היות איך בין נישט געווען קיין מענשעוויקין, האָב איך נישט געהאַט קיין צוטריט צו דער פראַקציע-זיצונג, און דאָס האָט מיך אינערלעך זייער געפרייט. איך האָב געפילט, אַז כ'קען מער נישט באַשולדיקן די מיניסטאָרן אַזוי ווי איך וואָלט דאָס פריער געטאָן. עס זאָל האָבן געווען זייער

אַ שטורמישע זיצונג. אַקסעלראָד, שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן די מיניסטאָרן, שטאַרק סאָלידאַריש מיטן אַרויסגעשיקטן, זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער אידענטיפיצירט זיך מיט גרימען; גלויבן אין דער דעפּעשע, וואָלט געהייסן אַזוי גוט ווי אים, אַקסעל־ראָדן, צו האַלטן פאַרן שולדיקן אין דעם...

אין דער עפנטלעכער זיצונג האָט צערעטעלי אונטער־שטיצט זיין באַשולדיקונג און די אַרויסשיקונג. קערענסקי האָט דערקלערט מיט קאָמעדיאַנטישן פּאַטאָס, ווענדנדיק זיך צו דעם אויסערסטן לינקן פליגל: „איר ווילט נישט קיין אָפענזיווע, איר ווילט די פאַרברידערונג און דעם וואַפנשטילשטאַנד, אָבער די דייטשן שיקן צו אונז שפּיאָנען מיט פאָרשלאַגן וועגן אַ סע־פּאַראַטן שלום!..״

דעמזעלבן אָוונט האָט ראַקאָווסקי געזאָלט רעדן אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן גרימס אַרויסשיקונג. גראָד ראַקאָווסקי האָט אין דאָזיקן פאַל אַרויסגעוויזן גרויס מוט און אַדעליקע סאָלידאַריטעט. איז ער אַליין דאָך אויך געווען אַ „געדולדע־טער אויסלענדער״, וואָס איז זייט דעם אויסברוך פון קריג געווען דער ציל פאַר די געמיינסטע רכילותן. די אַפּערע גרים האָט געגאָסן אויפן פייער ניי, געוווּנשן בוימאייל, פּאַנאַנדער־געבלאָזן די העצע קעגן ראַקאָווסקין, מיטן אויסרייד, אַז ער, וואָס ער האָט געאיילט קיין רוסלאַנד נאָך זיין באַפרייאונג פון דער רומענישער תּפיסה, מיספּרויכט מיט דער רוסישער גאַסט־פריינטשאַפט. דידאָזיקע העצע, ווי אויך אונזער פערזענלעכע פריינטשאַפט, וואָס איז אַנטשטאַנען דורך אַ לאַנגיאָריקער צו־זאַמענאַרבעט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָבן מיך באַוועגט צו באַזוכן אָפט ראַקאָווסקין. אויך דעמדאָזיקן אָוונט האָב איך אים געוואָלט באַגלייטן צו דער פאַרזאַמלונג. אַ באַגייסטערטער חבר האָט זיך פאַראייניקט צו אונז און האָט צוגענומען ביי מיר די געלעגנהייט דורכצושמועסן זיך מיט ראַקאָווסקין... „סאַראַ אויסוורפן אונזערע מיניסטאָרן זענען״, האָט געזאָגט אונזער באַגלייטער, „ווי אַזוי האָבן זיי גאָר גע־קענט אויסטראַכטן די געשיכטע מיט דער דעפּעשע. צי דען וואָלט חבר גרים פעאיק געווען צו טאָן עפּעס ענלעכס?״ דער סוף פון זיינע ווערטער איז פאַרשריגן געוואָרן דורך אַ

ציימונגס-יינגל: „עקסטרא-צייטונג! אויטענטישער טעקסט פון דעם שפיאָן גרימס דעפעשע צו דער דייטשער רעגירונג. פאַר־שלאָגן פון אַ סעפּאַראַטן שלום!" ראַקאָווסקי האָט געקויפט די צייטונג...

„און נישט געקוקט אויף דעם וועט איר גיין צו דער פאַרזאַמלונג?"

„יאָ, אַנדזשעליקאַ, איך טו דאָס..."

ווי אַזוי גרים איז אייגנטלעך געפאַלן אויף דעם גע־דאַנק אַרויסצושיקן דידאָזיקע אומגליקלעכע דעפעשע, איז פון אים קיינער נישט דערגאַנגען. אויך שפּעטער האָב איך אים קיינמאָל נישט געשטעלט דידאָזיקע פראַגע, ווייל לגבי אַ באַ־זיגטן וואָלט זי מיר פאָרגעקומען גרויזאַם און נישט פיין. אַלס רעוואָלוציאָנער, אין פּוילן באַוווסטזיין פון זיג, איז גרים גע־קומען קיין רוסלאַנד אַלס פאַרקערפּערונג פון אייזערנעם פּראָ־לעטאַרישן ווילן אויפצובויען אַן אינטערנאַציאָנאַל, צו אַנט־וויקלען אַן אַקציע קעגן קריג, אימפּעריאַליזם, אָפּאָרטוניזם. אַלס געשלאָגענער in fragranti געכאַפּט ביי אַ נאַרישן ליגן, האָט ער געמוזט דאָס לאַנד פאַרלאָזן. דאָס שרעקלעכסטע איז פאַר מיר געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג מוט אָדער שטאָלץ זיך מודה צו זיין אין זיין טאַט און וואָס ער האָט מיסברויכט מיטן צוטרוי פון זיינע בעסטע פריינט, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן אַ גרענעצלאָזע סאָלידאַ־ריטעט.

איך האָב תמיד געגלויבט און כ'גלויב דאָס נאָך אויך איצט, אַז גרים איז געפאַלן אַלס קרבן פון זיין טעטיקייטס־דראַנג און פון אַ געוויסער גאווה, ווייל אין זיין פאָטערלאַנד און אין זיין פּאַרטיי האָט ער געשפּילט אַ גרויסע, כמעט אַ הערשער-ראָלע. ווי דאָס קומט אָפּט פאָר אין לעבן, האָט דער דערפאָלג צוגעמאַכט די אויגן פון זיינע מיטאַרבעטער אויף די מעטאָדן, וואָס האָבן געפירט צום דערפאָלג. ער האָט זיך צו־געוווינט צו שטעלן זיינע פּאַרטיי־חברים פאַר געשעענע פאַקטן, און היות די רעזולטאַטן זענען געווען גינסטיקע, האָט מען אים מוחל געווען זיינע נישט־דעמאָקראַטישע, נישט-קאָלעגיאַלע האַנדלונגען. דאָסזעלבע איז אָפּט געשען אויך אין דער צימ־

מערוואַלד-באַוועגונג, אויף וואָס איך האָב אים נישט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט. די סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן די אַפערע אין פעטראָגראַד איז וואַרשיינלעך געווען זיין איבערצייגונג, אַז דער תיכפדיקער שלום איז אומבאַדינגט נויטיק. ער האָט זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן אין דערדאָזיקער ריכטונג די איינצלנע מיניסטאָרן און פירער, ער האָט אויך געפירט אַ פראָפאַגאַנדע פאַרן וואָפנשטילשטאַנד. אַזוי ווי ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, האָט ער געוואָלט פרוּוון אויף אַ קליינבירגערלעכן, פערזענלעכן אופן, דורך אייגענער דיפלאָמאַטיע, איבערצוכיטרעווען די דיפלאָמאַטן און זיינע אייגענע פריינט. דער שלום מוז געשלאָסן ווערן. אָבער ביי וועלכע באַדינגונגען? אויף אַן אָפיציעלן וועג האָט מען דאָס נישט געקענט דערגרייכן, טאָ אויב אַזוי איז דורך אומוועגן, ווי מען געווינט אין דער פאַטריאַרכאַלישער שווייץ ביים בירטיש אַזויפיל קאָמפאַניעס. דער פאָרשטייער פון דער שווייץ אין רוסלאַנד, דער פראַנקאָפיל אָדיע, האָט מסתמא געהאַט נישט קיין קליינעם חלק אין דעם, וואָס דער „כיטרער" גרים איז געפאַלן אַלס קרבן פון די אַנטאַנט-אינטריגעס.

# צימערוואַלד אין שטאָקהאָלם

איצט האָט מען געמוזט זען שיצן צימערוואַלד פון די רעזולטאַטן פון גרימס אומפּאַראַנטוואָרטלעכן שריט. די צימערוואַלדיאַנער, וואָס האָבן געוויילט אין פּעטראָגראַד האָבן דערקלערט אין דער פּרעסע, אַז אויב גרים האָט באמת נעמאַכט דעם דיפּלאָמאַטישן שריט, וועלכן מ׳שרייבט אים צו, האָט ער איבערגעטראָטן זיינע פולמאַכטן אַלס מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע, און האָט געהאַנדלט אין שאַרפן קעגנזאַץ צו די צימערוואַלד-פּרינציפּן.

ווי נאָר גרים איז אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם האָט ער גלייך אַנידערגעלייגט זיין מאַנדאַט און ער האָט דאָס אונז טעלעגראַפיש מיטגעטיילט. די שוועדישע לינקע פּאַרטיי האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פּראָוויזאָריש אָנפירן מיט די אַרבעטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. דידאָזיקע קאָמיסיע האָט מיך אויפגעפאָדערט צו קומען תיכף קיין שטאָקהאָלם און פאַרבייטן גרימען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. דעמזעלבן באַשלוס האָבן אָנגענומען אויך די צימערוואַלדיאַנער, וואָס האָבן געוויילט אין פּעטראָגראַד.

מיט אַ שווער געמיט האָב איך זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס. נישט דערצו בין איך געקומען קיין פּעטראָגראַד, כדי עס תיכף ווידער צו פאַרלאָזן! אָבער דער ענין איז געווען אַ דרינגענדיקער. איך האָב דאָס איינגעזען בעסער פאַר אַלעמען. פיבערהאַפט איז צוגעגרייט געוואָרן די אַזויגערופע

נע שטאָקהאָלמער שלום־קאָנפערענץ, פיבערהאַפט איז געפירט געוואָרן די העצע קעגן ציממערוואַלד און קעגן דער איטאַליענישער פאַרטיי. עס האָט מיך געטריבן צו קומען מיט איר אין באַרירונג.

אומענדלעך מיפּול, דויערהאַפט און אומסימפּאַטיש זענען געווען די פאָרמאַליטעטן, וועלכע איך האָב געדאַרפט דורכמאַכן, כּדי צו באַקומען אַ רייזעפּאַס. טשערנאָוו, אַלס ציממערוואַלדיאַנער, האָט צוגעאײַלט די דויערהאַפטיקע פּראָצעדורן.

די נסיעה איז געווען אומאנגענעם, אַלע האָבן גערעדט וועגן גרימען, וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַוואַכן די גרעניצן קעגן דײַטשע שפּיאָנען. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גלײַכצײַטיק מיט מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין שטאָקהאָלם דרײַ מיטגלידער פון ראַט, אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ. מיר האָבן צווישן זיך נישט געהאַט קיין שום באַציאונגען, מיר האָבן זיך קוים געגריסט. אונטערוועגס און דער עיקר אויף דער גרעניץ זענען זיי באַהאַנדלט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון דער מעכטיקער טאָנגעבנדיקער מלוכה־אינסטיטוציע פון די ראַטן, און איך — אַלס „פאַרדעכטיקע" ציממערוואַלדיאַנערין. אויך אין שטאָקהאָלם האָבן זיי מקבּל פּנים געווען די פאָרשטייער פון אָפיציעלן סאָציאַליזם און פון אינטערנאַציאָנאַל, מיך — די ציממערוואַלדיאַנער, שוועדישע לינקע סאָציאַליסטן און דײַטשע אומאָפּהענגיקע.

דעמזעלבן אָוונט האָב איך נאָך צונויפגערופן אַ זיצונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַחוץ די אָנגעקומענע דײַטשע חברים לעדעבור, האַזע, שטאַטהאַגען, האַפער, הערצפעלד, אָסקאַר קאָן, לואיזע ציץ, קעטע דונקער, קאַרל קאַוטסקי און עדואַרד בערנשטיין, אויך די פאָרשטייער פון די באָלשעוויקעס האַנעצקי, ראַדעק, וואָראָווסקי, און צו איין פאָרשטייער פון פינלאַנד, בולגאַריע, שווייצאַריע, שוועדן און נאָרוועגיע. אויך די דרײַ דעלעגאַטן פון ראַט זענען אײַנגעלאַדן געוואָרן. זיי האָבן אָבער דערקלערט, אַז זיי ווילן בײַזײַן אויף דער באַראַטונג בלויז צוליב אינפאָרמאַטיווע צוועקן. צווישן זיי, פון איין זײַט, און דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער

קאָמיסיע און דער באָלשעוויסטישער דעלעגאַציע פון דער צווייטער איז אַנטשטאַנען אַ שאַרפע דיסקוסיע. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּלאַטפאָרם, וועלכע זיי האָבן פעסטגעשטעלט פאַר דער באַטייליקונג אין דער קאָנפערענץ, איז צוליב וואַנדערוועלדעס אַ פּראָטעסט אַזוי פאַרברייטערט געוואָרן, אַז אויך די מערהייטס-סאָציאַליסטן האָבן געקענט מסכּים זיין אויף איר. דאָס האָט אונז געשטאַרקט אין אונזער שטעלונג. די מיינונגען פון די דעלעגאַטן האָבן זיך געטיילט: איין טייל, די מערהייט, איז געווען פאַר אַ על-תּנאַי-אַנטייל אין דער אַלגעמיינער און פאַר אַן אָבליגאַטאָרישער אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. לעדעבור, קעטע דונקער און אויך הערצפעלד — אויב איך האָב נישט קיין טעות—זענען געווען פאַר דעם, מ'זאָל זיך באַטייליקן בלויז אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. קאַוטסקי און בערנשטיין זענען גיכער געווען פאַר באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ.

די באַראַטונגען מיט די פאַרשיידענע דעלעגאַציעס האָבן געדויערט איייניקע טעג. דער באַשלוס איז איבערגעלאָזן געוואָרן, אין הסכּם מיט די קיענטאַלער באַשלוסן, פאַר אַ צימערוואַלדער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען פינף טעג פאַר דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ, אָדער, — אין פאַל ווען פון דער אָפיציעלער קאָנפערענץ זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן,—אין משך פון אַ געוויסן טערמין.

דערווייל האָבן זיך די רוסישע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ פאַראייניקט מיט דעם קאָמיטעט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, מיטן האָלענדיש-סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט, כּדי געמיינזאַם צו אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ. די דעלעגירטע פון אַרבעטער-ראַט האָבן מיך שריפטלעך אָנגעפרעגט, צי די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע וועט געבן איר אונטערשריפט אויף דער איינלאַדונג צו דער קאָנפערענץ. דער שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אונז, אַלס דערגאַנצונג פון דאָזיקן שרייבן, איז געווען זייער אַ פיינלעכער.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע האָט קיין איין מאָמענט נישט געהאַט בדעה, זיך אַנצושליסן אין דער איינלאַדונג, און די דעלעגירטע פון אַרבעטער-ראַט, וואָס האָבן

דאָס, איך תּוך גענומען, פּונקט אַזוי ווייניק געוואָלט, האָבן מיר געשטעלט די פראַגע בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען דערצו פאַרפליכטעט געווען פאָרמעל. זיי האָבן געהערט צו פאַרטייען, וואָס האָבן פּרעטענדירט צו געהערן צו צימערוואַלד. אָבער היות די מערהייטס-סאָציאַליסטן זענען געפירט געוואָרן דורך זייערע רעגירונגען און דידאָזיקע האָבן זיך געלאָזט פירן דורך די סטראַטעגישע באַדינגונגען, דעריבער איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז פון דער קאָנפערענץ וועט גאָרנישט אַרויסקומען. און וואָס קלאָרער דאָס איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך געווענדט קעגן צימערוואַלד דער שפּאָט פון די מערהייטס-סאָציאַליסטן, די פאַרפאָלגונגען פון דער אַדמיניסטראַציע, די בייגעריקייט פון די זשורנאַליסטן און שפּיאָנען. מיין פּרינציפּיעלער און פּערזענלעכער ווידערגעפיל קעגן אינטערוויוען און דאָס אויסמיידן יעדן קאָנטאַקט מיט סענסאַציע-דורשטיקע עלעמענטן איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט צונוץ געקומען, ווי גראָד דעמאָלט. אין שטאָקהאָלם האָט ממש געווימלט פון שפּיאָנען, אַגענטן פון פאַרשיידענע רעגירונגען, אַנטוישטע זשורנאַליסטן, אומדיסקרעטע פון אַלע לענדער. און אויב עס איז, נישט געקוקט אויף דעם, געלונגען אָפּצוהאַלטן די דריטע צימערוואַלדער קאָנפערענץ און עס זאָל דערביי נישט קומען אין דער עפנטלעכקייט קיין איין-איינציקע אומדיסקרעציע, קיין איין-איינציקע אינפאָרמאַציע, איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען דעם אויבנדערמאָנטן פאַקט, ווי אויך דאָס, וואָס אין מיינע שוועדישע קאָמיסיע-קאָלעגן האָב איך געפונען נישט נאָר טרייע מיטאַרבעטער, נאָר אויך חברים לדעה אין פּילזייטיקסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. מער ווי אַ יאָר — און וועלכע געשעענישן האָט דען נישט געבראַכט מיט זיך אין יענער צייט אַ יאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט! — האָבן מיר געלעבט אין ענגסטער אַרבעטסגעמיינשאַפט, און קיין איינציקן מאָל האָט קיין שום זאַך נישט צעשטערט אונזער אייניקייט. גראָד מיין דאָזיקע דערפאַרונג האָט מיר באַוויזן, ווי נישט ריכטיק עס איז צו באַהויפּטן, אַז אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פירט תּמיד צו רייבונגען, יעדנפאַלס איז דערצו נויטיק, אַלס הויפּטבאַדינגונג, יענע קעגנזייטיקע ערלעכקייט און אַכטונג פון יעדערנס מיינונג און אינ-

דיווידואַליטעט, אָן וועלכע מ׳קען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן קיין פּראָדוקטיווע ערנסטע געמיינזאַמע אַרבעט. צו די שטענדיקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געהערט ה ע ג ל ו נ ד, ק א ר ל ע ס אָ ן, נ ע ר מ אַ ן און איך, אָבער חבר ש ט ר ע ם, וואָס האָט לויט דער ריי נאָך אָנגעפירט צוזאַמען מיט העגלונדן דעם סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי און מיט דער רעדאַקציע פון „פּאָליטיקען״, איז געווען אונזער שטענדיקער בעל-יועץ און מיטהעלפער. דער „פּאָליטיקען״ איז גאָר אינגיכן געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון ציממערוואַלד און נאָד דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע — פון ראַטנרוסלאַנד.

## שלום-מאַניפעסטאַציע פון שטאָקהאָלם

ווען אין שטאָקהאָלם האָט זיך דעם 5 סעפּטעמבער 1917 געעפנט די דריטע צימערוואַלדער קאָנפערענץ — פונקט צוויי יאָר נאָך דער דערעפענונג פון דער ערשטער — איז אַלץ געשטאַנען אין צייכן פון די געשעענישן אין רוסלאַנד, ווו די באַדינגונגען האָבן זיך אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט. דער עיקרדיקער לייט-מאָטיוו פון דער קאָנפערענץ איז געווען: וואָס טוט מען, כדי צו העלפן רוסלאַנד, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע; אין פאַרגלייך מיט דידאָזיקע הויפּטפראַגעס איז אַלדאָס איבעריקע פאַרגעקומען נישט וויכטיק.

די פראַגע וועגן אָנטיילנעמען אין דער שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ איז טאַקי דעבאַטירט געוואָרן, אָבער זי האָט נישט געפאָדערט קיין קאָנקרעטע לייזונג, ווייל די קאָנפערענץ גופא איז גיכער אַנולירט ווי אָפּגעלייגט געוואָרן. אויך וועגן דער הויפּטטעמע האָט אייגנטלעך נישט געדאַרפט פאָרקומען קיין דיסקוסיע, ווייל ביי די צימערוואַלדיאַנער האָבן נישט געקענט הערשן קיין שום חלוקי-דעות וועגן דער נויטווענדיקייט און דער פליכט צו מאָביליזירן אַלע כחות, כדי מציל צו זיין די רוסישע רעוואָלוציע. מען האָט אויך געוווסט, וואָס עס וועט באַדייטן אַ געלונגענע רוסישע רעוואָלוציע פאַר דער סאָציאַליסטישער שלום-באַוועגונג. אָבער די דעבאַטן זענען געוואָרן אויסערגעוויינלעך פיינלעך און לאַנג-דויערנדיק דורכדעם, וואָס גראָד אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זענען די חלוקי-דעות פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן העפטיק געקומען צום אויסדרוק צווישן די באָלשעוויקעס, וואָס אין זייער נאָמען האָט גע-

ער־ דעדט ראַדעק, דער מענשעוויק-אינטערנאַציאָנאַליסט מאַנסקי און דער מענשעוויק אַקסעלראָד (דערדאָזיקער לעצטער האָט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ פאַרן סוף). די סימפאַטיע און די סאָלידאַריטעט פון דער גרעסטער טייל פון די קאָנפערענץ-אָנטיילנעמער זענען געווען אַנטשידן אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס.

די רעוואָלוציע איז געווען אין סכנה. בלויז אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאַסנשטרייק איז געווען אַ פּאַסיקער מיטל, דורך וועלכן די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער האָבן געקענט דערפילן זייער סאָלידאַריטעט-חוב לגבי דעם רוסישן פאָלק און זייער אייגענער רעוואָלוציאָנערער מיסיע. חוץ דער אויסערגעוויינלעכער ערנסטקייט פון דאָזיקן באַשלוס גופא בעתן קריג און באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין אַלע לענדער, האָט נאָך געווירקט באַשווערנדיק אויף דער פאַקט, וואָס מ'האָט אים געמוזט אָננעמען אין דער אָפּוועזנהייט פון זייער באַדייטנדיקע פאַרטייען.

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים זענען די אַנטאַנט-לענדער נישט געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ; צום גליק איז עסטרייך דאָסמאָל יאָ געווען פאַרטראָטן. דער באַריכט, וועלכן חברטע טערעזע שלעזינגער האָט אָפּגעגעבן וועגן דער שטימונג פון די מאַסן אין צוזאַמענהאַנג מיט פרידריך אדלערס אַטענטאַט, האָט אָפּגעפרישט און דערהויבן.

אויפן דריטן טאָג פון די אונטערהאַנדלונגען זענען אָנגעקומען די דעלעגירטע פון אַרבעטער-ראַט אויף זייער צוריקרייזע דורך ענגלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך קיין שטאָקהאָלם און האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט, וואָס האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין סך נייעס, הגם זיי זענען געקומען אין באַרירונג מיט די אָפיציעלע קרייזן. נאָך זייער אָפּרייזע איז מען צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן אַן אויפרוף צום אינטערנאַציאָנאַלן מאַסנשטרייק. כדי צו באַזייטיקן די אויבנדערמאָנטע שוועריקייטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן אַ זיכערן חבר אין די אַנטאַנטלענדער, כדי צו באַקומען די הסכמה פון די דאָרטיקע פאַרטייען צום אויפרוף. ערשט נאָך זיין צוריקקער האָט דער מאַניפעסט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן.

די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף דער לעצטער טייל פון דער קאָנפערענץ, איז געווען טראַגיש און פייערלעך. און נישט דערפאַר, ווייל מען זאָל נישט האָבן דערשאַצט די שוועריקייטן ביים אויספירן די באַשלוסן אָדער ווייל מען האָט זיך געמאַכט צו גרויסע אילוזיעס וועגן רעזולטאַט אין די איינצלנע לענדער; נאָר ווייל מען האָט געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז מען האָט דערפילט די פליכט לגבי דער רעוואָלוציע און דעם שלום. דער מאַסנשטרייק איז געווען דער קאַמפּלאָזונג, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן אַלס לאָגישע אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ פון דער ערשטער און צווייטער צימערוואַלדער אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, עס איז געווען די פאַרווירקלעכונג פון דעם לאָזונג, מיט וועלכן צימערוואַלד האָט באַגריסט די רוסישע רעוואָלוציע: „אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג, אָדער דער קריג — די רעוואָלוציע".

די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, באַזונדערס די געקומענע פון דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבן אין זייער גאַנצן וועזן געטראָגן דעם שטעמפּל פון קריגסעלנט: אויסגעהונגערט, געעלטערט! באַזונדערס שלעכט האָט אויסגעזען אַ ר ט ו ר ש ט א ט ה אַ ג ע ן, וואָס איז געפּלאָגט געווען דורך אַן אַלטע טובערקולאָז-קראַנקהייט, וואָס איז אין תּפיסה אומהיילבאַר פאַרערגערט געוואָרן. איך האָב אים קוים דערקענט, ווען ער איז געקומען צו מיר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. פון דאָזיקן אויסערגעוויינלעך-לעבעדיקן, באַוועגלעכן, גייסטרייכן מענטשן זענען איבערגעבליבן נישט מער ווי די קלוגע אויגן.

בעת די באַראַטונגען פון דער קאָנפערענץ האָט ער פון שוואַכקייט קוים געקענט גובר זיין דעם שלאָף, אָבער ווען ער פלעגט עפענען די אויגן, האָבן זיי געגלאַנצט מיט זייער געוויינלעכער יוגנט-פרישקייט. „חברים", האָט ער געזאָגט אין אַזאַ אויגנבליק, „לאָמיר אָנרופן אונזער אויפרוף „שלום-רוף פון שטאָקהאָלם". מיט טרויער-געשפּאַנטקייט האָבן די געפּייניקטע פעלקער געוואַרט אויף דער שלום-קאָנפערענץ, וועלכע איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן דורך די מערהייטס-סאָציאַליסטן. זייערע האָפנונגען זענען אַנטוישט געוואָרן. לאָמיר זיי באַ-

לעבן. דאָס, וואָס עס איז נישט בכח געווען צו געבן די מעכ־
טיקע אָפיציעלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זאָל געגעבן ווערן
דורך ציממערוואַלד: די האָפנונג אויף פרילינג, אויף דעם
תחית־המתים פון סאָציאַליזם".

דער פאָרשלאָג פון חבר שטאטהאגען איז אָנגענומען גע־
וואָרן. אונטערן נאָמען „שלום־מאַניפעסטאַציע פון שטאָקהאָלם"
איז אונזער מאַניפעסט אַרויס אין דער ברייטער וועלט און
איז איינגעשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע.

אין אַ פּאָר חדשים נאָך דער קאָנפערענץ איז חבר
שטאטהאגען געשטאָרבן...

אויף די באַגעמונג פון חבר הוגאָ האַזע האָט גע־
האַט אין זיך עפּעס באַזונדערס טראַגישעס. ער איז געווען
איינער פון די זייער ווייניקע אָדער ריכטיקער — דער איינ־
ציקער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן אויפרוף צום מאַסנ־
שטרייק. אין אים איז געקומען צום וואָרט די מורא צוצוזאָגן
עפּעס, וואָס מ'וועט אפשר נישט קענען דערפילן, אין אים
האָט גערעדט דאָס אחריות־געפיל, וואָס האָט קיינמאָל נישט
פאַרלאָזן דעמדאָזיקן איידעלן, מוטיקן מענטשן און טרייען
קעמפער. אין די שמועסן, וועלכע מיר האָבן געפירט צווישן
זיך אין די הפסקות צווישן די זיצונגען, איז נאָך בולטער גע־
קומען צום אויסדרוק דער טראַגישער ריס אין זיין נשמה. נאָך
דער אָפּשטימונג האָט ער דערקלערט מיט דעמזעלבן פשוטן
אחריות־באַוווסטזיין, מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע
ספקות, אַז ער וועט זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן.

דעם מאַניפעסט האָט געזאָלט אויסאַרבעטן אַ קאָמיסיע
פון זיבעצן פערזאָן: פאָרשטייער פון דייטשלאַנד, עסטרייך, רוס־
לאַנד, פוילן, רומעניע, פינלאַנד און פון די נייטראַלע לענ־
דער, אויך איינצקע גוטע יוריסטן, ווי אָסקאַר קאָן, זענען
צוגעצויגן געוואָרן צו אירע אַרבעטן, כדי צו רייניקן דעם
טעקסט — אין הינזיכט פון דער פאָרם — פון דעם אַלעם,
וואָס האָט געקענט פירן צו אַן אומגעווונשענער אַריינמישונג
פון דער מאַכט ביי דעם קריגס־צושטאַנד, וואָס האָט אומעטום
געהערשט.

נאָכדעם ווי דער אויפרוף האָט געשילדערט אין פאַר־

כאַפּנדיקע ווערטער די פּאָלגן פון קריג — די שווער עס איז געווען אָנצוקליידן אין אַנטשפּרעכנדיקע אויסדרוקן די אויפגעבראַכטקייט איבער דעם קריג! —, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעוויזן אויף די קרבנות פון די מאַסן, אויף זייערע ליידן, אויף די רעאַקציאָנערע מיטלען פון די רעגירונגען, איז דער מאַניפעסט איבערגעגאַנגען צו באַהאַנדלען דעם דורכגעפאַלענעם פּרווו פון די אָפיציעלע סאָציאַליסטן, וועלכע זענען געוואָרן משרתים פון די באַטרעפנדיקע רעגירונגען און במילא נישט געווען אימשטאַנד צו קומען מיט דער שלום-איניציאַטיוו. נאָר די מאַסן, וואָס זענען געטריי געבליבן דעם סאָציאַליזם, זענען אומשטאַנד צו מאַכן אַ סוף צום קריג,—האָט דער מאַניפעסט ווייטער דערקלערט. און ווייטער: „אויך די לאַגע אין רוסלאַנד רופט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף... נישט דורך איזאָלירטע שטרייקן אין איינצלנע לענדער קען אויסגעקעמפט ווערן דער שלום. די שעה האָט געשלאָגן פאַרן וועלטפּראָלעטאַריאַט ער זאָל אַרויסמאַרשירן, אַרבעטער און אַרבעטערינס, קעמפט פאַר די מאַסנאַקציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין יעדן וואַרשטאַט, ווו ער קלאַפּט אָן, אין יעדער כאַטע, ווו מען דאַרבט".

צוליב די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז אָנגענומען געוואָרן דערדאָזיקער וויכטיקער באַשלוס, זענען געגעבן געוואָרן באַזונדערס שטרענגע קאָנספּיראַטיווע פאָרשריפטן. קיין איינציקער עקזעמפּלאַר פון אויפרוף האָט נישט געטאָרט אַריבערגעשיקט ווערן איבער דער גרעניץ און בכלל פאַרעפנטלעכט ווערן, ביז די חברים פון די אַנטאַנטלענדער האָבן נישט געגעבן זייער הסכמה. איך האָב נומערירט אַלע עקזעמפּלאַרן און זיי אויפגעמאָנט צוריק ביי די דעלעגאַטן. בלויז חבר שטאַטהאַגען האָט געדאַרפט סטענאָגראַפירן דעם טעקסט אויף אַ העמדמאַנזשעט לויט אַ סיסטעם, וועלכע ער האָט אַליין דערפונדן און עס פאַרשפּרייטן לויט אַ ידיעה פון מיר.

אין וואָסער שטימונג מיר האָבן זיך צעשיידט נאָכן אָפּהאַלטן דידאָזיקע אַנטשיידענע קאָנפערענץ, קען מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן אַזוי לייכט אין נאָרמאַלע צייטן. חוץ דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ איז אויך פאָרגעקומען אַ פּראָוויעקאַנ-

פערענץ, וועלכע איך האָב צענויפגערופן לויט קלאַראַ צעטקינס ווונש; וואָס האָט מען זיך אַלץ נישט אָנגעהערט וועגן פּרויענעלנט און פּרויענרעזיגנאַציע, וועגן וואַרטן איף אַ „וווּנדערטאַט פון שטאָקהאָלם"!..

חוצדעם, וואָס די קאָנפערענץ האָט מיטן אויפרוף צום מאַסנשטרייק אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט, חוצדעם, וואָס זי אין געלונגען אַ סך בעסער — סיי מיט אירע באַשלוסן און סיי מיט איר צאָל דעלעגאַטן — ווי מען האָט זיך געקענט ריכטן, איז איר עיקר באַדייטונג באַשטאַנען אין דעם, וואָס גראָד אין פאַרגלייך מיט דער אָנמעכטיקייט פון די אָפּיציעלע סאָציאַליסטישע און ראַטן-פּאַרטייען (אַ אָנמעכטיקייט, אין וועלכער זיי זענען אַליין געווען שולדיק) האָט זי באַוויזן צימערוואַלדס עקזיסטענצבאַרעכטיקונג און אַרבעטספּעאיקייט און אַז דאָס איז די איינציקע האָפנונג, דער איינציקער מקום-מקלט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט און די עקספּלואַטירטע קלאַסן...

פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע און פאַר מיר פערזענלעך האָט זיך אָבער גראָד נאָכן פאַרענדיקן די שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ אָנגעהויבן אַ באַזונדערס פיבערהאַפטע, נישט תמיד קיין לייכטע און אָנגענעמע אַרבעט.

זינט איך האָב איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע, האָב איך אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן ביולעטען וועגן די וויכטיקסטע באַשלוסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע, וועגן דער צימערוואַלד-באַוועגונג און די וויכטיקסטע געשעענישן אין די קריגספירנדיקע לענדער; דער אינהאַלט פון דאָזיקן ביולעטען האָט מייסטנטיילס געשטאַמטפון מיר אָדער איךפלעג אים איבערזעצן. נאָך דער קאָנפערענץ האָבן זיך פאַרמערט די באַזוכן. פאַרשיידענע דעלעגאַטן, ווי צום ביישפּיל צוויי פאָרשטייער פון דער „בולגאַרישער אָפּאָזיציע" אין דער „ברייטער" פאַרטיי, זענען געקומען ערשט שפּעטער, אויך אייניקע פון די, וואָס זענען דעלעגירט געוואָרן צו דער שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ (אַ סך, באַזונדערס פון די ווייטע לענדער, צום ביישפּיל פון אַמעריקע, האָבן געהאַט דאָפּלטע מאַנדאַטן פאַר אונזער

און פאַר דער אָפּיציעלער קאָנפערענץ) האָבן באַזוכט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע. דאָס זענען מייסטנס געווען אַזעלכע, וואָס זייער מאַנדאַט אָדער זייער פּערזענלעכע שטעלונג איז נענטער געווען צו צימערוואַלד. פון די אַנהענגער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָב איך נישט געזען קיין איינציקן. צו די, וועלכע איך האָב געקענט פון פריער, האָט זיך פון זיך אַליין איינגעשטעלט אַ פיינטלעכע באַציאונג, אַזוי, אַז אויך אויף דער גאַס פלעגט מען זיך מער נישט באַגריסן.

פאַר צימערוואַלד זענען געשטאַנען צוויי אויפגאַבעס, מיין פּערזענלעכע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן דורך צוויי צילן: אָנשפּאָרנען, ווייטער-אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע שלום-באַוועגונג און ציען אַ דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן די בורגפרידן-סאָציאַליסטן און די צימערוואַלדיאַנער, אַ דעמאַרקאַציע ליניע, וואָס זאָל זיך אַלץ מער פאַרטיפן און זאָל געבן די מעגלעכקייט די פּראָלעטאַרישע מאַסן, וואָס זענען פאַר דעם קריג נאָך נישט געווען מיט אונז, אויסצווויילן צווישן זיי און אונז.

ווען איך קוק איצט איבער, נאָך די דערפאַרונגען פון די לעצטע יאָרן, די דעמאָלטיקע ביולעטענס און איך דערמאָן זיך די געוויסנהאַפטיקייט, מיט וועלכער אַלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע האָבן זיך באַמיט צו ציען דידאָזיקע דעמאַרקאַציע-ליניע, מוז איך אונז אַלעמען — און קודם-כל זיך אַליין — פאָרוואַרפן אַ גאַנץ נישקשהדיקע נאַאיווקייט! פאַר גאָר אַ סך פון אונזערע דעמאָלטיקע קאַמפס-חברים, אויך פאַר אַ סך פון די לינק-שטייענדיקסטע, האָט זיך גאָר נישט געהאַנדלט וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער גאָר אינגיכן האָט גענומען אַ סוף צו דער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט, אויף וועלכער מיר האָבן אַזוי ערנסט געקוקט; ווי שנעל מ׳האָט רעאַבּיליטירט די קאַשענס, ווי שנעל מ׳האָט דאָס אויפגענומען גאַסטפריינטלעך אין דעם הייליקן אָרט פון דער רעוואָלוציע, אין מאָסקווע, עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אין משך פון די שרעקלעכע פרוווּנגען פון וועלטקריג נישט נאָר געפונען אין לאַגער פון „בורגפרידן״, נאָר זענען אפילו אַרויסגעטראָטן אַלס אָפענע שונאים פון אַרבעטער-קלאַס!

פּײַנלעך און דערשעפּנדיק איז געווען נישט די אַרבעט און די גרויסע אחריות, נאָר דאָס, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער קאָמפּליצירטער און סתּירותדיקער סיטואַציע, מ׳קען זאָגן פֿון דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען דער רוסישער און אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט. וואָס קריטישער עס איז געוואָרן די לאַגע אין רוסלאַנד, אַלץ דרינגנדיקער איז געוואָרן די נויטיקייט צו פֿאַרווירקלעכן דעם צימערוואַלדער לאָזונג וועגן אַ מאַסנשטרייק. מיר האָבן אָבער נישט געטאָרט אַרויסטרעטן מיטן דאָזיקן לאָזונג, כּל זמן מיר האָבן נישט געוווסט די שטעלונג פֿון די חברים אין די אַנטאַנט־לענדער; דידאָזיקע שטעלונג אָבער האָבן מיר זיך געקענט דערוויסן נישט אַזוי לייכט און שנעל. חבר ה ע ג ל ו נ ד האָט שוין אפילו געהאַט געפֿונען אַ פּאַסיקן חבר פֿאַר דערדאָזיקער זייער קיצלדיקער מיסיע, אַן אינטעליגענטן, זיכערן דענישן פּראָלעטאַריער, וואָס האָט געקענט שפּראַכן. אָבער ווי אַזוי פֿאַרשאַפֿט מען אים די איינרייזע־מעגלעכקייט אין די קריגפֿירנדיקע לענדער? אָבער ווען אויך דאָס איז געווען דערליידיקט און דער חבר, וועלכער האָט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק דעם ענגלישן טעקסט פֿון מאַניפֿעסט, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ ווייטער רייזע, האָט מען געמוזט וואַרטן אויף זיין צוריקקער.

די סיטואַציע איז פֿאַר זיך אַליין שוין געווען זייער ערנסט, אָבער דורך דער צודרינגלעכקייט פֿון די באָלשעוויסטישע דעלעגירטע אין שטאָקהאָלם איז זי נאָך געוואָרן קריטישער. נאָכדעם ווי ר אַ ד ע ק האָט אַ סך מאָל פּערזענלעך און טעלעפֿאָניש, אומבאַדינגט געפֿאָדערט די תּיכּפֿדיקע פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון מאַניפֿעסט, האָט ער אונז אויך אָפֿיציעל געשריבן, אַז ער וועט פֿאַרעפֿנטלעכן דעם טעקסט פֿון אויפֿרוף אויף אייגענער אחריות, אויב מיר וועלן דאָס נישט טאָן תּיכּף. מיר זענען אָבער געווען געבונדן דורך דעם באַשלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ, שוין נישט רעדנדיק וועגן די רעזולטאַטן, וואָס עס האָט געקענט ברענגען אַן אויפֿפֿאָדערונג צום אינטערנאַציאָנאַלן מאַסנשטרייק אָן דער הסכּמה פֿון אַלע פּאַרטייען...

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך האָבן מיר זיך פֿעסט געהאַלטן אין

אונזער פאַרפליכטונג. אַגב איז נאָך אויף אונז געמאַכט געוואָרן אַ דרוק פון אַן אַנדער זייט: איינמאָל האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם פון לוּאיזע ציק; זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל וואַרטן מיטן פאַרעפנטלעכן דעם אויפרוף אויף איר קומען, וואָס האָט געזאָלט געשען אויפן צווייטן טאָג. דער שמועס, וועלכן לוּאיזע ציק האָט געהאַט פריער מיט מיר פערזענלעך און דערנאָך, דעמזעלביקן טאָג, אויך מיט דער פאַרברייטערטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אַ חוץ דער באָלשעוויסטישער דעלעגאַציע, אויך ראַקאָווסקי און אַ פּאָר אַנדערע צימערוואַלדיאַנער, וואָס האָבן צופעליק געווײלט אין שטאָקהאָלם, — איז געווען זייער פּײַנלעך. מיט טיפער צורודערונג האָט לוּאיזע ציק מיטגעטיילט, אַז צוליב אַ בונט־פּרווו אין דײַטשן פלאָט האָט די רעגירונג און די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אָנגענומען רעאַקציאָנערע מיטלען און דעריבער בעט זי, נעמענדיק אין אַכט די געפאַר, וועלכע עס דראָט אַלע אָרגאַניזאַציעס, אָפּצוּוואַרטן מיטן פאַרעפנטלעכן דעם אויפרוף. דער קעגנגעזעצטער שטאַנדפּונקט איז העפטיק פאַרטראָטן געוואָרן דורך ראַדעקן. ווי שווערוואָגיק עס זענען נישט געווען די טעמים, וועלכע לוּאיזע ציק האָט אַרויסגעשטעלט, איז אונז אָבער אוממעגלעך געווען זיי אָנצונעמען פון איין זייט צוליב פּאָליטישע און פון דער צווייטער—צוליב פאָרמעלע טעמים. אַנטוישט און אפשר אויך אַביסל אָנגעשטויסן אויף מיר פערזענלעך האָט חברטע ציק פאַרלאָזן שטאָקהאָלם...

אין דערזעלבער צייט האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז חבר לעדעבור איז נישט מסכים מיט דער מיסיע, וועלכע לוּאיזע ציק האָט געבראַכט אין שטאָקהאָלם אין נאָמען פון דער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי...

* *
*

ווי לאַנג וועט נאָך בכלל דויערן דידאָזיקע סיטואַציע?

# די רוסישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די צימערוואַלדער קאָמיסיע

עס איז געקומען די געשעעניש, וואָס האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט אַלע אַנדערע און האָט געצוווּנגען אויך די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע אָפּצוזאָגן זיך פון יעדן אָפּוואַרטן און תּיכּף פאַרעפנטלעכן דעם אויפרוף צום מאַסנשטרייק.

וואָכנלאַנג זענען אַריבער אין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג, מיט אַ געפיל, מיט וועלכן מען דערוואַרט דעם אויסגאַנג פון אַ קריזיס אָדער דעם האָבן פון אַ געליבטן וועזן; און ווען מען האָט מיר מודיע געווען ביינאַכט טעלעפאָניש אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט, אַז רוסלאַנדס אַרבעטער און, זעלנער האָבן דעראָבערט די מאַכט, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען: וואָס קען געטאָן ווערן, כּדי צו זיכערן די העלדישע פּיאָנערן דעם זיג, כּדי צו געבן זיי אַ באַווייז פון מעשימדיקער סאָלידאַריטעט? עס איז געווען דערצו נאָר איין גלייכווערטיק מיטל: די רעוואָלוציאָנערע אַקציע פון די מאַסן אין דער איבעריקער ציוויליזירטער וועלט. נאָכאַמאָל איז געשטאַנען די פראַגע פון זיין אָדער נישט-זיין פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָכמער, פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַלע לענדער: „אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג אָדער דער קריג — די רעוואָלוציע.” די מאַסן האָבן געדאַרפט פאַרווירקלעכן דעם לאָזונג פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ איצט אָדער קיינמאָל נישט. דאָס רעוואָלוציאָנערע

רוסלאַנד זאָל זיך נישט פילן פאַראייַנזאַמט, די וועלט זאָל אויפציטערן פון אָפּקלאַנג פון זייַנע גרויסע מעשים.

אַלע שטערונגען, וואָס זענען נאָך מיט אַ פּאָר שעה צוריק געשטאַנען אין וועג פאַר דער פאַרעפנטלעכונג פון צימערוואַלדער מאַניפעסט, זענען צעשטערט געוואָרן דורך דער גרויסער, היסטאָרישער טאַט. אין דערזעלבער צייט, ווען דער טעלעגראַף האָט פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן אויסערגעווייַנלעכן זיג פון די רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט ער אויך געדאַרפט מבשר זייַן דער וועלט — און קודם כּל די העלדן און זיגער, — אַז זיי שטייען נישט אַליין אין קאַמף. דער מאַניפעסט צום מאַסנשטרייק, וואָס איז שוין געווען איבערגעזעצט אויף צוועלף שפּראַכן, האָט תּיכּף געדאַרפט פאַרשפּרייט ווערן טעלעגראַפיש. אַז מייַנע מיטאַרבעטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע וועלן טיילן מייַן שטאַנדפּונקט, איז פאַר מיר קיין ספק נישט געווען; ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן האָב איך זיי אָנגעטעלעפאָנירט און באַקומען זייער פולע צושטימונג. ה ע ג ל ו נ ד האָט פאָרגעשלאָגן צו פאַרעפנטלעכן אַן עקסטראַ־נומער פון „פּאָליטיקען" מיט דעם אויפרוף.

איך האָב תּיכּף צונויפגערופן די אין שטאָקהאָלם אָנוועזנדיקע מיטגלידער פון דער פאַרברייטערטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע אויף אַן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג. ר אַ ד ע ק האָט מיר געוויזן דעם טעקסט פון דער באַגריסונגס־דעפּעשע, וועלכע די באָלשעוויסטישע דעלעגאַציע שיקט קיין פּעטראָגראַד, איך האָב צוגעגעבן צו איר די אונטערשריפט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. אַלדאָס גרויסע און קלייַנע, וואָס איז נאָר געלעגן אין אונזער מאַכט, האָט געמוזט געטאָן ווערן, כּדי אויסצודריקן די סאָלידאַריטעט פון די פאַרקנעכטעטע מאַסן מיט רוסלאַנדס רעוואָלוציאָנערע זיגער. די אויסערגעווייַנלעכע זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע האָט אייגנטלעך גיכער געהאַט אַ פאָרמעלן כאַראַקטער, ווייַל דאָס פאַרעפנטלעכן דעם מאַניפעסט איז געווען מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, און אויך יורידיש האָבן געהאַט וועגן אים צו זאָגן בלויז

די פיר מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי-שער קאָמיסיע. דערפאַר אָבער האָט מען אויף דער זיצונג געדאַרפט באַשטימען, וועלכן צושטייער די איינציקע מיטגלידער דאַרפן געבן פאַרן עקסטראַנומער פון „פּאָליטיקען", וואָס דאַרף תּיכּף דערשיינען; די אַרטיקלען האָבן תּיכּף געמוזט געשריבן ווערן.

גאַנץ אומגעריכט איז אַ מיטגליד פון דער ברייטער קאָמיסיע, ר אַ ק אָ וו ס ק י, אַרויסגעטראָטן קעגן פאַרעפנטלעכן דעם מאַניפעסט. מען זאָל אָפּוואַרטן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. מען ווייס נישט ווי אַזוי באַציִען זיך צו די געשעענישן די אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס געהערן, פּונקט ווי די באָלשעוויקעס, צו דער צימערוואַלד-באַוועגונג. ראַקאָווסקי האָט פאַרטראָטן דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט אַלץ עקשנותדיקער, וואָס מער ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אַלגעמיינער קעגנערשאַפט. איך האָב צווישן אַנדערן געזאָגט: „און אויב מאָרגן וועט שוין זיין צו שפּעט, אויב די זיגער וועלן באַזיגט ווערן, זאָל מען ביי זיי און ביי דער גאַנצער וועלט אויפוועקן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען געשטאַנען איינזאַם אין זייער קאַמף?..." איך מוז זאָגן, אַז זייטדעם זענען שוין מיינע פּערזענלעכע באַציִונגען צו ראַקאָווסקין נישט געווען אַזוי פריינטשאַפטלעך און ספּאָנטאַן ווי פריער. איך האָב געשפּירט אין אים אַ געוויסע גערייצטקייט, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין דער חברטע ציק, אין איר באַנעמונג לגבי מיר, נאָכדעם ווי איך בין געבליבן פעסט ביי מיין שטאַנדפּונקט. ראַקאָווסקי איז נאָך מער גערייצט געוואָרן, ווען אין די נאָנטסטע טעג זענען אין אויסלאַנד אָנגעקומען ידיעות וועגן דער נעגאַטיווער שטעלונג פון די מענשעוויקעס און קודם כּל פון לענינס דירעקטע תּלמידים — זינאָוויעוו און קאַמענעוו.

איך האָב ראַקאָווסקין תּמיד געהאַלטן פאַר איינעם פון די אַמווייניקסטן דאָגמאַטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, איך גלויב אויך, אַז זיין דאָזיקע איינגאַרטיקייט דאַרף צוגעשריבן ווערן זיין פּסיכישער פעאיקייט זיך צוצופּאַסן, זיין גרויסע עלאַסטישקייט, און אַז ל ע נ י ן האָט אים דעריבער אָנגעטרויט זייער

אַ קאָמפּליצירטן און פאַראַנטוואָרטלעכן דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן אין דער אוקראַינע. צו יענער צייט האָט די רעגירונג פון אוקראַינע נויטיק געהאַט אמתע דיפּלאָמאַטיע. אָבער פּערזענ-לעכער אָפּאָרטוניזם איז נישט געלעגן אין ראַקאָווסקיס טבע, אין דער שטעלונג, וועלכע ער האָט פאַרנומען אין די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, איז נישט געווען קיין שפּור פון דעם, וואָס לענין האָט אין יענע טעג פאַראורטיילט אין ז י נ אָ װ י ע װ ן: ראַקאָווסקין האָט נישט ג ע פ ע ל ט קיין פּערזענלעכער מוט.

גראָד די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן מיר בולט געוויזן, סאַראַ גרויסע ראָלע עס שפּילן טעמפּעראַמענט און אינסטינקט אפילו ביי די וויכטיקסטע, אומפּערזענלעכע באַ-שלוסן. טעאָרעטיש, אַבסטראַקט איז ראַקאָווסקי געווען גע-רעכט, אָבער אין דערווירקלעכקייט וואָלט זיין שטאַנדפּונקט געהאַט פאַטאַלע רעזולטאַטן. צימערוואַלד וואָלט פולשטענדיק באַנקראָטירט און ער וואָלט איבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע אַלס אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער לאָגי-שער אנטוויקלונג פון אירע פּרינציפּן. אויב עס איז אמת — און קיינער קען דאָס נישט באַשטרייטן, — אַז דאָס פאַרנעמען אחריותדיקע פּאָסטנס אין דער רעוואָלוציאָנערער און בכלל אין יעדער באַוועגונג, וואָס שאַפט מאַסנאָרגאַניזאַציעס, פירט אומ-פאַרמיידלעך צו אַ געוויסן קאָנסערוואַטיזם, איז אָבער נישט ווייניקער אמת, אַז גראָד דער פאַקט, וואָס מען געפינט זיך אויף אַן אָנפירנדיקן אָרט, שאַרפט דעם אחריות-געפיל אין אַ אַנדער ריכטונג און צווינגט צו מעשים גראָד דאַן, ווען מען וואָלט העכסט-וואַרשיינלעך אָנגענומען אַן אָפּוואַרטנדיקע שטע-לונג, ווען מען זאָל נישט האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז מען ווירקט באַשטימענדיק אויף די געשעענישן און אַז דורך אַ פאַרשלעפּטן האַנדלען קען מען שאַפן אומפאַרבעסערלעכס. נישט געקוקט אויף דער אומגעהייערער אחריות, וואָס דער באַ-שלוס האָט מיט זיך געבראַכט, האָב איך קיין מינוט נישט געספקט, אַז איך מ ו ז האַנדלען אַ ז ו י און נישט אַנדערש, הגם איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנצופרעגן די פּאַרטייען, וואָס האָבן געהערט צו צימערוואַלד, און איך האָב

זיך געקענט ריכטן אויף אַן ערנסטן פּראָטעסט. — פּונקט אַזוי־
ווייניק האָבן מיך באַאיינפלוסט די ידיעות, וואָס זענען אָנגע־
קומען פון רוסלאַנד, וועגן דער שטעלונג פון די מענשעוויקעס
און באָלשעוויקעס, און קודם כל פון ז י נ אָ װ י ע װ ן, וועלכע
ל ע נ י ן האָט געשטעמפּלט אויף אַזאַ אומברחמנותדיקן, מיט
ליידנשאַפטלעכער שנאה אָנגעפילטן אופן. איך דערמאָן זיך,
אַז ווען אַ חברטע איז געקומען צו מיר מיט דער בקשה, איך
זאָל איר העלפן ביים איבערזעצן אַן אַרטיקל, אין וועלכן לע־
נין באַהאַנדלט ז י נ אָ װ י ע װ ן אַלס פּחדן, האָב איך דאָס
געטאָן נישט גערן, אדרבה, איך האָב שיר־שיר נישט געוואָלט
געבן אַן עצה בכלל נישט אָפּצודרוקן דעמדאָזיקן אַרטיקל!
ערשט אין משך פון דער צייט האָב איך פאַרשטאַנען, סאַראַ
צאָרן עס האָט געמוזט אַרויסרופן ביים חבר לענין דעם מאַנג־
אין פּערזענלעכן מוט אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט
וועגן זיין אָדער נישט־זיין פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־
לוציע און ער איז פאַרראַטן געוואָרן דורך די־יעניקע, וועלכע
זענען שטענדיק געגאַנגען נאָך אים און אויף וועלכע ער
האָט געקענט אויסרעכענען, ווי ער האָט געגלויבט. — — —
פאַר צימערוואַלד איז געקומען די גרויסע אַנטשיידונג.
אויף דער פראַגע, וועלכע די איבערקערעניש אין רוסלאַנד האָט
געמוזט אַרויסרופן ביי פריינט און פיינט, אויף דער פראַגע:
„און וואָס ווייטער?”, האָט געגעבן אַן ענטפער דער צימער־
וואַלדער אויפרוף צו די אַרבעטער פון אַלע לענדער...
די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָמיסיע האָט
אָפּגעהאַלטן פּערמאַנענטע זיצונגען. ווען איך האָב זיך אין
איינעם אַ פרימאָרגן געאיילט צו איינער פון דידאָזיקע זיצונ־
גען, האָב איך זיך אויף דער טיר־שוועל אָנגעשטויסן אויף אַ
אומבאַקאַנטן מאַן, וועלכער האָט מיר אַריינגעשטעקט אין האַנט
אַ וויזיטקאַרטע און געוואָלט אַריין אין מיין צימער, הגם איך
האָב עס געהאַלטן אין פאַרלאָזן.
„אַנטשולדיקט”, האָב איך געזאָגט, „עס איז מיר אומ־
מעגלעך זיך לאָזן אויפהאַלטן, איך האָב צו באַזאָרגן דרינגנ־
דיקס אין שטאָט”, אָבער דער פרעמדער האָט לגמרי נישט
רעאַגירט אויף מיינע ווערטער.

אין זעלבן אויגנבליק האָב איך דערזען פון דער וויזיטקאַרטע, אַז דער פרעמדער איז אַ מיטאַרבעטער פון עפּעס אַ טשיקאַגער „כראָניקל״. „איך גיב נישט פּרינציפּיעל קיין אינטערוויוען״, האָב איך אים געזאָגט, זיך דערנענטערנדיק ענערגיש צום אַרויסגאַנג.

„איך וויל נישט קיין אינטערוויו״, האָט געענטפערט דער פרעמדער, זיך אַנידערזעצנדיק אויף אַ שטול, נישט לייגנדיק די מינדסטע אַכט אויף מיינע ווערטער, „איך האָב נאָר געוואָלט וויסן די לעצטע ידיעות פון רוסלאַנד, איך ווייס, אַז איר באַקומט טעלעגראַמעס פון פּעטראָגראַד״.

„און אַז יאָ, מיינט איר אפשר, אַז דידאָזיקע טעלעגראַמעס זענען באַשטימט פאַר אייך? אייך האָב נישט די מינדסטע כוונה אייך צו געבן אינפאָרמאַציעס. אגב, האָט איר דאָך געלייענט די צייטונגען, דער קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט איז געקרוינט פון זיג, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג...״—

„וואָסער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, עס האַנדלט זיך בלויז וועגן פּעטראָגראַד, די אַרמיי און די באַפעלקערונג פון גאַנץ רוסלאַנד זענען קעגן פּעטראָגראַד. איך האָב זיך דאָס דערוווּסט אין דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע״.

„ווי האָט איר די העזה מיך צו באַלעסטיקן מיט אייער באַזוך? פאַרשווינען, וועלכע פאַרקערן אין די אַמבאַסאַדעס, האָבן מיט מיר גאָרנישט וואָס צו טאָן״, האָב איך געזאָגט.

אין זעלבן מאָמענט האָט מיך העגלונד אַרויסגערופן צום טעלעפאָן. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וועל תיכף קומען אויף דער זיצונג, אַז אין דער פאַרשפּעטיקונג איז שולדיק אַ נישט-פאַראויסגעזעענער באַזוך. אָבער דער באַזוכער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַזוי ווי ער האָט געהערט, ווי איך האָב ביים טעלעפאָן דערמאָנט די צימערוואַלדער קאָנפערענץ, האָט ער געשטעלט אין פריערדיקן פרעכן טאָן די פראַגע: „איז שוין די צימערוואַלדער קאָנפערענץ פאָרגעקומען? ווער איז פאַרטראָטן געווען אין איר?״.

„שוין מיט אַ סך וואָכן צוריק, און פאַרטראָטן איז געווען די גאַנצע וועלט״, האָב איך געזאָגט, האָפנדיק, אַז וויבּיקסטנס אויף אַזאַ אופן וועל איך פּטור ווערן פון אומפאַר-

שעמטן „גאַסט“. און דאָ איז ענדלעך געקומען צום וואָרט דער צוועק פון דאָזיקן צודרינגלעכן באַזוך.

„אַ שאָד, וואָס מיר האָבן דאָס פריער נישט געוווסט“, האָט ער געזאָגט, „מיר וואָלטן גערן געשטעלט אין אייער רשות הונדערטטויזנט דאָלאַר“.

„איר עלנטער אויסוורף, איר געמיינער יונג, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, אַנישט וואַרף איך אייך אַראָפּ פון די טרעפּ“.

דער עלנטער פּאַרשוין האָט, קריכנדיק, זיך האַלטנדיק ביי דער וואַנט, פאַרלאָזן דאָס צימער, אַרומגעכאַפּט פון אַזאַ שרעק, אַז ער האָט זיך נישט דערוועגט אָנצוטאָן אין פּאָדערצימער די גומיהענטשקעס, און ערשט שפּעטער האָט ער זיי אָפּגענומען!

זעלטן האָב איך געשפּירט אַזאַ אינטענסיוון פיזישן עקל-געפיל, ווי דעמאָלט צום דאָזיקן שרץ. דערדאָזיקער עקל האָט מיר אויך געגעבן די ענערגיע און די פיזישע קראַפט אַ סוף צו מאַכן צו אַזאַ לעסטיקן באַזוך; און ער האָט מיר אַריינגעגעבן אין מויל אויסדרוקן, וועלכע איך באַנוץ קיינמאָל נישט. אין אַ סך חדשים אַרום האָט מיך מיין שוועדישע ווירטין געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב אין יענעם טאָג אַזוי הויך גע־רעדט, זי האָט געמיינט, אַז מ'וויל מיך אומברענגען.

דעמזעלבן אָוונט איז דער עפּיזאָד געווען אין דער צייטונג; צי דערדאָזיקער פאַקט האָט געשאַדט דעם פּרעסטיזש פון דאָזיקן עכטן פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער זשורנאַליזם אין די אויגן פון זיינע אויפטראָגגעבער, ווייס איך נישט.

אין דער צייט צווישן דער פעברואַר־ און אָקטאָבער־רע־וואָלוציע האָט ראַדעק רעדאַגירט אין שטאָקהאָלם דעם „מבשר פון דער רוסישער רעוואָלוציע“ און דורכדעם זייער שטאַרק געדינט דער אָנוואַקסנדיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אין אַ צייט, ווען רוסלאַנד איז געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, ווען די גאַנצע בירגערלעכע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט אים נישט נאָר פאַרלאָזן נאָר שענדלעך פאַר־שפּרייט רכילות וועגן אים, אין אַ מאָמענט, ווען וועגן רוס־לאַנד זענען פאַרשפּרייט געוואָרן ידיעות, וואָס זענען ביכולת

געווען צו געבן אַ פאַרקריפּלט בילד פון די געשעענישן אויך פאַר די עקספּלואַטירטע קלאַסן, אין אַזאַ צייט האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אפילו אַ קליינע פּאָלעמישע צייטונג, וועלכע האָט זיך געקענט פאַררופן אויף דירעקטע באַציאונגען מיט רוסלאַנד.

ווען ראַדעק איז נאָך דעם זיג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אַוועק קיין רוסלאַנד, האָט ער פאָרגעשלאָגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע צו פאַרשמעלצן איר ביולעטען מיט דעם „מבשר”, און מאַכן אים פאַרן אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. אויף דעם האָבן מיר נישט געקענט איינגיין. אמת, מיר האָבן אָן שום באַוואָרענישן אונטערגעשטיצט די רוסישע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, אָבער מיר האָבן זיך נישט געקענט שטעלן אין דינסט פון איין פראַקציע, פון איין ריכטונג, ווייל מיר זענען דאָך נאָר געווען אַן אויספיר-אָרגאַן פון אַ גאַנץ-העטעראָגען צוזאַמענגעשטעלטער אָרגאַניזאַציע. אונזער פערזענלעכע פּאָליטישע שטעלונג האָט דאָ נישט געקענט האָבן קיין אַנטשיידענע באַדייטונג. די חברים העגלונד און נערמאַן זענען געווען אָנהענגער פון צימערוואַלדער לינקע פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען עס איז אַנטשטאַנען די צימערוואַלד-באַוועגונג, איך בין בעת מיין זיין אין פּעטראָגראַד אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, וועלכע עס האָבן געגרינדעט די חברים טראָצקי און לונאַטשאַרסקי, אָבער היות די אינערלעכע לאַגע אין רוסלאַנד איז אַלץ שאַרפער געוואָרן, האָב איך דורך אַ חבר, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון שוועדן קיין רוסלאַנד, דערקלערט, אַז כ'טרעט אַריין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איידער עס איז נאָך פאָרגעקומען די פאַרשמעלצונג פון ביידע פּאַרטייען און איידער די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט געביטן דעם נאָמען אויף דער קאָמוניסטישער. ווי געזאָגט, האָט דערדאָזיקער פאַקט נישט געקענט באַאיינפלוסן אונזער שטעלונג אַלס אָנפירער פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אָבער הגם מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם ביולעטען אין אַ אָרגאַן פון איין-איינציקער פּאַרטיי, איז ער פונדעסטוועגן געוואָרן דער אויסדריקער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איך האָב דעם ביולעטען פאַרגרעסערט — ער איז דער־שינען אין צוויי, אָפט אין דריי און פיר שפּראַכן, — ער האָט געדאַרפט דינען אַלס אינפאָרמאַטיווער אָרגאַן וועגן די רוסישע פאַרהעלטענישן פאַרן מערב־אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט. די אויפגאַבע איז נישט געווען קיין לייכטע. בעת די גרויסע טאָג־ציימונגען פון דער גאַנצער וועלט זענען פול געווען מיט ידיעות וועגן רוסלאַנד, וואָס האָבן צום וויניקסטן געשטאַמט פון רוסלאַנד, פלעגן מיר נאָר זעלטן, אומרעגלמעסיק, איך קען זאָגן, צופעליק באַקומען ידיעות וועגן רוסלאַנד, וועלכע איך האָב אַנטקעגנגעשטעלט די טענדענציעזע, פון קלאַסנהאַס, פּאַניק און סענסאַציע־דורשט אינספּירירטע פאַרעפנטלעכונגען. די־דאָזיקע אַרבעט איז מיר נישט קיין סך לייכטער געוואָרן אפילו דאַן, ווען חבר וואָראָווסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָפּי־ציעלער פאָרשטייער פון ראַטנרוסלאַנד און עס איז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ קוריערנדינסט. איך דערמאָן זיך מיט וואָ־סער אַנטוישונג איך פלעג באַגעגענען די גרויסע קאַסטנס, וועלכע מ׳פלעגט מיר ברענגען פון פּעטראָגראַד. די קאַסטנס פלעגן אַנטהאַלטן צייטונגען פון פאַרגאַנגענע חדשים — אָבער איך האָב זיך, נאַטירלעך, גענויטיקט אין אַקטועלן מאַטעריאַל. איך דערמאָן זיך, ווי חבר לענין, וועלכער האָט באַטראַכט די אויפגאַבע אויפצוקלערן וועגן די רוסישע צושטאַנדן אַלס די וויכטיקסטע, האָט מיר געשריבן: „בראַוואָ, בראַוואָ! אייער אַר־בעט, טייערע חברטע, פאַרדינט די העכסטע אָנערקענונג, שפּאָרט נישט, זיין מוחל, קיין מיטלען. דאָס, וואָס מ׳שטעלט אייך צו אַזוי ווינציק מאַטעריאַל איז אומפאַרציילעך. איך בעט אייך גיט מיר אָן דעם נאָמען פון קוריער, וואָס איז שולדיק אין אַזאַ גראָבער, אומפאַרצייילעכער נאַכלעסיקייט״.

מיט אומבאַשרייבלעכער שפּאַנונג פלעג איך וואַרטן אויף שבת, ווען עס פלעגן געוויינלעך אָנקומען די שיפן פון פּעט־ראָגראַד. דירעקטע ידיעות וועגן באַקאַטירטן, מיט רכילות באַ־שמוצטן, הייליקן לאַנד! יעדער חבר, וואָס איז געקומען פון דאָרט, איז דורך מיר „קאָנפיסקירט״ געוואָרן, אויף הונדערט פראַגעס מיטאַמאָל האָט ער געמוזט געבן אַן ענטפער. אין מיר איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער ווונש זיך פערזענלעך צו אי־

בערצייגן, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, זיך באַקענען מיט אַלע ניואַנסן, וועגן וועלכע קיינער האט מיר נישט געקענט אינפאָרמירן. יעדער אייגער פון די דורכפאָרנדיקע חברים פלעגט מיר פייערלעך מבטיח זיין, אַז ער וועט אָרגאַניזירן דעם אינפאָרמאַציע-דינסט, ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, אין שריפט און וואָרט פלעגט מען מיר פאַרזיכערן, אַז אַלץ וועט געלאָזט ווערן אין גאַנג, כדי איך זאָל ווייטער קענען פירן מיין אַרבעט. באַזונדערס האָט זיך דערפאַר איינגעשטעלט טשיטשערין... אָבער א לאַנגע צייט איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן!

# דער ערשטער ראטנאמבאסאדאָר אין אויסלאנד.

מיטן חבר וואָראָווסקי האָב איך זיך איבערפלעכלעך באַקענט שוין פריער אויף די צימערוואַלד־זיצונגען, אָבער אַ נענטערע קאַנטשאַפט האָב איך געשלאָסן מיט אים ערשט נאָכן נצחון פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און אַדאַנק דעם בין איך געקומען אין באַרירונג מיט איינער פון די אייגנאַרטיקסטע פערזענלעכקייטן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. די קאַנטשאַפט מיטן דאָזיקן אויסערגעוויינלעך־אינטעלעקטועלן, שאַרפזיניקן און פאָרנעמען מענטשן האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסן גענוס און מיר געגעבן נישט איין שליסל צו נישט איין פסיכאָלאָגישער רעטעניש...

ווען איך בין אין איינעם אן אָוונט געקומען אויף רעגירונגסגאַטאַ 67, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס ביוראָ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע און ווו איך האָב געוווינט, האָב איך געפונען אַ טעלעגראַם, וואָס איז אַדרעסירט געווען צום שטאָקהאָלמער בירגערמייסטער לינדהאַגען. אַזוי ווי די דעפעשע איז געווען אין אַ שפּראַך, וועלכע ער האָט נישט געקענט, האָט זי חבר לינדהאַגען צוגעשיקט צו מיר לשם אינפאָרמאַציע און אויף איבערזעצן. פון דער דעפעשע האָב איך זיך דערוווסט, אַז חבר וואָראָווסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון דער ראַטנרעפּובליק אין שוועדן. ווי ווייט דער פאַרקער מיט רוסלאַנד איז דאַן געווען אומנאָרמאַל באַווייזט דער פאַקט, וואָס אַזעלכע ידיעות זענען צו אונז דערגאַנגען

ערשט דורך אומוועגן! די צייטונגען האָבן שוין געהאַט פריער איבערגעגעבן דידאָזיקע ידיעה, אָבער חבר וואָראָווסקי האָט נישט געקענט מאַכן דערפון קיין שום פּאַקטישע אויספירן, ווייל ער האָט נישט געקענט איבערנעמען דעם אַמט אָן אַ אָפיציעלער מעלדונג. ווען איך האָב אים איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דער דעפּעשע, וואָס האָט געשטאַמט פון פינלאַנד, האָט ער איבערגענומען דעם אַמט, וואָס האָט אים דערנאָך אויך געקאָסט דאָס לעבן...

וואָס מער איך האָב אים דערקענט און וואָס מער איך האָב איינגעזען די שוועריקייטן פון דער אַרבעט, וועלכע איז אים אָנגעטרויט געוואָרן, אַלץ מער האָב איך אים געשעצט. זיין אַ דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער פון אַ לאַנד, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די דיפּלאָמאַטיע און איז אַרומגערינגלט געווען מיט שונאים, אויסניצער פון דער איבערקערעניש, רכילותניקעס און שפּיאָנען, איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט, אָבער חבר וואָראָווסקי איז זי געווען בכּח אויסצופירן.

יעדער קעגנער — דער כיטרעסטער ווי דער ערלעכסטער — האָט געמוזט שפּירן זיין גייסטיקע און מאָראַלישע העכערקייט. ער איז געווען איינע פון די בעסטע פיגורן אינם שאָכשפּיל צווישן געוואגטע טרעגער פון אַ נייער אידעאָלאָגיע און מלוכה-פאָרם און די דערפאַרענע און עגאָאיסטישע פאָרשטייער פון דער אַלטער אידעאָלאָגיע, פון דער אַלטער מלוכה-פאָרם, פון אַלטן רעזשים. ער האָט געוווסט זייער גוט, ווי זיך צו שטעלן אויפן קעגנערס ניוואָ, צו באַהאַנדלען די פראַגעס אויך ריין געשעפטלעך — דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט כּמעט אויסשליסלעך וועגן האַנדלס-פאַרטרעטונגען, — אָבער יעדן איינעם פון זיינע „קאָנטראהענטן" איז געווען קלאָר, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ צו זיי בלויז אויסערלעך. יעדער פון זיי האָט געפילט, אַז ער האָט פאַר זיך דעם זעלבסטבאַוווסטן פאָרשטייער פון אַ גרויסער אידייע, נישט קיין פאַרוועני פון אַ פּאַרטיי, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט. נישט געקוקט אויף אַלע קאָמפּראָמיסן, וועלכע ער האָט געמוזט שליסן אַלץ מער, וואָס מער די רוסישע פּאָליטיק האָט זיך דערווייטערט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנכאַראַקטער, וועלכן זי האָט פון אָנהויב פאַרשטאַנען צוצוגעבן אַלע אירע האַנד-

לונגען, האָט חבר וואָראָווסקי נישט פאַרלאָרן דידאַזיקע אייגנ־שאַפט זיינע ביז צום לעצטן אָטעם.

די ערשטע באַזוכן, וועלכע מען האָט געמאַכט דעם אמ־באַסאַדאָר פון דער ראַטנרעפּובליק, האָט חבר וואָראָווסקי אויפגענומען אין מיין ביורא, ווייל ער האָט נאָך פון רוסלאַנד נישט געהאַט דערהאַלטן נישט די דערלויבעניש נישט די נוי־טיקע מיטלען אויף צו דינגען אַ אָפיציעלן לאָקאַל. אַזוי ווי באַזוכער זענען נישט געווען קיין סך, פלעגן מיר שמועסן שעהנלאַנג. די מעגלעכקייט צו ריידן מיט אים אויף וועגן קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען האָט אויף מיר גע־ווירקט זייער אָנרעגנדיק. ווען אין רוסלאַנד פלעגן אַרויפּשווי־מען אַ סך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און אומפּאָראויסגעזעענע סיטואַציעס, פלעג איך ביי וואָראָווסקין זוכן די פּסיכאָלאָגישע אָריענטירונגס־מעגלעכקייט. איך דערמאָן זיך, ווי חבר וואָראָוו־סקיס טיפע, שאַרפזיניקע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי זיין גאַנץ וועזן האָט אויסגעזען ווי פאַרייננגערט, ווען ער האָט גערעדט וועגן גענוס, וועלכן עס האָט אים אין דער יוגנט פאַרשאַפט די איבערזעצונג פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט אויף רוסיש. ווי באַקאַנט איז ער געווען איינער פון די בעסטע מאַרקסיסטישע פּובליציסטן פון דער באָלשעוויסטישער ריכטונג (אין די צאַ־רישע צייטן באַקאַנט אין דער באַוועגונג אַלס „אָרלאָווסקי”). —

ביסלעכווייז האָט זיך וואָראָווסקיס טעטיקייט אויסגעברייט־טערט, זי האָט באַקומען אַן אָפיציעלע באַאַרבונג. ווען איך האָב זיך צוערשט אַביסל געוואונדערט, וואָס ער לאָזט זיך אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט דעם אָדער יענעם פיינט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פלעגט ער מיר ענטפערן מיט אַ ביטערן שמייכל, מער מיט זעלבסטאיראָניע ווי איראָניע: „אייער צימ־מערוואַלד־באַוועגונג קען אודאי בלייבן פריי פון קאָמפּראָמיסן... אָבער...”

אַזוי אַרום האָט זיך צווישן אונז איינגעשטעלט אַן אַר־בעטס־טיילונג: ווען מען האָט געדאַרפט דערליידיקן עפּעס פּאָ־ליטישעס, פלעגט מען געפינען דעם וועג צו מיר, דאָס גע־שעפטלעכע און דיפּלאָמאַטישע פלעגט דערליידיקן דער חבר וואָראָווסקי אין זיין אַמט. אָבער כדי אָבצוכאַפּן אַביסל

דעם אָטעם, פלעגט ער זיך גערן אַריבערכאַפּן אויף אַ ווייל קיין „צימּמערוואַלד". עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס גראַד מיט אים האָב איך גערעדט אַ סך וועגן זאַכן, וואָס כדי זיי געגויער צו באַאָבאַכטן וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אַריבער־געפאָרן קיין רוסלאַנד. כדי צו קענען אינפאָרמירן, כדי בעסער אָנצוואָקן דעם מערב־אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט, האָב איך אַליין געמוזט גרינטלעך באַקאַנט זיין מיט דער לאַגע. און די־דאָזיקע באַדערפעניש האָט נאָך מער געפאָדערט אַן אוממיטל־באַרע באַרירונג מיט דער רוסישער סביבה דערפאַר, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זאַכן, וואָס מ'האָט געקענט דערגיין נאָר דורך באַאָבאַכטן די סביבה, דורך שמועסן מיט אויטאָרי־טעטע פערזענלעכקייטן. צוליב גאַנץ־פאַרשטענדלעכע טעמים איז די טשעקאַ — נאָך אפשר מער ווי דער טעראָר אַליין — געווען איינס פון די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַממייִנסטן אַפּע־לירט צו מיין אחריות־געפיל.

חבר וואָראָווסקי ווי אויך די אַנדערע חברים האָבן מיך אָפּגערעדט פון אַ נסיעה קיין רוסלאַנד, ווייל מיין טעטיקייט אין שטאָקהאָלם האָבן זיי געהאַלטן פאַר וויכטיקער. חוצדעם איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז מען האָט נישט געקענט זיין זיכער, צי ביים אומקערן זיך פון רוסלאַנד וועט מען ווידער אַריינגעלאָזן ווערן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ענדלעך האָב איך דאָך איבערגערעדט דעם חבר וואָראָווסקי, וועלכער האָט מיך געשיקט אַלס דיפּלאָמאַטישן קוריער קיין רוסלאַנד, כדי צו זיכערן מיין נסיעה.

ווען איך בין אָנגעקומען צו דער שוועדיש־פינישער גרע־ניץ איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פינלאַנד. דער פאַר־קער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. פערצן טעג האָב איך אַזוי פאַרבראַכט צווישן די צוויי גרעניצן, מיט דער האָפענונג, אַז כ'וועל קענען פאָרן ווייטער. אָבער וואָס מער די געשעענישן אין פינלאַנד האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג, אַלץ ווייניקער האָפענונג האָב איך געהאַט צו קענען אָנקומען קיין רוסלאַנד. ווען איך בין ענדלעך — אויף וואָ־ראָווסקיס פילמאָליקע פאָדערונגען — צוריקגעקומען קיין שטאָק־האָלם, האָבן זיך אַלע געוווּנדערט, וואָס איך בין געבליבן

לעבן און האָב צוריקגעבראַכט גאַנץ אַלע דיפּלאָמאַטישע פּאַקטן...

איצט האָב איך געמוזט אָפּוואַרטן אַ לאַנגע צייט מיט מיין נסיעה קיין רוסלאַנד. וואָראָווסקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער רוסיש-פינישער שלום-קאָנפערענץ און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים פאַרטרעטן אויב נישט אָפיציעל, טאָ לכל הפחות — אָפיציעז.

איינמאָל איז געקומען צו מיר אַ יונגע פרוי און דערקלערט, אַז זי איז אַן אלמנה פון אַ רויטן אָפיציר, און זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל זי צונעמען אַלס סעקרעטאַרין. ס'איז מיר באמת געווען שווער, וואָס איך קען נישט דערפילן דעם ווונש פון דערדאָזיקער יונגער, סימפּאַטישער פרוי. „ביי מיר קען איך אייך נישט געבן קיין אַרבעט, איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין סעקרעטארין, אָבער ס'קען זיין, אַז איך וועל אייך קענען פאַרשאַפן די מעגלעכקייט זיך אויסצובילדן. אויב אייער מאַן האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַרן אַרבעטערקלאַס, וועט די ראַטנרעפּובליק זאָרגן פאַר זיין אלמנה. אַזוי אַרום וועט פון אייך אויך ווערן אַ נוצלעכער קעמפער". אויפן דאָזיקן פאָרשלאַג האָט די אלמנה נישט געוואָלט איינגיין. זי איז געקומען נאָך אַ פאָר מאָל און כסדר באַשטאַנען אויף דער ערשטער בקשה: צו אַרבעטן מיט מיר און ביי מיר.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי האָט באַקומען אַן אויפטראַג פון דער אַנטי-באָלשעוויסטישער ליגע צו אַרבעטן ביי מיר אַלס פּראָוואָקאַטאָרין און מיר אומברענגען. היות ווי אין שטאָקהאָלם זענען געווען גאַנצע מחנות אַוואַנטוריסטן און שפּיאָנען — נאָך מער ווי אין אַלע אַנדערע נייטראַלע לענדער — און אַזוי ווי שוועדן איז געווען דאָס איינציקע לאַנד, וווּ עס איז דאַן געווען אַן אָפיציעלע פאַרטרעטונג פון ראַטנרוסלאַנד און במילא אויך רוסיש געלט, — האָט זיך דאָרט דעריבער געבילדעט אַ „ליגע", וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פאַר די מיטלען, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך, כדי צו באַפרייען זיך פון די קלאַסנפיינט און צוצונעמען זייער געלט.

עס איז אומגלויבלעך, אָבער אמת: אין 1918 האָט מען אין שטאָקהאָלם געגרינדעט אַ פאַראיין, וואָס האָט אָפיציעל געהייסן „אַנטי-באָלשעוויסטישע ליגע" און וואָס זייַנע סטאַטוטן און זייַן „טאַקטיק" האָבן געגוי אַנטשפּראָכן זייַן נאָמען. הערן און דאַמען האָבן געפירט אַ טעטיקייט אין נאָמען און אין די ראַמען פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע. זיי האָבן געזוכט געלעגנהייטן אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט די אַלע, וועגן וועלכע זיי האָבן געוווּסט אָדער געקלערט, אַז זיי שטייען נאָענט צום באָלשעוויסטישן רוסלאַנד אָדער צו זייַן געלט, זיי פלעגן די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען ברענגען אויף אַן אָפּגעלעגענער ווילע, ווו מען פלעגט זיי פּייניקן, באַרויבן און אַרייַנוואַרפן אין זעק אין וואַסער.

אָבער היות ווי דער באַנדע האָט נישט געקענט געלינגען אַרייַנצוכאַפּן אין זייער נעץ אמתע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיי זיך געמוזט באַשרענקען מיט אַ „טעטיקייט" צווישן די „ליפעראַנטן" פון ראַטנרוסלאַנדס האַנדלס-פאַרטרעטונג.

דידאָזיקע שענדלעכע פאַרברעכנס, וואָס האָבן אַ זיבן מענטשן געקאָסט דאָס לעבן, האָבן געפונען אַ נאָכשפּיל אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַראורטיילונג און שפּעטערדיקער באַגנעדיקונג פונם הויפּטשולדיקן און וואָס האָט באַוויזן, אויף וואָס פאַראַ ראַפינירטער אכזריות און בעסטיאַליטעט עס זענען פעאיק די אויסוואָרפן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אין דאָזיקן פּראָצעס האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט, מיט וואָסער אויפטראָג די דערמאָנטע אלמנה האָט מיך באַזוכט, און אַז עטלעכע טעג נאָך מייַן אָפּפאָר פון שטאָקהאָלם האָט זי פּרובירט אויספירן אויף מיר אַן אַטענטאַט, וואָס האָט נישט דערגרייכט דעם ציל דערפאַר, ווייל איך האָב זיך שוין דעמאָלט געפונען אויפן וועג קיין רוסלאַנד.

# לעבין נאָכן אטענטאט

ווי נאָר וואָראָווסקי איז צוריקגעקומען קיין שטאָקהאָלם, האָב איך דערפילט מיין לאַנגאָנסטיקן טרוים צו פאָרן קיין רוסלאַנד. איך בין אַרומגענומען געווען פון פייערלעכע, אָבער קודם-כל טרויעריקע עמפינדונגען, ווען איך האָב באַשטיגן דאָס שיף, באַלאָדן מיט רויטע רויזן און נעלקן, באַגלייט פון קלאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל און פון טרייע, באַרעדטע בליקן. דער הימל איז געווען אַזוי קלאָר, די כוואַליעס האָבן געשלאָגן אַזוי רואיק און ריטמיש, אַז מ'האָט נאָך לאַנג געהערט דעם קלאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל; דאָס איז נישט געווען קיין איינגעשטודירטער כאָר, נאָר אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון אַ געמיטס-באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען די חברים ביים געזעגענען זיך מיט מיר.

ווען אונזער שיף האָט זיך דערנענטערט צו רעוועל, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די דייטשן וועלן אונז „רעווידירן”, איידער מען וועט אונז לאָזן פאָרן ווייטער קיין רוסלאַנד. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דידאָזיקע פּראָצעדור — אונזער שיף איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף 24 שעה דורך די דייטשע באַאַמטע, הגם די רעוויזיע האָט געקענט דורכגעפירט ווערן אין משך פון איין שעה —, איז מיר אויף אַ דראַסטישן אופן קלאָר געוואָרן, וואָס דער קריג האָט געמאַכט פון דייטשלאַנד. עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די מוסטערהאַפטע דיסציפּלין, די אינערלעכע און אויסערלעכע חשיבות. מען האָט אָפן גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס שיף ווערט אויפגעהאַלטן אַזוי לאַנג נאָר דערפאַר, כדי די אָפיצירן און מאַטראָסן זאָלן האָבן

די געלעגנהייט צו מאַכן מיט אונז געשעפטן. איין שיפל נאָכן צווייטן האָט זיך דערנענטערט צו דער שיף, כדי אויסצונוצן די נויט פון מענטשן, וואָס פאָרן אין אַ הונגעריק לאַנד. ספּירט און סאַכאַרין זענען גאַנץ אָפיציעל אָנגעבאָטן געוואָרן צום קויף דורך אוניפאָרמירטע מאַטראָסן. ווען אַ יונגער שוועד האָט זיי צוליב די געפּאָדערטע הויכע פּרייזן געזאָגט, אַז מ'מוז דאָך זיין מענטשלעך, האָט אים אַ דייטשער מאַטראָס מיט חוזק אָפּגעענטפערט: „וואָס, מענטשלעך נאָכן דאָזיקן קריג?" כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעמדאָזיקן בליק און דעמדאָזיקן טאָן. דאָס איז אָבער נישט געווען דער טאָן און בליק פון אַ קלאַסנבאַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריער, נאָר פון אַ חיה-געוואָרענעם מענטשן...

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָט מען מיר מודיע געווען, אַז חבר לענין,—וועלכער איז נאָך דעם אַטענטאַט אויף אים איבערגעפירט געוואָרן אין אַ דאָרף, כדי צו פאַרבעסערן זיין געזונט און אים פאַרשאַפן פולשטענדיקע רו,— וויל מיך זען. זיין טרייער שאָפער, איינער פון די ווייניקע פאַרטרויטע, וואָס האָבן געוווּסט לענינס רו-אָרט, האָט מיך אַוועקגעפירט צו אים. — חבר לענין האָט אין יענע טעג געלעבט לחלוטין ווייט פון דער אַרבעט און דער פּאַקט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט דעם ווונש מיך תיכף צו זען און דעמדאָזיקן ווונש פאַרווירקלעכט קעגן ווילן פון די חברים, וועלכע זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען מער פאַרזאָרגט פאַר זיין געזונט ווי ער אַליין, באַווייזט סך־הכּל אומפאַרגלייכלעכע, עיקרדיקע באַדייטונג ער אַליין און בכלל ראַטנרוסלאַנד האָט צוגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענשלוס פון פּראָלעטאַריאַט.

אָבער נישט וועגן אינטערנאַציאָנאַל אַליין האָבן מיר גערעדט אין יענעם אומפאַרגעסלעכן טאָג. נישט פאַר דעם און נישט נאָכדעם האָב איך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט לענינען אַזוי פיל צייט, ווי אין יענעם טאָג. איך האָב צוזאַמען מיט אים, מיט זיין פרוי און מיט אַ פּאָר קינדער פון דאָרף געגעסן מיטאָק, און ווען עס איז אָנגעקומען פון מאָסקווע דער אויטאָ מיך אָפּצונעמען, האָט מען אים

אָפּגעשיקט צוריק, ווייל לענין און זיין ווייב האָבן מיך געוואָלט לאָזן ביי זיך ביזן אָוונט. איך האָב תּמיד געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט לענינען איז נישט נויטיק צו רעדן לאַנג וועגן אַ ענין; דורך אַ בליק, דורך אַ שמייכל, דורך אַן איינטראַפּיקן ענטפער אָדער דורכדעם, וואָס ער האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף אַ קאָנקרעטער פראַגע, האָט ער מער אויפגעקלערט און אָריענטירט, ווי אַ סך אַנדערע דורך לאַנגע רעדעס. ער האָט תּמיד, שוין אויך פאַר דער רעוואָלוציע, געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער איז זייער שפּאָרעוודיק מיט דער צייט, און דאָס לייגט זעלבסטפאַרשטענדלעך אַרויף אויף אַ מער-ווייניקער פיינפיליקן באַזוכער אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט. ווי אַנדערע שאַרפע מאַרקסיסטישע גייסטער, ווי פּלעכאַנאָוו, אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ, אַפילו ווי מאַרקס און ענגעלס, האָט ער אויך פאַרמאָגט די פיינע איראָניע לגבי יעדער סענטימענטאַלישקייט אָדער נאַאיוקייט. יעדער איינער, וועלכער איז געקומען אויפן גרונד פון אייגענע שטודיען צו אַ שטרענגער קריטישער וועלטאָנשויאונג, ווי די מאַטעריאַליסטישע, מוז באַטראַכטן מיט אַ געוויסער איראָניע די-יעניקע, וועלכע ווילן לייזן מיט פּאַטאָס, סענטימענטאַלישקייט, עגאָצענטריזם פראַגעס, נישט באַגרייפנדיק זייער צוזאַמענהאַנג. — אָבער לענין — באַזונדערס זייט ער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט דעם גורל פון דער אַרבעטער-רעפּובליק — האָט פאַרשטאַנען צו באַהאַנדלען אַזעלכע מיטלויפער מיט אַזאַ פיינער, מייסטערהאַפטער צוריקגעהאַלטנקייט, אַז די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען האָבן מייסטנס גאָרנישט באַמערקט דידאָזיקע איראָניע. סאַראַ סך מענטשן פון דעם מין האָבן געלעבט אין טעות וועגן לענינס באַציאונג צו זיי! ער האָט צוגעצויגן צו זיך די אַלע, וועגן וועלכע ער האָט געמיינט, אַז זייערע גוטע אייגנשאַפטן און נישט ווינציקער זייערע שוואַכקייטן קענען אויף אַ וועלכן נישט איז אופן געשטעלט ווערן אין דינסט פון דער באַוועגונג. א י נ ע ר ל ע ך איז ער תּמיד געבליבן פון זיי אויף דערזעלבער דיסטאַנץ.

צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן די נעבעכדיק קליינע, נישטיקע עלעמענטן, וועלכע רעדן זיך איין, אַז זיי שטעלן

עפעס פאָר מיט זיך, אַז זיי דאַרפן זיך שטעלן אין מיטל־פּונקט פון די געשעענישן דערפאַר, ווייל זיי זענען באַקאַנט געווען מיט לענינען. זיי שרייבן וועגן אים כּדי צו קענען באַשרייבן זיך אַליין. אין פאַרגלייך מיט זיי זענען הײַנעס צווערגעלעך, וועלכע קריכן אויף די אַקסלען פון די ריזן, כּדי אויסצוזען גרעסער,—אמתע ריזן. אין דעם, וואָס גראָד לענין, וואָס האָט זיין גאַנצן וויסן, זיין גאַנצן וועזן געשטעלט אין דינסט פון דער אידייע, וועלכע לערנט, אַז נישט דער יחיד באַאיינפלוסט די געשעענישן, נאָר ער גופא איז זייער פּראָדוקט, איז געוואָרן דער אָביעקט פון אַזאַ „העלדנקולט", ליגט אַ טראַגישע איראָניע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגיק פון גאַנץ רוסלאַנד, פון דער גאַנצער הײַנט צייטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל.

איך האַלט, אַז פאַר פרייע, באמת מאַרקסיסטיש־געשולטע מענטשן איז נאָך נישט געקומען די צייט צו שרייבן וועגן לענינען. דאָס וואָלט נישט געהאַט נישט קיין זין, נישט קיין באַדייטונג. דאָס ערנסטע, דאָס דורכגעטראַכטע, וואָס אַנטשפּרעכט דער גרויסקייט פון דער טעמע, וואָלט פאַרלאָרן געגאַנגען אין דער מאַסע מינדערווערטיקעס, וואָס איז איבער אים געשריבן געוואָרן, סיי כּדי אים אַראָפּצורייסן, סיי כּדי צו קענען שרייבן וועגן זיך אַליין, ווי דאָס איז דער פאַל ביי דער מערהייט פון זיינע לויבזינגער. פאַרן פאָלק, קודם כּל פאַר דעם רוסישן, וואָס וויל באמת פון אים לערנען, זענען גענוג זיינע ווערק, די געשריבענע ווי די פאַרווירקלעכטע מעשׂים, און קודם כּל איז גענוג דער איינדרוק, וואָס זיין וועזן האָט געמאַכט. די אַרבעטער־און פאָלקסמאַסן ווערן געפירט דורך אַ מעכטיקן אינסטינקט און זיי האָבן קיין טעות נישט אין זייער אורטייל איבער אַ מענטשן וואָס איז געווען אַזאַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון רוסישן פאָלק. אין די ביכער, וועלכע ווערן געווידמעט לענינען זייט ער איז איינגעשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע אַלס גרויסער מענטש, וועט מען נישט געפינען קיין שליסל צו זיין פּערזענלעכקייט, מ'וועט דורך זיי נישט דערגיין דעם סוד, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט די השפּעה, וועלכע ער האָט געהאַט אויף די געשעענישן.

ביים באַטראַכטן די צוויי ריזנפּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דאָמינירט אין דער רוסישער רעוואָלוציע — לענין און טראָצקי — האָב איך זיך אָפט געפרעגט, ווי אַזוי קען דורכגעפירט ווערן אַ גרעניץ-ליניע צווישן דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט פון זיי געמאַכט, און דעם, וואָס זיי האָבן געגעבן דער רעוואָלוציע? וויפל וויסן, איניציאַטיוו, שאַרפזיניקייט, וואגעניש פון דענקען און האַנדלען ווערן ערשט אַנטוויקלט דורך דעם אחריותדיקן פּאָסטן, אויף וועלכן עס שטעלן אַוועק דעם יחיד די כּסדר ווייטער-טרייבנדיקע געשעענישן פון אַ רעוואָלוציאָנעדער עפּאָכע? איך האָב דאָס געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַמערקן אויך ביי אַ סך דורכשניטקעמפער, און דעריבער זאָג איך זיך ביים אָנבליק פון דער שטילצר, פאַרגעסענער מאַטירעריי און העלדישקייט, וועלכע גראָד די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געבאָרן אין משך פון איר אַנטוויקלונג, מען זאָל נישט אויפהויבן די יחידים אויף קיין הויכע פּיעדעסטאַלן אפילו דאַן, ווען מען דאַרף דאָס טאָן, ווייל סוף-כל-סוף בילדן דאָך די צאָל און נאָמענלאָזע דעם פונדאַמענט פאַר די מעשים פון די ווייניקע.

לענין איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען אַ זעלבסטבאַוווסטער מענטש, ווייל אַנדערש וואָלט ער נישט געקענט פאַרטיידיקן און דורכפירן זיינע אָנשויאונגען קעגן זיינע קעגנער אין רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און שפּעטער קעגן אַ וועלט פון קלאַסנשונאים. אָבער אין זיין זעלבסטבאַוווסטזיין איז נישט געווען קיין שפּור פון קליינבירגערלעכער עגאָצענטרישעס; עס איז אים נישט געגאַנגען וועגן דעם, צו דערווייזן פאַר זיך און פאַר די אַנדערע וואָס ער איז און וואָס ער ווייס. ער איז געווען אַ כּסדר שאַפנדיקער קינסטלער, וואָס האָט פון יעדן איינדרוק, פון יעדן קאָנטאַקט — ווי מינדערווערטיק עס איז נישט געווען דער אָביעקט פון קאָנטאַקט -- אַרויסגענומען עפּעס פאַרן גרויסן ווערק, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. זיין אייגנטימלעכע געווינהייט צוצומאַכן איין אויג, וואָס דאָס פלעגט צוגעבן זיין בליק אַזאַ כיטרען אויסדרוק, איז נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי דער פּרוּוו צו פיקסירן דעם מענטשן וואָס קעגנאיבער און

צו זען, וואָס מ׳קען פון אים אַרויסבאַקומען. און דעריבער טאַקע האָט מען זיך אין זיין נאָענטקייט געפילט זייער נאַטירלעך, מיט דער אויסנאַמע, פאַרשטייט זיך, פון קנעכטישע נאַטורן, וואָס ווערן פאַרציטערט פאַר אַלדאָס גרויסע, אָדער פון די־יעניקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן וועזן פון דער זאַך, וואָס לענין האָט רעפּרעזענטירט, און זענען געשטאַנען פאַר אים ווי באַאַמטע אָדער דינער.

ווען איך האָב דערזען לענינען ביי יענער געלעגנהייט — ער האָט נאָך געטראָגן אויף אַ בינדע די האַנט, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן דורכן אַטענטאַט — האָב איך מיט מי געקענט גובר זיין מיין אויפרעגונג: עס איז דאָך פאַר מיר געשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז אַנטרונען פון טויט ווי דורך אַ וואונדער און פאַר וועמעס גורל מיר האָבן געציטערט. אָבער תיכּף איז מיין אויפרעגונג שטיל געוואָרן. לענינס רואיקייט — ער איז שוין פון לאַנג איבערגעגאַנגען פון דערדאָזיקער ערשיטערונג צום סדר־היום און ער האָט זי באַטראַכט אַלס אַ ריין־אָביעקטיווע געשעעניש — האָט זיך אויך מיטגעטיילט דעם אַנדערן, יעדנפאַלס האָט זי אַרויפגעצוואונגען אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געפרעגט, און טאַקע מיט אַ באַגייסטערטן טאָן, איז געווען: „האָט איר געלייענט באַרביס׳ „פייער״? זעט איר, אויך ער איז פאַר אָפּשאַפן דאָס פּריוואַטאייגנטום, פאַרן סאָציאַליזם״. פאַר לענינען, וועלכער האָט נאָר צוליב זיין וואונד באַקומען די נויטיקע צייט צו לייענען דאָס בוך, איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס נאָר זיינע לעצטע אויספירן האָבן באַזונדערס שטאַרק צוגעצויגן ז יי ן אויפמערקזאַמקייט. —

ווען איך האָב זיך אָווגטצייט צוריקגעקערט קיין מאָסקווע, רייך מיט טיפע איינדרוקן, האָט מיר לענין געהאַט איבערגערעדט, איך זאָל זיך וואָס שנעלער אומקערן צו מיין טעטיקייט אין אויסלאַנד, איך זאָל זיך דורך קיין זאַך נישט לאָזן אָפּהאַלטן דערפון.

# מען שיקט מיך ארויס פון דער „פרייער״ שווייץ

ווען איך דערמאָן זיך די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די פאָלגנדיקע דריי ביז פיר וואָכן און האָבן באַשעפטיקט די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט, דער עיקר די פּרעסע פון דער רעפּובליקאַנישער שווייץ, און האָבן אויסערלעך געלייגט זייער חותם אויף מיין טעטיקייט — קען איך זיך נאָך אויך היינט נישט איינהאַלטן פון געלעכטער. אַ פאַרפאַלענע זאַך, ווי שטאַרק דאָס קליינבירגערטום זאָל זיך נישט באַמיען, קען עס נישט אויסמיידן צו זיין לעכערלעך. אַזוי איז אויך געווען מיטן אַרויסשיקן מיך פון דער שווייץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אַלס אַ ביישפּיל פון דער שווייצאַרישער „אויסערנפּאָליטיק״ און פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסן קאָמיזם.

דער הויפּטצוועק פון מיין רייזע קיין רוסלאַנד איז געווען די שוין אויבנדערמאָנטע אָריענטאַציע-באַדערפעניש; נאָכדעם ווי איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך געוואָלט פאָרן אין דער שווייץ, כדי אוממיטלבאַר זיך אינפאָרמירן וועגן דער צימערוואַלד-באַוועגונג אין מערב, און דאַן אַ פּאָר טעג זיך אויסרוען אין דער שווייץ.

איך האָב קיינמאָל נישט געשפּירט די באַדערפעניש אָדער דאָס רעכט צו מאַכן זיך „פּעריען״, און דאָסזעלבע איז מיט דער מערהייט פּערזאָנען, וואָס שטייען אין דינסט פון אַ אידייע, וועלכע זיי האַלטן פאַר ריכטיק. דאָסמאָל אָבער האָט מיר געבראַכט צו מיין באַשלוס דער געדאַנק, אַז נאָך מיין לענגערן

פאַרבראַכט מיט זיי קאָמפּלעטע — ... 

פאַרבריינגען אין דעם ווייטן סקאַנדינאַוויען וועט אין אינטע-
רעס פון מיין טעטיקייט זיין צוועקמעסיק צו קומען אין באַ-
רירונג מיט אַן אַנדערער סביבה. אנטוויקלען אַ וועלכע נישט
איז באַזונדערע טעטיקייט אין דער שוועדן האָב איך נישט גע-
האַט בדעה און אויך נישט די מעגלעכקייט. אין יענער צייט,
אָנהויב נאָוועמבער 1918, זענען טעטיק געווען גאַנץ אַנדערע
כּחות ווי די ציממערוואַלדער, ווי בכלל יעדע אַנדערע פּאָלי-
טישע אַגיטאַציע. נאָכדעם ווי איך האָב געוויילט אַרום דריי
טעג אין בערלין, ווו איך האָב לשם קעגנזייטיקער אָריענטירונג
געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אומאָפּהענגיקע און די
ספּאַרטאַקיסטן, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין ציריך. שוין אונ-
טערוועגס האָב איך געלייענט אין אַ דייטשער פּראָווינציעלער
צייטונג אַ נאָטיץ, פון וועלכער מ'האָט געקענט אַרויסדרינגען,
אַז כ'פּאָר קיין שווייצאַריע מיט צען מיליאָן באָלשעוויסטיש געלט,
כּדי דאָרט און אין איטאַליע אַרויסצורופן די רעוואָלוציע אין
אַ באַשטימטן טאָג. די ידיעה איז דערביי אַזוי נאַריש פאָר-
מולירט געווען, אַז מ'האָט אפילו נישט געקענט לאַכן פון
איר, חוצדעם בין איך שוין אַזוי געוווינט געווען צו לייענען
וועגן זיך די אומגלויבלעכסטע זאַכן, אַז כ'האָב בכלל נישט
רעאַגירט אויף קיין שום אופן, אפילו אינערלעך נישט.

אָנגעקומען קיין ציריך, האָב איך זיך דערוווסט דאָ פון
איינעם, דאָ פון אַ צווייטן חבר, אַז די אָדער יענע וויסטע
נאַרישקייט ווערט פאַרשפּרייט וועגן מיר אין די צייטונגען פון
דער פראַנצויזישער שווייץ. אַזוי ווי די פראַנצויזישע שווייץ
איז נאָך קלייבירגערלעכער אַין איר פּרעסע, וואָס האָט פון
תּמיד אָן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פּלוידעריי-ווידערקול פון
פראַנקרייך, איז מיר געווען באַזונדערס אַנטיפּאַטיש צוליב איר
שרעקלעכער שפּראַך און צוליב איר נישט-עכטן קריכערישן שאָ-
וויניזם, האָב איך נישט געהאַט קיין חשק זי באַזונדערס פליי-
סיק צו לייענען; דאָס, וואָס זי האָט מיר געשאָנקען אַ באַ-
זונדערע אויפמערקזאַמקייט, האָט מיך נישט אינטערעסירט. ס'איז
זיך בכלל שווער פאָרצושטעלן עפּעס שענדלעכערס, ווי די
האַלטונג פון דער שווייצאַרישער פּרעסע בעת דער בלוטיקער
פאַרמעסטונג פון די אימפּעריאַליסטישע קאָאַליציעס. אין אָנ-

הויב פון קריג, ווען אַלץ האָט געלאָזט פאָראויסזען דעם זיג פון די צענטראַל-מלוכות, איז דייטשלאַנד און דאָס דייטשטום געווען אַ טרומף אין דער גאַנצער פּרעסע אַחוץ אַ פּאָר צייטונגען, וואָס זענען גיכער געווען פון פראַנצויזישער איידער שווייצאַרישער אָפּשטאַמונג. אָבער צו דער צייט פון מיין צוריקקער אין דער שווייץ איז דער מיליטערישער צוזאַמענברוך פון די צענטראַל-מלוכות געווען קלאָר און וועגן אויסגאַנג פון דער מלחמה האָט קיין ספק נישט געקענט זיין. און זיי האָבן גענומען קריכן אויפן בויך פאַר די זיגער; דייטשלאַנד איז בכלל געווען נישט מער ווי אַ באַרבאַרן-לאַנד און האָט פאַרדינט איר גורל. אויב די אינדיווידועלע טעלערלעקעריי איז דאָס עקלהאַפטסטע בילד, וועלכעס אַ מענטש קען פאַראורטיילט ווערן צוצוזען, איז די שענדלעכע קריכעריי פון דער פּרעסע, — דער אַזויגערופענער עפנטלעכער מיינונג, — פאַר דעם היינט מעכטיק-געוואָרענעם, וועלכן מען האָט ערשט נעכטן אויסגעלאַכט, און וועלכן מען וועט מאָרגן ווידער מיט פאַרגעניגן אויסלאַכן, ווען דאָס גליק וועט אים פאַרראַטן, — אַ בילד, וואָס קען באמת ברענגען צו פאַרצווייפלונג.

עס איז בכלל אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם, ווי אַזוי דענקנדיקע מענטשן, וואָס זענען נישט קיין מאַרקסיסטן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן נישט דערקענט די טרייבכּחות פון די געשעענישן, וואָס ריכטן זיך נישט אין זייער האַנדלען לויט די מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, — ווי אַזוי אַזעלכע מענטשן האָבן בכלל געקענט איבערטראָגן דעם קריג, נישט אַראָפּגייענדיק פון זינען. שקרים, צביעות, די פאַרערונג פון שטאַרקן און דאָס לאָזן אויף גאָטס באַראָט דעם שוואַכן אין הינטערלאַנד (אויך אין די אַזויגערופענע נייטראַלע לענדער), זענען געווען די ווירדיקע פאַרטנערן פון דער פּיין, דער דערנירעריקונג און דער פאַרניכטונג אויף דעם פראָנט.

די שווייץ האָט געהאַט באַזונדערע סיבות זיך צוצופּאַסן צום שטאַרקן. חוץ דער עקאָנאָמישער און געאָגראַפישער לאַגע, וועלכע האָבן זי זייער שטאַרק אָפּהענגיק געמאַכט פון די גרויסמאַכטן, איז נאָך געווען דערצו אַן אינערלעכע סיבה. די פרעמדנאינדוסטרי, ווי באַקאַנט איינע פון די הויפּט-הכנסה-קוואַלן

פון לאַנד, איז דורך דעם קריג שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן, איר אויפלעבונג איז קודם כּל געווען אָפּהענגיק פון מלחמה־אויסגאַנג. די בירגער פון די זיגרייכע מלוכות וועלן מסתּמא גיכער באַזוכן די קור־ און רו־ערטער פון דער שווייץ, ווי די בירגער פון די באַזיגטע און פון די פינאַנסיעל־רואינירטע מלוכות. אין אָנהויב פון קריג זענען געקומען אין דער שווייץ קריגסאינוואַלידן, אָבער עס האָט זיך כּמעט אויסשליסלעך גע־האַנדלט וועגן לחלוטין פאַרקריפּלטע דייטשע זעלנער, וועלכע מען האָט אריינגעזעצט אין ספּעציעל פאַר זיי באַשטימטע הייזער. אַזוי אַז זיי האָבן געגאָסן די מעלות פון ווינען אין דער שווייץ, אָבער די „עכטע" קורגעסט האָבן זיי נישט גע־קענט באַלעסטיקן דורך דעם בילד פון זייערע פאַרקריפּלטע גלי־דער. ווען דער ווינט האָט זיך אומגעדרייט, האָבן גענומען באַזוכן די שווייץ אויף אַ לענגערער צייט נישט נאָר שווער־קראַנקע, נאָר אויך רו־באַדערפטיקע העכערע באַאַמטע פון דער אַנטאַנט־אַרמיי. זייערע פּרויען זענען גליקלעך געווען צו טיילן מיט זיי, אמת, נישט די גרוילן און די מאַטערנישן פון קריג, אָבער דאָס גוטע עסן, דעם כּבוד, די אומגעשטערטע רו. אָבער גאַנץ אומטעטיק זענען דידאָזיקע הערן און דאַמען נישט געווען; בעת די דייטשע אַרמיי האָט געאײַלט פון מפּלה צו מפּלה, אָבער די אייגענע דאַקעגן פון זיג צו זיג, האָט זיי פאַרשאַפט אַ באַזונדער הנאה צו באַטראַכטן די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די קריגס־פעלצער, וועלכע אַ פראַנצויזישע אַגענטור האָט אויסגעשטעלט אין דעם שוי־פענסטער פון אַ הויז, אין וועלכן עס האָט געוווינט די דעמאָלטיקע ראַטנאַמבּאַסאַדע אין בערן. דידאָזיקע עלעמענטן זענען אויך געווען די טרייסטע לייענער פון דער פראַנקאָפילער פּרעסע.

אַזוי ווי אין ציריך זענען געווען מער איטאַליענישע עמיגראַנטן, און דער עיקר חברים, ווי אין אַנדערע ערטער, האָב איך באַ־שלאָסן צו פאַרברענגען דאָרט די קורצע צייט. ווען איך פלעג אין אָוונט מאַכן אַ שפּאַציר מיט די איטאַליענישע חברים, אָדער ווען מיר פלעגן אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן, פלעגט זיך שוין תּמיד געפינען אַ קליינע גרופּע, וואָס פלעגט אָפּ־הוזקן פון די „chaibe Tschinken" (פאַראַכטנדיקער צונאָמען

פאַר די איטאַליענישע עמיגראַנטן) אָדער איבער די „chaibe Bolschewik“. דאָס איז געווען עפּעס אומגעוויינלעכעס, אָבער איך האָב דאָס דערקלערט מיט דער אַלגעמיינער אויפרעגונג, וועלכע דער קריג האָט אַרויסגערופן און איך האָב געבעטן מיינע איטאַליענישע חברים זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטע פּראָוואָקאַציע לשם שפּיאָנאַזש-צוועקן. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער מעשה האָבן מיר זיך אויסגעצייכנט אַמוזירט, די איטאַליענישע חברים פלעגן מיך באַגלייטן ביזן האָטעל, ווו זיי פלעגן מיר אויפשפּילן אַ רעוואָלוציאָנערע סערענאַדע... נישט מער ווי די דערמאָנטע צווישנפאַלן האָט מיך אויך געקימערט דער פאַקט, וואָס אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך געווענדט צו מיר, צי איך קען זיי נישט מאַכן קיין הלוואה פון די צען מיליאָן, אַנדערע האָבן מיר אָנגעבאָטן קניות, צי איך וויל זיך נישט קויפן קיין הויז, עווענטועל מיט מעבל!...

איינמאָל האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם פון די חברים פון דער ראַטנאַמבאַסאַדע אין בערן מיט דער בקשה, איך זאָל דאָרט אַריבערקומען וואָס שנעלער. שוין אויפן וואָקזאַל האָט מיר דער „לעגאַטיאָנסראַט“, — אַ באָלשעוויסטישער עמיגראַנט, מיינער אַן אַלטער באַקאַנט, — מיטגעטיילט, אַז ער איז צוליב מיר אַרויסגערופן געוואָרן אין אויסערן-מיניסטעריום. אָפיציעל, נישט גאַנץ אָפיציעל האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז ס'איז געווונשן, דאָס פרוי באַלאַבאַנאָוו זאָל פאַרלאָזן די שווייץ. אויב זי וועט דאָס תיכף טאָן פרייוויליק, גאַנץ פּריוואַט, וועט די רעגירונג איר געבן אַ באַגלייטונג ביז צו דער גרעניץ און זי וועט זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל איר קיין שום בייז נישט געשען.

„און דער גרונט?“ האָט געפרעגט דער לעגאַטיאָנסראַט.

„הער דאָקטאָר, ווייסט איר דען נישט ווער פרוי באַלאַבאַנאָוו איז? איינע פון די בולטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי האָט אַן אומבאַצווינגבאַרן איינפלוס אויף די מאַסן“.

„יאָ“, האָט דער לעגאַטיאַנסראַט אַריינגעפאַלן אין די

ייד, „זענען דאָס אָבער סיבות אויף אַרויסצושיקן עמיצן? צו־דאַרפן דען נאָר מינערוועדטיקע לייט...״

„אָבער איר דאַרפט דאָך נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען אַ קליין לאַנד. וואָס וועט איר זאָגן, ווען איך וועל אייך דער־ציילן, אַז די איטאַליענישע אַמבאַסאַדע האָט שוין פּראָטעסטירט קעגן דער פרוי באַלאַבאַנאָווס אויפהאַלטן זיך אין דער שווייץ?״

מיין אַנטשלוס איז שוין געווען אָנגענומען: פרייוויליק וועל איך די שווייץ נישט פאַרלאָזן. דאָס איז געווען מיין חוב נישט נאָר לגבי זיך אַליין נאָר אויך לגבי דער איטאַליענישער און דער שווייצאַרישער אַרבעטערשאַפט. אויב מען וועט מיך אַרויסשיקן, זאָל כאָטש מיין אַרויסשיקונג דינען פאַר דער אַרבעטערשאַפט אַלס אויפקלערונגס־און אַגיטאַציע־מאַטעריאַל. די ענטגילטיקע אַנטשיידונג האָב איך פונדעסטוועגן איבערגעלאָזן פאַר דעם שווייצאַרישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווייל זי האָט געקענט האָבן ערנסטע רעזולטאַטן פאַר די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד אין וועלכן איך האָב זיך געפונען. כדי אַרויסצוציען פון עסק די רוסישע אַמבאַסאַדע, לגבי וועל־כער איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געהאַט נאָך מער דיס־ציפּלין־און סאָלידאַריטעט־פליכטן, האָב איך געבעטן אירע פאַרשטייער, זיי זאָלן מודיע זיין דער שווייצאַרישער רעגירונג, אַז איך זאָג זיך אָפּ צו פאָלגן זייער אָנצוהערעניש; די ראַטנ־אַמבאַסאַדע האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן דאָזיקן ענין.

איך האָב קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר פּאָליטיש אָדער מאָראַליש דערלאָזבאַר, איך זאָל זוכן שוץ ביי אַן אויס־לענדישער ראַטנפאַרטרעטונג; און נישט נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט נאָך שווערער מאַכן איר אַזוי אויך קאָמפּליצירטע לאַגע, אָדער ווייל כ׳האָב געוואָלט רעספּעקטירן איר פאַרפליכטונג נישט צו דולדן קיין פּראָפּאַגאַנדע מצד אירע לאַנדסלייט, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל איך וואָלט געהאַלטן פאַר שענדלעך און דעמאַגאָגיש צו פאָדערן פון די רעגירונגען פון די לענדער, אין וועלכע איך האָב יאָרנלאַנג געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, זיי זאָל מיך פּלוצלונג באַטראַכטן אַלס אַן „אומשעדלעכע״ בירגערין פון אַ „באַפריינדעטער מלוכה״. פון דער אנדער זייט האָב איך געפירט מיין טעטי־

קייט מיט אַ סך יאָרן פריער, איידער דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, נישט געניסנדיק קיין שוץ פון קיין שום רעגירונג, און כ'האָב נישט איינגעזען, פאַרוואָס איצט זאָל דאַרפן זיין אַנדערש.

די פאָרשטייער פון דער ראַטנאַמבאַסאַדע זענען גלייך און — ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען — מיט גרויס גרייטקייט איינגעגאַנגען אויף מיין פאָרשלאָג. איך בין צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ציריך. דער שווייצאַרישער פּאַרטייקאָמיטעט האָט אָן באַוואָרעניש זיך סאָלידאַריזירט מיט מיין שטעלונג. די רעכטסטע צווישן זיינע מיטגלידער האָבן נישט געקענט פאָדערן פון מיר איך זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון דער רעגירונג און מיך לאָזן אַרויסשיקן: די אַרבעטערשאַפט וואָלט זיכער געמאַכט די אַנטשפּרעכנדיקע אויספירן פון דער דאָזיקער פאָדערונג.

דער פּאַרטייקאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן קיין בערן אַ קאָמיסיע, כדי צו פירן מיט דער רעגירונג אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען וועגן מיין ענין. קיין פּראַקטישן דערפאָלג האָב איך דערפון לחלוטין נישט דערוואַרט. איך בין זיכער געווען, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט מען מיך אַרויסשיקן און שוין נישט אויף אַ „פריינטשאַפטלעכן" אופן. ווען די חברים זענען צוריקגעקומען פון בערן און האָבן מיר מיטגעטיילט, אַז די רעגירונג האָט זיי געגעבן אַ באַרואיקנדיקן ענטפער, מ'זאָל אַ פּאָר טעג אָפּוואַרטן און גאָרנישט פאַרעפנטלעכן, אַלץ וועט איינגעאָרדנט ווערן, איך וועל קענען רואיק בלייבן אין דער שווייץ, — האָב איך בלויז געקענט שמייכלען איבער דער נאַאיוויטעט פון די חברים.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געפאָרן קיין בערן, ווו עס האָט געזאָלט געפייערט ווערן דער ערשטער יאָרטאָג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אונטערוועגס האָט מיר אַ חבר געוויזן אַ לאַנגן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אונטער עפּעס אַ וווּלגאַרן נאָמען און האָט זיך געענוי' מיט מיר באַשעפטיקט, ער האָט צונויפגעציילט אַלע פּאָליטישע פאַרברעכנס, וועלכע איך בין ווען-נישט-איז באַגאַנגען, און אַלץ, אין וואָס די אַנטאַנט-פּרעסע האָט מיך באַשולדיקט זייט דעם אויסברוך

פון קריג. דער אַרטיקל האָט זיך געענדיקט מיט דער באַמערקונג, אַז אין דער שווייץ קען מען נישט דולדן אַזעלכע אומזויבערע, צווײדײטיקע באָלשעוויסטישע קוריערן.

ווען איך האָב פאַרלאָזן ציריך, איז שוין דאָרט די סאָציאַלע אַטמאָספער געווען זייער געשפּאַנט. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן אַ פאָרשטייענדיקן גענעראַלשטרייק. דאָס מיליטער איז געווען גרייט, ס׳איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס-צושטאַנד. אין טאָג פון מיין אָפּפאָרן בין איך באַזונדערס באַלעסטיקט געוואָרן דורך שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן. איינער האָט געוואָלט פון מיר געלטמיטלען פאַר אַ יוגנטאַקציע, דער צווייטער גענויע ידיעות וועגן דער פּראָגראַם, וואָס איך האָב בדעה אויסצופירן. אַן איטאַליענישע פּראָלעטאַריערין, אַ שניידערין, האָט מיר דערציילט, אַז איר בעסטע קונדין איז צו איר געקומען צו לויפן, כדי זי צו בעטן רחמים, איר תיכף צו מאַכן אַ רייזע-טואַלעט, ווייל זי מוז אַוועקפאָרן פון ציריך, די רעוואָלוציע שטייט שוין אויפן שוועל; זי האָט אַליין געזען מיט אירע אייגענע אויגן דורך די פענסטער פון גראַנד האָטעל, ווו זי וווינט, ווי איך האָב אָפּגעהאַלטן אַ באַכטזיצונג מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גענעראַלשטאַב, וועלכן איך האָב איבערגעגעבן געלט. ווען איך בין געקומען קיין בערן, האָבן מיר חברים מיטגעטיילט, אַז איך וועל וואַרשיינלעך תיכף אַרעסטירט ווערן; אין פאָלקסהויז האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן זייער אַ סך שפּיאָנען, די געווערקשאַפט-צענטראַלע האָט אַרויסגעשטעלט געוויסע עקאָנאָמישע פאָדערונגען און האָט אויך פּראָטעסטירט קעגן אַרויסשיקן מיך. דער קאָמיטעט האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. די דראָאונג מיט דעם גענעראַלשטרייק האָט אַלץ מער אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען, די רעגירונג איז געוואָרן אַלץ אומנאָכגיביקער, די פּרעסע האָט געפירט אַן אומבאַשרייבלעכע העצע. אַזוי ווי דייטשלאַנדס מפּלה איז שוין געווען אַ געשעענער פאַקט, איז פראַנקרייך געוואָרן טרומף און אַלץ וואָס דייטשפריינטלעך פאַרהאַסט און אויסגעלאַכט, קודם כל יענע, וואָס זענען אויף אַ וואָסער-נישט-איז אופן טעטיק געווען פאַרן שלום. די קאַמפּאַניע קעגן מיר איז דעריבער געוואָרן אַלץ

ענערגישער, די ראַטנאַמבאַכאַ'ע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין שפּיל. כּדי צופרידנצושטעלן פראַנקרייך, האָט מען געזאָלט דערוויטערן פון דער שווייץ די פאָרשטייער פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געשלאָסן דעם סעפּעראַטן שלום אין בריסק, און דעריבער האָט מען באַשולדיקט אין העצן צום גענעראַל־שטרייק אַלע ראַטנפריינטלעכע רוסן און מ'האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז מ'וועט זיי אַרויסשיקן.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער גענעראַלשטרייק, צו וועלכן עס זענען צוגעשטאַנען אויך די אייזנבאַנאַרבעטער, און די שטימונג איז געוואָרן שווער און געשפּאַנט, ווי דאָס איז נאָר מעגלעך אין אַ קליינבירגערלעכן לאַנד, זענען דערשינען עקסטרא-בלעטער אין וועלכע מ'האָט גערעדט לויט דער ריי נאָך וועגן אַרויסשיקן מיך און די ראַטנאַמבאַסאַדע. ווען פאָרשטייער פון דערדאָזיקער לעצטער זענען אַוועק צו דער שווייצאַרישער רעגירונג, כּדי צו פאָדערן אַן אויפקלערונג, איז זיי געגעבן געוואָרן דערזעלבער ענטפער ווי בשעתו דער קאָמיסיע פון דער שווייצאַרישער פּאַרטיי: אַ באַרואיקנדיק־אויסמיידנדיקע! איך האָב זיך נישט באַצויגן צו אים ערנסט, לכל הפּחות אויף וויפל דאָס איז נוגע געווען מיין גורל; איך האָב געמוזט לאַכן, ווען עמיץ פון דער אַמבאַסאַדע האָט געזאָגט: „איצט וועלן זיי דאָך נישט קענען אַרויסשיקן: די אייזנבאַנאַרבעטער שטרייקן; און ווען דער שטרייק וועט זיך ענדיקן, וועט זיך אַלץ ווידער באַרואיקן". איך האָב מודיע געווען די חברים אין ציריך זיי זאָלן מיר תּיכּף באַזאָרגן קיין בערן מיינע זאַכן און ביכער.

דאָס האָט געמוזט זיין אויפן צווייטן טאָג פון גענעראַל־שטרייק; מ'האָט מיך גאַנץ פרי צוגערופן צום טעלעפאָן. דער לעגאַטיאָנסראַט, וועלכער האָט מיר שוין איינמאָל מודיע געווען, אַז מ'וועט מיך עווענטועל אַרויסשיקן, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז זעקס פאַרטאָג האָט אים די רעגירונג טעלעפאָניש געמעלדעט, אַז די מיטגלידער פון דער אַמבאַסאַדע און איך מוזן פאַרלאָזן שווייצאַריע איינס אַ זייגער בייטאָג. מיט וועלכע פאַרקערס-מיטלען און אין וועלכן לאַנד, — וועגן דעם איז נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין איין וואָרט. אַזוי באַ־

האַנדלען אַן אויסלענדישע אַמבאַסאַדע האָט זיך געקענט דער־לויבן בלויז די רעגירונג פון אַזאַ קליינעם לאַנד, וואָס האָט געהאַנדלט אין אינטערעס פון אַ זיגרייכער גרויסמאַכט. — — —

בערן איז געווען אין אַ באַוואָפנטן צושטאַנד, קיינמאָל נאָך האָב איך נישט געזען אַזויפיל מיליטער, אַזוי פיל באַגנעטן, אַזוי פיל קוילנוואַרפערס אויף אַזאַ קליינעם שטח. און די פּנימער, די פּאַניק פון איינע, דער שאָדנפרייד פון די אַנדערע, די שנאה פון די דריטע!

אַלץ האָט געשטרייקט, דער טעלעפאָן- און טעלעגראַף-פּאַרקער זענען פולשטענדיק אָפּגעשטעלט געווען. דאָס האָט דער רעגירונג געגעבן די מעגלעכקייט אונז אַרויסצושיקן און די אַרבעטערשאַפט זאָל גאָרנישט וויסן וועגן דעם און מיר זאָלן נישט קענען מודיע זיין אונזערע נאָנטע חברים וועגן געשעענעם. בלויז די, וואָס האָבן זיך צופעליק געפונען נאָנט פון וואָקזאַל, זענען געווען עדות פון די ווילדע האַנדלונגען. קיין אַרבעטער זענען צווישן זיי נישט געווען: קליינבירגער־לעכע קרעמער, צעקאָכטע צוליב זייער אומפּריווילעגירטן ליידיק־גיין, דינערשאַפט פון רייכע לייט, וועלכע האָבן געזידלט די „רויטע", ביאַנקעס, וועלכע האָבן די קינדער פעסט געהאַלטן ביי דער האַנט, כּדי צו זען דעם ספּעקטאַקל פון דער נאָנט, און — צולעצט אָבער נישט די לעצטע — די אָפיצירן פון די זיגערישע אַרמייען מיט זייערע פרויען. פאַר זיי איז דאָס אַרויסשיקן אונז נישט געווען קיין איבערראַשונג, ווייל אויב זיי אַליין זענען געווען גאַנץ אומבאַדייטנדיקע פּאַרשוינען, זענען זיי אָבער געשטאַנען אין באַציאונגען מיט אַ וועלכן נישט איז באַדינטן פון אַ דיפּלאָמאַט און זיי האָבן געוווּסט, וואָ־סער אַפּאַראַט עס איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג, כּדי פּטור צו ווערן פון אונז. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פּאַקט (וועגן וועלכן כ'האָב שוין פריער דערציילט), וואָס דער לאָ־קאַל, אין וועמעס פענסטער מ'פלעגט אויסהענגען קריגס-ידיעות, האָט זיך געפונען אין זעלבן הויז, וואָס די ראַטנאַמבאַסאַדע. ווען די זעלנער זענען געקומען מיט לאַסטאויטאָס צו נעמען אונזער ביסל זאַכן און מיר האָבן מאַרשירט צום וואָקזאַל, זענען אַלעמענס אויגן געווענדט געווען אויף אונז. הענט און

שטעקנס האָבן זיך אַ הויב געטאָן, שפּאָטישע ווערטער האָבן אונז נאָכגעיאָגט.

באַזונדערס אַקטיוו זענען געווען די פרויען, זייער שנאה־און נקמה־געפיל האָט זייער האַלטונג געמאַכט אויסערגעוויינלעך לעכערלעך; דאָס זענען געווען שאַקאַלן אָבער אָנמעכטיקע שאַקאַלן. דידאָזיקע סצענע האָט אַרויסגערופן אין מיין זכרון אַן ענלעכע, וואָס איז פאָרגעקומען אויך אין דער שווייץ, מיט פופצן יאָר פריער. דאָס איז געווען אַ פרויען־מחנה, וועלכע דער פּאַסטאָר פון דאָרף האָט אויפגעהעצט קעגן מיך; זי האָט באַקומען אַ ווונק פון פּרעדיקער־בימע, אַז איך זאָל נישט פאַרלאָזן אומבאַשטראָפט דעם ישוב. כדי אויסצופירן דעמדאָזיקן באַפעל, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציער וואָס האָט געדויערט אַכט שעה. אויך דעמאָלט האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, ווי אַזוי היפּנאָז איז בכח צו פאַרוואַנדלען מענטשן אין ווילדע חיות, און ווי אַזוי דער דאָזיקער צושטאַנד ווירקט אָנשטעקנדיק; ווי אַזוי לפי־ערך אינדיווידועל נאָרמאַלע מענטשן ווערן אַרומגענומען דורך אַ קאָלעקטיוון פּסיכאָז, ווען זיי זענען צוזאַמען און האַנדלען אונטער דער ווירקונג פון אַ אַפעקט. אָבער דאַן זענען דאָס געווען אויפגעהעצטע פרויען, ביי וועלכע די צרות און איבעראָנשטרענגונג האָבן צוגערויבט די פעאיקייט זעלבשטענדיק צו דענקען און צו האַנדלען, פרויען, וועלכע „האָבן נישט געוווסט וואָס זיי טוען"; דאָ אָבער זענען דאָס געווען פרעכע, גאווה־דיקע קליינבירגערינס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער שנאה קעגן די־יעניקע, וועלכע האָבן באַדראָט די פּריווילעגיעס פון זייערע באַהערשער.

אויב דערדאָזיקער ספּעקטאַקל איז געווען עקלדיקער פאַרן ערשטן, איז ער אָבער אויך נישט געווען אַזוי אומשולדיק. דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען איינע אַליין, ווען די פרויען האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר מיט הייווידלעס און מיסטווידלעס, דאָסמאָל אָבער האָבן זיך לעבן מיר געפונען אויך קראַנקע מענטשן און קליינע קינדער. דער פאָרשטייער פון ראַטנרוסלאַנד איז געווען אַ קראַנקער מענטש און צוליב דער אויפרעגונג האָט ער אויסגעזען ווי אַ מת. איינקע

פון די אַנדערע אַמבאַסאַדע־באַאַמטע האָבן געהאַט קליינע קינדער. איך האָב זיי אַלע געלאָזט גיין פאָראויס, כּדי זיי זאָלן נישט פאַלן קיין קרבן פון דער ווילדער שנאה. „אָט דאָס איז זי, די פאַרשאָלטענע קוריערין פון דער רעוואָלוציע”, האָט זיך געלאָזט הערן אין אַלערליי טענער. די פרויען האָבן געשריגן, די מענער האָבן אין נייגעריקן צאָרן אויסגעצויגן די קעפ אין דער הויך. „יאָ, דאָס בין איך”, האָב איך געזאָגט און געבליבן שטיין, כּדי אדורכצולאָזן די אַנדערע. אין זעלבן אויגנבליק האָבן זיך אַלע געוואָרפן אויף מיר, עס איז שנעל אָנגעריטן קאַוואַלעריע, וועלכע האָט נאָך פאַרגרעסערט די פאַניק; מען האָט מיך אָפּגעשטויסן צו דער וואָקזאַלוואַנט, כ'האָב דערשפּירט אויף מיין ברוסט דאָס אייזן פון פערד־פּאָדקאָוועס און פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

ווען איך האָב ווידער געעפנט די אויגן, איז דער המון שוין געווען אָפּגעשטופּט. כ'האָב ווידער געקענט אָטעמען, מיין האַנט האָט געבלוטיקט. אַרום מיר האָבן זיך געוואַלגערט שירעמס און שטעקנס. אייניקע זעלנער מיט בלאַנקע שווערדן האָבן מיך געפירט צו מיינע רייזע־חברים. אין וואַרטצימער זענען געזעסן די מיטגלידער פון דער אַזוי פאַרשידן צונויפגעשטעלטער עקספּעדיציע: אויסגעפּרוווטע רעוואָלוציאָנערן, אומשולדיקע פרויען, וועלכע האָבן באַגלייט זייערע מענער, יונגע קוריערן און מענטשן, וועלכע זענען צוליב דער אָדער אַן אַנדער סיבה אַריינגעצויגן געוואָרן אין שפּיל.

דער אָנפירער פון דער אַמבאַסאַדע איז געזעסן לחלוטין אָן כּחות, אומבאַהאָלפן, אַנטמוטיקט, בלייך ווי קאַלך און האָט נויטיק געהאַט הילף. ווען איך בין אַריין אין זאַל האָב איך אויפגעפאָדערט איינעם פון די זעלנער, וועלכע האָבן אונדז געהיט, ער זאָל מיר ברענגען דעזינפעקציע־מיטלען און באַנדאַזשן. ער האָט נאָך נישט באַוויזן צוצוגיין צו דער טיר, כּדי צו גיין אין אַפּטייק, — און אַ אָפיציר האָט אים שוין פאַרבאָטן אויסצופילן מיין אויפטראָג. די זעלנער און קודם־כּל די אָפיצירן, וועלכע מ'האָט אָנגעטרויט אונזער דעפּאָרטאַציע, האָבן כּמעט אַלע, אָן אויסנאַם, געשטאַמט פון דער פראַנצויזישער שווייץ. און קאָמאַנדירט האָט מען גראָד זיי דערפאַר, ווייל

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דייטשפריינטלעכע על־מענטן, און ווייל די פראַנצויזישע שווייץ האָט בכלל ווייניק אינדוסטריי־אַרבעטער און קודם כל ווינציק פראָפעסיאָנעל און פּאָליטיש אָרגאַניזירטע אַרבעטער; אויף אַזאַ אופן האָט מען געקענט זיין זיכער, אַז מען וועט אונז באַהאַנדלען געגוג אכזריותדיק.

אַ גראָטעסק בחורל אין ברייטע פלודערן, מיט אַ מאָ־באָקל און אַ עלעגאַנטן בייטשל איז אַריינגעקומען אין זאַל. „וועט זיך צווישן אייך געפינען עמיצער, וואָס איז אומשטאַנד צו פאַרשטיין מיינע ווערטער?" האָט ער גאוהדיק געפרעגט, „מ'וועט אייך איצט טראַנספּאָרטירן אין אויטאָמאָבילן צו דער גרעניץ, און איך וואָרן אייך: אויב עמיץ וועט זיך דערוועגן מאַכן אַ פרווו צו אַנטלויפן, וועט מען שיסן פון קוילנוואַר־פערס". מען האָט אונז צוזאַמענגעקוועטשט אין אָנדערטהאַלבן טוץ אויטאָמאָבילן, וואָס יעדער פון זיי איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ פאַנצעראויטאָ. אויף מיר האָט מען געלייגט אַ באַזונדערע „אויפמערקזאַמקייט", ווייל די דעמאָנסטראַנטן ווי אויך די פאָטאָגראַפן, וואָס האָבן זיך געפונען ביים וואָקזאַל, האָבן זיך באַזונדערס אָפּגעלייגט אויף מיר. די באַגלייטזעלנער האָבן זיי אונטערשטיצט דורכדעם, וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטן דעם אויטאָ, אין וועלכן איך בין איינגעשטיגן. אָבער מער, אַ סך מער האָט מיך באַרירט דער פאַקט, וואָס צווישן די צוקוקער, וועלכע האָבן זיך אַזוי שטורעמדיק געפרייט מיט אונזער דע־פּאָרטאַציע, האָט מען געקענט אונטערשיידן אויך פּראָלעטאַרישע פנימער...

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומזיניקסטע, וואָס מ'קען זיך נאָר בכלל פאָרשטעלן. צוויי טעג מיט אַ נאַכט האָט מען אונז אַרומגעיאָגט איבערן לאַנד אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק; אַלע אינדוסטרי־ערטער זענען אויסגעמיטן געוואָרן: צו־ליב מורא פאַר דעמאָנסטראַציעס פאַר אונז! אָבער אויך אין די דערפער האָבן מיר זיך נישט געטאָרט אָפּשטעלן. ביינאַכט האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ קאָנדיטאָריי, ווו מען האָט אונז געגעבן צו טרינקען, איך גלויב, אַז דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס מיר האָבן עפעס געקענט טועם זיין. וווהין מען האָט אונז געפירט האָבן מיר נישט געטאָרט וויסן,

הגם דער ציל און די ריכטונג איז פאַר אונז נישט געווען גלייכגילטיק, ווייל נישט ווייט פון באַזעל האָבן זיך געפונען די פון נצחון פאַרשיכּורטע פראַנצויזישע חיילות, וואָס וואָלטן זיך מיט אונז גאַנץ קנאַפּ צערעמאָניעט.

די אָפיצירן, וואָס האָבן אונז באַגלייט, האָבן באַטראַכט אַלס אַן איבעריקע זאַך צו געבן אונז אינפאָרמאַציעס. ענדלעך האָט מען אונז אַראָפּגעזעצט אויף אַ קליינער סטאַציע, האַרט ביי דער באַדישער גרעניץ. אויף מיינע אַגיטאַציע-רייזעס בין איך אַזוי אָפט געגאַנגען צופוס פון שאַפהויזען, אויף דער דורכרייזע קיין דייטשלאַנד האָב איך דאָרט אַזוי אָפט גענעכטיקט. גאָר נאָענט פון ישוב, אויף דער לעצטער בריק, האָב איך געזען אַן איטאַליענישן אַרבעטער, וועלכער האָט פריינטלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ענדלעך, ענדלעך איינער פון אונזערע! אין משך פון דער גאַנצער גראָטעסקער עקספּעדיציע האָבן מיר וועגן גענעראַלשטרייק נישט געהערט און נישט געלייענט קיין איין וואָרט; איצט איז געווען אַ געלעגנהייט זיך עפּעס צו דערוויסן און צו געבן דעם חבר אַ לעבנסצייכן פון זיך. אָבער קוים האָב איך געמאַכט אַ פּרווו צו רעדן מיט אים, האָט מען אים אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, מיט געוואַלט אַוועקגעשלעפּט און וואַרשיינלעך אַרעסטירט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע טייל פון דער קאָמעדיע. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ אכסניה, ווו מען האָט אונז געגעבן עסן און טרינקען, אָבער קיין שום אינפאָרמאַציעס וועגן דעם, וואָס מען וועט מיט אונז ווייטער טאָן. אויף נאַכט האָט מען געשטעלט אין אונזער רשות אַ שולצימער מיט אַ געהעריקן קוואַנטום שטרוי אַלס נאַכטלעגערס. קראַנקע און שוואַכע האָט מען געלאָזט שלאָפן אין אכסניה. די בייגיריקייט און די שנאה, מיט וועלכע די באַפעלקערונג האָט אונז צוערשט שטורמיש באַגעגנט, זענען שנעל פאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע געפילן, וואָס האָבן נישט געטראָגן אַזאַ פיינטלעכן כאַראַקטער. אַלע קרעמערס, הענדלערס, רייזנדע און אַז. וו. האָבן געאיילט אין דער אכסניה, כדי פאָרצולייגן די פרעמדע עפּעס צו קויפן. דערצו זענען די באָלשעוויקעס אויך געווען גאַנץ גוט; דער פאַקט, וואָס מען האָט מיט זיי

געקענט מאַכן אַ גוט געשעפט, האָט אין דער באַפעלקערונג אויפגעוועקט אַ פרידלעכע שטימונג צו די אַלס לעסטיק אַרויסגעשיקטע אויסלענדער.

דריי מיטגלידער פון אונזער עקספּעדיציע זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאָדערן ביי דער מיליטערישער מאַכט אינפאָרמאַציעס וועגן אונזער ווייטערדיקן מאַרשרוט, כדי מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט דער דייטשער מאַכט. אין דייטשלאַנד איז דערווייל פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק. בנוגע דעם קבלת פנים, וואָס האָט געוואַרט אויף אונז אויף יענער זייט גרעניץ, נאָכדעם ווי מיר וועלן זיך שוין אַרויסרייסן פון דער קליינבירגערלעכער תפיסה, האָט נישט געקענט זיין קיין שום ספק. אָבער אונזער דעלעגאַציע איז אָפּגעפּטרט געוואָרן מיט אַלגעמיינע, אויסווייכנדיקע ריידנסאַרטן. ווייזט אויס, אַז עס איז געלעגן אין אינטערעס פון דער שווייצאַרישער מאַכט צו האַלטן אונז אין אַ פּאַניק-צושטאַנד, מיר זאָלן זיין גרייט „אויף דאָס ערגסטע". „יאָ" — האָט איינמאָל אין אַ אָוונט געזאָגט צו אונז אַ פראַנצויזישער אָפיציר, ווען ער האָט אונז באַגלייט צום שטרויլאַגער, „מיר איז אַ רחמנות אויף די פרויען און קינדער, ווער ווייס, וואָס עס דערוואַרט זיי אויף דער גרעניץ".

איינמאָל אינדערפרי האָט מען אונז פּונקט אַזוי גראָב און מיליטעריש געבראַכט אין אויטאָס אויפן וואָקזאַל, וווּ אויסער אונז האָט זיך נישט געפונען קיין איין רייזנדער. מען האָט וואַרשיינלעך באַשטעלט אַן עקסטרען צוג, כדי אונז אַריבערצופירן איבער דער גרעניץ. פאַר אונזער אָפּפאָר איז געפאַלן אַ ב אַ מ ע ר ק ו נ ג, וועלכע איך וועל מיין לעבן לאַנג נישט פאַרגעסן. נישט קיין באַאַמטער, נאָר אַן אַרבעטער האָט אַ געשריי געטאָן צום דייטשן צוג-פירער: „לאָזט עס דאָרט קרעפּירן פון הונגער, דאָס געזינדל". מיטן דאָזיקן „ווונש" אַלס באַגלייטונג האָב איך פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אין וועמעס אַרבעטערבאַוועגונג איך בין טעטיק געווען נישט ווייניקער ווי פופצן יאָר, אויב נישט סיסטעמאַטיש, טאָ לכל הפחות ספּאָראַדיש. — — —

איך בין געקומען קיין דייטשלאַנד, אין צוגעזאָגטן לאַנד

פון אַרבעטערבאַפרייאונג, מיט דיזעלבע געפילן, מיט וועלכע איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון צאַריזם. אויב עס איז געווען אַ חילוק איז ער באַשטאַנען אין דעם, וואָס פונם אינדוסטריעל רייכן דייטשלאַנד, ווו עס איז געבוירן געוואָרן דער פּראַקטיש-פאַרווירקלעכטער מאַרקסיזם, האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו דערוואַרטן עפּעס גאַנץ אַנדערש. אפילו די פיזישע מידקייט פון די לעצטע וואָכן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, מיט לייכטע טריט האב איך באַטראָטן דאָס לאַנד פון רעפּובליק און אַרבעטער-ראַטן, דאָס צענפאַכע הײמלאַנד.

אָבער שוין דער אויסערלעכער אויסזען פון די מענטשן איז נישט געווען אויף קיין האָר דערקוויקלעכער און פּראָלעטאַרישער פאַר דעמיעניקן, וועלכן איך האָב בשעתו אָנגעטראָפן אין קערענסקי-רוסלאַנד, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים נאָך יאָרצענדליקער גלות. מער נישט וואָס אין דייטשלאַנד האָבן אויך געפעלט די ווייניקע באַגייסטערטע פּנימער, וועלכע האָבן זיך מיר אין רוסלאַנד געוואָרפן אין די אויגן אין דער מאַסע פון די גרויע זעלנער און באַאַמטע. אַרבעטער האָט מען דאָ נישט געזען, אויך נישט צווישן די פאָרשטייער פון די אַרבעטערראַטן, וועלכע זענען דערשינען אַלס אָפיציעלע מאַכט אויפן וואָקזאַל. די רויטע צייכנס, וועלכע אַ סך פון זיי האָבן געטראָגן אויפן אָרעם, האָבן אויסגעזען ווי עפּעס גאַנץ אויסערלעכס, עפּעס אָפיציעלס, וואָס מען טוט אַרויף אויף אַ וואָכעדיק קלייד. אַ באַזונדערס אומאַנגענעמען איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר אייבער און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז ביי דער מאָנאַרכיע האָט ער עפּעס געהאַט צו טאָן מיט פּאָליציי, מיט דעם „זיכערהייטסדינסט”; אויך אין דער רעפּובליק, אונטער דער הערשאַפט פון די אַרבעטערראַטן, האָט ער פאַרנומען אַן ענלעכן אַמט. אומבאַשרייבלעך, הגם לייכטפאַרשטענדלעך, איז געווען די פאַראַכטונג, מיט וועלכער דער דאָזיקער פּאָליציי-אויסוואורף האָט באַטראַכט די „באַנדע רוסישע פאַרשווערער”. דער איינציקער, וואָס האָט לויט זיין וויסן נאָך מער-ווייניקער דערמאָנט אין דעם, וואָס מען האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען אונטערן נאָמען „דייטשער סאָציאַל-דע-

מאָקראַט״, איז געווען דער פאָרזיצער פון אַרבעטערראַט. אויך ער איז נישט געווען קיין פראָלעטאַריער, נאָר אַ קוילנהענדלער, ער איז אָבער געווען אַ לאַנגיאָריקער פאַרטיימיטגליד, האָט דורכגעמאַכט דאָס סאָציאַליסטן-געזעץ, האָט פערזענלעך געקענט בעבעלן און קלאַרא צעטקין, ער האָט אויך אויסערלעך געהאַט אין זיך דאָס סימפּאַטישע און צוציענדיקע פון אַ דייטשן סאָציאַל-דעמאָקראַט. ער איז אויך געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך באַמיט אין משך פון אונזער געצוווּנגענעם אויפהאַלטן זיך אין עניסהאָפּען — אַזוי האָט געהייסן דאָס שטעטל, וווּ די שווייצער האָבן אונז אויסגעלאָדן — צו זיין מענטשלעך און צו פאַראייניקן דאָס אַמט פון דער העכסטער מאַכט מיטן אַמט פון אַ חבר לדעה.

לייכט איז דאָס אים נישט אָנגעקומען; נישט איינמאָל האָט איך אים געזען אין טיפער פאַרלעגנהייט. דער קאָנפליקט איז פאַר די מאַכט-פאָרשטייער פון דערדאָזיקער גרעניץ-שטאָט באַשטאַנען אין דעם, וואָס פון איין זייט האָבן זיי מורא געהאַט אַרויסצורופן די אומצופרידנקייט פון דער רעגירונג דורך אַ צו מילדער באַהאַנדלונג, פון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך געשראָקן צו ברענגען אויף זייער פאָטערלאַנד אַן אומגליק דורך צו שטרענג באַהאַנדלען די אָפיציעלע געזאַנדשאַפט פון אַ גרויסמאַכט. דאָ האָט נישט געקענט העלפן אַפילו די געוויסנהאַפטסטע אָנווענדונג פון די פאַראַגראַפן, בפרט אַז קיינער האָט אין יענע טעג קיין שום גענויעס נישט געוווּסט וועגן אָנווענדן די פאַראַגראַפן.

דער פאַל איז באמת געווען אַ קאָמפּליצירטער. מיר זענען אָנגעגאַנגען אַלס רויבערבאַנדע און צו גלייכער צייט אלס דיפּלאָמאַטישע קערפּערשאַפט. דערביי האָט די לאָקאַלע מאַכט נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט בערלין. דאָרט האָט מען אין יענע טעג געהאַט אַנדערע געשעפטן. ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, איז מיר די סיטואַציע געוואָרן גאַנץ קלאָר און זי האָט אויסגעזען צו זיין הומאָריסטיש.

די שווייצאַרישע מאַכט, קליינבירגער, וואָס זענען אָנגעפּילט געווען מיט אָנמעכטיקער שנאה צו די רעוואָלוציאָנערן, קליינ-

בירגער, וואָס האָבן נישט געוואַגט אונדז אומצוברענגען — זיי האָבן גאַנץ גוט געדענקט, אַז זיי זענען בירגער פון אַ קליין לאַנד, און דאָס האָט זייער גאַנצער האַלטונג צוגעגעבן דעם אַזוי אומסימפּאַטישן שטעמפּל פון „וויל-און-קען-נישט" — האָבן זיי זיך שטאַרק באַמיט צו טאָן אַלץ, כּדי אונדז צו ברענגען שאָדן: דורך גראָבער באַהאַנדלונג, דורך אָנשרעקן און פּאַניק און — צולעצט, אָבער נישט דאָס לעצטע — דורכדעם, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט אויפצוהעצן קעגן אונדז די דייטשע מאַכט און די באַפעלקערונג! צוליבן דאָזיקן גרונד האָבן זיי אונדז אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן ביי דער גרעניץ, כּדי די פאָרשטייער פון דער אַמבאַסאַדע זאָלן נישט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די דייטשע חברים, כּדי די, וואָס נעמען אונדז אויף, זאָלן האָבן דעם איינדרוק, אַז מיר זענען אַ באַנדע אַוואַנטוריסטן. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך ביי די דייטשן געעפנט די אויגן אויף דעם, אַז דאָס איז נישט אַזוי, און אין דער מאָס, אויף וויפל דאָס איז געשען, האָט זיך אויך געענדערט אונזער באַהאַנדלונג מצד דעם פאָרזיצער פון אַרבעטערראַט. אין אַלגעמיינעם איז אונזער אויפהאַלטן זיך אין באַדען געווען רייך מיט הומאָריסטישע איבערלעבונגען. בלויז פון זיי האָט דער זכרון אויפגעהיט אַ שפור.

די ערשטע גרויסע שוועריקייט פון דער מאַכט — און די לייזונג פון דערדאָזיקער שוועריקייט האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף אונזער גאַנצער לאַגע — איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געלאָזט רעווידירן אונזער באַגאַזש. מיר האָבן דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דיפּלאָמאַטישן באַגאַזש, וואָס איז לויטן פעלקעררעכט אומבאַרירלעך. דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט פאַרטיידיקט מיט גרויס געשיקטקייט אַ מיטגליד פון אונזער עקספּעדיציע, חבר ז אַ ל ק י נ ד, וועלכער האָט שוין אין בערן אָפּגעשלאָגן די פליגל ביי די פאַריסענע פראַנצויזיש-שווייצאַרישע מיליטאַריסטן און האָט אונדז בכלל נישט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן פון קלעם. דער אָפיציעלער אָנפירער פון דער אַמבאַסאַדע ב ע ר ז י ן איז צוליב די פיזישע ליידן און דעם פסיכישן צושטאַנד, וואָס די גאַנצע

געשעעניש האָט אין אים אַרויסגערופן, נישט געווען אימשטאַנד עפּעס צו טאָן. „ניין" האָט חבר זאַלקינד געזאָגט, „דאָס הויבט זיך נישט אָן, מיר וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן קיין שום רעוויזיע, מיר זענען נישט קיין פּריוואַט-לייט און מיר געניסן פון דיפּלאָמאַטישער אומבאַרירלעכקייט, און אויב איר וועט זי פאַרגוואַלטיקן, וועלן דערפאַר באַצאָלן די מאַסן דייטשן, וועלכע לעבן אין רוסלאַנד".

דידאָזיקע באַמערקונג האָט געהאַט אַן איבעראַשנדע ווירקונג אויף די באַאַמטע: ס'האָט אויסגעזען, אַז אין זייער פאַרלעגנהייט שלאָגן זיי זיך כסדר מיט דער דעה, וועלכעס פון די צוויי בייזן איז דאָס קלענערע. ענדלעך האָבן זיי זיך אַנטשלאָסן אונז צו באַהאַנדלען אַלס „דיפּלאָמאַטן". דידאָזיקע לייזונג פון דער פראַגע האָט נישט געהאַט קיין פּראַקטישע באַדייטונג, מער ווי לעבנסמיטלען און פאַרשיידענע נויטיקע געגנשטאַנדן וואָלט מען וואַרשיינלעך נישט געפונען אין דעם צאָלרייכן באַגאַזש, יעדנפאַלס באַשטימט נישט קיין באָמבעס, ווי זיי האָבן גערעכנט, אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּרינציפּיעלער אָנערקענונג, וואָס האָט אונז באַפרייט פון אַ סך קלאָפּאָט און צוגעגעבן פּרעסטיזש דער גאַנצער „באַנדע." חוץ דעם, אונזער קענען די דייטשע שפּראַך און די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט סאָציאַליסטן, וואָס האָבן דעמאָלט געהערט צו די איינפלוסרייכסטע און זענען יעדנפאַלס מאָראַליש געשטאַנען מחוץ פון יעדן חשד, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט די איבעראַשטקייט פון אונזערע אומפרייוויליקע מכניסי-אורחים. ווען איך האָב געזען, ווי שווער עס איז זיי געווען אָנצונעמען אַ באַשלוס, האָב איך זיי פאָרגעשלאָגן, זיי זאָלן זיך פאַרשטענדיקן וועגן אונז טעלעגראַפיש מיט האאַזען, לעדעבורן און ליבקנעכט. דאָס איז זיי פאָרגעקומען צו געוואַגט, זיי זענען אָבער מסכים געווען צו געבן די דעפּעשעס אין אונזער נאָמען. „יאָ", האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון אַרבעטער-ראַט, קענטיק אויפגערעגט און פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דערזען מיין נאָמען צווישן די אונטערשריפטן, „זענט איר אַמאָל נישט די-יעניקע, וואָס האָט געהאַלטן אַ רעדע ביי בעבעלס לויה?" ערשט אין דעם אויגנבליק איז אים, ווייזט

אויס, געקומען אויפן געדאַנק, אַז צווישן דער באַנדע געפינען זיך אויך רעוואָלוציאָנערן און חברים לדעה! זיין באַציאונג האָט זיך איצט געענדערט... אויף צומאָרגנס האָט ער מיך געבעטן אַ וויזיטקאַרטע, און ווען ער האָט צו זיין דערשטוינונג דערהערט, אַז איך האָב נישט ביי זיך קיין שום וויזיטקאַרטעס, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים געבן אַן „אויטאָגראַם", אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געקומען און אָפּגעבראַכט צוריק דעם טעקסט פון דער דעפּעשע און דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אים געגעבן אויף אָפּצושיקן זי. „עס איז בעסער, איר זאָלט זי אָפּשיקן פון דער גרעניץ," האָט ער דערקלערט; ער האָט באַקומען אַ ווונק, אַז עס איז אונז נישט דערלויבט צו קומען אין באַציאונגען מיט וועמען נישט איז אין דייטשלאַנד. אָבער דידאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע האָט דורכגעמאַכט בלויז דער פּאָרזיצער פון אַרבעטער-ראַט, די איבעריקע זענען געבליבן פּונקט אַזוי גראָב, און אפשר נאָך גרעבער געוואָרן.

ווען מען האָט אונז, אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך אונזער אָנקום, באַגלייט אין לאָקאַל, וועלכן מען האָט פאַר אונז באַשטימט, האָב איך זיך ווידער געפילט דערלייכטערט און גליקלעך. מיר האָבן זיך דאָך געפונען אויפן באָדן פון דער דייטשער רעפּובליק, פון דער דייטשער רעוואָלוציע. דער לאָקאַל, וועלכן מען האָט פאַר אונז באַשטימט איז געווען אַ „קריסטלעך היים" אָדער עפּעס ענלעכס. די פרויען האָבן געדאַרפט לעבן אָפּגעזונדערט פון די מענער. פאַר די ערשטע זענען באַשטימט געוואָרן צו שלאָפן אומגעמיטלעכע „צימערן" מיט בעטן, די צווייטע האָבן געדאַרפט שלאָפן אויף פעלד-בעטלעך, וועלכע פלעגן אויף דער נאַכט אויפגעשטעלט ווערן אין דעם זאַלענלעכן רוים, אין וועלכן מיר פלעגן עסן. ווען איך האָב זיך גיריק געוואָרפן אויף די צייטונגען, וואָס זענען געלעגן אויף די טישן, האָט זיי דער פאַרשוין, וועגן וועלכן איך האָב שוין גערעדט ווי וועגן אַן אמאָליקן פּאָליציייאַגענט, מיט אַ גראָבן זשעסט באַזייטיקט פון זאַל... „וואָס גייען אייך אָן די דייטשע צייטונגען", האָט ער געזאָגט מיט אַן אומפאַרשעמטן טאָן. ערשט איצט איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער אויסוווּרף האָט מיך געהאַלטן פאַר אַן אַנטידייטשן אַגענט, וועלכער וועט זיך פרייען מיט דער „מפלה" פון זיינע „פריינט". נאָר דאָס האָט נאָך טאַקע געפעלט! אויף דער גאַנצער וועלט באַשמוצט און פאַרשריגן צו ווערן אַלס

דייטשער אַגענט דערפֿאַר, ווייל מען האָט פֿאַרטיידיקט דאָס דייטשע פֿאָלק קעגן די רכילותן און דעם שאָוויניזם פֿון די אַנטאַנטלענדער, צו וועלכע מען געהערט אַליין, און איצט, ווען מען געפֿינט זיך ענדלעך אויפֿן באָדן פֿון דער דייטשער רעוואָלוציע באַהאַנדלט צו ווערן פֿון דייטשן אַלס אַנטאַנטשפּיאָן! איך האָב אַרויסגעריסן די צייטונג פֿון דעם פֿרעכן פֿאַרשוינס הענט: „אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַליסטישע און אַרבעטער-צייטונגען,” האָב איך אים געזאָגט, „האָב איך יעדנפֿאַלס מער רעכט אויף זיי, ווי איר!”...

ווי לאַנג און צו וועלכן ציל מיר וועלן בלייבן אין דייטשלאַנד האָט קיינער עפּעס גענויערס נישט געוווּסט. פֿולקאָם אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט, האָבן מיר זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס מיר פֿלעגן יעדן פֿרימאָרגן אָפּוואַרטן דעם באַזוך פֿון פֿאָרזיצער פֿון אַרבעטערראַט, וועלכער האָט אונז געדאַרפֿט געבן אינפֿאָרמאַציע, אינפֿאָרמאַציע, אויף וועלכער ער אַליין האָט געוואַרט אומזיסט. נאָר אין באַגלייטונג פֿון דער מיליטערישער און פּאָליציייִשער מאַכט האָבן מיר געמעגט פֿאַרלאָזן דעם לאָקאַל, וועלכן מען האָט באַשטימט פֿאַר אונז. קיין איין שריט אָן אַ שמירה! באַזונדערס איז דאָס אָנגעווענדט געווען אויף מיר, סיי אין דייטשלאַנד סיי אין דער שווייץ: איך בין דאָך געווען די פֿיל-באַרעדטע „צען-מיליאָן-קוריערין”!

אין די צימערן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פֿאַר די ווייבלעכע מיטגלידער פֿון דער עקספּעדיציע, זענען געשלאָפֿן צו צוויי פּערזאָן. ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן צו דרימלען, האָט זיך דערהערט די גראָבע, באַזונדערס פֿאַרהאַסטע שטימע פֿון אויבנדערמאָנטן פּאָליציי-אַגענט: „ווער שלאָפֿט אין דאָזיקן צימער?” ווי שולקינדער אָדער פֿאַרברעכער האָט מען אונז קאָנטראָלירט דורך פֿעסטשטעלן די נעמען, צי עס איז נישט פֿאָרגעקומען עפּעס אַ פֿעלשונג. די ווענט און טירן זענען געווען אַזוי דין, דער פּאָליציי-אַגענט האָט אַזוי אומפֿאַרשעמט געברילט, אַז מיר האָבן אויפֿגעבראַכטע צוגעהערט דעם פֿאָלגנדיקן דיאַלאָג:

„אַזוי, נאָר צוויי פֿרויען? זענען אין אייער צימער

נישטאָ קיין מענער? עפנט אויף!" — „מיר וועלן נישט עפענען!" — „עפנט אויף!" — „מיר וועלן נישט עפענען!" — „איך וועל ברענגען די וואַך און לאָזן אויפברעכן די טיר".— אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט מען געהערט, ווי די אַלטע צעפוילטע שטיגן קנאַקן אונטער די טריט פונם פּאָליצײ-אַגענט און אייניקע מאַטראָסן — וואָס זענען געווען די איינציקע וואַך... דאָס צימער, וואָס איז געלעגן שיף קעגנאיבער מיינעם, איז באַשטימט געוואָרן פאַר צוויי ווייבלעכע מיטגלידער פון דער לינקער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך אין בערן צוזאַמען מיט צוויי זייערע חברים-לדעה אָנגעשלאָסן אין דער ראַטנדעלעגאַציע, כּדי צוריקצופאָרן קיין רוסלאַנד. זיי זענען געווען די איינציקע נישט-קאָמוניסטן און נישט-מאַרקסיסטן צווישן אונז, זיי האָבן אויך אונטערוועגס געפירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, זיי פלעגן אָפּהאַלטן זיצונגען. כּדי מ'זאָל זיי נישט שטערן האָבן זיי זיך, וואַרשיינלעך, אויך אין יענעם אָוונט געפונען אין אויבערשטן שטאָק, וואָס איז נאָר באַוווינט געווען דורך פרויען. לויט דער מסירה פון דער דינסט האָט דער פּאָליצײ-אַגענט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ זיטנריכטער. דאָס שענסטע האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט אויפצומאָרגנס פרי.

אַלע האָבן געוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג אויפן דערשיינען פון פּאָרזיצער פון אַרבעטער-ראַט; וועט ער שוין אפשר היינט מודיע זיין עפּעס קאָנקרעטס, אויב נישט וועגן טאָג פון אונזער אָפּרייזן, טאָ לכל הפּחות, ווען מען וועט אונז ענדלעך באַפרייען פון אַרעסט און אונז לאָזן אַריבערפאָרן אין אַ האָטעל? ווען ער איז דערשינען אין דער געווינלעכער שעה, איז די שפּאַנונג געוואָרן נאָך גרעסער, ווייל זיין גאַנצער אויסזען, זיין באַזונדערס פייערלעכע האַלטונג האָט געלאָזט מאַכן דעם אויספיר, אַז ער וועט ענדלעך אַרויס מיט דער אַנטשיידנדיקער ידיעה.

„כ'בעט אייך, חברטע", האָט ער זיך געווענדט צו מיר, „זייט אַזוי גוט און איבערזעצט פאַר אייערע לאַנדסלייט גאַנץ גענוי מיינע ווערטער". דידאָזיקע הקדמה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אומגעדולד פון די אָנוועזנדיקע, וועלכע האָבן

זיך צוגערוקט נענטער, כדי ענדלעך צו הערן דאָס לאַנג־דער־וואַרטע.

„יאָ", האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון אַרבעטערראַט, „מיר זענען אַלע, ווי איר ווייסט, אָנהענגער פון פרייער ליבע, מיר אַלע האָבן געלייענט בעבעלס „פרוי און דער סאָציאַליזם", אָבער, כ'בעט אייך, חברטע, זאָגט אייערע לאַנדסלייט, אַז די באַדינגונגען זענען נאָך ביי אונז נישט רייף..."

ענדלעך האָט מען אונז דערלויבט איבערצופאָרן אין א האָטעל. איך האָב זיך באַמיט אויף אַלערליי אופנים צו געבן פון זיך אַ לעבנס־צייכן די איטאַליענישע חברים אין דער שווייץ. איך האָב געוווּסט, אַז ווען מיין אַרויסשיקונג און מיין ווונד זענען פאַרשפּרייט געוואָרן די פאַנטאַסטישסטע קלאַנגען, אַז אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט מיין גורל, איז באַהאַנדלט געוואָרן געהיימנישפול. ווי שטרענג מען האָט געהאַלטן בסוד אַלץ, וואָס האָט געקענט אַרויספירן די אַרבעטער אויף אונזערע שפּורן, באַווייזט צום בעסטן דער פאַקט, וועלכן איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט: דריי פון די בעסטע און מוטיקסטע חברים — איטאַליענישע דעזערטירן — זענען דריי טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעפאָרן מיט מיינע זאַכן אין די ריכטונגען פון אַלע גרעניצן; פאַרשטייט זיך, אַז אָן דערפאָלג. איינעם פון זיי איז אָבער פאָרט געלונגען אין לעצטן מאָמענט מיר איבערצושיקן אַ צעטעלע איבער דער גרעניץ: „זיי רויִק, חברטע אַנדזשעליקע, אין גייסט גייען מיר תּמיד נאָך דיר", איז דאָרט געשטאַנען, „אויב עס איז אונז אפילו נישט מעגלעך דיך צו זען און מיט דיר איבערצופאָרן קיין רוסלאַנד, טריי וועלן מיר דיר בלייבן, טריי וועלן מיר קעמפן פאַר אונזער אידייע".

אין אייניקע וואָכן שפּעטער זענען אַלע דריי געשטאַנען אין די ערשטע ספּאַרטאַקיסטישע רייען, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די „פאָרווערטס"־געביידע אין בערלין מיט דער גרעסטע גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר דער הייליקער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט. מיט לאַנגע תּפיסה־שטראָפן האָבן זיי באַצאָלט פאַרן אָנטייל אין פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד. יעדער פון זיי האָט אין קאַמף קעגן פאַשיזם איינגעשטעלט

דאָס לעבן. איינער פון זיי — דעריעניקער, וועמעס שורות איך האָב ציטירט — איז געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער טויט ביי אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, ביי וועלכער עס האָט, וואַרשיינלעך, גענומען אַן אָנטייל די פאַשיסטישע נקמה.

* * *

ווען מיר האָבן שוין ענדלעך געמעגט פאַרלאָזן דייטשלאַנד, האָט מען אונז קיין שום ידיעות נישט געגעבן וועגן מאַרשרוט, בלויז איינס האָט מען אונז קלאָר געמאַכט: קיינער פון אונז טאָר אין דייטשלאַנד נישט בלייבן! דערפאַר האָבן געזאָרגט די דייטשע אָפיצירן און זעלנער, וואָס האָבן אונז געדאַרפט באַגלייטן ביז דער גרעניץ. גראָד אויף דערדאָזיקער רייזע האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, סאַראַ איינפלוס עס האָט געהאַט אויפן געמיט פון מענטשן — אפשר אויך אויף די בעסערע פון זיי — דער אימפעריאַליסטישער און בירגער-קריג. אונזער צוג איז באַגלייט געוואָרן דורך דייטשע מאַטראָסן און אָפיצירן. מיט דידאָזיקע לעצטע האָב איך קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, אָבער אויך די ערשטע זענען געווען אָפגעשטאַנענע, רויע עלעמענטן, אָן דעם מינדסטן סאָציאַלן אָדער אינטעלעקטועלן אינטערעס. כדי זיי צו באַאָבאַכטן, האָב איך עטלעכע מאָל צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון אונזער עקספּעדיציע באַזוכט זייער קופּע, אָבער קיין שום קאָנטאַקט האָט זיך צווישן אונז נישט איינגעשטעלט.

איינמאָל ביינאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין קופּע, איך גלויב, אַז דאָס איז געווען איינער פון די מאַטראָסן, אָדער זייערער אַ שליח. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ מוראדיקע ידיעה; אַ דייטשער מאַטראָס דאַרף נאָך אין דערזעלבער נאַכט דערשאָסן ווערן, ווייל ער האָט אַרויסגעגנבעט לעבנסמיטלען פון רענצל פון פאָרזיצער פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט. „וואָס זאָל מען טאָן, כדי אים צו ראַטעווען?" איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען מיין איינציקער געדאַנק. „נאָר דורך אַן אינטערווענץ ביי די אָפיצירן קען דאָס געשען;" אָבער ווי אַזוי אינטערווענירט מען ביי זיי, נאָכדעם

ווי איך האָב מיט זיי קיינמאָל נישט גערעדט און זיי — אַלס פאַרשוינען, וואָס שפּיאָנירן אונז — אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעוויזן מיין פאַראַכטונג? ווען איך אפשר דורכדעם נאָך פאַרערגערן די לאַגע פון זעלנער?

איך בין אַוועקגעלאָפן צו אַן אונגאַרישן חבר, חאָס דורך זיין ענערגישער האַלטונג און מיליטערישע מאַניערן (ער איז געווען אַן אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי) האָט ער געקענט האָבן מער השפעה אויף דעם אָפיציר. „שטעלט זיך נאָך פאָר, צוליב דעם, וואָס אַ הונגעריקער מאַטראָס, וועלכער קומט פון אַ לאַנד, וואָס האָט יאָרנלאַנג געהונגערט, האָט געגנבעט לעבנס-מיטלען, וויל מען אים דערשיסן", האָב איך געזאָגט, נישט צווייפלענדיק, אַז דער חבר, מיט וועלכן איך רעד, וועט טיילן מיין אויפגעבראַכטקייט און ער וועט תיכּף אַריבערגיין צום אָפיציר. אָבער ווי דערשלאָגן פון בליץ בין איך געבליבן שטיין לעבן אים ביים פענסטער, ווען איך האָב פון אים דערהערט: „... די אָפיצירן זענען גערעכט; ווען עס זאָל זיך האַנדלען וועגן אַ רויט-אַרמייער, וואָלט איך אים אודאי דערשאָסן! דיסציפּלין מוז אָפּגעהיט ווערן..."

דאָס איז געווען איינע פון די סיבות — כראָנאָלאָגיש אפשר די ערשטע, און דעריבער איז זי אַזוי אומפאַרטיליגבאַר געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון, — וואָס האָבן מיך איבערצייגט, ווי געפערלעך עס איז, ווען דורכשניטלעכע מענטשן — זיי מעגן זיך זיין ווי ערלעך — האָבן די מעגלעכקייט, נאָך מער—די פולמאַכט צו אַנטשיידן אויף אייגענער אחריות און אויף אַ שאַבלאָן-אופן פאַלן, וואָס יעדער איינער פון זיי דאַרף זאָרגעוודיק אויסגעפאָרשט ווערן. נישט דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע און פאַראַנטוואָרטונגספולסטע, וואָס מען ווענדט אָן דעם טעראָר, דאָס מאַוימדיקע באַשטייט אין דעם, ווען די-יעניקע, וועלכע פאַרניכטן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג און ווילן אויפבויען אַ נייע, באַנוצן זיך פּראָסט-פּשוט מיט מיטלען, וואָס זענען געווען אייגן דער געזעלשאַפטס-אָרדנונג, וועלכע איז פאַראורטיילט געוואָרן דורך דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און דורך זיי גופא. די טראַגיק פון דער רוסישער רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס אין אַנ-

הויב האָט זי זיך געמוזט מיט זיי באַנוצן, אָבער די אחריות פון די פירער באַשטייט אין דעם, וואָס אויך דאַן, ווען דאָס איז שוין נישט געווען אַבסאָלוט נויטיק, האָבן זיי דאָס נישט נאָר געטאָן אַליין, נאָר זיי האָבן איבערגעגעבן דידאָזיקע רעכט די אומצייליקע באַאמטע און אויסניצער פון דער רעוואָלוציע. איך באַטאָן אויסדריקלעך, אַז מיין באַמערקונג באַציט זיך נישט ספּעציעל אויפן טעראָר, נאָר אויף אַלע ווירקונגס־געביטן פון די איצטיקע פירער פון דער ראַטנרעפּובליק און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דעמדאָזיקן פאַקט, וועלכן איך האָב בעת מיין אויפהאַלטן זיך אין ראַטנרוסלאַנד געשפּירט צומטראַגישסטן, און וועלכער געהערט צו די סיבות, וועלכע האָבן מיך געצווונגען איבערצורייסן מיין צוזאַמענאַרבעט מיט די פירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און דער רוסישער פּאַרטיי, באַטראַכט איך אַלס אַ דירעקטן און אומפאַרמיידלעכן רעזולטאַט פון זייער באַציאונג צו די מאַסן. אַזוי ווי זיי באַטראַכטן זיי נישט אַלס זעלבסטבאַשטימענדיקע עלעמענטן, וועלכע מ׳דאַרף צוציען צו מיטאַרבעט, און די הויפּט־ראָלע ביי דער רעוואָלוציע, ביים איבערבויען די געזעלשאַפט און די מלוכה־אַדמיניסטראַציע שרייבן זיי צו אַ מינדערהייט, ד. ה. אַ פּאַרטיי, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורך זיי; אַזוי ווי די מאַסן זענען אויך ווייטער פאַר זיי נישט מער ווי אַ מיטל צום צוועק, לייגן זיי קיין גרויס אַכט נישט אויף די וועגן, וואָס פירן צו זייער ציל. דידאָזיקע באַציאונג איז צווייפאַך פאַטאַל: ערשטנס, ווייל זי דערלאָזט מיטלען, וואָס שטייען אין סתירה צום כאַראַקטער און צו די צילן פון אַ פּראָלעטאַרישער מאַסנפּאַרטיי, צווייטנס, ווייל זי איגנאָרירט פולשטענדיק דעם מאָמענט פון דערציאונג, פון דערציאונג דורך דער טאַט, אַ מאָמענט, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די מאַסן. נאָך פאַטאַלער ווערט דאָס אַלץ דורכדעם, ווייל די־יעניקע, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט געוויסע מיטלען כדי צו דערגרייכן דעם ציל (ווייל אַנדערש איז דאָס אוממעגלעך געווען), ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, בעת די, וואָס פירן אויס די באַפעלן און די גרעסטע

טייל באַפּעלקערונג — אויך די אַרבעטנדיקע מאַסן — האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוווינט צו באַאורטיילן די ראַטנרעגירונג לויט די מיטלען, וועלכע זי באַנוצט, ד. ה. זיי האַלטן זי פאַר סתם אַ „רעגירונג"! אָבער קיין שום זאַך טעמפּט נישט אַזוי אָפּ די וועלטאָנשויאונג און דעם רעוואָלוציאָנערן שווונג אין אַ נייעם רעזשים, ווי די צופּאַסונג פון אויג, פון דער עמפּינדונג, פון דענקען צו דערשיינונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָכדעם ווי מען האָט זיך צוגעוווינט צו באַטראַכטן די אויסראָטונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אַלס אַ נויטווענדיקן פאַרבאַדינג פאַר דער איבערקערעניש.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס און איינפירן אַליין דאָס, וואָס מען האָט פון תמיד באַקעמפט, האָבן די וואָרטזאָגער פון קאָמפּראָמיס טאַקע צוליב זייער דאָזיקער באַציאונג צו די מאַסן געגלויבט, אַז ס'וועט גענוג זיין צו דערקלערן, אַז דאָס איז אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. קוים האָט לענין פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט, וואָס איז געשטאַנען אין סתירה צו דעם, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון קאָמוניזם און די יסודות פון דער אַרבעטער- און פּויערים-רעפּובליק, האָבן די צייטונגען און די אויספיר-אָרגאַנען פון דער צענטראַלמאַכט אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען די פּראַגעס סיי פּאָלעמיש סיי פּראַקטיש אויף אַזאַ אופן, ריכטיק ווי מ'וואָלט גאָר בכלל קיינמאָל נישט פאַרטראָטן קיין אַ נ ד ע ר שטאַנדפּונקט. מען איז באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, — וועלכער האָט זיך טאַקע ביטער נוקם געווען, — מיט דעם, וואָס מען האָט זיך געהאַלטן לגבי די מאַסן גאַנץ אויטאָריטאַטיוו, וואָס מ'האָט באַטראַכט גאַנץ מעכאַניש זייער באַציאונג צום לעבן. עמיץ איז צוליב טעאָרעטישע טעמים געקומען צו אַ לייזונג, עטלעכע הונדערט האָבן דאָס געלייענט אין דער צייטונג און זענען מספּים געווען, און דאָס האָט געדאַרפט זיין גענוג, כדי צו כשרן אין די אויגן פון דער מאַסע דאָס, וואָס מ'האָט זיי ביז איצט פאַרגעשטעלט אַלס בייז, וואָס דאַרף אויסגעראָטן ווערן! עס האַנדלט זיך וועגן „צוואַנגסמיטלען, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער איבערגאַנגסצייט", האָבן דערביי געטראַכט

געציילטע, די מערהייט אָבער האָט זיך אונטערגעוואָרפן צוליב אונטערטעניקייט.

דאָס איז געשען, צווישן אנדערן, אויך מיט דעם „נעפּ". עס האָט זיך דאָ קודם כּל געהאַנדלט וועגן אַ פּסיכאָלאָגישע דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס איז פיל שעדלעכער פאַר דער אַנטוויקלונג צום זעלבסטבאַוווסטזיניקן רעוואָלוציאָנער ווי דאָס בלויזע דולדן פאַקטן און צושטאַנדן. די דאָזיקע צופּאַסונג איז אויף דער האַנט דער אינערטנעקייט פון די מאַסן, וואָס זענען דאָך דער הויפּטפאַקטאָר פון דער רעזיגנאַציע און זי שטייט אין שרייאיקסטער סתירה צו אַ רעוואָלוציאָנערער האַלטונג. אָבער אין אַ רעוואָלוציאָנערן רעזשים איז זי דאָפּלט פאַטאַל! נישט דערפאַר האָט מען געדולדעט דעם „נעפּ" און די נעפּלייט, ווייל די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט זיי באַטראַכט אַלס אַ פאַריבערגייענדיקע נויטווענדיקייט, אַלס שאָכצוג אין קאַמף מיט די בירגערלעכע רעגירונגען, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס האָט אַנטשפּראָכן דעם דענק-אופן,—וועלכן די רעוואָלוציע האָט דערשיטערט אין אַ געוויסער מאָס, אָבער נישט פולשטענדיק, — „צו בויגן דעם קאָפּ פאַרן אומפאַרמיידלעכן", אויסצווויילן אָדער לאָזן אַן אַנדערן אויסוויילן דעם לייכטסטן וועג. —

לענין און די ווייניקע אַנדערע באָלשעוויקעס, וועלכע זענען ציל-באַוווסט געגאַנגען נאָך אים, האָבן זיך געזאָגט: „ווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן ווערן בעסער, וועלן זיך די מאַסן ווידער אומקערן צום עכטן קאָמוניזם". אָבער דאָס עמפינדן און דענקען פון לעבעדיקע וועזנס לאָזט זיך נישט רעגולירן לויט געוויסע צייט-אָפּשניטן. דאָס גרעסטע בייז באַשטייט אין דעם, וואָס די קאָמפּראָמיסן, אויף וועלכע איינצלנע רעוואָלוציאָנערן זענען איינגעגאַנגען אויפן סמך פון אַ לאַנגן ישוב הדעת און זייענדיק איבערצייגט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן איבערגאַנג, די דאָזיקע קאָמפּראָמיסן ווערן דורך די אומצייליקע מיטלוייער און ביוראָקראַטן פון ראַטנרעזשים אָנגענומען אָן דער מינדסטער קריטישער באַוואָרעניש און זיי פאַרוואַנדלען זיי אין טויטע טעזן און ביוראָקראַטישע מעטאָדן. פון אַ מיטל אין אַ נויט ווערט אַ זעלבסטצוועק און אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס, וואָס מער די געוווינהייט צום קאָמפּראָמיס

פאַרלייכטערט דאָס אייגענע לעבן. דער פּראָנט פון קלענערן ווי־דערשטאַנד האָט געזיגט! אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די פּאַ־ראַדאָקסאַלע סיטואַציע, אַז אַ פּאַרטיי, וואָס איר צענטראַלער געדאַנק איז געווען צו פאַרשפּרייטן אַ וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיווע געשיכטסאויפפאַסונג, האָט געענדיקט מיט אַרויפצווינגען אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג די סובּ־יעקטיווע אָנשויאונגען פון איינצלנע פירער. דאָס, וואָס איז ביי לענינען געווען אַ גרויסע טראַגעדיע און עס האָט אים אפשר געקאָסט דאָס לעבן, האָט ביי זינאָוויעוון און זיינסגלייכן דעגענערירט צו אַ קאַריקאַטור. דורך איבערמענטשלעכע גייס־טיקע אָנשטרענגונגען און דורכן מוט, מיט וועלכן ער האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט לענין געפונען אַן אויסוועג—דעם „נעפּ״, וועלכן די באַפעלקערונג האָט אויפגענומען מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג, ווייל דער „נעפּ״ האָט באַדייט אַ דערלייזונג פון מאַטעריעלער נויט...

אין די ברייטע קרייזן האָט דער „נעפּ״ אַרויסגערופן אַ שטימונג, ריכטיק ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל אַנדערש נישט געווען. די טעאָרעטישע באַוואָרעניש איז געבליבן ביי ענינען, און דאָסזעלבע איז געווען ביי די מיינסטע מיט־לען, וועלכע ער האָט אָנגענומען. די מאַסן האָבן געשפּירט: צוליב אַ וואָסער נישט איז סיבה האָט געמוזט געשען, וואָס לענין האָט דעקרעטירט. אָבער, ווי געזאָגט, פאַר די מינ־דערווערטיקע עלעמענטן איז דער מיטל געוואָרן אַ זעלבסט־צוועק: דורך דעם אויטאָריטעט פון אַ נאָמען, דורך פאַר־שפּרייטן אַ פאָרמולע, דורך אויסנוצן די אומרייפקייט פון די מאַסן דערגרייכן עפּעס, וואָס מאַכט לייכטער דאָס רעגירן, וואָס מאַכט אומשעדלעך דעם קעגנער; דורך אָנווענדן אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן באַפרידיקן די כבוד־זוכעניש, דעם רעקלאַמע־דאָרשט. אין דעם מאָמענט איז קלאָר געוואָרן דער־דאָזיקער אונטערשייד צווישן דער מוטיקער אויטאָקראַטיע פון לענינען, — וועלכער איז סוביעקטיוו און אָביעקטיוו געווען אַ צילבאַוווסטער אַדוואָקאַט פון דער וועלטרעוואָלוציע, — און דער אייגננוציקער זעלבסטהערשאַפט פון די אַנדערע — און דאָס איז געשען זייער גיך, נאָך ביי לענינס לעבן! — אין

דעם מאָמענט איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַ מאָראַליש-גרויסע, אָפּט הערלאַישע תקופה פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ס׳איז פאַרשוואונדן דער צוטרוי צו דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט איר. דער פערזענלעכער הפקרדיקער ווילן איז געוואָרן אַ טרומף, און די מאַסן זענען געוואָרן פאַסיווע וועדקצייג פון דערדאָזיקער הפקרות...

דער ענטפער, וועלכן עס האָט מיר געגעבן דער רויטער אָפיציר אין שייכות מיטן דערשיסן דעם הונגעריקן דייטשן מאַטראָס-גנבֿ, האָט מיר געגעבן אַן אַריינבליק אין דעם, וואָס איז מיר באַוווּסט געוואָרן ערשט שפּעטער אין משך פון די יאָרן...

אין עטלעכע טעג אַרום איז אונזער צוג צוגעטשעפּעט געוואָרן אויף דער פּויליש-רוסישער גרעניץ צום צוג פון ראַטנפאָרשטייער י אָ פ ע, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד. פון אַ קאַסטן, האָט מען דערקלערט, וועלכן אַ קוריער האָט געבראַכט פון מאָסקווע קיין בערלין, זענען „צופעליק" אַרויסגעפאַלן רעוואָלוציאָנערע פלוגבלעטער, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, מ׳זאָל אַרויסשיקן פון דייטשלאַנד די בערלינער רוסישע פאַרטרעטונג, און דאָס איז „צופעליק" צונויפגעפאַלן מיטן אַרויסשיקן די רוסישע פאַרטרעטונג פון דער שווייץ. אינדעראמתן האָבן די שווייצארישע און די דייטשע רעגירונגען אָפּגעוואַרט דעם זיג פון דער אַנטאַנט און דעם אויסברוך פון דער דייטשער רעוואָלוציע, כּדי פּטור צו ווערן פון די „לעסטיקע" געפערלעכע אויסלענדער.

געטרודפט און באַשאָטן מיט רכילות דורך מערבֿ-אייראָפּע, פון דער שווייץ דירעקט אַרויסגעשיקט, פון די אַנדערע לענדער אומדירעקט פאַרטריבן, אומעטום אַרויפגעטראָגן אויף דער פּאָליטישער שוואַרצער ליסטע, בין איך אין האַרבסט 1918 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד...

וועגן דעם, וואָס עס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, קען איך גאַנץ ווייניק דערציילן. אויב מען האָט צו יענער צייט געלעבט אין מאָסקווע אַלס אָנגעהעריקער פון דער רעגירונגס-פּאַרטיי, קען מען זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט

באהויפטן, אַז מען קען רוסלאַנדס ל ע ב ן, בפרט פון דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן איר באַטראַכט אַלס אַנטשיידנדיק: פון פסיכישן לעבן פון די פאָלקס-מאַסן. פון ערשטן אויגנבליק אָן האָב איך געהאַט דעם באַוווסטזיין וועגן מיין דאָזיקן בלויז. און פונקט ווי אַ סך רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט, האָב איך אויך געהאַט אַ באַדערפעניש צו באַקענען זיך מיט די פּאַקטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן געלעבט די ברייטסטע מאַסן און טיילן מיט זיי זייער לעבן. מער ווי יעדעסמאָל האָב איך געפילט אַ באַדערפעניש צו גיין אין פאָלק, ווי דאָס פלעגן טאָן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אונטערן צאַריזם, כדי צו לעבן נאָמענלאָז צווישן די נאָמענלאָזע, צו לערנען פון זיי, צו ווירקן צווישן זיי אַלס גלייכגעשטעלטע און גלייכבאַרעכטיקטע. אָבער גראָד אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד וואָלט איך זיך אָנגעשטויסן ביים אויספירן מיין ווונש אויף פּסיכאָלאָגישע שטערונגען; און דוקא דערפאַר, ווייל איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער רעגירונגס-פּאַרטיי. ביי דעם פּראָמינענטן פּלאַץ, וועלכן איך האָב פאַרנומען אין דער באַוועגונג, וואָלט אפשר די אַרבעטערבאַפעלקערונג גופא דאָס אויפגעפאַסט אַלס פאַרשטעלטע קאָנטראָל, ווען איך וואָלט געגאַנגען אין אַ פאַבריק מיט אַ וועלכן נישט איז אויסרייד און אונטער אַן אַנדער נאָמען.

פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט איך בין דערשינען אין רוסלאַנד, האָבן מיך סיי די פירער פון דער באַוועגונג און סיי די מאַסן אָוועקגעשטעלט אויף אַ געוויסן פּיעדעסטאַל; קעגן דעם האָב איך זיך געקענט ווערן בלויז אינערלעך און דורך אָפּזאָגן זיך פון אויסערלעכע פּריווילעגיעס. פון ערשטן מאָמענט אָן ביז איך צוגערעכנט געוואָרן צו דעם קלאַס מענטשן, וואָס האָבן דאָס רעכט, אויפן יסוד פון זייער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, צו געניסן אַ סך בעסערע אויסערלעכע לעבנס-באַדינגונגען, ווי אומענדלעך פיל אַנדערע.

אין דערדאָזיקער שטעלונג איז נישט געווען קיין פּעטישיזם, אָדער גאָר אין אַ קליינער מאָס. גראָד די ליידן, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין צוליב דער בלאָקאַדע, די ליידן, וואָס נאָר די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג פון די

עקספּלואַטירטע פון די אַנדערע לענדער האָט געקענט מאַכן אַ סוף צו זיי, האָבן געשטאַרקט אין דער רוסישער מאַסע די סימפּאַטיע, נאָכמער—די מיסטישע פאַרגעטערונג פון אַלדאָס אינטערנאַציאָנאַלע. און איצט זעען זיי פאַר זיך אַ קאָמפּעריען, וועגן וועלכער זיי האָבן געהערט און געלייענט, אַז זי האָט שטענדיק און באַזונדערס אין די פאָלגנשווערע יאָרן פון דער קריגס-צייט, ווען אַלץ איז צעקלאַפּט געוואָרן, געקעמפט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענבונד פון די עקספּלואַטירטע פון אַלע לענדער, אַ חברטע, וועלכע האָט גערעדט וועגן די קאַמפן פון די אַרבעטער פון אַלע לענדער, וועגן זייער בענקשאַפט און זייער זיכערקייט אין זיג פון סאָציאַליזם...

דער צוטריי און די פאַרערונג זענען געווען ספּאָנטאַן און האָבן עדות געזאָגט וועגן די ליידן פון רוסישן פאָלק, וועלכע עס טראָגט איבער מיט אומענדלעכער געדולד, וועגן אָרעאָל, מיט וועלכן עס האָט אין יענער צייט ארומגענומען אַלדאָס רעוואָלוציאָנערע, אַלץ, פון וואָס עס האָט דערוואַרט זיין דערלייזונג. דאָס איז געווען די צייט, ווען די פּאָליטיק און די אַגיטאַציע פון ראַטנרוסלאַנד זענען אויסגערעכנט געווען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט אין ברייטסטן און דערהויבנסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. דאָס רוסישע פאָלק דאַרף ליידן הונגער און קעלט, זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס מאַכט דאָס לעבן ערטרעגלעך, שיקן זיינע זין אויפן פראָנט, כדי אויסצוטרעטן דעם וועג פאַרן באַפרייאונגס-קאַמף פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַריאַט וועט דורך אייגענע קאַמפן און אייגענעם זיג פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן דעם זיג פון די רוסישע ברידער און שוועסטער...

אין פּעטראָגראַד, אין דעם דעמאָלט אויטענטיש-רויטן פּעטראָגראַד, בין איך אויפגענומען געוואָרן מיט אַ באַזונדערן יובל. אויך די פירנדיקע באָלשעוויקעס, באַזונדערס ז י נ אָ ו י ע ו, האָבן מיטגעהאָלפן, אַז די פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע איך האָב אָנטיילגענומען, זאָלן אויספאַלן וואָס פייערלעכער. ער פלעגט אונטער ברויזנדיקע בראַוואָ-פאַטשערייען באַריכטן וועגן דער העלדנהאַפטער האַלטונג פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי בעתן

קריג, וועגן דעם אַלעם, וואָס זי האָט אויפגעטאָן פאַרן דער-האַלטן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פאַר זיין אויפ-לעבונג דורך צימערוואַלד. און ביי יעדער געלעגנ-הייט פלעגט ער באַטאָנען, אַז פאַר דעם, וואָס דאָס איז אַזוי געווען, וואָס די איטאַליענישע פּאַרטיי האָט געשאַפן אומ-פאַרגעסלעכעס, הערלאישעס גראָד אין דער שרעקלעכסטער צייט, וואָס זי האָט תמיד פאַרטיידיקט די רוסישע רעוואָלוציע און זיך אָן באַוואָרעניש דערקלערט סאָלידאַריש מיט איר, — פאַר דעם אַלעם האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נישט צולעצט אונ-זער אויסגעפּרוּווטע און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער חברטע באַלאַבאַנאָוו!

ווען מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון דער שווייץ און איך בין געקומען קיין מאָסקווע באַזעצן זיך דאָרט, האָט מען מיך תיכף אַריינגעצויגן אין דער אַגיטאַציע. איך האָב געמוזט אָנטיילנעמען ביי אַלערליי פייערלעכע געלעגנהייטן, אין די פאַרשיידנסטע פּאַרטיי-לאָקאַלן, אויף קאָנגרעסן, אין די פאַר-זאַמלונגען, וועלכע פלעגן אין יענער צייט רעגלמעסיק אָפּגע-האַלטן ווערן יעדע וואָך אין אַלע שטאָט-פּערטלען און פאַ-בריקן, אין די פּאַרטיי- און מיליטער-שולעס, האַלטן אַגיטאַציע-רעדעס און פאָרטראָגן! אין יענער צייט האָט דאָס לעבן אין רוסלאַנד געטראָגן אויף זיך אָן ערנסטן טראַגישן שטעמפּל. דאָס איז נישט געווען די טראַגיק פון יאוש, נאָר די פינסטע-רע פייערלעכקייט פון ליידן, וועלכע אַ קאָלעקטיוו נעמט אויף זיך פרייוויליק, כּדי צו דערגרייכן אַ גרויסן ציל!

* *

*

עס איז נישטאָ עפּעס דערהויבענערס ווי די ליידן און קוועלערייען פאַר אַ גרויסן ציל, עס דערהויבט אויך די-יעניקע, וועלכע פאַרשטייען נישט די גרויסקייט פון ציל, וועלכע קענען אים נישט נאָכפאָלגן אין זיינע פּרטים און וועלכע פאַראור-טיילן אים אפילו. דערצו איז אָבער נויטיק, אַז די ליידן און קוועלערייען זאָלן געטראָגן ווערן פון אַלעמען גלייך, אַז די-יעניקע, וועלכע באַטראַכטן אַ ציל פאַר גרויס און דערקלערן

אַז עס איז נויטיק צו ברענגען פאַר א'ם קרבנות. זאָלן קודם כּל טראָגן די אחריות פאַר די ליידן פון די אַנדערע און טיילן מיט זיי די דאָזיקע ליידן. כּל-זמן די אָביעק-טיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען זענען אין רוסלאַנד געווען אַזעלכע, אַז אַלע — אָבער קודם-כּל די טרעגער פון דער אחריות — האָבן זיך געקוועלט, האָט געהערשט אין לאַנד, און באַזונדערס דאָרט, ווו דער קאַמף איז געוואָלט אין אָנגעפירט געוואָרן,—אין מאָסקווע,—אַן ערנסטע, ריינע און ריין-ווירקנדיקע שטימונג. די רוסישע רעוואָלוציע פון יענעם פעריאָד איז אַרומגענומען געווען מיט אַ שטראַלנדיקן אָרעאָל דערפאַר, ווייל די-יעניקע, וועלכע האָבן מיט איר אָנגעפירט, האָבן נישט מיסברויכט מיט זייער מאַכט. עס איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף דער האַלטונג פון די אַנטשפּרעכנדיקע קרייזן אין אַנדערע לענדער — קודם כּל אין אונגאַרן, — כּדי צו קענען מאַכן אַ פאַרגלייך.

דאָס ליידנדיקע פאָלק פאַרטראָגט אַלץ; אַ סך, אויב נישט אַלץ, פאַרגעסט עס, אָבער קיינמאָל נישט די אומגלייכקייט, ווען זי קומט מצד די-יעניקע, וואָס האָבן אויף זייער פאָן אָנגע-שריבן איר ענטגילטיקע פאַרניכטונג. וואָס גרעסער עס זענען די קוועלערייען, וואָס דער קאַמף פאַרן אידעאַל לייגט אַרויף אויף די מאַסן, אַלץ גרעסער איז די עמפּינדלעכקייט אין דעראָזיקער הינזיכט. כּל-זמן די אומגלייכקייט פון דער עקאָ-נאָמישער לאַגע איז געווען פאַרבונדן מיטן צאַריזם, האָבן די מאַסן — נישט רעכענענדיק די אין פאַרגלייך מיט זיי פאַרשווינדנדיק-קליינע רעוואָלוציאָנערע עליטע פון אינדוס-טריעלן פּראָלעטאַריאַט,—גענומען אויף זיך אויך נויט און קווע-לערייען, דערנידערונגען און שקלאַפעריי. באָכמער, זיי האָבן געשטעלט אַ גרעסערן פּסיכאָלאָגישן ווידערשטאַנד דער רעוואָ-לוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צוליב דעם, ווייל די אומבאַרירלעכ-קייט פון זעלבסטהערשער איז זיי פאָרגעקומען ווי אַ פאַקט, געהייליקט דורך דער מסורה. וואָס מער הפקרות ער האָט זיך דערלויבט, וואָס גרעסער עס איז געווען דער מרחק צווישן דעם מלוכה- אָדער קירכן-עלטסטן און דעם „פּשוטן בשר ודם“, אַלץ פּאַסיווער האָבן זיך די לעצטע אונטערגעגעבן זייער

גורל. אָבער ווען עס איז שוין געשען דער װוּנדער, אַז דער זעלבסטהערשער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן און מ'האָט אים געקעפּט, האָט דאָס פאָלק שוין קיין זאַך נישט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך און עס איז געוואָרן אומפּעאיק ריכטיק אָפּצושאַצן די שטערונגען, וואָס זענען גראָד געשטאַנען אין וועג דער באַפרידיקונג פון די עקאָנאָמישע באַדערפעניש, באַזונדערס נעמענדיק אין אַכט די אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס דעמאָלטיקע רוסלאַנד.

ווער עס וועט דעריבער אויפן גרונט פון דירעזולטאטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן אָדער פּסיכאָלאָגישן געביט מאַכן אַן אויספיר וועגן דער נישט-אויספירבאַרקייט פון סאָציאַליזם אָדער וועגן באַנקראָט פון מאַרקסיזם, וועט מאַכן דעם גרעסטן לאָגישן פעלער, וועט אַרויסטראָגן דעם איבערפלעכלעכסטן אורטייל. גראָד ביים באַאָבאַכטן די רוסישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין אירע איינצלהייטן שטויסט מען זיך אָן אויף דעם טיפן צוזאַמענהאַנג פון אַלע מענטשלעכע געמיט-באַוועגונגען מיט די עקאָנאָמישע גרונד-באַדינגונגען. נישט איינמאָל, נישט הונדערטמאָל — מיליאָנען מאָל האָט מען טעגלעך געמוזט פעסטשטעלן אין רוסלאַנד — אין יענער צייט, ווען מען האָט זיך באַמיט אויף אָנפירנדיקע אַמטן דורכצופירן די סאָציאַליזירונג, כדי נישט צו זאָגן דעם קאָלעקטיוויזם אָדער קאָמוניזם, — אַז נישט דער „באַוווּסטזיין באַשטימט די עקזיסטענץ, נאָר די עקזיסטענץ דעם באַוווּסטזיין".

דאָס, וואָס דידאָזיקע דערקענטעניש איז גראָד געקומען צום בולטן אויסדרוק אויפן פּסיכאָלאָגישן געביט — און נאָר אים באַריר איך דאָ — איז אַ באַשטעטיקונג פון די גרונדאידייען פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-אויפפאַסונג, וואָס האָט דאָס לעבן אַריינגעשריבן מיט אומאויסלעשלעכע אותיות אויף די בלעטער פון דער געשיכטע. קיינער קען זיך נישט מאַכן קיין באַגריף וויפל די רוסישע רעוואָלוציע וואָלט געבראַכט מיט זיך זעלבסטשטעטיקייט פון די מאַסן, אידעאַליזם, ענערגיע,

טאַטקרעפּטיקע סאָלידאַריטעט לגבי דעם אויסלענדישן פּראָ-לעטאַריאַט, ווען רוסלאַנד וואָלט ווירטשאַפטלעך נישט געווען אַזאַ צושטערט לאַנד, אַ לאַנד, אין וועלכן דער אימפּעריאַליס-טישער און דער בירגערקריג האָבן פּאַרוואַנדלט די עליטע פון פאָלק, דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, אין אַ אטאָם, האָבן צעשטערט דעם נערוו פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, די פאַרקער-מיטלען, און אין וועלכן די בלאָקאַדע, דער באָיקאָט, דער קאַמף פאַר דער נאַקעטסטער עקזיסטענץ — נעמענדיק אין אַכט די דעמאָלטיקע צושטאַנדן דאַרף מען אַפילו נישט זאָגן: פאַרן טעגלעכן שטיקל ברויט — וואָלט נישט געוואָרן דער באַהערשנדיקער געדאַנק פון אַלע באַפעלקערונגס-שיכטן. ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט ראַטנרוסלאַנד זיך געקענט אָפּזאָגן פון די פאַטאַלע קאָמפּראָמיסן אויפן עקאָנאָמיש-סאָציאַלן און פּאָליטישן געביט, און די אומגעהייערע אומאָרדנונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי און אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און לגמרי פאַרקריפּלט דעם קאָמוניזם, וואָלטן דאָרט נישט געקענט אַזוי לייכט אַריינ-דרינגען. דער באָלשעוויסטישער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס באַ-הערשט אין איצטיקן מאָמענט רוסלאַנד און דאָס קאָמוניסטישע אויסלאַנד, און אַנטוויקלט סיי דאָ און סיי דאָרט די עקלהאַפּ-טיקסטע אייגנשאַפטן: אונטערטעניקייטס-געפילן, שפּיאָנאַזש, קריי-כעריי, קאָרופּציע, איז ביז אַ געוויסן גראַד פונקט אַזאַ באַ-גלייטדערשיינונג פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענ-קייט פון פאָלק ווי פון זיין דעמאָלטיקן דולדן די זעלבסט-הערשעריי. ווען די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון לאַנד און די אומבאַשרייבלעכע נויט וואָלטן נישט דערשטיקט אין וואָרצל די מוטיקסטע שטרעבונגען פון דער עליטע פון רו-סישן פאָלק, וואָלטן אויך די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון לאַנד געמוזט אויסזען גאַנץ אַנדערש.

פון ערשטן טאָג אָן זינט מיין אויפהאַלטן זיך אין רוס-לאַנד האָב איך געשפּירט, אַז דאָס שרעקלעכסטע, דאָס טראַ-גישסטע באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פאָלק, וועמעס עליטע עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום קרבנות, וואָס האָט זייט יאָרצענדליקער, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, גע-

פירט דעם קאַמף פאַר באַפרייען די מענטשן פון עקאָנאָמישן יאָך, פדי דער מענטש זאָל ענדלעך דורכן סאָציאַליזם ווערן אַ פריי וועזן, וואָס איז נישט געשטערט אין זיין מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג דורך דער באַפרידיקונג פון זיינע מאַטעריעלע באַדערפענישן, וואָס אַ פאָלק, וועלכעס האָט שוין נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע געליטן די גרעסטע נויט, כדי אויפצוהיטן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע אַלס די פאָרשטופּע צו דער סאָציאַלער באַפרייאונג, וואָס דאָסדאָזיק פאָלק איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מאַטעריעלער קנעכטשאַפט, וואָס עפּעס ביטערערס און דערנידערנדיקערס פאַר דעם מענטשלעכן גייסט איז זיך גאָר אוממעגלעך פאָרצושטעלן!

פון ערשטן טאָג אָן זינט מיין אויפהאַלטן זיך אין ראַטנרוסלאַנד האָב איך זיך געמוזט זאָגן: נאָר אַ זשעני, ווי דאַנטע, געפּאָרט מיט אַ זשעני פון אַ מאַרקס, וואָלט געקענט שרייבן דידאָזיקע אומגעהייערע טראַגעדיע מיט אירע אַלע נעבנדערשיינונגען, מיט אירע פאַרצווייגונגען און אָפּקלאַנגען, וואָס זי האָט אַרויסגערופן אין די פאַרבאָרגנסטע עקן פון דער קאָלעקטיווער און אינדיווידועלער נשמה. קיין שום אַנדערער טאָר זיך נישט דערוועגן דאָס צו טאָן. די פּרוּוון צו שילדערן רוסלאַנדס שטימונג, — ווי קאַרג זיי ווערן נישט געמאַכט, — זענען קלאָגעדיק דורכגעפאַלן, זיי האָבן געמוזט דורכפאַלן. פון אַ אַנטשפּרעכנדיקער שילדערונג וואָלט אַרויסגעקוקט די טראַגעדיע פון דער מענטשהייט, עס וואָלט קלאָר געוואָרן די באַגרעניצטקייט פון מענטשלעכן קענען. נישט רעזיגנאַציע, נאָר פאַרטיפונג, פאַרברייטערונג פון רעוואָלוציאָנערער מרידה וואָלט געווען דער רעזולטאַט פון אַזאַ שילדערונג. גראָד די באַגרעניצטקייט פון מענטשלעכן קענען דורך נאַטירלעכע, נאָך נישט דורכגעבראָכענע גרעניצן מוז מאַכן נאָך אומדערטרעגלעכער די סאָציאַלע קייטן, וואָס מאַכן דעם מענטשן צום קנעכט פון מענטשן. מיך האָט די דערקענטעניש פון דידאָזיקע שייכותן אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזן נישט דערפאַר, ווייל איך האָב נישט דערשאַצט די קאָנקרעטע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, אדרבה, מיין בליק איז פאַרטיפט און פאַרשאַרפט

געוואָרן, הגם ער האָט אָפּגעטויט אין מיר נישט איין ספּאָנ־טאַנע איבערלעבונג.

* * *

אַ גרויסע, באמת גרויסע געשעעניש אין מאָסקווע: דער חברטע ק אָ ל אָ נ ט אַ י, וואָס האָט דאַן אָנגעפירט מיט דער פּרויענבאַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד — און דערצו איז נויטיק געווען פּונקט אַזוי פיל טעאָרעטישער ווי פּראַקטישער פאַרשטאַנד, פּונקט אַזוי פיל פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש ווי שנעלע אי־ניציאַטיוו, — איז געלונגען צונויפצורופן קיין מאָסקווע אַן אַל־רוסישע פרויענקאָנפערענץ. סאַראַ איבערקערעניש עס איז געלעגן פאַרבאָרגן הינטער די דעלעגירטע פון דערדאָזיקער קאָנפע־רענץ: פרויען, וואָס וואָלטן זיך קיינמאָל נישט דערוועגט צו זאָגן אַ וואָרט דעם עקספּלואַטאַטאָר אויפן אַרבעטס־געביט און דעם טיראַן אין דער היים, וועלכע האָבן געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע דערנידערונגען, וואָס האָבן פאַר אַלעמען געציטערט און זיך געשראָקן, פרויען, וואָס האָבן ביז דאַן קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זייער דאָרף, וואָס האָבן געשפּירט אַן אַבערגלויבע־רישן כבוד־געפיל צו די איינוווינער פון שטאָט, פון דער הויפּטשטאָט, דידאָזיקע פרויען זענען געקומען קיין מאָסקווע, כדי אין גרויסן „טעאַטער", פאַר דער געוועזענער צאַרנלאָזשע, אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג, זייער א י ג ע נ ע מיינונג, צו פּראָקלאַמירן זייער רעכט אויף אַלדאָס מענטשלעכע! צוליב דעם טאַקע זענען זיי איינגעלאַדן געוואָרן קיין מאָסקווע. יעדע פון זיי האָט פאַרקערפּערט די יונגע, פיל־צוזאָגנדיקע, וועלט־צעשמעטערנדיקע רעוואָלוציע. פון די שטילע מערטירערינס זענען געוואָרן דרייסטע, אומדערשראָקענע קעמפּפערינס. דאָס אַנטשיידנ־דיקע איז נישט באַשטאַנען אין דעם, וואָס דידאָזיקע פרויען, שלעכט־געקליידעטע, פרירנדיקע און הונגעריקע, זענען וואָכנ־לאַנג עולה־רגל געווען קיין מאָסקווע אין אַ צייט, ווען די נסיעה איז געווען אַ פּיין און אַ העלדנטום גלייכצייטיק — צו־גויט זענען דידאָזיקע ליידנדע געווען געוווינט,—נאָר אין דעם,

וואָס זיי זענען געקומען צום באַוווסטזיין פון זייער רעכט אויף אַ מענטשלעכער, גלייכבאַרעכטיקטער עקזיסטענץ...

אויך זייער אויסערלעכער אויסזען האָט עדות געזאָגט אויף דערדאָזיקער ענדערונג: גלאַנצנדיקע אויגן, זעלבסטבאַוווסטע תּנועות, אַ גיריקע באַדערפעניש צו וויסן, מוט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך פאַר אַ ריזנפאַרזאַמלונג אין דער הויפּטשטאָט. קיינער האָט נישט געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל מיט אַזאַ התלהבות: „ווער ס'איז קיין זאַך נישט געווען, וועט זיין אַלץ"... מיט נישט אויסצושעפנדיקער געדולד האָבן זיי אויסגעהערט די לאַנגע רעדעס פון די אָפיציעלע רעדנער און רעדנערינס: די פייערלעכע עפענונגס־רעדע, אַ גאַנצע ריי סאָציאַל־פּאָליטישע רעפעראַטן וועגן דער ראַטנרעפּובליק, וועגן דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט שוין דעם פאָלק געגעבן און וואָס זי וועט נאָך געבן. אָבער ווי נאָר די רעדעס האָבן זיך געענדיקט, האָבן די דעלעגאַטקעס אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיי געקווענלט, וואָס עס האָט געשטערט זייער אינטערעס פאַר אַלדאָס איבעריקע: וועגן ברויט, וועגן הונגער, וועגן דער אומגלייכקייט ביים אויסטיילן דעם פּאַיאָק. דאָ האָט מען געקענט באַאָבאַכטן, ווי דערדאָזיקער געדאַנק האָט פאַרשטויסן, פאַרקריפּלט אַלדאָס איבעריקע. קודם כּל דאַרף געלייזט ווערן די דאָזיקע ברענענדיקסטע פראַגע, און די רעדע וועגן גלייכהייט און פרייהייט, צו וועלכער זיי האָבן זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק אַזוי אויפמערקזאַם און באַגייסטערט צוגעהערט, איז בלאַס געוואָרן פאַר פּנים פון דער קאָנקרעטער אומגלייכקייט. די דאָזיקע פרויען, וואָס האָבן געטאָן גרויסעס און דערהויבנדיקס, וואָס האָבן געקענט זיין אומענדלעך גוט און אָנפּניותדיק, האָט די שרעקלעכע נויט געמאַכט קליינלעך, עגאָאיסטיש, און אומגערעכט.

כּדי דער מענטש זאָל קענען אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן, מוז ער קענען באַפרידיקן זיינע פיזישע באַדערפענישן אָן שוועריקייטן. כּל־זמן דאָס איז נישט אַזוי, מוז דער אַנימאַלישער אינסטינקט נעמען די אויבערהאַנט. ביי אַלעמען, אָן אַן אויסנאַם. דאָס האָט זיך באַשטעטיקט מיט טראַגישער אומאָפּגעפּועגטקייט אין רוסלאַנד.

ווער קען איבערשטייגן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין באַדערפנישלאָזיקייט, אין אַסקעטיזם, ווער קען זיך גלייכן מיט די רוסן — און געמיינט זענען דאָ אַלע באַפעלקערונגס־שיכטן פון גרויסן פאָלק אָן אויסנאַם — אין גאַסטפריינטשאַפט, אין נדבנות, אין זעלבסטפאַרגעסונג? דידאָזיקע אייגנשאַפטן, פאַר זיך אליין אַ רעזולטאַט פון פאַטריאַרכאַלישן לעבנסשטייגער פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, האָבן אָבער אויך דאָרט געקענט קומען צום אויסדרוק נאָר דאַן, ווען די מענטשן זענען געווען אימשטאַנד צו באַפרידיקן זייערע עלעמענטאַרע באַדערפענישן אין ברויט און וואַרימקייט.

צו יענער צייט האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ געוואָלטער אָדער געדולדעטער אומגלייכקייט ביים פאַרטיילן פראָדוקטן, נאָר וועגן דער אוממעגלעכקייט צו געבן יעדן דאָס נויטווענדיקסטע, און וועגן פרווו צו לאָזן הערשן אַ סאָציאַלע צוועקמעסיקייט ביים פאַרטיילן דאָס ווייניקע. „ווער עס איז אַמוויכטיקסטן פאַר דער דערהאַלטונג פון די דעראָ־בערונגען פון דער רעוואָלוציע, זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן".

אין דער טעאָריע האָבן די מאַסן געוווּסט, אַז די־דאָזיקע צוועקמעסיקייט ליגט אין זייערע אינטערעסן, ווייל די דעראָבערונגען האָבן באַדייט זייער באַפרייאונג, זייער גליק. אָבער אין דער פראַקטיק איז פאַר זיי געווען אומדער־טרעגלעך אַלץ, וואָס האָט באַדייט אומגלייכקייט. ווען זיי האָבן געזען פאַר זיך אַ קאָמיסאַר אָדער אַ רויטאַרמייער, וואָס האָט געטראָגן אַ גאַנצע פאָר שטיוול אָדער ער האָט אויסגעזען גוט דערנערט, פלעגן זיי פאַרגעסן, אַז דער ערשטער האָט געשטעלט זיין גאַנצע לעבנסקראַפט אין דינסט פון זייער זאַך און דער צווייטער האָט פאַר זיי מקריב געווען דאָס לעבן; ביי הונגעריקע פרויען און מוטערס האָט דער אָנבליק פון „ווילשטאַנד" געוועקט חשד און אומגערעכטיקייט, אויב מען קען בכלל רעדן ביי הונגעריקע וועגן אומגערעכטיקייט.

עס איז דעריבער נישט געווען קיין וווּנדער, וואָס די פרויען, צום ביישפּיל, וועלכע זענען איינגעלאַדן געוואָרן קיין מאָסקווע כדי צו באַראַטן זיך וועגן וועלטאַרומנעמענדיקע

ראָבלעמען, האָבן גלייך נאָכן פארענדיקן די אָפיציעלע רע־
דעס אַרויפגעלייגט אויפן טיש די דרינגנדסטע לעבנספראַגן —
קודם כּל די פראַגע וועגן **לעבנסמיטלען** — און האָבן
אַריינגעלייגט זייער גאַנצן טעמפּעראַמענט אין באַהאַנדלען די־
דאָזיקע פראַגן. די נויט און די קוועלרייען פון זייערע קינ־
דער האָבן זיי געצווּונגען אַראָפּצונידערן פון דער הויך, אויף
וועלכער די רעוואָלוציע האָט זיי אַרויפגעהויבן, אין יאָמער־
טאָל פון קאַמף פאַרן שטיקל ברויט; די זון פון סאָציאַלער
פרייהייט איז זיי נאָך נישט באַשערט געווען, דער וועלטקאַ־
פּיטאַליזם איז געווען שטאַרקער פאַר זיי, פאַר זייער רעגירונג,
זיי האָבן געמוזט אַראָפּנידערן...

מיך האָט געקוועלט דאָסדאָזיקע בילד, אויף וועלכן
כ'האָב זיך אומעטום אָנגעשטויסן: אין די פאַרזאַמלונגען,
אויף דער גאַס, אין אינטימע קאָמוניסטישע קרייזן, תּמיד און
אומעטום איז געווען די רייד וועגן דאָס מאַטעריעלע. דאָס
שטיק ברויט און דאָס שטיקל צוקער זענען געוואָרן די הויפּט־
שטרעבונג אויך פון די־יעניקע, וואָס האָבן געשטעלט זייער
גאַנץ לעבן אין דינסט פון אַ אידעאַל, וואָס האָבן אַלע זייערע
כּחות געווידמעט דער לייזונג פון אידעעלע פּראָבלעמען...
אודאי, פאַר אונז מאַטעריאַליסטן איז נישט געווען קיין שום
נייעס, אומדערוואַרטס אין מענטשנס דאָזיקער לחלוטינדיקער
אָפּהענגיקייט פון זיין פיזישן צושטאַנד. צי דען איז אָבער אַ
סיטואַציע דערטרעגלעכער, קען מען דען אַריבערגיין איבער
איר צום סדר־היום, ווען מען באַטראַכט זי אַלס אומפאַרמייד־
לעך? דידאָזיקע רעזיגנאַציע פאַר דער מענטשלעכער שוואַכ־
קייט, פאַר אונזער אָנמעכטיקייט האָב איך קיינמאָל נישט גע־
וואָלט פאַראייגענען.

אין רוסלאַנד איז דאָס פּראָבלעם געקומען צום אויס־
דרוק אין זיין אומענדלעכער וויכטיקייט. דער זיג פון סאָציאַ־
ליזם — און אין דעם ליגט זיין מענטשן־באַפרייענדיקע מי־
סיע — וועט עס צום גרעסטן טייל לייזן: דער מענטש וועט
פריי זיין נישט נאָר לגבי דעם צווייטן מענטשן, נאָר אויך
לגבי דער נאַטור וועט ער זיין אַ סך פרייער, זעלבשטענדי־
קער, זעלבסטטעטיקער. דעריבער איז פאַר אַ פרייהייט־ליבנדיקן

שטאָלצן מענטשן נישטאָ קיין אַנדער, מער פּרוכטבאַר קאַמפּס־פעלד, ווי דער סאָציאַליזם. אָבער דוקא דעריבער — און נישט — נישט געקוקט אויף דעם — איז מיר געווען פיינלעך צוצוזען, ווי גראָד אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פון דער נויטווענדיקייט צו דער פרייהייט (כדי צו באַנוצן ענגעלסעס אַ וואָרט), אין דער צייט, ווען די מאַסן זענען צום שטאַרקסטן באַגייסטערט געווען פון איניציאַטיוו, אידעאַליזם און פון ווויסנשאַפט, האָט זיי די נויט אַלץ מער און מעכטיקער צו־געשמידט צו דאָס מאַטעריעלע און ערדישע. און דער פאַקט, וואָס אַ קליינעם הייפל „מעכטיקע" האָט בכלל געקענט געלינ־גען אַרומצוונעמען רוסלאַנד מיט אַ הונגער־בלאָקאַדע, דאָס, וואָס זיי האָט געקענט געלינגען אויפצוצווינגען דער אַרבעטער־רעפּובליק, וואָס האָט געזיגט דורך איר מוטיקן שטרעבן נאָך פרידן און אַנטוואָפענונג, דעם מיליטאַריזם מיט אַלע מאַטע־ריעלע קרבנות, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף דער גאַנ־צער באַפעלקערונג, און מיט זיינע נישט אָפּצושאַצנדיקע פּסי־כאָלאָגישע פאָלגן, איז געווען די גרעסטע חרפה פאַר דער מענטשהייט. און דאָך איז דעמדאָזיקן הייפל רויבחיות געלונ־גען צו צוימען דעם שטאָלצן אָדלער, בינדן אים צו דער ערד, אָפּהאַקן זיינע פליגל.

מיר איז אַלץ פיינלעכער געוואָרן צו האַלטן פייערלעכע רעדעס. גראָד דערפאַר ווייל מען פלעגט מיך אויסהערן מיט גרויס שפּאַנונג, איז מיר קלאָר געווען, וויפל איך האָב דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם נאָמען, דער שטעלונג, דעם פּער־זענלעכן איינפלוס. איך האָב געוווּסט, אַז ווען אַנדערע וואָלטן אויפן זעלבן אופן גערעדט דעמזעלבן אינהאַלט, וואָלט מען די רעדנער איבערגעריסן מיט אָנווייזן אויף קאָנקרעטע באַדערפעענישן. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז ווען נאָך מיר פלעגט נעמען אַ וואָרט אַן אַרבעטער אָדער אַן אַרבעטערין אָדער אַ רעדנער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין „נאָמען", פלעגט מען שרייען צו אים: „זייער גוט, אָבער מיר ווילן ברויט, דערציילט אונז עפּעס וועגן ברויט!"... אָדער מען פאַרוואַרפט אים מיט תּראַגעס, מיט אָנווייזונגען אויף די אומאָרדנונגען, אָפטמאָל פלעגט מען אים אויך פרעגן, ווי אַזוי שיקט זיך

דאָס, וואָס איינער באַקומט מער ברויט פאַרן צווייטן. און אַז.וו. מיט דער צייט האָב איך באַמערקט, אַז מיך ווי אויך אַנדערע באַקאַנטערע קאָמוניסטן פלעגט מען דערפאַר אויפפאָדערן אַרויסצוטרעטן אין באַזונדערס קריטישע מאָמענטן און ערטער, כּדי צו באַרואיקן די מאַסן. הגם דידאָזיקע אויפפאָדערונגען אַרויסצוטרעטן אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן קומען פון פראָלעטאַרישע באַטריבס-ראַטן אָדער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מער נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן די הונגערנדיקע און פרירנדיקע, און פלעגן אינסטינקטיוו אַפּעלירן צו אונזער השפּעה און אונזער רעדנסקראַפט, איז מיר פונדעסטוועגן דידאָזיקע ראָלע געווען אומדערטרעגלעך. מיר איז געווען קלאָר, אַז די גערולד, וועלכע די מאַסן ווייזן אַרויס לגבי מיר, דאַרף מען צושרייבן אין אַ געוויסער מאָס דעם אונטערטעניקייטס-געפיל, דעם אויטאָריטעט-גלויבן, אַפילו דער מורא פאַר דער רעגירונג. איך וואָלט עס באַטראַכט אַלס נאַטירלעכער, ווען די מאַסן וואָלטן מיך אויסגעלאַכט, אָנשטאָט מיך אויפצונעמען מיט באַגייסטערונג. הגם, אין תּוך גענומען, האָב איך נישט געלעבט בעסער — וואָס שייך דעם עסן—און אָפטמאָל אַפילו ערגער ווי די אַרבעטער און באַזונדערס די רויטאַרמייער, וועלכע פלעגן קומען צו מיינע רעפעראַטן, האָט עס אָבער אויסגעזען אַנדערש. מען האָט מיך געקענט אָננעמען פאַר אַ זאַטן און פּריווילעגירטן מענטשן. און הגם מען האָט מיר פון אַלע זייטן געוואָלט איבערצייגן, אַז עס איז איבערגעטריבן און נישט-צוועקמעסיק צו לעבן אַזוי, ווי איך טו דאָס, זיך אָפּזאָגנדיק פון יעדער מאַטעריעלער פּריווילעגיע, (די מאַסן, פאַר וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן דאָס נישט געקענט וויסן), בין איך פונדעסט-וועגן געווען אין אַ אומענדלעך-בעסערער לאַגע ווי זיי.

איך האָב געהאַט — און דאָס איז מיר געווען דער עיקר — אַ ציכטיקן צימער, וואָס איז ווינטערצייט גאַנץ רעגלמעסיק באַהייצט געוואָרן, איך האָב געהאַט, — ווייל איך בין געקומען פון אויסלאַנד, — וואַרימע קליידער, איך האָב זיך נישט געדאַרפט פאַרצווייפלט קלאַמערן אָן דעם נישט רעגלמעסיק קורסירנדיקן טראַמוויי, אין מיין רשות האָב איך תּמיד געהאַט אַן אויטאָ, דאָס אַרומפאָרן איז פאַר מיר נישט געווען קיין אָפּקומעניש,

איך האָב געהאַט אין מיין רשות באַזונדערע וואַגאָנעס און צוגן. אַרויסטרעטן קעגן דעם האָב איך נישט געקענט, מען וואָלט דאָס שלעכט פאַרשטאַנען און מען וואָלט דאָס צעפּויקט. חוצדעם וואָלט דאָס באַדייט דעזאַוואוירן די אַנדערע חברים, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט זייער רעכט אויף דידאָזיקע פּריווילעגיעס, וואָס ביי אַ סך פון די דעמאָקראַטיקע אָנפירער האָב איך דאָס באַטראַכט פאַר אַבסאָלוט באַרעכטיקט און פאַר דער רעוואָלוציע — צוועקמעסיק. אָבער די אומגלייכקייט, וואָס האָט געהערשט אויפן דאָזיקן געביט, איז פאַר מיר אַליין געווען אַן אייביקע פּיין. געוויס, איך האָב געהאַט טויזנט רעכטפאַרטיקונגען פאַר די אַנדערע און פאַר זיך אַליין. ווען איך וואָלט נישט געהאַט קיין אויטאָמאָביל, וואָלט איך נישט געקענט אויספירן קיין טויזנטחלק פון דער אַרבעט, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן לטובת די מאַסן. אָבער הגם דאָס עפּנטלעכע ווי אויך מיין אייגענעס געוויסן האָבן מיר גאָרנישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפן, האָב איך אָבער געוווסט, אַז דער אונטערשייד צווישן מיר — ווי הונגעריק און אויסגעשעפּט איך בין נישט געווען, וויפל אַרבעט איך האָב נישט געהאַט הינטער זיך און פאַר זיך — און אַ פאַבריקאַרבעטערין, וואָס איילט צו איר הונגעריקע און פרירנדיקע קינדער און קען נישט איינשטייגן אין טראַמוויי, איז אַזוי גרויס, אַז קיין שום מאָטיוון פון צוועקמעסיקייט קענען נישט גענוגן כדי צו וואַרפן אַ בריק איבערן דאָזיקן תהום און אונטערדריקן אין מיר דעם בושהגעפיל. דאָס, וואָס מיינע פּאַרטיי־חברים און אַ קליינע שיכט פון דער באַפעלקערונג האָבן איינגעזען די נויטווענדיקייט פון דערדאָזיקער אומגלייכקייט האָט מיך נישט געקענט באַרואיקן; ביי די גרויסע מאַסן, ביי די ליידנדיקע האָט דער אָנבליק פון מיין אויטאָ געמוזט אַרויסרופן דעמזעלבן האַס, וועלכן איך האָב אין זיי תמיד פאַנאַנדערגעבלאָזן קעגן דער אומגלייכקייט. זיי, דידאָזיקע מאַסן, איז נישט געווען קלאָר דער אונטערשייד צווישן מיר, וואָס איז געפאָרן אויסצופירן אַ סאָציאַל־נויטיקע אַרבעט, און די פּאַראַזיטן פון הויף אָדער פון דער געוועזענער בורזשואזיע, וואָס פלעגן פריער באַנוצן אַן אויטאָ אויף אָפּצווויקלען זייערע געשעפטן. זיי האָבן מיך געמוזט פיינט

האָבן, און דאָס, וואָס זיי האָבן דאָס נישט געטאָן, — וואָס זיי האָבן לכל הפּחות נישט אַרויסגעוויזן קיין האַס, איז פאַר מיר געווען אַ באַווייז פון זייער אונטערטעניקייטס-געפיל.

די רעוואָלוציע בויטיקט זיך נישט אין קיין שקלאַפן, אין קיין רעזיגנירטע מענטשן. די מאַסן, וואָס האָבן געדולדעט אונזערע פּריווילעגיעס, האָבן מיר אויסגעזען צו זיין שקלאַפן, און נאָכמער דערפאַר, ווייל די קלענסטע אומגלייכקייט מיט „דורכשניטלעכע קאָמוניסטן", וואָס האָבן נישט געהערט צו די אויבערשטע שיכטן פון דער רעגירונג, האָבן די מאַסן אויפגענומען מיט פּראָטעסט.

איבער אַזעלכע געדאַנקען ווי מיינע גייט מען געוויינלעך איבער צום סדר-היום; מען באַצייכנט זיי מיטן נאָמען: סענטימענטאַליזם, האַמלעטיזם און מען גיט צו די פראַגע, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע, ווען אַלע פירער וואָלטן זייערע כּחות, זייער אַרבעטספעאיקייט מקריב געווען פאַר אַזאַ פּלפּוליסטיק. איך פאַרמאַך נישט די אויגן אויפן דאָזיקן אַרגומענט, אָבער פון דער צווייטער זייט זע איך אויך די שאָטנזייטן פון דער קעגנזעצלעכער באַציאונג. אויף איין חבר, וואָס האָט באַנוצט זיינע פּריווילעגיעס בלויז אין אינטערעס פון דער אַלגעמיינער זאַך, קומען אַזוי-און-אַזויפיל אַזעלכע, וואָס געהערן נישט צו אונז לויט דער פאַרגאַנגענהייט און דער טראַדיציע, וועלכע האָבן אויסגענוצט די פּריווילעגיעס און פאַרשוועכט אין די אויגן פון די מאַסן די רעוואָלוציע, דורך וועלכער זיי האָבן געליטן און דורך וועלכער זיי האָבן געדאַרפט דערגרייכן די גלייכקייט. אויך דאָ, ווי אויף אַזויפיל אַנדערע געביטן איז די נויט געווען שולדיק אין דעם, וואָס וואָלט ביי אַנדערע אומשטענדן נישט געווען דערלאָזבאַר. די נויט האָט געשאַפן אונטערשיידן אין אויסערלעכן לעבן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער ערשטער אַרבעטער-רעפּובליק, און דאָס איז געווען די גרויסע, אַלץ-אַרומנעמענדיקע טראַגעדיע, אָבער זי איז נאָך פאַטאַלער געוואָרן פאַר דער רעוואָלוציע צוליב דעם, ווייל דאָס, וואָס עס איז צוערשט געווען אַ צייטווייליקער אָדער אַן עקסטרעמער מיטל אויף צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, איז דורך די דורכשניטסמענטשן און די אויסניצער פון דער רעוואָלוציע

באטראכט געוואָרן אַלס נאָרמאַלער צושטאַנד; דידאַזיקע לעצ־טע האָבן זיך איינגעבילדעט, אַז זיי שטייען באמת העכער פון די מאַסן, און זיי האָבן דערפון אַרויסגעצויגן פאַר זיך די־זעלבע פּערזענלעכע פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָבן בשעתו געפאָדערט פאַר זיך די אָנגעהעריקע פון די פּריווילעגירטע שיכטן, און די געזעלשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון שקלאַפן־בעלי־בתים און שקלאַפן, האָט זיי דאָס טאַקע געגעבן. נישט דאָס איז געווען די כוונה פון דער ראַטנגעזעצגעבונג.

גראָד אין רוסלאַנד, ווו די רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער רייפקייט פון לאַנד, ווו עס האָבן מיטגעווירקט אַזויפיל אַנדערע פאַקטאָרן, גראָד אין רוסלאַנד, ווו די רעוואָלוציע האָט געשטעלט אַזעלכע גרוי־סע פאָדערונגען צו דער אויסהאַלטעוודיקייט פון די מאַסן און פאַרלאַנגט פון זיי נישט ווינציק „ווונדער", גראָד דאָרט איז געווען אַנטשיידנדיק די האַלטונג פון די איינצלנע. עס איז, גלויב איך, קיין סוד נישט, אַז ל ע נ י ן וואָלט אַזוי פרי נישט געשטאָרבן, ער וואָלט אפשר אויך נישט אַזוי פרי און האָפּ־נונגסלאָז קראַנק געוואָרן, ווען ער וואָלט געהאַט אַן אַנדער באַציאונג צו זיין פּערזענלעכן לעבן. ט ר אָ צ ק י וואָלט אַזוי שטאַרק נישט אָפּגעשוואַכט זיין שטאַרקן אָרגאַניזם, ווען ער זאָל נישט פאָרן פּערזענלעך אויפן פראָנט און זיך נישט אויס־שטעלן אויף אַנדערע דירעקטע לעבנססכנות; די חברטע קאָ־לאָנטאַי וואָלט אַזוי פיל נישט געקרענקט, הונדערטער און הונ־דערטער פון די „אַלטע קאָמוניסטן" וואָלטן נישט געדאַרפט ברענגען אין אויסלענדישע רעפּעראַטור־וואַרשטאַטן זייער אָפּגע־שוואַכטע האַרץ, זייערע צעשעדיקטע לונגען, זייער לגמרי צע־טרייסלטע נערוון, ווען דער צוועקמעסיקייט־אַרגומענט וואָלט אָנ־געפירט מיט די מענטשן,—אפילו מיט די דיסציפּלינירטסטע,— אין אַלע סיטואַציעס.

# ציממערוואַלד האָט זיינס אָפּגעטאָן — ציממערוואַלד איז מער נישט נויטיק

אַחוץ דער גרויסער אַגיטאַטאָרישער אַרבעט, וועלכע איך האָב געמוזט אויספירן אין רוסלאַנד, האָב איך זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן די באַציאונגען מיט די ציממערוואַלד-פּאַרטייען, און צוליב דער בלאָקאַדע אַרום רוסלאַנד איז דאָס נישט געווען אַזוי לייכט, בפרט אַז אַלץ איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, און אַ צייטלאַנג אויך דורך די האָפנונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויף דער דייטש-עסטרייכישער. איך האָב גיריק געזוכט אַן אַנדער ווירקונגס-געביט, וואָס זאָל אײַנגאַנצן אויספילן מיין צייט. דערבײַ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אומדערוואַרטעטע שטערונגען: קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו ווענדן צו מיר מיט אַן „איינפאַכער אַרבעט", מען האָט געקענט באַמערקן אַ געוויסע היעראַרכיע, וועלכע איך וואָלט נישט געהאַ׳טן פאַר מעגלעך: דער „ראַנג" האָט געמוזט אָפּגעהיט ווערן, מ׳האָט געמוזט לייגן אַכט אויפן נאָמען. יעדער פּרווו צו ווערן זיך קעגן דעם און יעדע פאָדערונג מ׳זאָל מיך באַהאַנדלען אַלס פּשוטע מיטקעמפערין, וואָלט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ פאַלשע באַשיידנקייט.

ווען מען האָט מיך גלייך נאָך מיין קומען פון אויסלאַנד איינגעלאַדן אין פאַרטיי-קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פאַרטיילן די אַרבעט צווישן די חברים — שפּעטער האָט זיך צום דאָזיקן צוועק אַנטוויקלט אַ גאַנצער אַפּאַראַט, — האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל אָנשטאָט דער חברטע ק אָ ל אָ נ ט אַ י איבערנעמען דעם פרויען-קאָמיסאַריאַט. איך

האָב זיך אַנטשידן אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן ספּעציעל מיט דער אַרבעט צווישן פרויען און איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מיר פעלן אויפן דאָזיקן געביט אַ סך פעאיקייטן און די דערפאַרונג, וואָס צייכענען אויס די חברטע קאָלאָנטאַי, און חוצדעם האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען וויל זי — זי איז דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין אומחסד — פאַרבייטן דורך מיר, ווייל איך בין דאַן געווען אומגעהייער פאָפּולער. ערשט אין משך פון דער צייט האָב איך זיך געקענט איבערצייגן, אַז מיין אינסטינקט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט; מען האָט באמת געוואָלט פּטור ווערן פון דער חברטע קאָלאָנטאַי און איר, אויב מעגלעך, אַ קאָפּע טאָן...

* *
*

אין מאָסקווער „גרויסן טעאַטער" ווערט אָפּגעהאַלטן אַ פייערלעכע זיצונג פון אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטן. איך זיץ גאַנץ אַליין אין אַ לאָזשע, פונוואַנעט איך קען געני באַאָבאַכטן, וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע. עס וווּנדערט מיך נישט שטאַרק, וואָס חבר סווערדלאָוו, דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון אויספיר-קאָמיטעט, — וואָס האָט אומפאַרגלייכלעכע פאַרדינסטן פאַר דער רעפּובליק און דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין זייער שווערסטער צייט און וואָס איז צו פרי אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין טעטיקייט אַלס קרבן פון זיין פליכט, — רופט אַרויס לעונינען און אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט אין אַ זייטיקן צימער, כדי זיי עפּעס מיטצוטיילן. ווען זיי קומען אַלע צוריק אין אַ פּאָר מינוט אַרום, זאָגט סווערדלאָוו מיט אַ געבראָכענער שטימע: „חברים, אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן דעם אינטערנאַציאָנאַל, קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג זענען דערמאָרדעט געוואָרן. הויבט זיך אויף פון די ערטער!" פון טויזנט שטימען האָט אַ קלונג געטאָן דער טרויער-כאָר, די אָנווענדיקע האָבן געזונגען: „איר זענט אַלס קרבנות געפאַלן..."

זייט דעמאָלט פלעגט מיך אָנכאַפּן אַן אומבאַשרייבלעכע קלעמעניש, ווען דאָס פּרעזידיום פלעגט זיך דערווייטערן פון

דער עסטראַדע: האַנדלט זיך אפשר ווידער וועגן אַ גורל־קלאַפּ פאַר דער רעוואָלוציע?..

אויפן פאָלגנדיקן זונטיק האָט דער מאָסקווער ראַט צו־נויפגערופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דער רציחה איבער ליבקנעכטן און ראָזאַ לוקסעמבורגן. אַ סך אַרבעטער, זייער אַ סך זעלנער, פרויען און נייגעריקע האָבן זיך געפונען אונטערן באַלקאָן, פון וועלכן עס האָבן גערעדט קאַמענעוו, לע־נין און איך.

אייניקע חברים, די אינטימסטע, זענען זיך צוזאַמענגעקומע אין דער ראַט־געביידע, צווישן זיי אויך ראַקאָווסקי, וועל־כער איז פאַר קורצן באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון די ראַטן אין אוקראַינע און וועלכער האָט נאָך דעמזעלבן טאָג געזאָלט אַהין אָפּפאָרן.

„אַנדזשעליקאַ, ווילט איר אפשר אַרבעטן מיט מיר אין אוקראַינע?" האָט ער זיך געווענדט צו מיר. דידאָזיקע אויפ־פאָדערונג איז מיר געווען סימפּאַטיש. ראַקאָווסקי האָט געהערט צו די חברים, וואָס זענען מיר פערזענלעך געווען אַמנאָנטסטן, חוצדעם האָב איך געוווסט, אַז עס וואַרט אויף אים נישט קיין באַזונדערס אָנגענעמע אַרבעט, און איך בין געווען צופרידן, וואָס איך וועל אים קענען העלפן.

„יאָ", האָב איך געענטפערט, „מיט אייך אַרבעטן וואָלט איך וועלן, אָבער וואָס אייגנטלעך?"

— „וואָס? קודם כל קענט איר פון דער אוקראַינע אַ סך פּראָדוקטיווער אַנטוויקלען אייער צימערוואַלד־טעטיקייט, איבער אָדעס זענען די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד לייכטער, ווי פון מאָסקווע. אַחוץ דערדאָזיקער טעטיקייט און דער אַל־געמיינער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קענט איר זייער אַ סך אויפטאָן אין דער רעגירונג גופא, דערעיקר אין קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים".

מיר איז שווער געווען בייצושטיין דעם נסיון פון אַ פּילזייטיקער טעטיקייט ביי ראַקאָווסקיס מיטאַרבעט, איך האָב נאָך אָבער געהאַט געוויסע חששים. מיט אַ געוויסער צייט צו־ריק האָט מיר טשיטשערין מיטגעטיילט, אַז ער האָט בדעה צונויפצורופן דורך ראַדיאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַראַ-

טונג פון די אַלע פּאַרטייען, וואָס שטייען אויפן באָדן פון דער ראַטנפּראָגראַם אָדער ריכטיקער פון די צימערוואַלד־פּאַרטייען.

„וואָס זאָגט איר דערצו, חברטע?" — „וועט עס אייך דען געלינגען, די בלאָקאַדע ווערט אַזוי שטרענג אַדורכגע־פירט? — פּרובירט זיך!"

די באַראַטונג, וואָס קיינער האָט נישט געגלויבט אין איר פאַרווירקלעכונג, איז געפּלאַנט געוואָרן אויפן חודש מערץ; זאָל איך ריזיקירן און איבערפאָרן אין דער אוקראַינע? ווי געוויינלעך האָב איך זיך וועגן דעם ענין געוואָלט דורכשמועסן מיט לענינען און כ'האָב זיך דערגענטערט צו אים, כדי אים צו בעטן וועגן אַ שמועס אויף איינעם פון די נאָענטסטע טעג. —

דעמזעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט לענינען שיר נישט געקאָסט דאָס לעבן. ביי אַ פריערן באַזוך איז געקומען צו רייד וועגן זיין פרויס קראַנקהייט, וועלכע האָט ביי לענינען אַרויסגערופן די גרעסטע זאָרג, נאָכמער דערפאַר, ווייל מען האָט זי בשום אופן נישט געקענט אָפּרייסן פון איר אַרבעט אין מאָסקווע.

„איך קען אייך רעקאָמענדירן אַן אויסגעצייכנטן דאָקטאָר וואָס איז נישט נאָר אַ גרויסער ספּעציאַליסט, נאָר ער האָט אויך אַ גאַנץ באַזונדערע השפעה אויף זיינע פּאַציענטן. אין איטאַליע האָט ער באַהאַנדלט די חברטע צעטקין און אויך פּלעכאַנאָוון און ער האָט זיי געצווונגען זיך אונטערצוואַרפן זיינע פאַראָרדענונגען: אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו ווירקן אויך אויף נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ". — „איך צווייפל אין דעם. וואָלט ער זי נאָר געקענט איבעררײדן צו שאַנעווען זיך, אַרויסצופאָרן אין דאָרף". און חברטע קרופּסקאַיאַ איז טאַקע באמת איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ וואַלדשולע, נאָענט פון מאָס־קווע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר קרענקלעכע קינדער. דאָרט האָט זי געקענט געניסן רו, פרישע לופט און דעם אָנבליק פון פריי זיך אַנטוויקלענדיקע ראַטנקינדער. איר מאַן פּלעגט זי באַזוכן זייער אָפט. „ווייסט וואָס, אַנדזשעליקאַ", האָט מיר געזאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איבערגענומען איר

באהאנדלונג, „זאָלסט לעגינעז אָפּריידן פון באַזוכן זיין פרוי־צופוס און אַליין, עס איז אַן אָפּגעלעגענע געגנט, מען קען אים באַפאַלן".

ווען איך האָב גערעדט מיט אים נאָכן אויבנדערמאָנטן מיטינג, האָט מיך אַ ריינע אידייענאַסאָציאַציע באַוויגן אים אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער געפאַר, וועגן וועלכער דער דאָקטאָר האָט מיט מיר גערעדט.

„איר דאַרפט נישט גיין אַליין צו אייער פרוי אין סאָקאָלניקי", האָב איך באַמערקט. „וואָס זשע עצהט איר מיך?" האָט ער געפרעגט (ער האָט פיינט געהאַט אַלע פּערזענלעכע זיכערקייטסמיטלען). „זאָל איך מיך מער נישט קענען פריי באַוועגן?"

דעמזעלבן אָוונט איז לענין אומדערוואַרטעט געקומען אין ראַט פון סאָקאָלניקי, כּדי צו פאַרשאַפן זיך אַן אויטאָ. זיינער, אין וועלכן ער איז געפאָרן מיט זיין שוועסטער צו זיין פרוי, איז צוגערויבט געוואָרן ביי אים. צוויי באַנדיטן האָבן פאַרהאַלטן דעם אויטאָ, צוגעלייגט לענינען דעם רעוואָלווער צום שלייף מיט די ווערטער: „געלט אָדער דאָס לעבן." דאָס וויזן זיין לעגיטימאַציע האָט דעם מלוכהראש גאָרנישט געהאָלפן, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן „ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך", אויף וועלכע דער נאָמען, ווען זיי וואָלטן אים אַפילו געלייענט, וואָלט קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. בלויז לענינס גרויסע קאַלטבלוטיקייט האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן; ער האָט די באַנדיטן אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט און פאַרלאָזן דעם אויטאָ, אין וועלכן די באַנדיטן זענען אַוועקגעפאָרן. — — —

אויב לענין ציטירט אָפט אין זיינע פּאָליטישע שריפטן דעם ביישפּיל: „ווען מען ווערט באַפאַלן פון רויבער, וועלכע פאַרלאַנגען מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן דאָס געלט אָדער דאָס לעבן, גיט מען זיי אָפּ דאָס געלט און מען בלייבט ביים לעבן", באַציט זיך דאָס אויך אויף דער ערפאַרונג, וועלכע ער אַליין האָט געמאַכט אין יענעם טאָג.

*

ווען איך האָב געפרעגט לענינען, צי זאָל איך פאָרן אין אוקראַינע, האָט ער מיר מיט היץ צוגערעדט דערצו; ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין מורא, אַז אינצווישן קען פאָרקומען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, האָט ער מיך באַרואיקט: „גיכער פאַר אַלץ וועט פון גאַנצן ענין גאָרנישט ווערן. אויב עס וועט אָבער, און וואָס איך גלויב נישט, יאָ עפּעס אַרויסקומען, וועט איר מיט ראַקאָווסקין תּיכּף אַהערקומען אין אַ עקסטרענעם צוג...“

איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך איינצואַרבעטן אין כאַרקאָוו, וווּ עס האָט זיך דעמאָלט געפונען די ראַטנרעגירונג, איך האָב נאָך געזוכט אַ וווינונג, ווען ראַקאָווסקי האָט מיר מיטגעטיילט, אַז לענין האָט טעלעגראַפירט, מיר זאָלן תּיכּף קומען קיין מאָסקווע, דאָרט קומט פאָר אַ אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ. ווען מיר זענען אויפן דריטן פרימאָרגן אָנגעקומען קיין מאָסקווע, איז שוין די קאָנפערענץ געווען אין פולן גאַנג. אַחוץ אַ פּאָר חברים, וואָס זענען ספּעציעל געקומען צו איר פון דייטשלאַנד, האָבן זיך אין איר באַטייליקט מייניסטנס געוועזענע קריגס-געפאַנגענע און אייניקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד. אויך ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט האָב איך געמוזט מאַכן די דערפאַרונג, סאַראַ גרויסע ראָל עס שפּילט דער צופאַל אויף אַלע געביטן פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון לעבן. דער פאָרשלאָג צו באַטראַכטן די קאָנפערענץ אַלס קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל איז איינשטימיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן, באַזונדערס ענערגיש איז קעגן דעם אַרויסגעטראָטן דייטשלאַנדס פאָרשטייער, וועמעס מיינונג עס איז געווען אַנטשיידנדיק. דאָ איז דערשינען אין באַראַטונגס-זאַל אַן עסטרייכישער חבר, וועלכער איז שוין פריער געווען אין רוסלאַנד און איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, אַן ערלעכער, וואָס מיינט ערנסט מיט דער רעוואָלוציע, אָבער אַ העכסט עקזאַלטירטער געוועזענער טיפּאָגראַף. נאָך איידער ער האָט אָפּגעווישט פון זיך דעם שטויב פון זיין לאַנגער, קאָמפּליצירטער נסיעה האָט ער מטגעטיילט אין אַ פייערדיקער רעדע וועגן דער באַגייסטערונג פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן דער שטימונג און דער יוירונג צווישן

די מאַסן, וועלכע ער האָט געפֿונען אין די אייראָפּעאישע לענדער; די רעדע האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דער אויפֿפֿאָדערונג צו גרינדן אומגעזאַמט אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל. זיין דאָזיקע אויפֿפֿאָדערונג האָט ביי אַלע געענדערט די שטימונג: אפֿילו דער דייטשער חבר האָט אויפֿגעגעבן זיין ווידערשטאַנד, דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן...

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער גאַנצער סיטואַציע, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אין דעם נייגעגרינדעטן אינטערנאַציאָנאַל, איז דער פֿאַקט, וואָס דעריעניקער, וועלכער האָט אים אַרויסגערופֿן צום לעבן, דער באַגייסטערטער עסטרייכישער חבר, האָט אויך פֿאַרלאָזן זיינע רייען, זיך צוריקגעקערט צו זיין טיפּאָגראַפֿישן פֿאַך, ווייל ווי אַ סך, וואָס זענען געטריי געבליבן דער אידייע, האָט ער נישט געוואָלט צוזען ווי מען מיסברויכט זי...

אַז עס מוז געגרינדעט ווערן אַ נייער אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער איז אייגנטלעך שוין געגרינדעט געוואָרן אין *צימערוואַלד* און ער האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט דורך דערדאָזיקער באַוועגונג און איצט פֿאָדערט ער אַ פֿאַראייניקנדיקע אויסערלעכע פֿאָרם, — דאָס האָב איך געוווּסט צום בעסטן. און ווו זאָל זיין די היים פֿון דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַל, אויב נישט אין רוסלאַנד, ווו עס זענען אָנגעווענדעט געוואָרן צימערוואַלדס גרונטאידייען, ווו זיי זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעשים דורך אַרויפֿצווינגען דעם שלום, דורך פֿאַרכאַפּן די מאַכט, דורך אַ העלדישן קאַמף?

פֿאַרשיידענע מיינונגען האָבן בלויז געקענט הערשן וועגן דער *צייט*, ווען דערדאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל זאָל געגרינדעט ווערן. ווען אויך דידאָזיקע פֿראַגע איז געלייזט געוואָרן, האָב איך באַטראַכט פֿאַר מיין חוב אָפּצוגעבן אַ דערקלערונג אין נאָמען פֿון דער צימערוואַלד-באַוועגונג. דידאָזיקע דערקלערונג איז נאָך געפֿאַלן מיט אַ גרעסערער געוויכט אויף דער וואָגשאָל פֿון די באַראַטונגען דערפֿאַר, ווייל דער גאַנצער גורל פֿון נייגעגרינדעטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָכמער, די צוועקמעסיקייט פֿון זיין תּיכפֿדיקער גרינדונג איז אָפּהענגיק געווען דערפֿון, אין וועלכער מאָס ער וועט באַגריסט ווערן דורך די

אויסלענדישע ברודער-פּאַרטייען און ער וועט געשטאַרקט ווערן דורך זייער אַריינטריט אין אים.

איך האָב דערפילט די גרויסע אחריות, וואָס איז געלעגן אויף מיר, און אַז איך פאַרמער זי לגבי די אויסלענדישע פּאַרטייען דורך דער דערקלערונג, וועלכע איך האָב באַשלאָסן אָפּצוגעבן. אָבער אויך דאָסמאָל, ווי דעמאָלט אין שטאָקהאָלם, בין איך אינערלעך געווען רואיק; ווען מען האָט דאָס גליק צו אַנטוויקלען אַן אחריותדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און צו געניסן דעם צוטרוי פון די מאַסן, מוז מען אויך האָבן דעם מוט נישט צו וואַרטן אויף פאָרמעלע באַשלוסן דאָרט, ווו די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע פאָדערן תיכף צו האַנדלען. אין מאָסקווע, אין מערץ 1919, בין איך געגאַנגען ווייטער מיטן וועג, וועלכן איך האָב באַטראָטן אין שטאָקהאָלם אין 1917 דורך פאַרעפנטלעכן דעם אויפרוף צום גענעראַל-שטרייק. פריער פאַר אַלץ און העכער פאַר אַלץ די אינטערעסן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע! און איך האָב דערקלערט, אַז הגם צוליב דער בלאָקאַדע פון רוסלאַנד האָב איך נישט געקענט אָנפרעגן דירעקט ביי איינצלנע צימערוואַלד-פּאַרטייען, פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז כ׳קען פאַרזיכערן, דאָס די מיינסטע פון זיי וועלן זיך אָנשליסן אין אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס באַזירט זיך אויף די גרונדפּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע פון דער אַרבעטער- און פויערים-רעפּובליק.

*צימערוואַלד האָט דערפילט זיין חוב*: ער האָט בעתן קריג געהאַלטן הויך די פאָן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל, ער האָט אויפגעפאָדערט די מאַסן צום סאָציאַליסטישן קאַמף פאַרן שלום. *צימערוואַלד איז מער נישט געווען נויטיק!*

# סעקרעטעריז פון נייעם אינטערנאַציאָנאַל

איך האָב געהאַט בדעה תיכף נאָך דער גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַל זיך אומקערן צו מיין אַרבעט אין דער אוקראַינע, און פאַרבייגייענדיק האָב איך אַריינגעקוקט אין זיצונגסזאַל פון קאָנגרעס. אין קאָרידאָר פון קרעמל האָב איך געטראָפן טראָצקין און כ׳האָב זיך מיט אים געזעגנט. „וואָס", האָט ער געזאָגט, „איר פאָרט אַוועק? טאָ ווער-זשע וועט זיין סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַל? איר מוזט בלייבן אין מאָסקווע און איבערנעמען דעמדאָזיקן אַמט!"

דער פאָרשלאָג איז מיר צווישן אַנדערן נישט געווען אָנגענעם דערפאַר, ווייל ער האָט מיר געשטערט אויספירן די געפלאַנטע אַרבעט אין כאַרקאָוו. כ׳האָב אויך געהאַט אַ חשש, אַז איך בין נישט צוגעפאַסט פאַר דער ראָלע פון אַ סעקרעטאַר אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. חוצדעם וואָלט מיר די אַרבעט צווישן די מאַסן פאַר דער ראַטנרעפובליק געווען סימפאַטישער, בפרט איצט, ווען איך האָב שוין נישט געהאַט קיין צימערוואַלד-פונקציע. אין מיין גרויסער נאַאיווקייט בנוגע די באַוועג-מאָטיוון און דער דיפלאָמאַטיע אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער פאַרטיי האָב איך געמיינט, אַז אַ פאָר ווערטער וועלן זיין גענוג און מען וועט אָננעמען מיינע מאָטיוון. צימערוואַלד-סעקרעטאַר איז געווען עפעס גאַנץ אַנדערעס, דאָס איז געווען, אַזויצוזאָגן, אַ נאַטירלעכער אויסוואַל; צווישן די ווייניקע, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן די באַוועגונג, האָט מען געמוזט עמיצן אויסוויילן, ווער עס האָט זיך געפאַסט פאַר די שווערע, אחריותדיקע אַרבעטן און האָט זיך אינגאַנצן

געקענט אָפּגעבן מיט זיי. באַזונדערס נאָך דער אַפּערע גרים איז די פּערזענלעכע אָנפירונג פון דער באַוועגונג געווען פאַר איר אַ לעבנספראַגע. אָבער אין רוסלאַנד, ווו די רעוואָלוציע האָט געזיגט און די אַרבעט וועט אַרויף אויף די נאָרמאַלע רעלסן, האָט מען געקענט ווײַלן אַ אַנדערן. אויב ווידער מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר צוליב מײַנע פאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע פּאַרטייען און צוליב דעם „נאָמען", וועלכן איך האָב געהאַט אין אויסלאַנד, האָב איך בײדעס געקענט אויף אַ וואָסער־נישט־איז אופן שטעלן אין רשות פון דער נײַער אינסטיטוציע, נישט איבערנעמענדיק דעם אַמט.

לענין, פאַר וועלכן איך האָב אַרויסגעזאָגט מײַנע ספקות, האָט מיך איבערגעריסן, צוקוועטשנדיק דערבײַ אַן אויג, ווי געווײנלעך אין אַזעלכע פאַלן: „חברטע באַלאַבאַנאָוו, פּאַרטײַ־דיסציפּלין איז פּאַרטײַ־דיסציפּלין. איר מוזט זיך אונטערוואַרפן. אגב וועל איך תיכף אויפפאָדערן דעם צענטראַלקאָמיטעט אָנצונעמען אַ באַשלוס און אײַך אָפיציעל מודיע זײַן. איז אײַך אפשר אומאָנגענעם, וואָס איר קערט זיך נישט אום קיין אוקראַינע? איך וועל ראַקאָווסקין טעלעגראַפירן, אַז מיר נויטיקן זיך דאָ אין אײַך. כ'בעט אײַך", האָט חבר לענין צוגעגעבן, און ערשט שפּעטער איז מיר געקומען צום באַוווסטזײַן די גאַנצע באַדײַטונג פון זײַנע ווערטער—„וואַרפט זיך אונטער דער דיסציפּלין און מאַכט אונז נישט קיין שוועריקייטן צוליב אײַערע צוקונפטיקע מיטאַרבעטער..."

גלײַך ווי איך בין אַרײַנגעקומען אין מײַן צימער, וואָס איז געווען ווײַט פון קרעמל אַ פינף ביז זיבן מינוט גאַנג, האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָנישע ידיעה פון צענטראַלקאָמיטעט, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז „אײנשטימיק באַשלאָסן געוואָרן". — „גוט, אָבער אויף אַ געוויסע צײַט קען איך דאָך פאָרן אין דער אוקראַינע, כדי איבערצוגעבן די אַרבעט אַן אַנדערן חבר און אָפּנעמען די זאַכן?" — „מיר וועלן שוין אַלץ באַזאָרגן!"

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ פײַערלעכע פאַרזאַמלונג. אַלע האָבן געשטראַלט. די אָנוועזנדיקע אויסלענדער האָבן צו־

געזאָגט די אויפמערקזאַם-צוהערנדיקע פאָרשטייער פון די פּאַרטיי- און פאַבריק-אָרגאַניזאַציעס הילף אויף צו פאַר-ברייטערן די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען. די רוסישע רעד-נער האָבן געלויבט דעם אַריינטריט אין אַ נייע, אומבאַזיגלע-כע תקופה פון דער וועלט-רעוואָלוציע. די אַלגעמיין-אָפּטימיס-טישע סביבה האָט מיך אָנגעשטעקט, — מיין געמיט איז גע-ווען האָפּערדיק און פריידיק.

אין די נאָנטסטע טעג האָב איך זיך גענומען צו מיין גייער טעטיקייט אָדער ריכטיקער — צו דער אַלטער. איך האָב איינגעלאַדן די זיכערסטע פון די אויסלענדישע חברים, כדי זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן וועגן פּאָליטישע פּראָגעס און טעכנישע דורכפיר-מעטאָדן, קודם כל די-יעניקע, וועל-כע האָבן זיך אומגעקערט קיין אויסלאַנד. —

איינמאָל אין אָוונט האָב איך געפילט אַ שטאַרקע באַ-דערפעניש צו גיין אין קינסטלער-טעאַטער, וואָס זיינע אויפ-פירונגען האָבן געהערט צו די גענוסן, וועלכע האָבן מיר שטאַרק געפעלט בעת מיין זיין אין אויסלאַנד. כ'האָב גראָד געהאַט — אַלס אויסנאַם — אַ פרייען אָוונט. נאָך די פאַר-זאַמלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען לכבוד דעם קאָנגרעס, איז איינגעטראָטן אַ פּויזע. צו מיין דערשטוינונג האָב איך אין טעאַטער דערזען אויך לענינען — וועלכער האָט זייער זעלטן געקענט באַזוכן דאָס טעאַטער — אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי, זיין שוועסטער און סטאַלינען. די אינטענסיווע, נערווע-אויפרעגנדיקע אַרבעט פון די לעצטע טעג האָט אויך אים געצוואונגען זיך אויסצורוען און זען אין קינסטלער-טעאַטער טשעכאָווס אַ פּיעסע. טשעכאָווס פּ י ע ס ן אין מאָסקווער קינסטלער-טעאַטער, מיט דעם אַליין איז שוין פאַר אַ רוס. רעוואָלוציאָנער און עמיגראַנט אַ סך געזאָגט! אויף דער פּויזע האָט מיר לענין געזאָגט:

„מיר האָבן אייך באַשטימט אַ צווייטן סעקרעטאַר: חבר. וו אָ ר אָ ו ס ק י ן".

— „חבר וואָראָווסקי", האָב איך איבערגעחזרט פול פרייד „אַ גליקלעכערן אויסוואַל האָט איר גאָרנישט געקענט מאַכן, איך קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן קיין בעסערן מיטאַרבעטער".

און באמת, ווען מען וואָלט מיר אַליין געלאָזן אַנטשיידן, וואָלט איך אין דער גאַנצער רוסישער פּאַרטיי, און בכלל, נישט געפונען קיין פּאַסיקערן מיטאַרבעטער. חוץ די גרונטלעכע ידיעות און אייגנשאַפטן, וואָס האָבן וואָראָווסקין געמאַכט פּאַסיק איבערצונעמען די אים אָנגעטרויטע אַרבעט, האָט ער נאָך פאַרמאָגט יענע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן מיר געמאַכט די מיטאַרבעט מיט אים באַזונדערס לייכט און אָנגענעם און האָבן פאָראויסגעזאָגט אונזער צוזאַמענאַרבעטן אמת-פרוכטבאַרע רעזולטאַטן. ער איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער און אינטעלעקטועלער מענטש — וואָס נישט תמיד איז דאָס איינס און דאָסזעלבע — און ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו באַהאַנדלען פון אַ געוויסער דיסטאַנץ דאָס נישט-וויכטיקע און נישט תמיד דערהויבנדיקע אין טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף, עס צו באַטראַכטן מיט אַ פיינער איראָניע און זעלבסטאיראָניע. אויך אין שטאָקהאָלם האָבן מיר ספּאָנטאַן געאַרבעט אין ענגסטן גייסטיקן קאָנטאַקט אָן אַ אַמטלעכער פאַראָרדענונג. מיר האָבן געטיילט די פריידן און ליידן, די אחריות פאַר די געשעענישן אין דער אַרבעטער-רעפּובליק, ער אַלס ערשטער און איינציקער פאָרשטייער פון ראַטנרוסלאַנד, איך — אַלס סעקרעטערין פון דער צימערוואַלד-אָרגאַניזאַציע און אין געוויסן זין אַלס אַ פאַרבינדונגס-גליד צווישן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און דעם מערב-אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט.

מיין פרייד צוליב וואָראָווסקיס באַשטימונג און מיין דעמאָלטיקע אומקאַנטשאַפט מיט דער אמתער באַציאונג פון די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער רוסישער פּאַרטיי האָבן אין מיר נישט געלאָזט אויפקומען די פראַגע, צוואָס אייגנטלעך האָט מען מיר צוגעגעבן אַ צווייטן סעקרעטאַר. „אָבער", — האָב איך זיך געווענדעט צו לענינען, „די אויסערלעכע סביבה בלייבט דיזעלבע, איך וועל ווי פריער אַרבעטן אין מיין צימער אין ראַטנהויז. אַן גלאַנץ און אָן אַ שילד?!" — „יאָ, יאָ", האָט לענין פאַרזיכערט. „זעלבסטפאַרשטענדלעך!"

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ז י ב אָ ו י ע ו איז דורכן צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסישער פּאַרטיי באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון אויספיר-

קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט מיך נישט אינטערעסירט, אויך האָט מיך דאָס דעמאָלט נישט גע־קענט פאַרוואונדערן, בפרט אַז מען האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, דאָס מען וויל אים באַזייטיקן פון זיין אַמט אין פּעטראָגראַד, ווו די מאַסן זענען מיט אים זייער אומצופרידן, און אים קאָמ־פּענסירן דורך איבערגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקן אַמט.

שוין אין די ערשטע טעג פון מיין מיטאַרבעטן מיט אים האָבן זיך מיר אַ סך זאַכן געוואָרפן אין די אויגן, אָבער די וויכטיקייט פון דידאָזיקע באַאָבאַכטונגען האָב איך ערשט שפּע־טער דערקענט. פאַר דער גרינדונג פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל האָט אין מאָסקווע עקזיסטירט אַ ביוראָ, וואָס האָט געדאַרפט אויפהאַלטן די באַציאונגען מיטן אויסלאַנד; עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ דירעקט פּאָליטישער טעטיקייט, נאָר וועגן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער. זינאָוויעווס ערשטע טאַט איז געווען צו אונטערדריקן דאָסדאָזיקע אַמט, אַלץ דאַרף איינגע־גלידערט ווערן אין נייעם אינטערנאַציאָנאַל. מיך האָט דידאָזי־קע פאַראָרדענונג פאַרוואונדערט און קודם כּל דער קאָמפּעטענצ־שטרייט, וואָס האָט זיך ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט אַנט־וויקלט. מיר איז פאָרגעקומען לגמרי גלייכגילטיק, וועלכער רעסאָרט און וועלכע חברים עס וועלן דורכפירן די אַרבעט, זינאָוויעוו אָבער האָט אַלדאָס פּערזענלעכע גענומען זייער ערנסט און האָט זיך פאַררופן אויפן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט. ווען איך האָב אויפצומאָרגנס אַרויסגעפאָדערט דעם טעקסט פון באַשלוס, האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט די פאָלגנדיקע באַמערקונג אין אים: „איינגלידערן דאָס פּראָ־פּאַגאַנדע־אַמט אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָ ן דעם חבר X.״

דערדאָזיקער חבר איז געווען איינער פון די געבילדעט־סטע, איבערגעגעבנסטע, אַלטע מיטגלידער פון דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי. היות ער איז געווען דער ערשטער און צו יענער צייט כּמעט דער איינציקער, וועלכער איז געשטאַנען אין אָפּענער אָפּאָזיציע צו דער פּאַרטיי, האָט מען אים באַזייטיקט פון זיין אַרבעט, אַריינגעזעצט אין פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ, און איצט האָט מען אים אויך פון דאָרט אַרויסגעפּטרט. מיך האָט

געוווּנדערט די פאָרם, אין וועלכער דערדאָזיקער באַשלוס איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרן, און איך האָב געפרעגט דער באַאַמטין, צי עס איז נישט אַמאָל אַ שרייב-טעות, און צי דאָס איז אויך דער אָפיציעלער טעקסט. „איר האָט רעכט", האָט געזאָגט די אָנפירערין פון ביוראָ און געענדערט דעם טעקסט פון באַשלוס אין דעם אָרט, אַז דער חבר X. „האָט באַקומען אורלויב לויט זיין אייגענעם ווונש". אין דער ריי פון די באַשלוסן פון צענטראַל-קאָמיטעט האָב איך ווייטער געפונען די באַמערקונג: „חברטע באַלאַבאַנאָוו אָפּלאָזן אין אורלויב קיין אוקראַינע". איך בין געווען אַזוי וויט פון פאַרשטיין, וואָס עס שטעקט אונטער דעם אַלעם, אַז איך האָב גאָר קיין אַכט נישט געלייגט אויף דער דערשטוינלעכער פאַראָרדענונג מיך צו שיקן קיין אוקראַינע, מיך, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט גענומען קיין אורלויב און איך האָב זיך ערשט איצט געהאַט אומגעקערט פון אוקראַינע; איך בין אַזוי זיכער געווען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ טעות אין פּראָטאָקאָל, אַז איך האָב גאָרנישט געפאָדערט קיין אויפקלערונג. אין דעם ליכט פון די שפּעטערדיקע געשעענישן און פון דער גאַנצער שטעלונג פון די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער רוסישער פּאַרטיי און קודם-כל פון זינאָוויעוון, דערשיינט דאָס אַלץ צומווינציקסטן אַלס רעזולטאַט פון צופאַל אָדער פון אַ פּראָטאָקאָל-טעות, ווי איך האָב אין מיין דעמאָלטיקער נאַאיוויטעט אָנגענומען.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג, וואָס דאָס ביוראָ האָט אָפּגעהאַלטן אין זינאָוויעווס אָנוועזנהייט, האָב איך געמאַכט אויך פאָלגנדיקע דערפאַרונג, וואָס האָט מיר געגעבן אַ שליסל צו אַ סך אומפאַרשטענדלעכעס. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער צאָל שטימעס, וועלכע דער קאָנגרעס האָט פעסטגעשטעלט פאַר די איינצלנע פּאַרטייען. ווען זינאָוויעוו האָט אָנגערופן אַ צאָל, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק, האָב איך איר אַנטקעגנגעשטעלט די-יעניקע, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר ריכטיק. דער ענין האָט פאַר מיר אַבסאָלוט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג, איך האָב אויך נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז ביי זינאָוויעוון קען זיך דאָ האַנדלען וועגן עפּעס אַנדערעס, ווי אַ זכרון-טעות. ער איז באַשטאַנען אויף זיין ווערסיע

און האָט געשריבן צו וואָראָווסקין אַ צעטל, ווו עס איז גע-
שטאַנען: „צו וועלכן צוועק בלייבט באַלאַבאַנאָוו אויף איר
שטאַנדפּונקט?״ וואָראָווסקי, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר,
האָט מיר איבערגעגעבן דעם צעטל. דעמאָלט האָט מיך דער
„צו וועלכן צוועק״ פאַרבליפט, אָבער ערשט מיט דער צייט,
ווי געזאָגט, האָב איך באַגריפן די גאַנצע וויכטיקייט דערפון.
אין דאָזיקן „צו וועלכן צוועק״ ליגט דאָס סיסטעם, דער
מענטש. נישט פאַרוואָס, נאָר צו וועלכן צוועק! האַלטן
פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלץ מוז האָבן אַ צוועק,
אַז דער פּרוּוו פעסטצושטעלן אַן אָביעקטיוון פאַקט קען בכלל
נישט קומען אין באַטראַכט, האַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך,
אַז אויף צו דערגרייכן אַ צוועק זענען אַלע מיטלען גוט און
באַרעכטיקט, דאָס איז דאָס אַנטשיידנדיקסטע, דאָס איז די דע-
מאַרקאַציע-ליניע, לויט וועלכער דער פּאָרזיצער פון קאָמוניס-
טישן אינטערנאַציאָנאַל ווילט זיינע מיטאַרבעטער, און די, וואָס
ווילן נישט גיין אין זיינע שפּורן באַזייטיקט ער אָדער ער
ברענגט זיי אין אַזאַ לאַגע, זיי זאָלן זיך אַליין מוזן באַזיי-
טיקן. בלויז דער, ווער עס האַלט אין אויג דידאָזיקע דעמאַר-
קאַציע-ליניע, קען פאַרשטיין, פאַרוואָס אַרום אָנפירער פון
דריטן אינטערנאַציאָנאַל קומט פאָר אַ נאַטירלעכער סיסטעמאַ-
טישער אָפּקלייב אין פאַרקערטן זין, פאַרוואָס ער האָט גע-
מוזט שפּאַלטן די פּאַרטייען און זיך אַרומרינגלען מיט פּאָ-
ליטיש-מינדערווערטיקע, אומבאַדייטנדיקע, מאָראַליש-געזונקענע
עלעמענטן. דאַקעגן ווערן באַזייטיקט די-יעניקע, וועלכע וואָלטן
געוועזן אמפּעיקסטן צו אַנטוויקלען אַן אמתע רעוואָלוציאָנערע
אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס וואָלטן זיך באמת פּרייווי-
ליק אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון דער רוסישער רעוואָ-
לוציע, ווען עס וואָלט זיך באמת געהאַנדלט וועגן אירע אינ-
טערעסן, ווייל זייער ערלעכע איבערגעגעבנקייט צו דער רע-
וואָלוציע, די דערפאַרונג, וועלכע זיי באַזיצן, דעם צוטרוי,
וועלכן זיי געניסן ביי די אַרבעטער, שליסט אויס דאָס אָנ-
ווענדן מעטאָדן און סיסטעמען, וואָס שטייען אין סתירה צו די
פּראָלעטאַרישע אויפפאַסונגען. דעריבער ווערן אַזעלכע עלע-
מענטן בכלל באַהאַנדלט בלויז אַלס דעקאָראַציע. זיי דאַרפן

בלויז שטעלן אין רשות פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זייער נאָמען און אויטאָריטעט, אָבער דאָס רעכט צו ווירקן אויף דיב אַשלוסן אָדער צו האָבן אַן איינבליק אין דער פּאַקטישער אַרבעט פון די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן באַקומען זיי קיינמאָל נישט.

אויסלענדער קענען נאַטירלעך נישט אַזוי לייכט דערזען אַזעלכע מאַכינאַציעס. אַ סך פון די אויסלענדישע חברים — איך רייד דאָ זעלבסטפאַרשטענדלעך וועגן די אויסגעפּרוּווטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען *דעמאָלט* געקומען קיין רוסלאַנד, אָבער נישט וועגן די־יעניקע, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן זיג פון דער רעוואָלוציע אָדער אויף זינאָוויעווס נתעלה ווערן, כּדי זיך אַ נאָמען צו געבן „רעוואָלוציאָנערן”, אָדער זיך צו באַזעצן אין רוסלאַנד — האָבן זיך אַגב באַגנוגנט מיט אַן ערנאַמט, ווייל דאָס אויפהאַלטן זיך אין אַ דורך דער רעוואָלוציע געהייליקט לאַנד האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַזאַ שטימונג, אַז זיי האָבן ערלעך געקענט מיינען, אַז זיי וועלן נוצלעך זיין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויך דורך דער ריין־דעקאָראַטיווער ראָלע, וועלכע זיי האָבן געשפּילט, און זיי האָבן געדעקט מיט זייער נאָמען דאָס, וואָס אין זייערע אייגענע לענדער וואָלטן זיי קיינמאָל נישט גענומען דערפאַר די אחריות מיט אַ ריינעם געוויסן... אָבער קוים פלעגט איינער פון די־דאָזיקע אויסגעפּרוּווטע רעוואָלוציאָנערן, — וואָס זייערע פאַרדינסטן און זייער פּאָפּולערקייט האָט מען געשטעלט אין דינסט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, — נעמען מאַכן דערווידערונגען אָדער פאָדערן אַ בליק צו טאָן אין די *אמתע פאַרהעלטענישן*, פלעגט מען זיך באַמיען אָדער דורך אַמטן און אַנדערע פּריווילעגיעס אים צו באַרואיקן, אָדער מען פלעגט אים איבערשיקן אין אַן אַנדער אָרט; פלעגט אָבער נישט געלינגען נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע, פלעגט מען אים פאַרשרייען אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, „סאָציאַל־דעמאָקראַט” און מ׳פלעגט אָנרייצן אויף אים די פאַרשידנסטע אָרגאַנען פון שפּיאָנאַזש און מסירות.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס כּמעט אַלע ערלעכע רעוואָלוציאָנערן פון די פאַרשיידענע לענדער, וואָס זענען צוגעטראָטן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גלייך ביי זיין גרינ־

דונג אָדער תיכף נאָך דעם, האָבן געמוזט פאַרלאָזן זיינע רייען. דאָס סיסטעם, וואָס ווערט אָנגעווענדעט דורך די העכסטע אינסטאַנצן, שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט צו קעמפן פון אינעווייניק קעגן די אומדערהערטע אומאָרדנונגען. די, פאַרוועמען די צוקונפט, די חשיבות פון אַרבעטער-קלאַס איז נישט קיין פוסטער קלאַנג, די, וועלכע ווילן נישט באַפלעקן זייער פערזענלעכע רעוואָלוציאָנערע ערע, מוזן אַרויסטרעטן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי צו קענען געווינען די מאַסן פאַר די פרינציפן פון קאָמוניזם, פאַר זיין ענדציל. נאָר דאַן, ווען מען באַקענט זיך נענטער מיטן דאָזיקן פסיכאָלאָגישן הינטערגרונט, קען מען פאַרשטיין, אַז אַ קליינע צאָל פערזאָנען קען פאַרקריפלען אַ גרויסע מאַסנבאַוועגונג, וועלכער עס געהערט אָן ספק די צוקונפט, און וועלכער עס האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס געקענט געהערן די קעגנוואַרט, נאָכמער, זיי קענען אַוועקפירן די מאַסע פון וועג, וועלכן עס האָט פאַר זיי סאָציאַל און פסיכאָלאָגיש אויסגעטראָטן די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג.

עס איז אַ פוסטע פראַזע, ווען מען זאָגט, אַז די מעטאָדן דאַרף מען נישט פאַרבייטן מיט דער באַוועגונג, מיט דער טעאָריע, מיטן ענדציל. ווי איז אָבער דער דין, ווען די איינצלנע מיטלען ווערן אַ זעלבסטצוועק? ווי איז דער דין, ווען די-יעניקע, וועלכע ווענדן אָן די מיטלען און מאַכן זיי צום זעלבסטצוועק, הערשן זעלבסטהערשעריש איבער אַלץ און אַלעמען, אָנהויבנדיק פון די עקאָנאָמישע מיטלען פון דער מלוכה-מאַכט, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך די געפערלעכסטע כלי-זין אין אַ קאַמף, וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַלס הויפטמיטל די גייסטיקע ענדערונג און די זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן? דורך אַ געוויסנלאָזן אָנווענדן געלטמיטלען ווערט אויך באַשטימט דער מענטשנמאַטעריאַל, מיט וועלכן מען באַנוצט זיך, פדי דורכצופירן דעם ווילן און דעם ווילקיר פון איינצלנעם. אָבער נישט אַזוי שטעלט מען זיך פאָר די רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַלע דיסציפלין. געוויס, די איינצלנע פאַרטיי ווי דער איינצלנער פאַרטיימיטגליד מוזן זיך אונטערוואַרפן די דיסציפלין אָדער ריכטיקער די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָ-

נאל. אָבער כּדי דידאָזיקע דיסציפּלין זאָל קענען דערפילט ווערן, מוז קודם כּל עקזיסטירן אַן אינטערנאַציאָנאַל ד. ה. אַ קערפּערשאַפט, אין וועלכער עס ווערן פריי געוויילט פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. געוויס, די פאָרשטייער פון די איינצלנע לענדער קענען און מוזן אויספירן די באַשלוסן פון אינטערנאַציאָנאַל, אָבער דידאָזיקע באַשלוסן מוזן דאָך זיין דער רעזולטאַט פון אַ פרייען מיינונגס-אויסטויש צווישן די מיטגלידער פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט!

ס'וואָלט געווען אַ סך ערלעכער, חשיבותדיקער און דער עיקר ווינציקער דעמאָראַליזירנדיק פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, ווען מען וואָלט אָפן דערקלערט, אַז די אָנפירער פון דער רוסישער באַוועגונג נעמען פראָסט פשוט איבער די אָנפירונג פון אינטערנאַציאָנאַל. ביים פּרעסטיזש, וועלכן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן דערוואָרבן דורכן זיג פון דער רעוואָלוציע, וואָלט נישט איין פּאַרטיי, — באַזונדערס צו דער צייט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן, — דידאָזיקע פירערשאַפט אָנגענומען נישט נאָר מיט באַגייסטערונג, נאָר אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ווי די סיטואַציע וואָלט זיך דאַן אַנטוויקלט, איז אוממעגלעך פאָראויסצוזען, ס'קען זיין, אַז זי וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אוממדערטרעגלעך, אָבער דאַן וואָלט דאָס געשען צוליב גאַנץ אַנדערע סיבות, ווי דאָס איז איצט דער פאַל; עס וואָלט נישט אַנטשטאַנען קיין דעמאָראַליזאַציע.

דידאָזיקע דעמאָראַליזאַציע באַשטייט קודם כּל אין דעם, וואָס ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ מין מיטשולדיקייט צווישן די אָנפירער פון אינטערנאַציאָנאַל און זייערע נאמנים און צווישן אַ געוויסער שיכט פון די אָנגעפירטע פאַרטייען, וועלכע פירן נישט נאָר אויס אַלץ, וואָס די מאַכט באַפעלט זיי, נאָר אויך דאָס, מיט וואָס זיי קענען נישט מסכּים זיין, און וועגן וואָס זיי ווייסן, אַז אויך די פּאַרטיי, וועלכע זיי פאַרטרעטן פלומרשט, וואָלט עס נישט פאַרטראָגן, ווען זי זאָל זיך אַלץ דערוויסן, און טאָן טוען דאָס די נאמנים און די געוויסע שיכטן פון די אָנגעפירטע פאַרטייען טיילווייז צוליב מאַטעריעלע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס, טיילווייז צוליב מורא צו פאַרלירן זייער

פאַרדינסט אָדער די רעכט, וועלכע זיי נעניסן, אָדער צו באַקומען אַ שם פון קנאַפּע רעוואָלוציאָנערן, און אַנדערע אויך צוליב דעם, ווייל זיי איז צום האַרצן די מיליטערישע מושטירונג. עס איז דאָ אַ קליין הייפל, וואָס פירט אַלץ אויס, אויף וויפל און ווייל עס קומט פון מאָסקווע, זייענדיק איבערצייגט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין: דאָס זענען עלעמענטן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען אין אַ באַוועגונג, זיי האָבן קיין אַנונג נישט וועגן וועלטאָנשויאונג און קלאַסנבאַוווסטזיין, זיי זענען פּראָדוקטן פון קריג און פון דער נאָךקריגסצייט, עלעמענטן, וועלכע שעצן אין דער רוסישער רעוואָלוציע דעם מיליטערישן זיג און בלויז אים און אויך די אָנפירער פון דער רעוואָלוציע פארערן זיי און זענען זיי בלינד געהאָרכזאַם אַלס זיגער און אָנפירער.

ווי באַקאַנט, ווערט די באַוועגונג אָנגעפירט אויסשליסלעך פון מאָסקווע, און נישט נאָר דערפאַר, ווייל פון דאָרט פליסן די געלטמיטלען, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל אומעטום ווערן אַריבערגעשיקט „פאַרטרויאונגסמענער”, וועלכע פירן אויס די מאָסקווער באַפעלן, אָבער ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי האַלטן זיך נישט ווי גלייכבאַרעכטיקטע חברים אין דער אויסלענדישער באַוועגונג, וואָס דאַרפן זי אַנטוויקלען דורך זייער דערפאַרונג, נאָר אַלס „פאָרשטייער” פון די געלטגעבער און מאַכטהאָבער. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס צווישן די דאָזיקע לייט זענען נישטאָ קיין ערנסטע רעוואָלוציאָנערן. אין דעם איז שולדיק אויך די בלאָקאַדע: אין אַ צייט, ווען קיין רוסן האָבן נישט געקענט פאָרן לעגאַל קיין אויסלאַנד, האָט מען אויסגעוויילט אויף אָנצופירן מיט דער אויסלענדישער באַוועגונג די אַמעריקאַנער באַקאַנטע אַלס רעוואָלוציאָנערן, די אַמווייניקסטן פעאיקע דערצו, דער עיקר האָט מען זיך גענויטיקט אין מענטשן, וואָס זענען געווען גענוג כיטרע, כדי זיך אויסצודרייען פון דער פּאָליציי אין אויסלאַנד; דאָס פּאַטאַלסטע איז געווען, וואָס מען האָט איינגיכן גענומען באַנוצן אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעלערנט צו זאָגן ליגן און צו זיין כיטרע אין קאַמף קעגן צאַריזם — ווי אַ סך מערטירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע פלעגן גובר זיין

דעם עקל, וואָס כיטרעקייט און ליגן רופן אַרויס ביי יעדן ווירדיקן מענטשן, און פלעגן זיך באַנוצן ביי אַ געלעגנהייט מיט ליגן ביים צאַריזם — נאָר זיי זענען פונקט אזוי לייכט געווען גרייט צו זאָגן ליגן אינם אויפטראג פון מעכטיקן זיבאָוויעוו, ווי אויפן באַפעל פון יעדן אַנדערן ברויטגעבער און — דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע — זיי האָבן געשקרנט און באַשווינדלט דעם פּראָלעטאַריאַט און זייערע אייגענע פּאַרטיימיטגלידער.

די אינערלעכע ירידה, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אויסערלעכן צעפאַלונגס-פּראָצעס פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, ווייזט גאַנץ דייטלעך, ווהין עס האָט געפירט די געוויסנלאָזיקייט ביים ווייַלן די מיטלען. דאָס אָנווענדן אַזעלכע מיטלען איז, אגב אורחא, אויך געווען די סיבה, וואָס האָט אויסגעגראָבן צווישן מיר און די אָנפירער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל אַ תהום ניט צו פאַרדעקן, אַ תהום, וועגן וועלכן איך האָב זיך דערוווּסט אַ סך שפּעטער ווי זיי. מיין באַציאונג צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס איז זיי געווען גענוג באַקאַנט פון צימערוואַלד, נאָכמער, מיין גאַנצע טעטיקייט האָט ביי זיי נישט געקענט דערוועקן קיין מינדעסטן ספק וועגן דעם, אַז איך וועל אַזעלכע מיטלען נישט אָקצעפּטירן. מאַסגעבנדיק זענען פאַר מיר דערביי געווען נישט נאָר עטישע מאָטיוון, נאָר זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך פּאָליטישע און פּעדאַגאָגישע. מען קען נישט אַרויסרופן קיין מאַסנאַקציע, ווען מען באַטראַכט די מאַסן בלויז אַלס ווערקצייג און ווען מען ווירקט אויף זיי נאָר דורך אָנווענדן באַוווּסט-מינדערווערטיקע מיטלען און דורך אַגענטן, וועלכע זענען געבונדן מיט זייערע ברויטגעבער נאָר דורך פּערזענלעכע אינטערעסן, מיטשולדיקייט און אין בעסטן פאַל דורכן אויטאָריטעט-פאַקטאָר.

ביי אַזאַ אָנפירונג פאַרלירן די מאַסן יעדן גלויבן, יעדן צוטרוי צו זיך אַליין און צו דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, צו יעדער רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, זיי ווערן חוצדעם טיף דעמאָראַליזירט, ווייל דאָס, וואָס דאַרף זיין אַ אידעאַל, צו וועלכן מען שטרעבט דורך אָנשטרענגען די בעסטע כחות פון קלאַס און פון יעדן יחיד, ווערט אַ שפּיל פון

אינטריגעס, צו אַ מקור פון קאַריעריזם. ביי אַזאַ באַציאונג ווערט, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע דערציאונג פון די אַרבעטערמאַסן. די שריפטן, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט דורך די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון קאָמוניזם לויטן מוסטער און לויטן באַפעל פון מאָסקווע און ווערן פאַרשפרייט אויף אַן אויטאָריטאַטיוו-ביוראָקראַטישן אופן, זענען לויט זייער אינהאַלט און טאָן אַמווייניקסטן צוגעפאַסט אויפצוקלערן די מאַסן. נישט דורך אויפשטעלן טעזיסן, וועלכע מוזן האָבן אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג ווען זיי ווערן אויפגעשטעלט דורך טעאָרעטיש-געבילדעטע מאַרקסיסטן אין מאָסקווע, ווי דאַן, ווען זיי ווערן געפרעדיקט אין אויסלאַנד דורך „אַגענטן" פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל אָדער פון היימישע קאָמוניסטן צוליב אונטערטעניקייטס-געפיל און ביוראָקראַטיזם, אָן דער מינדסטער פאַרשטענדעניש פאַר דער מעגלעכקייט זיי אָנצווענדן אויף אַ נישט-רוסישער סביבה,— נישט דורך אויפשטעלן אַזעלכע טעזיסן קענען די אַרבעטער-מאַסן דערצויגן ווערן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף און פונקט אַזוי ווייניק דורך דער וולגאַרער פאָלעמיק און די פערזענלעכע אָנגריפן, מיט וועלכע עס ווימלען דידאַקטיקע כלומרשט וויסנשאַפטלעכע ווערק. נישט דאָס זוכט אַן אונטערדריקטער קלאַס, וואָס איז באַרויבט פון דער מעגלעכקייט זיך צו בילדן: צו זידלען די אָנפירונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי און די פראָפאַראיינען האָבן די אַרבעטער גענוג געלעגנהייטן און סיבות אין אייגענעם לאַנד; אין בוך, וואָס קומט פון מאָסקווע, זוכן זיי עפעס אַנדערעס. שטויסן זיי זיך אָבער אָן אויף דעם, אַז דיזעלבע פעלערן, דיזעלבע קאָמפראָמיסן ווערן אויך באַגאַנגען דורך די, וועלכע באַצייכענען די סאָציאַל-דעמאָקראַטן אַלס בוגדים, איז דאָס פאַטאַלע שוין געשען: דער אַרבעטער גלויבט נישט מער, וואָס ער לייענט. אָדער דאָס דערווייטערט אים פון דער באַוועגונג, אָדער — וואָס עס איז נאָך ערגער, — עס בילדעט זיך אויס צווישן אים און די פירער אַזאַ מין מיטשולדיקייט, ער חזרט איבער דאָס, וועגן וואָס ער איז איבערצייגט, אַז ס'איז נישט אמת...

אָן רעוואָלוציאָנערע מאַסן מאַכט מען נישט קיין רעוואָ-

לוציע, מען קען נישט האָבן קיין רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונגען, ווען מען האָט נישט מער קיין גלויבן אין דער רעוואָלוציע... ל ע נ י ן האָט אין זיין „קינדערקראַנקהייט פון קאָמוניזם" פאָרמולירט, אין וואָס עס באַשטייען די גרונדבאַדינגונגען פון דערהאַלטן די דיסציפלין פון אַ פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, דורך וועלכער דידאָזיקע לעצטע ווערט געשטאַרקט: ערשטנס,... דורך דעם קלאַסנבאַוווסטזיין פון פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד און זיין איבערגעגעבנקייט דער רעוואָלוציע, דורך דיסציפלין, מסירת-נפש און העלדנטום, צווייטנס, דורך זיין פעאיקייט צו פאַראייניקן זיך, ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו זיך פאַרשמעלצן מיט די ברייטסטע שיכטן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, דער עיקר פון פּראָלעטאַריאַט, אָבער אויך מיט די אַרבעטנדיקע נישט-פּראָלעטאַרישע מאַסן. אַלס דריטע באַדינגונג גיט לענין אָן די אַנטשפּרעכנדיקע ריכטיקע פּאָליטישע אָנפירונג, דערביי ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די ברייטסטע מאַסן מוזן — אויפן גרונד פון זייערע אייגענע דערפאַרונגען — זיין איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זייער פּאָליטישער פירונג. צי דען לעבט אין די אַרבעטער-שיכטן, וועלכע ווערן געפירט דורכן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַפילו אַ שיין פון אַזאַ איבערצייגונג?

חוצדעם אינטערעסירן די מאַסן גאַנץ ווייניק די אָנפירער פון דערדאָזיקער באַוועגונג. וועגן די מאַסן ווערט געשריבן און גערעדט, אָבער באַהאַנדלט ווערן זיי נאָר ווי אַ ווערקצייג; די מאַסן אַליין זעען אין זייער נאַציאָנאַלער אָנפירונג בלויז אַן אָרגאַן, וועלכער באַקומט פון רוסלאַנד באַפעלן און מיטלען. פון מאָסקווע ווערט פאָרגעשריבן די סטראַטעגיע דורך אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַגענטן, וועלכע מאַנעווורירן נישט נאָר הינטערן רוקן פון די מאַסן, נאָר אויך פון די פאַרטיימיטגלידער; דערנאָך, ווען עס אַנטפּלעקט זיך די בלוטיקע מפּלה אָדער דער פולשטענדיקער באַנקראָט, ווערן דורך מאָסקווע אייניקע פירער קאָמפּראָמיטירט, די אחריות פאַר דער אייגענער טאַקטיק ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי און מען באַשטימט אויף זייער אָרט נייע „פירער". מיטאַמאָל שטעלט זיך דאַן תמיד אַרויס, אַז די באַטרעפנדיקע — נעכטן נאָך די

איינציקע, וואָס פֿאַרדינען דעם צוטרוי פֿון די מאַסן — זענען נישט מער ווי „פֿאַרמאַסקירטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן", „סאָציאַל-פּאַציפֿיסטן" און אַז. וו. פֿון זייערע נאָכפֿאָלגער מאַכט מען נאָך מער נאָכגיביקע ווערקצייג, ווייל מען פֿאַרשאַפֿט זיי די סאַטיספֿאַקציע פֿון זידלען די נעכטן נאָך אַלמעכטיקע פֿירער, ווייל מען גיט זיי די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און באַפֿרידיקן די קלענסטע אינסטינקטן פֿון קאַריעריזם און פֿון אונטערטעניקייטס-געפֿיל. מען רעדט, מען איראָניזירט, מען פּלוידערט, און דאָס אַלץ ווערט באַטראַכט אַלס זעלבסטפֿאַרשטענדלעך!

די דינע שיכט פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט בכלל אין אַ וועלכן נישט איז קאָנטאַקט מיטן קאָמוניזם, ווערט אַריינגעצויגן אין דער פּלוידעריי, די אַנדערע, וועלכע בלייבן אויף דער פּעריפֿעריע, ווערן אָפּגעשטויסן. אָבער קיין שום זאַך שאַדט נישט אַזוי דער צוציאונגס-קראַפֿט פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ווי דער באַווייז, אַז אין אירע רייען גייט צו פּונקט אַזוי, ווי אין די רייען פֿון אַנדערע פּאַרטייען אָדער נאָך אַסך ערגער. פֿאַרן שאַפֿן און אַנטוויקלען רעוואָלוציאָנערע שטימונגען זענען אַנטשיידנדיק סאָציאַל-עקאָנאָמישע צושטאַנדן, אָבער פֿאַרן אַריינטריט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי איז אַנטשיידנדיק איר אָנזען; און קיין שום זאַך שאַדט נישט אַזוי דעם אָנזען פֿון אַ פּאַרטיי און פֿון אַ יחיד, ווי ליגן און אינטריגעס. די נויט קען צווינגען דעם יחיד צו דולדן ליגן, עווענטועל אפֿילו באַטייליקן זיך אין אים; אָבער קיין שום קלאַס, קיין שום סאָציאַלע שיכט וועט נישט קענען מאַכן פֿרייוויליק דעם ליגן פֿאַר זייער קאַמפֿסמיטל, באַזונדערס דער קלאַס נישט, וואָס זיין היסטאָרישע מיסיע איז דאָס פֿאַרענדערן די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען... אויב נישט באַוווסטזיניק — אינסטינקטיוו וועט ער זיך תּמיד אָפּקערן פֿון אַזעלכע מיטלען.

די טראַגעדיע פֿון הייַנטיקן סאָציאַליזם באַשטייט אין דעם, וואָס זינט דעם קריגסאויסברוך צעשטערט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל סיסטעמאַטיש נישט נאָר זיין אייגנעס ווערק, נאָר דורך דעגענעראַציע האָט ער חרוב געמאַכט דעם גאַנצן גלויבן און צוטרוי, וואָס די וועלטבאַפֿרייענדיקע אידייען פֿון

סאָציאַליזם· האָבן אויפגעוועקט אין די מאַסן ; דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דורך זיינע מעטאָדן דערשטיקט בײ די מאַסן אין שפּראָצל נישט נאָר דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציאָנערער מאַסנאַקציע, נאָר דורך דער טרויעריקער אָנשוילעכער לעקציע, וועלכע ער גיט, האָט ער אין פּראָלעטאַריאַט, אין דער בעסערער טייל פון דער מענטשהייט, אויפן שווערסטן אופן געשעדיקט דעם פּרעסטיזש פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן אין דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפט.

ווען די ירידה פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז נאָך נישט געווען אַזוי בולט, האָבן די נאַאיווערע און ערלעכערע צווישן די אויסלענדער זיך באַמיט צו דערקלערן די אומבאַגרייפלעכע געשעענישן, וואָס האָבן אויפן שווערסטן אופן שאָדן געבראַכט דעם פּראָלעטאַריאַט, מיט דער מאַנגלהאַפטער אינפאָרמירטקייט פון די פירער אין רוסלאַנד. מיט אַ טראַגישער איינאַרטיקייט האָבן זיי אַלע דורכגעמאַכט דיזעלבע אילוזיע. זיי זענען געפאָרן קיין מאָסקווע, כדי „אויפצוקלערן", און ערשט דאַן האָבן זיי ביסלעכוויין געמוזט איינזען, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ סיסטעם, אַז מ'וויל דאָרט נישט וויסן די אמתע לאַגע פון די באַדינגונגען, און נאָך וויניקער, אַז די אַנדערע זאָלן זיך דאָס דערוויסן. די באַריכטן דאַרפן פאַרפאַסט ווערן אין אַ געוויסן זין, די אַנדערע ווערן אָפּגעוואָרפן אַלס „סאָציאַל-דעמאָקראַטישע", און אַז די קיין אויסלאַנד געשיקטע אַגענטן זענען טאַקע דאָ אויף דעם, כדי צו באַהויפּטן און פאַרשפּרייטן דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט נישט דעם אמת, נאָר דער פּראַקציע-סטראַטעגיע פון די רוסישע פירער; און אַז די דאָזיקע ווערן געפירט אין זייער זעלבסטמערדערישער טאַקטיק, וועלכע זיי וואַרפן אָן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, דורך אַ גרויסקייט-מאַניע, וואָס איז ריזנהאַפט אויסגעוואַקסן דורכן זיג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די מעגלעכקייט צו באַגיין אָן אַ שטראָף די גרעבסטע פעלערן און זיי דורך טויזנט אָרגאַנען פאַרצושטעלן אין אַ פאַרשענערטן ליכט, איז די קרוין פון דערדאָזיקער גאַנצער

סיסטעם, און גראַד ביים אָנווענדן דידאַזיקע מיטלען איז בולט געקומען צום אויסדרוק די קוואַליטעט פון די שולדיקע אין דעם. ביי לעונינען זענען דידאָזיקע מיטלען באמת געווען נאָר מיטלען צום צוועק, פאַר אים זענען די אויספירער פון זיינע פאַראָרדענונגען — די אַגענטן — נישט געווען קיין מיטשולדיקע, ער האָט זיי אויסגענוצט און זיי זענען געשטאַנען אין דינסט פון אַ גרויסער זאַך, וועלכער מען האָט, לויט זיין מיינונג, געקענט דינען אויך מיט מיטלען, וועלכע זענען בכלל נישט דערלאָזלעך; אָבער יעדער פון זיינע אָרגאַנען האָט געשפירט די דיסטאַנץ, ער האָט געפילט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן... דידאָזיקע דיסטאַנץ עקזיסטירט נישט מער צו די היינטיקע פירער, עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּערזענלעכע מיטשולדיקייט, יעדער אַגענט ווייס, אַז דער עיקר דאַרף ער דינען זיין אויפטראָג־געבער און זיין פּערזענלעכן כבוד־געפיל און פאַרווישן זיינע פעלערן.

דאָס איז דאָס אַנטשיידנדיקסטע און גלייכצייטיק די סיבה, פאַרוואָס די־יעניקע, וועלכע קענען גוט די פאַרהעלטענישן אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון קאָמינטערן, זענען איבערצייגט, אַז כּל־זמן די אָנפירונג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם געפינט זיך אין די הענט פון די איצטיקע מאַכט־האָבער, קען קיין רייד נישט זיין וועגן אַ געזונטער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

* * *

ווען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אונטער זינאָוויעווס אָנפירונג, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, אַז אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט, וואָס פלעגן ביי מיר פאָרקומען, און צו וועלכע זינאָוויעוו פלעגט אַראָפּקומען פון פּעטראָגראַד, פלעגן מיר באַהאַנדלען בלויז ריין־אַדמיניסטראַטיווע פראַגן. געוויס, צו יענער צייט האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויך די אויסערלעכע באַדינגונגען: דאָס צימער פאַרן ביוראָ, די דערנערונג פון די מיטאַרבעטער און אַז. וו., אָבער דאָס, וואָס מען האָט

לגמרי נישט באַרירט קיין פּאָליטישע פראַגן אָדער — ווען איך פלעג פאָרלייגן מ׳זאָל זיי באַטראַכטן — זיך באַשעפטיקט מיט זיי כלאחר יד, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, פונקט אַזוי ווי דאָס צוקלייבן די מיטגלידער פון קאָמיטעט. לעבן די אויסגעפּרוווּטסטע מיטגלידער פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויך גאַנץ אומבאַקאַנטע, נאָכמער, אַפילו מינדערוועדיקע עלעמענטן, וועלכע האָבן פריער קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן נישט נאָר מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער, נאָר אַפילו נישט מיט דער באַוועגונג בכלל, אומוויסנדיקע, פאַר דער אויבערמאַכט ציטערנדיקע סוביעקטן, וואָס איינער פון זיי איז גאַנץ גיך פאַרשווונדן פון דער אויבערפלאַך און — ווי מען האָט אַלגעמיין פאַרזיכערט — נישט מיט קיין ליידיקע הענט. —

אויף אַ זיצונג פון ביוראָ האָט זינאָוויעוו דערקלערט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן, אין שייכות מיט די געשעענישן אין אונגאַרן, צו גרינדן פיליעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צווישן אַנדערע אויך אין דער אוקראַינע. „אַהין מוזן מיר דעלעגירן אַ באַזונדערס איינפלוסרייכן מיטגליד״, האָט דער פּאָרזיצער באַטאָנט, „מיר האָבן פאַרן דאָזיקן אויסגעוויילט די חברטע באַלאַבאַנאָוו, זי זאָל ביי דער מיטאַרבעט פון ראַקאָווסקין און סאַדולן אָנפירן מיטן אוקראַינישן ביוראָ״.

„פאַרוואָס עפּעס גראָד די חברטע באַלאַבאַנאָוו״? האָב איך געפרעגט גאַנץ מעכאַניש, נישט צוגעבנדיק דער פראַגע קיין גרויסע באַדייטונג, „פאַרוואָס נישט אַן אַנדער חבר?״

— „עס האַנדלט זיך וועגן אַ אמת. וועלכן מען קען אָנטרויען בלויז אַ חבר מיט זייער אַ באַקאַנטן נאָמען, די טעטיקייט, וועלכע מען קען אַנטוויקלען פון דער אוקראַינע, איז אַ סך וויכטיקער ווי די ביוראָ־אַרבעט אין מאָסקווע...״

„איך וועל זיך מיישב זיין״, האָב איך געזאָגט, האָבנדיק בדעה זיך דורכצושמועסן וועגן דעם מיטן חבר לענין.

באַזונדערס דרינגנדיק איז מיר די זאַך נישט פאָרגעקומען, די אויספירונג פון אַלע באַשלוסן איז דאָך דאַן מוראדיק פאַרשלעפּט געוואָרן. יעדנפאַלס האָט זיך מיר געוואָרפן

אין די אויגן, אַז אויף די זיצונגען ווי אויף פּריוואַט איילט זינאָוויעוו צו מיין אָפּרייזן. ווען איך האָב בײַ אַ געלעגנהייט דערמאָנט דעמדאָזיקן פֿאַקט פֿאַר אַן אַלטן באָלשעוויק, האָט ער געזאָגט: „גלויבט איר נישט, אַז זינאָוויעוו וויל פּטור ווערן פֿון אייך?" אַ פּסיכאָלאָגישן רמז אויף צו פֿאַרשטיין די לאַגע האָב איך אין אַ קורצער צייט אַרום באַקומען פֿון אַ רוסישן מיטגליד פֿון דעם עקזעקוטיוו-ביורא. ווען דער דערמאָנטער מיטגליד איז איינמאָל געקומען צו מיר אויף אַ זיצונג פֿון ביורא און מיר האָבן, פּלוידערנדיק, געוואַרט אויף די אַנדערע מיטגלידער, האָב איך אים אין שפּאַס דערציילט, וואָס דער אויבנ-דערמאָנטער חבר האָט מיר געזאָגט.

„יאָ, אַנדזשעליקאַ", האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, אין וועלכן עס איז אויך געווען טרויער, „איר פֿאַרמאָגט דעם גרויסן פֿעלער אָדער די גרויסע מעלה — ווי מען וויל קאָן מען זאָגן, — וואָס איר קענט פּערזענלעך אַלע מיטגלידער פֿון אינטערנאַציאָנאַל און מיט די-יעניקע, וועלכע איר האַלט פּער-זענליך פֿאַר מינדערווערטיק, ווילט איר נישט אַרבעטן פּאָ-ליטיש."

דידאָזיקע דערקלערונג האָט זיך מיר געלייגט אויפן שכל, און אין אַלגעמיין האָט זי טאַקע אַנטשפּראָכן מיין באַ-ציאונג. ווען די-יעניקע, וועלכע האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון מיר, וואָלטן מיט מיר אויך גערעדט אַזוי אָפֿן, נישט אָנווענדנדיק קיין אינטריגעס און שפּיצלעך, וועלכע מען פֿלעגט אָנווענדן ביים אַלטן רעזשים, אין פֿאַל ווען מען פֿלעגט זיך נישט דערוועגן צו געבן אַן אַנדער אַמט אַ „באַאַמטן", — סאַראַ סך עס וואָלט אויסגעמיטן געוואָרן! דער פֿאַקט, וואָס מען האָט נישט געפֿו-נען אויף דעם קיין מוט און דעם אָרגאַניזאַטאָרישן הסכם צווישן חברים האָט מען אַראָפּגעדריקט ביזן ניוואָ פֿון ביוראָקראַטיזם און אינטריגעס, — דערדאָזיקער פֿאַקט איז זייער כאַראַקטעריסטיש.

ווען איך האָב לעבינעם געפֿרעגט אונטער פֿיר אויגן אַן עצה, אָן אַ אָנגצוהערעניש, פֿאַרשטייט זיך, וועגן דעם פּערזענ-לעכן הינטערגרונד פֿון ענין, האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט אייך אַנטשידן געראַטן צו פֿאָרן קיין אוקראַינע. פֿון דאָרט קענט איר מיט מער דערפֿאָלג אַנטוויקלען אייער אינטערנאַ-

ציאָנאַלע טעטיקייט, חוצדעם האַנדלט זיך דער עיקר וועגן דעם, צו ראַטעווען דעם דאָנעצער באַסיין". ער האָט אַ ווייז געטאָן אויף דער קאַרטע פֿון אוקראַינע, און ער האָט אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג, וועלכע עס האָט די הערשאַפֿט איבערן דאָנעצער באַסיין — וואָס איז דעמאָלט באַדראָט געווען דורך דעניקינען — פֿאַרן באַשטאַנד פֿון דער ראַטנרעפּובליק. „ווו שטייט עס געשריבן", האָט ער געזאָגט, „אַז די בעסטע חברים מוזן אַלע בלייבן אין מאָסקווע? גראָד אין דער אוקראַינע ווערט אַנטשידן אונזער גורל". —

אין דער אוקראַינע האָט אויף מיך געוואַרט אַ פּילזייטיקע טעטיקייט. איך האָב ראַקאָווסקין פֿאַרטרעטן אין קאָמיסאַריאַט פֿאַר אויסערלעכע ענינים, איך האָב אויף אַזאַ אופֿן אָנטיילגענומען אין די אַרבעטן פֿון דער רעגירונג. כ'האָב אָנגעפֿירט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ און כ'האָב זיך באַשעפֿטיקט מיט אַגיטאַציע. זיין סעקרעטערין פֿון אינטערנאַציאָנאַל און הייסן אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ, האָט דאַן באַדייט אַזוי גוט ווי אומבאַשרענקטע מאַכט, וועלכע איך האָב אויסגענוצט נאָר אין דעם פּרט, וואָס געוויסע פֿאָרמאַליטעטן, וואָס זייער אויספֿירן האָט אַנדערע פֿאַרשאַפֿט אומענדלעכע קלאָפּאָטן, האָבן פֿאַר מיר אָדער לגמרי נישט עקזיסטירט אָדער זיי פֿלעגן תיכּף דערליידיקט ווערן. קיין איין מאָל און אויף קיין איין געביט (אַחוץ אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל) האָב איך נישט אָנגעטראָפֿן אין רוסלאַנד אויף דעם מינדסטן סאַבאָטאַזש, נישט ביי די אויבערשטע ראַטנאינסטאַנצן און נישט ביי די אויספֿירער פֿון די מאַטעריעלסטע און צווייטראַנגיקסטע אַרבעטן. דאַקעגן האָב איך ערשט אין רוסלאַנד זיך דערוווּסט, וואָס עס קען באַדייטן פּערזענלעכער איינפֿלוס, אַ נאָמען. אמת, עס האָט זיך דאַן כּמעט אָן אויסנאַם געהאַנדלט וועגן באמת איבערצייגטע מיטאַרבעטער, וואָס די פּערזענלעכע איבערגעגבנקייט צו דער זאַך איז ביי זיי געווען נישט ווינציקער באַשטימענדיק, ווי די יעראַרכיע. ווען איך האָב איינמאָל געפֿרעגט אַ שאָפֿער, ווי קומט עס, וואָס איך דאַרף קיינמאָל נישט וואַרטן אויף אַן אויטאָ, בעת אַנדערע קומט אָן מיט גרויס מאַטערניש עס צו באַקומען, האָט ער מיר געענטפֿערט: „חברטע באַלאַבאַנאָוו, איר

אַרבעט מער פאַר מיר, פּרימאָרגנס קום איך אייך נעמען, שפּעט אין אָוונט ברענג איך אייך פון די פאַרזאַמלונגען אהיים, פאַר וועמען דען זאָלן מיר אַרבעטן, אויב נישט פאַר אייך ?...״

אין אוקראַינע זענען דאַן די באַדינגונגען בנוגע אָרגאַניזאַציע און פּינקטלעכקייט געווען אַ סך ערגער ווי אין מאָסקווע, אָבער אויך דאָרט איז אין מיין רעסאָרט אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. ביז דער עוואַקואַציע פון קיעוו (1920) איז מיר געלונגען צו אַנטוויקלען אין דער אוקראַינע אַ פּיבערדיקע טעטיקייט. אין אַ קליינער ווילע אין קיעוו האָט זיך געפונען דער סעקרעטאַריאַט פון אינטערנאַציאָנאַל, ריכטיקער איר פּאָליטישע אָפּטיילונג, דאָרט האָב איך געוווינט מיט אייניקע פון מיינע מיטאַרבעטער. אין פרילינג 1919 האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן קיעוו, די ווייסע זענען צוגעקומען גאָר נאָנט צו דער שטאָט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָכדעם ווי איך מיט מיינע מיטאַרבעטער און ראַקאָווסקיס פרוי האָבן מיר פאַרלאָזן קיעוו, זענען די ווייסע דאָרט אַריינגעקומען... ראַקאָווסקי איז געבליבן אין קיעוו ביזן לעצטן מאָמענט. דעריבער האָט מיר נאָך מער געוווּנדערט, ווען איך האָב באַמערקט, אַז מען באַהאַנדלט אים אין מאָסקווע אַלס אַ „באַזיגטן״, ד. ה. פון אויבן אראָפּ. איך האָב נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג קען אַרויפלייגן די שולד פון שונאס מיליטערישער איבערמאַכט אויף אַ טרייען, מוטיקן מיטקעמפער. —

איך בין אַוועק צו לעניגען, כדי אויפצווייזן די אומגערעכטיקייט פון דערדאָזיקער האַנדלונג און ראַקאָווסקיס גרויסע פאַרדינסטן. אויך דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט — ווי שפּעטער אין „טראָצקיס פאַל״ — וועגן דער באַציאונג, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן לגבי אַלע געוועזענע מענשעוויקעס; אויסנוצן זייערע פעאיקייטן און שוואַכקייטן, כל זמן מען נויטיקט זיך אין זיי, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון זיי.

ראַקאָווסקי האָט זיך זייער שנעל און גרינדלעך צוגעפּאַסט צו די באָלשעוויקעס. איך גלויב, אַז זיין פּאָליטישע שטעלונג האָט זיך נישט געענדערט, מער נישט, ער האָט זייער גרינדלעך אויפגענומען אין זיך דעם מיליטאַריזם און

די טערמינאָלאָגיע פון באָלשעוויזם. ביי אים, ווי אויך ביי טראָצקין און נאָך אייניקע דער רעוואָלוציע און דעם באָל-שעוויזם באמת געטרייע אַמאָליקע מענשעוויקעס, האָט מיך אומ-סימפּאַטיש פאַרוווּנדערט דער אופן, ווי זיי האָבן באַהאַנדלט זייערע געוועזענע מיטאַרבעטער, — אפילו שילער און נאָכ-פאָלגער, — נאָכדעם, ווי זיי זענען געקומען צו דער מאַכט. געוויס, ווען דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, דאַרף מען נישט האָבן קיין אייַנזעעניש אויך לגבי דעם נעכ-טיקן חבר-לדעה. אָבער נישט, כּדי אויפן חשבון פון די באַ-זיגטע חברים אָדער פון דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט צו גע-ווינען פּאָפּולערקייט, די בראַוואָ-פאַטשערייען פון המון.

אפילו אַזעלכע מוטיקע מענטשן, ווי טראָצקי און ראַ-קאָווסקי, האָבן זיך צום דאָזיקן מוט נישט דערהויבן...

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל געפונען אַ סך ענדערונגען, אָבער די ריכטיקע סיבות דערפון האָב איך נישט געקענט דערגיין. פאַר מיין אָפּפאָר האָט מיך זינאָוויעוו געפרעגט, וואָס איך וועל זאָגן דערצו, ווען מען וועט אין מיין אָפּוועזנהייט באַפולמעכטיקן דעם געוועזענעם פאָרשטייער פון דער ראַטנרעפּובליק אין דער שווייץ, ער זאָל מיך פאַרבייטן אין מאָסקווע. איך האָב קעגן דעם גאָרנישט געהאַט, אדרבה. די באַטרעפנדע פּער-זאָן איז געווען לונגנקראַנק, נערוועז, אַנטוישט צוליבן פאַר-לוסט פון זיין רעפּרעזענטאַטיוון אַמט, דאָס פאַרבייטן מיך האָט אים געקענט געבן אַ קאָמפּענסאַציע, נישט שטעלנדיק קיין פאָ-דערונגען צו זיינע פיזישע כּוחות. ווען איך האָב זיך אומגע-קערט קיין מאָסקווע, האָב איך גלייך באַמערקט, אַז מיין צו-ריקקומען איז נישט געווען אָנגענעם גראָד מיין פאַרבייטער, און אַז מען האָט זייער אַ סך אָפּגעטאָן הינטער מיין פּלייצע און מען טוט נאָך ווייטער אַזוי. כּדי מען זאָל דאָס קענען דורכפירן, האָט מען געשאַפן אַן אַזויגערופענעם קליינעם קאָמיטעט, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן געדאַרפט אויספירן די באַשלוסן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסישער פּאַרטיי, און צום דאָזיקן ציל האָט מען זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אויסגע-ווילט קיין אויסגעפּרוווטע, קוואַליפיצירטע רעוואָלוציאָנערן, נאָר

בראָד פאַרקערט: בלינד, גיכער מיליטעריש אויסמושטרירטע זוערקצייג.

הגם איך האָב נאָך די סיטואַציע נישט גאָר גוט דער־קענט, האָב איך פונדעסטוועגן גיך איינגעזען, אַז איך וועל אין סעק־רעטאַריאַט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל נישט קענען פירן קיין נוצלעכע טעטיקייט, און כ׳האָב באַשלאָסן צו פאַר־ווענדן מיין צייט אויף אַן אַגיטאַציע־רייזע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט תיכף אָנגענומען מיין פאָרשלאָג. דערווייל האָט זיך אויך פאַר מאָסקווע פאַרשאַרפט די אויסערלעכע לאַגע, די ווייסע זענען אַריינגעדרונגען ביז אָריאָל. די גאַנצע רוסישע קאָמוניסטישע פאַרטיי איז מאָביליזירט געוואָרן, אפילו די נישט מיליטער־פליכטיקע מיטגלידער, און קודם כל די שפיצן פון דער פאַרטיי. מאָסקווע, די רויטע הויפּטשטאָט, איז אוממיטל־באַר באַדראָט געווען, האָט מען געמוזט אַנטוויקלען אַ ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „פאַרטיי־וואָך״ אויף צו געווינען נייע מיטגלידער. אָפטמאָל פלעג איך טעג־לעך פירן פיר, פינף, אפילו זעקס פאַרזאַמלונגען. דער באַוווסט־זיין, אַז די רעוואָלוציע איז אין סכנה, האָט אונז אַלע צוגעגעבן אַן אומגלויבלעכן אויסדויער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז כ׳האָב פאַרלוירן יעדן חשק צו פאַרלאָזן מאָסקווע אין יענער טעג, און איך האָב געשריבן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער אַגיטאַציע־רייזע. צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָב איך באַקומען די מיטטיילונג, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַראָרדנט, איך זאָל תיכף נאָך דער פאַרטיי־וואָך אַוועקפאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום. האָב איך געשריבן צום צענטראַל־קאָמיטעט, אַז כ׳פיל זיך נישט קראַנק און נישט אַלט, אָבער דער עיקר נישט אויף אַזוי פיל אַר־בעטס־אומפעאיק, אויף אָנצונעמען אַן אורלויב. כמעט צוואַנציק יאָר בין איך טעטיק געווען אין דער באַוועגונג גאַנץ זעלב־שטענדיק, און מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו נעמען אורלויב. אורלויב? פון וואָס, פון דער אייגענער זאַך? און דערצו נאָך אין רוסלאַנד אין אַזאַ צייט? איך האָב געדאַנקט פאַר דער זאָרג וועגן מיר און כ׳האָב געבעטן, מען זאָל מיר

אַנטרויען אַן אַרבעט, וואָס זאָל מיר געבן די מעגלעכקייט צו שטעלן מיין גאַנצע קראַפט אין דינסט פון דער באַוועגונג.

* * *

אין איניקע וואָכן אַרום, ווען די געפאַר איז שוין געווען פאַריבער, האָט מיר דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, דער איצטיקער פאָרשטייער פון דער ראַטנ-רעפּובליק אין בערלין, קרעסטינסקי, געזאָגט, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן אויף אַן אַגיטאַציע-רייזע קיין טורקעסטאַן. דער אויסוואַל פון אָרט האָט מיך געוווּנדערט, האָט מיר דער פאַרטיי-סעקרעטאַר אויף דעם געענטפערט: „יאָ, גראָד דאָרט מוזן מיר שיקן אַ באַרימטהייט מיט אַ נאָמען".

— „אָבער וואָס האָט צו טאָן דער נאָמען, וועלכן כ'האָב מיר דערוואָרבן דורך מיין טעטיקייט אין מערב-איראָפּע, מיט טורקעסטאַן? איך בין דאָך נישט קיין פּרימאַדאָננאַ — די דאָרטיקע באַפעלקערונג נויטיקט זיך אין פּאָסיקערע כּחות"...

אין יענער צייט האָט רוסלאַנד פאַרמאָגט אַן אַגיטאַציע-אַפּאַראַט, ווי קיין שום אַנדער לאַנד; נאָר אַ פּאַרטיי, וואָס האָט די מאַכט אין די הענט, קען אויפטאָן אַזעלכע גרויסאַרטיקע זאַכן. די צוגן, וואָס האָבן געטראָגן די אַגיטאַציע און די אַגיטאַטאָרן ביז צו די פאַרוואָרפנסטע עקן פון רוסלאַנד, האָבן געקענט דינען אַלס סימבאָל פאַר דער לאַגע אין לאַנד און פאַר דער סוביעקטיווער שטימונג פון די דעמאָלטיקע ראַטנקרייזן. צוליב דער אויסערלעכער בלאָקאַדע און דעם סאַבאָטאַזש אין לאַנד גופא געצוווּנגען צו די גרעסטע קוועלערייען, האָט דאָס לאַנד, — געגליכן צו אַ וויסטע, — באַזעסן איינצלנע אָאַזיסן, וווּ געוויסע צווייגן פון דער קולטור האָבן דערגרייכט זייער העכסטע אַנטוויקלונג. די בעסטע כּחות האָבן זיך אויף זיי קאָנצענטרירט. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט דער גייסטיקער נאַרונג, דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע מען האָט געוואָלט טראָגן אין די פאָלקס-מאַסן נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן. טויזנטער לאָקאָמאָטיוון זענען געווען קאַליע, די

תבואה, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי געזאַמלט געוואָרן אויפן לאַנד און איז מיט אַזאַ בענקשאַפט אָפּגעוואַרט געוואָרן אין דער שטאָט, פלעגט אָפט נישט קענען איבערגעשיקט ווערן צוליב מאַנגל אין אייזנבאַנמאַטעריאַל, אָבער פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע זענען מיט אומבאַשרייבלעכע קרבנות צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן וווּנדערשיינע צוגן; שוין זייער אויסערלעכקייט האָט געדאַרפט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַפעלקערונג: רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען אין שריפט און סימבאָלן, הייטערע פיל־צוזאָגנדיקע ווערטער, בונטע פענער... אָבער נאָך מער ווי די אויסערלעכקייט האָט די אינערלעכע איינריכטונג פון דידאָזיקע צוגן דערציילט וועגן זייער צוועק. יעדער פון זיי האָט באַקומען אַ דרוקעריי — בעת דער רייזע האָט געזאָלט דערשיינען אַ טאָג־צייטונג, — אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אַ קינעמאַטאָגראַף, אַ רייכע ביבליאָטעק. דער צוג האָט געדאַרפט בלייבן שטיין אין אַלע מער־ווייניקער באַדייטנדיקע ערטער, אַלץ, וואָס ער האָט באַקומען, האָט געדאַרפט דעמאָנסטרירט ווערן פאַר דער באַפעלקערונג. דער פּראָפּאַגאַנדאַ־צוג האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערע מיסיע. ער האָט פאַרמאָגט צו צוויי פאָרשטייער פון יעדער קאָמיסאַריאַט, וועלכע האָבן געדאַרפט געבן דער באַפעלקערונג אַן אָנשויאונגס־לעקציע ווי אָנצוווענדן די ראַטנדעקרעטן. אין דערזעלבער צייט האָבן זיי געדאַרפט קאָנטראָלירן די באַטרעפנדיקע אינסטיטוציעס. יעדער פּראָפּאַגאַנדאַ־צוג האָט אויך באַקומען אַן אָנקלאָג־אינסטאַנץ. דער הויפּטגעוויכט איז געלעגן אויף דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע, און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויסע צאָל אַנאַלפאַבעטן. אָט דידאָזיקע אַרבעט האָב איך דאָס געדאַרפט אויספירן אין טורקעסטאַנער צוג. פאַר זיך אַליין האָט מיך אַ פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט זייער שטאַרק צוגעצויגן, ווייל זי האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט נישט נאָר צו זיין נוצלעך דער ראַטנרעפּובליק און דעם קאָמוניזם, נאָר אויך זיך באַקאָנען מיט דער באַפעלקערונג, מיט איר ספּאָנטאַנער שטימונג. איך האָב זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען די אַגיטאַציע־רייזעס, וועלכע איך האָב שפּעטער געמאַכט אין דרום־רוסלאַנד און אין וואָלגאַ־געביט. אָבער גראָד אין טורקעסטאַן?

דערווייל זענען פאָרגעקומען די צוגרייטונגס-זיצונגען אין מיין צימער. די פאָרשטייער פון די קאָמיסאַריאַטן, וואָס זענען באַשטימט געווען פאַר דער רייזע, האָבן אונז פאָרגעלייגט די רעפעראַטן, וועלכע זיי וועלן האַלטן אין די איינצלנע ערטער, און ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין אַדמיניסטראַטיוון לעבן פון ראַטנרוסלאַנד. די צוגרייטונגען זענען געווען קאָמפּליצירט. די רייזע האָט כסדר געמוזט אָפּגעלייגט ווערן. אַלץ אָפטער האָב איך באַקומען אָנצוהערענישן פון פריינט און חברים, אַז מיין רייזע איז באַשלאָסן געוואָרן כדי פטור צו ווערן פון מיר. איך האָב נישט געלייגט אויף דעם די מינדסטע אַכט. נישט קיין סך מער איבערצייגנדיק איז פאַר מיר געווען דער מאָטיוו, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן די רייזע, דאָס חדשים-לאַנגע לעבן אין וואַגאָן, דאָס אַרבעטן טאָג ווי נאַכט אונטער דער סכנה אָנגעשטעקט צו ווערן דורך קראַנקהייטן, וואָס ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז דאָס געווען גאַנץ וואַרשיינלעך: די חברים האָבן געהאַלטן, אַז מיין פּערזענלעכע ריזיקע שטייט נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צום נוצן, וועלכן די באַפעלקערונג פון טורקעסטאַן קען באַקומען פון מיין רייזע. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זייער אַ חשובער מיטגליד פון דער פּאַרטיי האָט אַפילו שריפטלעך אויסגעדריקט לעניגען זיין אויפגעבראַכטקייט איבער דעם, וואָס מען שטעלט אין סכנה מיין לעבן, כדי מיך אָפּצורוקן אין אַ זייט. מיר אַליין וואָלט גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו באַטראַכטן די אָנגעלעגנהייט פון שטאַנדפּונקט פון מיין פּערזענלעכער זיכערקייט, ווייל ערשטנס האַלט איך זיך פאַר אַ סך מער ווידערשטאַנדספעאיק, ווי איך זע אויס, און חוצדעם באַטראַכט איך פיזישע געפאַר אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע באַגלייטדערשיינונג פון יעדער טעטיקייט, וועלכער מען גיט זיך אָפּ מיט לייב און לעבן.

דערווייל האָט אָנגעהויבן שוואַכער ווערן די בלאָקאַדע, וועלכע האָט יאָרנלאַנג הערמעטיש אָפּגעשלאָסן רוסלאַנד פון גאַנץ אייראָפּע. עס איז געווען קלאָר, אַז גראָד די סאָציאַליסטן פון די פאַרשיידענע לענדער וועלן באַנוצן די געלעגנהייט,

כדי צו באַזוכן דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע. מיין הייסטער ווונש האָט ענדלעך געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן: דאָס הייליקע, געפּייניקטע, מיט רכילות באַשמוצטע גרויסע לאַנד פון דער רעוואָלוציע האָט געקענט באַזוכט ווערן דורך די־יעניקע, וועלכע אונטערשטיצן אין אויסלאַנד זיין ווערק און וועלכע זאָלן עס דאָרט ווייטער אונטערשטיצן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר אונז אַלע הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן... אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג האָבן מיר אייניקע חברים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז איצט האָט מיין רייזע קיין טורקעסטאַן אודאי פאַרלוירן יעדע באַרעכטיקונג. „ווען איר וואָלט געווען אַפּוועזנדיק, וואָלט מען אייך גאַנץ באַשטימט צוריקגערופן קיין מאָסקווע", האָבן זיי געזאָגט, „איז דען נישט צוועקלאָז גראָד איצט אַוועקצופאָרן אַזוי ווייט?"

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס איז געשען אַרום מיר און וואָס מען האָט מיר געזאָגט, האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, אַז די רייזע דאַרף באמת דינען דעם איינציקן צוועק, מיך צו באַזייטיקן פון מאָסקווע, און דעריבער האָב איך געהאַלטן פאַר דאָס צוועקמעסיקסטע צו באַהאַנדלען דעם ענין אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איז דאַסמאָל פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד. ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב זיך געמאָלדן צום וואָרט, איז מיר קלאָר געוואָרן די שפּיל פון די אינטריגעס. איך האָב נאָך נישט געענדיקט ריידן, און זינאָוויעוו האָט שוין געגומען פאַנאַנדערשיקן צעטלען אויף רעכטס און אויף לינקס: צווישן די אַנוועזנדיקע זענען פאַרטיילט געוואָרן די ראָלעס. ער האָט געוואָלט, ווי תמיד, בלייבן אין שאָטן, אַנדערע זאָלן מיך אָפּפרעגן. איך האָב אויף דעם געענטפערט, זיך ווענדנדיק צום פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט: „איז דען באמת דאָ אַ וויכטיקע סיבה, צוליב וועלכער איך מוז גראָד איצט אַוועקפאָרן טויזנ־טער קילאָמעטער פון מאָסקווע? גראָד איצט, ווען עס דאַרפן קומען די חברים פון איטאַליע און ענגלאַנד?"

„יאָ", האָט דער געפרעגטער געענטפערט, „די רייזע אויפן מזרח איז זייער וויכטיק".

— „צוליב וואָס אייגנטלעך? איך האָב קיינמאָל נישט

געהערט וועגן דעם ציל פון מיין רייזע, וועגן די פולמאַכטן".

— „יאָ, דאָס וועט איר זיך דערוויסן אין מאָסקווע".

— „אין מאָסקווע? צי דען האָט מען מיר נישט תמיד געזאָגט, אַז דאָס דאַרף באַשליסן דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט? איך זע נישט קיין שום סיבה, צוליב וואָס איך זאָל איצט פאָרן אויפן אָריענט; אויב איך האָב געהאַט אַ השפעה, איז דאָך דאָס געווען אין מערב. פאַר די מערב-אייראָפּעאישע פּאַרטייען קען איך עפּעס באַדייטן, אָבער נישט אויפן מזרח, וווּ נישט מען קען מיך, נישט מען וועט מיך פאַרשטיין. פאַר די מערב-אייראָפּעאישע אַרבעטער זענען איצט דאָ בלויז צוויי נעמען, צוויי סימבאָלן, וואָס קענען אַרויסרופן ביי זיי הייסע פאַרערונג, אפילו אַ גרויסע גרייטקייט צו ברענגען קרבנות און זיי אָנ-שפּאָרנען צו מעשים: דאָס זענען די נעמען פון לענין און טראָצקי. דאַקעגן מיין נאָמען געהער צו די-יעניקע, וועלכע רופן אַרויס אין פּראָלעטאַריאַט די ערינערונג וועגן אַ מענטשן, וועלכער האָט געקעמפּט אין זיינע רייען יאָרצענטליקער לאַנג און איז זיך געבליבן געטריי. און דעריבער האָט מיין שטע-לונג געקענט באַאיינפלוסן, אויפמונטערן די אַרבעטערשאַפט אין אַנטשיידנדיקע מאָמענטן".

דאָס, וואָס איך האָב פאַרזיכערט, אַז אין רוסלאַנד זע-נען נאָר דאָ צוויי נעמען, פאַר וועלכע דער וועלטפּראָלע-טאַריאַט איז אומשטאַנד צו גיין אין פייער און וואַסער, און כ'האָב נישט גערעדט, לכל הפחות, וועגן דריי, כדי צוליב צו-טאָן זינאָוויעוון, האָט געחתמעט מיין „גורל". אויסערגעוויינ-לעך נערוועז, שרייבנדיק כסדר צעטלען צו זיינע חברים, האָט זינאָוויעוו געזאָגט: „נו גוט. מיר וועלן דעם ענין באַהאַנדלען אין דער מאָרגנדיקער נאָכמיטאָג-זיצונג".

קורץ נאָכדעם האָט מען מיך אַרויסגערופן צום צווישנ-שטאָטישן טעלעפאָן. די קראָנשטאַטער חברים האָבן זיך דער-וווּסט וועגן מיין אָנוועזנהייט אין פּעטראָגראַד און האָבן מיך דרינגנדיק געבעטן אָנטיילצונעמען אין אַ מיטינג אין קראָנ-שטאַט צוזאַמען מיטן פּרעזידענט פון אַלרוסישן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, קאַלינין. „מיט פאַרגעניגן", האָב איך געזאָגט, „ווען איך זאָל נאָר זיין זיכער, אַז איך וועל קענען צוריק-

קומען צו דער זיצונג פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין פעטראָגראַד". — „יאָ, מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי איר זאָלט צוריק אָנקומען קיין פעטראָגראַד". — „גוט, איך וועל אייך מאָרגן פרי געבן אַ ענטגילטיקע תשובה. איך וועל פרעגן דעם חבר זינאָוויעוו, אויף וועלכער צייט מען רופט צונויף די זיצונג און כ'וועל טאָן אַלץ, וואָס עס וועט זיין אין מיינע כחות".

מיינע געדאַנקען זענען שוין געווען פאַרנומען מיטן פאָרשטייענדיקן מיטינג. דער פאַרגלייך צווישן דער פאָליטישער לאַגע, אין וועלכער קראָנשטאַט האָט זיך געפונען ווען איך בין דאָרט געווען צום לעצטנמאָל פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ באַזונדערס גוטע שטימונג. „הערט, חבר זינאָוויעוו, מיינט איר, אַז איך קען ריזיקירן צו פאָרן מאָרגן פאַרמיטאָג קיין קראָנשטאַט? וועל איך אַמאָל נישט קומען צו שפעט צו דער זיצונג פון עקזעקוטיוו?" — „צו שפעט? די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען עלף אַזייגער, אונזער זיצונג הויבט זיך אָן פינף אַזייגער נאָכמיטאָג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, — אַז איר וועט נאָך אָנקומען גענוג פרי". גלייכצייטיק האָט מען מיך אויפגעפאָדערט צו ריידן אויף אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג אין „סמאָלני". פאַר פרויען, וועלכע האָבן נישט נאָר נישט געהערט צו דער פאַרטיי, נאָר וועלכע האָבן אַפילו געשפירט צו איר אַ שנאה אַלס רעכט־באַרויבטע אָנגעהעריקע פון די פריער־פריווילעגירטע קרייזן, דאַרף מען קלאָר מאַכן די נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן ראַטנרוסלאַנד מיט אַלע כחות, נישט געקוקט אויף די גרעסטע קרבנות. אַן אַלטע באָלשעוויסטין האָט מיך באַזונדערס דרינגנדיק געבעטן איך זאָל נעמען אויף זיך דעם רעפעראַט. „דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר דערוועגן זיך איינצואָרדענען אַזאַ מין פרויענפאַרזאַמלונג, אונז גייט זייער שטאַרק אין דעם, אַז גראָד איר זאָלט דאָרט אַרויסטרעטן".

אויפצומאָרגנס האָט זייער שטאַרק געשנייט. ווי אַזוי האָב איך געקענט זיין זיכער, אַז כ'וועל זיך רעכטצייטיק אומקערן קיין פעטראָגראַד? „עס קומט פאָר אַ זיצונג, אין וועלכער איך מוז אומבאַדינגט אָנטיילנעמען", האָב איך געזאָגט צו די קראָנ־

שטאָטער חברים, ווען זיי האָבן מיך פאַרבעטן נאָכאַמאָל, „איך וואָלט זיך גאָר נישט געקענט מוחל זיין מיין אָפּוועזנהייט. היות ווי איר האָט נישט קיין מאַטעריעלע זיכערקייט, אַז איר וועט מיך קענען רעכטצייטיק צוריקברענגען צו דער זיצונג, בעט איך אייך, איר זאָלט מוותר זיין אויף מיין רעדע. איך וועל בעסער אַמאָל קומען צו פאָרן צו אייך פון מאָסקווע גאַנץ ספּעציעל״.

אַזוי ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער רייזע קיין קראָנשטאַט, האָב איך זיך געקענט שטעלן אין רשות פון דער פּעטראָגראַדער פּרויענאָרגאַניזאַציע. די רעדע, וועלכע איך האָב געהאַלטן ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט, און דער איינדרוק, וועלכן זי האָט אַרויסגערופן, זענען צוליב פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע סיבות נישט פאַרגעסן געוואָרן אָן אַ שפּור נישט דורך מיר און נישט דורך מיינע צוהערערינס...

סמאָלני איז אַמאָל געווען אַ אינסטיטוט פאַר „העכערע״ פרייליינס, ווו מען פלעגט דערציען צום פּאַראַזיטנטום, צום קאָנווענציאָנאַליזם אויך איך בין בשעתו אויפגעוואַקסן אין אַ ענלעכן אינסטיטוט. דער קאָנטראַסט פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געדאַרפט ווערן, ווען די רעוואָלוציאָנערע וועלטאָנשויאונג וואָלט מיך נישט אַרויסגעריסן פון יענער סביבה, ווען זי וואָלט נישט געגעבן קיין באַרעכטיקונג און קיין צוועק מיין עקזיסטענץ, ווען זי וואָלט מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט — כדי צו ריידן מיט די ווערטער פון אַ גרויסן רוסישן דענקער: „נישט דורכצולעבן אומנוציק דאָס לעבן״, מיט דעם, וואָס איך בין געוואָרן, האָט מיך אָנגעפילט מיט יענער אינערלעכער באַגייסטערונג, וועלכע גיט זיך איבער די צוהערער — מעגן זיי זיין ווי אַנדערש געשטימט. דער אינערלעך דורכגעלעבטער פאַרגלייך צווישן דער פּערזענלעכער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, האָט זיך אין מיין רעדע אויסגעבילדעט אין אַ פאַרגלייך צווישן דעם פריערדיקן און דעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד...

איך ווייס נישט, צי מיר איז אָפּט געלונגען גובר צו זיין אַזויפיל פּסיכאָלאָגישע ווידערשטאַנדן ווי גראָד דורך יענער רעדע. די מיינסטע צוהערערינס זענען געקומען צו דער

פאַרזאַמלונג פול מיט שנאה אָדער אינדיפערענטיזם. „וואָס וועט אונז נאָך דידאָזיקע פאַרטרעטערין פון דער באָלשעוויסטישער קליקע דערציילן? וואָלט זי נאָר געשטעקט אַמאָל אין אונזער הויט,” האָבן געמוזט טראַכטן די מיינסטע, וועלכע זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, געטריבן פון נויט אָדער פון נייגיריקייט אָדער אפשר פון אַ האָפנונג אויף וועלכע-נישט-איז הבטחות וועגן מאַטעריעלע פאַרלייכטערונגען — דעמאָלט האָט גראָד די פעטראָגראַדער באַפעלקערונג געליטן אַן אומבאַשרייבלעכע נויט... אין יענער צייט פלעגט מיר יעדע רעדע פאַרשאַפן גרויסע פיזישע שמערצן. נישט נאָר דער הונגער האָט מיך געקוועלט—מיין גאַנצער אָרגאַניזם האָט זיך געווערט קעגן די פאָדערונגען, וועלכע איך האָב געשטעלט צו אים, נישט באַפרידיקנדיק דערביי זיינע עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן. מיינע שמערצן זענען דאָסמאָל נאָך געווען שאַרפער, ווייל איך האָב לאַנג גערעדט און כ'האָב מיין רעדע, ווי געוויינלעך, פונקט אַזוי אינטענסיוו איבערגעלעבט, ווי מיינע צוהערער.

ווען כ'האָב געענדיקט ריידן און אַ מעכטיקע בראַוואָפאַטשעריי האָט עדות געזאָגט וועגן דעם הסכם צו מיינע אויספירן, האָב איך זיך נישט געקענט דערווייטערן פון זאַל: אין רוסלאַנד איז געווען אַ מאָדע, באַזודערס אין יענער צייט, פאָרצולייגן דעם רעדנער שריפטלעכע פראַגעס, דערווידערונגען, טויזנטער שטראַלנדיקע אויגן האָבן מיך אַרומגערינגלט, איך האָב אָבער געהאַט איין פערזענלעכן ווונש, צו בלייבן אַליין אויף אַ פּאָר מינוט, כדי צו לינדערן אויף אַ וואָסער-נישט-איז אופן מיינע שמערצן.

כ'האָב אָפגעווישט פון מיין שטערן נישט דעם הייסן שווייס פון אָנשטרענגונג, נאָר דעם קאַלטן פון די אומדערטרעגלעכע פיזישע שמערצן...

ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב דורכגעלייענט אַלע צעטלען, וועלכע האָבן אַלע אויסגעדריקט צושטימונג, האָב איך פאַרלאָזן דעם זאַל. צוויי חברטעס האָבן מיר פאָרגעלייגט זייער אָרעם. „חברטע”, האָט מיר געזאָגט דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, „די צעטלען, וועלכע מען האָט אייך היינט צוגע-

שיקט, געהערן צום מוזעאום פון דער רעוואָלוציע", — אין איינעם איז געשטאַנען: „ווען מיין טאָכטער האָט באַשלאָסן צו גיין מיט דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט, האָב איך זי פאַרשאָלטן, איצט, ווען איך האָב אייך געהערט, חברטע באַלאַבאַנאָוו, פאַרשטיי איך און כ'בענטש זי..." אַ צווייטע האָט געשריבן: „אויב דאָס איז דער קאָמוניזם, בענטש איך די קוועלעניש און ליידן... וועלכע די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיר און מיין פאַמיליע", און אַזוי ווייטער...

איך בין געווען צו קראַנק, איך זאָל אַוועקפאָרן אין האָטעל, און כ'האָב געוואָלט אָפּוואַרטן אין סמאָלני דעם אָנהויב פון דער עקזעקוטיוו-זיצונג. אין קאָרידאָר האָב איך געזען אַלע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. צו מיין גרעסטער איבערראַשונג האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דער פאָרזיצער האָט צונויפגערופן די זיצונג אויף אַ סך אַ פריערדיקער שעה; מיר האָט ער געזאָגט: זי וועט פאָרקומען פינף אַזייגער, אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז שוין דריי אַזייגער געווען אַנטשידן די פראַגע, וועלכע האָט מיך אינטערעסירט: איך האָב געדאַרפט פאָרן קיין טורקעסטאַן. איך האָב דערקלערט, אַז איך וועל אַפּעלירן צו די פאַרטיי-אינסטאַנצן, אַז איך וועל זיך נישט אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן באַשלוס. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, און איך, סעקרעטאַרין פון אינטערנאַציאָנאַל, האָב גאָרנישט געוווּסט דערפון! אָננעמענדיק אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ „מיספאַרשטענדעניש", בין איך אַוועק צו דער זיצונג. ווען זי איז פאַרענדיקט געוואָרן, בין איך צוגעגאַנגען צום פאָרזיצער און אים צווישן אַנדערעס געפרעגט, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן בנוגע מיין רייזע.

„אייער רייזע? יאָ, דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון איר, אָבער איר ווערט באַזייטיקט פון אייער אַמט אַלס סעקרעטאַרין פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. האָט נאָך טראָצקי מיט אייך נישט אַרומגעשמועסט דעמדאָזיקן ענין? ער איז דערצו באַפולמעכטיקט געוואָרן. רעדט מיט טראָצקין".

דאָסדאָזיקע פּחדנותדיקע פּאַררופן זיך אויף אַ דריטן האָט אין מיר אַרויסגערופן אַזאַ עקל, אַז צוליב אים האָב איך גאַנץ גלייכגילטיק אויפגענומען דעם ערשטן טייל פון דער מיטטיילונג. דידאָזיקע אָנווייזונג האָט באַלויכטן אַ גאַנצע סיסטעם: נישט האָבן דעם מוט איבערצונעמען אַן אחריות, תּמיד אויף אומוועגן, דורך דריטע פּערזאָנען, דורך קליינע און גרויסע שקרים! וואָס האָט טראָצקי געהאַט צו טאָן מיטן גאַנצן ענין? מען האָט זיך נאָר פּאַררופן אויף אים, כּדי אויסצווייכן אַן אומאַנגענעמע. תּיכּפדיקע דערקלערונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אַרומצורייד ן מיט טראָצקין דעם ענין אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, דער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט פון דער אַפּערע איז מיר געווען קלאָר...

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך ראַדעק אומגעקערט קיין מאָסקווע פון זיין געפאַנגענשאַפט אין בערלין, ער איז געווען אויפגעבראַכט איבער מיין „פּאָליטישער אָפּטויטונג“, דער עיקר צוליב דעם, ווייל ער האָט געוווסט, ווי אַזוי עס באַציען זיך צו מיר די מערב־אייראָפּעאישע פּאַרטייען, און ווייל ער איז אין יענער צייט בכלל געווען אויפגעבראַכט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט פון פּאָרזיצער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. היות ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער פּאַרטיי, האָט ער אויסגענוצט זינאָוויעווס אַ קראַנקהייט, כּדי דורכצופירן אַ סך זאַכן, וואָס אין זינאָוויעווס קעגנוואַרט וואָלט זיך דאָס נישט געלאָזט דורכפירן. פון ערשטן טאָג זינט זינאָוויעוו איז באַשטימט געוואָרן אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט ער אַלע אויפרופן אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען. זייט ראַדעקס אָנקלאָג האָט צום דאָזיקן סקאַנדאַל געגומען אַ סוף. אָבער אייגנטלעך האָט זיך דערביי געהאַנדלט בלויז וועגן עפּעס גאַנץ אויסערלעכעס: ווייל ווי די אויפרופן זאָלן נישט געווען זיין אונטערגעשריבן, האָט זיי דאָך פאַרפאַסט אויסשליסלעך זינאָוויעוו אַליין. קיין איינער פון זיינע מיטאַרבעטער איז דערצו

נישט צוגעצויגן געוואָרן, ער האָט מיט קיינעם פון זיי זיך נישט געהאַלטן קיין עצה. רעגלמעסיק פלעג איך זיך ערשט דערוויסן דורך דער צייטונג אין מאָסקווע, וואָס זינאָוויעוו פלעגט פאַרעפנטלעכן אין פעטראָגראַד אין נאָמען פון אַ אינסטיטוציע, אַלס סעקרעטאַרין פון וועלכער איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אין טאָג פון איר גרינדונג.

* *
*

„וואָס מאַכט איר, חברטע באַלאַבאַנאָוו, איך האָב געהערט, אַז איר זענט נישט מיט אַלעמען", האָב איך געהערט אַן אומבאַקאַנטע שטים אין טעלעפאָן. — „ווער רעדט, כ'בעט אייך?"—איך, זינאָוויעוו, איך האָב בדעה געהאַט אייך צו באַזוכן... אגב האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט באַשלאָסן, איר זאָלט ווידער צוטרעטן צו אייער אַרבעט אין עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. ראַקאָווסקי איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו ריידן מיט אייך"...

דיזעלבע געפילן, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן אין מיר די ערשטע מיטטיילונג און דאָס פאַררופן זיך אויף טראָצקין, האָט אויך אַרויסגערופן די צווייטע מיט דער פאַררופונג אויף ראַקאָווסקין. תמיד דיזעלבע הינטערגענג און באַאיינפלוסונגען דורך פערזענלעכער סימפּאַטיע און פריינטשאַפט אַנשטאָט זאַכלעכע דערקלערונגען!

ממש אָפּשטויסנדיק איז אָבער געווען דאָס, וואָס זינאָוויעוו, מיט וועלכן איך האָב נישט געהאַט קיין שום פערזענלעכע באַציאונגען, האָט זיך פּלוצלונג אַזוי גענומען זאָרגן וועגן מיין געזונט, מיך געוואָלט באַזוכן...

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט איינשטימיק רעווידירט דעם באַשלוס וועגן באַזייטיקן מיך פון סעקרעטאַר-אַמט, און האָט אים אַנולירט דורך באַשטימען מיך ווידער אַלס מיטגליד פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. דאָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס, אַ דאַנק וועלכן דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, צו וועלכן איך וועל פון איצט אָן געהערן אַלס מיטגליד, נישט אַלס סעקרעטאַר, זאָל קענען ווייטער באַנוצן יין נאָמען און מיין מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער אין

זועל נאָך ווינציקער ווי פריער קענען האָבן אַ צוטריט צו די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אינטערנאַציאָנאַל און ממילא אויך נישט שטיין אין וועג זינאָוויעוון. גלייכצייטיק האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן אַן אָנפירנדיקע שטעלע אין אַ בילדונגס־אַמט פאַר דער רויטער אַרמיי, אין וועלכן מען האָט סיסטעמאַטיש פאַרשטעקט די אַלע קאָמוניסטן, וועלכע מען האָט געוואָלט געבן קאָמפּענסאַציעס.

דעם צווייטן פאָרשלאָג האָב איך אָפּגעוואָרפן, ווייל מיר איז געווען אַנטיפּאַטיש דאָס ווערט פון דידאָזיקע „קאָמפּענסאַציעס". וואָס שייך דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָב איך דערקלערט, אַז כ'וועל זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט, הגם איך האָב נישט געהאַט קיין ברעקל אילוזיע וועגן אַ פרוכטבאַרער מיטאַרבעט. איך האָב אָבער אנטשידן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, איך זאָל זיך באַטייליקן אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אַלס „קאָרעספּאָנדענט" פון אינטערנאַציאָנאַל מצד איטאַליע.

— „מיר האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט אַזוי, ווי דאָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל: די איינצלנע מיטגלידער זענען געווען קאָרעספּאָנדענטן, פאָרשטייער פון איינצלנע לענדער", האָט מען מיר ווידעראַמאָל פּריוואַט מודיע געווען דורך אַ פריינט. — „פון מיין זייט קען וועגן דעם קיין רייד נישט זיין", האָב איך אָפּגעענטפערט, „איך וועל קיינמאָל נישט פאַרטרעטן קיין פּאַרטיי, מיט וועלכער איך שטיי נישט אין קיין דירעקטן קאָנטאַקט, פון וועלכער איך קען נישט באַקומען קיין דירעקטיוון און מיט וועלכער איך קען נישט דעריבער טיילן די אחריות".

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט, פון וועלכן כ'האָב נישט געוואָלט אָפּטרעטן נישט ווינציקער צוליב פּאָליטישע ווי צוליב מאָראַלישע טעמים, האָט מיך אָפּגעהאַלטן — נישט געקוקט אויף די מאַנדאַטן, וועלכע די איטאַליענישע פּאַרטיי האָט מיר גראָד אין יענער צייט אָנגעטרויט, — פון אונטערשרייבן וואָס עס זאָל נישט זיין אין איר נאָמען, אָפּצוגעבן אַ שטימע, וואָס האָט זי געקענט פאַרפליכטן צו וואָס עס זאָל נישט זיין. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אין וואָסער לאַגע איך

האָלט געשטעלט זיך אױן די איטאַליענישע פּאַרטײ, װען איך װאָלט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. אַלס מיטגליד פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ װאָלט איך געצװוּנגען געװאָרן זיך אונטערצװואַרפן די באַשלוסן פון דער רוסישער פּאַרטײ אין די פראַגן, װאָס האָבן געהאַט אַ שײכות צו דער איטאַליענישער באַװעגונג, און אַזױ אַרום צו מאַכן די באַשלוסן נישט נאָר פאַר מײנע, נאָר דירעקט פאַר באַשלוסן פון דער איטאַליענישער פּאַרטײ.

# מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד

די אויסלענדער, וואָס זענען אַלס ערשטע געקומען קיין ראַטנרוסלאַנד, זענען געווען מיטגלידער פון אַ ענגלישער שטודיר־קאָמיסיע. צו איר האָבן געהערט קליפאָרד, אַללען, טערנער, ווילליאַמס, טאָם שאָו, פּרוי סנוידען, מאַרגאַרעט באַנדפילד און בערטראַנד ראָססעל, וועלכע די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי האָט דעלעגירט קיין רוסלאַנד, כּדי צו דערגיין, וואָס איז דאָרט אייגנטלעך פאָרגעקומען און אויף ווי ווייט די קאַמפּאַניע, וועלכע די בירגערלעכע פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט האָט געפירט קעגן רוסלאַנד, שטיצט זיך אויף פאַקטן. אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג האָבן געהאַט די מיטגלידער פון אַ צווייטער קאָמיסיע, אַ איטאַליענישער. נישט כּדי צו קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון די קלאַנגען זענען סעררַאטי, באָמבאַקטשי, פּאַווירַאני, וואַסירקאַ, און אַפילו די העכסטשטייענדיקע רעפאָרמיסטן, ווי ד׳אַראַגאָנאַ, גראַציאַדעי און ביאַנטשי געקומען קיין רוסלאַנד — קעגן דער טענדענץ פון דידאָזיקע קלאַנגען, וואָס איז געטריבן געוואָרן דורך קלאַסנהאַס, זענען שוין די איטאַליענישע סאָציאַליסטן פון לאַנג ליידנשאַפטלעך אַרויסגעטראָטן — נאָר כּדי צו לערנען, כּדי פּנים אל פּנים מיטן העלדנהאַפטן אויסדויער פון הונגערנדיקן און פרירנדיקן רוסישן פאָלק מחילה צו בעטן פאַר דער פּאַסיוויטעט פון די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע לענדער, און כּדי פאַר די רוסישע פאָלקסמאַסן און פאַר

זיך אַליין אַ נדר טאָן: אַז זיי וועלן נאָך פאַרשטאַרקן די סאָלידאַריטעט פון די איטאַליענישע מאַסן לגבי די רוסישע.

אויסגעוויילט אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט באַגעגענען די ענגלענדער, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין פעטראָגראַד, כדי צוצוגרייטן פאַר זיי אַ אַנטשפּרעכנדיקע וווינונג. און עס איז מיר געלונגען צו שאַפן פאַר זיי אַ ריינעס, ליכטיקעס, לופטיקעס הויז, וואָס האָט פריער געהערט אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. הגם אין יענער צייט איז די פראַגע פון לעבנס-מיטלען געווען אַ ברענענדיקע און איר לייזונג האָט ביי יעדער ענלעכער געלעגנהייט באַשעפטיקט די בעסטע קעפּ און פאַרשוווענדעט די קאָסטבאַרסטע צייט, האָב איך זי פונדעסטוועגן באַטראַכט אַלס אומוויכטיק. די געסט זענען נישט געווען קיין אויסגעהונגערטע פראָלעטאַריער, אַ קורצע צייט וועלן זיי קענען נעמען פאַר ליב אַ הונגעררעזשים, וואָס איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן דורך דער בלאָקאַדע און אונטער וועלכן מיליאָנען רוסן האָבן זייט יאָרן געליטן און זיך געקוועלט... ווען מיט דער צייט זענען געקומען קיין ראַטנרוסלאַנד אַנדערע אויסלענדער און מען האָט זיי אָפּגעשאָטן מיט פּריווילעגיעס און פיינע מאכלים, האָב איך איינגעזען, אַז איך בין געשטאַנען איינזאַם מיט מיין אויפפאַסונג פון פּראָלעטאַרישער גאַסטפריינטשאַפט אין אַ הונגעריקן לאַנד. „מיר זענען נישט קיין קאָמי-וואָיאַזשאָרן, וואָס וואַרפן אָן זייער סחורה; חוצדעם איז קיינמאָל נישט צוגעזאָגט געוואָרן, אַז די פרייהייט, די ס אָ צ י אַ ל ע פרייהייט איז מעגלעך אויסצוקעמפן אָן ליידן. אויב די מערב-אייראָפּעאישע אַרבעטער קענען זיי אויסקעמפן מיט ווייניקער קרבנות, איז אודאי גוט, אָבער פאַרבאָרגן פון זיי דאַרף דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד גאָרנישט".

דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט האָב איך תמיד פאַרטראָטן און פון ערשטן מאָמענט זינט עס זענען אָנגעקומען קיין רוסלאַנד מערב-אייראָפּעער זיך געהאַלטן ביי אים און — אויף וויפל דאָס איז פון מיר געווען אָפּהענגיק — האָב איך אים געלאָזט אויספירן. קיין שום זאַך האָט מיך אַזוי נישט באַליידיקט ווי דער חשד פון אויסלענדישע סאָציאַליסטן, אַז מען וויל פון זיי עפּעס אויסבאַהאַלטן.

אויך בעת דעם באַזוך פון די ענגלישע דעלעגירטע האָב איך געקענט באַאָבאַכטן די סוביעקטיוויטעט פון די מענטשלעכע איינדרוקן. הגם עס האָבן זיך געפונען צווישן די באַזוכער אַזעלכע, וואָס האָבן געהערט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג צו די עקסטרעם-רעכטע האָט אָבער אין זיי — אויף וויפל זיי האָבן געשטאַמט פון פּראָלעטאַריער — דער פּראָלעטאַרישער אינסטינקט גענומען די אויבערהאַנט איבער די טעאָרעטישע חששים; אין אַלגעמיין זענען זיי נישט געווען געשטימט פיינטלעך צו ראַטנרוסלאַנד, זיי האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דאָס העלדנהאַפטע, דערהויבענע, צוזאָגנדיקע פון די לײַדן פאַר דער באַפרייאונגס-אידייע. צו דידאָזיקע האָבן געהערט ט אָ ם ש אָ ו און ב ע ן ט ע ר נ ע ר. אייניקע צווישן זיי, ווי ק ל י פּ-פּ אָ ר ד, אַ ל ל ע ן און אַפילו וו אַ ל ה ע ד, האָט דער אָנבליק פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד גאַנץ שטאַרק דערנענטערט צום קאָמוניזם, אויך זיי איז ער ווידער פרעמד געוואָרן צוליב דער דעמאַגאָגיע פון די אָנפירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

צו די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָבן זיך פון ערשטן אויגנבליק אָן באַצויגן פיינטלעך צו ראַטנרוסלאַנד, — זיי זענען שוין אַריבערגעקומען פון ענגלאַנד מיט פיינטלעכע פאָראורטיילן — האָט געהערט פרוי ס נ ו י ד ע ן. צו אַלץ, וואָס זי האָט אין רוסלאַנד געזען און זיך באַמיט צו דער-וויסן, האָט זי געהאַט אַ קלאַסנשטעלונג; נישט דאָס האָט איר אינטערעסירט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געגעבן אָדער געקענט געבן די אַרבעטנדיקע קלאַסן, נאָר גיכער דאָס, וואָס זי האָט אָפּגענומען ביי די בירגערלעכע. זי איז אויך געווען די-יע-ניקע, וואָס האָט אַלץ אויפגענומען מיט אומצוטרוי, וואָס האָט געוואָלט דערגיין דעם „אמת“ אויף אומוועגן. דער גורל פון די קירכן — צי אין הונגעריקן רוסלאַנד איז פאַרבליבן די רעליגיעזע פרייהייט, דער גלאַנץ פון גאָטעסדינסט — האָט זי אויסערגעוויינלעך אינטערעסירט.

„ווי פיין און גליקלעך עס זעען אויס די קינדער“, האָט געזאָגט בען טערנער, ווען מיר זענען פאַרביי געפאָרן אין פעט-ראָגראַד אַ סקווער מיט שפּילנדיקע קינדער.

„קינדער, צי דען זענען בכלל נאָך דאָ קינדער אין פּעטראָגראַד?" האָט געזאָגט פרוי סנוידען, וואָס איז געזעסן אין זעלבן אויטאָ... אַן אַנדער מיטגליד פון דער קאָמיסיע האָט מיר דערציילט זייער ערנסט און מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס האָט באַזייטיקט ספקות דורכן אמת, אַז עס איז פאַר אים געווען אַ דערלייכטערונג, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון אַ בירגערלעכער קוועלע, דאָס די פאַרזיכערונגען פון דער אַנטאַנט-פּרעסע, אַז אין רוסלאַנד שווימען אַרום אין דער זופּ פינגער, אָפּגעהאַקטע ביי קינדער, אַנטשפּרעכן נישט דעם אמת... נאָך אַ וואָך ווײַלן אין פּעטראָגראַד זענען מיר אַלע אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע.

* *
*

אין איינער אַ נאַכט האָט מען מיר טעלעפאָנירט פון פּעטראָגראַד, אַז די איטאַליענישע קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי, פון די פּראָפּאַראײַגען און פון די קאָאָפּעראַטיוון, צו וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ פּאָר בירגערלעכע ספּעציאַליסטן, איז שוין נאָנט פון דער גרעניץ. מען קען זיך ריכטן אויף איר אין די גאָר נאָענטסטע טעג. אויפצומאָרגנס בין איך זיי אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן אין אַן עקסטראַ-צוג. די-יעניקע, וועלכע זענען דאָ געקומען, האָבן געהאַט באמת אַ רעכט אויף גאַסטפריינטשאַפט אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. די פאַרשידנאַרטיקסטע סאָלידאַריטעט, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן דער באַזיגטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, זייער אויסדויער אין קאַמף קעגן קריג און סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם און פאַר ראַטעוועןדעם אינטערנאַציאָנאַל, זייער ליידנשאַפטלעכעס איינשטעלן זיך פאַרן באָיקאָטירטן, דורך רכילות באַשמוצטן ראַטנרוסלאַנד זענען באַזונדערס קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן אין יענע אויגנבליקן פון בענקנדיקער דערוואַרטונג. אויך סעררּאַטיס ענטפער אויף מוסאָליניס אַן אַרטיקל, וועלכער האָט חוזק געמאַכט פון די פּילגרימען, וואָס גייען אין לאַנד פון הונגער און ל״ז. אינצווישן איז ער דאָך געוואָרן דער פריינט פון דער גרויסמאַכט — רוסלאַנד!

פעטראָגראַד האָט געיום-טובט. אַ ספּאָנטאַנע, טיפע פריידענדלעך קען מען מקבל פנים זיין חברים לדעה, רעוואָלוציאָנערן! אַלע שטאָטטיילן זענען געווען מאָביליזירט און דעקאָרירט, די איטאַליענישע פּאַרטיי און קודם כל סערראַטי זענען אויפגענומען געוואָרן אַלס עכטע קאַמף-חברים פון רומרייכן, העלדישן רוסישן פאָלק. ווען דער צוג איז אָנגעקומען, — אויפגענומען דורכן קלאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל, — און די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זענען אויסגעשטיגן און דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם אומצייליקן עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי אויף יענער זייט וואָקזאַל, ווען יעדע גרופּע האָט געשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל, און ס'האָט אים געזונגען אַ ריזיקער כאָר, ווען די רויטע פאָנען האָבן זיך ביסלעכווייז געהויבן אינדערהויך, ווען טויזנטער שטימען האָבן אויסגערופן „זאָל לעבן די איטאַליענישע פּאַרטיי!", „זאָל לעבן סערראַטי!", און די אויטאָמאָבילן, אין וועלכע די געסט האָבן געקענט איינשטייגן בלויז מיט דער גרעסטער מי, זענען ממש אַרומגענומען געוואָרן דורך די מאַסן, — דאַן האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאָנטאַקט צווישן די פייערנדיקע און די געפייערטע האָט אָנגענומען אַ מאַטעריעלע, גרייפבאַרע פאָרם. מען האָט נישט גערעדט. מען האָט זיך קוים דערוועגט צו אָטעמען, כדי נישט צו שטערן, נישט צו פאַרשוועכן דידאָזיקע אַטמאָספער; עס איז געווען אַ פּעטראָגראַדער ווייסע נאַכט. מען האָט נישט געשפּירט די אָפּוועזנהייט פון די שטערנס, טויזנטער און טויזנטער גלאַנצנדיקע אויגן, גליענדיקע פאָנען... דער גלויבן, דער גייסט האָבן באַקומען די איבערהאַנט איבער די אומגעהייערע מאַטעריעלע ליידן. וואָס באַדייטן אונזערע קרבנות און קוועלענישן, — האָבן די טויזנטער און טויזנטער ליפּן געשיינט צו זאָגן, — מיר זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים און מיט אונז צוזאַמען דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט...

דידאָזיקע שטימונג האָט געדויערט אין משך פון דער גאַנצער וואָך, וואָס מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין פּעטראָגראַד. אַזאַ ספּאָנטאַנע באַגייסטערונג האָט אויך די רומרייכע וויג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דאָס רויטע פּעטראָגראַד, נישט אָפּט, און שפּעטער בכלל נישט מער דורכגעלעבט... די-

האַלטונג פון די אָנפירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל לגבי דער איטאַליענישער דעלעגאַציע האָט מיך ענטגילטיק געלאָזט אַרייַנבליקן אין זייערע צילן און מעטאָדן און האָט באַשטימט מיין אַנטשלוס איבערצורייסן מיט זיי, אָפּטרעטן פון זיי, פאַרלאָזן רוסלאַנד; דאָס וואָס איך בין אין דריי יאָר אַרום אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען דער ווייטערדיקער פּועל־יוצא פון יענעם אַנטשלוס.

פון פּעטראָגראַד, ווו די איטאַליענישע קאָמיסיע האָט פאַרבראַכט בערך אַכט טעג, זענען מיר אַלע געפאָרן קיין מאָסקווע; נאָך אין פּעטראָגראַד האָט מיך ז י נ אָ וו י ע וו געבעטן, איך זאָל קומען צו אים אויף אַ פּריוואַטן שמועס מיטן ראַדיקאַלסטן צווישן די איטאַליענישע חברים. מיר האָט דאָס נישט פאַרוווּנדערט, סעררַאַטי האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ער איז קעגן יעדער פּריוואַט־שמועס. „אין אינטערעס פון ראַטנרוסלאַנד בעט איך אייך אויסצומיידן אַלץ, וואָס עס וואָלט געקענט דערוועקן אומצוטרוי ביי די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. פאַר דער צוקונפט פון ראַטנרוסלאַנד איז זייער וויכטיק, אַז די קאָמיסיע זאָל אָפּגעבן אַן איינשטימיקן באַריכט וועגן די פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד. כ׳בעט אייך, באַלאַבאַנאָוו, גיט אַכטונג, אַז די איינצלנע מיטגלידער זאָלן נישט געריצט ווערן דורך אַן אומגלייכער באַהאַנדלונג אָדער דורך סעפּאַראַט־אונטערהאַנדלונגען”.

דער אַרגומענט האָט זיך מיר געלייגט אויפן שכל, איך האָב זיך באַמיט צו פאָלגן אים און נישט דערלאָזן, איך זאָל באַאיינפלוסט ווערן דורך די פראַקציאָנעלע אונטערשיידן, וואָס האָבן אין איטאַליע גראָד ביי מיר געשפּילט אַ גאַנץ באַשטימנדיקע ראָלע ביי דער באַציאונג צו די פאַרשיידענע פּאַרטיי־מיטגלידער. און מיר איז אויך געלונגען אָנצוקניפּן חברישע באַציאונגען מיט די פּאָר פּאַרטייל־אָזע און אפילו מיט ג ר אַ צ י אַ ד ע ל י, וועלכער איז נישט געווען שטאַרק סימפּאַטיש צוליב זיין עגאָצענטרישן רעוויזיאָניזם.

אונטערוועגס, ווען מיר זענען געפאָרן פון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע, האָט זינאָוויעוו צונויפגערופן אַ זיצונג, אויף וועלכער עס איז שוין גאַנץ בולט געקומען צום אויסדרוק זיין

כּוונה צו שפּאַלטן די איטאַליענישע פּאַרטיי, אָבער ער האָט אָנגע־טראָפן אויף אַ זייער ענערגישן ווידערשטאַנד, דער עיקר מצד סעראַטין. ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זינאָוויעוו גייט נישט אַזוי אין באַזייטיקן די רעכטסשטייענדיקע עלעמענטן, ווי אין באַזייטיקן די השפּעהרייכע און באַדייטנדיקסטע פירער, כּדי צו קענען בעסער מאַנעווירן מיט די איבעריקע. כּדי מעגלעך צו מאַכן דאָס מאַנעווירן, מוזן תּמיד עקזיסטירן צוויי גרופּעס, כּדי מען זאָל קענען איינע אויסשפּילן קעגן דער צווייטער.

אין מאָסקווע האָט זיך איבערגעחזרט דער פּרווו צו געווינען מיך און סעררּאַטין פאַר דער שפּאַלטונג. סעראַטיס איבערגעחזרטער ווידערשטאַנד האָט באַזיגלט זיין גורל און האָט אַלץ געבראַכט אין באַוועגונג קעגן אים. אויב נישט מיט און דורך סעררּאַטין, טאָ זאָל די פּאַרטיי געשפּאָלטן ווערן קעגן אים, — און טאַקע דורכדעם, וואָס מען האָט קודם כּל אָנגעהויבן קעגן אים אַ אינטריגע־ און רכילות־קריגסמאַרש און מען האָט זיך געזיכערט מיט דער הילף פון יענע איטאַליענישע חברים, וועלכע זענען געווען געניג נאַאיוו און כּבוד־גייציק, כּדי צו גלויבן, אַז סעררּאַטיס פאַלן וועט זיי אַרויפשטעלן אויף זיין אָרט.

וואָס שייך מיר, האָט מיר דער צענטראַל־קאָמ. פון דער רוס. קאָמ. פּאַרטיי צוגעשיקט אַ בריוו, וועלכער האָט מיר דערמאָנט מיין פליכט אַלס מיטגליד פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין וועלכן מען האָט מיר געגעבן פאָרשריפטן וועגן מיין האַלטונג לגבי דער איטאַליענישער קאָמיסיע. צווישן אַנדערן האָט מען פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל ענדערן מיין באַציאונג צום רוסישן באַגלייטער פון דער איטאַליענישער קאָמיסיע; ער איז אַ „פאַרטרויאונגסמאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט“. עס האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס אַ רוסישער סטודענט, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין דער איטאַליענישער באַוועגונג, האָט באַגלייט די איטאַליענישע סאָציאַליסטן; נאָך גרעסער איז געווען מיין שטוינונג, ווען איך האָב זיך פון אים דערוווּסט, אַז ער האָט די באַפולמעכטיקונג צו רעפערירן וועגן דער איטאַליענישער באַ־

זעגונג און צו קאָנטראָלירן די באַריכטן פון די מיטגלידער פון דער איטאַליענישער קאָמיסיע ! סאָציאַליסטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער באַוועגונג זייט יאָרצענדליקער, וועלכע האָבן זי אַזויצוזאָגן געטויפט, האָבן געזאָלט קאָנטראָלירט און אויסשפּיאָנירט ווערן. הייסט עס, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ באַריכט פון די דעלעגאַטן פון אַ מאַסנפּאַרטיי, נאָר וועגן באַריכט פון אַ אַגענט פון דער רוסישער פּאַרטיי לויטן אויפטראג פון פאָרשטייער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן לויט זינאָוויעווס פאַראָרדענונג צוגעגרייט די שפּאַלטונג אין איטאַליע דורך אינטריגעס און קאָרופּציע הינטערן רוקן פון דער פּאַרטיי ! איינס איז מיר געווען קלאָר : א י ך וועל לגבי די איטאַליענישע חברים נישט שפּילן קיין צווייזייטיקע ראָלע און כ׳וועל זיי נישט באַטראַכטן — פּונקט אַזוי ווייניק ווי די סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער — אַלס מינדערווערטיק אָדער גאָר האַנדלען הינטער זייער רוקן. יעדנפאַלס איז דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאָרגעקומען, אַז אַזאַ פאָדערונג פליסט אַרויס אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון מיין צוגעהעריקייט צו דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב געענטפערט, אַז שוין יאָרצענדליקער ווי איך באַקעמף אָפן און שאַרף דעם רעפאָרמיזם אין דער איטאַליענישער באַוועגונג, און אַז כ׳וועל נישט דערלויבן, מען זאָל מיר פאָרשרייבן אויף וועלכן אופן איך זאָל דאָס טאָן !

שוין אין פּעטראָגראַד האָט מען פאָרגעלייגט דער איטאַליענישער קאָמיסיע צו מאַכן אַ נסיעה צו דער וואָלגאַ, וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין אַן אַגיטאַציע־טור. היות דעמאָלט פלעגט אין רוסלאַנד אַלץ דויערן זייער לאַנג און יעדע אָפּשלעפּונג פלעגט ביי די אויסלענדער אויפוועקן דעם חשד, אַז מען וויל פון זיי עפּעס אויסבאַהאַלטן, עפּעס „צוגרייטן", האָב איך דעריבער געבעטן לענינען, ער זאָל אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען צוצואיילן די רייזע. און ער האָט דאָס געטאָן. עס איז תיכף אויסגעשטאַט געוואָרן אַ שיף, וועלכע מען האָט פאַר אונז רעזערווירט. איך בין געשטעלט געוואָרן בראש פון דער עקספּעדיציע. היות ווי צווישן די איטאַליענער האָבן זיך אויך געפונען פּראָפּאַראיין־פירער, האָט מען צו מיר דעלעגירט

אויך דעם הייגטיקן פראפאראיינפיגער לאָזאָווסקי, וועלכער קען זיך אויסגלייכן מיט זינאָוויעוון אין הלכות דעמאַגאָגיע, אָבער דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַן אָנפאַנגער און איז אַליין געווען אַ קרבן פון אינטריגעס.

ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער רייזע, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, באָמבאַקטשי און גראַציאַדעי, וועלן פארבלייבן אין מאָסקווע... און ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון אונזער רייזע — קורץ פאַר דער דערעפענונג פון קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס דידאָזיקע צוויי דעלעגאַטן האָבן נישט אָנטיילגענומען אין דער אַגיטאַציע-רייזע. מען האָט זיי אויפגעהאַלטן אין מאָסקווע, כדי זיי צו באַאַרבעטן און זיי דאַן אַרויסלאָזן קעגן סעראַטין. צום דאָזיקן צוועק האָט מען שפּעטער אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסקווע אויך באָרדיגאַן. זיין אַנטיפּאַרלאַמענטאַריזם, וועלכער האָט נאָר געררייצט די רוסישע און די מייניסטע אַנדערע אָנטיילנעמער פון קאָנגרעס און וועלכער איז פון קיינעם נישט גענומען געוואָרן ערנסט, זיין ערלעכער רעוואָלוציאָניזם איז מיסברויכט געוואָרן, כדי צו מאַכן פון אים אַ וווערקצייג פון די ערגסטע אינטריגעס. די כבודגייציקייט פון איינע, די נאַאיוויטעט פון די אַנדערע, דער אָפּאָזיציע-גייסט פון די דריטע איז ווי געוויינלעך פאַנאַנדערגעבלאָזן געוואָרן, כדי צו שפּאַלטן אַ פּאַרטיי.

אויפן קאָנגרעס האָט סעראַטי זיך העלדיש געהאַלטן. ער האָט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט אפילו קעגן לענינען, ווען עס איז נויטיק געווען, ער האָט געוואָרנט די אָנפירער פון דער שפּאַלטונגס-קאַמפּאַניע ווי אויך זייערע וווערקצייג פאַר דער געפערלעכער שפּיל, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזן, ער איז נישט אַרויסגעטראָטן קעגן דער שפּאַלטונג אַלס אַזעלכער, נאָר קעגן דעם אופן, קעגן מאָמענט, קעגן צוועק וואָס איז געווען בלויז שפּאַלטונג לשם שפּאַלטונג. דאָס אָפּגרעניצן זיך פון טוראַטין און זיינע ענגערע חברים איז געווען אַ עווענטואַליטעט, מיט וועלכער מען האָט זיך אין איטאַליע גערעכנט אַ סך פריער איידער די רוסישע קאָמוניס-

טישע פאַרטיי איז געוואָרן די פירערין פון דער אינטערנאַ-ציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער דער אופן, דער מאָמענט און די מיטלען, מיט וועלכע זי איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט גע-טאָן אַ טובה דעם פאַשיזם, אַלס ספּעציפישן אויסדרוק פון דער איטאַליענישער קאָנטר-רעוואָלוציע און האָט אומ-געהייער געשטאַרקט דעם רעפאָרמיזם, צווערשט אין דער פאַר-טיי, און דערנאָך מחוץ איר. דער רעפאָרמיזם איז אין יאָר 1920 ווייט נישט געווען דאָס, וואָס ער איז געוואָרן דורך מאָסקווע...
דער איטאַליענישע פאַבריק-אָקופּאַציע איז אין די ערשטע טעג,—ווען די ידיעה וועגן איר איז אָנגעקומען קיין רוסלאַנד,—נישט צוגעגעבן געוואָרן קיין גרויסע באַדייטונג; ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דאָ קען זיך עווענטועל האַנדלען וועגן אַ אַנטשיי-דענעם, רעוואָלוציאָנערן קאַמף, איז מען אין די אָנפירנדיקע קרייזן גיכער באַזאָרגט געווען דערפון. לענין, וועלכער האָט מיך געשיקט רופן, כדי אַרומצורײדן די סיטואַציע, האָט אויס-געדריקט גרויסע ספקות. ווען ער האָט מיך באַגלייט צו דער טיר פון זיין וווינונג, האָט ער נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן די סכנה פון דער סיטואַציע. „ווי לאַנג, גלויבט איר, קען איטאַ-ליע בכלל אויסהאַלטן אָן תבואה און אָן קוילן?" — „וואָלט מען דען אין 1917 געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז די רוסישע אַרבעטער וועלן אַזוי לאַנג קענען אויסהאַלטן אָן ברויט?" האָב איך אַריינגעוואָרפן...
ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די פאַבריק-אָקופּאַציע פון אַרבעטער-קלאַס האָט נישט געבראַכט קיין זיג; ווי נאָר עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די ידיעות וועגן מוסאָליניס בלוטיקע דערפאָלגן און וועגן דער מפּלה פון די איטאַליענישע אַרבע-טער, האָט מען אין מאָסקווע אָנגעהויבן אויסצונוצן צו דעמאַגאָ-גישע צוועקן מיט דעמאַגאָגישע מיטלען די טראַגישע לאַגע פון איטאַליענישן פאָלק. די-יעניקע, וועלכע האָבן אין איטאַליע געהאַט די זעלבע ספקות, וועלכע לענין האָט אַרויסגעזאָגט, זענען פאַרשריגן געוואָרן אַלס פאַררעטער. זיי זאָלן האָבן פאַרקויפט דעם אַרבעטער-קלאַס מוסאָלינין. אויף סעראַטין וועלכער איז אין די אַנטשיידנסטע טעג בכלל נישט געווען אי, איטאַליע, נאָר אין רוסלאַנד און אויף דער רייזע צווישן

רוסלאַנד און איטאַליע, איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די הויפּט־שולד. הגם עס איז אַלגעמיין באַקאַנט געווען, אַז ווען די פּאַרטיי און די פּראָפּאַראיינען פון איטאַליע האָבן זיך געדאַרפט אַנטשיידן, צי זאָל מען די פאַבריק־באַזעצונג פאַרברייטערן צו אַ רעוואָלוציאָנערע אַקציע אָדער נישט, זענען געווען אָנהענגער פון רעפאָרמיזם, וועלכע זענען געווען פאַר דעם, ווי אויך אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג, וואָס זענען געווען קעגן, איז דער ענין אין די רוסישע צייטונגען און אין די פאַרשיידענע אָרגאַנען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין אויסלאַנד פאַלש פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס קליינלעכע פּראַקטיצע־פּראַגע, אַלס פּערזאָנענפּראַגע. אין רוסלאַנד, אין נאָר וואָס פון צאַריזם באַפרייטן רוסלאַנד האָט אויפגעבליט אַ קנעכטישע קריכעריי, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהייערן עקל דערפאַר, וואָס זי האָט זיך צביעותדיק און נאַריש געקליידט אין אַ רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע.

אינדיווידוען, וואָס האָבן פאַרן זיג פון דער רעוואָלוציע בכלל קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט פאַרטיידיקט זייערע רעכט, ווער רעדט שוין — די רעכט פון די פאַרקנעכטעטע קלאַסן, מענטשן, וועלכע וואָלטן אַוועקגעלאָפן, ווען זיי וואָלטן געזען דעם שאָטן פון אַ פאַשיסט, — אַזעלכע לייט האָבן אָנגעהויבן צו ריידן מיט פאַראַכטונג וועגן דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, כדי אָנגענעם צו זיין דער רוסישער רעגירונג. די טיפע טראַגעדיע פון איטאַליענישן פאָלק איז פּראָסט־פּשוט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס באַווייז פאַר זיין פחדנות, אפילו מיט די פאַרפייניקטע קרבנות פון פאַשיזם, מיט זייערע טויטע גופים איז געטריבן געוואָרן אַ ספּעקולאַציע. יעדעסמאָל, ווען די רוסישע צייטונגען פלעגן איבערגעבן באַריכטן וועגן די שאַנדמעשים פון פאַשיזם, איז צוגעגעבן געוואָרן, אַז די קרבנות זענען קאָמוניסטן, די סאָציאַליסטן — העלפער פון פאַשיזם. אויב דאָס ב׳ויזע אונטערשיידן צווישן אָנהענגער פון פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין די־דאָזיקע פאַלן איז שוין פאַר זיך אַליין געווען אַ פאַרברעכן, איז דאָס פאַרברעכן געווען נאָך פאַרברעכערישער דורכדעם, וואָס אין דער ווירקלעכקייט איז די זאַך געווען גאַנץ אַנדערש

עס איז דאָך אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז די קאָמוניסטן האָבן אויסגעמאַכט דעם גרעסטן פּראָצענט פון די, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צום פאַשיזם פון אַנדערע פּאַרטייען. מיט דעם קאָמוניזם אַלס אַזעלכן האָט, נאַטירלעך, דער דאָזיקער פאַקט גאָרנישט צו טאָן. צום פאַשיזם זענען אַריבערגעגאַנגען נישט קיין איבערצייגטע קאָמוניסטן, נאָר די־יעניקע, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג — פון איין זייט אַלס פּראָדוקט פון דער קריגס- און נאָכקריגס־צייט, און פון דער צווייטער זייט אַלס פּראָדוקט פון דער דעמאַגאָגיע פון די פירער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל — אָננעמענדיק, אַז זי איז עפּעס גאַנץ אַנדערעס, ווי זי איז פאַקטיש, אָדער ווי זי דאַרף זיין. אַזוי ווי די דאָזיקע עלעמענטן איז נישט געלונגען צו קומען צו דער מאַכט אָדער צו ווערן אויסנוצער פון רעוואָלוציאָנערן זיג, זענען זיי אַריבערגעלאָפן צום זיגער מוסאָליני, און גראָד די דאָזיקע באַהאַנדלען ביי די פאַשיסטישע שטראָף־עקספּעדיציעס אַמגרויזאַמסטן זייערע פריערדיקע אַרבעטס און געזינונגס־חברים. גראָד איטאַליעס ביישפּיל האָט באַשטעטיקט די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן יאָרצענדליקער געהערט צו די פּאָליטישע און פּראָפאַראיין־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געלייענט די אַרבעטער־פּרעסע און זענען דורכגעדרונגען מיטן דענקאופן פון סאָציאַליזם איז שווערער, אומענדלעך שווערער צו געפינען פאַררעטער, ווי צווישן די אויבנדערמאָנטע עלעמענטן. דער פאַקט, וואָס אין דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז סיי צווישן די אַרבעטער סיי צווישן די פירער דאָ אַ סך מער איבערצייגטע און צו קרבנות גרייטע ווי אין אַנדערע ערטער, איז אויך צו דערקלערן מיט דעם, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע, וואָס האָבן פריער געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָדער וועגן עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זייער איינפלוס. צוליבן דאָזיקן גרונט געלינגט נישט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער מאַכט־אַנטוויקלונג — צו דערשטיקן אין דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דעם שפּראָצל פון מרידה.

די איטאַליענער פּאַרטיי איז געווען דער ערשטער קרבן — אין גרויסן סטיל — פון דער פאַטאַלער זעלבסטמאָרד-פּאָליטיק, וועלכע עס פירט די אָנפירונג פון קאָמוניסטישן אינטער-נאַציאָנאַל. צו שפּאַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע מאַסנפּאַרטיי, וואָס איז גראָד בעתן קריג, ווען די מייַנסטע פּאַרטייען האָבן באַנקראָטירט, געווען אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט — איז געווען אַ האַרטער נוס. און דעריבער איז טאַקע אָנגעווענדט געוואָרן די אומדערהערטסטע דעמאַגאָגיע קעגן איר און קעגן דעם, וועלכער האָט פּאַרטיידיקט איר אייניקייט און געהאַלטן הויך איר פאָן בעתן קריג, אין דער נאָכקריגס-צייט און איצט — קעגן ס ע ר ר א ט י ן...

דער פּרווו צו וועלן קעמפן קעגן דידאָזיקע צושטאַנדן אין רוסלאַנד וואָלט געווען פּונקט אַזוי אומזיסט ווי לעכערלעך. איינמאָל האָב איך פּרובירט נעמען דאָס וואָרט אויף אַ פּאַרטיי - קאָנפערענץ. ווען מען האָט מיר ענדלעך געגעבן דאָס וואָרט אַלס „אויסנאַם" (איך בין נישט געווען קיין דעלעגאַט), איז די רעדנערליסטע בעת דער פּויזע געענדערט געוואָרן, פאַר און נאָך מיר זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן רעדנער, וואָס האָבן געדאַרפט שיצן זינאָוויעוון קעגן יעדע קריטיק, און די רעדע, אין וועלכער איך האָב זיך, לכל הפּחות, באַמיט אָנצווייזן אויף די גראָבסטע, לעכערלעכסטע פּאַרדרייאונגען, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אַריינגענומען געוואָרן נישט אין פּראָטאָקאָל און נישט אין דער פּרעסע, וועלכע האָט אַנטהאַלטן זייטנלאַנגע סטענאָגראַפישע באַריכטן פון אנדערע רעדעס. שרייבן האָט מען זעלבסטפאַרשטענדלעך געקענט נאָך ווייניקער; וועלכע פון די צוויי צייטונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, וואָלט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן מיינע מיינונגס-פאַרשיידנקייטן מיט די טאָנגעבנדיקע קרייזן? אויסבעסערונגען און ענלעכעס זענען געווען לגמרי פּרוכטלאָז, ווייל די-יעניקע, וועלכע האָבן דאָ געשריבן זענען נישט אַריינגעפירט געוואָרן אין טעות, נאָר זיי האָבן געהאַנדלט אין פריוויליקער אָדער או מפריוויליקער מיט-שולדיקייט מיט די פאַראינטערעסירטע צו פאַרדרייען די פאַקטן.

פאַר מיר איז די לאַגע געוואָרן נאָך אוממעגלעכער

דערפאַר, ווייל די לאַגע האָט זיך אין איטאַליע אַלץ מער צוגעשפּיצט און די פּאַסיווקייט, צו וועלכער איך בין פאַראורטיילט געוואָרן, האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַ מין מיטשולדיקייט, אַלס אַ סאָלידאַריזירונג מיט די זיגער אין רוסלאַנד קעגן די באַזיגטע אין איטאַליע.

פון רוסלאַנד, געשיצט דורך דער רויטער אַרמיי, געפייערט, געחנפהט, געבן פון אויבן אַראָפּ פּאָליטישע און סטראַטעגישע עצות די איטאַליענישע קרבנות פון דער ראַפּינירטסטער רעאַקציע, דורך אַגענטן און פאַרטרויאונגס-פּערזאָנען אַרויסגעבן פאַראָרדנונגען, אויף דעם וואָלט איך אויך דאַן נישט מסכים געווען, ווען איך וואָלט אַפילו נישט איינגעשטימט פּאָליטיש מיט דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי...

נאָך פריער, איידער עס איז מיר קלאָר געוואָרן די אוממעגלעכקייט פון מיין פאַרבלייבן אין רוסלאַנד — צוליב דער באַציאונג פון די אָנפירנדיקע קרייזן לגבי דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — האָב איך געמאַכט אַ פּרווו אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, ווו איך וואָלט געקענט אַנטוויקלען אַ נוצלעכערע טעטיקייט, נישט קעגן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר כדי צו פאַרשפּרייטן זיינע טעאָרעטישע פּרינציפּן און לייכטער מאַכן דעם מערב-אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט צו פאַרשטיין דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד. איך האָב זיך געווענדט פון איין זייט צום צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און פון דער צווייטער זייט צו דער איטאַליענישער דעלעגאַציע, וועלכע זאָל אונטערשטיצן מיין בקשה און העלפן זי צו פאַרווירקלעכן.

„אויב איטאַליע איז אייך באמת ליבער פאַר רוסלאַנד", האָט לענין געזאָגט מיט אַ שמייכל, ווען איך האָב אים געבעטן צוצואיילן דעם באַשלוס פון צענטראַל-קאָמיטעט, „טאָ פאָרט זיך געזונטערהייד". זינאָוויעוו איז דאַן געווען קעגן מיין אָפּפאָר. ווען איך בין געגאַנגען צו לענינען זיך געזעגענען מיט אים (איך האָב זיך געוואָלט אָנשליסן אין דער איטאַליענישער דעלעגאַציע ביי איר צוריקפאָר), איז מיר מיטאַמאָל איינגעפאַלן צו בעטן ביי אים אַ פּאָר ווערטער, אַזאַ מין אויס-

זוייז. אין יענער צייט האָט מען בכלל נישט געקענט לעבן אין רוסלאַנד אָן אַ אויסווייז. איך האָב פאַרמאָגט אַזאַ, וועלכער האָט מיר געזיכערט דעם איינגאַנג צו אַלע זיצונגען, איך פלעג אים אָבער כמעט נישט דאַרפן ווייזן. איצט, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין אַמט אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָב איך פונקט אַזוי ווייניק געוואָלט בלייבן ביים טיטל און ביי די רעכט, ווי אויסצונוצן מיין פערזענלעכן איינפלוס. צוליבן דאָזיקן גרונט האָב איך זיך געווענדט מיט דער אויבנדערמאָנטער בקשה צו לעניגען.

„דאַרפט איר דען, חברטע באַלאַבאַנאָוו, אַן אויסווייז? איז דען דאָ אַזאַ אָרט, ווו מען זאָל אייך נישט קענען? אפשר ערגיץ־ווו אין אַ גאָט־פאַרלאָזענעם ווינקל פון דער אוקראַינע. אָבער אויב איר ווילט דאָס, איז ביטע, איך שרייב דאָס אייך אויס פון גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה”.

דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, די צייט, וועלכע ער האָט באַנוצט אויף אָנצושרייבן די פּאָר שורות, האָבן מיר באַוויזן, נאָך איידער איך האָב זיי דורכגעלייענט, אַז ער וויל מיר נישט שרייבן קיין שום סטערעאָטיפּישעס, נאָר עפּעס, דורך וועלכעס ער האָט געוואָלט אויסדריקן פאַר מיר און פאַר אַנדערע, וואָס ער, לענין, האָט אַלס רעוואָלוציאָנער און מענטש געטראַכט וועגן מיר. „חברטע באַלאַבאַנאָוו”, איז דאָרט געווען געשריבן, „אַרבעט זייט אַ לאַנגער צייט אין דער פּאַרטיי און אַלס דער אויסגעצייכנטסטער מיטגליד פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. איך בעט איך צו געבן יעדע מעגלעכע אונטערשטיצונג”. דערפאַר ווייל איך האָב געוווּסט, אַז די דאָזיקע שורות זענען געשריבן געוואָרן פון פולן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, האָב איך זיך געפילט באַזונדערס טרויעריק: „זעט איר, חבר לענין”, האָב איך געזאָגט, „יעדער אַנדערער קאָמוניסט וואָלט אָפּגעגעבן יאָרצענדליקער פון זיין לעבן פאַר אַזאַ אַטעסטאַציע—אָבער איך, איך וואָלט געוואָלט עפּעס אַנדערעס”. — „וואָס?” — „די מעגלעכקייט צו קענען זיין טעטיק פאַר ראַטנרוסלאַנד, צו קענען בלייבן אין ראַטנרוסלאַנד”, האָב איך אָפּגעענטפערט. „און

פאַרוואָס קענט איר דאָס נישט? מיר נויטיקן זיך גראָד אין אַזעלכע מענטשן, ווי איר..."

אין דריי יאָר אַרום, יעדנפאַלס נאָך לענינס טויט, האָט עפּעס אַ באַאַמטער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געשריבן, אַז עס איז בכלל אַ חרפּה פאַר דער פּאַרטיי, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט צו איר.

*   *

*

מיין רייזע קיין איטאַליע האָט זיך נישט איינגעגעבן; איך האָב זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. צוליב די אויבנדערמאָנטע טעמים איז מיר אָבער געווען אוממעגלעך צו אַרבעטן ווייטער אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי. כדי דאָס צו טאָן, וואָלט איך געמוזט דולדן, אַז עס זאָלן זיך אַרום מיר בילדן גרופּעס פון פאַרשיידנאַרטיקע, צוליב פאַרשיידענע טעמים אומצופרידענע עלעמענטן. אַזעלכע זאַכן האָב איך מיין גאַנץ לעבן פיינט געהאַט און כ'האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען באַטייליקן זיך אין פּאָליטישן לעבן יאָרצענדליקער לאַנג אָן זיי. דאָס האָב איך געוואָלט טאָן אויך ווייטער.

סיסטעמאַטיש האָב איך אָפּגעוואָרפן אַלע איינלאַדונגען, וואָס זענען אָנגעקומען צו מיר פון די פאַרשיידנסטע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי-אינסטאַנצן, וועלכע האָבן באַהאַנדלט ווייניקער באַקאַנטע פּאַרטיי-מיטגלידער מיט מיליטערישער שטרענגקייט, האָבן געדולדעט דעם סאַבאָטאַזש צוויי יאָר נאָכאַנאַנד און זיי וואָלטן אים נאָך געדולדעט אַ סך לענגער, ווען איך וואָלט נישט אָנגעהויבן מיט העכער אַ יאָר צוריק צו אַרבעטן אין אויסלאַנד אין דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. אדרבה, ווען איך וואָלט פאַרלאָזן רוסלאַנד מיט אַ וועלכן נישט איז אויסרייד און כ'וואָלט אין אויסלאַנד געשוויגן, וואָלט מען מיך נאָך אַרומגערינגלט מיט פלערליי פּריווילעגיעס, מען וואָלט מיך באַהאַנדלט אַלס זייער פאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערין און מען וואָלט מיר אפשר אויך אָנגעטרויט ערגאַמטלעכע פאַרטרעטונגען אויף קאָנגרעסן, כדי צו קענען צוגעבן מיין נאָמען צו די נעמען פון די, וועלכע פירן אויס

דעם ווילן פון צענטראַל־קאָמיטעט; די העכסטע אינסטאַנצן, און פריער פאַר אַלע דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָלטן מיר גערן געשאָנקען אַ שיינעם קראַנץ און אַ הספד, זייערע צאָלרייכע אַגענטן און באַאַמטע וואָלטן זיך פאַר מיר פאַרנייגט ווי פריער...

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פאַרטיי — און במילא פון דער מלוכה — האָבן מיך מיט קיין זאַך נישט באַלעסטיקט, האָט מיך דאָס אויפ־האַלטן זיך אין רוסלאַנד געקוועלט, און גראָד דערפאַר, ווייל מיין פּאָליטישער און מאָראַלישער אחריות־געפיל האָט מיך פאַר־אורטיילט צו אַן אַבסאָלוטער פּאַסיווקייט. איך האָב זיך בשום אופן נישט געוואָלט סאָלידאַריזירן מיט סיסטעמען, וועלכע איך האָב באַטראַכט אַלס פאַטאַל פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַלס נישט־אָננעמבאַר פאַר רעוואָלוציאָנערן. אויך פון איבער־זעצן האָב איך זיך פולשטענדיק אָפּגעזאָגט. איך האָב אין מיין לעבן איבערגעזעצט טויזנטער רעדעס — און דוקא אין רוסלאַנד, ווו איך האָב נאָך אויפן צווייטן קאָנגרעס וואָכנלאַנג אויסגעפירט גאַנץ אַליין אַלע מינדלעכע איבערזעצונגען, — איך קען זאָגן, אַז איך האָב יעדע פון זיי ווידער איבערגע־לעבט. אָבער קוים האָב איך זיך דערוווּסט — דאָס איז גע־שען אויף אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג אין מאָסקווע, — אַז דער רעדנער, וועמעס רעדע איך האָב געדאַרפט איבערזעצן, איז נישט געווען אויפריכטיק, אַז ער האָט נישט גערעדט פאַרן פאָלק, נאָר פאַר דער רעגירונג, קוים האָב איך געמערקט, אַז די איינאָרדנער פון מיטינג ווילן טענדענציעז צושפּיצן אַ רעדע, האָט גענומען אַ סוף צו מיינע איבערזעצונגען. קיינ־מאָל נישט מער!

גראָד פאַר דעם דריטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל האָט די העצע קעגן דער איטאַליענישער פאַרטיי אָנ־גענומען פאָרמען און דימענזיעס, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז אין יענעם לאַגער איז מען פעאיק געווען אויף אַלץ, אַז יעדער איינער, וועלכער איז צוליב וואָס נישט איז געוואָרן אומבאַקוועם, קען דערוואַרטן, מען זאָל אים, אויף

אַ באַפעל פון אויבן, באַהאַנדלען אַלס גנב, סעקסועלער מערדער, פאַררעטער און ענלעכעס.

בעתן קריג האָט מיט סערראַטין פּאַסירט עפּעס אומאָנגענעמעס. אַ יונגער מענטש, וועלכן חברים האָבן אים פאָרגעשטעלט אַלס ערלעכן, קרבנפעאיקן פריינט פון אונזער באַוועגונג, וועלכער האָט מערערע מאָל אַריבערגעבראַכט איבער דער גרעניץ בריוו פאַר און פון דער פּאַרטיי און האָט איר געטאָן אויך אַנדערע טובות, און וועלכער האָט זיך אַליין אָנגעבעטן צו מאַכן סערראַטין אַ פּריוואַט-הלוואה, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס שפּיאָן און פּראָוואָקאַטאָר.

ווי נאָר ביי סערראַטין איז אויפגעקומען אַ חשד, אַז דאָס איז אַזוי, האָט ער דעפּאָנירט ביים נאָטאַריוס די אַנטשפּרעכנדיקע סומע אויפן נאָמען פון יענעם מענטשן, מיט דער כוונה, זיך אָפּצורעכענען מיט אים אויך אויף אַן אַנדער וועג. דער ענין איז געווען נאָך מער אומשולדיקער דערפאַר, ווייל פון איין זייט איז יעדער פון אונז בעתן קריג אַרומגערינגלט געווען פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, און פון דער צווייטער זייט איז אין איטאַליע נישט געווען קיין זעלטנהייט אַ באַגייסטערטע הילפגרייטקייט מצד נישט-סאָציאַליסטישע עלעמענטן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און נאָך מער בעתן קריג, ווען טאָג-טעגלעך פלעגן הונדערטער מענטשן אין פאַרצווייפלונג און עמפּערונג קומען צום סאָציאַליזם, ווי צו דער איינציקער רעטונג, און דער עיקר צום איטאַליענישן סאָציאַליזם, וועמעס אָנזען עס איז אַזוי שטאַרק געשטיגן דורכדעם, וואָס דער קריג — די גרעסטע וועלטקאַטאַסטראָפע, וועלכע מענטשן האָבן ווען נישט איז געבראַכט אויף מענטשן — האָט אים געגעבן רעכט! סערראַטיס לעבן איז אַלעמען געווען באַקאַנט אַלס אַזוי קריסטאָל-ריין, אַז אפילו זיינע ערגסטע שונאים האָבן זיך נישט דערוועגט אויסצונוצן קעגן אים דעם נאַרישן צופאַל. אָבער די אָנפירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן דאָס געטאָן. גראָד אין די טעג, ווען דער קאָנגרעס אין מאָסקווע האָט געדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אַריינטריט פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיי פאַרשפּרייט דורך איינער פון די צוויי-

טונגס-אַגענטורן די סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגן די געלט-באַ-
ציאונגען צווישן סעראַטין און אַ שפּיאָן. דיזעלבע אַגענטור
האָט טעלעגראַפירט קיין מאָסקווע די פּירושים, וועלכע איר
פאַרעפנטלעכונג האָט אַרויסגערופן אין די סאָציאַליסטן-פיינט-
לעכע ציימונגען. די קאַמפּאַניע האָט געדויערט פּונקט אַזוי
לאַנג, וויפל עס איז נויטיק געווען כדי צו שאַפן אויפן קאָנ-
גרעס אַ שטימונג קעגן דער איטאַליענישער פּאַרטיי, און כדי
פאַרשטענדלעך צו מאַכן די אַרבעטער — וועלכע האָבן נישט
געוווסט די גאַנצע מאַכינאַציע און האָבן דער עיקר נישט גע-
האַט קיין אַנונג, אַז די רעוועלאַציע איז פאַרעפנטלעכט גע-
וואָרן אויפן באַפעל פון מאָסקווע, — פאַרוואָס די טרייסטע
פאַרבינדעטע פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, יענע מערב-אייראָ-
פּעאישע פּאַרטיי, וועלכע האָט מער פאַרדינסטן פאַר אַלע פאַר
דער אויפהאַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַל בעתן קריג און פאַר
דער גרינדונג פון דעם נייעם קאָמוניסטישן, — פאַרוואָס די-
דאָזיקע פּאַרטיי מוז אַרויסגעשטויסן ווערן פון די רייען פון
קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל! דורכדעם האָט מען אויך גע-
וואָלט אַרומהילן מיט פאַרגעסנקייט דעם גראָבן פעלער, מען
קען אפילו זאָגן: דעם פאַרברעכן, וועלכעס איז באַגאַנגען גע-
וואָרן דורך שפּאַלטן די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אין איטאַל-
יע, און פאַרהיטן, אַז דער אָדער יענער דעלעגאַט זאָל עס
נישט באַרירן אויפן קאָנגרעס.

די גאַנצע איטאַליענישע פראַגע האָט מען געוואָלט אַראָפּ-
דריקן אויפן ניוואָ פון אַ פערזענלעכער רכילות, און נעמלעך
דורך מיטלען, מיט וועלכע אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דאַרף
בכלל נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס. גראָד דאָס איז גע-
ווען אַ דראַסטישער ביישפּיל דערפון, ווי פאַטאַל עס איז, ווען
מלוכה-מאַכט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרטיי-מאַכט און ביידע
ווערן געוויסנלאָז באַנוצט. ווען „ראָסטאַ”, די אָפיציעלע טעלע-
גראַפן-אַגענטור פון ראַטנרוסלאַנד, און די איבעריקע אָרגאַנען,
מיט וועלכע מען האָט זיך באַדינט ביי דערדאָזיקער געלעגנ-
הייט, וואָלטן זיך נישט געפונען אין זינאָוויעווס רשות, וואָלט
נישט מעגלעך געווען צו אַנטוויקלען אַזוי לייכט אַזאַ דעמאַ-
גאָגישע קאַמפּאַניע אויך אין דער בירגערלעכער פּרעסע, כדי

פטור צו ווערן פון אַן אומבאַקוועמען קעגנער. ווהין עס פירט דער מיסברויך פון דער מלוכה-מאַכט צו פראַקציע-צוועקן און פון דער פּאַרטיי-אויטאָריטעט צו מלוכה-צוועקן, זעט מען אויך איצט נאָכאַמאָל אין איטאַליע. די „האַרציקע אַנטאַנט" צווישן די מלוכהמענער פון ראַטנרוסלאַנד און מוסאָלינין באַשטייט פּונקט אַזוי קלאָר און אומבאַשטרייטלעך, ווי זי איז נישט קיין בלויזער צופאַל. בעסאַראַביע איז איינער פון די אַלגעמיין-באַקאַנטע און אָנערקענטע סיבות פון דערדאָזיקער אומנאַטירלעכער „אַליאַנס"; חוצדעם האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס סיי פּאַר מוסאָלינין סיי פאַר זינאָוויעוון שוועבט איין ציל — הגם די ענדצילן פון ביידע זענען וועזנטלעך פאַרשיידן —: די פאַרניכטונג פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

מוסאָליני איז אָן ספק דער נידערטרעכטיקסטער און עקלהאַפטסטער פאָרשטייער פון דער אַרבעטערפיינטלעכער רעאַקציע; פון די פילע, וואָס טוען אַלץ, כדי צו שטערן דעם אַרבעטערקלאַס צו דערגרייכן זיין ענדציל, אונטערשיידט ער זיך קודם כל דערמיט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו שטערן דעם זיג פון סאָציאַליזם, און גראָד דערפאַר איז ער אַזוי גרויזאַם ביים אויסוויילן די מיטלען, מיט וועלכע ער באַדינט זיך; ער אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע פירער פון דער רעאַקציע אויך דורכדעם, וואָס ער פאַרטרעט נישט די אינטערעסן פון אַ קלאַס אָדער פון אַ אידעאָלאָגיע, נאָר צוליב נקמה וויל ער דערשטיקן אין בלוט אַלץ, וואָס דערמאָנט מיט וואָס-נישט-איז אין סאָציאַליזם. און גראָד דערפאַר, וואָס ער גייט אַרויס פון דערדאָזיקער שטימונג, איז ער פערזענלעך פאַראינטערעסירט אין דעם, אויסצושפּילן זיין פריינטשאַפט מיט דער איינציקער פּראָלעטאַרישער מלוכה אויף דער וועלט קעגן די סאָציאַליסטן פון איטאַליע און קעגן די סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער.

דער מאָרד פון מאַטעאָטי האָט דערפאַר אויפגעבראַכט די עפנטלעכע מיינונג פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אויך אויסער איטאַליע — ווייל ער האָט געוואָרפן אַביסל ליכט אויף דער גאַנצער רעגירונגס-סיסטעם; אויך

די-יעניקע, וועלכע האָבן ביז דאַן נישט געזען אָדער נישט געוואָלט זען די אמתע שייכותן, האָבן געמוזט עפענען די אויגן. מוסאָליני פערזענלעך — פערזענלעך, ווייל זיין פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איניציאַטיוו איז געווען קלאָר פאַר יעדן איינעם — איז אין יענע טעג באַיקאָטירט געוואָרן אפילו דורך די פאָרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען.

דרייסיק טעג זענען אַוועק נאָך דעם מאָרד; די אויפגעבראַכטקייט, דער טרויער פון פאָלק איז אין דאָזיקן טאָג געווען אַ סך טיפער, ווי אין טאָג פון דעם מאָרד גופא; ווייל ערשט ביסלעכווייז איז דאָס אומגלויבלעכע געוואָרן אַ פאַקט, ערשט ביסלעכווייז זענען אַריינגעדרונגען אין פאָלק די פּרטים פון די פּייניקונגען, וועלכע מען האָט אָנגעטאָן מאַטעאָטיס לעבעדיקן און טויטן קערפּער.

מחנותווייז האָט דאָס פאָלק עולה-רגל געווען צום אָרט, פון וועלכן ער האָט אָנגעהויבן זיין ליידנסוועג, צום אָרט, פון וועלכן זיינע מערדער האָבן אים פאַרשלעפּט. מיט בלאַנקע שווערדן האָבן די קאַראַביניערי זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן די פרויען און מענער פון קניען אויפן דאָזיקן, פאַר זיי הייליקגעוואָרענעם אָרט, שווערדן האָבן פאַרניכטעט די בלומען, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט, געהייליקט דורך זייערע טרערן... עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן דעפּוטאַט מאַטעאָטי, נישט וועגן רעדנער מאַטעאָטי,—זיי האָבן אין אים געזען אַ מערטירער, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף ביים פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע קעגן די אונטערדריקער... און וואָס מער זיי האָבן געמוזט אויסשטיין, אַלץ לויכטנדיקער האָט פאַר זיי געשטראַלט זיין ביישפּיל. דידאָזיקע מענער און פרויען, וועלכע האָבן דורכן קריג און פאַשיזם פאַרלאָרן דעם גלויבן אין קריסטוסן, האָבן געפונען אַ נייעם גלויבן. נישט גאָטסזון דורך ווונדער, נאָר דער מענטש, דער קלאַס, באַגייסטערט פון סאָציאַליזם, וואָלט געקענט באַפרייען די מענטשן. און גראָד אין זעלבן טאָג, ווען אין גאַנץ איטאַליע האָט אַלס צייכן פון טרויער און צאָרן גערוט די גאַנצע אַרבעט, און אַלע פּראָלעטאַריער — אָן אויסנאַם — האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן

מאַטעאָטיס מאַרטירערטום, זיין פאַרקריפּלטן, צעשטיקלטן, במשמוצטן קערפּער, דעם באַווייז פון זיין גרויסער נשמה, די אומבאַזיגבאַרקייט פון זיין גלויבן אין סאָציאַליזם, — גראָד אין יענעם טאָג איז פאָרגעקומען אַן אינטימער מיטאָק, צו וועלכן דער פאָרשטייער פון דער ראַטנרעפּובליק האָט איינגעלאַדן מוסאָליני... די צייטונגען האָבן באַטאָנט, אַז דער מיטאָק האָט געטראָגן אַ באַזונדערס אינטימען כאַראַקטער און ער האָט אַ גאַנץ באַזונדערע באַדייטונג...

דאָס שענדלעכסטע באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי מען פאַרטיידיקט דידאָזיקע פאַרשאָלטענע טאַט. די איינצלנע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן מסתמא קעגן איר פּראָטעסטירט, האָט מען באַרויִקט. די אחריות האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויפן פאָרשטייער פון דער ראַטנרעפּובליק, און ווי דער מנהג אין דער ליגנערישער דיפּלאָמאַטיע — אַרויפגעלייגט אויף אים אַן אָפּיציעזע שטראָף, כדי זי אין געהיים צו אַנולירן. קיינמאָל וואָלט זיך אַ דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער נישט דערלויבט — און צום ווייניקסטן אַ פאַרטרעטער פון ראַטנרוסלאַנד! — איינצואָרדנען אַזאַ אויפנאַם אָן אַ באַשטעטיקונג אָדער אַ דירעקטן אויפטראָג. וואָלט ער זיך דאָס אָבער יאָ דערוועגט צו טאָן, סאַראַ גורל וואָלט אים דאַן דערוואַרט!

מער פאַר אַלץ ווירקט דעמאָראַליזירנדיק דאָס רעכטפאַרטיקן אַלץ מיט דער „מלוכה־נויטווענדיקייט”; מיט איר באַמיט מען זיך צו באַגרינדן דידאָזיקע, ווי אויך נישט איין אַנדערע אומפאַראַנטוואָרטלעכע טאַט פון דער ראַטנדיפּלאָמאַטיע. עס איז אמת, אַז רוסלאַנד, ווען עס איז באַיקאָטירט געוואָרן פון אַלע זייטן, איז געווען געצוווּנגען צו שליסן אָפּמאַכן מיט קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, אָבער אויך דאָ איז וויכטיק דער אופן, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן.

אויב לענין האָט אָנערקענט דידאָזיקע נויטווענדיקייט לטובת דער וועלטרעוואָלוציע, האָבן זיך אָבער דאַן געפונען אַלץ מער און מער פאַרשוינען, וועלכע האָבן פון מיטל געמאַכט אַ צוועק און פון דער זעלבסטפאַרטיידיקונג אַ מיטל זיך צוצופּאַסן צו דער בירגערלעכער וועלט נישט לויט דער פאָרם — ווי לענין האָט דאָס געטאָן — נאָר לויטן אינהאַלט,

לויטן גייסט. אַ קאָמפּראָמיס מעג געשלאָסן ווערן נאָר דורך די-יעניקע, וועלכע האָבן תמיד אין אויג דעם צוועק, צוליב וועלכן מען איז אויף דעם איינגעגאַנגען. ווען אַלע אין רוסלאַנד האָבן געהונגערט און זענען אַרומגעגאַנגען אין שמאַטעס און אין אויסלאַנד האָט מען באמת געמיינט, אַז די רוסישע באָלשעוויקעס זענען לויטער ווילדע, איז ביז צו אַ געוויסן גראַד געווען באַרעכטיקט, ווען מען האָט געוואָלט באַווייזן דער אויסלענדישער דיפּלאָמאַטיע אָדער דער געשעפטסוועלט, אַז מען האָט טאַקע צו טאָן מיט אַ גאַנץ אויסגעהונגערטן און אָפּגעשליסענעם, אָבער אין אַלעם איבעריקן גאַנץ „גלייכן צד". ווי גיך אָבער איז מען אַריבערגעטראָטן די גרעניץ פון נויטווענדיקן, פון דערלאָזבאַרן, דורך וואָס מען האָט געשעדיקט דעם אָנזען פון ראַטנרוסלאַנד אפילו אין די בירגערלעכע קרייזן! איצט אָבער, ווען ראַטנרוסלאַנד ווערט נישט מער באָיקאָטירט, נאָר אדרבה, מען קאָנקורירט פאַר איר חסד, איצט, ווען די הערשנדיקע קרייזן פון אַלע לענדער זענען דורך דער פּרעסע און זייערע אַגענטן גענוג אינפאָרמירט וועגן די פאַקטישע פאַרהעלטענישן: צוואָס דידאָזיקע נישט-ווערדיקע פאַרמעסטונג מיט דעם באַנאַלסטן, ליגנערישסטן, אפילו פאַר דער בירגערלעכער דיפּלאָמאַטיע שוין פאַרעלטערטן עטיקעט? און גראָד די-יעניקע רעגירונג, וועלכע גייט כלומרשט אַרויס אין איר גאַנצער פּאָליטיק פון מאַרקסיסטישע שטאַנדפּונקטן, וויל איינרעדן, אַז דאָס אַלץ איז נויטווענדיק, כדי צו שטאַרקן רוסלאַנדס פּאָזיציע, אַז די מלוכות און געשעפטסקרייזן, וועלכע שליסן מיט רוסלאַנד אָפּמאַכן, טוען דאָס דערפאַר, ווייל רוסלאַנדס פאָרשטייערס באַווייזן דורך איינאָרדנען מיטאָקן, אַז אויך אין אַ הונגערנדיקן „אָפּגעשטאַנענעם" לאַנד איז דאָ אַן עליטע און אַ רעגירונג, וועלכע פאַרשטייען זיך אויף גוטע מיטאָקן און קענען אויסגעצייכנט נאָכמאַלפּעווען די מאָדע.

היות אויך אין דער דיפּלאָמאַטיע ווערט אַלץ צענטראַליזירט און די עלטערע רעוואָלוציאָנערע ראַטנדיפּלאָמאַטן ווערן פאַרביטן דורך נייע, דורך אויפגעקומענע פון דער רעוואָלוציע, איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויף דעם רעפּרעזענטאַטיוועסטן אָרט פאַר ראַטנרוסלאַנד שעמט מען זיך אָפּט

צו זיין אַ פֿאָרשטייער פֿון אַרבעטנדיקע און געקוועלטע קלאַסן, און מען טוט אַלץ, כדי די בירגערלעכע זאָלן פֿאַרגעסן דעם רעוואָלוציאָנערן, פּראָלעטאַרישן אורשפּרונג פֿון דער פּאַרטראַטענער אינסטיטוציע. גיט נאָר אַ טראַכט, סאַראַ קרבנות דאָס רוסישע פֿאָלק האָט געבראַכט, כדי צו געבן אַ ביישפּיל דעם מערב-אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט! די עיקרדיקע בייז באַשטייט גראָד אין דעם, וואָס מען לייגט לגמרי נישט קיין אַכט אויף די מאַסן. אָבער די מאַסן ווערן פֿול מיט אַ טיפֿן עקל-געפֿיל; אַזוי איז געווען אינם פֿאַל מיטן מוסאָליני-מיטאָק. ווער קען דען באַגרייפֿן דעם צאָרן, דעם עקל, וועלכע די געפּייניקטע איטאַליענישע מאַסן שפּירן צו ראַטנרוסלאַנד, ווי טיף זיי זעבען פֿאַרווונדעט און אַנטוישט דורכדעם, וואָס גראָד פֿון יענעם אָרט ווערן זיי איבערגעגעבנטפֿערט דעם שענדער פֿון סאָציאַליזם;

דאָס, וואָס האָט מיך געשטויסן איך זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעטסגעמיינשאַפֿט מיט די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט גאָרנישט צו טאָן נישט מיט קאָמוניזם און נישט מיט דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, אדרבה: דאָס שטייט אין סתּירה צו זיי; דאָס איז יענס בייז, וואָס האָט געפֿונען זיין קולמינאַציע-פּונקט אין דער פֿריינטלעכקייט לגבי מוסאָליני. איך מוז אָפֿן מודה זיין, אַז ווען איך זאָל נישט געוועזט האָבן קיין שום אַנדערע סיבה איבערצורייסן מיט די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווען אַלץ, וואָס איך האָב געליטן און וואָס איך וועל נאָך האָבן צו ליידן פֿון דאָזיקן ברוך מיט זיי, וואָלט נאָך געווען טויזנטמאָל פֿיינלעכער און שמערצלעכער, ווי דאָס איז צום גליק אין דער ווירקלעכקייט, — וואָלט דערדאָזיקער איינציקער מיטאָק געווען גענוג פֿאַר מיר, כדי איך זאָל בענטשן דעם טאָג, אין וועלכן איך האָב איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פֿאַרן דאָזיקן גרויסן גליק און פֿאַרן באַוווּסטזיין, אַז איך פֿאַרדין ווי פֿריער דעם צוטרוי פֿון די מאַסן און איך קען אָפֿן קוקן אין די אויגן די איטאַליענישע פּראָלעטאַריער, בין איך זיך אַליין מקנא.

• •

•

ווען איך האָב אין דער פריער יוגנט פאַרלאָזן די פּריווילעגיעס און די סביבה, אין וועלכער איך בין געבאָרן געוואָרן, כדי צו קעמפן פאַר מיין רע-וואָלוציאָנערער איבערצייגונג, בין איך געווען גליקלעך; דאָפּלט גליקלעך בין איך איצט, ווען איך בין צום צווייטן מאָל אריינ-געטראָטן אין קאַמף פאַר דערזעלבער איבערצייגונג.

געוויס איז אומענדלעך שווערער צו פאַרלאָזן אַ רעוואָ-לוציאָנער פאָטערלאַנד, ווי אַזאַ, וואָס מען האָט אָן אויפהער געשטרעבט צו באַפרייען פון די צאַריסטישע קייטן נישט נאָר מיט בענקנדיקע ווונשן, ווי אַ סביבה, וועלכע מען האָט פון תמיד אָן פיינט געהאַט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס ערשטע מאָל האָב איך פאַרלאָזן רוסלאַנד אַלס יונג, אומדער-פאַרן וועזן, אָבער דאָס צווייטע מאָל אַלס באַיאָרטער, דורך אַ סך דערפאַרונגען באַלאַסטעטער מענטש, איז פונדעסטוועגן מיין שטעלונג געבליבן דיזעלבע: פאָלגן נאָר דער שטימע פון גע-וויסן, געטריי בלייבן נאָר זיך אַליין. היינט אָבער רעדט צו מיר מיין געוויסן נאָך העכער ווי מיט 25 יאָר צוריק. צו יענער צייט האָב איך געקענט שטעלן אין דינסט פון עקספּלואַטירטע קלאַסן בלויז מיין איבערגעגעבנקייט, מיין גליענדיקן פּראָטעסט קעגן אומגלייכקייט און אומגערעכטיקייט, היינט אָבער קען איך אויך דינען מיט דער דערפאַרונג פון אַ לעבן, וואָס איז פאַר-בראַכט געוואָרן אין קאַמף פאַר אמת און רעכט. ווען איך האָב פאַרלאָזן ראַטנרוסלאַנד, פאָלגנדיק בלויז דער שטימע פון מיין סאָציאַליסטישן געוויסן, און מוותּר זייענדיק אויפן אָרעאָל און דעם אויטאָריטעט, וועלכע האָבן דאָרט אַרומגערינגלט מיין נאָמען, און האָב אָנגעהויבן צו פירן אַ ניי לעבן, ד. ה. איך האָב אָנגעהויבן פונסניי דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און פאַרן סאָציאַליזם, האָב איך מיט אים דורכגעלעבט ממש אַ האָניק-חודש, און איך לעב אים נאָך אויך איצט איבער.

* *
*

איידער איך האָב ענדגילטיק פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערקענען יענע זייט פון רוסלאַנדס לעבן, וואָס האָט מיך תמיד אַממיינסטן אינטערעסירט: דעם איינ-

פלוס, וואָס די רעוואָלוציע, דער נייער רעזשים האָבן געהאַט אויף דאָס פּסיכישע, קודם כל אויף דאָס רעליגיעזע געפיל פון די מאַסן. צום דאָזיקן צוועק האָב א־ך געאַרבעט אין אַ קליינער אָפּטיילונג פון אַ קליינעם קאָמיסאַריאַט, וואָס זיינע באַזוכער האָבן נישט געוווּסט, ווער איך בין.

אין דער קורצער צייט, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין דירעקטער באַרירונג מיט די דאָרפישע שלוחים אויף צו דער־ליידיקן קירכלעכע ענינים און מיט גייסטלעכע און מאָנאַכן און דעסגלייכן, האָב איך אַ סך מער געלערנט, ווי ווען איך וואָלט יאָרנלאַנג געזעסן אויף אַ חשובן אַמט. דאָרט האָב איך באַ־קומען אַ אָנשוילעכן אונטעררירכט וועגן דעם, ווי ווייט עס גרייכט די מענטשלעכע צופּאַסונגס־פעאיקייט, ווי צביעותדיק עס איז די האַלטונג פון דער אָפיציעלער קירכע און ווי לייכט עס וואָלט געווען צו באַפרייען פון דעם אַזויגערופענעם גלויבן אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נישט געבויט אויף קלאַסנהערשאַפט און וואָס איז אימשטאַנד צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די מאַסן נאָך ברויט און וויסן. — — —

* *

*

„חברטע באַלאַבאַנאָוו", האָט מיר איינמאָל געזאָגט אַ חבר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון ראַטנ־רוסלאַנד אין אויסלאַנד, „אפשר וואָלט איר וועלן אַרבעטן מיט מיר אין אויסלאַנד?" — „געוויס וואָלט איך דאָס וועלן, און גראָד אייער אָפּטיילונג, די אַרבעט אין קאָמיסאַריאַט פאַר אוי־סערלעכע ענינים, וועט מיך זייער אינטערעסירן". —„יאָ, אָבער וועלכן אַמט דאַרף איך אייך פאָרלייגן?" — „אַן אַמט? דאָס איז מיר אַלצאיינס. אַבי האָבן די מעגלעכקייט נוצלעך צו זיין דער ראַטנרעפּובליק". —

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך זיך צופעליק דער־וווּסט, אַז דער אויבנדערמאָנטער חבר, אָנקומענדיק אויף זיין באַשטימונגסאָרט, האָט געשריבן צו די באַטרעפנדיקע אינסטאַנצן אין מאָסקווע, אָבער דער אָנפרעג איז ערגיץ־ווו געבליבן שטעקן. „איך ווייס נישט פאַרוואָס", האָט געזאָגט דער נישט־איינפאָר־מירטער חבר, „אָבער ווי עס שיינט וויל מען די פראַגע בכלל

נישט באהאנדלען". ווי געוויינלעך בין איך אוועק צו לענינען, אן הקדמות און דערקלערונגען וועל איך תיכף פארשטיין פון זיין בליק, ווו עס האלט אין דער וועלט דידאזיקע אנגע-לעגנהייט.

„אפשר דערמאנט איר זיך, וולאדימיר איליאיטש, צי דער צענטראל-קאמיטעט האט באהאנדלט דעם אנפרעג וועגן מיין מיטארבעט מיטן חבר מ. אין סקאנדינאוויע ?"

„איך געדענק באמת נישט, אבער איך וועל זיך טעלע-פאניש דערוויסן און די זאך צואיילן. ווילט איר באמת דארט אריבערפארן ? ווי מיינט איר, אייער נאמען וועט נישט אויפ-וועקן דעם חשד, אז אונזערע האנדלספארטרעטונגען פירן פרא-פאגאנדע ?"

„איך גלויב עס נישט. שוין גאנצע יארן ווי מיין נאמען ווערט מער נישט דערמאנט אין דער פרעסע, חוצדעם זענען די קעגנער צו גוט אינפארמירט וועגן אונזערע אינערלעכע אנגעלעגנהייטן". —

„נו גוט. איך וועל טעלעפאנירן צו א סעקרעטאר. זאגט נאר, חברטע באלאבאנאוו, איר וואלט געשריבן א בראשור קעגן סערראטין ?"

„איך קעגן סערראטין ? צוואס ? איך בין מסכים מיט זיין שטאנדפונקט. אבער איר, חבר לענין..."

עס איז מיר קלאר געווארן, אז מען וועט מיין רייזע נישט באשטעטיקן, און איך בין לענינען דאנקבאר געווען פאר זיין ווונק. ווי תמיד האט ער אויך דאן אפגעטיילט דאס פא-ליטישע פון פערזענלעכן, אונטערוואַרפנדיק דאס צווייטע דעם ערשטן. ווי גערן ער האט נישט געוואלט דערפילן מיין ווונש, האט ער דאך קודם כל געוואלט וויסן, צי פון מיין רייזע קען מען ארויסציען נוצן פאר א קאמפאניע, וואס איז, לויט זיין מיינונג, געווען נוצלעך פאר דער זאך.

ווען איך בין אין איניקע טעג ארום דערשינען אין סע-קרעטאריאט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, כדי אפצונעמען דעם אפיציעלן ענטפער, האב איך זיך זעלבסטפארשטענדלעך אנגעשטויסן אויף א גאנץ אנדערע באהאנדלונג. אין פארצימער האט מען פיבערהאפט געזוכט טעלעפאניש זינאוויעוון, דערבי-

האָט מען מיר געוואָלט אָנזעטיקן מיט די אונטערטעניקסטע אַנטשולדיקונגען און אויסריידן. ענדלעך איז דער שמועס געווען פאַרענדיקט: „דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אייער נסיעה קיין אויסלאַנד און נעמלעך צוליב אייער שטעלונג אין דער איטאַליענישער פראַגע", האָט מיר דערקלערט דער אַמטירנדיקער סעקרעטאַר.

„מיר איז אפילו נישט גאַנץ קלאָר די שייכות צווישן מיין שטעלונג אין דער איטאַליענישער פראַגע און מיין רעכט צו אַרבעטן פאַר דער ראַטנרעפּובליק, אָבער דאָס גייט זעלבסט-פאַרשטענדלעך אָן דעם צענטראַל-קאָמיטעט. איך וואַרף זיך אונטער זיין באַשלוס. אָבער פריוואַט, אויף פערזענלעכער אחריות און אָן קיין שום באַפולמעכטיקונגען בעט איך דעם צענטראַל-קאָמיטעט, ער זאָל מיר לאָזן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד", האָב איך געענטפערט.

„טוט איר דאָס צוליב געזונדהייטס-פראַגן? אין דאָזיקן פאַל וועט דער צענטראַל-קאָמיטעט זעלבסטפאַרשטענדלעך..."

„מיין געזונט האָט מיטן גאַנצן ענין גאָרנישט צו טאָן. שוין מער ווי צוואַנציק יאָר בין איך אין דער באַוועגונג און אין אויסלאַנד בין איך פריער טעטיק געווען ווי אין רוסלאַנד; האָב איך דעריבער דאָס רעכט אויך איצט זיך אומצוקערן צוריק קיין אויסלאַנד".

„יאָ, אָבער דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך. איר זענט אַזאַ אויסגעצייכנטער מיטגליד פון דער פאַרטיי. מיר קענען נישט אַזוי לייכט מוותר זיין אויף אייער מיטאַרבעט; מיר וואָלטן גיכער גרייט געווען אייך איבערצוגעבן אַ זייער רייכן אַרבעטס-געביט: אָנפירן מיט דער אַגיטאַציע אין גאַנצן לאַנד".

„איך באַשטיי אויף מיין פאָדערונג צו פאָרן קיין אויסלאַנד. אויב איר ווילט, וועל איך דערקלערן שריפטלעך, אַז איך טו דאָס אויף אייגענער אחריות".

אין שריפטלעכן באַשלוס, וועלכן איך האָב באַקומען פון צענטראַל-קאָמיטעט, האָב איך דורכגעלייענט, אַז עס איז מיר דערלויבט צו פאָרן קיין שוועדן, אָבער פון דער צווייטער זייט גיט מען מיר אָנצוהערן, איך זאָל נישט ברענגען צום אויסדרוק מיינע מיינונגען אין דער איטאַליענישער פראַגע.

אין טאָג פון מיין אָפּרייזן האָט מען מיר מיטגעטיילט,

אַז חבר לענין האָט מיר טעלעפאָניש אַרויסגערופן. היות חי־ יעדער „פאַרדינסטפולער" חבר, וועלכער פלעגט פאָרן קיין אויס־ לאַנד, פלעגט באַקומען אַ סומע געלט, האָב איך זיך אָנגע־ שטויסן, אַז חבר לענין וויל רעדן מיט מיר אין דערדאָזיקער אָנגעלעגנהייט. כּדי זיך אָפּצוזאָגן פונם געלט, נישט פאַרשווענדנ־ דיק דערבײַ זײַן צײַט אויף דערקלערונגען און איבעררײדונגען, האָב איך באַשלאָסן מער נישט ריידן מיט אים פאַר מײַן אָפּ־ פאָר. דאַקעגן האָב איך טעלעפאָנירט צו זײַן סעקרעטאַרין אין אַ צײַט, ווען לענין אַליין איז נישט געווען. „ווייסט איר אפשר, חברטע, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט מיר געוואָלט זאָגן?" — „ער האָט אײַך געוואָלט פרעגן, צי קען ער אײַך נישט מיט וואָס בײַהילפיק זײַן בײַ אײַער אָפּפאָר". — — —

אומגעפער אין אַ יאָר צוויי אַרום נאָך מײַן אָפּפאָר פון רוסלאַנד, ווען איך האָב ווידער אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דער איטאַליענישער פּאַרטיי־פרעסע, האָט מען מיר מיטגעטיילט פון דער ראַטנאַמבאַסאַדע אין ווין, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פרעגט זיך נאָך וועגן מײַן געזונט־צושטאַנד.

„איצט, מיט איינמאָל?" האָב איך דערשטוינט געפרעגט דעם אַמבאַסאַדאָר פון דער ראַטנרעפּובליק, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן דעם אָנפרעג. — „די תשובה איז נישט אַזוי אײַליק, מיר וועלן זיך אפשר זען, ווען מיר וועט גיין אַביסל בעסער. היינט בין איך צו קראַנק דערצו". — „איצט וועט שוין גיין בעסער. איר וועט זיך אויסרוען אין אַ סאַנאַטאָריע. דער פּאַרטיי־קאָמיטעט שיקט אײַך דערצו די מיטלען". — כ׳בעט אײַך, שיקט תּיכּף־ומיד אָפּ צוריק דאָס געלט". —

איך האָב תּיכּף אַוועקגעשריבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט קיין מאָסקווע, אַז ס׳איז מיר שוין גענוג שווער צו לעבן אַלס פּאַראַזיט אין דעם זין, וואָס איך באַטייליק זיך נישט אין דער באַוועגונג, אָבער צום דאָזיקן פּאַראַזיטיזם וויל איך נישט צו־ געבן נאָך אַ צווייטן: לעבן אויפן חשבון פון דער פּאַרטיי אָדער פון דער מלוכה. איך האָב טעלעפאָניש פאַראָרדנט, אַז דאָס געלט זאָל מען דעמזעלבן טאָג אָפּשיקן צוריק קיין מאָסקווע. גלײַך נאָך דעם האָט מען מיך טעלעגראַפיש אַרויסגעפאָדערט קיין מאָסקווע, כּדי אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן עפּעס, וואָס

איז פון מיר אָדער וועגן מיר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. איך האָב געענטפערט, אַז צוליבן דאָזיקן צוועק האָב איך נישט קיין שום גרונט צו פאָרן קיין מאָסקווע. זייט 1920 האָב איך אָפטמאָל דערקלערט, אַז די איצטיקע אָנפירונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט; ביי דערדאָזיקער באַהויפּטונג בין איך געבליבן אויך איצט. איצט, ווען די סיטואַציע אין איטאַליע איז געוואָרן אַלץ טראַגישער און דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען באַזיגט און פאַרחוזקט, האָב איך זיך באַזונדערס ענערגיש געשטעלט אויף דער זייט פון אי־טאַליעס סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע פאַרקערפּערט מיט זיך די רומרייכע פאַרגאַנגענהייט, די אידעאָלאָגיע און מעטאָדן פון דעם רעוואָלוציאָנערן איטאַליענישן סאָציאַליזם און אַרום וועמעס פאָן עס וועט זיך זאַמלען די איטאַליענישע רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג פאַר איר תּחית־המתים. —

אומגעפער אין 15 חדשים נאָכדעם ווי איך האָב געשריבן דעמדאָזיקן בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָב איך זיך דערוווּסט פון דער צייטונג, אַז מען האָט מיר אויסגעשלאָסן פון דער פּאַר־טיי, ווייל איך בין אַריבערגעגאַנגען צו דער איטאַליענישער קאָנטער־רעוואָלוציע, ווייל איך אַרבעט אין פּאַשיסטנפרייַנטלעכן „אוואַנטי" און דאָסגלייכן...

* *
*

די שטימונג, וועלכע הערשט היינט אין דער פּראָלעטאַ־רישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אַ טראַגישע ענלעכקייט מיט יענער, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן ביי די מאַסן דורכן צו־זאַמענברוך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל...ביידע אינטערנאַ־ציאָנאַלן האָבן שרעקלעך אַנטוישט דעם צוטרוי און די דער־וואַרטונגען פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. די־יעניקע, וועלכע פאַרבלייבן אין זייערע רייען, טוען דאָס פון רעזיגנאַציע, פון אָפּאָרטוניזם.

יעדער פון דיביידע אינטערנאַציאָנאַלן, וועלכע האָבן געזאָלט פירן די מאַסן צום זיג דורכן סאָציאַליזם, לעבט פון די פעלערן און די פאַרנאַכלעסיקונגען, וועלכע דער צווייטער באַגייט לגבי דעם פּראָלעטאַריאַט. דער גרעסטער טייל פון פּראָלעטאַריאַט שטייט אנטוישט און ענטמוטיקט אין א זייט פון אַלע פּאַרטייען...

צימערוואַלדס ערשטער פאַרדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, צו ווייזן די מאַסן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף ניש ט זיין. דיזעלבע פּליכט דערפילן היינט די־יעניקע פּאַרטייען און איינצלנע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען טריי געבליבן דער רעוואָלוציע, און דוקא דערפאַר, ווייל זיי ווילן שיצן דעם עמאַנסיפּאַציע־קאַמף פון די באַרויבטע פאַר פאַרקריפּלונגען און דעגענעראַציע, קענען זיי זיך נישט אָנשליסן אָן קיין איינעם פון די עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן אָדער זיי ווערן געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן פון זיי און פירן ווייטער דעם קאַמף פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם מחוץ פון זייערע ראַמען.

דער גרויסער פאַרדינסט פון קיענטאַל איז באַשטאַנען אין באַווייזן די געפייניקטע פעלקער, אז אין בלוטיקן וועט־קאַמף קענען נישט זיין קיין שום זיגער און קיין שום באַזיגטע, נאָר בלויז עקספּלואַטירטע, מיט בלוט אָפּגייענדיקע, באַזיגטע פּראָלעטאַריער. היינט דאַרף מען זאָגן מיר צו די פּראָלעטאַריער, וועלכע קוקן זיך צו, צעוואָרפן און אַנטמוטיקט, צו די קאַמפן פון די פירער פון ביידע אינטערנאַציאָנאַלן: צווישן די צוויי שטרייטגרופּעס, וועלכע שפּאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס, זענען נישטאָ קיין באַזיגטע און קיין זיגער. בלויז דער פּראָלעטאַריאַט פאַרלירט די כּחות און ווערט באַזיגט דורכן דאָזיקן ברודער־קאַמף.

דער פּראָלעטאַריאַט מוז, — דורך ווידער־באַלעבן דעם סאָציאַליזם, — באַקומען דעם ווילן און די מאַכט צו פאַראייניקן זיך, און מיט פאַראייניקטע כּחות ווייטער אַוועקמאַרשירן אויפן וועג צו זיין ענטגילטיקער באַפרייאונג.

דער גייסט פון סאָציאַליזם איז נישט טויט. ער קען נישט שטאַרבן. אין דאָזיקן גליענדיקן גלויבן האָב איך

אין דידאַקיקע שורות ווידער דורכגעלעבט די יאָרן פון קאַמף, וואָס וועט פירן איבער צימערוואַלד צו אַ נייער אויפלעבונג און פאַראייניקונג פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט אונטער דער פאָן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

* * *

איידער איך גיב איבער דעם לייענער דידאַקיקע אַזוי שטאַרק ווידער דורכגעלעבטע שורות, לייען איך זיי נאָכאַמאָל איבער און כ'קום צו דער ערלעכער איבערצייגונג, אַז כ'בין טריי געבליבן מיין כוונה: איך האָב דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען דעם ריינעם אמת, נישט אַרויפלייגנדיק אויף זיך דעם מינדסטן צוואַנג.

ווען איך בין צוגעטראָטן צו מיין אַרבעט, איז אין מיר אויפגעשווומען די פראַגע, פאַר וועמען אייגנטלעך שרייב איך. יאָרנלאַנג אַלס סאָציאַליסטישע רעדנערין באַשטרעבט מיטצוטיילן די מאַסן מיינע עמפינדונגען און געדאַנקען, כדי זיי צו דערנענטערן צום סאָציאַליזם, בין איך געוווינט צו האָבן פאַר זיך אַ סאָציאַל און פסיכאָלאָגיש קאָנקרעטע צוהערערשאַפט.

דאָסדאָזיקע בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ האַלבן מענטשנדור און אַ גאַנצן מענטשנלעבן, האָב איך אָנגעשריבן אין אייניקע חדשים, נישט באַפרייענדיק זיך פון מיין איצטיקער סביבה און פון מיינע פאַרשידנאַרטיקע באַשעפטיקונגען. איך האָב אויך געוואָלט איבערלאָזן די אידייען־אַסאָציאַציעס זייער נאַטירלעכן גאַנג. וואָס עס איז שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זכרון זאָל נישט אָפּגעפרישט ווערן דורך אַ קינסטלעכער איזאָלירונג און קאָנצענטרירונג, אויך זאָל נישט געלייגט ווערן קיין אכט אויף דעם, דווקא איבערצוגעבן אַלץ אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר אָדער אויסצורעכענען אַ ל ע וויכטיקע איבערלעבונגען. אָבער נישט געקוקט אויף דעם ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב קודם כל געשריבן פאַר מיינע היינטיקע און מאָרגנדיקע חברים־לדעה. די דיסטאַנץ, אויף וועלכער איך לעב אויסערלעך און אינערלעך פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, איז אויך געקומען צום אויסדרוק ביים איבערלעבן ווידער מיינע פאַרגאַנגענע טעג.

רעם בירגערלעכן לייענער וועט ווארשיינלעך פעלן אין דערדאָזיקער אַרבעט יענץ סענסאַציאָנעלע, וואָס נאָר דאָס אַליין זוכט ער אין די „איבערלעבונגען" פון אַ רעוואָלוציאָנערין; ס'קען זיין, אַז ער וועט אויך אַנטוישט זיין דערפון, וואָס אין דאָזיקן בוך, וואָס איז דורך און דורכגעלעבט געוואָרן, געפינט מען נישט קיין באַשטעטיקונג פון דעם, וואָס די קעגנער פון סאָציאַליזם האָבן אַזוי ליב צו לייענען וועגן ראַטנרוסלאַנד. די קריטיק פון איינצלנע פערזאָנען און אינסטיטוציעס—ווי באַשטימענדיק זיי זאָלן נישט זיין אין איצטיקן מאָמענט פאַרן לאַנד — האָבן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע אַלס אַזעלכער אַ גאָר קנאַפּע שייכות.

עס איז געווען אַ צייט, ווען פיינט און פריינט פון סאָציאַליזם פלעגן אידענטיפיצירן יעדע קריטיק איבער יעדן פּרט וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד אָדער אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט דער שטעלונג צו ראַטנרוסלאַנד גופא. ד י ד אָ ז י ק ע צ י י ט ל י ג ט ש ו י ן פ ו ן ל אַ נ ג ה י נ ט ע ר א ו נ ז. די קלאַסנבאַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע לענדער, וואָס זענען טריי-געבליבן דער אידייע פון ראַטנרוסלאַנד, ווייסן פאַרוואָס זיי טוען דאָס. פון זייער שטעלונג וועט זיי נישט אָפּהאַלטן אפילו די זעלבסטמערדערישע טאַקטיק פון די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם. דידאָזיקע טאַקטיק האָט געגעבן דעם גרעסטן צושטייער דערצו, וואָס די מאַסן מאַכן אַ טיפן, נישט צו פאַרשטענדיקן אונטערשייד צווישן זייער שטעלונג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ד. ה. צו דער העלדישער מרידה פון די רוסישע מאַסן און דעם אָפיציעלן קאָמוניזם. אויב עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין נאָמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרשווייגן אַ סך זאַכן וועגן אירע פירער, האָט שוין אָבער פון לאַנג געשלאָגן די שעה, ווען דאָסדאָזיקע פאַרשווייגן שטייט אין סתירה צו די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

אָפּשליסנדיק מיינע דאָזיקע דערינערונגען, טראַכט איך נישט-ווילנדיק און אָן אויפהער וועגן די ווערטער, מיט וועלכע דער גרויסער דיכטער און דענקער ד ז ש י אַ ק אָ מ אָ ל ע אָ פּ אַ ר ד י האָט אָנגעהויבן איין טייל פון זיינע אמת-זוכנדיקע,

זעלבסט-צעפליישנדיקע באטראכטונגען: „כ'האב זיך לאנג גע-ווערט קעגן דעם, צו זאגן וועגן די מענטשן דאס, וואס איך האב בדעה ווייטער צו זאגן". איך בין גליקלעך, וואס איך קען נישט מסכים זיין מיטן געניאלן פעסימיסט גראד אין זיין דאזיקער באהויפטונג. יעדנפאלס האב איך על פי-רוב געהאט צו טאן מיט דער עליטע פון דער מענטשהייט, ד. ה. מיט די-יעניקע, וואס שטייען שוין דורכדעם אליין הימלהויך אי-בער דעם דורכשניט פון דער בירגערלעכער וועלט, וואס זיי האבן געמאכט פאר זייער לעבנסצוועק די אפשאפונג פון קא-פיטאליזם. פון דער צווייטער זייט האב איך זיך אין מיין לעבן כמעט נישט אנגעשטויסן אויף קיין איין געמיינהייט אדער פחדנות, וואס זאלן נישט זיין קיין באגלייט-דערשיינונג אדער איבערבלייבעניש פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפטס-ארדנונג.

אויך אין רוסלאנד האנדלט זיך סוף-כל-סוף וועגן דעם, וואס די רעוואלוציאנערע מלוכה, כדי צו קענען אויסקומען מיט די בירגערלעכע מלוכות, איז געווען געצוווּנגען צו באַ-נוצן מיטלען, וואס זענען געלעגן אין דער טבע פון דער בירגערלעכער געזעלשאפטסארדנונג און איר אידעאלאגיע, און וואס נישט איין פירער איז געווען צו שוואך און צו פיל באאיינ-פלוסט פון דער בירגערלעכער אידעאלאגיע, כדי ער זאל זיין בכח ביישטיין דעם נסיון פון באדינען זיך מיט ענלע-כע מיטלען צוליב זאכלעכע און פערזענלעכע צוועקן, וועלכע וואלטן אנדערש נישט געקענט דערגרייכט ווערן. אויך דאס איז אן איבעריקער גרונד דערצו, וואס דאס אויפדעקן די אפווייכונגען פון סאציאליזם, אויף וועלכע איך האב זיך אנ-געשטויסן ביי אזויפיל, האט מיר נישט געקאסט קיין שום ווייטערדיקע אנשטרענגונגען. גראד די געשעענישן פון די לעצטע יארן האבן מיך געשטארקט אין דער אויפפאסונג, אז עס איז דא נאר איין וועג, וואס פירט צום סאציאליזם און דאס איז דער וועג פון אמת. דורך דער בענק-שאפט פון די אומציילבארע, דורך דעם זוכן, טאפן און קעמפן פון פראלעטארישן אוואנגארד וועלן די צוקונפטיקע דורות — נישט געקוקט אויף די פעלערן און שוואכקייטן פון די איינצל-נע — (געפירט דורכן שטערן פון אמת, שטרעבנדיק נאכן אמת) געפינען דעם וועג צום פעלקער- און מענטשנבאפרייענ-דיקן סאציאליזם.

# נאָכוואָרט

ווען איך האָב זיך אין 1920 געפילט געצווונגען ענט־גילטיק איבערצורייסן מיין אַרבעט אין קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, האָב איך דאָס געטאָן צוליב דער איבערצייגונג, אַז די דורך אים באַנוצטע מעטאָדן מוזן זיך שווער נוקם זיין אין די אַרבעטנדיקע מאַסן פון מערב־אייראָפּע און פון רוסלאַנד, אַז זיי זענען עלול צו ברענגען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַ שאָדן, וואָס לאָזט זיך נישט גוטמאַכן. דער שטורמישער טעמפּ, מיט וועלכן דידאָזיקע נקמה איז גע־קומען אין אַלע לענדער אויף אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, דער פּאַקט, וואָס גאַנצע פּאַרטייען — און נישט נאָר אַ ריי אחריותפולע רעוואָלוציאָנערן — זענען געצווונגען געווען אָנצונעמען דעמזעלבן באַשלוס, וואָס איך, און נאָך אַ סך אַנ־דערע זאַכן, וואָס האָט די טראַגעדיע, וועלכע האָט מיך גע־שטויסן צום וואָגיקן באַשלוס, פּאַרוואַנדלט אין אַ קאָלעקטיווע: דאָס אַלץ און אויך די איבעריקע געשעענישן זייט דעם אָפּשלוס פון מיינע „דערינערונגען" האָבן אויף אַזוי ווייט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון מיין שטעלונג, אַז איך האַלט, דאָס איך וואָלט געזינדיקט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, קעגן מיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן, קעגן מיין רעוואָלוציאָנערער פּאַרגאַנגענהייט, ווען איך וואָלט נישט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן מיר און די אויבנגעבראַכטע מעטאָדן שוין אין יאָר 1920...

אַ סך פּאַקטן און ניואַנסן, וועלכע דער נישט־אויפמערק־זאַמער, נישט־אינפאָרמירטער באַאָבאַכטער באַמערקט נישט, ווען זיי האָבן אַ ערנסטן הינטערגרונט, ציען אויף זיך די אויפ־

מערקזאַמקייט אויך פֿון נישט-אינפֿאָרמירטן, ווען זיי באַקומען אַ קאָמישע באַפֿאַרבונג. מיר, מאַרקסיסטן, האָבן זייער אָפֿט געלייענט און ציטירט מאַרקס' שאַרפֿע פֿעסטשטעלונג, אַז אַ סך זאַכן, וואָס אַנטפּלעקן זיך צוערשט אַלס טראַגעדיע, ווייזן זיך אַרויס ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און ביים איבערחזרן זיך אַלס פֿאַרס. זינאָוויעווס לעכערלעכער גורל דערמאָנט אין דעם איטאַליענישן שפּריכוואָרט: „גאָט וואַרט נישט אויפֿן טערמין פֿון צאָלונג", ד. ה. ביי געוויסע אומשטענדן קענען פֿאַרגעלטונג און נקמה קומען אַ סך פֿריער, ווי מען נעמט אָן אין אונזער צו גערעכטיקייט נישט שטאַרק צוגעוווינטער וועלט. די „גערעכטיקייט" באַשטייט אין דאָזיקן פֿאַל נישט נאָר אין דעם, וואָס דער פֿאָרזיצער פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן דורך דיזעלבע מעטאָדן און ווערקצייג, וועלכע ער האָט געשאַפֿן און דורך וועלכע ער האָט באַזייטיקט אומצייליקע קרבנות פֿון זיין קאַריעריזם, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער דערשיינט ענדלעך אין דער געהעריקער ליכט — נעבעכדיק לעכערלעך! עס איז גענוג צו לייענען אין אַ אָפֿיציעלער קאָמוניסטישער צייטונג, וואָס זיינע חברים, זיינע געוועזענע אַגענטן און אונטערלעקער זאָגן און שרייבן וועגן אים היינט, ווען ער איז — טיילווייז צוליב זייער פֿאַרראַט — אַראָפּגעזעצט פֿון טראָן, דעמאַסקירט, דערנידעריקט, אויסגעלאַכט, באַזייטיקט פֿון דער מאַכט. עס איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם — אויך דאָס קען מען לייענען אין די קאָמוניסטישע צייטונגען, — אַז די רוסישע אַרבעטער באַגעגענען אים נאָך זיין מפּלה, — ווען עס איז זיי דערלויבט געוואָרן אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג, — אָנשטאָט מיט „בראַוואָ-פּאַשטערייען, וואָס ווילן קיין סוף נישט נעמען", מיטן אויסגעשריי: „ווו ביסטו געווען אין די אָקטאָבער-טעג?" „מיר בויטיקן זיך נישט אין קיין פּחדנים", „נידער מיט די פּאַרטייִשפּאַלטער" און ענלעכעס. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך האַנדלט זיך דאָ פֿאַר אונז נישט אין אים, נאָר אין די מעטאָדן, וועלכע עס שפּיגלט אָפּ זיין אַנטוויקלונג און וועלכע האָבן אין רוסישן און אין אַ גרויסער טייל פֿון מערב-אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט צעטרייסלט דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציע, אין דער היסטאָרישער מיסיע פֿון אַרבעטערקלאַס.

אַ פּאַרטיי מאַכט דעם געוואַגטן, נאָך קיינמאָל נישט
געמאַכטן פּרווו צו באַפרייען דעם גורל פון פאָלק און פון איר
לאַנד פון ווילקיר פון דער מינדערהייט, וואָס באַזיצט די פּראָ-
דוקציע-מיטלען און די פּאָליטישע מאַכט, און זיי אונטערוואַרפן
יענער געזעצמעסיקייט, וואָס אַנטשפּרעכט דער אָביעקטיווער
אַנטוויקלונגס-טענדענץ פון די געזעלשאַפטלעכע כּחות. דאָס
פאָלק, דער אונטערדריקטער קלאַס איז מסכּים אויפן דאָזיקן
פּרווו, די חששים, וואָס לעבן אין אים אין פאַרבאָרגענעם צושטאַנד
איז ער גובר, ווייל די-יעניקע, וועלכע מונטערן עס אויף צום
פּרווו, גיבן אים אַ גאַראַנטיע, אַז אַלץ, וואָס וועט
קומען, מוז קומען אין די אינטערעסן פון די אידעאַלן, פאַר
וועלכע עס ווערט אָנגעהויבן דער געמיינזאַמער קאַמף. דערביי
האַנדלט זיך, נאַטירלעך, ביי אַזאַ גרויסער פאָלקס-מרידה אין
אַ ריזנלאַנד ווי רוסלאַנד נישט אין אַ צוטרוי וואָס באַזירט אויף פּערזענ-
לעכן וויסן, נאָר אין אַ אינסטינקטיוון, קאָלעקטיוון צוטרוי, אַז
די-יעניקע, וועלכע האָבן אַזוי לאַנג און בלוטיק געקעמפט, כּדי
צו פאַרניכטן די ווילקיר-הערשאַפט — און אונטער דערדאָזיקער
הערשאַפט האָט דאָך דאָס רוסישע פאָלק אַממייסטן געליטן, —
וועלן נישט אַרויפגיין אויף דיזעלבע רעלסן. און אויך די-יע-
ניקע, וואָס האָבן נישט דעם מינדסטן באַגריף וועגן קאָנקרעטן
אינהאַלט פון די מאַרקסיסטישע אָדער באָלשעוויסטישע פּרינ-
ציפּן, אין וועמעס נאָמען מען האָט זיי אויפגעפאָדערט צו מאַכן
די איבערקערעניש, פילן, אַז זיי מוזן נעמען אויף זיך אומ-
געהייערע ליידן פון קוועלערייען: זיי האָבן צוטרוי, אַז נישט
די אינטערעסן און מיינונגען פון איינצלנע וועלן אָנפירן מיטן
גורל פון לאַנד, נאָר קאָלעקטיווע פּרינציפּן.

דער פאַל זינאָוויעוו גיט אַ ביישפּיל אויף אַ דראַסטישן
אופן, וואָס לאָזט זיך נישט איבערשטייגן, ווי פאַרברעכעריש
עס האָבן געהאַנדלט לגבּי דעם פאָלק די איינצלנע טאָנגעבנ-
דיקע באָלשעוויקעס, ווי אַזוי זיי האָבן אונטערגעגראָבן זיין
צוטרוי אין אַ רעוואָלוציאָנערער אומאַנדערשונג פון דער גע-
זעלשאַפט. דאָס, וואָס איז ריכטיק בנוגע דעם רוסישן פאָלק, איז
נאַטירלעך אויך ריכטיק בנוגע די אַרבעטער-מאַסן פון די אַנ-
דערע לענדער, וועלכע זעען אין ראַטנרוסלאַנד דעם ערשטן

עקספּערימענט פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט-פאַרכאַפּונג דורכן פּראָלעטאַריאַט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָבע אַלס ביישפּיל;

די אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים, וועלכע עס דעקט אויף די באַטראַכטונג פון דאָזיקן איינצלפאַל, זענען נאָך נידערטרעכטיקער מיט דעם, וואָס זיי זענען לחלוטין נישט דיקטירט געוואָרן דורך די אָביעקטיווע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן די גרויסע קאָמפּראָמיסן, ווי דער „נעפּ" אָדער ענלעכעס, נישט וועגן כּלומרשטע אָדער פאַקטישע אינטערעסן ביים אויפהאַלטן די ראַטנרעפּובליק, און פּונקט אַזוי ווייניק וועגן אומפאַרמיידלעכע פאָלגן פון דער קלאַסנדיקטאַטור אַלס אַזעלכער. אין קעגנטייל, דאָס זענען אויסגליטשונגען, פאַרקריפּלונגען, מיסברויכן פון דער קלאַסנדיקטאַטור מצד אַ מינדערהייט, וואָס מיסברויכט מיט דער מאַכט.

ווען זינאָוויעוו האָט געוואָלט פּטור ווערן פון טראָצקין צוליב אַלטער קנאה און שנאה און צוליב נקמה דערפאַר, ווייל טראָצקי האָט אים דערמאָנט אין זיין שענדלעכער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער זיך באַנוצט מיט דיזעלבע מעטאָדן, וועלכע ער האָט אומצייליקע מאָל אָנגעווענדט לגבי אַנדערע צוליב דיזעלבע אָדער ענלעכע מאָטיוון. ער האָט מיסברויכט זיין מאַכט, זיין אַפּאַראַט, די עלעמענטן, וועלכע זענען דירעקט אָדער אומדירעקט געווען אָפּהענגיק פון אים עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, כּדי צו שטעמפּלען טראָצקין אַלס „מענשעוויק" אָדער „סאָציאַל-דעמאָקראַט". טראָצקי איז נישט געווען דער ערשטער קרבן פון דערדאָזיקער סיסטעם, אָבער דער פאַקט, וואָס דער עלנטער קאַריעריסט האָט זיך דערוועגט צו פאַרלייגן אויך אויף אים באַווייזט, ווי אידיאָטיש ער האָט מקריב געווען פאַר זיין קליינלעכער כּבוד-זוכעריי, פאַר זיין גרויסקייט-מאַניע דעם פּרעסטיזש, אפילו דעם באַשטאַנד פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז טראָצקי איז נישט באַגאַנגען קיין פעלערן, אין קעגנטייל, דורך זיין באַטייליקן זיך אינם מאַנעווורירן און אינטריגירן, דורכדעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו פאַרטיידיקן קעגן די מאַכטהאָבער זיין שטאַנדפּונקט און צו שווימען קעגן שטראָם, האָט ער צעתּכלעוועט דעם גרעסטן טייל פון זיינע ריזיקע פאַרדינסטן פאַר דער

רוסישער און דער וועלטרעוואָלוציע. אָבער נישט אין דעם האַנדלט זיך דאָ; ווען עס איז אויסגעבראָכן די קאַמפּאַניע קעגן טראָצקין, האָט ער געגאָסן די גרעסטע סימפּאַטיע און דעם גרעסטן צוטרוי גראָד אין די ברייטע פאָלקסשיכטן. כדי צו האָבן צו טראָצקין אַבסאָלוטן צוטרוי, האָבן די פּויערים-מאַסן געמוזט אומבאַוווסטזיניק, אינסטינקטיוו גובר זיין אַ געוויסע דאָזע אַנטיסעמיטיזם; דאָס, וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן און געטאָן גרינדלעך, דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס טראָצקיס יעדער אַרויסטריט, יעדער פון זיינע דערקרעטן, דאָס אַלץ וואָס די רויטאַרמייער האָבן פון אים געפילט, געזען, געהערט האָט עדות געזאָגט אויף אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט, אויף אַן אומבויגזאַמען ווילן, און אויך מיט דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַ גוטן ביישפּיל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנשפּאַנען אַלע כּחות און אַרויסווייזן פיזישן מוט. די פּאַר-ערונג, וועלכע די רוסישע מאַסן האָבן אים אַרויסגעוויזן, איז נישט געווען קיין פעטישיזם נאָר אָנערקענונג. טראָצקיס פּערזענלעכקייט האָט פאַר די ברייטע פּויערים-מאַסן, וואָס האָבן זיך צו-ערשט באַצויגן מיט אומצוטרוי צום סאָציאַליזם, פאַרקערפּערט די רעוואָלוציע. ווען מען האָט, לויט זינאָוויעווס באַפעל, גע-קומען צעטרייסלען טראָצקיס פּרעסטיזש, ווען מען האָט אים גענומען קאָמפּראָמיטירן פאַר די מאַסן, ווען מען האָט חוצפּה-דיק אָפּגענומען ביי אים אַלע פאַרדינסטן פאַר דער גרינדונג און דעם אויסבוי פון דער רויטער אַרמיי, ווען מען האָט אים פאַרשריען אַלס אינטעליגענט און פאַרוועניו פון דער רעוואָלוציע, ווען מען האָט באַפוילן אַלע באַאַמטע צו מאַכן קעגן אים אַ שטימונג אין דער באַפעלקערונג און אין דער אַרמיי, ווען מען האָט אָנגעהויבן אָנצוגעמען קעגן אים „איינשטימיקע" רעזאָלוציעס, ווען מען האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט: ערשט דאַן זענען אין פאָלק אויפגעקומען גרויסע נאָגנדיקע ספקות. ווען מען זאָל מען גלויבן, ווען אויך ער איז אַ „מענשעוויק", און ווען מען גלויבן, אויב די, וועלכע האָבן אים נעכטן דערהויבן צום טרעגער פון העכסטע כּבודים און אמטן, וועלכע האָבן אים אָנגעטרויט דעם גורל, דאָס קדשי-קדשים פון פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, נעמען ביי אים היינט

צו זיין אמת, שטעלן אין ספק זיינע פארדינסטן, רינגלען אים ארום מיט אומצוטרוי?

און דאָ איז געקומען די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון גארס, וואָס איז פארן פאָלק, און נישט נאָר פארן רוסישן אליין, שוין לאנג פארוואנדלט געוואָרן אין א טראגעדיע. טראָצקין האָבן די קאָמוניסטן קאָמפראָמיטירט מיט ווידערווילן, די מיינסטע האָבן דאָס געטאָן בלויז דערפאר, ווייל דער באפעל איז געקומען פון הויבן און זיי, אלס לוין-ארבעטער פון דער רוסישער מלוכה אָדער פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאל אין אויסלאנד, זענען געשטעלט געוואָרן פאר דער אלטערנאטיווע מוותּר צו זיין אָדער אויף זייער פרנסה-קוואל אָדער אויף דער סאָלידאריטעט לגבי דעם, ווען די מאכטהאָבער האָבן אראָפּגעוואָרפן פון טראָן און פארפאָלגן אים. אנדערע ווידער האָבן זיך געזאָגט, אז יענער זינאָוויעוו, וואָס זיינע פּאָטאָגראפיעס, רעדעס, שריפטן ווארפן זיך זיי אומעטום אין די אויגן, וועגן וועמען זיי לייענען תּמיד, אז זיינע באריכטן וועגן דער רוסישער און וועלטרעוואָלוציע ווערן אויפגענומען מיט „בראוואָ-פּאטשערייען, וואָס ווילן קיין סוף נישט נעמען”, וועגן וועמען זיי האָבן געוווסט, אז ער האָט פולמאכט צו עקסקאָמוניקירן גאנצע מערב-אייראָפּעאישע פּארטייען, צו שטעמפּלען אלס קאָנטער-רעוואָלוציאָנער יעדן רעוואָלוציאָנער, צו פארפאָלגן די גאנצע ארבעטער-אָפּאָזיציע און די רעוואָלוציאָנערן פון אלע שאטירונגען, וואָס די רעגירונג האָט מאָביליזירט איר גאנצן אפּאראט, כּדי אים צו פארטיידיקן, — יענער זינאָוויעוו מוז דאָך זיין גערעכט. איצט האָבן דיזעלבע מאסן דערלעבט, אז דערזעלבער זינאָוויעוו, וועלכער פלעגט אָנהויבן אן אויסראָטונגס-קאמפּאניע קעגן אלע, וואָס פלעגן אָפּווייכן אין דעם קלענסטן ניואנס פון צענטראל-קאָמיטעט, ווען ער האָט אין אים געגעבן דעם טאָן, און זיך, למשל, סאָלידאריזירן מיט טראָצקין, — אז דערזעלבער זינאָוויעוו גייט איבער אין אָפּאָזיציע און האָט די חוצפּה צו דערקלערן, אז דער גרעסטער פעלער אין זיין לעבן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט באקעמפט טראָצקין!

זאָל מען נאָר א טראכט טאָן, מיט וואָסערע בלוטערנסטע

באַגריפן און סיטואַציעס עס ווערט געשפּילט דידאַקטישע פֿאַר-
ברעכערישע קאָמעדיע! יאָרנלאַנג דויערט אַ פּאָלעמיק, און
נישט נאָר אַ טעאָרעטישע, נאָר אַזאַ, וואָס אירע איינצלנע
פּאַזן ווערן געחתמעט מיטן בלוט פֿון רוסישן און מערב-אייראָ-
פּעאישן פּראָלעטאַריאַט, אומגעהייערע מאַכט- און געלטמיטלען
זענען אָנגעווענדט געוואָרן, כּדי צו אונטערדריקן אין דער
גאַנצער וועלט אַלץ, וואָס עס ווייכט אָפּ פֿון זינאָוויעווס אַמאָ-
ליקער מיינונג, אומצייליקע רוסישע און מערב-אייראָפּעאישע
רעוואָלוציאָנערן האָבן געמוזט באַצאָלן מיט תּפֿיסה און גלות
פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן מיט אַ צייט צוריק אויפגעוואָרפֿן
דיזעלבע פֿראַגעס, וואָס שפּאַלטן היינט דעם אַלמעכטיקן צענט-
ראַל-קאָמיטעט פֿון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין
צוויי קעגנזייטיק זיך באַקעמפֿנדיקע לאַגערן. און איצט מוזן
דיזעלבע מאַסן דולדן, אַז דיזעלבע אַרגומענטן, מיט וועלכע
זינאָוויעוו איז אַרויסגעטראָטן קעגן טראָצקין מיט דער צושטי-
מונג פֿון צענטראַל-קאָמיטעט, ווערן איצט אָנגעווענדט פֿונם צענ-
טראַל-קאָמיטעט קעגן זינאָוויעוון גופֿא מיט דעמזעלבן מיסברויך
פֿון לענינס אויטאָריטעט און „לעניניזם". דער אופֿן, ווי
דידאַקטישע פֿראַגן ווערן געברויכט פֿון די פֿאָרשטייער פֿון ביידע
ריכטונגען און זייערע מיטלויפֿער פֿון די פֿאַרשיידנסטע לענ-
דער, ליפֿערט בולטע באַווייזן דערפֿאַר, ווי אַזוי די מאַכט איז
מיסברויכט געוואָרן, און הפקרות, געפּאָרט מיט פֿאַרוועניזם,
האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרשטויסן דעם גייסט פֿון דער פּראָלעטאַרי-
שער רעוואָלוציע. עס האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן עפּעס
קלענערס, ווי די לעבנספֿראַגן פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער
אַרבעטער-באַוועגונג פֿון דער גאַנצער וועלט: וווהין גייט די
עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון ראַטנרוסלאַנד, איז מ ע גל ע ך
צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין איין-איינציקן לאַנד?
און נאָך וועגן ענלעכע וויכטיקע, אַקטועלע פּראָבלעמען. די-
דאָזיקע פּראָבלעמען ווערן באַטראַכט אַלס פּריוואַט-אָנגעלעגנ-
הייטן און זיי ווערן איבערגעגעבן דער פּראָלעטאַרישער עפֿנט-
לעכקייט ערשט דעמאָלט, ווען מען נויטיקט זיך אין זיי, כּדי
אויסצושפּילן קעגנאַנאַנדער צוויי זיך-באַקעמפֿנדיקע פֿראַק-
ציעס אין זייער ריוואַליטעט-שטרייט.

די פּראָבלעמען גופא ווערן באהאנדלט אומדערהערט פּריוואַל, אין אַ טאָן, וואָס איז אָנגעפּילט מיט פּערזענלעכער שנאה און פּלוידעריי. פון אַלע פּאַרען שטרעמט די סיסטעם פון מאַנעווירן, די־יעניקע מיטשולדיקייט, וועלכע דאָס זינאָווי־יעוו־טום האָט אויסגעהאָדעוועט און איצט ווערט זי אָנגעווענדט קעגן אים אַליין. די טעלעגראַמעס און רעזאָלוציעס, די רעדעס און פּראָטעסטן, וועלכע קאָמפּראָמיטירן היינט זינאָוויעווען, זענען פּונקט אַזוי אויטענטיש, ווי די־יעניקע, וועלכע ער האָט בשעתו אַליין פאַרפאַסט און אָפּגעשיקט, ווען מען האָט געדאַרפט קאָמפּראָמיטירן אַנדערע. אַלע עלעמענטן, וועלכע ער האָט בשעתו אונטערדריקט, ווערן מאָביליזירט קעגן אים. וועגן אים ווערט פּלוצלונג דערקלערט אויף אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו, וועלכן ער האָט פריער באהערשט, אַז ער האָט „באַנוצט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט מיט דער גרעסטער געוויסנלאָזיקייט, כדי צו באַזייטיקן פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען יעדן עלעמענט, וועלכער איז אים נישט פּאַרגעקומען אַלס נאָכגיביק ווערקצייג פון זיין אייגענער אַנשויאונג“. פאַרוואָס האָבן די־יעניקע, וועלכע גיבן היינט אַרויס פאַרניכטנדיקע אורטיילן וועגן אַ איף אַ קורצער צייט אומשעדלעך־געמאַכטן, ביז אַהער געשוויגן, האָבן זיך אים אונטערגעוואָרפן, אים געחנפהט, זיך געלאָזט באַהאַנדלען דורך אים ווי אַ ווערקצייג? פאַרוואָס אַנטפּלעקט מען ערשט היינט, ווי דעמאַגאָגיש, הפקרדיק ער האָט געשטעמפּלט אַלס „רעכטע“ די־יעניקע, וואָס זענען אים געוואָרן אומבאַקוועם?

ערשט איצט, ווען עס איז שוין מער נישט געפערלעך אים אָנצוגרייפן, פאַרקערט, ווען מען ווערט דורכדעם פּאָפּולער און אָנגענעם פאַר דער הערשנדיקער מערהייט, וועלכע האָט געהאָלפן שאַפן דידאָזיקע רכילות־מעטאָדן, וועלכע האָבן זיי דערהויבן צו אַ סיסטעם? און אויב ערנסטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געקענט דערנידעריקן צו אַזאַ פאַרקנעכטעטקייט, וואָס איז שוין מיט די איבעריקע, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון זינאָוויעוום, וועלכע זעען איין אין פּאָליטישן קאַמף בלויז אַן אינטריגע־שפּיל? און וואָס איז מיט די יוגנטלעכע, וועלכע זענען דעמאָראַליזירט דורכן פּאָליטיקאַניזם? און

וואָס איז מיט זינאָוויעווס צאָלרייכע פּאַרטרוויאָונגס־מענער און אַגענטן, וועלכע האָבן לויט זיין אויפטראָג אין אַלע לענדער געשקרנט און קאָרומפּירט, אינטריגירט און געטריבן רכילות, וועלכע האָבן, דערפאַר וואָס זיי זענען געשטאַנען אין זיין דינסט, געקאָנט הערשן און האַנדלען, ווי זיי האָבן געוואָלט, און האָבן געהאַט אין זייער רשות אומגעהויערע געלטסומעס? מיט וואָסער תאווה וואַרפן זיי זיך איצט אַלע אויף דעם געפאַלענעם זינאָוויעוו, זייער נעכטיקן אָפּגאָט, זיי לערנען אים, זידלען אים, שפּיאָנירן אים נאָך און שטעלן זיך אין דינסט פון די אַנדערע לוינצאָלער!

* * *

איינער פון די פּאַרשוינען, וועלכע האַלטן תמיד, אָן אויסנאַם, מיט די מעכטיקערע, וועלכער האָט בשעתו באַהאַנדלט טראָצקין, לויט זינאָוויעווס אויפטראָג, ווי אַן עלנטן, אומוויסנדיקן גאַסניונג, דערזעלבער פּאַרשוין, וועלכער האָט בשעתו — כדי פאַרשטענדלעך צו מאַכן מיין אויסשלוס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — געשריבן, אַז מיין צוגעהעריקייט צו דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז פאַר דערדאָזיקער געווען אַ שאַנדע, — דערדאָזיקער פּאַרשוין פּאַרעפנטלעכט איצט די פאַרניכטנדיקסטע אורטיילן קעגן דעם אַמאָליקן אויפטראָגגעבער, און ער טוט עס מיט אַ סך מער זאַכקענטעניש און פּרייוויליקער ווי אַמאָל. דער ווערדעלאָזער קנעכט קען ענדלעך דעמאַסקירן זיין ־אייגנטימער און דורכדעם זיך דערווערבן דעם חסד פון די יעניקע, וועלכע האָבן דעמדאָזיקן באַזיגט.

* * *

דידאָזיקע נעבעכדיקע סיסטעם פון הפקרות, קנעכטישקייט און דעמאַגאָגיע האָט דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע מער שאָדן געבראַכט אין די אויגן פון אירע אָנהענגער און אירע פיינט, ווי דאָס האָט באַוויזן צו טאָן די מעכטיקסטע קאָאַליציע פון די אַרבעטערפיינט פון אַלע לענדער. ווייל דורך דערדאָ־

זיקער סיסטעם איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן דער ג ײ ס ט פון די רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די טראַגישע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די רוסישע רעוואָלוציע זינט איר אָנהויב, איז אויסגעניצט און מיסברויכט געוואָרן, כדי צו באַפרידיקן דעם פראַקציע-גייסט, דעם הערשער-פאַרלאַנג פון איינצלנע פירער. דידאַזיקע האָבן שוין לאַנג איבערגעטראָטן די דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן אָביעקטיווער נויטווענדיקייט און סוביעקטיווער הפקרות, און דורכדעם, וואָס מיליאָנען פראָלע-טאַריער אין דער גאַנצער וועלט גיבן זיך וועגן דעם אָפּ אַ דין-וחשבון, האָבן זיי געליימט אין זיי דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציע, זיי האָבן ביי זיי און ביי אַ סך פון אונז צוגע-רויבט די מעגלעכקייט צו פּראָטעסטירן קעגן די גרויל-מעשים און קעגן דער צביעות פון די הערשנדיקע קלאַסן מיט אַזאַ קראַפט, ווי מיר האָבן דאָס אַמאָל געטאָן, ווייל מיר האָבן אין אונזער אינערלעכסטן ווען געשפּירט, אַז מיליאָנען קלאַסנבאַ-וווסטזיניקע פּראָלעטאַריער, טויזנטער ערלעכע מענטשן שטעלן אין ספק אונזער דאָזיקעס רעכט, ווייל אונטער דער רויטער פאָן פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אָפּגעשפּילט געשעענישן, וועלכע האָבן מ ע ר נ י ש ט געקענט באַרעכטיקט ווערן דורך אירע אינטערעסן, וועלכע זענען מער נישט געשטאַנען אין הסכם מיט איר ווערדע.

דאָס, וואָס אין ראַטנרוסלאַנד ווי אויך אין אויסלאַנד זע-נען דאָ מיליאָנען ערלעך-איבערצייגטע מענטשן און רעוואָלו-ציאָנערן, וועלכע לעבן מיטן פּיינלעכן באַוווסטזיין, אַז אין אַ לאַנד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, ווערט דאָס מענטשלעכע לעבן איבערגעענטפערט דער הפקרות פון די איינצלנע, און די פּערזענלעכע אומבאַרירבאַרקייט, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע ריכטונגען האָבן געוווסט צו פאַרטײ-דיקן קעגן צאַריזם אַלס דעם הייליקסטן ווערט, איז איצט פונקט אַזוי ווייניק געשיצט קעגן די אויספּירער פון דער מאַכט, ווי אַמאָל ביים צאַריזם, דאָס איז אַזאַ שווערוויגנדיקע אָנקלאַגע קעגן דער רוסישער און יעדער רעוואָלוציע, אַז פון איר וויכטיקייט און אירע פאָלגן מוז יעדער רעוואָלוציאָנער דערציטערט ווערן אין זיין אינערלעכסטן ווען...

מיר האָבן פון תמיד דערקלערט דאָס מענטשלעכע לעבן אַלס דאָס הייליקסטע און מיר האָבן עס פּאַרטיידיקט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער גזלנישער געזעלשאַפטס-אָרדנונג, וואָס האָט פון מענטשן געמאַכט אַ וועוקצייג פון זייערע ריווח- און מאַכט-פאַרלאַנגען, מיט אונזער גאַנצער ליידנשאַפט, מיט אַלע מיטלען, וואָס שטייען אין אונזער רשות. מיר קענען און מוזן שלום מאַכן מיט דער טראַגישער נויטווענדיקייט מקריב צו זיין די איינצלנע פאַר דער באַפרייאונג פון כּלל נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל די-דאָזיקע פאַרניכטונג פון מענטשלעכע לעבנס וועט פאַרשנעלערן דעם זיג פון סאָציאַליזם איבער דער מאַסנהאַפטער צעשטערונג פון מענטשלעכע לעבנס און מענטשלעכער ווערדע, וואָס ליגן אין דער טבע פון קאַפּיטאַליזם. איצט זעען מיר אָבער, אַז צוליב דער פאַרברעכערישער באַציאונג צום לעבן און צו דער ערע פון איבערצייגטע רעוואָלוציאָנערן פאַרלאָזן די מאַסן, דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט, אַלץ מער דעם וועג, וואָס נאָר ער אַליין פירט צו דער באַפרייאונג פון די אונטערדריק-טע, צום אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע, צו אַנטוויקלען דאָס מענטשנטום, דעם וועג פון דער רעוואָלוציע: ווייל דער שרייענדיקער ביישפּיל פון רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צו ווירקן אויף די מיינסטע עלעמענטן איבערצייגנדיקער, דער עיקר אָפּשרעקנ-דיקער ווי טעאָריעס

• •

•

דער טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג, די איינצלנע פאַקטן, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק זייט דעם אָפּשלוס פון מיינע „ערינערונגען”, האָבן מיך נאָך מער געשטאַרקט אין מיין שטעלונג און האָבן מיך באַוויגן צו ווירקן אין איר גייסט נאָך מיט מער אייפער ווי ביז איצט. אין דער מאָס, ווי די טראַגעדיע פון איטאַליענישן פאָלק איז ברייטער און טיפער געוואָרן, ד. ה. אין דערזעלבער מאָס, ווי די אָנפאַלן, אונטערצינדונגען, מאָרדן זענען מער נישט פאַרגעקומען אַלס איינצלנע עפּיזאָדן פון דער בלוטיקער רעאַקציע, נאָר זענען געוואָרן אַ סיסטעם, ווי מאַטעאָטיס גורל האָט מער נישט גע-

קענט באַטראַכט ווערן אַלס איינצלגורל, נאָר עס איז געוואָרן
דער גורל פון אַזוי פיל קרבנות פון פאַשיזם, אַז די פאַ-
שיסטן האָבן באַרייכערט זייער טערמינאָלאָגיע דורך דעם אויס-
דרוק „מאַטעאָטיזירן״ — האָב איך אַלץ מער באַטראַכט פאַר
מיין פליכט אויפצוקלערן די פּראָלעטאַרישע קלאַסן פון די
איראָפּעאישע לענדער וועגן וועזן פון פאַשיזם, צו שילדערן
זיי דעם מאַרטירערטום פון די איטאַליענישע מאַסן. דידאָזיקע
טעטיקייט האָט מיך אַזוי אינגאַנצן פאַרשלונגען, אַז אַלדאָס
איבעריקע, וואָס איך האָב געטאָן און איבערגעלעבט אין דער
לעצטער צייט, איז אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט פון מיינע
דערינערונגען. ווי נעבעכדיק קליין און עגאָצענטריש וואָלט
מען געמוזט זיין, כּדי פּנים אל פּנים מיט דער אַלץ-אַרומנע-
מענדיקער, מענטשן און פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס צעשמע-
טערנדיקער איטאַליענישער טראַגעדיע צו קענען טראַכטן וועגן
זיך אַליין, צו קענען שפּירן זיך אַליין!

אויב וועגן די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קעמפן קעגן די
היינטצייטיקע, דורכן קריג און דער מפּלה פון אַרבעטער-קלאַס
ציניש און פאַרריסן געוואָרענע הערשנדע קלאַסן, איז געזאָגט
געוואָרן מיט רעכט, אַז יעדער טאָג, וועלכן זיי לעבן, איז
אייגנטלעך אַ געשענק, אַ צופאַל, אַ וווּנדער — איז פאַר די-
יעניקע, וועלכע שטייען נאָנט צו די איטאַליענישע מאַסן, וועל-
כע האָבן מיטגעאַרבעט ביי זייער סאָציאַליסטישן אויפבוי, דאָס
לעבן נישט מער ווי איין פליכט: די פליכט, צו העלפן
דעם איטאַליענישן פאָלק טראָגן זיין קרייץ, אים העלפן צו
צעררייסן זיינע קייטן, אַרבעטן דערפאַר, אַז די לעגענדעס,
וועלכע מען פאַרשפּרייט וועגן פאַרפאַשיסטישן און פאַשיסטישן
איטאַליע, זאָלן ענדלעך צעשטערט ווערן.

וועגן איטאַליע און איר סאָציאַליסטישער באַוועגונג
הערשן נאָך הײַנט אָדער גראָד הײַנט אויך צווישן די
אַרבעטנדיקע מאַסן — דער עיקר צוליב די מאַנגלהאַפטע,
איינזייטיקע, זייער אָפט באַוווּסטזיניק פאַרדרייטע שילדערונגען
פון זייערע פירער — דיזעלבע פאָראורטיילן און דערזעלבער
מאַנגל אין וויסן ווי צווישן די הערשנדיקע קלאַסן. דידאָזיקע
מיינען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ לאַנד, וואָס שטעקט נאָך

אין טיפן מיטלאַלטער, יענע גלויבן, אַז די איטאַליענישע אַר־בעטנדיקע מאַסן שטייען אויף אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה פון גייסטיקער און סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג. דידאָזיקע צוויי, פון די פאַקטישע פאַרהעלטענישן גלייך דערווייטערטע, גלייך אומריכטיקע מיינונגען זענען געקומען צום אויסדרוק באַזונ־דערס נאָך דער מפּלה פון די איטאַליענישע אַרבעטנדיקע מאַסן. די מיינסטע מענטשן זענען געניגט צו געבן אומרעכט דעם באַזיגטן; אַ סך אָביעקטיווע פאַקטן דערשיינען אין אַ גאַנץ פאַרשידענעם ליכט לויט דעם, צי זיי ווערן באַשטראַלט דורכן שיינוואַרפער פון זיג אָדער פון דער מפּלה. אויפן דאָ־זיקן געביט ווערט כמעט אָן אַן אויסנאַם גענומען די ליניע פון שוואַכערן ווידערשטאַנד. איך האָב זיך תמיד באַמיט צו באַקעמפן דידאָזיקע דערשיינונג, איינמאָל צוליב גאַנץ עלעמענ־טאַרע, אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָטיוון פון סאָלידאַריטעט מיט באַזיגטע, אונטערדריקטע, נישט־פאַרשטאַנענע בכלל, און צווייטנס צוליב פּאָליטיש־פּעדאַגאָגישער צוועקמעסיקייט. געפירט פון דערזעלבער שטעלונג האָב איך פאַרן זיג פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע און באַזונדערס נאָך דער בלוטיקער מפּלה, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געליטן אין 1905, באַטראַכט פאַר מיין חוב צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אויף די געשעענישן אין רוס־לאַנד, צו דערציילן וועגן די ליידן, דעם מערטירערטום, דער העלדישקייט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. הגם די רוסישע עמיגראַנטן האָבן פאַרמאָגט גאַנץ אַנדערע מיטלען פון אינפאָר־מאַציע און אויפקלערונג, ווי היינט די איטאַליענישע—פּרעסע־אָרגאַנען, אָרגאַניזאַציעס, אַ פאַרטרעטונג אין אַ געאייניקטן, פּרעסטיזש־פאַרמאָגנדיקן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל,—האָב איך פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך אַוועקצושטעלן אין פאָדערגרונט פון מיין פאַרמלחמה־טעטיקייט גראָד דעם באַפריי־אונגס־קאַמף פון די רוסישע מאַסן, און גראָד אין אַ צייט, ווען געוויסע פירער און געוויסע שיכטן פון דער אייראָפּעאישער, פּראָפעסיאָנעל און פּאָליטיש - אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט האָבן באַטראַכט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, צוליב איר צאָל־ווינציקייט, צוליב אירע אויסערלעכע דורכפאַלן, מיט

אַ געפֿיל פֿון אַ געוויסער העכערקייט, פֿון אויבן אַראָפּ. לגבי דער איטאַליענישער אַרבעטער-באַוועגונג שפּיר איך דינ̄עלבע פֿליכט אין נאָך אַ גרעסערער מאָס — די טראַגעדיע פֿון אַ פֿאָלק און פֿון אַ קלאַס, וואָס ווערט באַרויבט פֿון אַלע דעראָבערונגען און קודם כּל פֿון דער פֿרייהייט איז אַ סך גרעסער ווי די טראַגעדיע פֿון אַ פֿאָלק אָדער פֿון אַ קלאַס, וואָס האָבן בכלל נישט באַזעסן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע.

עס זענען אָבער דאָ אויך נאָך אַנדערע, נישט ווינציקער שווערוואָגיקע מאָטיוון, וועלכע צווינגען מיך צו באַטראַכטן אַלס מיין הויפּט-אויפֿגאַבע דאָס אויפֿקלערן די אַרבעטנדיקע מאַסן וועגן וועזן, דער אַנטשטייאונג און די שעפֿער פֿון איטאַליענישן פֿאַשיזם: און צוליב זיי טאַקע קער איך זיך אום אין דאָזיקן נאָכוואָרט צו דערדאָזיקער ברענענדיקסטער פֿראַגע. איינער פֿון דידאָזיקע מאָטיוון איז דער מאַנגל אין פּסיכאָלאָגישער אָריענטירונגס-פֿעאיקייט לגבי דעם פֿאַשיזם, אויף וועלכער מען שטויסט זיך אָן כּמעט אָן אויסנאַם אומעטום און וועלכער טראָגט אין זיך אַ סך אַ גרעסערע אוממיטלבאַרע געפֿאַר ווי די אומפֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דערביי מוז צוגעגעבן ווערן, אַז די גרינגשעצונג פֿון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג קען זיך נאָך שווער גוקם זיין, ווייל זי מאַכט שווער דאָס פֿאַרשטיין דעם פֿאַשיזם, זי ווענדט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט פֿון די אַנדערע לענדער פֿון דער הויפּטפּראָבלעם. און דורכדעם ווערט אויסגעהאָדעוועט אַ גייסטיקע און פּאָליטישע פּאַסיוויטעט לגבי אַ דערשיינונג, וואָס פֿאַרדינט די אינטענסיווסטע, כּסדרדיקסטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די עקספּלואַטירטע קלאַסן פֿון אַלע לענדער — שוין צוליבן איינפֿאַכן זעלבסטדערהאַלטונגס-טריב אַליין...

בעת די פֿירער פֿון די ביידע שטרעמונגען, וועלכע קעמפֿן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פֿאַר דער העגעמאָניע, באַשולדיקן זיך קעגנזייטיק, אַז יעדער פֿון זיי האָט אַרויסגערופֿן דעם פֿאַשיזם, און דורכדעם פֿאַרברייטערן זיי דעם תּהום צווישן די מאַסן, זיי מאַכן אים כּמעט נישט צו אַריבערטרעטן, זאַמלט דער פֿאַשיזם — און קודם כּל דער איטאַליענישער — די

כחות, וואָס שטייען נאָנט צו אים אין די פאַרשידענע געזעל-
שאַפטלעכע שיכטן פון די פאַרשידענע לענדער, און די אַלע,
וועלכע פילן אַ נייגונג צו אים. בלויז די אומפאַרגעבלעכע
האַנדלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס פירער און די פּאַסיוו-גלייכ-
גילטיקע שטעלונג פון די מאַסן לגבי די פאַשיסטישע שטרע-
בונגען, וועלכע אַנטשפּרעכט דערדאָזיקער האַנדלונג און ווערט
דורך איר אונטערשטיצט, — נאָר דאָס פלאַסטערט פאַרן פאַ-
שיזם — און נישט נאָר דעם איטאַליענישן — דעם וועג.
אויך דאָ האָט מען אויף אַ שענדלעכן אופן אויסגעווײלט די
ליניע פון קלענערן ווידערשטאַנד. עס איז טאַקע אַ סך לייכ-
טער איינצורײדן זיך און די מאַסן, אַז דער פאַשיזם איז אין
אַנדערע לענדער אוממעגלעך, אַז אין איטאַליע האָט ער גע-
קענט זיגן — זיגן איבער אַ לייכט צו באַזיגנדיקן שונא —
בלויז צוליב דעם אָדער יענעם טאַקטישן פעלער, צוליב דער
אָדער יענער בגידה! — — —

דער צאַריזם איז געווען אַ דערשײנונג, וואָס האָט אַנט-
שפּראָכן די רוסישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און
וואָס האָט אומדירעקט, דורך זיין בלויזער עקזיסטענץ, אַלס פעס-
טונג פון דער וועלטרעאַקציע געשטערט דעם עמאַנסיפּאַציע-
קאַמף פון אַרבעטערקלאַס אין אַנדערע לענדער, דעם אַרבע-
טערקלאַס גופא האָט ער אָבער נישט באַדראָט. אַנדערש איז
מיטן פאַשיזם .ער איז אַ פּראָדוקט פון דער איבערגאַנגסצייט,
אין וועלכער מיר לעבן אַלע. דער וועלט-קריזיס און רוסלאַנדס
ביישפּיל האָבן טיף דערשיטערט דעם אַלגעמיינעם זיכערקייטס-
געפיל, דעם צוטרוי פון די הערשנדיקע קלאַסן פון אַלע לענ-
דער אין דער אומבאַרירלעכקייט פון זייערע עקאָנאָמישע פּרי-
ווילעגיעס און זייער פּאָליטישער מאַכט. זיי זענען גרייט —
נישט געקוקט אויפן גראַד פון סטאַביליטעט, וועלכע די קאַ-
פּיטאַליסטישעווירטשאַפט האָט אין די פאַרשיידענע לענדער
דערגרייכט אָדער איר דאַכט זיך, אַז זי האָט דערגרייכט, —
אָנצונעמען אַלע מיטלען, אַפילו אַזעלכע, וועלכע מוזן
זיך פריער אָדער שפּעטער ווענדן קעגן זיי אַליין, פון
וועלכע זיי האָפן אויף אַ שוץ קעגן דעם כלומרשטן אָדער
באמת דראָענדיקן עקספּראָפּריאירנדיקן אָנגריף פון די אַרבעטנ-

דיקע מאַסן. גאָר ווייניקע צווישן זיי גלויבן, אַז דורכדעם וועלן זיי ענטגילטיק קענען אָפּשאַפן די „רויטע געפאַר‟, ווייל זיי ווייסן, אַז אָפּשטופן הייסט נאָך נישט באַזייטיקן. אָבער אַלע מיטלען, אויך די אַוואַנטוריסטישסטע, זענען ביי זיי רעכט, — באַזונדערס נאָך דעם פאַרפירערישן ביישפיל פון איטאַליע, — כּדי אָפּצושטופן די שעה פון דער ענטגילטיקער קלאַסן-אָפּרעכנונג.

דאָס, וואָס האָט באַוויגן די הערשנדיקע קלאַסן פון איטאַליע איבערצוגעבן דאָס לאַנד אַ באַנדע גוט-באַקאַנטע אַוואַנטוריסטן, איז געווען גיכער פּחדנות איידער זעלבסטדערהאַלטונגס-טריב. און אַזאַ אויסליפערונג פון די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק – אויך די אינטערעסן פון אייגענעם קלאַס! — קען געשען נאָר אין אַ צייט פון שאַרפע קריזיסן, פון טיפע סאָציאַלע דערשיטערונגען, ווען די צום אונטערגאַנג פאַראורטיילטע קלאַסן און זייערע אָנגעהעריקע לעבן בלויז מיטן טאָג. ווי שוואַך עס זאָלן נישט האָבן געווען די איטאַליענישע הערשנדיקע קלאַסן, — וועלכע האָבן אייגנטלעך ערשט אין קריג דערוואַכט צו אַווירקלעכן קלאַסן-באַוווסטזיין, — ווי אָרים זיי זאָלן נישט האָבן געווען אין קלאַסן-באַוווסטזיין און טראַדיציע, אין סאָציאַלער אָריענטירונגס-פעאיקייט, — האָבן זיי פונדעסטוועגן פאַרמאָגט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, כּדי צו קענען פאָראויסזען, אַז דורך אַן אַוואַנטוריסטן-באַנדע וועלן אויך זייערע אינטערעסן נישט קענען זיין געשיצט אויף אַ לאַנגער צייט, אַז דער פאַשיזם וועט עפענען אַ תּקופה פון אומבאַגרעניצטע, אומגעהייערע, אומפאָרגעזעענע מעגלעכקייטן, אַז ער קען ברענגען דיקאַטאַסטראָפע, וועלכע באַדראָט איצט אוממיטלבאַר דעם וועלט-שלום, דעם קריג. צי די מורא פון די איטאַליענישע אַגראַריער און די צפון-איטאַליענישע גרויס-אינדוסטריעלער — דידאָזיקע קרייזן זענען עס געווען, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער דעמאָלטיקער רעגירונג פון דער מאָנאַרכיע געבראַכט אויף דער וועלט דעם פאַשיזם — פאַר אַ באַלדיקער סאָציאַליסטישער עקספּראָפּריאירונג איז בכלל געווען באַרעכטיקט, וועלן מיר דאָ נישט באַהאַנדלען. אַ פאַקט איז, אַז ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט אַנטשיידן, האָבן זיי בעסער אי-

בערגעגעבן די מאַכט אַוואַנטוריסטן-מחנות, כדי זי זאָל נישט קענען דעראָבערט ווערן דורך דיסציפּלינירטע, צילבאַוווסט-אָרגאַניזירטע מאַסן פון די עקספּלואַטירטע...

פּאַר ענלעכע אַלטערנאַטיוון קענען זיך געפינען אין דער באָענטער צייט אַ סך עקאָנאָמיש-פּריווילעגירטע קלאַסן. ס'איז נישט שווער צו טרעפן אויף וואָס זיי וועלן זיך אַנטשליסן — באַזונדערס נאָך איטאַליעס ביישפּיל. גראָד דערפּאַר, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן אַ האַזאַרד-שפּיל, איז נישט לייכט פאָרויסצוזאָגן דעם אויגנבליק, דעם טעמפּ פון איבערפאַל אויפן אַרבעטערקלאַס, און די מיטלען, מיט וועלכע מען וועט זיך אַנטשליסן צו באַדינען. דעריבער מוז דער אַרבעטערקלאַס זיין באַוואָפנט אויף אַלע עווענטואַליטעטן, קודם כל — באַוואָפנט זיין גייסטיק. זיין בליק מוז זיין געשאַרפט דורך דער באַטראַכטונג פון די געשעענישן אין איטאַליע.

אַז איצט איז נאָך די לאַגע נישט אַזאַ, האָב איך זיך געמוזט איבערצייגן בעת מיינע לעצטע אַגיטאַציע-רייזעס אין פראַנקרייך ווי אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין עסטרייך ווי אין דייטשלאַנד, יעדע פעסטשטעלונג, יעדער אָנווייז אויף דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם האָט געווירקט ווי אַ התגלות. נישטאָ קיין פאַלשערע פאַרזיכערונג, למשל, ווי די ברייט-פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז דער פאַשיזם איז פון זיין אָנהויב אָן געווען אַן „אָרדנונג-פאַרשפּרייטנדיקע" קראַפט! דער פאַשיזם איז אַנטשטאַנען אַלס מרידה פון עלעמענטן, וואָס זענען געווען אַנטוישט פון קריג, וואָס האָבן געוואָלט כאַפּן פיש אין טריבן וואַסער, וועלכער האָבן קיין שום זאַך נישט געוואָלט שאַפן חינציקער, ווי אָרדנונג. וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין ביי דידאָזיקע דעקלאַסירטע, דורך נעגאַטיווע אינסטינקטן פון צעשטערונג, פאַרגעלטונג און קנאה באַוועגטע אינדיווידוען, שוין אָפּגערעדט וועגן זייער דעמאַגאָגישן, אויסגעשפּראָכן עקספּראָפּריאַטאָרישן אני מאמין. אדרבה, די פאַשי, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן פאַר אָפּשאַפן אַלע פּריווילעגיעס, דאָס קירכע-אייגנטום, די קריגס-רווחים און אַז. וו. האָבן זיך, צום אונטערשייד פון די פּראָפעסיאָנעל, פּאָליטיש און קאָאָפּעראַטאָריש אָרגאַניזירטע אַרבעטנדיקע מאַסן, פון אָנהויב אָן באַטייליקט

אין רויבערייען פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון כאַראַקטער.
זיי זענען געווען די־יעניקע, וואָס האָבן דורך אָנווענדן גע־
וואַלט געצווונגען די הענדלער און סוחרים אַראָפּצולאָזן פון די
פּאַרקויף־פּרייזן. בעת דער אַזויגערופענער באָלשעוויסטישער
תקופה פון 1919 און 1920, ווען איטאַליע איז דערשיטערט
געוואָרן דורך לוין־באַוועגונגען און שטרייקן, דורך פאַרכאַפּן
פאַבריקן און לאַטיפונדיע־גיטער און ענלעכעס, האָבן זיי און
זייער מוסאָליני אַנטקעגנגעשטעלט יעדער פאָדערונג פון דער
סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט נאָך אַ עקסטרעמערע פאָדע־
רונג, זיי האָבן נישט נאָר אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג
צו יעדער מרידה פון די עקספּלואַטירטע, נאָר זיי האָבן נאָך
פאַנאַנדערגעבלאָזן די אומצופרידנקייט, אויפגעהעצט די נישט־
אָרגאַניזירטע מאַסן קעגן די אָרגאַניזירטע, זיי האָבן איבערגע־
שטיגן די פאָדערונגען פון די בארופענע אינסטאַנצן פון די
פּראָפּאַראיינען און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און האָבן
דידאָזיקע באַשולדיקט אין איבערגעטריבענער מעסיקייט. דער
ערשטער עקספּערימענט פון אַ פאַבריק־באַזעצונג, וואָס איז
פאָרגעקומען דער 16 מערץ 1919 אין דאַלמינע (פּראָווינץ בער־
גאַמאָ), איז נישט נאָר פאַרהערלעכט געוואָרן דורך דער פאַשיס־
טישער פּרעסע, נאָר מוסאָליני, וועלכער האָט צוליב זיין בגידה
לגבי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַרלאָרן יעדן פּרעסטיזש
און זיך געוואָלט פּאָפּולער מאַכן, איז אַוועקגעפאָרן פון מילאַן
אין דעם דערמאָנטן אָרט, כדי אויפצומונטערן די 22000 אַרבעטער,
וואָס האָבן באַזעצט די פאַבריק, זיי זאָלן אויסהאַלטן. צו דידאָ־
זיקע סקאַנדאַליסטישע עלעמענטן האָט זיך געווענדעט די
בורזשואַזיע, וועלכע האָט פאַרלאָרן די האָפענונג צו שטערן מיט
לעגאַלע מיטלען דעם אויפשטייגן פונם קלאַסנבאַוווסטזיניקן,
דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געפירטן אַרבעטער־קלאַס!
פּונקט ווי דער פּרווו פון דער אַנטאַנטישער און איטאַליעני־
שער בורזשואַזיע צו געווינען אידעאָלאָגיש פאַרן קריג די אי־
טאַליענישע אַרבעטנדיקע קלאַסן איז צעשלאָגן געוואָרן אין זיי־
ער קלאַסנבאַוווסטזיין און אין זייער אינטערנאַציאָנאַליסטישער
שטעלונג, און מען האָט געקענט מאַכן שטימונג פאַרן קריג
נאָר דורכדעם, וואָס מען האָט קאָרומפּירט אַ פירער פון דער

סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מוסאָליני, און מען האָט אויסגענוצט
זיין בגידה קעגן קלאַס, וועלכן ער האָט פאַרראַטן,
אַזוי איז אויך איצט קלאָר געוועזן פאַר די הערשנדיקע קלאַסן,
אַז אויפן נאָרמאַלן, לעגאַלן וועג וועט מען נישט קענען אָפּ-
ווענדן די איטאַליענישע מאַסן פונם קאַמף פאַר זייערע קלאַסן-
אינטערעסן! דעריבער האָבן זיי באַנוצט דעמזעלבן בוגד פאַר
אַן אקציע, וועלכע עס האָט געקענט דורכפירן בלויז אַ מענטש,
וואָס האָט זיך שוין איינגאַנצן אויסגעגליטשט, וועלכער האָט שוין
פאַרלאָרן יעדן געפיל פון בושה,—דעמזעלבן אַרבעטער-בוגד מו-
סאָליני. מען האָט זיך געבויטיקט אין אַזאַ איינעם, וועגן וועלכן
מען האָט געקענט זיכער זיין, אַז קיין שום בגידה איז פאַר אים
נישט צו שענדלעך, קיין שום וועג-ענדערונג נישט אוממעג-
לעך, קיין שום קאָמעדיאַנטן-שטיק — נישט צו לעכערלעך.

ווי שטאַרק קאָרומפּירט עס זענען נישט געווען די מיט-
גלידער פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דעראָזיקער
אַבסאָלוט העטעראָגענער כאַאָטישער גרופּע, איז פונדעסטוועגן
שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי וועלן באַזיצן אַזוי
פיל אומפאַרשעמטקייט, וויפל ס'איז נויטיק כדי צו פאַרניכטן
אָן שום צערעמאָניעס דאָסיעניקע, וועגן וועלכעס זיי האָבן
אַלעמען געוואָלט איינריידן, אַז זיי זענען געגאַנגען אין דער
מלחמה כדי עס צו פאַרווירקלעכן, נעמלעך: די „אַבסאָלוטע
אומבאַשרענקטע, זעלבסטגעניגנדיקע פרייהייט”, וואָס איר זיג
וועט זיין דער פּועל-יוצא פון דייטשלאַנדס און עסטרייכס
מפּלה! האָבן זיי דאָך געהאַט דערקלערט אינם בלאַט, וועלכעס
מוסאָליני האָט געגרינדעט, אַז די ווידערשפעניקע עלעמענטן
פון דער בורזשואַזיע וועלן „אויפגעהאָנגען ווערן אויף אַנט-
שפּרעכנדיקע בוימער און לאַמטערנס”. ביי דער הייליקונג פון
דער פאַשי (מערץ 1919) האָט דאָך דער הויפּטרעדנער מוסאָ-
ליני דערקלערט: „מיר מוזן אַנטקעגנקומען דעם אַרבעטער-
קלאַס: סיי ווען ער פאָדערט דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטס-טאָג,
סיי ווען די באַרגאַרבעטער וועלן מאָרגן פאָדערן דעם זעקס-
שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, אָדער ווען דאָס פאָדערן די נאַכט-אַר-
בעטנדיקע פּראָלעטאַריער, סיי ווען זיי פאָדערן אינוואַלידן-
און עלטער-פאַרזיכערונג אָדער אַז די אַרבעטער זאָלן קאָנטראָ-

לירן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, — אויף דעם אלעם מוזן מיר מסכים זיין, מיר וועלן מסכים זיין, קודם כל דער-פאר, ווייל מיר ווילן איינגעוווינען די אַרבעטער אָנצופירן מיט די אונטערנעמונגען!" כדי נאָך אזא „אני-מאמין" אָנוועגדן ריצנאייל, נאַהייקעס, טאָרטורן, באַמבעס אין קאַמף קעגן די-יעניקע, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר א טייל פון די אויבנ-דערמאָנטע פאַדערונגען, מוז מען באַזיצן — א חוץ אַלעס איבעריקע — אזא גרויסע מאָס פון אומפאַרשעמטקייט און לאָ-בוזעריע, וועלכע עס איז נישט לייכט צו געפינען ביי א ביז צו א געוויסער מאָס נאָרמאַלן מענטשן, מעג ער זיך זיין ווי דע-קלאַסירט. און כדי אויסצופירן אַזאַ געמיינהייט, כדי צו באַ-קומען דעם אויפטראַג דערצו, מוז מען האָבן געליפערט באַ-וויזן, אַז מען איז פעאיק אויף אַלץ! נישט מוסאָליני האָט געראַטעוועט איטאַליע פון כאַאָס, נאָר נאָכדעם ווי אים איז נישט געלונגען זיין פּרווו ווידער אַריינצוטרעטן אין דער פּראָ-לעטאַרישער באַוועגונג, און פון זיין דעמאַגאָגיש-רעוואָלוציאָנע-רער פּראָגראַם האָט זיך אויסגעלאָזן א טייך, האָט ער נאָכ-אַמאָל אָגגעבאָטן די הערשנדיקע קלאַסן זיין דינסט, בפרט אַז די סאָציאַל-עקאָנאָמישע קאָניונקטור האָט זיך אינצווישן ווייטער אַנטוויקלט אין דער קאָנטר - רעוואָלוציאָנערער ריכטונג.

אויפן דאָזיקן אַנטוויקלונגס-וועג פון פאַשיזם מוז מען אָנווייזן אָן אויפהער, ווייל מען שטויסט זיך כסדר אָן אין דער לעגענדע וועגן מוסאָליניס אַזויגערופענער שטאַרקער אינדיווי-דואַליטעט.

* *
*

די מיטאַרבעט מיט די קרבנות און עדות פון פאַשיזם, וועלכע זענען באַזונדערס מאַסנהאַפט אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, דער אוממיטלבאַרער קאָנטאַקט מיט זיי, האָט מיך געשטאַרקט אין דעם, וואָס כ'האָב שוין דערמאָנט פאַרן פאַרענדיקן מיינע דערינערונגען: דער איטאַליענישער סאָציאַליזם איז נישט באַזיגט געוואָרן דורכן פאַשיזם צוליב זיין אייגענער שוואַכקייט,

נאָר צוליב דער אומנאַטירלעכסטער קאָאַליציע פון העטע-
ראָגענע עלעמענטן, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך קיינמאָל נישט
געזען און נישט איבערגעלעבט נישט נאָר אין נאָרמאַלע באַדינגונ-
גען, נאָר אפילו נישט אין אַ בירגער-קריג. ווען דער איטאַל-
יענישער אַרבעטערקלאַס וואָלט אין 1920 אַפילו געווען באַ-
וואָפנט — וואָס ער איז דאָס ליידער נישט געווען (ביי די
דעמאָלטיקע באַדינגונגען האָט דאָס גאָרנישט געקענט זיין), —
וואָלט ער אויך געמוזט באַזיגט ווערן. כדי מעגלעך צו מאַכן
די שטראָף-עקספּעדיציעס פון די פאַשיסטן קעגן גאַנצע געגנטן,
פלעגט די איטאַליענישע רעגירונג — אַחוץ אַלעם איבעריקן —
פאַר יעדער אַזאַ עקספּעדיציע דורכפירן הויז-רעוויזיעס, כדי
צוצונעמען וואפן. פאַר יעדן געפאַלענעם פאַשיסט פלעגן גאַנץ
אָפיציעל איינגעאָרדנט ווערן אויסראָטונגס-קאַמפּאַניעס קעגן דער
באַפעלקערונג פון באַשולדיקטן אָרט. אין איינע פון זיינע
מעכטיקע אָנקלאָג-רעדעס קעגן פאַשיזם האָט נאָך מאַטעאָטי אויסגע-
רופן צו דער רעגירונג מיט פולער קלאָרקייט וועגן דערדאָזיקער
פּראָבלעם. „נישט מיר האָבן געוואָלט דעם בלוטיקן קאַמף, נישט
מיר האָבן אים אָנגעהויבן: אויב עס קען אָבער אַנדערש נישט
זיין, איז גוט, מיר וועלן זיך פאַרמעסטן מיטן פיינט, די רע-
גירונג אָבער זאָל זיך האַלטן אין אַ זייט — כדי מיר זאָלן
קענען קעמפן קלאַס קעגן קלאַס!“

זייט יענער צייט האָבן פאַר מיין פיזישן און גייסטיקן
בליק אויפגעטויכט אָן אַ שיעור אונבאַשרייבלעכע זאַכן פון
דער פאַשיסטישערווירקלעכקייט. איך האָב געזען מענטשן, וואָס
זייער בליק איז געווען צעשטרייט און אומענדלעך טרויעריק,
מענטשן, וואָס זייערע האָר זענען אין איין נאַכט גרוי געוואָרן,
פרויען, וואָס זייערע מענער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין
זייער קעגנוואַרט, מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זענען געשטאָרבן
פון שרעק. איך האָב געזען ווי אַלטיטשקע האָבן געוויינט, וויל
תּלינים, באַרוישט פון אַלקאָהאָל און זיג, האָבן אין זייער
קעגנוואַרט אונטערגעצונדן שטאָלצע אַרבעטער-היימען, פאַר וועלכע
גאַנצע פּראָלעטאַרישע דורות האָבן געאַרבעט, געליטן, געבראַכט
קרבנות, שטאָלצע פאָלקסהייזער, רעדאַקציעס פון צייטונגען,
וואָס האָבן יאָרצענדליקער לאַנג גייסטיק גענערט די מאַסן,

חעלכע האָבן געלעכצט נאָך וויסן און באַפרייאונג. איך האָב געהערט, ווי עס האָט געציטערט די שטימע פון יונגע, זעלבסט-זיכערע רעוואָלוציאָנערן, בעת זיי האָבן געשילדערט, ווי די פאַשיסטן האָבן אָנגעכאַפּט טראָגעדיקע ביים גאָרגל, כּדי זיי צווינגען אויסצוזאָגן דעם אָרט, ווו זייערע מענער באַהאַלטן זיך אויס, איך האָב געהערט ווי אַלטע פרויען האָבן געשאָלטן און געשוואָרן נקמה צו נעמען בעת זיי האָבן דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט מערערע מאָל געצוווּנגען אַ לערערין, אַ העלדישע חברטע פון פעררארא, איינצונעמען ריצנאייל, ווי אַזוי מען האָט איר הויז און דערנאָך אויך איר קערפּער באַמאָלט מיט סאַזשע און שענדלעכע עמבלעמעס דערפאַר, ווייל זי האָט כּסדר איבערגעחזרט: „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!“ אָנשטאָט צו שרייען „זאָל לעבן דער פאַשיזם“, ווי מען האָט פאַרלאַנגט פון איר מיטן רעוואָלווער ביים שלייף. איך האָב געזען מענער און פרויען, וואָס האָבן אויף זייער ברוסט אויסטאַטואירט אַ צייכן, וואָס האָט געוויזן אויף זייער פּאַרטייאָנגעהעריקייט, איך האָב געזען מענער, וואָס האָבן יאָרנלאַנג נישט געקענט שלאָפן ביי זייער פאַמיליע, ווייל זייער אָנוועזנהייט וואָלט געבראַכט געוואַלד-מעשים און טויט אויף אַלע פאַמיליע-מיטגלידער; איך האָב געהערט, ווי מוטיקע, שטאָלצע מענטשן, וואָס האָבן אַ לעבן לאַנג פאַרטיידיקט זייערע אייגענע און זייער קלאַס' ווירדע, האָבן איינער דעם צווייטן דערציילט, ווי אָפט און ביי חעלכע באַדינגונגען זיי זענען באַפאַלן און געשלאָגן געוואָרן דורך די פאַשיסטישע באַנדיטן, איך האָב געזען מענטשן, וואָס האָבן פאַרוועלקט אין גלות, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום גרויען הימל, צו דער פרעמדער סביבה, צו דער גרויזאַמער איינזאַמקייט פון גלות. איך האָב געזען הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן אין איטאַליע געפירט אַ מענטשנווירדיקע עקזיסטענץ אַלס פּאַרטייאָדער פאַראיינס-סעקרעטאַרן, אַלס זשורנאַליסטן, באַאַמטע, פּריוואַטגעלערנטע און איצט האָבן זיי געאַרבעט אין שמוץ און עלנט פון די קוילנגרובן, כּדי צו פאַרדינען דאָס נויטיקע אויף צו דערהאַלטן די נאַקעטע עקזיסטענץ, און זיי האָבן דאָס געטאָן כּדי זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן אונטערוואַרפן דער פאַשיסטי-

שער הפקרות. איך האָב אויסגעהערט די דערציילונג פון אַ גאַר יונג מיידל, ווי אַזוי די פאַשיסטן האָבן אַרומגערינגלט טוראַטיס האָטעל, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער 70-יאָריקער זקן, אַ דערשלאָגענער פון קראַנקהייט און גורל-קלעפּ, איז אַרויסגעפאָרן אויפן לאַנד, ווי אַזוי זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט אויסגעשריגן טויט-דראָאונגען, געזונגען געמיינע לידער, וואָס זייער אינהאַלט און לייטמאָטיוו איז געווען דאָס, אַז זיי וועלן מאַכן פון טוראַטיס באָרד בערשט, כּדי צו פּוצן מיט זיי מוסאָליניס שטיוול...

דאָס און נאָך אַ סך אַנדערעס האָב איך געהערט, אָבער קיין איינציקן מאָל, אין קיין איין אויגנבליק, מיט קיין איין קלאַנג, מיט קיין איין בליק האָט קיין איינציקער פון די דאָזיקע אומצייילבאַרע נישט מרמז געווען אויף דער מעגלעכקייט זיך אָפּצוזאָגן אויף וועלכן נישט איז אופן פון קאַמף, קיין איינציקן מאָל איז אין די דאָזיקע אַלע מאַסן און פירער נישט אויפגעקומען קיין אַטאָם פון ספק וועגן דעם, אַז דער וועג, מיט וועלכן מיר זענען געגאַנגען, דער וועג פון מרידה קעגן אומגערעכטיקייט און אומגלייכקייט, דער וועג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט איז דער איינציק ריכטיקער וועג.

די איטאַליענישע פּראָלעטאַריער ציילן נישט די דערנער, אויך דאָן נישט, ווען עס בלייבט הענגען אויף זיי זייער פלייש, דאָס פלייש פון זייער פלייש. מיט דעם ווייזן זיי אַרויס זייער סאָציאַליסטישע וועלטאָנשויאונג! מיר אַלע זענען דערצויגן געוואָרן אין דאָזיקן גייסט: אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז נישטאָ עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין זיכער, אַלע דעראָבערונגען, אַלע אינסטיטוציעס פון די עקספּלואַטירטע, אַפילו זייער פרייהייט און זייער לעבן קענען צוגערויבט און צעשטערט ווערן, דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף מוז האָבן זיין צופלוס און אָפּפלוס! דער איטאַליענישער סאָציאַליזם האָט זיך נישט אָריענטירט אויפן אוממיטלבאַרן דערפאָלג, ער איז באַגייסטערט געווען דורכן אומדערשיטערלעכן גלויבן אינם נצחון פון דער הייליקער זאַך. מאַטעאָטי האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק פון אַלע זיינע קאַמף-חברים, ווען ער האָט גע-

זאָגט מיט אַ שטאַרבנדיקער שטים צו די תּלינים, וועלכע האָבן אים געוואָרגן: „איר טויט נאָר מיך, אָבער נישט מיין גייסט. דעם סאָציאַליזם טויט איר נישט, ער לעבט, ער וועט לעבן״.—

עס איז נישטאָ קיין איינער צווישן די געפּייניקטע קרבּנות פון פאַשיזם וואָס זאָל נישט וויסן, אַז די נקמה פון די הערשנ־דיקע קלאַסן און פון זייער עלנטן ווערקצייג איז קודם כּל געווענדט קעגן די, וועלכע האָבן אין קריג מוטיק און ליידנ־שאַפטלעך פאַרטיידיקט דעם אינטערנאַציאָנאַל, בעת די אַנדע־רע, די מיינסטע, האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט. אַ רואיקער, גליענדיקער שטאָלץ לייכט אויף אינם בליק פון די געפּייניקטע פּיאָנירן פון דער מענטשנבאַפרייאונג, ווען מען דערמאָנט זיי וועגן דעם...

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| ווי אזוי פון א יידיש-רוסישן פריווילעגירטן מיידעלע איז ארויסגעקומען אן איטאליענישער סאציאליסט. | זייט 3 |
| אנשטאט אן אויטאביאגראפיע . . . . . | 19 |
| די ערשטע רעדע . . . . . . | 24 |
| אין די רייען פון איטאליענישן סאציאליזם . . | 36 |
| מאקסימאליסטן און רעוויזיאניסטן אין איטאליע . . | 50 |
| בעבעל און זשארעס . . . . . . | 68 |
| די לעצטע זיצונג פון צווייטן אינטערנאציאנאל . . | 85 |
| דער איטאליענישער פארטיי=קאמיטעט און דער אימפע=ריאליסטישער קריג . . . . . . | 90 |
| געארג פלעכאנאוו און דער קריגס-אויסברוך . . . | 97 |
| סאציאליסטישע שלום-קעמפער — דייטשע אגענטן — די קאנפערענץ אין לוגאנא . . . . . . | 101 |
| דער נישט=געוווּנשענער באזוך . . . . . | 107 |
| אפרעכענונג מיט מוסאלינין . . . . . | 113 |
| די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע פרויען-קאנפערענץ | 143 |
| ציממערוואלד . . . . . . . . | 154 |
| די דערלייזנדיקע שטימע פון עסטרייך . . . | 172 |
| צווישן ציממערוואלד און קיענטאל . . . . | 177 |
| קיענטאל . . . . . . . . . | 186 |

אָדער די רעוואָלוציע וועט טויטן דעם קריג אָדער דער
קריג — די רעוואָלוציע . . . . . . 198
אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד . . . . . 209
ציממערוואַלד אין קראַנשטאַט . . . . . . 222
גרימס דיפּלאָמאַטישער עקספּערימענט . . . . 228
ציממערוואַלד אין שטאָקהאָלם . . . . . . 238
שלום-דעמאָנסטראַציע פון שטאָקהאָלם . . . . 243
די רוסישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די ציממערוואַל-
דער קאָמיסיע . . . . . . . . 252
דער ערשטער ראַטנאַמבאַסאַדאָר אין אויסלאַנד . . . 262
לענין נאָך דעם אַטענטאַט . . . . . . . 268
מען שיקט מיך אַרויס פון דער „פרייער" שווייץ . 274
ציממערוואַלד האָט דאָס זייניקע געטאָן — ציממערוואַלד
איז מער נישט נויטיק . . . . . . 320
סעקרעטאַרין פון נייעם אינטערנאַציאָנאַל . . . . 328
מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד . . 364
נאָכוואָרט . . . . . . . . . . 398